STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00868

IN TSVEY REVOLUTSYES

Raphael R. Abramovitch

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Dr. Miriam & Asher Harel

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ר. אַבּראַמאָוויטש

אין צוויי רעוואָלוציעס

די געשיכטע פון אַ דור

ערשטער באַנד

אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „אַרבעטער־רינג“
ביי דעם אַרבעטער־רינג בילדונגס־קאָמיטעט

Copyright 1944
by the Educational Department
of the Workmens Circle
175 East Broadway
New York, N. Y.

Printed in U. S. A.
GRENICH PRINTING CORP.
151 West 25th Street
New York 1, N. Y.
Tel. CHelsea 2-9878
166



מאַרק ריין, געבוירן 17־טן יוני 1909

דאָס בוך איז געווידמעט דעם מאַרטירער-אַנדענק פון מיין אומפאַרגעסלעכן זון און חבר, מאַרק ר י י ן, דעם ריינעם און נאָבעלן מענטש, דעם געטרייען סאָציאַליסט און רעוואָלוציאָנער, וואָס איז דעם 4-טן מערץ 1937 אַוועקגעפאַרן פון פּאַריז קיין באַרצעלאָנע צו קעמפן פאַר דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם אין שפּאַניע, און איז דאָרטן דעם 9-טן אַפּריל פאַררעטעריש געקידנעפּט געוואָרן דורך אַגענטן פון קאָמינטערן און ג.פ.או.

אינהאַלט

קינדער־ און לערן־יאָרן

זייט

1. מיינע עלטערן און מיין הויז — 5
2. די דווינסקער סטאַראָווערן. — מיין פּריוואַט וואַנקאַ — 10
3. מיין אידישע דערציאונג — דער חדר.—דער איינפלוס פון דער מאַמען — 14
4. איך קום אָן אין פּאָנעוועזשער רעאַל־שול — 16
5. פּאָנעוועזש. — די שול־חברים — 18
6. ערשטע אָנזאָגן אויף רעוואָלוציאָנערע שטימונגען. — מיצקעוויטש — מאַרק בראַידאָ — 21
7. זעלבסט־בילדונג, מוזיק און געהיימניספולע פאָטאָגראַפיעס — 24
8. די ערשטע אומלעגאַלע בראָשור. — קאַרל קאַוטסקי און מאַקס נאָרדאַו — 26
9. די „עקסטערניקעס". — מיינע תלמידים. — קולטור־טרעגערישע חלומות — 29
10. ליבאַווע — 32

ערשטע שריט אין דער רעוואָלוציע

1. ריגער פּאָליטעכניקום. — דאָס אידישע סטודענטן־לעבן — 36
2. די סטודענטן־באַוועגונג — 40
3. מאַרקסיסטן און נאַראָדניקעס — 41
4. דער ערשטער רעוואָלוציאָנערער קרייזל — 44
5. פאַרשאַרפונג פון דער סטודענטן־באַוועגונג. — איך ווער אויס סטודענט — 48
6. די אידישע אַרבעטער־קרייזלעך אין ריגע. — הערץ בורגין — 53
7. איך טרעף זיך מיט נחן — 58
8. דער ריגער „בונד". — פינקע — 62
9. מיר פּלאַנעווען אַ געהיימע דרוקעריי — 65
10. מיין ערשטע באַגעגעניש מיטן ציוניזם — 68
11. דער אויפשטייג פון „בונד" און אונדזער דורכפאַל — 72
12. איך ווער אומלעגאַל. — פּעטערבורג, מאָסקווע — 76
13. איך אַנטלויף קיין אויסלאַנד — 81
14. ליעזש און ציריך — 84
15. די אויסלענדישע אָרגאַניזאַציע פון „בונד". — די ציריכער גרופּע — 89
16. דער קעשענעווער פּאָגראָם — 94
17. די „קאָמונע" אויף באָלעי־שטראַסע 11 — 99
18. איך טרעף זיך מיט מאַרק ליבער — 101
19. די זשענעווער באַראַטונג. — קרעמער. — מעדעם — 104
20. דער פינפטער צוזאַמענפאָר פון „בונד" — 111
21. דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער פאַרטיי. — די שפּאַלטונג אויף מענשעוויקעס און באָלשעוויקעס — 117
22. דער קאַמף צווישן „בונד" און „איסקראַ". — זיזיקאָן — 124
23. אין באַזעל אויפן 6־טן ציון־קאָנגרעס — 127
24. זשענעווע. — 81 רי דע קארוזש. — וו. קאָסאָווסקי. — אונדזער „דרווילינג". — סלאַוועק — 130
25. איך פאָר צוריק קיין רוסלאַנד. — רעפעראַטן אין אויסלאַנד. — וול. זשאַבאָטינסקי — 135
26. אין מינסק. — אויף דער קאָנספּיראַטיווער קוואַרטיר פון צ. ק. — 138
27. אין וואַרשע — 140
28. אין קאַמף קעגן פּראָוואָקאַציע — 144
29. די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע שטייגט — 146
30. דער אַרעסט — 149

די ערשטע טורמעס

1. מיינע וואַרשעווער תפיסות: ראַטוש, אָכראַנע — 157
2. אין וואַרשעווער „צענטן פּאַוויליאָן" — 161
3. מיין מאַמע קומט מיר ראַטעווען — 167

זייט

4. מען פירט מיך קיין ריגע. — איך פרוביר אַנטלויפן — 171
5. אין ריגער תפיסות — 180
6. ווידער אויף דער פריי — 184
7. אין פעטערבורג — 187
8. דער 9-טער יאַנואַר 1905 און דער „בונד" — 190

אין צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד"

1. די 6-טע קאָנפערענץ פון „בונד" — 194
2. מיינע נייע פריינט: יונה קאַיגען, רחמיאל וויינשטיין, מ. אַלגין, אננא ליפשיץ — 195
3. דער פּאָליטישער „פרילינג" 1905 — 202
4. מיינע לעקציעס וועגן „בונד". — פּאָליטישע דיסקוסיעס — 206
5. פּאָליטישע מיטינגען אין בתי מדרשים — 211
6. אינם צ. ק. פון „בונד" — 213
7. „פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן" — 216
8. ליטעראַרישע אַרבעט אין צ. ק. — אינעווייניקסטע פירונגען — 220

רעוואָלוציע 1905—1907

1. 6-טער צוזאַמענפאָר פון „בונד". — די אָקטאָבער־רעוואָלוציע 1905 — 223
2. דער ווינטער 1905—1906 — 226
3. דער ערשטער סאָוויעט פון אַרבעטער־דעפּוטאַטן — 231
4. איך ווער אַ רעדאַקטאָר — 234
5. די דעצעמבער־טעג 1905 — 237
6. די 7-טע קאָנפערענץ פון „בונד" — 247
7. דער סטאָקהאָלמער צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי — 252
8. די גאָסודאַרסטווענאַיאַ דומאַ. — דער „בונד" און די דומע — 258
9. דער 7-טער צוזאַמענפאָר פון „בונד" — 264
10. די וואַל־קאַמפּאַניע צו דער צווייטער דומע — 267
11. מיין קאַנדידאַטור אין דווינסק און קאָוונע — 272
12. די סאָצ'־דעמ' פראַקציע אין דומע — 278
13. דער פּאַרטיי־משפּט איבער לעניגען — 286
14. דער לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער פּאַרטיי — 293

קאָנטער־רעוואָלוציע און רעאַקציע

1. 1907—1908 — אָנהייב פון רעאַקציע. — מיין ערשטע רייזע קיין אַמעריקע — 310
2. צוריק אין רוסלאַנד. — די רעאַקציע אין דער אינטעליגענץ — 314
3. איך ווער אַ גימנאַזיע־לערער — 318
4. ישראל־מיכל קאַפּלינסקי — 324

צווייטער אַרעסט, פאַרשיקונג, עמיגראַציע

1. מיין לעגאַלקייט ענדיקט זיך. — אַרעסט און פאַרשיקונג — 334
2. בערלין—הײדעלבערג — 338
3. ציריך־ווין — 345
4. ענדגילטיקע שפּאַלטונג פון דער רוסלענדער פּאַרטיי. — 9-טע קאָנפערענץ פון „בונד" — 351

ערשטע וועלט־מלחמה

1. ערב־מלחמה — 356
2. די מלחמה — 362
3. אין ווין בשעת דער מלחמה — 365
4. דיסקוסיעס וועגן דער מלחמה — 376
5. איך באַשליס אַרויסצופאָרן קיין שווייצאַריע — 380
6. אַדלערס אַטענטאַט — 385
7. צוריק אין שווייצאַריע — 388

אנשטאָט אַ פאָרוואָרט

מיין אמתער נאָמען איז ניט „אבראַמאָוויטש" — דאָס איז אַ פּסיידאָנים, אַ פּאַרטיי־נאָמען, וואָס איך האָב אָנגענומען אין זומער 1905, און נאָך פריער זיינען מיינע פּאַרטיי־נעמען געווען — אין ריגע אַבראַם און אין וואַרשע מלכיאל. אַלע רעוואָלוציאָנערע טוער און שרייבער האָבן אין יענע יאָרן געהאַט, געמוזט האָבן, פאַלשע נעמען (און אָפטמאָל אויך פאַלשע פּאַספּאָרטן און פּאַפּירן) כּדי צו ראַטעווען זיך פון די צארישע זשאַנדאַרמען. איך הייס רפאל ריין און בין געבוירן אין דענעבורג (דווינסק) דעם 21־טן יולי (13 טעג אין אב) 1880. מיין פאָטער האָט געהייסן אברהם ריין, מיין מוטער ציפּע־שיינע קאַפּיאַן. די מוטער האָט געהאַט 11 קינדער, פון זיי זיינען לעבן געבליבן אין מיין צייט אכט, — 7 טעכטער, אַלע חוץ איינער אינגער פאַר מיר, און איך, דער בן־יחיד.

אָט דאָס זיינען די דאַטעס, וואָס איך מוז צוגעבן צו מיינע זכרונות. אפשר האָב איך דאָס, און נאָך אַ ריי אַנדערע פּערזענלעכע פּרטים געדאַרפט אַריינגעמען אין בוך גופא, כּדי די לייענער זאָלן בעסער פאַרשטיין דעם צוזאַמענהאַנג פון די געשעענישן, אָבער ווען איך האָב אָנגעהויבן צו שרייבן מיינע זכרונות פאַרן ניו־יאָרקער „פאָרווערטס", — וואו דער גרעסטער טייל פון מיין בוך איז טאָקע געווען אָפּגעדרוקט, — האָב איך געהאַט אין זינען אָנצושרייבן ניט מיין אייגענע אויטאָ־ביאָגראַפיע, ניט אַ שילדערונג פון מיין פּערזענלעכן לעבן, נאָר די פּאָליטישע ביאָגראַפיע פון מיין גאַנצן דור, פון יענעם דור רוסיש־אידישע אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין די צוויי רעוואָלוציעס (1905 און 1917). דאָס זיינען יענע טוער און שרייבער, וואָס זיינען געבוירן אַרום 1880. צווישן די פירער פון דער רוסלענדער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג זיינען געווען אויך אַ צאָל עלטערע, וואָס האָבן געהערט צום ערשטן דור סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ, — אַזוינע ווי „באַבושקאַ" ברעשקאָווסקאַיאַ, פּלעכאַנאָוו, אַקסעלראָד, מאַרק נאַטאַנסאָן און אַנדערע אַמאָליקע „נאַראָדניקעס", אָדער דער צווייטער דור — לענין, פּאָטרעסאָוו, מאַרטאָוו, וויקטאָר טשערנאָוו אין דער רוסישער באַוועגונג; קאָפּעלזאָן, קרעמער, קאָסאָווסקי, נח אין דער אידישער. געווען אויך אַ טייל פירער, וואָס האָט געהערט צו אַ אינגערן דור איידער מיינער: סלאָוועק גראָסער אין „בונד", בוכאַרין ביי די רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטן.

אָבער די גרויסע מערהייט פון דער סאָציאַליסטישער און רעוואָלוציאָנערער פירערשאַפט אין רוסלאַנד אין דער עפּאָכע פון „צוויי רעוואָלוציעס" (1905 און 1917) האָט געהערט צו מיין דור, — אַ פּאָר יאָר עלטער, אַ פּאָר יאָר אינגער.

צו דעם דור האָבן געהערט טראָצקי, סטאַלין, צערעטעלי און הונדערטער קלענערע ביי די סאָציאַל־דעמאָקראַטן; קערענסקי, גאָץ, אווקסענטיעוו און

אָן אַ צאָל אַנדערע ביי די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. אין דער אידישער סביבה האָבן צו דעם דור געהערט די פירנדיקע בונדיסטישע טעאָרעטיקער און שרייבער, ווי מעדעם, ליבער, אסתּר פרומקין, ליטוואַק, אָלגין, מיכאַלעוויטש, ערליך און הונדערטער פּראָפּאַגאַנדיסטן, אָרגאַניזאַטאָרן, מאַסן־רעדנער; אין דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג — נחמן סירקין, בן־אדיר, די ברי־דער לעשצינסקי, בערטאָלדי־לאַצקי, נאָוואַקאָווסקי, אייגנטלעך אויך באָראָכאָוו.

דער דאָזיקער אידיש־רוסישער „דור פון צוויי רעוואָלוציעס" איז מיין דור. מיט אים צוזאַמען בין איך אויסגעוואַקסן, פיזיש און פּאָליטיש, און מיט אים אינאיינעם האָב איך דורכגעמאַכט די מאָמענטן פון זיג און די עפּאָכעס פון מפּלה.

אין מיין בוך וויל איך שילדערן די פּאָליטישע, ריכטיקער געזאָגט, די פּסיכאָלאָגישע און מאָראַליש־פּאָליטישע אַנטוויקלונג פון אונדזער דור: פאַר־וואָס און ווי אַזוי מיר זיינען געקומען צו דער רעוואָלוציע און צום סאָציאַליזם; ווי אַזוי מיר האָבן דאָס פאַרשטאַנען און פאַרבונדן מיט אונדזער פּערזענלעכן שיקזאַל; ווי אַזוי מיר האָבן אונדזערע באַגריפן וועגן דעם פּראָגרעס פון דער מענטשהייט פאַרבונדן מיט אונדזערע פאַרשטעלונגען וועגן דער צוקונפט פון אידישן פאָלק, — און ווי אַזוי אונדזערע פאַרשטעלונגען און באַגריפן האָבן זיך געביטן אין לויף פון יענעם פערטל־יאָרהונדערט, וואָס איז געווען דער מערק־ווירדיקסטער און דראַמאַטישסטער אין דער געשיכטע פון אייראָפּע זינט דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

איך האָב געשריבן מיין בוך אין דער פאָרם פון זכרונות, ניט ווי אַ היסטאָ־רישע אונטערזוכונג. איך האָב געשילדערט די געשעענישן אַזוי ווי זיי זיינען געבליבן אין מיין זכרון, אַזוי ווי איך פּערזענלעך האָב זיי מיטגעמאַכט און דורכ־געלעבט, אַזוי ווי איך האָב אַלץ געזען דורך מיין „פענצטערל". אַזאַ פּערזענ־לעך „פענצטערל" איז שטענדיק באַפאַרבט מיט אַ באַזונדערן, סוביעקטיוון קאָליר, — הגם איך האָב געשטרעבט צו זיין וואָס מער אָביעקטיוו און גענוי, — און זיכער האָבן אַנדערע בני־דור דיזעלביקע געשעענישן געזען דורך זייער „פענצטערל" אין אַן אַנדער קאָליר. אָבער איך האָב אַ ריי וויכטיקע אַנטוויק־לונגען געזען און מיטגעמאַכט „פון אינעווייניק", און אפשר קען מיין בוך, ווי אַן עדות־זאָגן פון אַן אַקטיוון טיילנעמער, זיין אינטערעסאַנט פאַר די, וואָס אינטערעסירן זיך מיט דער געשיכטע פון מיין עפּאָכע, בפרט נאָך אַז עס איז ביז איצט אויף אידיש ניט אַרויס קיין איינציקע שילדערונג פון דעם פּעריאָד 1917—1920.

ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 1943.

קינדער- און לערן-יאָרן

1
מיינע עלטערן און מיין הויז

מיין טאַטע איז געווען אַ וואַלד-סוחר אין דער שטאָט דענע-בורג, וואָס האָט דערנאָך באַקומען דעם נאָמען דווינסק. דאָס איז געווען יעמאָלט אַ גאַנץ לעבעדיקע האַנדלס-שטאָט מיט אַ וואַקסנדיקער באַפעלקערונג, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ גרויסן טייך (די דווינע) און אויף דריי אייזנבאַנען. האָלץ-מסחר איז געווען איינע פון די הויפּט-באַשעפטיקונגען פון אַ טייל אידישע בעלע-באַטים פון דענעבורג. פרילינג און זומער-צייט פלעגן דורך דווינסק אַדורכשווימען אויפן טייך הונדערטער און הונדערטער פליטן מיט גע-הילץ פון וויטעבסק, סמאָלענסק און אַנדערע געגנטן — קיין ריגע. פאַר אונדז, דענעבורגער אינגלעך, זיינען די פליטן געווען אַ שטענדיקער מקור פון פאַרווייליונג און פאַרגעניגן. ביי טאָג, באַדענדיק זיך אין טייך, פלעגן מיר אַרויפקריכן אויף די פליטן און אַראָפּשפּרינגען פון זיי צוריק אין וואַסער, אין שטענדיקן קאַמף מיט די פליטניקעס, טרייבערס, סמאָ-לענסקער פּויערים און פויערטעס, וואָס פלעגן זיך שרעקלעך ערגערן, ווען מיר פלעגן זיי רופן „אַגאַטעס".

ביינאַכט פלעגן די פליטן, מיט די פייערלעך וואָס ברענען אויף זיי פאַרשטעלן אַ מאָלעריש בילד פאַר די שפּאַציר-גייערס אויף דער שיינער דווינסקער דאַמבע. פאַר דער שטאָט און פאַר דעם אידישן האַנדלס-קלאַס פלעגן די פליטן זיין אַ גאַנץ היפּשער מקור פון פרנסה.

אָבער מיין פאָטער האָט זיך ניט פאַרנומען אָט מיט דעם דאָזיקן געוויינטלעכן האָלץ-האַנדל. זיין הויפּט-באַשעפטיקונג זיינען געווען ליווערונגען פון האָלץ-מאַטעריאַל (שפּאַלן, לאַפעטקעס, סטאָלבעס) פאַר די אייזנבאַנען. בשותפות מיט נאָך אַ צווייטן, אַ רייכערן אידן, פלעגט מיין פאָטער, וואָס איז אַליין קיין גביר קיין מאָל ניט געווען, קויפן ביי אַ דערבייאיקן פּריץ אַ שטיק וואַלד, פלעגט אים אויסהאַקן און די צוגעגרייטע מאַטעריאַלן ליווערן צו אַ פאַרוואַלטונג פון איינער פון די דריי אייזנבאַנען אַרום דווינסק. זיין פּראָפעסיע פלעגט ברענגען דערצו, אַז ער פלעגט אין דער היים זיין אַ זעלטענער גאַסט: זומער פלעגט מען דאָס האָלץ האַקן, ווינטער פלעגט מען די אָפּגעהאַקטע ביימער אַרויס-פירן אויף שליטנס צו די פאַרפרוירענע טייכן. און אין פרילינג, ווען

עס פלעגן זיך עפענען די טייכן, האָט דער פאָטער געמוזט זיין ביים „ספּלאַוו”, — ווען מען פלעגט דאָס געהילץ בינדן אין פליטן און אַראָפּ־לאָזן איבער פאַרשיידענע טייכלעך צו דעם אָרט, וואוהין מען האָט דאָס גערדאַרפט ברענגען. און אין מיטן דערינען פלעגט ער נאָך מוזן צופאָרן אין די דירעקציעס פון די אייזנבאַנען, דער עיקר אין פעטערבורג אָדער ריגע. אַזוי אַרום איז דער טאַטע שטענדיק אַרומגעפאָרן. געפירט דעם לעבן פון אַ „פּיאָנער”, בפרט ווינטער־צייט, ווען ער פלעגט אָפּזיצן וואָכן לאַנג און אַמאָל חדשים לאַנג ערגעץ־וואו טיף אין אַ פאַרשנייטן וואַלד אין דעם הייזל פון אַ „לעסניק” (וואַלד־שומר), אין גאַנץ פּרימי־טיווע באַדינגונגען.

ער איז אָבער געווען זייער צוגעפּאַסט צו דעם דאָזיקן שווערן און וואַנדערנדיקן אַרט לעבן. ער האָט געהאַט אַ גאַנץ שאַרפן אידישן קאָפּ. אָבער זיין כאַראַקטער איז געווען זייער ווייט פון דעם, וואָס מיר זיינען געוואוינט צו פאַרבינדן מיט דעם טיפּ פון אַ דורכשניטלעכן שטאָטישן אידישן סוחר. מאַכן געלט, געשעפט צוליב געשעפט, — זיינען אים אייגנטלעך געווען פרעמד. ער האָט באמת ליב געהאַט — ב ו י א ו נ ג , אָרגאַניזאַציע, אונטערנעמונג. אָט ווען ער פלעגט קענען אויסגעפינען עפּעס גאָר אַ באַזונדער שיינעם וואַלד, ערגעץ וואו זייער ווייט אויף אַ פאַרוואָרפן טייכל, און ער פלעגט באַווייזן צו אָרגאַניזירן דאָס האַקן און דעם ספּלאַוו אויף אַ קונציקן אופן, בייקומענדיק זייער פיל שוועריקייטן, — אָט דעמאָלט פלעגט ער זיין גליקלעך. פּרנסה איז ביי אים שטענדיק געשטאַנען אויפן צ ו ו י י ט ן פּלאַן. אַזוי ווייניקסטנס האָט שטענדיק געטענהט מיין מאַמע. די אַנדערע סוחרים פלעגן שטענ־דיק זאָגן וועגן מיין פאָטער, אַז אויף צוטראַכטן אַ געשעפט און אָנ־הייבן אים איז ער אַ גרויסער מייסטער, אָבער אויסצונוצן אים קאָמער־ציעל, מאַכן פּראָפיט — דאָס פאַרשטייט ער שוין ווייניקער. איך האָב אַלעמאָל געהאַט דעם איינדרוק, אַז פּראָפיט איז אים גאָרניט געלעגן אַזוי שטאַרק אין זינען, הגם אַ פאַמיליע זיינען מיר געווען אַ גרויסע מיט אַ סך קינדער און אָפטמאָל איז די לאַגע געווען גאָר אַ שווערע.

די אָרגאַניזאַטאָרישע און טעכנישע פעאיקייטן פון מיין פאָטער האָבן זיך אין די שפּעטערדיקע יאָרן אַרויסגעוויזן אין זייער אַ גרויסן פאַרנעם, ווען ער איז אַריבערגעפאָרן מיט זיין פאַמיליע קיין פעטערבורג און האָט אַריבערגעטראָגן זיין טעטיקייט אין די צפונדיקע געגנטן פון רוסלאַנד. עס איז געווען אַ צייט, ווען ער איז געווען דער פאַקטישער באַלעבאָס פון אַ גרויסער טעריטאָריע אין נאָווגאָראָדער גובערניע מיט הונדערטער אַרבעטער, מיט אַן אייגענער קליינבאַן. עס איז געווען אויך אַ מאָמענט, ווען ער האָט געשיקט קיין פראַנקרייך שיפן מיט גע־הילץ — און דאָס אַליץ אָן גרויסע קאַפּיטאַלן, בלייבנדיק שטענדיק העכסטנס אַ מיטעלער באַלעבאָס.

אויך אין דער סאָוועטן-צייט האָט ער, יעמאָלט אַ איד פון 70 יאָר, אָרגאַניזירט פאַר דער רעגירונג גרויסע וואַלד-אונטערנעמונגען און ער האָט זיך דערביי אַליין שטענדיק געניוטיקט אין אַ פונט ברויט.

אָבער אין דער צייט פון מיין קינדהייט, אין דענעבורג, איז מיין פאָטער געווען אַ מיטעלער וואַלד-סוחר, וואָס אַזוינע זיינען געווען אַ סך. קיין גרויסע פּלענער האָט ער ניט געהאַט און געאַרבעט האָט ער שווער. נאָר ער האָט געקאָנט פאַרטראָגן אַרבעט און איז געווען ווי געשאַפן פאַר איר. ער האָט זיך טאַקע געלערנט אין דער וואָלאָזשינער ישיבה און דאָך איז ער געווען ניט ענלעך צו אַנדערע שטאָט-אידן. ער איז אויסגעוואַקסן אויף אַ ישוב און איז געווען, הגם פון מיטעלן וואוקס, פיזיש זייער שטאַרק, כמעט אַ גיבור. די באָבע פלעגט זיך אָנ-דערציילן מעשיות וועגן די גבורות פון מיין טאַטן און פון זיינע צוויי עלטערע ברידער: ווי זיי האָבן געקענט אָפּשטעלן פאַרן ראָד אַ וואָגן מיט צוויי פערד, ווי זיי זיינען פאַרטיק געוואָרן מיט אַ צענדליק שיכורע פויערים. ווען איך האָב אַ סך יאָרן שפּעטער געלייענט שלום אַשם „שטעטל" און „קוילער געסל" — זיינען מיר די אידן פון דאָרטן אויס-געקומען נאָענט צוליב די מעשיות וואָס מיין באָבע האָט מיר דער-ציילט וועגן טאַטן. אויך די באָבע, די באָבע מנוחה, איז געווען אַ מערק-ווירדיקער טיפּ פון אַ אידישער פרוי. זי האָט געהאַט גרויסע בלויע אויגן און געווען אַ שיינהייט אַפילו אין די עלטערע יאָרן. געלעבט האָט זי ביז איבער 90 יאָר.

מיין פאָטער האָט געהאַט גאָר ניט קיין אידישע פעאיקייט צו פאַר-שיידענע טעכנישע האַנט-אַרבעטן. ווער רעדט שוין וועגן דעם, אַז ער האָט געקאָנט איינשפּאַנען אַ פערד, פאַרריכטן אַ שליטן, שמירן אַ וואָגן; אַז ער האָט האַלט געהאַט פערד און הינט, און הינט האָבן אויף אים קיין מאָל ניט געבולן; אַז ער איז געווען אַ גוטער שווימער און האָט ליב געהאַט ערד-אַרבעט, — אַחוץ דעם איז ער נאָך געווען אַ מייסטער אין אַלע מעגלעכע האַנט-אַרבעטן און האָט אַלץ געקאָנט אַליין מאַכן: אי פאַרריכטן אַ שלאָס, אי אָפּהובלען אַ טיר, אי צעזעגן אַ ברעט, אי אַריינשטעלן אַ שויב אין אַ פענצטער, אי צוגרייטן זייער אַ גוטן מאַלצייט.

בשעת ער איז געווען אין וואַלד, האָט ער שטענדיק געלעבט מיט ניט-אידן: זיין סביבה זיינען געווען פויערים, וואָס האָבן געהאַקט דיביימער, פורלייט, וואָס האָבן געפירט דאָס האָלץ, פּליטניקעס, וואָס האָבן געבונדן די פּליטן, דעסיאַטניקעס, אינזשענערן און וואַלד-שומרים. דער איינציקער איד, וואָס האָט אים אַמאָל באַגלייט אין זיינע נסיעות, איז געווען זיין פּריקאַזטשיק אַברהם-איצע יפונה (יעפונע), אַ איד מיט אַ לאַנגער גרעל-רויטער באָרד, וואָס האָט געאַרבעט ביים טאַטן אַזוי לאַנג ווי ער האָט געלעבט. און דערנאָך האָט ביי אונדז געאַרבעט זיין זון שאול-דוד, אויך אַ געלער אָבער אָן אַ באָרד. איין מאָל האָבן גזלנים אים שווער פאַרוואונדעט און צוגענומען פון אים עטלעכע טויזנט רובל, וואָס ער האָט געפירט מיט זיך אויסצוצאָלן די אַרבעטער אין וואַלד.

אַט אין דער אַטמאָספּערע פון פריש־געזעגטן האָלץ, וואָס האָט גע־
שמעקט מיט סמאָלע, פון וואָגנס מיט פערד, פון שטיוול, וואָס האָבן
געשמעקט מיט דזשעגעכץ, פון פויערים מיט לאַנגע בייטשן און שעפּ־
סענע פעלצן, וואָס האָבן געריכערט מאַכאָרקע, — איז דורכגעגאַנגען
אַ היפּשער טייל פון מיין פריער יוגנט.

מיינע עלטערן, אַברהם און ציפּע־שיינע ריין, אין יאָר 1870

זומערצייט, ווען אַלע דווינסקער באַלעבאַטים פלעגן אַרויספאָרן
„אויף דאַטשע”, פלעגט אונדזער פאַמיליע ניט בלייבן ערגעץ־וואו אין
אַ דאַטשע־געגנט הינטער דווינסק, ווי עס האָבן געטאָן די אַנדערע
באַלעבאַטים. דער טאַטע פלעגט אונדז געוויינטלעך מיטנעמען ער־
געץ־וואו אין אַ דאָרף אָדער אין אַ שטעטל ניט ווייט פון יענעם וואַלד,
וואו ער האָט געאַרבעט אָדער פון יענער אייזנבאַן, וואו ער האָט צו־

געשטעלט דאָס געהילץ. מען האָט געדונגען ביי אַ פויער אַ הויז מיט אַ גאָרטן, מיט אַ סך פרוכט-ביימער, מיט אַ קאַרטאָפל-פעלד, ניט ווייט פון אַ טייך, און דאָרטן האָט מען פאַרבראַכט דעם זומער, — געוויינטלעך פון מיטן מאַי ביז אָנהייב אָדער מיטן אויגוסט.

די דאָזיקע דריי חדשים פלעגט מען פאַרברענגען אין גאַנצן אין אַ נאַטור-סביבה. אַ האַלבן טאָג וואַנדערט מען אין וואַלד, קלייבנדיק יאַגדעס אָדער שוועמלעך, אָדער מען קריכט אויף די ביימער און מען קימערט זיך ניט, וואָס די מאַמע וועט זיך בייזערן פאַר צעריסענע הויזן און באַשמוצטע העמדלעך. אַ טייל צייט ליגט מען אָפּ אין טייך, שווימענדיק אָדער פאָרנדיק אויף שיפלעך. כמעט שטענדיק פלעגט דער טאַטע האָבן אויף דאַטשע אַן אייגן פערד און אַמאָל גאָר אַ פּאָר. פאָרט מען רייטנדיק, מע פירט די פערד באָדן אין טייך, וואָס דאָס איז שוין געווען אַ גאַנץ פאַראַנטוואָרטלעכער ענין פאַר אַ אינגל פון 9—10 יאָר. און אָפט מאָל שפאַנט מען איין די פערד אין אַ וועגעלע און מע פאָרט שפּאַצירן. אומגיין מיט פערד האָב איך זיך זייער גיך אויסגעלערנט פון טאַטן, און מיט די גרויסע דאָרפישע הינט פלעג איך אויך באַלד ווערן חבר. און אַז מיר פאָרן שפּאַצירן מיטן טאַטן — האָבן מיר שוין געוואוסט, אַז דער טאַטע וועט קיין מאָל ניט דערלאָזן, אַז אַן אַנדער וואָגן זאָל אים אַריבעריאָגן, — אַפילו, ווען דאָס איז געווען דעם פריצס קאַרעטע מיט אַ פּאָר פערד. סאַראַ יאָמער עס איז געווען ביי אונדז, ווען מען האָט איין מאָל אין אַזאַ זומער צוגענבעט פון שטאַל אונדזער גרוי פערדל, „וואַסקאַ", וואָס מיין טאַטע האָט וועגן אים שטענדיק געזאָגט, אַז ער איז כמעט אַ „ריסאַק".

עס פאַרשטייט זיך, אַז איך פלעג שוין אַליין אָנטרייבן. איין מאָל האָט זיך דאָס געקאָנט ענדיקן זייער טראַגיש: ווען איך בין געשטאַנען מיט מיין וואָגן ביי אַן אייזנבאַן-אַריבערפאָר, האָט זיך מיין פערד דער-שראָקן פאַר אַ פאַרבייפאָרנדיקן צוג, האָט איבערגעקערט דעם וואָגן וואו עס זיינען געזעסן מיינע קליינע שוועסטערלעך, און האָט אונדז צעטראָגן. עס איז נאָך געווען אַ גליק וואָס איך האָב ניט אַרויסגע-לאָזט פון דער האַנט די לייצעס און האָב באַוויזן באַלד אָפּצושטעלן דאָס צעשראָקענע פערד.

אָט אין די דאָזיקע זומערן אויף די דאַטשעס, אין די וועלדער, אויפן טייך האָב איך זיך פאַרהאַרטעוועט און איבערגענומען אַ גאַנצע ריי מעלות און שטריכן פון מיין פאָטער, פון וועמען איך האָב געירשנט אויך מיינע פיזישע כוחות. איך בין געווען אַ גוטער לויפער, שפרינגער, שווימער, האָב געקאָנט אַרויפקלעטערן אויפן העכסטן בוים, רייטן אויף פערד אָן אַ זאָטל און ראַנגלען זיך מיט אינגלעך, וואָס זיינען געווען עלטער און גרעסער פאַר מיר. די אינגלעך דאָס זיינען געווען „שקצים" — די קינדער פון די אַרומיקע פויערים, זייער אָפט לאַטווישע קינדער. אין אַ געראַנגל מיט איינעם אַזאַ יונגן לאַטוויש, זייער אַ שטאַרקן און איינגעשפּאַרטן, האָב איך זיך אויסגעלונקען אַ פוס און געמוזט עטלעכע

וואָכן ליגן אין בעט. אָבער דערפאַר האָב איך דורך דעם זעלבן לאָטוויש, וואָס איז געווען דער זון פון אַ שמיד, אויסגעלערנט זיך צו האַמערן אין דער קוזניע פון זיין פאָטער.

2

די דווינסקער סטאַראָווערן. — מיין פריינט וואַנקאַ

אָבער אויך אין ווינטער האָב איך על פי כלל ניט געלעבט דאָס לעבן פון אַ דורכשניטלעכן אידישן שטאָטישן אינגל.

אונדזער שטאָט איז געווען אין דער גרעסטער מערהייט אַ אידישע. אָבער אַ גרויסן טייל פון דער באַפעלקערונג האָבן ביי אונדז אין שטאָט אויסגעמאַכט די ס ט אַ ר אָ וו ע ר ן.

אין 17-טן און 18-טן יאָרהונדערט, ווען מען האָט אין רוסלאַנד פאַרפאָלגט די אָנהענגערס פון „אַלטן גלויבן" (די ראַסקאָלניקעס אָדער סטאַראָווערן), האָבן גרויסע מאַסן רוסישע פויערים אויסגעוואַנדערט אין די גרענעץ-געביטן פון דער מאָסקווער מלוכה, — צווישן זיי אויך — אין די צפון-מערב-געביטן פון ליטע, — און האָבן געשאַפן קאָלאָניעס, וואו זיי האָבן אומגעשטערט געקאָנט אָפּהיטן זייערע אַלטע רעליגיעזע מנהגים. אַזאַ מין קאָלאָניע איז אַריינגעפאַלן צו אונדז אין דענעבורג און אין דער אַרומיקער געגנט (אין דער אַזוי גערופענער „מאַלינאָווקער וואָלאָסט"). אין מיין צייט איז דאָרטן געווען אַ באַפעלקערונג פון עטלעכע טויזנט סטאַראָווערן, דאָס רוב רייכע פויערים, צום טייל באַדייטיקע שטאָטישע הענדלער. אין דער נאַציאָנאַל-געמישטער סביבה פון אונזער אָרטיקער באַפעלקערונג, וואָס איז באַשטאַנען פון לאָטווישן (לאַטגאַלער), פאָליאַקן, ווייס-רוסן און אידן, זיינען די דאָזיקע סטאַראָווערן געבליבן אַן אינדזל פון גרויס-רוסישער, עכט-רוסישער קולטור. זייער שפּראַך איז געווען די אַלטערטימלעכע, אַרכאַישע, זאַפטיקע רוסישע שפּראַך פון 17-טן און 18-טן י"ה מיט ווערטלעך און אויסדרוקן, וואָס מען האָט שוין אין דער נייער רוסישער ליטעראַטור מער ניט געקאָנט געפינען. אין זייערע דערפער אַרום יוזעפאָווע און קרעסלאַווקע, אויף די ברעגעס פון דווינע, האָבן זיי געפירט זייער אַלטערטימלעכן שטייגער לעבן, מיט אוראַלטע פאָלקסלידער און טענץ. אין זייער וועלט-אָנשויאונג זיינען זיי געבליבן ביי די אַלטע צייטן, אָבער אַזוי ווי זיי זיינען ביז צו דער סאַמע רעוואָלוציע 1905 נאָך אַלץ געווען רעליגיעז פאַרפאָלגט (זייער גלויבן איז ניט באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ פּראַוואָסלאַוונעם און עס איז זיי געווען פאַרבאָטן צו פּראַווען עפנטלעך זייערע רעליגיעזע צערעמאָניעס), זיינען זיי געווען אין אַ געוויסער אָפּאָזיציע צו דער אָפיציעלער מאַכט און באַזונדערס צו דער פּאָליציי. קיין צערקוועס האָבן זיי ניט געטאָרט האָבן, האָבן זיי געהאַט ערגעץ-וואו אויפן „גאַיאָק" (אַ פאַרשטאָט פון

דווינסק) אַ געהיימע „שול”, וואו אַנשטאָט צו קלינגען אין אַ קירכן־גלאָק האָט מען געשלאָגן אין אַן אייזערנער ברעט. די אומעטיקע מאָדנע קלאַנגען פון דער דאָזיקער ברעט געהערן צו איינע פון מיינע פריסטע קינדער־זכרונות. עס פאַרשטייט זיך, אַז די פאַרפאָלגונגען קעגן די סטאַראָווערן זיינען געווען מער אויפן פאַפיר, וואָרעם די דווינסקער פאָליציי האָט געלעבט פון כאַבאַר און די סטאַראָווערישע סוחרים זיינען געווען רייך. פונדעסטוועגן האָט שטענדיק געהערשט אַ געוויסע פיינדשאַפט צווישן די סטאַראָווערן און דער אָפיציעלער מאַכט.

די ערשטע „רעוואָלוציאָנערע” רעדע קעגן צאַר, וואָס איך האָב געהערט אין מיין לעבן, איז געווען פון אונדזער סטאַראָווערישן דוואָרניק (דזשעניטאָר) אַלעקסאַנדער. ער איז געווען מיינער אַ גרויסער פריינד און נאָך אַ גרעסערער שיכור. ווען ער פלעגט זיך אָנשיכורן, פלעגט ער זיך גיין שלאָגן מיטן גאָראָדאָוואָי — דעם באַשיצער פון דער פּראַוואָסלאַוונער קירך, און דערנאָך פלעגן מיר אים געפינען אין „אוטשאַסטאָק” (פאָליציי־צירקל) אַ צעשלאָגענעם און צעבלוטיקטן. און אָט איין מאָל, ווען איך בין געקומען „געוואָר ווערן” אין „אוטשאַסטאָק” מיין פריינד, נאָך ניט אינגאַנצן קיין אויסגעניכטערטן, האָב איך געהערט, ווי ער האָט אויסגעשריען די ווילדסטע קללות און עכט־רוסישע זידלערייען (אין מאַמען אַריין) קעגן דעם קייסער און קעגן דער מאַכט. אַזוי ווי איך בין יעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר 8—9, האָט אויף מיר דער דאָזיקער „רעוואָלוציאָנערער אַרויסטריט” ניט געמאַכט קיין גרויסן איינדרוק. אָבער פונדעסטוועגן איז ער געבליבן ביי מיר ערגעץ־וואו אין אַ ווינקעלע פון מיין זכרון.

די דאָזיקע אָפּאָזיציאָנעלע שטימונג פון די סטאַראָווערן איז אָבער ניט געגאַנגען זייער טיף. אמת, אין די יאָרן פון דער רעוואָלוציע 1905 האָבן זיך צווישן דער סטאַראָווערישער שטאָטישער אינטעליגענץ ביי אונדז אין דווינסק באַוויזן אַ פּאָר לינקע און אַפילו סאָציאַליסטן. אָבער די גרויסע מערהייט פון די סטאַראָווערישע פויערים זיינען געווען שוואַרצמאַהניקעס, און אין 1905 יאָר איז דעם דווינסקער „בונד” ניט איין מאָל אויסגעקומען אָנצונעמען מיליטעריש־סטראַטעגישע מאָס־מיטלען קעגן דער געפאַר פון אַ פּאָגראָם־עקספּעדיציע מצד די מאַלינאָווקער סטאַראָווערן, וואָס האָבן געסטראַשעט, אַז זיי וועלן קומען קיין דווינסק „איינשטילן די זשידאָווסקע רעוואָלוציאָנערן”.

דאָס איז אָבער שוין געווען שפּעטער. אין די יאָרן פון מיין קינדהייט זיינען די באַציאונגען צווישן די אידן און די סטאַראָווערן געווען גאַנץ פריינטלעכע, און אין מיין פערזענלעכן לעבן האָבן די סטאַראָווערן געשפּילט אַ באַדייטיקע ראָלע. די ערשטע 10—11 יאָר פון מיין לעבן האָבן מיר אָפּגעלעבט אויף זעליאָנע גאַס אין אַ מויער, וואָס האָט געהערט צו אַ סטאַראָווער מיטן נאָמען שטשעגלאָוו. דער מויער איז געווען צום גאַס, אָבער אין דער טיף פון דעם גרויסן הויף, פאַרדעקט מיט

אַ קליינעם גאָרטן, איז געשטאַנען דאָס הילצערנע הויז פון דעם באַ־לעבאָס גופא, דעם רייכן סטאַראָווער שטשעגלאָוו. דאָרטן זיינען געווען אַ סך זאכן, וואָס האָבן מיך שטאַרק אינטערעסירט. ערשטנס, איז דאָרטן געווען אַ גאָרטן מיט עפּעל, באַרנעס און פלוימען; צווייטנס, איז דאָרט געווען אַ שטאַל, וואו עס איז געשטאַנען אַ גרויס, שיין, שוואַרץ פערד, וואָס זיין קוטשער איז געווען אַט דער זעלבער אַלעקסאַנדער, וועגן וועלכן איך האָב שוין דערמאָנט. „העלפן" אַלעקסאַנדערן פיטערן, רייניקן און איינשפּאַנען דאָס פערד איז געווען איינער פון מיינע גרעס־

ר. אבראַמאָוויטש (רפאל ריין)
אין עלטער פון 6 יאָר

טע פאַרגעניגנס. בפרט נאָך, אַז אַלעקסאַנדער איז געווען אַ גוטער און פלעגט מיך שטענדיק מיטנעמען, ווען זיין באַלעבאָס פלעגט אים אַרויס־שיקן אין שטאָט עפּעס איינקויפן אָדער גלאַט פאָרן ערגעץ־וואו שפּאַ־צירן. אָבער די לייצעס פלעגט ער מיר קיין מאָל ניט לאָזן האלטן, וואָרעם דאָס איז געווען אַ בייז, אַ פייערדיק פערד, און די שטאָט איז דאָך פאָרט געווען אַ שטאָט און ניט קיין דאָרפישער וועג.

אָבער מיין הויפּט־פאַרבינדונג מיט דער סטאַראָווערישער וועלט איז געגאַנגען ניט דורך אַלעקסאַנדערן מיטן פערד, נאָר דורך וואַנקען. וואַנקע איז געווען דער זון פון שטשעגלאָוון: אַ לאַנגער, דאַרער ניט־

שיינער און ניט־קלוגער שגץ מיט פלאַקסענע האָר און וואַסערדיקע אויגן, מיט אַ יאָר אָנדערטהאַלבן עלטער פאַר מיר. וואַנקע איז געוואָרן מיין גרעסטער פריינד און ביז צו מיין חדר־צייט — מיין איינציקער פריינד. מיט אים צוזאַמען האָבן מיר געשפּילט אויפן הויף, געקראָכן אויף די דעכער, געכאַפּט טויבן, געפירט חברשאַפט מיט אַלעקסאַנדערן און מיט דעם פערד און געגנבעט עפּל אין דעם גאָרטן פון וואַנקעס פאָטער. דורך וואַנקען בין איך געוואָרן אַ שטענדיקער איינגייער אין שטשעגלאָווס הויז, געוואָרן דאָרטן אַ בן־בית, און פלעג פאַרברענגען דאָרטן אַ גרויסן טייל פון מיין צייט. אין שטשעגלאָווס הויז האָט מען מיך ליב געהאַט און איך האָב זיך דאָרטן געפילט ווי אַ מיטגליד פון דער פאַמיליע. ביי די שטשעגלאָווס האָב איך זיך אויסגעלערנט צו ריידן אַ גוטן רוסיש מיט אַלע סטאַראָווערישע אויסדרוקן און ווערטלעך. שטשעגלאָווס אַלטע ניאַניע טאַטיאַנע האָט מיר דערציילט אַלט־רוסישע מעשיות און „סקאַזקעס" און געזונגען רוסישע פאָלקס־לידער, און אין שטשעגלאָווס הויז האָב איך זיך אויסגעלערנט צו עסן אַלע רוסישע מאכלים, וואָס כשר זיינען זיי באַשטימט ניט געווען.

אונדזער הויז איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ כשר אידיש הויז און די מאַמע פלעגט שטרענג אָפּהיטן אַלע אידישע מנהגים. אָבער קיין באַזונדערע פרומאַקעס זיינען מיינע עלטערן ניט געווען און מען האָט מיר ניט געשטערט אין מיין פריינדשאַפט מיט וואַנקען און מיט די שטשעגלאָווס. דער טאַטע, ווען ער פלעגט קומען אין שטאָט, פלעגט ער זיך אַמאָל בייזערן צוליב מיינע שטיפעריייען, — און איך בין טאַקע געווען אַ גאַנץ ווילדער יונג — אָבער ער פלעגט מיר ניט שטערן אין מיינע „געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען", וואָרעם, ערשטנס, האָט ער קיין מאָל ניט געהאַט קיין צייט דערצו און צווייטנס, האָט ער דאָך אַליין אויך שטענדיק פאַרקערט מיט קריסטן.

אזוי בין איך געוואַקסן אויף אונזער הויף אויף זעליאָנע גאַס אייגנטלעך לויט מיין גאַנצן פיר און לויט מיין שפּראַך, מער אַ גויטשיק איידער אַ אידישער אינגל פון אַ אידישער שטאָט. צוזאַמען מיט וואַנקען פלעגן מיר אַרומשפּאַצירן איבער די גאַסן און באַטייליקן זיך אין די אַלע וויכטיקע געשעענישן, וואָס פלעגן פאָרקומען אין דער קינדערשער וועלט. זומער־צייט פלעגט מען זיך גיין שלאָגן מיט אַנדערע אינגלעך, אידישע און ניט־אידישע, אויף דעם אַלטן און נייעם „בולוואַר", אָדער אויף דער דאַמבע. און ווינטערצייט, ווען עס פלעגן פאָרקומען די קלאַסישע געשלעגן אויף דעם אייז פון דער פאַרפראָרענער דווינע צווישן די „גריוווער" און „פלאַנאָווער", פלעגן מיר, קלענערע יאַטן, זיך אַקטיוו אין דעם באַטייליקן, — אַמאָל ווי היציקע קוקערס און אַמאָל אויך ווי אַקטיווע „קעמפער". איין מאָל האָט מען מיך ווינטערצייט געבראַכט אַהיים פון אַזאַ מין שלאַכט אָן מיין פעלצענעם היטל און מיט אַ צערימענעם פוטערל.

3

מיין אידישע דערציאונג. — דער חדר. — דער איינפלוס פון דער מאַמען

ערשט אין דער עלטער פון אַ יאָר 9 בין איך געקומען אין אַ חדר, צו דעם רבין — ר' מאַטעס. אין חדר האָבן זיך געלערנט נאָך אַ 10—15 אינגלעך פון באַלעבאַטישע פאַמיליעס. דער רבי, — זאָל ער מיר מוחל זיין, — איז, אויף וויפיל איך פאַרשטיי איצט — קיין גרויסער למדן ניט געווען און קיין פעדאַגאָגישע טאַלאַנטן האָט ער געוויס ניט פאַרמאָגט. פון דער חדר-צייט זיינען זיינען ביי מיר פאַרבליבן אין גאַנצן צעשוואומענע זכרונות. קיין שום טיפערע איבערלעבונגען האָבן ביי מיר די דריי—פיר יאָר, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין חדר, ניט אַרויס־גערופן. איך האָב זיך געלערנט גאַנץ גוט: חומש, תנ"ך, אַ ביסל גמרא, אַ ביסל דקדוק. אָבער די אידישע למודים האָבן מיך ניט פאַרכאַפּט און האָבן ניט געמאַכט קיין טיפן איינדרוק ניט אויף מיין גייסט און ניט אויף מיין פאַנטאַזיע. מיין העברעאיש איז אויך געווען שוואַך. איך האָב אויסגעלייענט עטלעכע ביכער: „אהבת ציון" פון אברהם מאַפּו, „מסתרי פּריז" פון אייזשען סיו אין קלמן שולמאַנס באַאַרבעטונג. דאָס זיינען יעדנפאַלס די איינציקע צוויי ביכער, וואָס זיינען מיר געבליבן אין זכרון, בפרט דאָס לעצטע בוך, וואָס איז, ווי עס ווייזט אויס, געווען דער אָנהייב פון מיין ליבשאַפט צו אַוואַנטורע-ראָמאַנען און דעטעקטיוו־מעשיות, וואָס איז ביי מיר געבליבן ביז צום היינטיקן טאָג.

דער חדר פון ר' מאַטעס האָט פאַר מיין אידיש-נאַציאָנאַלער דער־ציאונג ווייניק וואָס אויפגעטאָן. פיל מער האָב איך אין דעם פרט שוין באַקומען פון מיין מאַמען.

מיין מוטער איז געווען איינע פון די אינטערעסאַנטסטע און בולטסטע פערזענלעכקייטן, וואָס איך האָב ווען ניט איז באַגעגנט. בולטקייט און זאַפטיקייט זיינען געווען די אייגנאַרטיקסטע שטריכן פון איר כאַראַקטער. זי איז קיינמאָל ניט געווען קיין שיינהייט, האָט אָבער געהאַט פייערדיקע, אויסדרוקפולע, גרויסע שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן געצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט. אויסערגעוויינטלעך קלוג, מיט אַ שאַרפער פעאיקייט אַלץ צו באַמערקן און זייער פיל וויציקייט, איז זי געווען דורכאויס אַ קינסטלעריש באַגאַבטע נאַטור. זי האָט געהאַט אַ גוטן מוזיקאַלישן געהער און פלעגט אין די לאַנגע ווינטער-אָוונטן מיט אַן אָנגענעמער שטים, נייעגדיק און שטריקנדיק, אויסזינגען פאַר אונדז, די קינדער, גאַנצע שטיקער פון גאָלדפאַדענס אָפּערעטעס אָדער אַן אַ שיעור פאָלקס-לידער — אידישע, פּוילישע, רוסישע, ווייסרוסישע. זי איז געווען אַן אמתע שוישפּילערין און אַן אויסגעצייכנטע רעדנערין. ווען זי פלעגט זיך אָוועקשטעלן דערציילן מעשיות אָדער איבערגעבן געשפּרעכן מיט אַנדערע מענטשן, איז דאָס געווען לעבעדיק ווי אין אַ

טעאטער. זי האט האלט געהאט אפצולאכן פון מענטשן, באמערקן לע־בערלעכע זייטן און סיטואציעס, און ווען זי פלעגט נעמען נאכמאכן מענטשן און דערציילן וועגן זיי, פלעגט זיך די גאנצע שטוב קייקלען פון געלעכטער.

זי איז געווען פון נאטור א פרייער גייסט, ניט געבונדן דורך קליינ־שטעטלדיקייט, הגם זי האט זיך קיין מאל ניט געקענט אויסלערנען רעדן ריכטיק רוסיש, אפילו נאכדעם ווי זי האט אפגעלעבט 25 יאר אין פעטערבורג. איר שפראך און איר אקצענט זיינען ביזן סוף געבליבן די זעלבע, ווי אין איר יוגנט, אין דעם ווייסרוסיש־פוילישן שטעטל דאגדע, וואו זי איז געבוירן געווארן. אבער איר גייסט איז ניט געווען פון דאגדע. זי האט אונדז קיין מאל ניט געשטערט אין אונדזער ארט לעבן, אין אונדזערע באשעפטיקונגען, אין אונדזערע פירונגען. און זי האט, — ניט לויט א באשטימטן פלאן, נאר פשוט מיט איר גאנצן מהות, מיט איר גאנצער איינגעווארצלטקייט אין אידישן לעבן, — זייער פיל מיטגעהאלפן איינצופלאנצן אין אונדז אידישקייט.

זי האט זייער שטארק געהאלטן פון איר אידישן יחוס. אמת, מיין טאטע האט אויך געשטאמט פון א סוחריש־רבנישער פאמיליע — זיינע שוועסטערקינדער זיינען געווען רבנים. אבער מיין מאמע האט געשטאמט, ווי זי האט דאס שטענדיק מיט שטאלץ דערציילט, פון די „אימיאניטאוום", און זי האט מיר א נאמען געגעבן נאכן בארימטן שקלאווער רב, ר' רפאל. איך האב קיין מאל ניט געהאט די מעגלעכ־קייט צו קאנטראלירן דעם יחוס פון מיין מאמען, און מיין טאטע האט מיט איר קיין מאל ניט געפירט קיין שטרייטן וועגן יחוס, אבער אין אונדז, קינדער, האבען דער מאמעס דערציילונגען וועגן די רבנים איינ־געפלאנצט א געוויסן געפיל פון זעלבסט־רעספעקט.

דערפאר אבער איז מיין שייכות צו דער שול, צום בית־המדרש, געווען זייער א שוואכע. ווען דער טאטע פלעגט זיין אין שטאט, פלעגט ער מיך מיטנעמען אין שול שבת אדער יום־טוב. אבער דעם אמת רעדנ־דיק פלעג איך זיך דארט מער שפילן מיט די אינגלעך איידער פארטיפן זיך אין דער רעליגיעזער מיסטיק, אויף וויפיל אזוינס איז בכלל געווען אין א מתנגדישער שול, אין פרידלאנדס מנין, אין דער ניכטערער, סוחרישער, ליטווישער שטאט דענעבורג. עס פארשטייט זיך, אז יום־כיפור — מיטן פאסטן און אפפאסטן, מיט דעם אנגעצונדענעם וועקסע־נעם ליכט אין א שיסל מיט זאמד, און מיט דעם געוויין פון מיין מוטער — פלעגט איבערלאזן א געוויסן איינדרוק אין אונדזערע קינדערשע נשמות. אבער אין אונדזער פאמיליע און אין דער גאנצער סביבה, בפרט אין די כאראקטערן פון מיינע עלטערן, האט אין גאנצן אויסגעפעלט דער עלעמענט פון מיסטיק, פון רעליגיעזער התלהבות.

אבער די שטאט איז דאך געווען א אידישע, ניט געקוקט אויף די סטאראווערן און די טשינאווניקעס. שבת איז געווען שבת אין דער

גאַנצער שטאָט, אַפילו ווילנדיק ניט ווילנדיק פאַר די קריסטן. אַז עס איז געווען פסח, האָט מען דאָס געזען אין דער גאַנצער שטאָט, און אַז עס זיינען אָנגעקומען די ימים-נוראים האָט מען דאָס געפילט אין דער אַטמאָספער פון גאַנץ דווינסק. און ווען עס פלעגט אָנקומען שמחת-תורה, פלעגט די שטאָט באַהערשט ווערן פון מחנות אידישע אינגלעך מיט פאָנעס און האַלב שיכורע אָדער גאַנץ שיכורע אידן, וואָס פלעגן קומען פון הקפות. די מאַמע האָט דערציילט, הגם איך האָב דאָס אַליין קיין מאָל ניט געזען, אַז אין די פריערדיקע יאָרן פלעגט די שמחה דער-גיין אויף אַזוי וויט, אַז מען פלעגט אויסגיסן וואַסער אויף די טראָטואַרן און סאָלידע, ערנסטע, אידישע סוחרים פון ערשטער און צווייטער גיל-דיע פלעגן זיך, ווי קליינע אינגלעך, גליטשן אויף די טראָטואַרן.

מיין קינדהייט איז אַזוי אַרום אַדורך אָן רעליגיעזער מיסטיק און אָן רעליגיעזע זוכונגען און קאַמפן, אָבער איך בין דאָך אויסגעוואַקסן אין אַ אידישער סביבה, אין דער וועלט פון אידישן לעבן-שטייגער. ניט געקוקט אויף מיין חברשאַפט מיט די סטאַראָווערן, אויף מיין פריינד-שאַפט מיט וואַנקען, אויף מיין ליבשאַפט צו ניט גאַר כשרע מאכלים אין שטשעגלאָווס הויז, אויף מיין גוטן רוסיש און מיין צוגעבונדנקייט צו דער רוסישער שפראַך, — איז פאַר מיר די צעטיילונג פון דער וועלט אויף אידן און ניט-אידן געווען אין גאַנצן אַ נאַטירלעכע זאַך און פאַר מיר איז קיין איינציקן מאָמענט ניט געווען קיין ספק, צו וועלכער פון די צוויי וועלטן איך געהער.

4

איך קום אָן אין פּאָנעוועזשער רעאַל-שול

ביז 14 יאָר האָב איך ניט געקראָגן קיין סיסטעמאַטישע בילדונג. אָנצוקומען אין אַ העכערער שול (אין דווינסקער רעאַל-שול, וואו עס האָבן זיך געלערנט דאָס רוב „באַלעבאַטישע קינדער"), איז געווען אומ-מעגלעך צוליב די „פּראָצענטן". די פּראָצענט-נאָרמע איז געווען שטענ-דיק איבערגעפולט. אמת, ווען מיינע עלטערן וואָלטן געטראַכט וועגן דעם באַצייטנס, ווען איך בין געווען אַלט 8—9 יאָר, וואָלט דאָס געווען לייכטער. אָבער צו יענער צייט האָבן מיינע עלטערן נאָך ניט געהאַט באַשלאָסן, וואָס זיי ווילן פון מיר מאַכן און וואָס פאַר אַ בילדונג מען זאָל געבן דעם בן-יחיד (איך בין געווען דער איינציקער אינגל צווישן אַכט קינדער). אַזוי זיינען דורכגעגאַנגען עטלעכע יאָר. איך האָב זיך געלערנט אַ ביסל אין חדר, אַ ביסל ביי אַ פּריוואַטן לערער (איליאַ סנאָפּ), אָבער דער עיקר האָב איך זיך פאַרנומען מיט לייענען. זינט איך האָב זיך אַליין אויסגעלערנט לייענען רוסיש (ווען איך בין אַלט געווען אַ יאָר 8 אָדער אפשר נאָך ווייניקער) האָב איך שרעקלעך ליב געקראָגן לייענען. ביטאָג פלעג איך זיין פאַרנומען מיט אַנדערע זאַכן: מיטן

חדר, מיט די לעקציעס ביים פּריוואַט־לערער, מיט פידל־שפּילן, אָדער מיט זייער „וויכטיקע" שטיפּעריייען מיט וואַנקען. דערפאַר אָבער, ווען עס פלעגט קומען דער אָוונט, פלעג איך זיך אַריינטאָן אין ביכער און אָפּליי׳ענען ביז שפּעט אין דער נאַכט, אַמאָל אויך ביז עס פלעגט ווערן טאָג. טאַטע־מאַמע האָבן זיך אָפט געבייזערט אי צוליב דעם קעראָסין, וואָס איך ברען אויס, אי צוליב די אויגן, וואָס איך וועל פאַרדאַרבן לייענענדיק אין בעט. אָבער דאָס האָט ניט געהאָלפן — איך האָב געלייענט ווי אַ שיכור טרינקט בראָנפן. געלייענט האָב איך אָן שום סיסטעם, ווייל ביי אונדז אין שטוב איז ניט געווען ווער עס זאָל אָנפירן מיין גייסטיקע אַנטוויקלונג. איך פלעג אַוועקגיין אין דער איינציקער ביבליאָטעק, וואָס מיר האָבן געהאַט אין שטאָט און פלעג זיך אַליין אויסזוכן ביכער. זייער אָפט האָב איך געלייענט לויטן סיסטעם פון „פּאָליצעס" (וואָס איז געשטאַנען כסדר אויף דער פּאָליצע): ראָמאַנען, היסטאָרישע ביכער, פילאָזאָפישע ווערק, שונד־ביכער אָדער וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונגען, — דאָס איז פאַר מיר געווען אַלץ איינס. איך האָב אַלץ געלייענט מיט התמדה, הגם זייער אָפט האָב איך ניט פאַרשטאַנען וואָס איך האָב געלייענט. צוליב דעם איז מיין גייסטיקע אַנטוויקלונג און מיין בילדונג געווען זייער אַ צופעליקע און אַן אומגלייכע. עס זיינען געווען געביטן אין דער ליטעראַטור אָדער געשיכטע, וואו איך בין געווען גאַנץ גוט באַהאַוונט, — פיל מער איידער אַ דורכשניטלעכער אינטעליגענטער מענטש אין אונדזער שטאָט. עס זיינען אָבער געווען געביטן פון וויסן, וואו איך בין געווען אַן אַבסאָלוטער עם־הארץ און איך האָב געוואוסט ווייניקער איידער אַ דורכשניטלעכער אינגל פון מיין עלטער. איך קען זיך ניט דערמאָנען, צי האָבן סאָציאַלע פּראָבלעמען מיך אינטערעסירט, און עס איז מערקווירדיק, אַז דווקא דער פּריוואַט־לערער, וואָס איך האָב געהאַט, איליאַ סנאָפּ, האָט אויף מיר אין דעם פּרט אין גאַנצן ניט געהאַט קיין ווירקונג. ווי איך האָב מיט פיל יאָרן שפּעטער פאַרשטאַנען, האָט ער בכיוון ניט באַרירט אין זיינע געשפּרעכן מיט מיר קיין „געפערלעכע" טעמעס. סנאָפּ איז אַמאָל, אין זיינע אינגערע יאָרן, געווען אַרעסטירט פאַר פאַרבינדונגען מיט די נאַראָדאָוואָלצעס און איז פאַרשיקט געוואָרן „אין סאָלדאַטן" ערגעץ־וואו אויף קאַווקאַז. בשעת ער איז צוריקגעקומען פון דאָרטן קיין דווינסק, האָט ער חתונה געהאַט, האָט געהאַט קינדער און האָט געלעבט פון פּריוואַטע לעקציעס. איך האָב זיך געקאָנט איבערצייגן אין 1905, ווען איך פלעג קומען קיין דווינסק ווי אַ פאַרטרעטער פון „בונד", אַז ער איז געבליבן אַ סאָציאַליסט און אַ ראַדיקאַל, אָבער אין זיין פּעדאַגאָגישער טעטיקייט האָט ער ניט געהאַלטן פאַר נייטיק אַרויסצואווייזן אויף וועלכן ניט איז אופן זיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען און איז געווען אַ לערער ווי אַלע לערערס.

ווען איך בין געוואָרן בר־מצווה, האָבן מיינע עלטערן באַשלאָסן ענדלעך אַוועקצוגעבן מיך אין אַ קאַזיאָנער שול און מען האָט אויס־

געפוּנען, אַז אַזאַ שוּל, וואו עס איז נאָך פאַראַן אַ וואַקאַנסיע, ד"ה אַ פרייער פּלאַץ פאַר אידן, געפינט זיך אין דער שטאָט פּאָנעווּעזש, קאָוונער גובערניע. אַזוי ווי איך בין אָבער ניט געווען אין גאַנצן צוגעגרייט צו דער פּראָגראַם פון אַ רעאַל־שוּל, האָט מען פאַר מיר אין זומער 1894 גענומען אויף דאַטשע אַ סטודענט פאַר אַ הויז־לערער. צו שטאַרק האָב איך זיך אָבער ניט אָנגעשטרענגט אין דעם דאָזיקן לעצטן און אָנט־שיידנדיקן זומער: דאָס איז געווען גראָד יענער זומער, ווען איך האָב זיך אויסגעלונקען אַ פוס אין אַ „העלדישן קאַמף" מיט אַ לאַטווישן אינגל, דעם זון פון אַ שמיד.

אָבער ניט געקוקט אויף דעם, האָט סוף יולי מיין עלטערע שוועס־טער, וואָס האָט אָקערשט געהאַט געענדיקט גימנאַזיע און איז געווען שוין אַ כלה, מיך אָוועקגעפירט קיין פּאָנעווּעזש און דאָרטן בין איך טאַקע, אמת מיט גרוים מאַטערניש, אָנגענומען געוואָרן אין דריטן קלאַס (אין גאַנצן זיינען דאָרטן געווען 6 קלאַסן). די פיר יאָר, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין פּאָנעווּעזש, זיינען געווען פאַר מיר אויסער־אָרדנטלעך וויכטיק.

5

פּאָנעווּעזש. — די שוּל־חברים

די שילער פון מיין קלאַס, ווי בכלל פון גאַנץ פּאָנעווּעזשער רעאַל־שוּל, זיינען באַשטאַנען פון 90 פּראָצענט קריסטן און געניוע 10 פּראָצענט אידן (דאָס איז געווען אַ געזעצלעכער פּראָצענט און מען האָט אים ניט געטאָרט אַריבערשטייגן), הגם די שטאָט גופא איז געווען אין גאַנצן אַ אידישע. די שילער זיינען געווען, מיט ווינציקע אויסנאַמעס, קינדער פון אַרומיקע ליטווישע פּויערים, פון קליינע באַאַמטע און פון פּריצים. אַ קליינער פּראָצענט שילער, נאָך ווייניקער ווי די אידן, זיינען געווען רוסן, פּראַוואָסלאַווע גרויסרוסן, זין פון אָפיצירן, פון פּריצים און פון מלוכה־באַאַמטע. עס זיינען אויך געווען אַ פּאָר פּאָליאַקן, דאָס רוב קינדער פון אינטעליגענטע פאַמיליעס.

אין מיין דריטן קלאַס זיינען געווען 35 ליטווינער, 2 פּראַוואָס־לאַווע, — איינער דער זון פון אַ נאָטאַריוס און דער צווייטער דער זון פון אַ פּריץ, וואָס האָט געשטאַמט פון פּעטערבורג, — 4 אידן און 2 פּאָליאַקן. די ליטווינער זיינען דאָס רוב געווען שטאַרקע, געזונטע יונגען פון 15, און אָפילו 16 יאָר, דאָס רוב ווייניק אינטעליגענטע. באַזונדערס שווער איז זיי אָנגעקומען רוסיש און רוסישע ליטעראַטור. זיי האָבן אויך ניט געהאַט די אַמביציע צו ענדיקן די שוּל. זייער הויפּטצוועק איז דאָס רוב געווען צו קריגן אַן אַטעסטאַט פון פיר קלאַסן, וואָס דאָס האָט זיי צאַרישן רוסלאַנד געגעבן דאָס רעכט צו ווערן אַ מלוכה־באַאַמטער, אַריינצוטרעטן אין אַ סעמינאַר פאַר גייסטלעכע, און צו האָבן געוויסע

פּריווילעגיעס ביים מיליטער־דינסט. די גייסטיקע, קולטורעלע און אינ־טעלעקטועלע מדרגה פון אונדזער קלאַס איז געווען ביי דער מערהייט פון אַזוינע שילער אַ גאַנץ נידעריקע. אָן אויסנאַם האָבן געבילדעט די פּאָר אידן און די צוויי פּראַוואָסלאַוונע, וואָס האָבן געשטאַמט פון אַ מער אינטעליגענטן קלאַס מענטשן. דער אַנטיסעמיטיזם פון טאָג־טעגלעכן לעבן, וואָס איז געווען, פאַרשטייט זיך, גענוג שטאַרק אויך אין פּאָנע־וועזש, האָט ניט געטראָגן קיין אַגרעסיוון כאַראַקטער און האָט ניט גע־שטערט אונדזער פריינדשאַפט מיט אונדזערע פּראַוואָסלאַוונע חברים. פאַרקערט, אי איך אי מיין חבר זאַקאַס — אַ זון פון אַ פאַרמעגלעכן אידישן פּריוואַט־אַדוואָקאַט („טשאַסטני פּאָווערעני") — פלעגן שטענדיק איינגעלאַדן ווערן אין הויז פון אונדזערע רוסישע מיטשילער און פלעגן זיך טרעפן אָפט מחוץ דער שול אויך. מיר זיינען קולטורעל, לויט אונ־דזער שפּראַך און אינטערעסן, געווען ר ו ס ן. נאָך מער, מיר זיינען געווען די איינציקע אין קלאַס, וואָס האָבן גערעדט ג ו ט רוסיש און זיינען געווען באַהאַוונט אין דער רוסישער ליטעראַטור און גע־שיכטע. די ליטוויש־פּויליש־ווייסרוסישע מערהייט פון קלאַס האָט גע־רעדט רוסיש ביז גאָר שלעכט, און איז געווען זייער ווייט פון דער רו־סישער ליטעראַטור. פּושקין, לערמאָנטאָוו, גאָגאָל, ווער רעדט שוין בעלינסקי, טורגעניעוו, דאָסטאָיעווסקי, טאָלסטאָי זיינען געווען פאַר זיי גאַנץ פרעמדע און אומבאַקאַנטע נעמען. פאַר אונדז זיינען דאָס געווען נאָענטע און ליבע פריינד. דאָס האָט געשאַפן אַ געמיינזאַמקייט צווישן אונדז און די פּראַוואָסלאַוונע. איך בין געווען פאַררעכנט ביי אונדז אין קלאַס פאַר דעם בעסטן רוסישן סטיליסט און קענער פון דער רוסישער ליטעראַטור, — בעסער נאָך ווי מיינע עכט־רוסישע פּראַוואָסלאַוונע חברים. דאַניע זאַקאַס איז געווען אַ רוסישער דיכטער, — וואָרעם ער האָט איבערגעזעצט אויף רוסיש היינען (און זיינע איבערזעצונגען האָבן מיר יעמאָלט געהאַלטן פאַר מייסטערווערק פון דער רוסישער פּאָעזיע). אויך פראַנק און פיעדאַראָוויטש, די צוויי רוסן, זיינען געווען אינטעליגענטע אינגלעך, וואָס האָבן פון הויז אויס געהאַט ליטעראַרישע און אינטעלעקטועלע אינטערעסן.

אַזוי האָט זיך דער קלאַס אויף אַ נאַטירלעכן אופן, דורך דער ליניע פון דער רוסישער קולטור, צעטיילט אויף צוויי מחנות — די ליטוויש־ווייסרוסישע מערהייט און דער אידיש־פּראַוואָסלאַוונער מינדערהייט־בלאָק.

אין די העכערע קלאַסן האָט זיך דער קעגנזאַץ אויסגעגליכן. די גרויסע מאַסע ליטווינער האָט נאָכן פערטן קלאַס פאַרלאָזן די רעאַל־שול, אַזוי אַז פון 42 אינגלעך אין דריטן קלאַס זיינען ביזן זעקסטן קלאַס דערגאַנגען אין גאַנצן 9. פון די ליטווינער זיינען געבליבן די סאַמע אינטעליגענטע און די וואָס זיינען בייגעקומען די שוועריקייטן פון דער רוסישער שפּראַך. איינער פון זיי, דער פּאָלאָניזירטער ליטווינער וואָיט־קעוויטש, איז געוואָרן צום סוף גאָר מיין בעסטער פריינד.

דאָס ערשטע יאָר אין פּאַנעוועזש איז געווען פאַר מיר זייער אַ שווערס. די אומגלייכמעסיקייט פון מיין בילדונג האָט געבראַכט דערצו, אַז אין עטלעכע לימודים בין איך געווען גלענצנד (רוסיש, געשיכטע) און אין אַ טייל לימודים בין איך געווען אין גאַנצן הינטערשטעליק (מאַטעמאַטיק, געאָגראַפיע, צייכענען). דערצו האָב איך ערשט אין עטלעכע חדשים נאָך מיין אַריינטרעטן אין רעאַל־שול דערוואוסט זיך, אַז איך בין היפּש קורצזיכטיק. די ערשטע פּאָר חדשים, זיצנדיק אין קלאַס אויף אַ הינטערער באַנק, האָב איך לחלוטין ניט געזען, וואָס דער לערער שרייבט אויף דעם טאָוול און וואָס עס טוט זיך אויף דער געאָגראַפישער קאַרטע און ווי עס זעט אויס די גיפּסענע סקולפּטור, וואָס מיר האָבן געדאַרפט צייכענען. אַחוץ דעם האָט ביי אונדז אין קלאַס געהערשט, ווי איך האָב שוין געזאָגט, זייער ניט קיין אינטעליגענטער טאָן. די 15—16 יאָריקע, פיזיש זייער שטאַרק אַנטוויקלטע ליטווישע פּויערים־אינגלעך פון דאָרף האָבן געהערשט אין קלאַס מיט זייערע שטאַרקע פויסטן און האָבן זיך היפּש נוקם געווען אין די קלענערע, שוואַכערע און אינגערע קינדער. איך בין געווען ניט גרויס אין וואוקס, מאָגער און בלאַס. אַחוץ דעם בין איך געווען אַ נייער, וואָס איז אָקערשט אָנגעקומען, און אין יעדער שול איז שוין פאַראַן אַזאַ טראַדיציע, אַז נייע שילער פאַרפאָלגט מען. דערצו בין איך נאָך געווען אַ „זשיד" אויך. האָב איך געהאַט אויסצושטיין צרות, מיט שטענדיקע געשלעגן. אָבער דאָ איז מיר צוניץ געקומען די פון טאַטן געירשנטע גבורה און די גע־ניטקייט אין קאַמף וואָס איך האָב געקראָגן בשעת מיין פרייען לעבן אין דענעבורג און אויף די דאַטשעס. די 16 יאָריקע ליטווינער, וואָס זיינען געווען מיט אַ קאָפּ העכער פון מיר, האָבן באַלד באַמערקט, אַז דער נייער, בלאַסער אידל, מיט די קורצזיכטיקע „גרינע" אויגן, איז גאָרניט אַזוי שוואַך און אומשולדיק ווי ער זעט אויס, — בפרט נאָך, ווען ער ווערט אין כעס. (איך בין אין מיינע יונגע יאָרן געווען זייער אַ היציקער און ווען איך פלעג אַרויסגיין פון די כלים פלעג איך קאָנען ווערן ממש געפערלעך). אַזוי אַרום בין איך אין אַ משך פון אַ פּאָר חדשים פאַררעכנט געוואָרן צווישן די „גבורים" פון קלאַס און מער האָט מען מיך שוין ניט געטשעפּעט. אויך מיינע דערפאָלגן אין די לימודים זיינען געוואָרן בעסער ווען איך האָב זיך צוגעוואוינט צו דעם סיסטעמאַטישן לערנען און דער דאָקטאָר האָט מיר פאַרשריבן ברילן, כדי איך זאָל קענען זען, וואָס עס טוט זיך אויף דעם טאָוול. אין דעם ערשטן פערטל יאָר בין איך פון 42 שילער געווען דער 37-טער, אין דעם צווייטן — דער 13-טער, אין דעם דריטן — דער 9-טער און צום סוף יאָר, ביים אַריבערגיין אין פערטן קלאַס, בין איך שוין געווען דער ערשטער. די ליטוויש-ווייסרוסישע חברים פלעגן שטיין אין ריי פאַר מיין שול-באַנק, איך זאָל זיי העלפן שרייבן רוסישע קאָמפּאָזיציעס אָדער מאַכן מאַטעמאַטישע אויפגאַבעס.

6

ערשטע אָנזאָגן אויף רעוואָלוציאָנערע שטימונגען. — מיצקעוויטש, מאַרק בראַידאָ

ווען איך בין געוואָרן אַ גלייכבאַרעכטיקטער און חשובער בירגער פון דער שול־געמיינשאַפט, האָט דאָס מיר געגעבן צייט און מעגלעכקייט אָפּצוגעבן מער אויפמערקזאַמקייט אויף אַנדערע זאַכן.

אָבער די אַנדערע זאַכן זיינען נאָך אַלץ ניט געווען רעוואָלוציע. אמת, דאָ אין פּאָנעוועזש האָב איך זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט מיט געוויסע דערשיינונגען פון רעוואָלוציאָנערן גייסט. ווען מיין שוועסטער און איך זיינען געקומען אַהין און פאַרפאָרן אין אַ האָטעל, האָבן אונדז די אָרטיקע איינוואוינער איינגערוימט אַ סוד, אַז די טאָכטער פון דעם האָטעל־אייגנטימער, אַ פּאָליאַק, איז ניט לאַנג אַרעסטירט געוואָרן פון די זשאַנדאַרמען און איז אַוועקגעפירט געוואָרן קיין פּעטערבורג. וואָס דאָס באַדייט, האָב איך נאָך ניט פאַרשטאַנען, אָבער געזען האָב איך, אַז דאָס איז עפּעס אַ געהיימניספולע זאַך, וועגן וועלכער מען טאָר ניט ריידן. גאָר באַלד האָב איך זיך באַגעגנט מיט „אַזאַ זאַך", — ווידער מצד אַ פּאָליאַק, — אין מיין אייגענעם קלאַס. מיר האָבן געהאַט ביי זיך אַ פּוילישן שילער מיטן נאָמען מיצקעוויטש. דאָס איז געווען אַ גאַנץ אינטעליגענטער און קולטערעלער אינגל, וואָס האָט אָבער שרעקלעך פיינט געהאַט רוסיש, און רוסיש איז אים טאַקע זייער שווער אָנגעקומען. מיר האָבן דעמאָלט ניט פאַרשטאַנען, אַז אין דעם שטעקט רעוואָלוציאָנער־פּוילישער פּראָטעסט. מיר האָבן אָבער יאָ געזען, אַז מיצקעוויטש קריגט זיך שטענדיק מיט די לערערס און אַחוץ דעם רעדט ער שטענדיק דעמאָנסטראַטיוו פּויליש. דאָס איז אָבער ביי אונז אין שול געווען פאַרבאָטן. זינט דעם פּוילישן אויפשטאַנד 1863 זיינען אין דער שטאָט אין די רעגירונגס־אַנשטאַלטן, און אויך אין דער פּאָסט, געהאַנגען פּלאַקאַטן מיט דער אויפשריפט, אַז פּויליש ריידן איז פאַרבאָטן. אויך אין דער רעאַל־שול איז פּויליש געווען שטרענג פאַרבאָטן.

דער קאַמף פון מיצקעוויטשן קעגן דער רוסיפיקאַציע־פּאָליטיק האָט זיך געענדיקט מיט דעם, וואָס מען האָט אים אויסגעשלאָסן פון שול. פאַר מיר איז יעמאָלט ניט געווען קלאָר, צי דאָס איז יושרדיק צי ניט. די שנאה צו רוסיש און צו דער שיינער רוסישער ליטעראַטור איז פאַר מיר, דעם רוסיש אַסימילירטן איד, געווען אומבאַגרייפלעך און די געשיכטע פון פּוילן און פון די פּוילישע קאַמפן האָב איך ניט געקאָנט. אין אונדזערע אָפיציעלע לערנביכער פון געשיכטע איז רוסלאַנד שטענדיק געווען גערעכט און די פּאָליאַקן אוירגערעכטי. אָבער זייער אַ טיפן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט די סצענע, ווי אַזוי מיצקעוויטש איז אַוועק פון אונדז.

דאָס איז געווען אַ שעה פון גימנאַסטיק. און גימנאַסטיק האָט יע־מאָלט געהייסן מיליטערישע גימנאַסטיק. מיר פלעגן מאַרשירן ווי סאָל־דאַטן, מאַכן אַלע סאָלדאַטישע איבונגען, אַרוממאַרשירן איבער דער שטאָט אין מיליטערישע רייען, זינגענדיק סאָלדאַטסקע לידער. אַחוץ דעם, פאַרשטייט זיך, פלעגן מיר שפּרינגען, קלעטערן, לויפן, אָבער אַלץ אויפן מיליטערשן שטייגער. איך האָב זייער ליב געהאַט די שעהן פון גימנאַסטיק. בין געווען אַ גוטער שפּרינגער, לויפער און זינגער, אַזוי אַז איך בין געווען אַפילו אַ „קאָמאַנדיר" פון אַ גאַנצער „ראָטע". דער אמתער קאָמאַנדיר און לערער פון גימנאַסטיק איז אָבער געווען אַן אָפיצער. אונדזער אָפיצער האָט געהייסן סערגעיעוו און איז געווען, אויף וויפיל איך קאָן זיך דערמאָנען, אַ גאַנץ אָנשטענדיקער מענטש. יעדנפאַלס האָט ער ביי אונדז אין קלאַס קיין מאָל ניט פאַרנומען זיך מיט קיין שום רעאַקציאָנערער אָדער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע, און האָט זיך באַצויגן אָנשטענדיק צו אַלע שילער אָן אונטערשייד פון נאַציע. אָבער מיצקעוויטש האָט אים פיינט געהאַט, — ווי איך האָב שפּעטער פאַרשטאַנען, ווייל ער איז געווען אַ רוסישער אָפיצער, — איינער פון די, וואָס האָבן אונטערדריקט פּוילן. האָט ער אים די גאַנצע צייט ניט גע־פאָלגט און חוצפּהדיק געענטפערט. און אָט אין דעם אַנטשיידנדיקן טאָג, ווען מיצקעוויטש האָט גאַנץ עזותדיק אָפּגעענטפערט סערגעיעוון, האָט יענער אים געהייסן אַרויסגיין פון גימנאַסטיק־זאַל.

„גוט, איך וועל אַוועקגיין", — האָט פּרעך אָפּגעענטפערט מיצקע־וויטש און האָט זיך אָנגעהויבן צו קלייבן אין וועג. האָט לאַנגזאַם אָנ־געטאָן זיין מאַנטל, זיין היטל און האָט אָנגעהויבן צו זוכן די קאָלאָשן (עס איז געווען ווינטערצייט). און ניט געפינענדיק גלייך די קאָלאָשן, האָט ער אַ געשריי געטאָן: „עי, סערגעיעוו, דערלאַנג מיר מיינע קאָלאָשן!"

דער קלאַס איז ווי פאַרשטיינערט געוואָרן, הערנדיק אַזאַ לשון פון אַ שילער בנוגע אַ לערער, און דערצו נאָך אַן אָפיצער פון דער קיי־זערלעכער אַרמיי. סערגעיעוו איז געשטאַנען אַ רואיקער און האָט זיך קיין ריר ניט געטאָן. נאָר דער קאָרק איז אים געוואָרן רויט און זיינע אויגן האָבן כמעט אַרויסגעשטאַרצט פון קאָפּ. אין אַ טויטער שטיל־קייט איז מיצקעוויטש אַרויסגעגאַנגען פון זאַל און האָט אַ טראַסק געטאָן מיט דער טיר. מער האָבן מיר אים ניט געזען.

אָבער אויך אָט דער צוזאַמענשטויס האָט ניט אַרויסגערופן אין אונדזער קלאַס קיין פּאָליטישע געשפּרעכן און האָט מיך ניט געשטויסן אויף פּאָליטישע געדאַנקען. איך בין געווען צו פיל פאַרנומען מיט אַנדערע זאַכן. אַחוץ דעם, רעכען איך, — איז דער טיפערער מאָטיוו פון דעם צוזאַמענשטויס געווען פאַר מיר יעמאָלט ניט קלאָר.

נאָך איין געשעעניש איז געווען וואָס האָט געקאָנט אָננעמען אַ פּאָ־ליטישע פאָרם, און האָט עס אָבער ניט אָנגענומען. בשעת עס איז

געשטאָרבן אַלעקסאַנדער דער דריטער (אין אָקטאָבער 1894) האָט מען די שילער אויסגעשטעלט אין רייען ווי סאָלדאַטן, אָוועקגעפירט אין פּראַוואָסלאַוונעם סאָבאָר פּראַווען אַ „פּאַניכידע" (טרויער-דינסט) נאָך דעם פאַרשטאָרבענעם אַליינהערשער פון רוסלאַנד.

אַזוי ווי מיר, אידישע שילער, זיינען קיין מאָל ניט געגאַנגען אין דער קריסטלעכער קירך (פאַר „זאַקאָן באָזשי", ד. ה. דעם רעליגיע-לימוד האָבן מיר געהאַט אַ באַזונדערן אידישן לערער, — דער פעטער פון מיין חבר זאַקאַס), האָבן מיר ניט געוואוסט, צי זאָלן מיר אויך מיטגיין. בין איך צוגעגאַנגען צו אונדזער אינספּעקטאָר, אַ קליינוואוקסיקן מענטשעלע מיט אַ גרויסער, קיילעכדיקער, העלרויטער באָרד, און האָב אים געפרעגט, צי זיינען מיר, אידישע שילער, מחויב צו גיין צו דער פּאַניכידע. דאָס איז געווען גראָד נאָך דעם, ווי עס איז אָנגעקומען די טעלעגראַמע וועגן דעם קייסערס טויט. יודעניטש איז געשטאַנען מיט טרערן אין די אויגן און האָט מיר געענטפערט מיט אַ ציטערנדיקער שטים: „געוויס, אַ מענטש איז דאָך געשטאָרבן".

איך האָב דאָס איבערגעגעבן די איבעריקע שילער און מיר זיינען אַוועק צוזאַמען מיט דער גאַנצער שול אין קירך. דאָרטן בין איך געשטאַנען פון הינטן, איינגעקלעמט אין אַ גרויסער מאַסע מענטשן, און ווען עס איז געקומען דער מאָמענט, ווען דער גאַנצער עולם האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די קני, האָב איך דאָס, פאַרשטייט זיך, אויך געטאָן. און אַזוי ווי איך בין געשטאַנען פון הינטן און אַ קורצזיכטיקער בין איך אויך, האָב איך קיין זאַך ניט באַמערקט און איך האָב ניט געוואוסט, אַז אין דער קירך איז פאָרגעקומען אַן אומגעוויינטלעכע פּאַסירונג, וואָס האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אין דער גאַנצער שטאָט.

ווען דער גאַנצער עולם האָט זיך געשטעלט אויף די קני, איז איין איינציקער געבליבן שטיין אין מיטן קירך, און דאָס איז געווען דער אידישער שילער מאַרק בראַידאָ, אַ אינגל מיט אַ קלאַס העכער און מיט אַ 2—3 יאָר עלטער פאַר מיר. גלייך ווי ער איז אַרויס פון דער קירך, האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסער טומל צווישן אונדזער „נאַטשאַלסטווע", און עס איז געקומען אַ זשאַנדאַרם אויסצופאָרשן, וואָס עס איז געשען. האָט בראַידאָ דערקלערט, אַז די אידישע רעליגיע דערלויבט ניט, אַז אידן זאָלן זיך בוקן אין אַ קירך צו פרעמדע געטער. עס איז געמאַכט געוואָרן אַן אונטערזוכונג און די זשאַנדאַרמעריע האָט זיך איבערצייגט, אַז דאָ האַנדלט זיך ניט וועגן אַ „רעוואָלוציאָנערער דעמאָנסטראַציע" קעגן צאַריזם, נאָר וועגן אַן אויסדרוק פון אידישער רעליגיעזקייט. און אַזוי ווי דער „שולדיקער" איז געווען אַ אינגל פון 16 יאָר, הגם אַ הויכגעוואַקסענער, האָט מען דעם ענין דערשטיקט און דעם אינספּעקטאָר האָט מען געהייסן, אַז מען זאָל אידישע שילער מער קיין מאָל ניט מיטנעמען אין קירך.

אויך דאָס האָט מיך ניט אַרויפגעבראַכט אויף קיין שום רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען אין מיין הויכן עלטער פון 14 יאָר. אָבער דער אויטאָ-

ריטעט פון מאַרק בראַידאַ איז געוואַלטיק אויסגעוואַקסן אין דער גאַנצער שטאָט און בפרט צווישן די שילער.

דער דאָזיקער מאַרק בראַידאַ, וועגן וועלכן איך רייד דאָ, איז יענער בראַידאַ, וואָס איז שפּעטער געוואָרן איינער פון די אָנגעזעענע טוערס אין דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, אַ מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט, איינער פון די וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער באַרימטער יאַקוטסקער טראַגעדיע. ער איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געשטאָרבן אין דער עמיגראַציע אין לאָנדאָן. זיין פרוי איז די באַרימטע עווא בראַידאַ, וואָס האָט אַליין אויך געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד און וואָס געפינט זיך איצט אין סאָוויעט־רוסלאַנד, פאַרשיקט אין דער ווייסטער מאָנגאָלישער געגנט אויפן גרענעץ פון כינע.

דער דאָזיקער מאַרק בראַידאַ, און באַזונדערס זיין עלטערער ברודער לעוו בראַידאַ, וואָס איז איצט אין ניו־יאָרק, האָבן בכלל געשפּילט אין מיין לעבן אַ גאַנץ גרויסע ראָלע. באַקענט האָב איך זיך מיט זיי טאַקע אין פּאָנעוועזש, בשעת מיין שוועסטער האָט מיך געבראַכט אַהין האַלטן עקזאַמען אין דריטן קלאַס. יעמאָלט האָט דער עלטערער בראַידאַ גראַד געבראַכט אַהין זיין אינגערן ברודער מאַרק צו האַלטן עקזאַמען אין 4־טן קלאַס. און לעוו האָט מיר פאַרן עקזאַמען אַ ביסל אויסגעהאָלפן אין דייטש. פון יעמאָלט אָן זיינען מיר געוואָרן באַקאַנט און באַפריינדעט.

7

זעלבסט־בילדונג, מוזיק און געהיימעניספולע פּאָטאָגראַפיעס

דערוויילע וואָס בין איך געווען אין גאַנצן פאַרטאָן אין לערנען, אין ליטעראַטור און ספּאָרט, אַזוי ווי מען האָט אים פאַרשטאַנען צו יענער צייט אין פּאָנעוועזש; זומערצייט פאָרן אויף אַ שיפל אויף דעם טייך נעוויאַזשע, אָדער רייטן הינטער שטאָט אויף פערד; ווינטערצייט גליטשן זיך מיט גליטשערס איבער די פאַרפראָרענע לאָנקעס און טאַקע אויפן זעלבן טייך, וואו מען פלעגט קאָנען לויפן אַ גאַנצן צענדליק ווי־אָרסט ביז צו דער גרויסער „וואַסער־מיל".

זייער אַ גרויסע ראָלע האָבן יעמאָלט געשפּילט אין מיין לעבן צוויי זאַכן: ערשטנס, האָט יעמאָלט אַ ליבעראַלער קאָמיטעט פאַר זעלבסט־בילדונג אַרויסגעגעבן אין מאָסקווע זייער אינטערעסאַנטע פּראָגראַמען און ביכער פאַר זעלבסט־בילדונג. איך בין געווען אָן אַבאָנענט אויף די ביכער און פּראָגראַמען, האָב זיי פלייסיק שטודירט און געמאַכט פאַר זיי פּראָפּאַגאַנדע צווישן די שילער. דערביי האָב איך זיך פאַראינטערעסירט ניט נאָר מיט ליטעראַטור און געשיכטע, וואָס דאָס זיינען שוין געווען מיינע אַלטע פאַכן, נאָר אויך מיט נאַטור־וויסנשאַפט און מאַטע־

מאַטיק, און איך בין באַלד געוואָרן אין דער שול איינער פון די ברע־נענדיקסטע אָנהענגער און ליבהאָבער פון מאַטעמאַטיק.

מיינע אַ צווייטע ליידנשאַפט איז געווען מוזיק. פאַר דעם איז געווען דער צענטער דאָס הויז פון די זאַקאָמס. די זאַקאָמס האָבן געהאַט אַ שיין הויז אין אַ גרויסן גאָרטן מיט וואונדערלעכע פרוכטביימער. די באַרנעס („סאַפּיעזשאַנקעס") און די גרויסע בלויע פלוימען פון זאַקאָמס גאָרטן האָב איך שפּעטער קיין מאָל ניט געקאָנט פאַרגעסן. אַחוץ דעם גרויסן הויז, וואו עס האָבן געוואוינט די עלטערן און אַ טאַנטע, איז גע־ווען נאָך אַ קליין הייזל אין גאָרטן, וואו עס האָבן אין גאַנצן געבאַלעבאַ־טעוועט די קינדער, ד"ה די צוויי אינגערע קינדער דאַניע און מאַקסים, וואָס זיינען געווען מיינע חברים אין קלאַס. עס זיינען געווען אָבער אויך דריי עלטערע ברידער און אַלע דריי אויסגעצייכנטע מוזיקאַנטן. זיי זיינען געווען סטודענטן, וואָס האָבן שטודירט אין פאַרשיידענע אוניווערסיטעטן אָבער זיי פלעגן זייער אָפט קומען אַהיים און דאָ פלעגן פאָרקומען אמתע קאָנצערטן וואָס זיינען געגעבן געוואָרן פון די עלטערע ברידער זאַקאָם און זייערע פריינד. גאַנצע אָוונטן פלעג איך פאַרברענ־גען דאָרטן צו הערן די טריאָס פון מענדעלסאָן, די קאָנצערטן פון בעט־האָוון א"ג. אָבער נאָך איין זאַקאָם איז געווען מוזיקאַליש. דאָס איז געווען דער אָנקל פון מיינע חברים, דער אינגערער ברודער פון אַדוואָ־קאַט, וואָס איז געווען אונדזער לערער פון אידישער רעליגיע און פון מוזיק. ער האָט געהאַט אַ קליינע אָבער אָנגענעמע שטים; ער פלעגט פאַר אונדז זינגען גאַנצע אָוונטן — לידער פון שובערטן, שומאַנען און אַנדערע. ער האָט זייער האַלט געהאַט צו פאַרזאַמלען אַרום זיך יונגוואַרג און האָט אונדז שטענדיק איינגעלאַדן צו זיך אויף זיינע זינג־אָוונטן.

נאָך אַ באַקאַנטשאַפט, אָבער גאָרניט אויפן געביט פון מוזיק, האָב איך געמאַכט, אָדער ריכטיקער געקאָנט מאַכן דורך די זאַקאָמס. די מוטער פון מיינע פריינד איז געווען אַ געבאָרענע מוטניקאָוויטש און זי האָט געהאַט אַ אינגערן ברודער, וועגן וועלכן מען האָט אין זאַקאָמס הויז דערמאָנט זייער געהיימניספול. ווען איך האָב וועגן אים געפרעגט, האָט מען מיר געענטפערט שטענדיק, אַז ער געפינט זיך אין אויס־לאַנד, און שטודירט דאָרטן. אָבער מיין פריינד דאַניע האָט מיר אַמאָל אויסגעזאָגט ווי אַ שרעקלעכן סוד, אַז דער דאָזיקער אָנקל מוטניקאָ־וויטש איז אַ רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט געמוזט אַנטלויפן קיין אויס־לאַנד. דאָס איז געווען ג ל ע ב, דער באַרימטער טוער פון „בונד", איינער פון די וואָס האָבן אים געגרינדעט און זיינען אַריין אין ערשטן צענטראַל־קאָמיטעט אין 1897.

מיט אַכט יאָר שפּעטער האָב איך זיך מיט דעם דאָזיקן גלעבן באַ־קאַנט אין זשענעווע, וואו איך בין שוין אַליין אויך געקומען ווי אַ בונ־דישער עמיגראַנט, אַן אַנטלאָפענער פון רוסלאַנד.

און נאָך אַ ווייטערדיקע באַקאַנטשאַפט, זייער אַן אינטערעסאַנטע, אָבער אויך אַן אומדירעקטע, האָב איך געמאַכט יעמאָלט אין פּאָנעוועזש.

אין דעם הויז וואו די עלטערן האָבן פאַר מיר געדונגען קעסט, האָט אויפן צווייטן עטאַזש געוואוינט אַ פאַמיליע אײַזנשטאַט, וואו עס זײַנען געווען דרײַ טעכטער און אַ זון. דער זון איסאַק האָט זיך געלערנט אין דער זעלבער רעאַל-שול, וואָס איך, נאָר מיט אַ קלאַס העכער. שפּעטער איז ער געבליבן אויף נאָך אַ יאָר און איך האָב אים דעריאָגט. זײַנען מיר געזעסן אויף איין בענקל און האָבן זיך גאַנץ גוט באַפרײַנדעט. און בײַ אים אין הויז האָט ער מיר איין מאָל געוויזן אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ יונגנמאַן מיט אַ שוואַרצער בערדל, וועגן וועלכן מען האָט אויך גערעדט עפּעס געהיימניספול, און איסאַק האָט מיר איין מאָל פאַרטרויט, אַז דער דאָזיקער ברודער איסאַי איז געזעסן אין טורמע און געפינט זיך איצט ערגעץ-וואו אין סיביר. דער דאָזיקער איסאַי איז דער חבר יודין-אײַזנשטאַט, אַ פּיאָנער פון „בונד" און רוסישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, וואָס איז 1937 געשטאָרבן אין פּאַריז. אין 1895 האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען יודינען אויף אַ פאָטאָגראַפיע. אין 1903 האָב איך זיך מיט אים געטראָפן אין צוריך אויף דעם פינפטן צוזאַמענפאָר פון „בונד".

פּאָנעוועזש איז געווען אַ גאַנץ דורכשניטלעך שטעטל אין ליטע. אין אָט דעם קליינעם שטעטל מיט אַ 10 טויזנט איינוואוינער האָב איך זיך באַגעגנט מיט פיר מענטשן וואָס האָבן שפּעטער געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. דאָס איז געווען ניט קיין אויסנאַם, דאָס איז געווען דער כלל. דאָס גאַנצע לעבן פון דער אידישער אינטעליגענץ שוין אין דער צײַט פון מײַן פריסטער יוגנט איז געווען דורכגעדרונגען מיט רעוואָלוציאָנערע שטימונגען.

איך בין אָבער נאָך געווען צו יונג, כדי דאָס צו פאַרשטיין און דאָס אויפצונעמען אין זיך. ערשט ווען איך בין אַלט געוואָרן 17—18 יאָר, — איך בין יעמאָלט געווען אין לעצטן, זעקסטן, קלאַס פון דער רעאַל-שול, — האָב איך צום ערשטן מאָל אַרײַנגענומען אין די הענט אַ רעוואָלוציאָנערע בראָשור.

8

די ערשטע אומלעגאַלע בראָשור. — קאַרל קאַוטסקי און מאַקס נאָרדאַו

די מעשה איז פאָרגעקומען אַזוי:

איין מאָל בשעת אַ לעקציע האָב איך זיך דערמאָנט, אַז איך האָב פאַרגעסן אַ העפט מיט אַ שולאַרבעט אין מײַן מאַנטל. האָב איך געבעטן בײַ דעם לערער די דערלויבעניש אַרויסצוגיין פון קלאַס נעמען דאָס העפט. איך בין אַראָפּגעגאַנגען אַהין, וואו עס זײַנען געהאָנגען אַלע מאַנטלען, בין צוגעגאַנגען צו דעם אָרט, וואו עס איז שטענדיק געהאָנגען מײַן מאַנטל, — אַלע מאַנטלען זײַנען געווען גלײַך, שוואַרצע

— און אַריינגערוקט די האַנט אין קעשענע. אָבער אַנשטאָט מיין חעפט, האָב איך אַרויסגעצויגן פון מאַנטל עפּעס גאָר אַן אַנדער זאַך: אַ דיק דייטש ביכל און אין אים — אַ בריוו. האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך האָב געהאַט אַ טעות און בין אַריינגעקראָכן אין אַ פרעמדן מאַנטל. אָן שום כוונות, פּשוט צוליב נייגעריקייט, האָב איך אַ קוק געטאָן, וואָס פאַר אַ ביכל דאָס איז. אויפן ביכל איז געשטאַנען: „דאָס ערפורטער פּראָגראַם" פון קאַרל קאַוטסקי.

דער נאָמען איז מיר געווען גאַנץ אומבאַקאַנט. ערפורט, האָב איך געוואוסט, איז אַ שטאָט אין דייטשלאַנד, אָבער וואָס „ערפורטער פּראָגראַם" באַדייט — איז פאַר מיר געווען אין גאַנצן אַ רעטעניש.

איך האָב אָנגעהויבן צו בלעטערן אין בוך און האָב דערזען, אַז דאָס האָט צו טאָן מיט אַזוינע ווערטער, ווי סאָציאַליזם, אַרבעטער־באַוועגונג אאַז"וו.

אונטן איז געווען לייִדיק, ווייל אַלע שילער זיינען געווען אין די קלאַסן. פאַר מיין לערער חאָב איך קיין מורא ניט געהאַט, האָב איך אָנגעהויבן, שטייענדיק, צו לייענען דאָס ביכל. איך האָב אָבער דערזען אין עטלעכע מינוט אַרום, אַז איך פאַרשטיי זייער ווייניק פון דעם, וואָס דאָרטן שטייט. ניט נאָר דערפאַר, וואָס איך האָב ניט געקאָנט גענוג דייטש, נאָר דער עיקר צוליב דעם, וואָס די ענינים זיינען מיר געווען אין גאַנצן פרעמד און אומפאַרשטענדלעך. אָבער איך האָב געזען, אַז דאָס איז עפּעס אַ געהיימעניספולע זאַך, און מיין נייגעריקייט האָט זיך אין מיר שטאַרק דערוועקט. אין ביכל איז געלעגן אַ בריוו. צו ערשט האָב איך דעם בריוו ניט געטשעפּעט, ווייל איך האָב בכלל ניט געהאַט אין זינען צו אינטערעסירן זיך מיט פרעמדע סודות. אָבער איך האָב געזען, אַז דאָס איז ניט קיין פּערזענלעכע געהיימעניש, נאָר אַ פּאָלי־טישע זאַך. האָב איך זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן און האָב אַריינ־געקוקט אין בריוו. און פון אָט דעם בריוו האָב איך פאַרשטאַנען, ערשטנס, אַז די בראָשור מיט דעם מאַנטל געהערן צו מאַרק בראַידאָ, צווייטנס, אַז דער בריוו איז פון זיין עלטערן ברודער לעוו, דריטנס אָבער האָב איך פאַרשטאַנען פון דעם בריוו, אַז אין פּאָנעוועזש גופא טוען זיך עפּעס געהיימעניספולע זאַכן, וועגן וועלכע איך האָב גאָר קיין אַנונג ניט געהאַט: עפּעס קרייזלעך, עפּעס לעקציעס, עפּעס מאָדנע ביכלעך, וואָס ווערן ניט אָנגערופן מיטן פולן נאָמען. אָבער מער פאַר אַלץ האָט מיך פאַראינטערעסירט איין טייל פון בריוו, וואו עס רעדט זיך וועגן דעם, אַז מען דאַרף פּרואוון באַקומען אַ דערלויבעניש אויף צו לייענען לעקציעס מיט ליכטבילדער („טומאַנע קאַרטינעס", האָט מען דאָס גערופן אויף רוסיש). אַזעלכע לעקציעס האָבן אָפט מאָל געהאַלטן אונדזערע לערער ביי אונדז אין רעאַל־שול, אָבער אַז מען קאָן אַליין האַלטן אַזעלכע לעקציעס און דערמיט אויפקלערן אַרבעטער און פּשוטע מענטשן, ניט קיין גימנאַזיסטן, — דאָס איז געווען אַ נייער איינפאַל פאַר מיר, אַ געדאַנק וואָס איז מיר שטאַרק געפעלן געוואָרן.

דערווייל האָט אָבער אָנגעהויבן צו קלינגען דער גלאָק, די קלאַסן האָבן זיך געענדיקט, און איך האָב געמוזט אויף גיך פאַרדעקן די שפּורן פון מיין פאַרברעכן. איך האָב האַסטיק אַריינגערוקט די בראָשור מיט דעם בריוו אין דער קעשענע פון בראַידאָס מאַנטל, האָב געפונען מיין אייגענעם מאַנטל, אַרויסגענומען פון אים מיין העפט, און אַוועק צוריק אין קלאַס.

ווי איך האָב שוין פריער דערציילט, איז בראַידאָ געווען מיט אַ קלאַס העכער פאַר מיר און מיט צוויי-דריי יאָר עלטער. עס האָט געדויערט עטלעכע טעג, ביז איך האָב אָנגעקליבן אין זיך אַזוי פיל מוט, אַז איך האָב זיך דערוועגט צוצוגיין צו בראַידאָן און זיך מודה צו זיין פאַר אים, אַז איך האָב צופעליק, ניט ווילנדיק, דערזען ביי אים אין קעשענע אַ דייטשע בראָשור, און איך וואָלט זי זייער געוואָלט דורכלייענען.

ווען דעם אָבער, אַז איך האָב דורכגעלייענט דעם בריוו פון זיין ברודער, האָב איך פאַרט ניט געהאַט קיין מוט אים צו זאָגן. עס איז מיר געווען זייער פיינלעך צו פאַרשווייגן אַזאַ פאַרברעך, אָבער איך האָב זיך געשעמט זיך מודה צו זיין אין דעם.

בראַידאָ איז געווען אַביסל אומצופרידן, דער עיקר מיט דעם, וואָס ער איז געווען אַזוי אומפאָרזיכטיק: געלאָזן אַן אומלעגאַלע בראָשור ליגן אין קעשענע פון מאַנטל. אָבער פונדעסטוועגן האָט ער ניט געקאָנט גיין צוריק און האָט מיר די בראָשור אַנטליען.

איך לייען אָפּט אין פאַרשיידענע זכרונות, ווי אַזוי אַ צופעליק דורכגעלייענטע בראָשור אָדער בוך האָט מיט אַ מאָל איבערגעקערט די גאַנצע פּסיכאָלאָגיע און די שטימונג פון אַ מענטשן. ביי מיר איז דאָס ניט געווען אַזוי, און איך מוז זיך מודה זיין, אַז די „ערפורטער פּראָגראַם" האָט אויף מיר יעמאָלט קיין גרויסן איינדרוק ניט געמאַכט, און קיין שום איבערקערעניש איז אין מיר ניט פאָרגעקומען. ווי עס ווייזט אויס, בין איך נאָך יעמאָלט ניט געווען גייסטיק און פּסיכאָלאָגיש צוגעגרייט צו אַ רעוואָלוציאָנערן געדאַנקען-גאַנג.

אַ פיל-פיל שטאַרקערן איינדרוק האָט שוין געמאַכט אויף מיר אַ בוך, וואָס איך האָב געלייענט אַביסל שפּעטער, און וואָס האָט אייגנטלעך ניט קיין זייער גרויסן ווינסנשאַפטלעכן און אַפילו ניט קיין גרויסן ליטעראַרישן ווערט. דאָס איז געווען דאָס בוך פון מאַקס נ אָ ר ד אַ ו: „דער קאָנווענציאָנעלער ליגן" (די ליגנס צו וועלכע מען איז צוגעוואוינט).

די אויבערפלעכלעכע, אָבער גלענצנדע און בייסיקע פּאַראַדאָקסן און סאַטירישע באַמערקונגען פון מאַקס נאָרדאו האָבן טאַקע אין דער אמתן געמאַכט אויף מיר זייער אַ שטאַרקן איינדרוק, אַזוי אַז איך האָב אַ שול-אַרבעט, — אויב איך האָב ניט קיין טעות, — אויף דער טעמע: „דער נוצן פון אַרבעט פאַר דעם מענטשן" — אָנגעשריבן אין אַ שאַרף סאָציאַליסטישן און רעוואָלוציאָנערן גייסט, אונטערשטרייכנדיק דעם

גוואַלטיקן אונטערשייד צווישן מענטשן וואָס אַרבעטן און האָבן פון דעם קיין נוצן ניט, און אַנדערע מענטשן, וואָס אַרבעטן ניט און האָבן זייער פיל נוצן פון פרעמדער אַרבעט.

ניט אויף דעם האָט זיך געריכט דער לערער פון אַ שילעראַרבעט, וואָס האָט געזאָלט „באַווייזן״ אויף דעם געוויינטלעכן אויסגעדראָשענעם אופן דעם ניט זייער אָריגינעלן געדאַנק, אַז אַ מענטש, וואָס אַרבעט איז העכער און גליקלעכער פאַר דעם מענטשן, וואָס גייט אַרום פוסט און פאַס. דער גוטער לערער, קרוקאָווסקי, אַ גאַנץ ליבעראַלער און אַנשטענדיקער מענטש, וואָס איז צו מיר פּערזענלעך געווען באַזונדער פריינדלעך צוליב מיין גוטן רוסיש און מיין אינטערעס צו דער רוסישער ליטעראַטור, איז געווען אויסער זיך פון שרעק, ווען ער האָט דורכגעלייענט מיין רעוואָלוציאָנערע „סאָטשינעניע״. ער איז געקומען אויפן צווייטן טאָג אַ בלייכער און אַ ציטערדיקער צו מיר, האָט מיר אָפּגעגעבן די אַרבעט און האָט דערקלערט, אַז איך דאַרף זיך שעצן גליקלעך, וואָס ער האָט די אַרבעט ניט איבערגעגעבן דער נאַטשאַלסטווע, וואָרעם פאַר אַזעלכע רייד און געדאַנקען „גיט מען ניט קיין גלעט איבערן קעפּעלע״.

די דאָזיקע רעוואָלוציאָנערישקייט איז געווען אין גאַנצן אַן אַבסטראַקטע, זי האָט גאָרניט געהאַט צו טאָן ניט מיט פּאָליטיק און ניט מיט רוסלאַנד. אָבער דאָס איז שוין געווען אַן אָנהייב.

נאָר אין מיין באַוואוסטזיין בין איך נאָך ניט געווען אַזוי ווייט. פיל מער ווי פּאָליטישער קאַמף און רעוואָלוציע האָט מיך פאַרנומען די פראַגע וועגן קולטור־אַרבעט צווישן פאָלק, וואָס דעם שטויס דערצו האָט מיר געגעבן דער „אומלעגאַל״ דורכגעלייענטער בריוו פון די ברידער בראַידאָ.

9

די „עקסטערניקעס״. — מיינע תלמידים. — קולטור־טרעגערישע חלומות

עס קאָן זיין, אַז די דאָזיקע קולטור־טרעגערישע שטימונג איז ביי מיר פאַרשטאַרקט געוואָרן אויך צוליב דעם, וואָס איך האָב זיך זייער פיל פאַרנומען מיט פּעדאַגאָגישער אַרבעט, אָדער באַשיידענער געזאָגט — מיט געבן לעקציעס אַנדערע קינדער.

דאָס האָב איך געטאָן, ווייל איך האָב געמוזט פאַרדינען. די געשעפטן ביי מיין פאָטער זיינען יעמאָלט געגאַנגען ניט זייער גלענצנד, און אַחוץ דעם האָב איך ניט געוואָלט זיין אָפּהענגיק פון דער היים. און אַזוי ווי איך בין געווען אַ גוטער שילער און בין פאַררעכנט געוואָרן אין שטאָט פאַר זייער אַ גוטן „רוס״ און „מאַטעמאַטיקער״, האָב איך שטענדיק געקאָנט האָבן מער לעקציעס, איידער איך האָב געהאַט צייט,

און האָב גאַנץ גוט פאַרדינט. אָבער אַחוץ די לעקציעס, פאַר וועלכע מען האָט געצאָלט, האָב איך געהאַט אויך אומזיסטע לעקציעס, און טאָקע גאָר ניט ווייניק.

יעמאָלט איז געווען די צייט, ווען עס האָט זיך גראָד אָנגעהויבן די גרויסע כוואַליע פון „עקסטערניקעס“ צווישן די אידן. קינדער פון אָרע־מע עלטערן, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין מיטלען צו דינגען אַ לערער; ישיבה־בחורים, וואָס פלעגן עסן טעג; יונגע מיידלעך, וואָס האָבן ניט געוואָלט ווארטן אויף אַ חתן, — אַלע האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף בילדונג. און אַזוי ווי אָנקומען אין אַ גימנאַזיע אָדער אַ רעאַל־שול איז געווען כמעט ווי אוממעגלעך צוליב די פּראָצענטן, האָט מען דעם אויס־וועג געפונען אין דעם, וואָס מען האָט זיך צוגעגרייט צום עקזאַמען פון אַ רעאַל־שול אָדער אַ גימנאַזיע ביי זיך אין דער היים. די געזעצן האָבן דאָס דערלויבט. אַזוי אַרום זענען שטענדיק, אַחוץ די עטלעכע צענדליק אידישע קינדער, וואָס זיינען געווען ריכטיקע שילער פון אַ גימנאַזיע (צען פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל) נאָך געווען עטלעכע צענדליק, און אַ מאָל אַ הונדערט יונגע קינדער, וואָס האָבן זיך געגרייט צום עק־זאַמען ווי עקסטערניקעס (דרויסנדיקע שילער). צווישן די דאָזיקע עקס־טערניקעס זיינען געווען אַ גרויסע צאָל קינדער פון אָרעמע לייט, און די באַלעבאַטישע קינדער, וואָס האָבן געהאַט די זכיה צו לערנען זיך אין גימנאַזיע, האָבן באַטראַכט ווי אַ מין נאַציאָנאַלע פליכט צו העלפן די עקסטערניקעס, זיי זאָלן פאַרטיק ווערן צו די עקזאַמענס. אַזוי האָט יע־דערער פון אונדז, אַחוץ די באַצאָלטע שילער, געהאַט עטלעכע אומזיסטע עקסטערניקעס.

די קאָלעקציע פון מיינע שילער אין פּאָנעוועזש (באַצאָלטע און אומזיסטע) איז געווען זייער אַ קאָלירפולע: אַן 18־יאָריקער פּוילישער גראַף, וואָס האָט צוליב פוילקייט ניט אויסגעהאַלטן די עקזאַמענס און וואָס איך האָב אים געדאַרפט „אַריינגעמען אין די הענט“; קליינע אינג־לעך פון 2־טן און 3־טן קלאַס, וואָס האָבן שלעכט פאַרשטאַנען אַריט־מעטיק; יונגע באַלעבאַטישע פריילינס, וואָס האָבן זיך געגרייט צום עקזאַמען אין גימנאַזיע; אַ יונגער קליינשטעטלדיקער מלמד פון אַ יאָר 22, וואָס האָט אַוועקגעוואָרפן זיין קנעלונג און האָט געוואָלט ווערן אַ דאָקטאָר; אַ ריי ישיבה־בחורים פון וואָלאָזשין און פון סמאָרגאָן, וואָס זיינען געוואָרן אפּיקורסים און האָבן זיך גענומען צו דער „גויאי־שער“ וויסנשאַפט.

מיינע פּעדאַגאָגישע באַשעפטיקונגען האָבן אין מיר זייער פאַר־שטאַרקט די אַכטונג פאַר אַ סיסטעמאַטישער בילדונג און קולטור און האָבן געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף מיינע קולטור־טרעגערישע שטי־מונגען. און זיי זיינען ביי מיר אין יענער צייט געווען גרעסער איידער דער אינטערעס אין רעוואָלוציאָנערע און סאָציאַלע פּראָבלעמען.

גלייך דעם נאָנטסטן זומער, לעבנדיק אויף דאַטשע, אין אַ קליין שטעטל ליוועןהאָף, צווישן דווינסק און ריגע, האָב איך געמאַכט דעם ערשטן פּרואוו דורכצופירן אין לעבן די דאָזיקע קולטור־טרעגערישקייט צווישן דער אידישער באַפעלקערונג און צו אָרגאַניזירן אַט יענע עפנט־לעכע לעקציעס מיט ליכטבילדער, וואָס האָבן ביי מיר אַזוי שטאַרק אויס־גענומען אין דעם בריוו, וואָס איך האָב בשתיקה אַרויסגענומען פון בראַידאָס מאַנטל.

און דאָ האָב איך זיך מיט אַ מאָל דערוואוסט וועגן אַ ריי זאַכן, וועגן וועלכע איך האָב גאָר פריער ניט געטראַכט. ערשטנס, כדי צו אָרגאַניזירן אַזוינע לעקציעס, דאַרף מען האָבן אַ דערלויבעניש פון דער פּאָליציי און פון אַ ריי אַנדערע „נאַטשאַלסטוועס"; צווייטנס, מוזן די לעקציעס פריער דורכגעקוקט ווערן פון דער צענזור און מוזן דערלאַנגט ווערן אין אַ געשריבענער פאָרם; דריטנס, כדי צו באַנוצן אַ לאַטערנע פאַר די ליכטבילדער, דאַרף מען האָבן נאָך אַ באַזונדערע דערלויבעניש, און די מענטשן, וואָס אָרגאַניזירן אַזוינע לעקציעס, מוזן האָבן באַזונ־דערע באַשטעטיקונגען פון גובערנאַטאָר אאַז"וו אאַז"וו. און קיין איינ־ציקע פון די דאָזיקע באַשטעטיקונגען און דערלויבענישן קען אַ איד ניט קריגן, און מאַכן די דאָזיקע לעקציע אויף אידיש טאָר מען בכלל ניט, און אויף רוסיש האָט עס קיין צוועק ניט, ווייל די שטעטלדיקע אידן פאַרשטייען קיין רוסיש ניט.

איך האָב זיך אַזוי פיל פאַראינטערעסירט מיט דעם דאָזיקן פּראָ־יעקט, אַז איך בין ספּעציעל צוגעפאָרן קיין ריגע צו דער „חברה מפיצי השכלה", כדי צו באַקומען די נויטיקע אינפאָרמאַציע און די נויטיקע אונטערשטיצונג.

און דאָ האָב איך זיך איבערצייגט, אַז מיין חלום וועגן פריד־לעכער קולטור־טרעגערישער טעטיקייט איז טאַקע ניט מער ווי אַ חלום, ווייל די באַדינגונגען פון רוסישן צאַריזם האָבן דאָס ניט דערלאָזט.

אין אַ קליינעם מאַסשטאַב איז מיט מיר פאָרגעקומען דאָס, וואָס עס האָט איבערגעלעבט די גאַנצע רוסישע אינטעליגענץ מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר פריער: געשטרעבט צו ריין קולטור־טרעגערישער אַרבעט צווישן די מאַסן און איינגעזען, אַז אונטער דעם רעזשים פון די רוסישע צאַרן איז דאָס ניט מעגלעך.

און נאָך אַ זאַך איז געקומען, וואָס האָט מיך שרעקלעך אויפגע־טרייסלט און מיך אַרויסגעבראַכט פון מיין קולטור־טרעגערישן גלייכ־געוויכט. אין די יאָרן 1896-1897 איז אין רוסלאַנד אויסגעבראָכן אַ טייל־ווייזער הונגער אין געוויסע גובערניעס. די צייטונגען האָבן זייער אַ סך געשריבן וועגן די שרעקלעכע ליידן פון די פויערים, וועגן דעם הונגער־טיפוס, וואָס עס האָט דאָרטן אויסגעבראָכן, וועגן די קינדער, וואָס גייען דאָרטן צו גרונד. צווישן דער רוסישער אינטעליגענץ האָט זיך אָנגע־הויבן אַ באַוועגונג, צו העלפן די הונגעריקע: מען האָט געשיקט עקספּע־דיציעס פון רוסישע סטודענטן און סטודענטקעס, וואָס האָבן אָרגאַניזירט

גאָרקיכן פאַר די הונגעריקע, געשפּייזט די קינדער א״אַ. די דאָזיקע באַוועגונג האָט אויף מיר געהאַט זייער אַ שטאַרקן איינפלוס, און איך האָב אַליין אויך זייער פיל געטראַכט וועגן אַוועקפאָרן אַהין, אָבער די פּראַקטישע שוועריקייטן זיינען געווען צו גרויס, און פריער פאַר אַלץ זיינען געווען אַ ריי פאַרמעלע זאַכן וואָס האָבן געשטערט: ניט איך האָב געהאַט אַ פּאַס און ניט איך האָב, אַלס אַ איד, געקאָנט באַקומען וואוינרעכט אין די גובערניעס, וואו די פויערים האָבן געהונגערט, און אין די רוסישע דערפער האָבן אידן בכלל ניט געטאָרט וואוינען.

מיין אידישקייט האָט זיך ווידער דערוועקט, און גראָד אין דער צייט איז גאַנץ פּאָנעוועזש געווען פאַרנומען מיט דעם דרייפוס-פּראָצעס. די וואָס האָבן דורכגעלעבט די צייט געדענקען, מיט וואָס פאַר אַ ליידנשאַפט און מיט וואָס פאַר אַן אינטענסיווקייט אידן האָבן אין יעדן ווינקעלע פון רוסלאַנד זיך אינטערעסירט מיטן קאַמף צווישן די דרייפוסאַרן און אַנטי-דרייפוסאַרן אין פראַנקרייך. די ליכטיקע העלדן — לאַבאָרי, פּיקאַר, זאָלאַ, — זיינען פאַרגעטערט געוואָרן אין יעדן אידישן שטעטעלע, אין יעדער שול בין מנחה למעריב, אין יעדער אידישער שטוב. דרייפוס איז געוואָרן דער סימבאָל פון גאַנצן אידישן פאָלק. דרייפוסעס כבוד איז געוואָרן דער כבוד פון גאַנצן אידנטום. און ווי ווייניק איך האָב זיך אין יענעם מאָמענט ניט פאַרנומען מיט דער אידן-פראַגע, פונדעסטוועגן איז אויך פאַר מיר דער קאַמף אַרום דרייפוסן געווען אַ נאָענטע און אַן אייגענע זאַך, וואָס האָט באַרירט די אידישע סטרונעס אין מיין האַרצן.

10

ליבאָווע

אין מאַי-יוני 1898 האָב איך געענדיקט די 6-קלאַסיקע רעאַל-שול אין פּאָנעוועזש. אָבער כדי אַריינצוטרעטן אין אַ הויכשול, האָט מען גערדאַרפט האָבן 7 קלאַסן. דעם 7-טן קלאַס האָב איך געמוזט דורכמאַכן אין אַן אַנדער שטאָט, ווייל די פּאָנעוועזשער שול האָט געהאַט נאָר 6. שטודירן האָב איך געוואָלט נאָר אינזשענעריע, טעכניק, אָבער אויף אָנצוקומען אין אַ טעכנישער הויכשול האָט מען יעמאָלט אין רוסלאַנד געדאַרפט האַלטן זייער אַ שווערן קאָנקורס-עקזאַמען, ווייל אידן אין די הויכשולן האָט מען אָנגענומען אין גאַנצן פון 3 ביז 5 פּראָצענט. אין יעדן טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט פלעגן גיין צום עקזאַמען אַ פאַר הונדערט אידישע יונגעלייט, און אָנקומען פלעגן אַ צענדליק. האָב איך זיך אָבער דערוואוסט, אַז אין פּאָליטעכניקום אין ריגע, וואָס איז געווען פאַררעכנט פאַר זייער אַ גוטע הויכשול, ווערן צו ערשט אָנגענומען די שילער, וואָס ענדיקן אַ שול אין דער באַלטישער געגנט, און דערנאָך קומען די שילער פון אַנדערע געגענטן. האָב איך באַשלאָסן זיך צו באַנוצן מיט

דער דאָזיקער פּריווילעגיע, און בין אַוועקגעפֿאָרן שטודירן דעם 7־טן קלאַס אין דער שטאָט ליבוי (ליבאַווע).

אייגנטלעך האָב איך ניט געטאָרט אָנקומען אין ליבאַווע, ווייל ליבאַווע איז ניט געלעגן אין דער „טשערטאַ", און אידן האָבן אין ליבאַווע ניט געהאַט קיין וואוינרעכט. דער דירעקטאָר פון דער שול האָט ניט געהאַט קיין רעכט מיך אָנצונעמען פאַר אַ שילער. אָבער דער דירעקטאָר פון דער ליבאַווער רעאַל־שול, דאַבראָזראַקאָוו, איז געווען זייער אַ ליבעראַלער מענטש. ער האָט אָנגענומען מיינע פּאַפּירן (אַן אַטעסטאַט האָב איך געהאַט זייער אַ גוטן) און האָט „פאַרגעסן" מיך צו פרעגן, צי איך האָב וואוינרעכט אין ליבאַווע. נו, אַז ער האָט פאַר־געסן, האָב איך אים ניט דערמאָנט. אין אַ צוויי וואָכן אַרום האָט מען מיך אַרויסגערופן אין דער פּאָליציי און זייער שטרענג געפרעגט, מיט וואָס פאַר אַ רעכט איך וואוין אין ליבאַווע, און ווי אַזוי איז דאָס גע־קומען, אַז דער דירעקטאָר האָט מיך אָנגענומען פאַר אַ שילער? איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן און האָב אויך ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן. בין איך אַוועקגעגאַנגען צו דאַבראָזראַקאָוון. ער האָט גע־מאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער איז שטאַרק אין כעס אויף מיר, למאי איך האָב אים ניט אויסגעזאָגט, אַז איך האָב ניט קיין וואוינרעכט. אָבער איך האָב דייטלעך געזען, אַז דאָס איז נאָר אַן אָנשטעל, און אַז דער קלו־גער גוי האָט זייער גוט געוואוסט פון אָנהייב אָן, מיט וועמען ער האָט צו טאָן. און אַזוי ווי ער איז געווען זייער גוט באַפריינדעט מיט דעם מיליטערישן קאָמאַנדאַנט פון ליבאַווע (ליבאַווע איז געווען אַ מיליטע־רישער האַפן), איז ער אַוועק צו אים אויף אַ גלעזל בראַנפן און האָט מיט אים דורכגעפירט דעם ענין אויפן בעסטן אופן: מען האָט מיר דער־לויבט צו בלייבן אין ליבאַווע ביז איך וועל ענדיקן דעם 7־טן קלאַס. אָבער ווידער אַ מאָל האָט די רוסישע צאַרישע ווירקלעכקייט מיר דער־מאָנט וועגן מיין אידישער רעכטלאָזיקייט.

אין ליבוי האָב איך זיך באַקאָנט מיט מענטשן, וואָס זיינען שוין געשטאַנען נאָענט צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. איינער פון זיי איז געווען יאַקאָוו מיכאַילאָוויטש ע ד ע ל ש ט י י ן, אַ סטודענט פון מאַטעמאַטיק, וואָס האָט געלעבט אין ליבאַווע און שטודירט אין פּע־טערבורג.

עדעלשטיין איז געווען איינער פון די סימפּאַטישסטע און אינטע־רעסאַנטסטע מענטשן, וועלכע איך האָב ווען ניט איז געקאָנט. אַ קליין דאַר מענטשעלע, מיט קלוגע שוואַרצע אויגן און נערוועזע האַסטיקע באַוועגונגען, הגם אַזוי אַ שטילער און געלאַסענער, — איז עדעלשטיין געווען אַ מענטש מיט זייער גרויסע מאַטעמאַטישע און לאָגישע פּע־איקייטן. און אין פּעטערבורג איז ער שוין אַריין אין דער רעוואָלוציאָ־נערער באַוועגונג און האָט זיך באַטייליקט אין רעוואָלוציאָנערע קרייז־לעך.

ער איז געווען עלטער פאַר מיר אין בילדונג און אין יאָרן, און אודאי אין רעוואָלוציאָנערער דערפאַרונג. ניט דערציילנדיק מיר קיין לאַנגע מעשיות, האָט ער מיר געגעבן פאַרשיידענע אויפטראַגן, דער עיקר אויף צו זאַמלען געלט פאַר די רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך, וואָס איך האָב וועגן זיי קיין קלאָרן באַגריף ניט געהאַט, אָבער וואָס איך האָב פון דער ווייטנס שטאַרק רעספּעקטירט. פון אים האָב איך אויך פון צייט צו צייט באַקומען ביכלעך צו לייענען און מיט אים האָב איך זייער אַ סך דיסקוטירט וועגן פאַרשיידענע סאָציאָלאָגישע, פילאָזאָפישע און וויסנשאַפטלעכע פראַגעס.

אין ליבוי איז פאָרגעקומען אין 1898 אַ געשעעניש וואָס האָט גע־מאַכט אַ טיפן איינדרוק אויף אונדז אַלעמען: אַ גרויסער סטרייק פון לעטישע אַרבעטער, מיט אַ גאַסן־דעמאָנסטראַציע, וואָס איז געוואָרן באַרימט אין דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין דער באַלטישער געגנט. מיר האָבן געזען פון דער ווייטנס די אַרבע־טער מיט די פאָנען. מיר האָבן געזען, ווי אַזוי זיי זיינען צעטריבן גע־וואָרן פון דער פּאָליציי. מיר האָבן געהערט, ווי מען האָט זיך געשוש־קעט וועגן די אַרעסטירטע, און אונזערע סימפּאַטיעס זיינען געווען גאַנץ קלאָר. אָבער קיינער פון אונדז האָט ניט געוואוסט גענוי, דורך וועמען און ווי אַזוי דער סטרייק איז געוואָרן אָרגאַניזירט. מיר זיינען נאָך גע־שטאַנען צו ווייט פון דער באַוועגונג, און מען האָט אונדז ניט פאַר־טרויט די העכערע סודות פון דער „קאָנספּיראַציע".

עדעלשטיין איז, ווי איך האָב פאַרשטאַנען, יאָ געווען פאַרבונדן מיט דער אָרגאַניזאַציע. אָבער ער האָט געשוויגן, און מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, אים ניט געשטעלט קיין פראַגעס.

ווער זיינען געווען די „מיר"? אַ פּאָר שילער פון מיין קלאַס; צווישן זיי — אילױשאַ קאָסטעלאַנעץ, דער זון פון אַ רייכן ליבאָווער סוחר, מיט וועלכן איך האָב געשלאָסן אַ באַזונדערש אינטימע פריינט־שאַפט, אחוץ דעם — היינע ראַבינאָוויטש, אַ גימנאַזיסט פון דער קלאַ־סישער גימנאַזיע, אַ גרויסער פריינט פון עדעלשטיינען און אויך שוין נעענטער צו די רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך איידער איך און קאָסטע־לאַנעץ. צו דעם „מיר" האָט אויך געהערט דער אינגערער זון פון דיי־רעקטאָר דאַבראַזראַקאָוו, וואָס האָט זיך געלערנט מיט מיר אין איין קלאַס, און אַ פּאָר לאַטווישע חברים, וואָס קיין אַקטיוון אינטערעס אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג האָבן זיי ניט אַרויסגעוויזן, אָבער ריידן און דיסקוסירן מיט זיי האָט מען שטענדיק געקאָנט. איינער פון זיי, ברושוויט, איז געווען אַ מערקווירדיקער טיפּ: אַ יונגער בחור, וואָס האָט זייער האַלט געהאַט צו הוליען און נעמען אַ קאָפּעטשקע בראַנפן, אַ פייערדיקער, אַ היציקער יונג.

דעם דאָזיקן ברושוויט האָב איך באַגעגנט אין די שפּעטערדיקע יאָרן ווי אַן אָנגעזעענעם מיטגליד פון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָ־לוציאָנערן. אין 1918, בשעת דעם בירגער־קריג, איז ער געווען איינער

פון די פירער פון דעם „קאָמיטעט פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג", וואָס האָט אָרגאַניזירט אין קאַזאַן און אין מערב-סיביר דעם ווידערשטאַנד קעגן די באָלשעוויקעס. די לעצטע יאָרן האָט ער געוואוינט אין פּראָג, אין דער סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערער עמיגראַציע, צוזאַמען מיט וויקטאָר טשערנאָוו און אַנדערע.

אַזוי האָבן זיך געזאַמלט די איינצלנע שטיינדלעך, די איינצלנע עלעמענטן, פון וועלכע עס איז מיט אַ יאָר שפּעטער אויפגעבויט געוואָרן מיין באַשלוס אַריינצוטרעטן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

„באַשלוס" איז אָבער אַ פאַלשער וואָרט: איך האָב קיין זאַך באַוואוסטזיניק ניט „באַשלאָסן" און איך האָב ניט דורכגעלעבט קיין שום אינעווייניקסטע קאַמפן. ביי מיר, ווי ביי דריי פערטל פון אַלע יונגע אידישע סטודענטן פון מיין דור, איז דער גאַנצער פּראָצעס געגאַנגען ס ט י כ י ש, פון זיך אַליין. אָן קלאָרע פּערספּעקטיוון, ניט שטודירנדיק גרינדלעך די פילאָזאָפיע פון מאַרקסיזם, ניט פאַרטיפנדיק זיך אין דער געשיכטע פון רוסלאַנד אָדער פון אידישן פאָלק, זיינען מיר אַלע, אַזוי ווי דורך עפּעס אַ מאַגנעטישער קראַפט אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם שטראָם פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. יעדערער פון אונדז איז געווען אַ מין מענטשלעכער אַטאָם, וואָס איז דורך אַן אומווידערשטייעלעכער קראַפט געשטויסן געוואָרן אין אַ באַשטימטער ריכטונג — איינער ווי דער אַנדערער, רייכע און אָרעמע, מער געבילדעטע און ווייניקער געבילדעטע, יונגעלייט און מיידלעך.

איך פּערזענלעך האָב שוין דורכגעמאַכט די ערשטע צוגרייטונג אין משך פון לעצטן לערן-יאָר אין פּאַנעוועזש און דעם יאָר, וואָס איך בין אָפּגעווען אין ליבוי. אָבער ערשט אין ריגע, בשעת איך בין געוואָרן אַ סטודענט, האָט זיך מיין גורל אויסקריסטאַליזירט מיט פולשטענדיקער קלאָרקייט.

ערשטע שריט אין דער רעוואָלוציע

1

ריגער פּאָליטעכניקום. — דאָס אידישע סטודענטן־לעבן

אין אויגוסט 1899 בין איך אָנגענומען געוואָרן אין ריגער פּאָליטעכניקום אויף דער מעכאַנישער אָפּטיילונג. מיט מיר צוזאַמען זיינען אָנגעקומען נאָך אַ צענדליק אידישע יונגעלייט פון די באַלטישע שטעט, וואָס האָבן געהאַט די בעסטע אַטעסטאַטן.

דער ריגער פּאָליטעכניקום איז געווען אַ טעכנישע הויכשול, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פון די דייטשן און וואו די לימודים האָבן זיך אַ לאַנגע צייט געפירט אויף דייטש. די פּראָפעסאָרן זיינען געווען דאָס רוב דייטשע און צווישן זיי עטלעכע מיט גאָר באַרימטע נעמען, ווי צום ביישפּיל, ווילהעלם אָסטוואַלד. אין דער צייט ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די רוסיפיקאַציע פון דער באַלטישער געגנט זיינען אַ טייל דייטשע פּראָפעסאָרן אַוועק, די איבעריקע האָבן זיך אויסגעלערנט לייענען זייערע לעקציעס אויף רוסיש, אָבער נאָך אין מיין צייט זיינען געווען אַ פּאָר פּראָפעסאָרן, וואָס די רוסישע רעגירונג האָט זיי דערלויבט צו האַלטן זייערע לעקציעס אויף דייטש. אָבער אויך צווישן די וואָס האָבן שוין גערעדט און געלערנט אויף רוסיש זיינען געווען זייער ווייניק רוסן. די מערהייט זיינען געווען דייטשן אָדער גערמאַניזירטע לאַטווישן, וואָס האָבן גערעדט אַ שלעכטן רוסיש.

אַזוי ווי די הויכשול איז געווען אַ טעכנישע, זיינען כמעט אין גאַנצן ניט געווען קיין פּראָפעסאָרן, וואָס זאָלן לייענען לעקציעס אויף אַלגעמיינע, פּאָליטישע, סאָציאַלע אָדער ליטעראַרישע טעמעס. די איינציקע אויסנאַם איז געווען דער פּראָפעסאָר, וואָס האָט געגעבן דעם קורס פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע.

די פּאָר טויזנט סטודענטן, וואָס האָבן זיך געלערנט אין ריגע אין מיין צייט, זיינען געווען נאַציאָנאַל זייער שטאַרק געמישט: דייטשן, רוסן, לאַטווישן, פּאָליאַקן, קאַווקאַזער, אידן. די נאַציאָנאַלע צעטיילונג איז געווען אין ריגע באַזונדערס שטאַרק ניט נאָר צוליב דעם, וואָס די סטודענטן זיינען געווען נאַציאָנאַל זייער פאַרשיידן, נאָר אויך צוליב אַ באַזונדערער טראַדיציע, וואָס איז געבליבן אין ריגע נאָך פון דער דייטשער צייט. אין ריגע, ווי אויך אין דעם צווייטן באַלטישן אוניווערסיטעט (אין דערפּעט), האָבן די סטודענטן געהאַט דאָס רעכט זיך

צו אָרגאַניזירן אויף דעם זעלביקן אופן ווי אין די אוניווערסיטעטן אין דייטשלאַנד — אין ק אָ ר פּ אָ ר אַ צ י ע ס. דאָס זיינען אומפּאָליטישע פאַראיינען פון סטודענטן, אַ מין סטודענטישע קלובן. די קאָרפּאָראַציעס האָבן געהאַט זייערע באַזונדערע נעמען, זייערע אייגענע הייזער און זייערע באַזונדערע אוניפאָרמען: היטלעך פון פאַרשיידענע קאָלירן מיט פאַרשיידענע גאָלדענע שטיקעריי, צייכנס און אותיות אויף זיי, און אַחוץ דעם ברייטע בענדער פון דיזעלביקע קאָלירן איבערן ברוסט. זיי האָבן געהאַט זייערע אייגענע מנהגים, זייערע אייגענע הילפסקאַסעס, זייערע אייגענע פאַרוויילונגען, זייערע אייגענע לידער. די מאָדע פון קאָרפּאָראַציעס קומט אין דעם דייטשן סטודענטן־לעבן



דער פּאָליטעכניקום אין ריגע (1899)

נאָך פון מיטלעלטער, און די זעלביקע מאָדע איז געווען אויך אין ריגע און אין דערפּעט, הגם זיי האָבן זיך שוין געפונען אין מיין צייט פולשטענדיק אונטער דער רוסישער הערשאַפט. דאָס איז געווען אַ מין סטודענטישע אויטאָנאָמיע. דאָס רעכט צו האָבן אייגענע פאַראיינען און קלובן איז געווען אַן אויסנאַם אין גאַנץ רוסלאַנד, ווייל אין די רוסישע אוניווערסיטעטן און טעכנישע הויכשולן האָבן די סטודענטן פונקט ווי אַלע רוסישע בירגער אין דער צייט פון צאַריזם ניט געהאַט קיין רעכט זיך צו אָרגאַניזירן פריי אין פאַראיינען און קלובן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז די קאָרפּאָראַציעס האָבן געקענט זיין נאַר אומפּאָליטישע, און די אַלטע דייטשע קאָרפּאָראַציעס זיינען טאַקע געווען אומפּאָליטיש. אין די הייזער פון די קאָרפּאָראַציעס פלעגט מען טרינקען (און טאַקע גאַנץ חיפּש); זינגען לידער לויט אַ גאַנץ באַשטימטן נוסח און מיט באַשטימטע צערעמאָניעס; פאַרנעמען זיך מיט גימנאַסטיק, ספּעציעל מיט פעכטן (שלאָגן זיך מיט שווערדן אָדער ראַפּירעס), אָרגאַניזירן דועלן, מאַכן שפּאַצירן איבער די גאַסן אין זיי־

ערע שיינע אוניפאָרמען און מיט זייערע פאָנען, אָרגאַניזירן פּראַכט־פולע פּאַרוויילונגען און טאַנצאָוונטן. דאָס רוב זיינען אין די קאָרפּאָ־ראַציעס געגאַנגען רייכע אָדער וויניקסטנס פאַרמעגלעכע סטודענטן, וואָס האָבן זיך ניט געאיילט צו לערנען און וואָס האָבן געוואָלט וואָס מער געניסן פון זייער סטודענטן־צייט.

אָבער אין ריגע האָבן די מאָדע פון קאָרפּאָראַציעס אָדער וויי־ניקסטנס פון קאַסעס אויסגענוצט אויך די ניט־פאַרמעגלעכע סטודענטן צוליב נאַציאָנאַלע בילדונגס־צוועקן און קעגנזייטיקער הילף. עס זיינען געוועזן דייטשע קאָרפּאָראַציעס, לעטישע, פּוילישע, רוסישע און אויך אידישע. צום ווײַכטיקסטן איז געווען פאַר די אָרעמערע אידישע סטו־דענטן די אַזוי גערופענע „אידישע קאַסע".

אידישע סטודענטן האָבן זיך יעמאָלט געפונען אין ריגע אַ פּאָר הונדערט. די מערהייט פון זיי זיינען געווען ניט פאַרמעגלעך. אַ טייל זיינען געווען טאַקע גאָר נויטבאַדערפטיק. און טאַקע אַ דאַנק דער קאַסע, וואו יעדער סטודענט האָט געצאָלט מאָנאַטלעך אַ געוויסן אָפּ־צאָל און וואָס האָט אָרגאַניזירט צוויי מאָל אַ יאָר גרויסע בעלער, האָבן עטלעכע צענדליק אידישע אָרעמע סטודענטן געקאָנט שטודירן און באַ־קומען זייערע דיפּלאָמען.

אָט די אידישע קאַסע, אין וועלכער מיר, די ניי־אָנגעקומענע סטו־דענטן, זיינען, פאַרשטייט זיך, גלייך אַריינגעטראָטן, איז געוואָרן פאַר אונדז די ערשטע שול פון געזעלשאַפטלעכער דערציאונג און דיס־ציפּלין.

פון אַלגעמיין־פּאָליטישן שטאַנדפּונקט איז ריגע געווען אַ ביסל אַן אָפּגעשטאַנענע און אַ קאָנסערוואַטיווע שטאָט, אין פאַרגלייך מיט אַזוינע אוניווערסיטעט־צענטערס ווי פּעטערבורג, מאָסקווע, קיעוו, וואו עס האָט זיך אין אָנהייב 90־ער יאָרן שוין געפילט אַ שטאַרקע געזעל־שאַפטלעכע אויפלעבונג, וואו עס איז געווען אַ גרויסע ליבעראַלע פּרע־סע, אַ צאָלרייכע ליבעראַלע רוסישע אינטעליגענץ און וואו עס האָבן זיך געפירט פאַרשיידענע אָפענע און געהיימע געזעלשאַפטלעכע באַווע־גונגען, ספּעציעל צווישן די סטודענטן.

ריגע איז געווען אַ פּראָווינץ־שטאָט מיט זייער אַ געמישטער באַ־פעלקערונג. רוסן און רוסישע אינטעליגענטן זיינען דאָרטן געווען זייער וויניק. די אויבערשטע שיכט פון דער באַפעלקערונג אין ריגע זיינען געווען די דייטשן, וואָס האָבן זיך אין דער אַלגעמיינער ליבעראַלער באַוועגונג אין רוסלאַנד ניט באַטייליקט און זיינען, פאַרקערט, געווען קאָנסערוואַטיוו און רעאַקציאָנער. די מערהייט פון דער ריגער באַ־פעלקערונג — די לאַטווישן — זיינען יעמאָלט נאָך ניט געווען ראַדיקאַ־ליזירט. אין קאַמף קעגן די דייטשן, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דער רוסיפיקאַציע פון די באַלטישע לענדער, האָט די רוסישע רעגירונג אין די 80־ער און 90־ער יאָרן אַרויסגעוויזן פריינדשאַפט צו די לאַט־

ווישן. כדי צו פאַרטרייבן די דייטשע שפּראַך האָט מען אונטערגע־שטיצט די לאַטווישע שפּראַך און קולטור, און צווישן די לאַטווישן זיינען געווען אַ סך, וואָס זיינען צוליב דער היסטאָרישער שנאה קעגן די דייטשע באַראָנען געווען פריינדלעך צו דער רוסישער רעגירונג. דאָס נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיין פון דער לאַטווישער אינטעליגענץ האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אין מיין צייט. אַ טייל לאַטווישע סטודענטן האָט זיך געהאַלטן פאַר דייטשן און זיי האָבן גערמאַניזירט זייערע נעמען, כדי צו פאַרבאַהאַלטן זייער לאַטווישע אָפּשטאַמונג; אַ טייל האָט גע־רעדט רוסיש און איז געווען שטאַרק רוסיפיצירט. עס איז דעריבער געווען אין אָנהייב פון מיינע סטודענטן־יאָרן ניט זייער קיין אָפּטע דערשיינונג צו הערן, אַז לאַטווישע סטודענטן זאָלן צווישן זיך אין אוניווערסיטעט ריידן אין דער הויך אויף לאַטוויש. מען האָט זיך אַ ביסל געשעמט צו ריידן אויף דער „שפּראַך פון די דינסטמיידלעך און קנעכט”. דאָס האָט זיך שפּעטער זייער שטאַרק געביטן, וואָס נע־ענטער מען איז געקומען צו 1905.

אויך די אידישע באַפעלקערונג פון ריגע איז צו יענער צייט געווען זייער בירגערלעך און קאָנסערוואַטיוו. אין ריגע האָבן אייגנטלעך די אידן ניט געהאַט קיין וואוינרעכט, אַחוץ די אַלט־איינגעזעסענע אידי־שע תושבים, וואָס האָבן זיך דאָרט באַזעצט פאַר 1880. דאָס זיינען געווען דאָס רוב באַלטישע אידן, וואָס האָבן גערעדט דייטש און האָבן געהערט צו די רייכערע און פאַרמעגלעכע שיכטן פון דער באַפעלקע־רונג. אַחוץ זיי איז אויך געווען נאָך אַ צווייטער אידישער עלעמענט אין שטאָט — די אָנגעפאַרענע עמיגראַנטן פון וויטעבסקער און קאָוו־נער גובערניע, וואָס האָבן קיין וואוינרעכט אין ריגע ניט געהאַט און האָבן זיך דאָרטן באַזעצט אויף אַן אומלעגאַלן אופן. זיי האָבן געלעבט אין די געסלעך פון „מאָסקווער פאָרשטאָט” און זיינען שטענדיק גע־שטאַנען אין סכנה געכאַפּט צו ווערן בשעת אַן אַבלאַווע און אַרויס־געשיקט צו ווערן פון ריגע.

צווישן אָט דעם פּראָלעטאַרישן, ליטווישן אידנטום זיינען דאָס אויפגעקומען די ערשטע קרייזלעך פון אידישע אַרבעטער און פון „בונד” אין ריגע.

ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, האָט זיך שוין מיט אַ יאָר צוויי פאַר מיין אָנקומען אין ריגע אָנגעהויבן אַ קרייזל־באַוועגונג צווישן די אידישע אַרבעטער. אָבער מיר, די פריש־אָנגעקומענע, האָבן וועגן דעם קיין שום באַגריף ניט געהאַט. פאַר אונדז איז ריגע דערווייל געווען נאָר אַן אוניווערסיטעט־שטאָט און די איינציקע באַוועגונג וואָס האָט אויף אונדז געהאַט אַ ווירקונג, איז געווען די סטודענטישע.

און גראָד אין דעם יאָר 1899 האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטאַרקע און אַ ברייטע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג צווישן די סטודענטן אין אַלע אוניווערסיטעטן פון גרויסן רוסלאַנד.

2

די סטודענטן־באַוועגונג

די סטודענטן זיינען נאָך פון די 60־ער און די 70־ער יאָרן אָן געווען אַ שטאַרקער רעוואָלוציאָנערער עלעמענט. אָבער ווען די ערשטע רעוואָלוציאָנערע כוואַליע (די „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ") איז דערשטיקט געוואָרן אָנהייב די 80־ער יאָרן, האָט זיך די סטודענטישע באַוועגונג איינגעשטילט אויף אַ צענדליק יאָר. דער הונגער פון יאָר 1891 האָט אויפגעוועקט פון דאָס ניי דאָס געוויסן פון דער רוסישער אינטעליגענץ און אָנהייב די 90־ער יאָרן הייבט זיך ווידער אָן צו רירן די רוסישע סטודענטנשאַפט. אין פעברואַר 1897 האָט אין פּעטערבורג זיך גענומען דאָס לעבן די סטודענטקע מאַריאַ וועטראָוואַ, וואָס איז געזעסן אַרעסטירט אין פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג. זי האָט זיך באַגאָסן מיט קעראָסין פון אַ לאָמפּ, האָט זיך אַליין אונטערגעצונדן און איז לעבעדיקערהייט פאַרברענט געוואָרן. דער טראַגישער טויט פון אַ פּאָליטיש אַרעסטירטער סטודענטקע האָט אַרויסגערופן אַן אומגעהייערע אויפרעגונג צווישן אירע חברים און בכלל אין דער גאַנצער סטודענטנשאַפט. דערצו איז נאָך געגאַנגען אַ קלאַנג, אַז די זשאַנדאַרמען האָבן פאַרגוואַלטיקט די יונגע מיידל. אין פּעטערבורג, מאָסקווע, קיעוו האָבן סטודענטן געמאַכט מאַסן־פאַרזאַמלונגען, און אין פּעטערבורג איז פאַרגעקומען אויף דעם היסטאָרישן פּלאַץ ביי דער קאַזאַנער קירך אַ דעמאָנסטראַציע פון עטלעכע טויזנט סטודענטן מיט טרויער־קרענץ און פאָנען. דאָס איז געווען אַ קורצע צייט נאָך דעם ווי אין פּעטערבורג זיינען אויסגעבראָכן אַ גאַנצע ריי גרויסע סטרייקן (אין דער אָבוכאָווער פאַבריק א״אַ.), וואָס דאָס האָט אויך געהאַט, פאַרשטייט זיך, אַ גרויסע ווירקונג אויף דער שטימונג פון די סטודענטן.

די צאַרישע רעגירונג האָט ברוטאַל אונטערדריקט די סטודענטישע פאַרזאַמלונגען. קאָזאַקן און פּאָליציי־לייט האָבן צעטריבן די סטודענטישע דעמאָנסטראַציעס און הונדערטער סטודענטן זיינען געוואָרן אַרעסטירט. אין אַלע רוסישע אוניווערסיטעטן האָבן די סטודענטן ניט אויפגעהערט צו ריידן וועגן דער וועטראָוואַ־געשיכטע און וועגן די סטודענטישע דעמאָנסטראַציעס. דעם 8־טן פעברואַר 1899 איז אין פּעטערבורג פאָרגעקומען אַ נייע דעמאָנסטראַציע, ביי וועלכער די קאָזאַקן האָבן אַכזריותדיק געשלאָגן מיט נאַגייקעס די דעמאָנסטרירנדיקע סטודענטן און סטודענטקעס. דאָס האָט אַרויסגערופן אין גאַנצן לאַנד אַן אומגעהייערע אויפרעגונג. עס האָט זיך געשאַפן סטיכיש, פון זיך אַליין, אַ גוואַלדיקע סטודענטישע מאַסן־באַוועגונג. סטודענטישע פּאָעטן האָבן געשאַפן לידער — די באַרימטע „נאַגאַיעטשקאַ, נאַגאַיעטשקאַ וואָסמאָוואַ פעווראַליאַ" — (די נאַגייקעלע פון 8־טן פעברואַר), און עס האָבן עס געזונגען הונדערטער טויזנטער

סטודענטן און סתם יונגעלייט פון קיעוו ביז אָמסק און פון פעטערבורג ביז אָדעס. עס זיינען אויפגעקומען סטודענטן-סטרייקן: מען איז אַליין ניט געגאַנגען צו די לעקציעס און מען האָט די פּראָפעסאָרן ניט געלאָזט לייענען די לעקציעס. פּראָפעסאָרן, וואָס זיינען ניט געגאַנגען מיט די סטודענטן, האָט מען באָיקאָטירט, אַריינגעלייגט אין חרם. אַלץ נייע גאַסן-דעמאָנסטראַציעס פון סטודענטן זיינען פאָרגעקומען. די רעגירונג האָט אויף דעם געענטפערט אין קיעוו, וואו עס איז פאָרגעקומען דער ערשטער סטודענטן-סטרייק, מיט דעם, וואָס מען האָט די סטרייקנדיקע סטודענטן „אָפּגעגעבן אין סאָלדאַטן". אין מאָסקווע האָט מען הונדערטער סטודענטן פאַרשיקט קיין סיביר. די גאַנצע סטודענטנשאַפט פון רוסלאַנד איז יעמאָלט געווען ווי אַ מין בינענשטאָק, וואָס האָט זיך אָן אָן אויפהער באַוועגט און געהודזשעט.

אין מערץ 1900 האָט זיך די סטודענטישע באַוועגונג אָנגעהויבן אויך אין ריגער פּאָליטעכניקום.

מיר, די פריש אָנגעקומענע יונגוואַרג, די גרינע, האָבן זיך פון אָנהייב אָן געהאַלטן אין אַ זייט פון די אַלטע סטודענטן. און די אַלטע סטודענטן האָבן זיך צוגעקוקט צו אונדז און זיך פאַרהאַלטן דערוויילע פּאַסיוו. די ערשטע פּאָר חדשים זיינען פאַרביי ביי אונז ווי איין טאָג: דער אוניווערסיטעט, די לעקציעס, די צייכענונגען, וואָס מיר האָבן געדאַרפט מאַכן ווי צוקינפטיקע אינזשענערן, די נייע אינטערעסאַנטע לימודים, דאָס אָנגענעמע געפיל, אַז מיר זיינען איצט דערוואַקסענע, זעלבשטענדיקע פּערזענלעכקייטן, און מער ניט קליינע אינגלעך-תלמידים, — דאָס אַלץ האָט אונדז אין די ערשטע וואָכן אָפּגעהאַלטן פון פאַרטיפן זיך אין גרינדלעכערע פּראָבלעמען. אָבער עס איז מערקווירדיק, וויפיל צייט און ענערגיע פאַר פאַרשיידענע זאַכן עס פאַרמאָגן געזונטע און מונטערע יונגעלייט פון 19 און 20 יאָר! מיר האָבן ניט נאָר באַזוכט לעקציעס, ניט נאָר געמאַכט צייכענונגען און טאָקע אין אַ גאַנץ גרויסער צאָל, ניט נאָר פאַרדינט געלט דורך קנעלן מיט אינגערע שילער פון ריגער מיטלשולן, ניט נאָר געטרונקען אַ פלעשל ביר אין די קאָרפּאָראַציעס און סטודענטישע פאַראיינען, ניט נאָר געזונגען סטודענטן-לידער, אַמאָל גאַנץ שפּעט אין דער נאַכט אַריין, — נאָר אויך געפונען צייט אויף צו לייענען ערנסטע ביכער און צו פאַרנעמען זיך מיט פּאָליטיק.

3

מאַרקסיסטן און נאַראָדניקעס

אין יענער צייט איז צווישן דער רוסישער אינטעליגענץ פאָרגעקומען זייער אַ שאַרפער אידייאישער קאַמף צווישן צוויי לאַגערן: די נאַראָדניקעס און די מאַרקסיסטן. די נאַראָדניקעס האָבן פאָרגע-

זעצט די אַלטע טראַדיציע פון רוסישן פאָלקס-סאָציאַליזם, אויף וועלכן עס איז נאָך געווען אויפגעבויט די באַרימטע „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". אָבער די מפּלה פון יענער העראָאישער באַוועגונג, דער זיג פון דער רעאַקציע אין די 80-ער יאָרן האָט געבראַכט אויך צו אַ גייסטיקן אי-בערבראָך ביי דער רוסישער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ: די אַלטע געטער האָבן פאַרלוירן זייער פריערדיקע צויבער-קראַפט, מען האָט אָנגעהויבן צו זוכן נייע געטער. די נאַראָדניקעס האָבן געבויט זייערע סאָציאַליסטיש-רעוואָלוציאָנערע האָפענונגען אויף דעם רוסישן פויער, וועלכן זיי האָבן געהאַלטן פאַר אַ געבוירענעם קאָמוניסט און רע-וואָלוציאָנער. דער רוסישער אַרבעטער, ד"ה דער אינדוסטריעלער אַרבעטער, האָט פאַר זיי ניט עקזיסטירט, ווייל ער האָט דאָן ניט עקסיסטירט אין דער רוסישער ווירקלעכקייט, פונקט אַזוי ווי עס האָט אייגנטלעך נאָך ניט עקסיסטירט אין רוסלאַנד קיין מאָדערנער קאַפּי-טאַליזם. אָבער אין די 80-ער און 90-ער יאָרן איז אין רוסלאַנד פאַר-געקומען אַ גאַנץ היפּשע און שנעלע אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג און עס האָט זיך געשאַפן אַ רוסלענדער אַרבעטער-קלאַס. אין די 70-ער און 80-ער יאָרן האָט מען נאָך געקענט זיך אַמפּערן אין די קרייזן פון רוסישע אינטעליגענטן וועגן דעם, צי וועט רוסלאַנד קאָנען אויס-מיידן די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג און אַריבערגיין דירעקט צום דאָרף-קאָמוניזם. אָבער אויפן שוועל פון 20-טן יאָרהונדערט איז דער דאָזיקער שטרייט מער ניט געווען מעגלעך: דער רוסישער קאַפּי-טאַליזם איז שוין געווען אַ פאַקט פון לעבן, און טאַקע אַ גאַנץ מעכ-טיקער פאַקט, און מיט אים צוזאַמען איז אויף דער רוסישער סצענע אַרויף דער אינדוסטריעלער אַרבעטער.

די באַרימטע פּעטערבורגער סטרייקן פון 1896 זיינען געווען דער ערשטער אָנזאָג פון דעם דאָזיקן יונגן אַרבעטער-קלאַס וועגן זיין צו-קינפטיקער ראָלע.

די היסטאָרישע מפּלה פון די נאַראָדניקעס אין דער צייט פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" און דער אויפקום פון דעם מאָדערנעם קאַפּי-טאַליזם און פון דעם אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד האָבן געבראַכט מיט זיך אויף דעם געביט פון אידייען דעם זיג פון מאַרק-סיזם, וואָס האָט גייסטיק פאַרטראָטן דעם אינדוסטריעלן אַרבעטער-קלאַס. זיין פּראָגראַם איז געווען: דורך דער געוואַלטיקער אַנטוויק-לונג וואָס עס ברענגט מיט זיך דער מאָדערנער קאַפּיטאַליזם, שאַפן אין רוסלאַנד מאָדערנע פאָרמען פון פּאָליטישן און סאָציאַלן לעבן, דערשלאָגן זיך צו פּאָליטישער און גייסטיקער פרייהייט און, דורך די דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס און פאָלקסרעכט, אָרגאַניזירן די אַלץ וואַקסנדיקע מאַסן פון שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט פאַרן סאָציאַ-ליסטישן באַפרייאונגס-קאַמף. צו דער צייט פון מיין סטודענטנשאַפט האָט דער מאַרקסיזם כמעט אין גאַנצן באַהערשט דאָס דענקען פון דעם פּראָגרעסיוון טייל פון דעם יונגן דור.

עס איז געפּלאַסן אין יענער צייט אַ סטיכישער רעוואָלוציאָנערער שטראָם. יעדער יונגערמאַן און יעדע יונגע מיידל האָבן, אויף אַ נאַטירלעכן אופן, ניט טראַכטנדיק און ניט גריבלענדיג זיך צו פיל, — געפילט זיך ווי רעוואָלוציאָנערן, געוועזן קעגן צאַריזם און קעגן דער גאַנצער אָרדענונג אין רוסלאַנד. און פּונקט אויף אַזאַ אופן האָבן זיך 90 פּראָצענט פון די דאָזיקע רוסישע און רוסיש-אידישע רעוואָלוציאָנערן און רעוואָלוציאָנערקעס געהאַלטן פאַר מאַרקסיסטן. צי זיינען זיי אין דער אמתען געווען מאַרקסיסטן? די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג האָט באַוויזן, אַז דאָס איז געווען ניט אין גאַנצן אַזוי. אָבער סוביעקטיוו האָט יעדערער פון אונדז אין דעם געגלייבט, און ניט־מאַרקסיסטן (אָנהענגערס פון מיכאַילאָווסקי און לאַווראָוו) זיינען ביי אונדז געווען גאָר אַ קליינע צאָל.

איך פּערזענלעך בין אויך געוואָרן אַ מאַרקסיסט און ניט נאָר צוליב מאָדע. שוין אין זומער 1898, אין דעם זומער צווישן פּאָנעוועזש און ליבוי, האָב איך געהאַט גרינדלעך דורכגעשטודירט אַלץ וואָס מען האָט געקאָנט אין רוסלאַנד קריגן פון מאַרקס׳ ווערק (דער עיקר, דעם ערשטן באַנד „קאַפּיטאַל”). עס איז געווען ניט קיין גרינגער לייענשטאָף פאַר אַן 18-יאָריקן אינגל, אָבער עס איז שווער צו באַשרייבן דעם גייסטיקן פאַרגעניגן, וואָס איך, פּונקט אַזוי ווי זייער פיל אַנדערע יונגע לייט פון מיין דור, האָב געהאַט ביים לייענען דעם „קאַפּיטאַל”.

מאַרקסעס אייזערנע לאָגיק, זיין געהאַמערטע שפּראַך, די טיפע רעוואָלוציאָנערע ליידנשאַפט, וואָס מען האָט געשפּירט הינטער זיינע קאַלטע און כלומרשט שטרענג וויסנשאַפטלעכע פאָרמולירונגען, — דאָס אַלץ האָט אונדז געפאַנגען און ניט אָפּגעלאָזן. די ווירקונג פון „קאַפּיטאַל” איז פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך די אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען, וואָס זיינען געדרוקט געוואָרן אין לעגאַלע מאַרקסיסטישע זשורנאַלן, וואָס זיינען אין יענע יאָרן אַרויס אין דער פאָרעם פון וויסנשאַפטלעכע ניט-פּאָליטישע צייטשריפטן. עס פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב זיך גלייך פאַרטיפט אין די שטרייטן צווישן די מאַרקסיסטן און נאַראָדניקעס, צווישן מיכאַילאָווסקין און יענע געהיימניספולע קעגנער זיינע, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין די זשורנאַלן אונטער פאַרשיידענע נעמען, און מיר האָבן געוואוסט, אַז דאָס זיינען פּסיידאָנימען פון מאַרקסיסטן, וואָס טייל לעבן גאָר אין אויסלאַנד.

צווישן זיי זיינען געווען, — ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, — פּלעכאַנאָוו (בעלטאָוו), לענין (אילאין, טולין), פּאָטרעסאָוו, מאַרטאָוו און אַנדערע, און פון דער אַנדערער זייט זיינען עס געווען יונגע פּראָפעסאָרן און געלערנטע, וואָס האָבן געשריבן אונטערן אייגענעם נאָמען: פּ. ב. סטרוואווע, מ. טוגאַן-באַראַנאָווסקי, א. בערדיאַיעוו א״אַ.

איך האָב זייער ליב געהאַט מיכאַילאָווסקין אַלס אַ שרייבער: זיין אַרט שרייבן, זיין סטיל, זיין פיינע אינטעליגענץ, זיין טיפער פּסיכאָלאָ־

גישער צוגאַנג האָבן אויף מיר געמאַכט זייער אַ שטאַרקן איינדרוק; אָבער וויבאַלד עס פלעגט קומען צו די טעאָרעטישע פראַגעס פון מאַרקסיזם אָדער ניט-מאַרקסיזם, פלעגט פאַר מיר ניט זיין אַפילו אויף אַ רגע קיין ספק, אַז גערעכט זיינען מאַרקס און די מאַרקסיסטן.

גראָד אין ריגע האָב איך באַקומען די מעגלעכקייט מער צו שטו־דירן סײַ דעם טעאָרעטישן מאַרקסיזם, סײַ די געשיכטע פון דער אייראָ־פּעאישער אַרבעטער-באַוועגונג.

איך האָב שוין דערמאָנט, אַז ריגע איז געווען, הגם רוסיפיצירט, אָבער נאָך אַ שטאַרק דייטשע שטאָט. דאָ האָט מען נאָך געלייענט זייער אַ סך דייטשע ביכער און די בוכהענדלער פלעגן אויסשרייבן גאַנצע קאַסטנס ביכער פון דייטשלאַנד. אָט מיט איינעם אַזאַ דייטשן בוכהענדלער האָבן די ראַדיקאַלע סטודענטן געמאַכט אַ געשעפט: ער פלעגט פאַר זיי אויסשרייבן פון דייטשלאַנד אַלערליי ביכער, וואָס די רוסישע צענזור וואָלט זיי קיין מאָל ניט דורכגעלאָזן (ביכער וועגן דער אַרבעטער-באַוועגונג פון קאַוטסקי, בערנשטיין, ענגעלס, מאַרקס, בעּ־בעל, ליבקנעכט, ליסאַגאַרעס „געשיכטע פון דער פּאַריזער קאָמונע" און אַנדערע). ער האָט דאָס געמאַכט אויף אַזאַ אופן: אין אַ קאַסטן פון אונטן פלעגט ער אַוועקלייגן די „טריפע" ביכער, און פון אויבן פלעגט ער זיי צודעקן מיט אַ גערדיכטער שיכט טעכנישע, וויסנשאַפט־לעכע, ליטעראַרישע ביכער וואָס זיינען געווען כשר. דער באַאַמטער פון רוסישן צענזור-קאָמיטעט, וואָס האָט געהאַט גרויס צוטרוי צום רייכן דייטשן בוכהענדלער און האָט אחוץ דעם נאָך געקראָגן פון אים צו חגאים אַ 25-ער, פלעגט זיך פוילן צו קריכן צו טיף אין קאַסטן און אַזוי אַרום דורכלאָזן די קאָנטראַבאַנדע. האָבן מיר אין ריגע געּ־האַט, — אמת נאָר אין דייטש, — די נייסטע סאָציאַליסטישע ווערק, וואָס זיינען אַרויס אין דייטשלאַנד. און אַזוי ווי אין מיינע לערניאָרן אין ליבוי און ריגע האָב איך זיך אויסגעלערנט גאַנץ היפש דייטש, איז מיר שוין געווען פיל גרינגער בייצוקומען די דאָזיקע ביכער איי־דער אין פּאָנעוועזש, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל געקראָגן אין די הענט אַריין דאָס „ערפורטער פּראָגראַם".

4

דער ערשטער רעוואָלוציאָנערער קרייזל

אָבער די דאָזיקע ביכער האָב איך געלייענט ניט איינער אַליין, אָפּגעזונדערט פון מיינע חברים. פאַרקערט, מיין שטודיום פון מאַרק־סיזם איז פאָרגעקומען אין ראַמען פון קרייזלעך, וואָס מיר האָבן געּ־שאַפן גלייך אין ווינטער 1899.

צום געדאַנק פון אַ קרייזל האָט מען זיך ניט געדאַרפט דער־טראַכטן: דאָס איז געלעגן אין דער לופט, און יעדער סטודענט איז

געווען אין עפּעס אַ קרייזל. אָבער די איניציאַטיוו צו אונדזער וויסנ־שאַפטלעכן קרייזל האָט גענומען אויף זיך איינער פון די עלטערע סטו־דענטן מיט דעם נאָמען פּאַפּערנאָ, און צוזאַמען מיט אים האָט געווירקט אַ צווייטער סטודענט — מאַרגאָלים.

בשעת מיר, די יונגוואַרג, זיינען אָנגעקומען קיין ריגע, איז שוין דאָרטן, בפרט צווישן די אידישע סטודענטן, געווען אַ גאַנץ היפּשע צאָל ראַדיקאַל־געשטימטע מענטשן. טייל זיינען געווען אַ סך עלטער פון אונדז און האָבן שוין געהאַלטן ביים ענדיקן דעם פּאָליטעכניקום.

איינער פון זיי איז געווען מאַטוועי ב ר ו צ ק ו ס, פון דער ברוצקוס פאַמיליע, וואָס איז באַקאַנט אין אידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין רוסלאַנד. אַ צווייטער איינפלוסרייכער סטודענט אין די אי־דישע קרייזן איז געווען מאָווּשע ג י נ ז ב ו ר ג, אַ איד פון אַ יאָר דרייסיק, מיט אַ גרויסער בלאָנדער באָרד, אַ שטאַמלער, אָבער אַ מענטש מיט אַ שאַרפן קאָפּ און מיט אַ גרויסער מאָראַלישער קראַפט; אַ דריטער איז געווען ג אָ ל ד ב ל אַ ט, אויך אַ מענטש פון אַ יאָר 27-26, פאַרוואַקסן מיט אַ גרויסער שוואַרצער באָרד, אַ שטילער און פאַרשלאָסענער, וואָס איז געווען פאַררעכנט פאַר אַ פעאיקן כעמיקער און וואָס אַלע האָבן אים זייער שטאַרק רעספּעקטירט. ער איז געווען מיינער אַ לאַנדסמאַן, אַ דווינסקער, און מיר האָבן זיך אַ ביסל געקאָנט פון פריער: ער איז געווען באַפריינדט מיט מיין עלטערער שוועסטער, בשעת זיי האָבן זיך נאָך ביידע געלערנט אין דווינסק. איך האָב אין ריגע געפונען נאָך אַן אַלטן באַקאַנטן, דאָס איז געווען דער עלטערער ב ר אָ י ד אָ, לעוו, וואָס האָט אויך שטודירט כעמיקער.

פּאַפּערנאָ און מאַרגאָלים זיינען ביידע געווען פון לאָדזש. און מאַרגאָליסעס שוועסטער, אַ דאָקטערקע, איז געווען פּאַפּערנאָס ווייב. פּאַפּערנאָ האָט געהאַט צוויי קינדער — אַ זעלטענע זאַך פאַר אַ סטודענט.

פּאַפּערנאָ איז געווען אַ יונגער מאַן פון שאַרפן שפּאַניאָליש־אידישן טיפּ: אַ שאַרפע נאָז, שוואַרצע מאַנדל־פאָרמיקע אויגן, אַ שפּי־ציק שוואַרץ בערדל און אַ גרויסער קאָפּ פעך־שוואַרצע האָר. דעם קאָפּ האָט ער שטענדיק געהאַלטן שטאָלץ אויפגעהויבן אין דער הייך, אַ ביסל אויף צוריק. ער איז גראָד געווען ניט קיין מאַרקסיסט, נאָר דווקא אַן אָנהענגער פון מיכאַילאָווסקין. אָבער ער האָט געהאַט אין אונדזערע אויגן יענע גרויסע מעלה, וואָס ער איז געווען מער באַלייענט ווי מיר אין דער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור און איז אָקאָרשט צוריקגעקומען פון אויסלאַנד, וואו זיין פרוי האָט שטודירט און וואו ער האָט פאַר־קערט אין רעוואָלוציאָנערע קרייזן. ער האָט אפילו געקאָנט פּערזענ־לעך פּלעכאַנאָוון אָדער וויניקסטנס געווען אין זשענעווע און ציריך, אויף פאַרשיידענע דעבאַטעס און פאַרזאַמלונגען פון מענטשן, וואָס זייערע נעמען האָבן פאַר אונדז געקלונגען ווי אַ לעגענדע.

זיין פריינד און לאַנדסמאַן מאַרגאָלים איז ניט געווען טעאָרעטיש אַזוי באַהאַונט ווי פּאַפּערנאָ. אָבער דערפאַר איז ער געווען אַ גוטער פּראַקטיקער וואָס האָט שוין געהאַט דערפאַרונג אין דער קרייזל-באַוועגונג. אַ מאָגערער, מיט ברילן, מיט אַ טונקל בערדל, איז מאַרגאָלים געווען דער טיפּ פון אַ פּוילישן חסידל. עס האָט אים נאָר געפעלט דאָס שטריימל און די קאַפּאָטע.

אי מאַרגאָלים, אי פּאַפּערנאָ זיינען ביידע געווען זייער אינטערעסאַנטע טיפּן, וואָס האָבן אין אונדזער גאַנצן קרייז פאַרנומען אַ באַזונדערע שטעלונג און געהאַט גאָר אַ באַזונדערן גורל. פאַרלויפנדיק אַ ביסל דעם וועג, וויל איך דאָ וועגן דעם דערציילן, ווייל דאָס איז פאַר יענער צייט אויך געווען אַ כאַראַקטעריסטישע דערשיינונג.

מאַרגאָלים און פּאַפּערנאָ, דער עיקר אָבער פּאַפּערנאָ, וואָס איז געווען דער פירנדיקער קאָפּ פון דער קליינער גרופּע, האָט בשום אופן ניט געוואָלט גיין אויף דעם אויסגעטראָטענעם וועג פון דער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ. ער איז שוין יעמאָלט געווען שטאַרק קריטיש צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, הגם ער האָט אונדז אין איר אַריינגעפירט, און ער האָט באַשלאָסן צו אַרבעטן לויט גאָר אַ נייעם פּלאַן: און דער פּלאַן איז באַשטאַנען אין דעם, אַז מען זאָל צוערשט, דורך קאָמערציעלע אָפּעראַציעס, ווי אינזשענערן אָדער סוחרים, שאַפן אַ „גרויסן קאַפּיטאַל" פאַר רעוואָלוציאָנערע צוועקן (זיי האָבן יעמאָלט גערעדט וועגן 30,000 רובל, וואָס האָט זיך אונדז אַלעמען אויסגעדוכט אַן אומגעהייער גרויסער קאַפּיטאַל), און מיט דעם דאָזיקן קאַפּיטאַל וועט מען שאַפן אַ געהיימע דרוקעריי מיט אַזוינע טעכנישע אַפּאַראַטן, אונטערערדישע טונעלן, עלעקטרישע מאַשינען אאַז"וו, אַז מען וועט קענען פאַרפלייצן גאַנץ רוסלאַנד מיט אומלעגאַלער ליטעראַטור, און די פּאָליציי וועט די דרוקעריי קיין מאָל ניט אַנטדעקן. שעהן לאַנג איז פּאַפּערנאָ געזעסן מיט מיר, וואָס איך בין פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ גוטן מעכאַניקער, און האָט מיט מיר צוזאַמען אויסגעאַרבעט אַלע טעכנישע איינצלהייטן פון דער דאָזיקער וואונדערלעכער געהיימער דרוקעריי.

דער דאָזיקער „גרויסער פּלאַן" האָט אָפּגעהאַלטן פּאַפּערנאָן פון דירעקטער באַטייליקונג אין דער פּאַרטיי-באַוועגונג, וואָס מיר האָבן אָנגעהויבן אַ ביסל שפּעטער צווישן די ריגער אַרבעטער. ער האָט ניט געוואָלט „דורכפאַלן", איידער ער וועט ניט האָבן דורכגעפירט זיין גרויסן פּלאַן. אָבער פון פּלאַן האָט זיך גאָרניט אויסגעלאָזן, און פון זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט אויך ניט. איך האָב אים אין די שפּעטערדיקע יאָרן באַגעגנט נאָר איין מאָל אין פּעטערבורג, אין 1905. (ער איז געשטאָרבן אין בערלין אַרום 1930-1931, ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט.)

אויך מאַרגאַליסעס גורל איז געווען אַ מערקווירדיקער: צוערשט איז ער אַרעסטירט געוואָרן אין ריגע, נאָך איידער מיר אַלע זיינען דורכגעפאַלן, און איז פאַרשוואונדן פון אונדזער קרייז. איך האָב אים אין 1907 באַגעגנט צופעליק אין לאָזאַן (אין דער שווייץ), אויפן גאַס, וואו ער האָט מיר איינגעראָמט אַ סוד, אַז ער איילט זיך זייער, ווייל ער גייט גראָד איצט צום היירעטס-ביוראָ פון דער שטאָט-פאַרוואַלטונג חתונה האָבן מיט זיין כלה. און צום צווייטן און לעצטן מאָל נאָך ריגע האָב איך זיך מיט אים געטראָפן מיט 13 יאָר שפּעטער, אין מערץ 1920, אויף דעם קאָנגרעס פון די „סאָוונאַרכאָזן" (ראַטן פון פאָלקסווירטשאַפט) אין מאָסקווע, וואו איך האָב געהאַלטן אַ קעגן-רעפעראַט קעגן טראָצקין. ער איז געווען איינער פון די דעלעגאַטן. נאָך דער פאַרזאַמלונג האָבן מיר נאָך אַביסל געשמועסט און אָפּגערעדט זיך צו באַגעגענען צומאָרגנס. אָבער אויפן צווייטן טאָג האָב איך דורכגעלייענט אין דער צייטונג, אַז איינער אַן אינזשענער מאַרגאַלים איז דערשאָסן געוואָרן אויף אַ פינצטערער גאַס פון רויבער. ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, איז דאָס געווען מיין מאַרגאַלים.

אָבער יעמאָלט, אין ווינטער 1899, זיינען מיר אַלע נאָך געווען יונג, פריש, מונטער, פול מיט לעבנס-ענערגיע און ענטוזיאַזם. מיר האָבן ערשט אָנגעהויבן צו עפענען די טיר צו דעם לאַנגן, לאַנגן גאַנג, דורך וועלכן עס האָט אונדז שפּעטער געפירט די אַנטוויקלונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

אין דעם גרויסן סטודענטן-צימער, אין וועלכן פּאָפערנאָ האָט געוואוינט, האָט ער פאַררופן צו זיך אַ קרייזל יונגע אידישע סטודענטן פון די „גרינע".

דער סטודענטישער קרייזל האָט זיך דער עיקר פאַרנומען מיט אַליין-בילדונג, מיט טעאָרעטישע און פּאָליטישע דיסקוסיעס, מיט לייענען ביכער וועגן דער טעאָריע און געשיכטע פון דער אַרבעטער-באַוועגונג אין אייראָפּע (דאָס זיינען געווען דאָס רוב יענע דייטשע ביכער, וועגן וועלכע איך האָב פריער דערציילט).

פּאַקטיש איז אָבער אונדזער הויפּט-אויפמערקזאַמקייט געווען געווענדט אויף דער סטודענטישער באַוועגונג און אויף דער אַרבעט אין פּאָליטעכניקום. אין דער פרי פלעגט מען גיין אויף לעקציעס, אין צייכן-זאַל, צו פּראַקטישע אַרבעטן אין לאַבאָראַטאָריע. מיטאָג-צייט פלעגט מען זיך טרעפן אויף דער סטודענטישער „בערזע", — אַזוי האָט מען גערופן די שיינע גרויסע טרעפּ, וואָס האָט געפירט צום „בערגל", אויף וועלכן עס איז געשטאַנען דער בנין פון פּאָליטעכניקום. אויף אָט די טרעפּ פלעגן זיך אַרומדרייען הונדערטער סטודענטן אין דער צייט צווישן איינס און צווי אַ זייגער ביי טאָג. דאָ פלעגט מען זיך טרעפן צוליב פאַרשיידענע „געשעפטן": באַרגן איינער ביי דעם אַנדערן אַ פּאָר רובל, דורכשמועסן זיך וועגן אַ בוך אָדער וועגן אַן ענין, אוים-

בייטן איינער מיט דעם אַנדערן אומלעגאַלע ליטעראַטור שטילערהייט און אַ מאָל, שטייענדיק צו דריט אָדער צו פינפט, פלעגט מען על רגל אחת מאַכן אַ קורצע זיצונג פון דעם אומלעגאַלן סטודענטישן קאָמיטעט. ביי טאָג פלעגן ווידער זיין לעקציעס אָדער קנעלונג אויף צו פאַרדינען די עטלעכע רובל, וואָס מען האָט געדאַרפט האָבן צום לעבן, און אין אָוונט פלעגט מען זיך טרעפן אין די קרייזלעך אָדער אין די ביר־קעלערן, וואָס האָבן יעמאָלט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון די קאַפעען. און דאָרטן זיצנדיק ביי אַ גלעזל ביר, גרופּעסווייז, פלעגט מען אָפּהאַלטן קליינע מיטינגען, פירן דיסקוסיעס און קאָלעקטיווע שמועסן. אַלע טישלעך זיינען געווען באַזעצט מיט אייגענע מענטשן, — האָט מען געקאָנט פריי ריידן און זינגען. און אויב עס פלעגט זיך באַווייזן אַ פרעמדער פּנים פלעגט מען שוין וויסן וואָס צו טאָן. שפּעט־שפּעט ביי נאַכט פלעגט מען זיך נעמען קלייבן אַהיים, און אויב די נאַכט איז געווען אַ שיינע, פלעגט מען זיך פוילן גיין שלאָפן און מען פלעגט זיך לאָזן שפּאַצירן אויפן „באָס־טיאָן", וואָס איז געווען ניט וויט פון פּאָליטעכניקום, — אַ שיינער פּאַרק מיט ביימער, בערגלעך און אַ שטילן קאַנאַל. דאָרטן פלעגן מיר אַרומשפּאַצירן שעהן לאַנג, דיסקוטירנדיק וועגן מאַרקסיזם און מאַטע־ריאַליזם, וועגן די גייסטע טעכנישע זאַכן, וואָס מיר האָבן געלערנט אין פּאָליטעכניקום, אָדער וועגן ליבע, וועגן דער רעוואָלוציאָנערער באַ־וועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צווישן די סטודענטן און אַרבעטער, און וועגן אונדזערע אייגענע פּלענער אויף דער צוקונפט. אָבער אויך די אידן־פראַגע האָט זיך שוין יעמאָלט דורכגעוואָרפן גאַנץ אָפט אין אונדזערע נאַכט־דיסקוסיעס. אַ מאָל, ווען מען פלעגט זיין באַזונ־דערש פריילעך, פלעגט מען זיך אוועקשטעלן אויפן סאַמע הויכן בערגל זינגען לידער, ביז עס פלעגט ניט אָנקומען דער נאַכט־פּאָליציסט און הייסן גיין אַהיים. אָבער די פּאָליציי איז אין יענע יאָרן געווען איידל צו סטודענטן אין ריגע. בויענדיק אָט אויף דער איידלקייט, פלעגן אַנ־דערע פון אונזער חברה זיך דערלויבן פאַרשיידענע שפּיצלעך. מע פלעגט זינגען רעוואָלוציאָנערע לידער אָדער די מאַרסעליעזע, און ווען דער פּאָליציסט פלעגט צוקומען נעענטער, פלעגט מען אַריבערגיין אויף געוויינטלעכע לידער אָדער אַ מאָל גאָר אויף דעם צאַרישן הימן „באָ־זשע צאַריאַ כראַני". האָט דער פּאָליציסט געמוזט שטיין „סמירנאַ" („טו אַטענשאָן") און האָט די שטיפערס קיין זאַך ניט געקאָנט טאָן.

5

פאַרשאַרפונג פון דער סטודענטן־באַוועגונג. — איך ווער אויס סטודענט

אין יענעם מאָמענט האָט די סטודענטישע באַוועגונג אָנגענומען אַלץ אַ שאַרפערע פאָרעם. איך האָב שוין געזאָגט, אַז ריגע האָט ניט געהערט



סטודענטן־דעמאָנסטראַציע (1902)

צו די סאַמע רעוואָלוציאָנערע שטעט אין רוסלאַנד, אָבער פונדעסטוועגן זיינען מיר אין ריגע ניט געבליבן אין גאַנצן אין אַ זייט פון דער אַלגעמיין-רוסישער סטודענטישער באַוועגונג. דעלעגאַטן פון די רעוואָלוציאָנערע סטודענטישע קרייזלעך אין פעטערבורג, מאָסקווע און קיעוו האָבן אָנגעהויבן צו קומען צו אונדז. אומלעגאַלע ליטעראַטור, צו ערשט סטודענטישע און דערנאָך אַלגעמיינע, האָט זיך באַוויזן אין ריגע. עס האָט זיך געשאַפן אַ געהיימער סטודענטישער קאָמיטעט, וואו עס זיינען אַריין פאַרטרעטער פון פאַרשיידענע לאַנדסמאַנשאַפטן, אָרגאַניזאַציעס און סתם איינצלנע מער אַקטיווע סטודענטן. מען האָט אַרגאַניזירט גרויסע סטודענטישע מאַסן-מיטינגען אין דער הויפט-אוידיטאָריע פון פאָליטעכניקום, און דאָרטן זיינען שוין פאָרגעקומען אָפענע פאָליטישע דיסקוסיעס צווישן די רעוואָלוציאָנערע סטודענטן און די „ווייסע אונטערשלאַק”-סטודענטן.*)

אָט אויף איינעם פון די גרויסע מיטינגען בין איך צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן אַרויסגעטראָטן עפנטלעך מיט אַ גרויסער רעדע. און עס איז זיכער ווידער ניט געווען קיין צופאַל, וואָס גערעדט האָב איך וועגן די אַלגעמיינע פראַגעס, אָבער ספּעציעל כדי צו געבן אַ געהעריקן ענטפער אויף אַן אַנטיסעמיטישער רעדע פון אַ „ווייסן” סטודענט.

אויף דעם זעלביקן מאַסן-מיטינג איז אויך צום ערשטן מאָל פאָרגעשטעלט געוואָרן פאַר דער עפנטלעכקייט דער לאַטווישער סטודענט איוואַן אַ ז אָ ל , וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַ באַרימטער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער טוער און אַ דעפּוטאַט אין דער ערשטער גאָסודאַרסטווענער דומע. ער איז שפּעטער געווען אַן עמיגראַנט אין אַמעריקע, געוואָרן אַ קאָמוניסט און האָט זיך אומגעקערט אין סאָוועט-רוסלאַנד נאָך דער רעוואָלוציע. אויב איך האָב ניט קיין טעות איז אויף דעם זעלביקן מיטינג אָדער אפשר אויף אַן אַנדערן, אַרויסגעטראָטן אויך דער אַרמענישער סטודענט סטעפּאַן ש אַ ו מ י אַ ן. ער איז שפּעטער געוואָרן אַ באַוואוסטער באָלשעוויסטישער טוער און געווען איינער פון די באַרימטע „26 קאָמיסאַרן”, וואָס זיינען דערשאָסן געוואָרן אין באַקו אין 1920.

מיין באַטייליקונג אין דער אַלגעמיינער סטודענטישער באַוועגונג האָט זיך ניט באַגרענעצט נאָר מיט רעדעס. איך בין אויך אַריינגענומען געוואָרן ווי אַ מיטגליד אין דעם סטודענטישן סטרייק-קאָמיטעט און בין דאָרטן גלייך געוואָרן איינער פון די אַקטיווסטע טוער. ווען איינע אַ דייטשע קאָנסערוואַטיווע צייטונג האָט אָנגעשריבן אַ זידל-אַרטיקל קעגן די ריגער סטודענטן, וואָס מאַכן סטרייקן, איז באַשלאָסן

*) די מער רייכע און בירגערלעכע סטודענטן האָבן זייערע אוניפאָרמעס (פון מיליטערישן שניט) געלאָזט מאַכן אויף ווייסע זיידענע אונטערשלאַק.

געוואָרן צו אָרגאַניזירן קעגן דער רעדאַקציע אַ דעמאָנסטראַציע און צעברעכן דאָרטן די שויבן.

די דאָזיקע דעמאָנסטראַציע האָט זיך געזאָלט געפֿינען אונטער מיין אָנפֿירונג און איך האָב זי טאַקע אָרגאַניזירט און באַשטימט געוואָרן פֿאַרן „דיקטאַטאָר”. אָבער דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען, ווי אומזיכער עס איז דער גורל פֿון אַ דיקטאַטאָר. ווען איך האָב שוין געהאַט אַלץ אָרגאַניזירט אויפֿן שענסטן אופֿן, פֿאַרטיילט די גרופּעס סטודענטן אין פֿאַרשיידענע זייטיקע געסלעך, כדי זיי זאָלן דערנאָך אַלע מיט איין מאָל אַרויסשפּרינגען אין דער הויפּטגאַס קעגן דער רעדאַקציע, און האָב ווי אַן אמתער „גענעראַל” געקוקט אויף מיין זייגער כדי צו געבן דעם סיגנאַל, — האָט אַן אומגעדולדיקער לאָטווישער סטודענט אַרויסגעריסן פֿון מיינע הענט די קאָמאַנדע. ער האָט אַליין געגעבן דעם סיגנאַל און די דעמאָנסטראַציע איז פֿאָרגעקומען איידער איך האָב נאָך געהאַט צייט עפּעס צו טאָן. אמת, די דעמאָנסטראַציע איז צוליב דעם אַרויסגעקומען ניט אין גאַנצן געלונגען, און די פּאָליציי איז אָנגעקומען צו פֿרי. אָבער פֿונדעסטוועגן האָט מען עטלעכע שויבן אויסגעבראָכן און מיר האָבן דורכגעמאַרשירט, אַ גרופּע פֿון אַ 100 מענטשן, אין אונדזערע מונדירן מיט גאָלדענע קנעפּלעך און עפּאָלעטן, איבער אַ ריי גאַסן. דאָס איז געווען די ערשטע סטודענטישע גאַסן־דעמאָנסטראַציע, וואָס ריגע האָט ווען ניט איז געזען. סיי דער עולם, סיי די פּאָליציי האָבן אין ערשטן מאָמענט ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס מיר ווילן. אונדזערע אויסגעשרייען: „דאָלאָי סאַמאָדיערזשאַוויע” (נידער מיט דער אַליין־הערשונג) זיינען יעמאָלט געווען נאָך אַזוי פֿרעמד אין דער ניט־רוסישער שטאָט ריגע, אַז דער עולם האָט ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס מיר מיינען. פֿונדעסטוועגן האָט דאָס אָנגעמאַכט אַ גרויסן רושם אין דער שטאָט און האָט אויפֿגעהויבן די שטימונג.

איינער פֿון די ערשטע און גרעסטע שרייערס אויף דער דאָזיקער דעמאָנסטראַציע איז געווען „סערגעי” בראַון, וואָס איז געגאַנגען לעבן מיר. איך מוז זאָגן דעם אמת. איך האָב לכתחילה עפּעס ניט געהאַט די העזה צו שרייען סתם אַזוי אין מיטן העלן טאָג אין דער גאַס און איך האָב זייער באַוואונדערט דעם מוט פֿון סערגעיען.

גאָר שטאַרק איז געשטיגן די שטימונג ביי די סטודענטן, באַזונדער אין מיין קרייזל און ביי מיר פּערזענלעך, נאָך דעם אַטענטאַט פֿון דעם סטודענט קאַרפּאָוויטש, וואָס האָט דערשאָסן דעם בילדונגס־מיניסטער באָגאָלעפּאָוו. דער ריגער סטודענטישער קאָמיטעט האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן וועגן דעם אַן אויפֿרוף, און דאָס בלעטל האָב איך אַליין אָנגעשריבן און אַליין געהאָלפֿן דרוקן אויף אַ העקטאָגראַף. דאָס איז געווען מיין ערשטע „ליטעראַרישע” שאַפֿונג אויף רוסיש. אויף וויפֿיל איך געדענק איז דאָס געווען אָנגעשריבן זייער שלעכט, אָבער אין זייער אַ געהויבענעם טאָן, לויט דעם שטייגער פֿון גאָרקים „ליד וועגן פֿאַלקן” („פּעסן אָ סאָקאָליע”). איך בין אין יענעם מאָמענט שוין גע-

ווען אַ פעסטער מאַרקסיסט, אָבער וועגן דער רעוואָלוציאָנערער טאַק־טיק האָב איך נאָך ניט געהאַט קיין באַשטימטע מאַרקסיסטישע מיי־נונג און איך האָב זייער מורא, אַז אין יענעם בלעטל קאָן מען געפינען מער באַגייסטערונג פאַר דער טעראָריסטישער טאַט פון קאַרפּאָוויטשן, איידער עס האָט געפּאַסט פאַר אַ מאַרקסיסט. עס פאַרשטייט זיך, אַז דער אויספיר פון בלעטל איז געווען ניט דער רוף צו ווייטערדיקע טע־ראָריסטישע אַקטן, נאָר אַן אויפפאָדערונג צו אַ פּאָליטישן מאַסן־קאַמף.

פון בלעטלעך איז מען טאַקע אַריבער צו מאַסן־טאַטן, און דער ערשטער אַקט איז געווען אַ ס ט ו ד ע נ ט י ש ע ר ס ט ר י י ק. עס האָט זיך אונדז איינגעגעבן צו פאַרמאַכן דעם פּאָליטעכניקום אויף אַ באַשטימטער צייט. אָבער שפּעטער, — דאָס איז שוין געווען אין אָנהייב 1902, — האָט די סטרייק־באַוועגונג געפונען אַ שטאַרקן ווי־דערשטאַנד מצד די פּראָפעסאָרן און אַ טייל סטודענטן. ניט געקוקט אויף דעם באַפעל פון דעם סטודענטישן קאָמיטעט, זיינען אַ טייל „סטרייקברעכער" געקומען צו די לעקציעס און אַזוי אַרום איז אונדז ניט געבליבן קיין אַנדער ברירה ווי אַרויסצוטרייבן זיי פון די אוידי־טאָריעס איבער גוואַלד. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו אָרגאַניזירן אַן אָבסטרוקציע. צו ערשט האָט מען זיך באַנוצט מיט כעמישער אָב־סטרוקציע, ד"ה געוואָרפן אין די אוידיטאָריעס כעמישע באָמבעס, וואָס האָבן פאַרפעסטט די לופט און האָבן געמאַכט אוממעגלעך צו אָטעמען. אָבער צווישן די סטרייקברעכערס זיינען אויך געווען גענוג כעמיקער, פּראָפעסאָרן און סטודענטן. אַזוי אַרום האָבן זיי אויסגעפונען מיטלען קעגן אונדזער כעמישער אָבסטרוקציע. האָט מען געמוזט אָנקומען צו פיזישער אָבסטרוקציע, ד"ה פשוט אַריינרייסן זיך אין די אוידיטאָ־ריעס און אַרויסטרייבן די סטודענטן מיט פויסטן. האָבן יענע פאַר־שלאָסן די טירן. האָט מען זיי געמוזט אויפברעכן. און אָט איין מאָל, ווען מיר, אַ גרופּע פון 50-60 מאַן, האָבן געבראָכן די טירן אין אַ גרוי־סער אוידיטאָריע, האָט איינער פון מיינע פריינד, אַ רוס, אַ ריז און אַ גיבור, באַנוצט מיך ווי אַ מין „ברעכאייזן". און דורך דער אויסגעב־בראָכענער טיר בין איך אַריינגעפלויגן ווי אַ באָמבע פּנים אל פּנים מיט דעם פּראָפעסאָר, וואָס האָט מיך זייער גוט געקאַנט, — און הינ־טער מיר די איבעריקע חברה. די לעקציע איז אַרונטערגעריסן געוואָרן, אָבער דערפאַר האָט דער פּראָפעסאָר געהאַט די גענויע נעמען פון דער גאַנצער גרופּע אָבסטרוקציאָניסטן. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט מען אונדז אַלעמען גערופן צום אַקאַדעמישן געריכט, וואָס איז באַ־שטאַנען פון פּראָפעסאָרן, און מען האָט אונדז אַלעמען אויסגעשלאָסן פון פּאָליטעכניקום.

אַזוי האָט זיך געענדיקט מיין אַקאַדעמישע קאַריערע. דאָס האָט מיר אין אָנהייב זייער פאַרדראָסן, ווייל איך האָב זיך געלערנט גאַנץ גוט און האָב אַלע עקזאַמענס, צייכענונגען און פּראַקטישע אַרבעטן דורכגעמאַכט אויף אַ גאַנץ שיינעם אופן, און עס איז שוין געבליבן ניט

קיין סך אויף צו ענדיקן און קריגן אַ דיפּלאָם פון אַן אינזשענער. אָבער אַנדערע פּלענער האָבן שפּעטער אָפּגעצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט פון סטודענטישע זאַכן און קיין דיפּלאָם האָב איך טאַקע קיין מאָל ניט געקראָגן.

מיט לייב און לעבן האָב איך זיך אַריינגעצויגן אין דער אַ ר ב ע ־ ט ע ר ־ ב אַ װ ע ג ו נ ג.

6

די אידישע אַרבעטער־קרייזלעך אין ריגע. — הערץ בורגין

די יונגע סטודענטן, וואָס זיינען מיט מיר צוזאַמען אָנגעקומען אין פּאָליטעכניקום, זיינען אַלע געווען יונגע לייט פון 18 ביז 20 יאָר. נאָר איין־איינציקער, וואָס איז טאַקע געקומען קיין ריגע מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער פאַר אונדז אַלעמען, איז געווען אַן אויסנאַם: אַ קליין מענ־טשעלע פון אַ יאָר 30, מיט אַ טונקעלער באָרד, מיט גרויסע ברילן; אויף אים האָט די אוניפאָרם מיט גאָלדענע קנעפּלעך און די עפּאָלעטן אויסגעזען משונהדיק ווילד. דאָס איז געווען הערץ ב ו ר ג י ן. איך בין געזעסן אין צייכנזאַל און האָב געמאַכט אונדזער ערשטע גרויסע טעכנישע צייכענונג, וואָס האָט געפאָדערט זייער אַ סך אַרבעט. און דאָ זע איך לעבן מיר אָט דעם מערקווירדיקן סטודענט, וואָס זיצט און שוויצט און איך זע, אַז ער הייבט ניט אָן צו פאַרשטיין, ווי אַזוי מען מאַכט אַזאַ מין צייכענונג. איך האָב אים אָנגעבאָטן מיין הילף און מיר האָבן זיך באַקאַנט. איך האָב גלייך געזען, אַז דאָס איז אַן ערנסטער, געזעצטער מענטש, וואָס איז ניט נאָר אַ סך עלטער פאַר מיר, נאָר האָט אויך אַ סך מער בילדונג, — אַחוץ אין די אַקאַדעמישע סטודענטישע פאַכן. פון די אַנדערע חברים האָב איך זיך באַלד דערוואוסט, אַז בורגין איז אַ חתונה־געהאַטער (אַ גרויסע זעלטנקייט אין יענער צייט ביי סטודענטן), אַז ער איז פון פאַך אַ אידישער לערער, וואָס האָט געענ־דיקט דעם לערער־אינסטיטוט אין ווילנע און איז שוין געווען עטלעכע יאָר ניט נאָר אַ לערער, נאָר אויך אַ „קאַזיאָנער רב” און אַ אידיש שטעטל אין וויטעבסקער גובערניע.

אָט דער דאָזיקער בורגין, מיט וועלכן איך האָב זיך באַלד באַ־פריינדט, איז געווען דער, וואָס האָט מיך אַריינגעפירט אין דער אי־דישער אַרבעטער־באַוועגונג.

בורגין איז שוין יעמאָלט געווען אַן אַלטער בונדיסט, וואָס איז נאָך פון ווילנע, פון אינסטיטוט אויס, געווען פאַרבונדן פּערזענלעך און פּאָליטיש מיט די גרינדער און די טוער פון „בונד”. מיט אים צו־זאַמען אָדער אפשר אַ ביסל שפּעטער איז געקומען קיין ריגע אויך אַ צווייטער אידישער לערער גרשון פ ל ו ד ע ר מ אַ כ ע ר , וואָס איז

שפּעטער געוואָרן אַ באַוואוסטער אידישער שול-טוער, דירעקטאָר פון דער קופּערשטיין-שול אין ווילנע.

ווען איך האָב זיך געטראָפן אין הארבסט-ווינטער 1899 מיט בורגינען און דערנאָך מיט פלודערמאַכערן, האָב איך נאָך קיין זאַך ניט געוואוסט וועגן „בונד". איך האָב, פאַרשטייט זיך, אויך קיין אַנונג ניט געהאַט וועגן דעם, אַז ביי אונדז אין ריגע האָט מען שוין מיט אַ יאָר פריער געמאַכט פּרוואוון צו אָרגאַניזירן בונדישע קרייזלעך צווישן די אידישע אַרבעטער, און אַז אין די דאָזיקע פּרוואוון האָט זיך באַטייליקט מיין אַלטער באַקאַנטער לעוו בראַידאָ.

בורגין האָט זיך אַ געוויסע צייט „צוגעקוקט" צו מיר, — ווי איך האָב דאָס שפּעטער פאַרשטאַנען, — און האָט זיך דורך מיר נעענטער באַקאַנט אויך מיט די אַנדערע מיטגלידער פון אונדזער סטודענטישן קרייז. און נאָך דעם האָט ער מיך איין מאָל איינגעלאַדן צו זיך און האָט מיר געשטעלט די פראַגע, צי וואָלט איך ניט געוואָלט אָנפירן אַ פּאָר בילדונגס-קרייזלעך צווישן אידישע אַרבעטער, וואו מען פאַר-נעמט זיך ספּעציעל מיט פּאָליטישער עקאָנאָמיע, קולטור-געשיכטע א"אַ. ער איז געווען זייער פאַרזיכטיק אין זיינע פאָרמולירונגען און וועגן דעם פּאָליטישן כאַראַקטער פון די דאָזיקע קרייזלעך האָט ער בכלל ניט גערעדט, אויף וויפיל איך קאָן זיך דערמאָנען. ניט איבערטראַכ-טענדיק קיין איין מינוט, האָב איך גלייך געגעבן מיין צושטימונג, און טאַקע מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג. ווי איך בין ניט געווען שוין יעמאָלט פאַרטאָן אין דער סטודענטישער באַוועגונג, האָב איך דאָך ווי אַ מאַרקסיסט געוואוסט, אַז אָן דעם אַרבעטער-קלאַס וועלן די סטו-דענטן אַליין קיין זאַך ניט קאָנען אויפטאָן.

קיין אונטערשייד צווישן דעם אידישן און דעם אַלגעמיינעם אַר-בעטער-קלאַס האָב איך ניט געמאַכט. די ספּעציעלע פּראָבלעמען פון דער אידישער עקאָנאָמיק און סאָציאַלן צוזאַמענשטעל זיינען נאָך פאַר מיר ניט געווען קלאָר און איך האָב וועגן זיי ווייניק וואָס געטראַכט.

ווען איך האָב דערהערט, אַז פּאַר מיר עפנט זיך די מעגלעכקייט אַריינצוקומען אין דער געהיימער אַרבעטער-באַוועגונג, האָט דאָס אַרויסגערופן ביי מיר דאָס געפיל פון טיפער באַפרידיקונג און ענטו-זיאַזם. אין דער זעלביקער שטימונג זיינען אויך געווען מיינע נעענטע-רע פריינד: קאָסטעלאַניעץ, שטיין, הערמער א"אַ.

פון בורגינען האָב איך אויך באַקומען ערשטע אידישע אומ-לעגאַלע ביכלעך, און אַזוי ווי ליינען אידיש האָב איך ביז דאַן קיין מאָל נאָך ניט געהאַט קיין געלעגנהייט (העברעאיש האָב איך אַ ביסל געלערנט, אָבער אידישע ביכער האָב איך קיין מאָל ניט געלייענט) איז מיר אָנגעקומען ניט גאָר לייכט בייצוקומען דאָס אומגעלומפּערטע הילצערנע אידיש פון די ערשטע אומלעגאַלע בראָשורן, וואָס זייער שפּראַך איז געווען, ווי מען זאָגט ביי אונדז, „האַלב טייטש פּאַלאָווינע רייטיש". אין פאַרגלייך מיט מיינע אַנדערע חברים האָב איך געהאַט

דעם גרויסן פּאַרטייל, וואָס ר י י ד ן אידיש האָב איך יאָ געקאָנט, און טאַקע דעם גאַנץ גוטן, פאָלקסטימלעכן אידיש פון מיין מאַמען. שווער זיינען נאָר אָנגעקומען יענע ניי־מאָדישע ווערטער, וואָס אין מיין מאַמעס לעקסיקאָן זיינען זיי ניט געווען. האָבן מיר טאַקע זייער שטאַרק געשוויצט אין די קרייזלעך. אָבער אַזוי ווי אַ טייל אַרבעטער אין ריגע האָבן פאַרשטאַנען אַ ביסל רוסיש און אַ טייל אַ ביסל דייטש, פלעג איך זיך שטענדיק קענען אויסהעלפן מיט אַ רוסישן אָדער אַ דייטשן אויסדרוק.

ווי איך האָב שוין פריער דערמאָנט, האָט זיך די קרייזל־באַוועגונג צווישן די אידישע אַרבעטער אין ריגע אָנגעהויבן נאָך פאַר מיין קומען אַהין. ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, האָט מען שוין 1898 געשאַפן בונדישע קרייזלעך אין ריגע.

אָבער צוליב פאַרשיידענע סיבות איז דער אָנהייב געווען ניט קיין געלונגענער און צום סוף 1899 איז אין ריגע פאַקטיש קיין שום באַוועגונג ניט געווען. מען האָט געדאַרפט אָנהייבן פון דאָס ניי. און אָט די נייע אַרבעט האָט אָנגעהויבן בורגין מיט דער הילף פון דעם בונדישן אַרבעטער „אַלטער דער שוואַרצער" און פון גרשון פלודערמאַכער, וואָס ביי אונדז האָט מען אים גערופן מיט דעם קאָנספּיראַטיוון נאָמען „יאַקאָוו".

די דאָזיקע דריי אַלטע בונדיסטן האָבן דאָס צוגעצויגן אונדז, די יונגע, האַלב־ אָדער דרייפערטל־אַסימילירטע סטודענטן, און אַזוי אַרום איז אַנטשטאַנען דער אמתער אָנהייב פון דער בונדישער באַוועגונג אין ריגע.

דעם אמת זאָגנדיק, איז עס געווען מער אַ פּראָפּאַגאַנדיסטישע, אַ קולטור־טרעגערישע קרייזל־אַרבעט, איידער אַ מאַסן־אַגיטאַציע צווישן די אַרבעטער.

אמת, קיין רוסישע גראַמאַטיק און ליטעראַטור, ווי אין די אַמאָליקע קרייזלעך פון די 80־קער יאָרן, האָט מען ביי אונדז אין די קרייזלעך ניט געלערנט. אָבער מיר האָבן זיך גאַנץ היפּש פאַרנומען מיט פּראַגעס פון אַלגעמיינער וועלט־אָנשויאונג: עקסיסטענץ פון גאָט, פּראַגעס פון אַסטראָנאָמיע, אַנטראָפּאָלאָגיע, קולטור־געשיכטע און, פאַרשטייט זיך, פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע. גלייכצייטיק האָבן מיר דיסקוטירט און באַטראַכט אַזוינע פראַגעס, ווי די פּראָבלעם פון מזל (ד"ה צי איז די טרויעריקע לאַגע פון אַן אַרבעטער אַ רעזולטאַט פון זיין פּערזענלעכן מזל אָדער פון די סאָציאַלע באַדינגונגען), פון עקספּלואַטאַציע (דיקשטיינס בראשור: „פון וואָס איינער לעבט"). ריין פּאָליטישע און רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע האָבן מיר אין די דאָזיקע קרייזלעך אויסגעמידן.

אונדזערע אַרבעטער זיינען געווען איינגעטיילט אין קרייזלעך לויט די פאַכן. איין פאַך־גרופּע זיינען געווען די ב ל ע כ ע ר ס. דער

פירער פון דעם דאָזיקן פאַך איז געווען דער בלעכער זוסע, אַ מיטלוואוקסיקער מענטש פון אַ יאָר 30, אַ רואיקער, געוויסנהאַפטי־קער, פאַרלאַזלעכער טוער, איינער פון די בעסטע טיפּן פון דעם אידישן אַרבעטער.

די צווייטע גרופּע זיינען געווען די שניידערס און שניידערקעס. די דריטע גרופּע זיינען געווען די שוס־טערס. אַ פערטע גרופּע, אַ גאַנץ גרויסע, זיינען געווען די צו־נאַטנמאַכער (קאַמאַשנשטעפּער). דער פּעאיקסטער און בעס־טער צווישן זיי איז געווען אַ יונגער אַרבעטער מיטן נאָמען אַלטער זיסלבלאַט, וואָס האָט שפּעטער אָבער געשפּילט זייער אַ טרויערדיקע ראָלע אין אונדזער אָרגאַניזאַציע: בשעת ער איז אַרעסטירט געוואָרן, האָט ער אונדז אַלעמען אַרויסגעגעבן און די גאַנצע אָרגאַ־ניזאַציע איז צוליב אים דורכגעפאַלן. אָבער אין אָנהייב איז ער געווען איינער פון אונדזערע סימפּאַטישסטע יונגע בחורים. איך האָב גראָד געאַרבעט צווישן די צונאַטנמאַכער.

אָבער אחוץ דער אַרבעט צווישן די צונאַטנמאַכער און אין אַ פּאָר אַנדערע קרייזלעך, האָב איך באַלד איבערגענומען נאָך אַ באַזונדערע פונקציע: ביי אונדז אין ריגע איז געווען, נאָך פון די פריערדיקע צייטן, אַ גאַנץ היפּשע אידישע ביבליאָטעק, דער עיקר פון לעגאַלע ביכער. איינער פון די מיטלען צו פאַרבינדן זיך מיט דער מאַסע איז געווען — אַנטלייען ביכער, לאָזן זיי דורכליינען און דערנאָך וועגן די ביכער דיסקוטירן אין פּריוואַטע שמועסן. אַ גרויסן איינדרוק פלעגן מאַכן ביכער וואָס באַשרייבן דאָס לעבן פון אַרבעטער און דעם טרויעריקן גורל פון אָרעמע מענטשן. די ביכער פלעגן פאַרשפּרייט ווערן און צוריקגענומען ווערן פון האַנט צו האַנט אויף די אַזוי גערופענע „בירזשעס". אַזוינע „בירזשעס" האָט מען געהאַט עטלעכע; די וויכ־טיקסטע זיינען געווען צוויי: איינע אויפן שולהויף פון דער כאָר־שול אויף דער גאָגאָל־גאַס, אַ צווייטע פלעגט זיך צונויפקומען איין מאָל אַ וואָך אין דער גרויסער פאָלקשול אויף ראָמאַנאָווער גאַס בשעת די פאָרלעזונגען, וואָס מען האָט דאָרטן געהאַלטן פאַרן פאָלק (דאָס זיינען געווען אָפיציעל־דערלויבטע קולטור־לעקציעס אויף אומשולדיקע טעמעס, אַלע שבת־פאַרנאַכט, פאַרשטייט זיך, אויף רוסיש).

דאָס אָנפירן אָט די ביבליאָטעק איז איבערגעגעבן געוואָרן אין מיינע הענט. אַזוי אַרום האָט מיין שטענדיקע נטיה צו קולטור־אַרבעט אַפילו אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג באַקומען אַ באַזונדערע באַפרידיקונג.

די קרייזל־באַוועגונג האָט זיך אַנטוויקלט גאַנץ גוט און עס זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין איר אַלץ מער און מער אַרבעטער. וואָרעם די סטודענטישע באַוועגונג, די סטרייקן, די דעמאָנסטראַציעס האָבן געזוירקט אויך אויף דער גאַנצער שטאָט און אויף די אידישע אַר־

בעטער. פון דער אַנדערער זייט, זיינען אויך זייער אַ סך סטודענטן אַלץ מער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער דאָזיקער קרייזל־באַוועגונג, ווי פּראָפּאַגאַנדיסטן, אָרגאַניזאַטאָרן, א. אַז״וו. אָט די דאָזיקע אַרבעט — אַריינציען די אינטעליגענץ אין דער באַוועגונג — איז געוואָרן מיין ספּעציאַליטעט.

איך רייד שוין ניט וועגן דעם יונגן דור, וועגן די וואָס זיינען געווען אין מיין עלטער אָדער אינגער, — זיי פּלעגן אַריינגעצויגן ווערן אין דער באַוועגונג אַזוי צו זאָגן אויטאָמאַטיש, אָן שום אָנשטרענגונג, מען האָט זיי נאָר געדאַרפט איינלאַדן.

אָבער אַחוץ די אינגערע סטודענטן, האָבן מיר אַריינגעצויגן אין דער אַרבעט אויך עטלעכע פון די עלטערע. דאָס איז געווען ניט אַזוי לייכט. די עלטערע סטודענטן זיינען געווען סקעפּטישער, פאַרזיכטי־קער, זיי האָבן געשטעלט מער פראַגעס, אַרויסגעזאָגט מער ספקות. באַזונדער שווער איז מיר אָנגעקומען די אַרבעט אַריינצוציען אין דער באַוועגונג מיין לאַנדסמאַן ג אָ ל ד ב ל אַ ט. דאָס איז געווען אין אַ סך באַציאונגען אַן אינטערעסאַנטער און מערקווירדיקער מענטש: זייער אַ באַלייענטער, אַן אויפריכטיקער, מיט אַ מין טאָלסטאָיאַנישן צוגאַנג צו מענטשן. איך בין יעמאָלט נאָך געווען אַ אינגל פון קוים 20 יאָר, און ער איז שוין געווען אַ מאַן פון 26 אָדער 27. טעאָרעטיש איז ער געשטאַנען אין גאַנצן אויף רעוואָלוציאָנערע פּאָזיציעס, פּראַק־טיש האָט ער זיך אָבער אין קיין באַוועגונג ניט באַטייליקט און מיט קיין זאַך, אַחוץ ביכער, זיך ניט אינטערעסירט. איך האָב מיט אים זייער אָפט געהאַט געשפּרעכן און דיסקוסיעס און האָב געזען, אַז טע־אָרעטיש שטימען מיר איין כמעט אין אַלע וויכטיקע פראַגעס. האָב איך זיך איין מאָל אָנגעטאָן דעם כוח און האָב אים דירעקט געפרעגט: ווי אַזוי קאָן ער דאָס דערקלערן, אַז אין זיינע רייד איז ער אַ רעוואָ־לוציאָנער און טאָן טוט ער קיין זאַך ניט? האָט דער וועלט־פרעמדער גאָלדבלאַט אויסגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר גרויסע אויגן דורך די ברילן און האָט מיך געפרעגט: „איז דען אין ריגע פאַראַן עפּעס אַ באַוועגונג?" און יעמאָלט האָב איך אים אויסגעזאָגט דעם סוד, — פאַר־שטייט זיך, ניט אָנרופנדיק קיין נעמען, אַז אַזאַ באַוועגונג איז יאָ דאָ, און אַז ער, גאָלדבלאַט מוז, נאָך מיין מיינונג, גלייך צו איר צושטיין. ער איז געווען אַ ביסל פאַרשעמט און פאַרלעגן, וואָס ער אַליין איז ניט געפאַלן אויף אַזאַ פּשוטן געדאַנק און האָט באַלד געגעבן זיין צושטי־מונג אַריינצוטרעטן אין די קרייזלעך. מיט גרויס שמחה און שטאָלץ בין איך אַוועקגעלאָפן צו בורגינען דערציילן אים וועגן מיין נייעם נצחון, און מען האָט גאָלדבלאַטן, פאַרשטייט זיך, גלייך אַריינגענומען אין דער אַרבעט אונטער דעם נאָמען גרשון. באַלד איז ער געוואָרן איינער פון אונדזערע סאַמע אָנגעזעענע טוער, אי צוליב זיין עלטער, אי צוליב זיין סאָלידקייט און בילדונג.

הכלל, די קרייזל־באַוועגונג איז געוואַקסן, און מיר האָבן אין אונ־דזער אָרגאַניזאַציע געהאַט שוין אַ פּאָר הונדערט מענטשן. אין יענעם מאָמענט האָט זיך מיט ריגע פאַראינטערעסירט אויך דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד". מיר, די אָרטיקע טוערס, האָבן, פאַרשטייט זיך, ניט געוואוסט, אַז די געהיימניספולע אָרגאַניזאַציע, וועגן וועלכער מיר האָבן געהאַט די סאַמע ראָמאַנטישע און פאַנטאַסטישע פאָרשטע־לונגען, האָט געוואָרפן אויף אונדז אַן אויג. דעם אמת ריידנדיק, בין איך זיך משער, אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט זיך ניט אַזוי פיל אינטערעסירט מיט די פּאָר הונדערט ריגער אַרבעטער, ווי מיט דעם גרויסן רעזערוו אינטעליגענץ, וואָס ריגע האָט פאַרמאָגט אין יענעם מאָמענט און וועגן וועלכן דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט זיך דערוואוסט דורך בורגינען.

און דער „בונד" האָט זיך יעמאָלט טאַקע שטאַרק געניויטיקט אין אינטעליגענטע כוחות און האָט געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען, כדי אַריינצוציִען אין דער בונדישער באַוועגונג די ברייטע שיכטן פון דער אידישער אינטעליגענץ. ער האָט אין יענער צייט אַרויסגעלאָזן אויך אַ באַזונדערן אויפרוף צו דער אידישער אינטעליגענץ (אָנגע־שריבן פון פ. אַנמאַן־ראַזענטאַל), וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין רוסיש, פויליש און אידיש און געהאַט טאַקע זייער אַ גרויסן איינפלוס אויף דער אַנטוויקלונג פון סאָציאַליסטישן און רעוואָלוציאָ־נערן געדאַנק צווישן דער אידיש־רוסישער אינטעליגענץ.

7

איך טרעף זיך מיט נחן

איין מאָל רופט מיך בורגין אָפּ אין אַ זייט און פרעגט מיך גע־היימניספול, צי וויל איך ניט אָפּטרעטן מיין צימער אויף אַ נאַכט פאַר אַ פאַרבייפאָרנדיקן חבר, וואָס וויל זיך צוליב פאַרשטענדלעכע מאָטיוון ניט אָפּשטעלן אין אַ האָטעל (אין אַ האָטעל האָט מען גע־דאַרפט פאָליציייאיש מעלדן דעם פּאַס און אין ריגע האָבן די אידן ניט געהאַט קיין וואוינרעכט). איך האָב, פאַרשטייט זיך, גלייך צוגע־שטימט, און אין דער אָוונטצייט האָבן זיך צו מיר אין צימער אַריינגע־גלאָזן בורגין און מיט אים צוזאַמען אַ הויכער, שלאַנקער איד, מיט אַ גלייכן רוקן, רואיקע אויגן און אַ טונקעלער, אַ ביסל רויטלעכער באָרד. דאָס איז געווען נח פּאָרטנאָי, שפּעטער דער באַרימטער פירער פון „בונד", באַוואוסט אונטער דעם נאָמען „יוזעף". נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געוואָרן דער פאָרזיצער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון פוילישן „בונד" און איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אין 1941.

נח איז געווען פון הויז אויס אַ לערער, געענדיקט דעם לערער־אינסטיטוט אין ווילנע, אָבער ער איז שוין זייער פרי אַריין אין דער

באַוועגונג, און איז פון אָנהייב אָן געווען איינער פון די פירנדיקע טוערס פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע. אין דער צייט, ווען ער איז געקומען קיין ריגע, איז ער געווען דער וויכטיקסטער פירער פונם בונדישן צענטראַל-קאָמיטעט, דער פּאַקטישער אָרגאַניזאַטאָר פון דער גאַנצער אַרבעט. געקומען איז ער קיין ריגע, ווי איך האָב שפּעטער פאַרשטאַנען, כדי פּערזענלעך צו באַקענען זיך מיט די אינטעליגענטן, וועגן וועלכע בורגין האָט אים געשריבן און כדי אַחוץ דעם באַטראַכטן די פראַגע, צי קאָן ריגע ניט ווערן אַ צענטער פון פינאַנציעלער הילף פאַרן „בונד”.



נח (פּאָרטנאָי) צו דער עלטער

איך האָב יעמאָלט קיין שום אָנונג ניט געהאַט וועגן נחן, וועגן זיין ראָלע אין „בונד”, און האָב זייער קנאַפּ געוואוסט וועגן „בונד” בכלל. אָבער מיין האַרץ האָט מיר שטאַרק געקלאַפּט, ווען איך האָב דערזען דעם געהיימניספולן גאַסט אין אַ „בורזשואַזן” מאַנטל און מיט אַ האַרטן קיילעכדיקן קאַפּעליוש אויפן קאָפּ. איך האָב גלייך

פאַרשטאַנען, אַז דאָס מוז זיכער זיין אַ גרויסער טועה, וואָס איז גע־קומען אהער מיט עפּעס אַ באַזונדערער מיסיע.

בורגין איז גלייך אַוועק, און איך בין געבליבן איינער אַליין מיט נחן. און דאָ האָט זיך ביי אונדז אַנטוויקלט אַ שעהן־לאַנגער שמועס וועגן אַלע מעגלעכע פראַגעס און פּראָבלעמען. איך האָב אים דער־ציילט געניי וואָס ביי אונדז טוט זיך, ווייל איך האָב פאַרשטאַנען, אַז פון אים דאַרף מען שוין קיין שום קאָנספּיראַציעס ניט היטן, און גע־שטעלט פון מיין זייט פאַרשיידענע פראַגעס, וואָס האָבן געהאַט פאַר מיר זייער אַ גרויסע באַדייטונג.

צווישן אַנדערע, האָב איך אים אַנטוויקלט דעם „גרויסן פּלאַן" פון דער אונטערערדישער דרוקעריי פון פּאַפּערנאָ און געפרעגט, וואָס ער, ווי אַ געניטער מענטש, האַלט פון אַזוינע זאַכן? האָט ער מיר מיט אַ שמייכלעלע געענטפערט, אַז אויב מיר וועלן אים געבן אַ העלפט פון די דאָזיקע 30,000 רובל, וועגן וועלכע עס האָט זיך געהאַנדלט, וועט ער אונדז אָן שום אונטערערדישע טונעלן אַרויסגעבן און אָפּדרוקן צוויי מאָל מער ליטעראַטור, איידער אין דער אונטערערדישער דרו־קעריי. איך געדענק זיינע ווערטער נאָך היינט, און דערפון קאָן מען פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ גרויסן איינדרוק עס האָט אויף מיר געמאַכט די דאָזיקע רואיקע זיכערקייט פון נחן. איך האָב דערפילט, אַז הינטער אים שטייט עפּעס אַ גרויסע קראַפט, וואָס פאַרמאָגט אַזוינע גרויסע מעגלעכקייטן, וועגן וועלכע איך האָב קיין באַגריף ניט. איך האָב אים געשטעלט נאָך פאַרשיידענע אַנדערע, פּאָליטישע פראַגעס, אויף וועלכע ער האָט געענטפערט זייער פּאַרזיכטיק, אָפּמעסטנדיק און אָפּוועגנדיק יעדעס וואָרט. און דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם איינדרוק פון סאָלידקייט און קראַפט. אַזאַ טיפּ מענטש האָב איך ביז איצט נאָך ניט געהאַט באַגעגנט. טעאָרעטיקער, רעדנער, מענטשן וואָס האָבן געקאָנט אויף אויסנווייניק מאַרקסן, מיכאַילאָווסקין, בערנשטיינען און פּלעכאַנאָוון — האָבן מיר געהאַט צווישן אונדז גענוג. אָבער אָט די פּאָרזיכטיקע, ערנסטע וואָגיקייט פון אַ מענטשן, ביי וועמען מען פילט גלייך די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט און די גרויסע קראַפט וואָס שטייט הינטער אים, — אַזוינס האָב איך נאָך ניט געהאַט ביז איצט געטראָפן. איך האָב זיך שפּעטער געקאָנט איבערצייגן, אַז מיין ער־שטער איינדרוק פון נחן איז אפשר געווען אַ ביסל איבערגעטריבן און ראָמאַנטיש, אָבער אין תוך איז ער געווען אַ ריכטיקער.

דאָס איז געווען דער איינדרוק פון פּראַקטישקייט, פּאָרזיכטיקייט, סאָלידקייט; פון אַ שטאַרקן געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס פון דעם קומט די שטרעבונג אָפּצוואועגן און אָפּצומעסטן יעדעס וואָרט און יעדן שריט. איך האָב געפילט אַ טרוקענעם הומאָר מיט אַ שטיל געלעכטער אין די רואיקע אויגן. אמת, די אָפּנייגונג קעגן יעדער ניט־באַטראַכטער און ניט־סאָלידער טאַט איז ביי נחן אַ מאָל דערגאַנגען ביז צום פעלן פון שעפערישער פאַנטאַזיע, פון שוואונג, פון טעאַ־

רעטישע פליגלען, אָבער דאָס איז שוין געווען ניט זיין געביט. זיין גרויסע און אויפריכטיקע באַשיידנקייט (ניט ווי ביי יענע וואָס טראָגן אָרום זייער באַשיידנקייט ווי אַ יום־טובדיקן בגד!) האָט קיין שום אַמביציעס ניט געהאַט אויף אַנדערע געביטן. האַלטן רעדעס, שרייבן אַרטיקלען, מאַכן טעאָריעס, אַרויסגעבן לאָזונגען, „גלענצן" אין דער באַוועגונג, — דאָס זאָלן טאָן אַנדערע, דאָס לאָזט ער איבער צו די חברים, — מיט אַ שמייכעלע. ער, דער שטילער, דער שווייגער, דער פּראַקטישער, באַנוגנט זיך מיט אָרגאַניזאַטאָרישער אַרבעט, אים איז גענוג, אַז ער ווייס, אַז אָט די שטילע אַרבעט, וואָס ער טוט, איז פּונקט אַזוי וויכטיק און נויטיק פאַר דער באַוועגונג, ווי די רעדעס און אַרטיקלען פון די אַנדערע.

און זיין אַרבעט האָט נח געטאָן מיט פאַנאַטישער פעסטקייט, מיט איבערגעגעבנקייט אָן גרענעצן, מיט אַ מסירת־נפש וואָס מען האָט ניט אָפט געקאָנט געפינען אַפילו אין די רייען פון „בונד". אָבער פּונקט ווי ער האָט ניט געשאָנעוועט זיך אַליין, האָט ער אויך ניט געשאָנעוועט די אַנדערע, ווען די באַוועגונג האָט עס געפאָדערט. אין פּריוואַטן לעבן און אין פּאַרקער מיט חברים — אַ ווייכער, איידעלער, פריינד־לעכער, האָט ער געקאָנט ווערן האַרט און אומברחמנותדיק, ווען עס איז געגאַנגען וועגן די אינטערעסן פון דער באַוועגונג. אַן אָפענער און וואַרעמהאַרציקער אין פּערזענלעכן פאַרקער, האָט ער געקאָנט ווערן זייער „דיפּלאָמאַטיש" און אויסווייכנדיק, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ פּאַרטיי־ענין.

אָט דאָס איז געווען נח, ווי איך האָב אים דערקאָנט ביי דער שפּעטערדיקער צוזאַמענאַרבעט אין צענטראַל־קאָמיטעט. ביי אונדזער ערשטער באַגעגעניש אין ריגע האָב איך דאָס אַלץ, פאַרשטייט זיך, נאָך ניט פאַרשטאַנען. אָבער אין אַלגעמיינע שטריכן האָב איך זיין פּערזענלעכקייט באַגריפן שוין יעמאָלט.

אויף צו מאָרגנס איז נח אַוועקגעפאָרן, אָבער ער האָט נאָך גע־האַט באַגעגענישן מיט אַ פּאָר אַנדערע אינטעליגענטן פון אונדזער קרייז און מיט די אַנדערע טוערס, ווי בורגין, פלודערמאַכער, אַלטער, א"א. ווי איך האָב שפּעטער פאַרשטאַנען, האָט דעם גרעסטן איינדרוק אויף אים געמאַכט גאָלדבלאַט. דאָס איז קלאָר געוואָרן אַ ביסל שפּע־טער, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם, אַז מען זאָל פון ריגע איינלאַדן אַ דעלעגאַט צו דער זשיטאָמירער קאָנפערענץ פון „בונד".

אין יעדן פאַל איז נח אַוועקגעפאָרן מיט דעם איינדרוק, אַז ער האָט צו טאָן אין ריגע מיט אַן ערנסטער גרופּע אינטעליגענטן און אַרבעטער־טוערס. און אַזוי אָרום איז ריגע אַריינגענומען געוואָרן אָפיציעל אין „בונד", און דער „בונד" האָט אונדז אַרונטערגענומען אונטער זיינע פליגלען.

8
דער ריגער „בונד“. — פינקע

אין 1901 איז אין ריגע פאָרגעקומען אַ ריי אַרעסטן: עס איז אַרעס־טירט געוואָרן מאַרגאַלים, וואָס האָט אייגנטלעך מיט אונדז קיין די־רעקטע פאַרבינדונג ניט געהאַט, אָבער עס זיינען אויך אַרעסטירט געוואָרן עטלעכע פון אונדזערע אייגענע טוערס.

די אַרבעט איז אויף אַ געוויסער צייט צעמישט געוואָרן, בפרט נאָך, ווען עס איז אונטערגעקומען דער זומער, און אַ טייל סטודענטן זיינען זיך צעפאָרן פון ריגע. אויך אַלטער האָט געמוזט אָפּפאָרן, אויב איך האָב ניט קיין טעות, דווקא אין יענעם מאָמענט. אָבער אין האַרבסט 1901 האָט דער צ. ק. פון „בונד“ גוזאָרגט דערפאַר, אַז די אַרבעט זאָל זיך קענען אָנהייבן פון דאָס ניי: ער האָט אונדז צוגע־שיקט אַ פעאיקן און ענערגישן אָרגאַניזאַטאָר און אַגיטאַטאָר, גאָר אַ יונגן בחור׳ל, וואָס האָט אָבער שוין געהאַט הינטער זיך אַ גאַנץ גרויסע און פּראַקטישע דערפאַרונג. דאָס איז געווען דער אַרבעטער **פ י נ ק ע** אָדער **ל י י ב ע ט ש ק ע**, וואָס זיין אמתן נאָמען האָב איך זיך דערוואוסט ערשט 1919 אָדער 1920 (דוכט זיך — **ר ו מ ע ר**). דאָס איז געווען אַ מענטש, וואָס מען האָט אים גוט געקאָנט אין „בונד“ און ער האָט שוין געווים אַלעמען געקאָנט. ער איז געווען דער ערשטער, פון וועמען איך האָב זיך דערוואוסט וועגן די פאַרשיידענע פירערס פון „בונד“. פון אים און דערנאָך פון מיינעם אַ געוועזענעם תלמיד און „עקסטערניק“ האָב איך צום ערשטן מאָל דערהערט דעם נאָמען — מאַרק **ל י ב ע ר**.

די צעבראָכענע אָרגאַניזאַציע איז פון דאָס ניי אויפגעשטעלט גע־וואָרן אויף אַ געהיימער פאַרזאַמלונג אין וואַלד ביי דער סטאַנציע פּופּע. דער הויפּט־אָרגאַניזאַטאָר פון דער פאַרזאַמלונג איז געווען פּלו־דערמאַכער. עס איז פון דאָס ניי אויפגעשטעלט געוואָרן אַ סיסטעם פון קרייזלעך, סכאָדקעס, פאַך־גרופּעס און עס איז אויך געשאַפן גע־וואָרן אַ צענטראַלע סכאָדקע, וואָס איז געווען אַ מין קאָמיטעט.

לייבעטשקע־פינקע (און מיט אים צוזאַמען איז שפּעטער אָנגע־קומען אויך זיינער אַ פריינד, דער וויטעבסקער סטאָלער זעליק) איז שוין געווען ניט אַ מענטש פון דער קרייזל־באַוועגונג, נאָר פון דער נייער פאָרעם, פון דער מאַסן־אַגיטאַציע און דער מאַסן־באַוועגונג. און אָט דעם דאָזיקן נייעם גייסט האָט ער אויך אַריינגעבראַכט אין דער ריגער אַרבעט. די קרייזלעך מיט קולטור־אויפגאַבעס, מיט ביבליאָ־טעקן אאַז״וו זיינען נאָך געווען, אָבער דער צענטער איז אַריבער צו פּאָליטישע פאַרזאַמלונגען, צו דער גאַסן־אַגיטאַציע, אויף דער בירזשע און צו פאַרשיידענע פּאָליטישע אונטערנעמונגען. די אַרבעט איז גע־וואַקסן, געוואָרן לעבעדיקער, אָנגענומען אַ מער שאַרפן רעוואָלוציאָ־

נערן כאַראַקטער. מען האָט אויך אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אייגענע ליטעראַטור. דאָס אָנפירן די אַרבעט איז פּאַקטיש אריבער אין פינקעס און אין מיינע הענט. מיר ביידע האָבן געאַרבעט גאַנץ האַרמאָניש, מיר האָבן צוזאַמען אויך אָנגעשריבן דאָס ערשטע בלעטל, די ערשטע פּראָקלאַמאַציע. אויב איך האָב ניט קיין טעות (מערקווירדיק, אַז דאָס איז ביי מיר ניט געבליבן אין זכרון), איז דאָס געווען אַ בלעטל צום 25-טן נומער „אַרבעטער-שטימע". איך האָב אָנגעשריבן דאָס בלעטל אויף אידיש (דאָס איז געווען מיין ערשטער פּרואוו צו שרייבן אידיש). פינקע האָט דאָס בלעטל רעדאַקטירט, און מיר ביידע האָבן אים אָפּגעדרוקט אויף אַ העקטאָגראַף, וואָס איז אונדז אָנגעקומען מיט זייער גרויסע צרות.

פינקע איז געווען אַן ענערגישער און פייערדיקער בחור, אָבער אַ ביסל לייכטזיניק: ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז ער האָט אַן אמתן בונדישן רעצעפּט, ווי אַזוי צוצוגרייטן העקטאָגראַפן. קויפן אַ פּאַרטיקן אין אַ געשעפט האָבן מיר מורא געהאַט, ווייל דאָס איז געווען ניט קאָנספּיראַטיוו, און צווייטנס, האָט מען יעמאָלט געדאַרפט אַ דערלויבעניש פון אַ קאַנטאָר אָדער אַ געשעפט אויף צו קויפן זאַכן, וואָס האָבן צו טאָן מיט דרוק-אַרבעט. בשעת מיר זיינען אָבער צוגעטראָטן צוצוגרייטן דעם דאָזיקן העקטאָגראַף לויט פינקעס רעצעפּט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס טויג אויף כפּרות. האָבן מיר, טעכניקער און צוקינפטיקע כעמיקער, זיך אַוועקגעזעצט אַליין צוטראַכטן אַ בעסערן מין העקטאָגראַף. צו דער אַרבעט האָב איך צוגעצויגן רובינשטיינען, וואָס איז געווען אַ כעמיקער. אָבער אַ העקטאָגראַף דאַרף מען קאָכן, האָבן מיר אַרויפגעשטעלט דאָס פענדל מיט דעם זשעלאַטין-גליצערין-געמיש אויף אַ ספּירט-לעמפּל, רובינשטיין האָט זיך אַ ביסל פאַרקוקט, און דאָס לעמפּל איז געפאַלן אַן אַ זייט, דער ספּירט האָט זיך אויסגעגאָסן, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שרפה. נאָר מיט גרויס מי האָט זיך אונדז איינגעגעבן צו פאַרלעשן דאָס פייער און צו ראַטעווען זיך פון אַ קאַטאַסטראָפע, ווייל ווען די פייערלעשערס וואָלטן אָנגעקומען, וואָלטן זיי פאַרשטאַנען, וואָס אַזוינס מען האָט דאָ „געקאָכט".

סוף-כל-סוף איז דער העקטאָגראַף געווען פאַרטיק. האָט מען די פּראָקלאַמאַציע איבערגעשריבן מיט באַזונדערע טינט אויף בלעטלעך פּאַפּיר און געשטעלט זיך דרוקן. האָט זיך אונדז אָבער דווקא פאַרוואָלט, אַז דאָס יובל-בלעטל זאָל האָבן די בילדער פון מאַרקס, ענגעלס און לאַסאַל. האָבן מיר באַשטעלט די דאָזיקע בילדער ביי אַ קינסטלער, איינעם אַ קריסטלעכן סטודענט, וואָס האָט זייער גוט געצייכנט. האָט ער אונדז צוגעשטעלט זיינע קונסטווערק צו שפּעט. מען האָט זיי געמוזט קאָפּירן אין איילעניש, און די בילדער זיינען אַרויסגעקומען אַזוי, אַז מען האָט ניט געקאָנט דערקאָנען, וואו עס איז מאַרקס מיט דער באָרד און וואו עס איז לאַסאַל אָן דער באָרד.

אָבער די פּראָקלאַמאַציעס זיינען דאָך געוואָרן פּאַרטיק צו דער צייט, און פּינקע האָט זיי אָוועקגעטראָגן צו דער יובל־פאַרזאַמלונג, וואו ער האָט געדאַרפט ריידן. איך בין צו דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג ניט געגאַנגען ווייל דאָס איז געווען פאַרבאָטן פון קאָמיטעט. מיר, די אינטעליגענטן, האָבן זיך ניט געטאָרט מישן אין די מאַסן־פאַרזאַמלונגען פון די אַרבעטער, ווייל אַז ניט, וואָלטן מיר גלייך דורכגעפאַלן. מיר האָבן געמעגט אַרבעטן נאָר אין קליינע אינטימע קרייזלעך פון באַזונדערש נאָענטע אַרבעטער, וואָס אויף זיי האָט מען זיך געקאָנט פאַרלאָזן. און אַפילו גייענדיק אין די דאָזיקע קליינע קרייזלעך, האָבן מיר אויך געמוזט אָננעמען באַזונדערע מאָסמיטלען פון קאָנספּיראַציע. קיינער פון די אַרבעטער, אַחוץ פּינקען, האָט ניט געוואוסט אונדזערע אמתע נעמען און אַדרעסן. אין דער שטאָט פלעגן מיר שטענדיק אַרומגיין אין אוניפאָרמעס, אָבער ווען מיר פלעגן גיין צו אַ קרייזל, פלעגן מיר זיך ערגעץ־וואו אונטערוועגס, אין אַ וואוינונג פון אַ פריינד, אויף וועלכן מען האָט זיך געקאָנט פאַרלאָזן, איבערטאָן אין ציווילע קליידער. די מיטגלידער פון קרייזל האָבן מסתמא פאַרשטאַנען, אַז מיר זיינען סטודענטן, — נאָך אונדזער שפּראַך, נאָך אונדזער גאַנצן באַנעם, אָבער זיי האָבן אונדז קיין מאָל ניט געזען אין אונדזער נאָרמאַלער געשטאַלט און האָבן קיין מאָל ניט געוואוסט, ו ו ע ר מיר זיינען און פון וואַנען מיר קומען. יעדערער פון אונדז האָט, פאַרשטייט זיך, געהאַט אַ קאָנספּיראַטיוון צונאָמען. איך, למשל, האָבן געטראָגן אין ריגע דעם נאָמען „אַבראַם" (לויטן נאָמען פון מיין פאָטער); פון דעם איז דערנאָך אין פּעטערבורג אין 1905 געוואָרן אַבראַמאָוויטש, אָבער איך האָב אויך געטראָגן דעם נאָמען „מלכיאל", דאָס איז געווען ספּעציעל בשעת מיין אַרבעט אין וואַרשע.

פּונקט אַזוי האָבן געטאָן אויך די אַנדערע אינטעליגענטן, וואָס האָבן געאַרבעט אין אונדזערע קרייזלעך. דאָס האָט טאַקע זייער פאַרשווערט די אַרבעט פון די שפּיאָנען און פון די פאַררעטער. איין מאָל האָב איך געדאַרפט ריידן אין גאָר אַ נייעם קרייזל, אָבער בשעת איך בין אַהין געקומען, איז אין לעמפּל אויסגעגאַנגען דער קעראָסין, און עס איז שוין געווען צו שפּעט צו גיין קויפן נייע. זיינען מיר געזעסן אין דער פינצטער און אַנשטאָט לייענען אַ ביכל, האָב איך זיי עפּעס דערציילט וועגן פּאָליטישע פּראָבלעמען, וועגן מאַרקסיזם, — איך געדענק שוין ניט. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג געווען אַ פּראָוואָקאַטאָר. אָבער צוליב דעם אויסגעגאַנגענעם לעמפּל האָט ער ניט געקאָנט זען מיין פּנים. אמת, אויף דער גאַס איז ער מיר נאָכגעגאַנגען. אָבער אַזוי ווי איך בין געגאַנגען ניט אַהיים, נאָר צו דעם חבר, וואו איך האָב זיך געדאַרפט איבערטאָן, האָט דער פּראָוואָקאַטאָר גערעכנט, אַז דאָס איז טאַקע מיין אַדרעס. אַזוי אַרום האָט די פּאָליציי ניט געקאָנט דערגיין ניט מיין נאָמען און ניט מיין ריכטיקן אַדרעס. און דאָס האָט מיך אין יענעם

מאָמענט געראָטעוועט. אָבער די דאָזיקע סיסטעם פון קאָנספּיראַציע האָט איין מאָל אויך געהאַט אַ טראַגישן סוף. ביי דעם שפּעטערדיקן אַרעסט, ווען מיר זיינען אַלע דורכגעפאַלן, איז אין דער וואוינונג, וואו איך האָב פריער געוואוינט, אַרעסטירט געוואָרן אַ ליבאַווער סטודענט ז ו י י ס ב ר ע ם, וועגן וועלכן די פּאָליציי האָט געהאַלטן, אַז דאָס בין איך. און וויפיל דער אָרעמער וויסברעם האָט ניט געלייקנט און ניט געטענהט, האָט מען אים ניט געגלייבט און מען האָט אים פאַרשיקט אין סיביר, אַנשטאָט מיך.

9

מיר פלאַנעווען אַ געהיימע דרוקעריי

די באַוועגונג איז געגאַנגען אַלץ באַרג-אַרויף. עס האָט זיך געפילט אַ שטאַרקע באַדערפעניש אין אומלעגאַלער ליטעראַטור און אין דער מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן אייגענע בלעטלעך. אַזוי ווי מיר זיינען שוין איצט געשטאַנען אין אָפיציעלע באַציאונגען מיטן „בונד" און האָבן געהאַט אַפילו דאָס רעכט צו רופן זיך „קאָמיטעט פון בונד", האָבן מיר געפאָדערט פון צענטראַל-קאָמיטעט, אַז ער זאָל אונדז צושיקן שריפט פאַר אַ דרוקעריי. קיין שריפט האָבן מיר אַזוי גיך ניט באַקומען, אָבער דערפאַר האָט מען ליבעטשקען און מיר מיטגעטיילט דעם אומלעגאַלן שיפער פון בונדישן צענטראַל-קאָמיטעט, און מען האָט אונדז אויסגעלערנט ווי אַזוי צו שיפרירן בריוו און ווי אַזוי צו שרייבן זיי צווישן די שורות מיט כעמישע טינט, וואָס מען זעט זי ניט, כל זמן דאָס איז ניט אָנגעוואַרעמט אויף אַ לעמפּל. ביי דעם שיפער-סיסטעם שרייבט מען אַנשטאָט אותיות — ציפערן, און די סיסטעם איז טאַקע געווען אַ גאַנץ קאָמפּליצירטע, כדי די זשאַנדאַרמעריע זאָל אים ניט קאָנען פאַרשטיין. אָבער פונדעסטוועגן האָבן מיר זיך אויסגעלערנט אַזוי פלינק צו שרייבן, אַז עס איז שוין כמעט ניט געווען קיין אונטערשייד פאַר מיר, צו שרייבן מיט דער געוויינטלעכער שריפט אָדער מיט דעם שיפער. אַ פּאָר אָדרעסן האָבן מיר אויך געהאַט. אַזוי אַרום האָבן מיר באָמבאַרדירט דעם צענטראַל-קאָמיטעט מיט פאָדערונגען, אַז ער זאָל אונדז וואָס גיכער צושיקן דעם דרוקעריי-שריפט. און כדי צו מאַכן אַ גרעסערן איינדרוק אויף דעם צענטראַל-קאָמיטעט, האָבן מיר אים צוגעשיקט אויך אַ גאַנץ היפּשע סומע געלט, וואָס מיר האָבן געמאַכט אויף סטודענטישע בעלער צווישן די פאַרמעגלעכערע סטודענטן. אין דער זעלביקער צייט האָבן מיר זיך אויך באַמיט צו אָרגאַניזירן אַ טראַנספּאָרט, און דאָ איז מיט אַ מאָל געקומען גאָר אַן אומגעריכט גליק: צוויי ליבאַווער סטודענטן, די ברידער ה י ר ש ב ע ר ג, וואָס האָבן שטודירט אין כאַרקאָוו און האָבן דאָרט געאַרבעט אין דער רוסישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, האָבן זיך פאַרבונדן מיט מיר דורך מיינע

ליבאַווער חברים, און האָבן פאַרגעשלאָגן, אַז מיר זאָלן צוזאַמען מיט זיי אָרגאַניזירן פאַרן „בונד" און פאַר דער „איסקרא" אַ געמיינזאַמען טראַנספּאָרט דורך דעם באַלטישן גרענעץ־פּונקט פּאַלאַנגען. לויט ווי די הירשבערגס האָבן מיר דערציילט, קאָנען זיי דאָרטן אָרגאַניזירן אַ געוואַלטיק גרויסן טראַנספּאָרט, און מען זאָל קאָנען אַריבערפעקלען גאַנצע קערב ליטעראַטור. איך האָב וועגן דעם תיכּף אָנגעשריבן נחן און געוואַרט פון אים אַן ענטפער.

מיטן טראַנספּאָרט האָט זיך די זאַך פאַרצויגן, צוליב פאַרשיידענע טעכנישע סיבות, די שריפט איז אָבער ענדלעך אָנגעקומען.

עס איז געווען זומערצייט, און מיר, די סטודענטן, האָבן יעמאָלט געוואוינט ניט אין דער שטאָט גופא, נאָר ביים „שטראַנד" אין די זומער דאַטשעס, אויפן ברעג פון באַלטישן ים, אין די באַרימטע קוראָרטן דובעלן, קעמערן, קאַרלסבאַד, מאַיאָרנהאָף און אַנדערע. דאָס איז גע־ווען וויכטיק צוליב צוויי טעמים: ערשטנס, כּדי צו קאָנען פאַרדינען, ווייל אונדזערע תלמידים, וועלכע מיר האָבן געגעבן לעקציעס, זיינען זומערצייט אַלע געווען אויף דאַטשעס; צווייטנס, צוליב קאָנספּירא־טיווע סיבות, ווייל אין די וועלדער אַרום דובעלן און אַנדערע דאַטשעס איז געווען זייער באַקוועם איינצואָרדענען געהיימע פאַרזאַמלונגען פון אינטעליגענטן און אַפילו אַרבעטער.

נו, און דאָ אין דובעלן באַקום איך ענדלעך דעם בריוו, אַז דער קאָרב מיט שריפט איז שוין אַרויסגעשיקט געוואָרן און מען דאַרף אים אָפּנעמען פון דער אייזנבאַן גלייך, ניט לאָזנדיק אים ליגן אויפן וואָקזאַל. אין גרויס איילעניש האָב איך אַנטליען ביי אַ לעטישן חבר זיין דירה אויף אַ טאָג צייט און בין אַוועקגעפאָרן קיין ריגע. אָבער עס רעדט זיך אַזוי — אַוועקגעפאָרן. צום צוג האָב איך פאַרשפּע־טיקט: צולויפנדיק צום וואָקזאַל האָב איך דערזען, אַז דער צוג באַוועגט זיך שוין. אַזוי ווי דאָס איז געווען דער לעצטער צוג, וואָס איך האָב געדאַרפט האָבן און אויב איך קריג אים ניט, פאַרליר איך אַ טאָג און די דירה, האָב איך, לויפנדיק צו דער אייזנבאַן, באַשלאָסן אַרויפצושפּרינגען אויף דעם גייענדיקן צוג. געזאָגט און געטאָן. גע־נומען די הענט אין די פּיס, אַ שפּרונג געטאָן, אָנגעכאַפּט זיך פאַרן הענטל פון טרעפּל און — אַנידערגעפאַלן. אָבער צום גליק ניט אונ־טערן צוג נאָר אויף די טרעפּלעך. דער קאָנדוקטאָר האָט אויפגעהויבן אַ שרעקלעכן געשריי און האָט געמאַכט אויף מיר אַ „פּראָטאָקאָל". אָבער דאָס איז אַלץ געווען ניט וויכטיק. דער עיקר — איך בין אָנגע־קומען צו דער צייט אין ריגע. דאָרטן האָט שוין אויף מיר געוואַרט פּינקע. מיט גרויס פאָרזיכט האָבן מיר צוערשט אויסגעפאָרשט, צי היטן שוין ניט די זשאַנדאַרמען דעם געפערלעכן קאָרב. איז ביי אונדז געבליבן, אַז ניט. האָבן מיר געדונגען אַ פורמאַן, אַוועקגעפירט דעם קאָרב אין דער דירה, וואו קיינער איז ניט געווען אַחוץ אונדז ביידע, ווייל די באַלעבאַטים זיינען געווען אויף דאַטשע, און מיט האַרץ־קלאַ־

פּעניש האָבן מיר גענומען עפּענען דעם גרויסן געפּלאַכטענעם קאָרב. אין אַ גרויסן הויפן היי און סטרושקעס האָבן מיר טאַקע געפונען איינגעוויקלט אין פּאַפּיר קליינע אָבער זייער שווערע פּאַקעטן. דאָס איז געווען שריפט, אַ פוד צוויי: גענוג פאַר אַ גרויסן בלעטל. מען קאָן זיך פאָרשטעלן, ווי גרויס עס איז געווען אונדזער שמחה. מיר האָבן ממש געטאַנצט אַרום דעם קאָרב מיט היי און האָבן געבויט פּלענער ווי אַזוי אַרויסצוגעבן בלעטלעך, און וואָס הייסט בלעטלעך? אַ גאַנצן זשורנאַל וועלן מיר אַרויסגעבן! מיר האָבן אויך גלייך גענוי אויסגערעכנט, ווי אַזוי מיר וועלן אָרגאַניזירן די דרוקעריי, אַז זי זאָל בשום אופן ניט קאָנען דורכפאַלן.

אָבער ווי גרויס און ביטער עס איז געווען אונדזער אַנטוישונג, ווען מיר האָבן גענויער דורכגעקוקט די פּאַקעטן און אויסגעפונען, אַז די שריפט טויג ניט: אייניקע אותיות פעלן אין גאַנצן און די אַנדערע זיינען ניט אַלע פון איין גרייס. עס איז עפּעס פאָרגעקומען אַ פעלער ביים איינפּאַקן די שריפט! אומזיסט געווען אונדזער גאַנצע טרחה, פאַרלאָרן דאָס געלט, וואָס מיר האָבן באַצאָלט פאַר דער שריפט, און פריער פאַר אַלץ פאַרלאָרן אַ סך צייט און — האָפענונגען! דער בריוו, וואָס מיר האָבן אָנגעשריבן אין צענטראַל קאָמיטעט מיט דעם געהיימען שיפער איז ניט געווען קיין זייער העפלעכער.

די אַנטוישונג מיט דער דרוקעריי האָט ניט געשטערט, אַז אונדזער אַרבעט זאָל גיין אַלץ ברייטער און ברייטער. די צייט האָט געאַרבעט פאַר אונדז, און ווי מיר האָבן ניט געטאָן און וואָס מיר האָבן ניט געטאָן, האָבן מיר אַלץ געוואונען.

אונדזער אָרגאַניזאַציע אין ריגע האָט אַריינגעצויגן אין זיך דעם בעסטן טייל אַרבעטער, וואָס ריגע האָט פאַרמאָגט. די אידישע אינטעליגענץ, — ניט נאָר די סטודענטן, נאָר אַפילו די שילער פון די מיטל-שולן, די האַלבע אינטעליגענטן, די עקסטערניקעס, — זיינען אין אַ זייער ברייטן פאַרנעם געווען אַריינגעצויגן אין אונדזערע קרייזלעך. מיר האָבן געהאַט אַ גאַנצע נעץ אַזוינע ספּעציעלע קרייזלעך פאַר דער אינטעליגענץ, דער עיקר, פאַרשטייט זיך, אויף רוסיש. און פון די דאָזיקע קרייזלעך זיינען דערנאָך אַרויסגעגאַנגען צענדליקער און צענדליקער טוערס און טוערינס פאַר דער בונדישער און דער אַלגעמיין־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. ריגע איז געוואָרן אַ צענטער פאַר די אַנדערע באַלטישע שטעט. קאָסטעליאַנעץ, וואָס איז געווען אַ ליבאַווער, און איך, וואָס איך האָב געהאַט אין ליבאַווע זייער אַ סך פריינד, פלעגן זיך גאַנץ אָפט אַריבערכאַפּן אין ליבאַווע און העלפן דאָרטן אויפצובויען אַ ריי קרייזלעך סיי צווישן די אַרבעטער און סיי צווישן די אינטעליגענטן.

אין ריגע גופא האָבן מיר זיך ניט פאַרשלאָסן אין די דלד-אמות פון דער ריין-אידישער באַוועגונג. וועגן דער סטודענטישער באַוועגונג האָב איך שוין דערציילט, אָבער אויך די אַרבעטער-באַוועגונג, די לאַט-

ווישע און די רוסישע, האָט זיך אָנגעהויבן יעמאָלט צו רירן אין ריגע. די לאַטווישע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַ סך פריער און איר יאָר 1898 האָט זיך שוין געשאַפן אַ גאַנץ שטאַרקע באַוועגונג מיט אַן אַלגעמיינעם סטרייק אין עטלעכע פאַכן. אָבער דערנאָך איז געקומען אַ צייט פון דורכפאַלן און אַן איבעררייס. ערשט אונטער דעם איינדרוק פון דער סטודענטישער באַוועגונג איז צווישן די לעטן ווידער געקומען אַ פּאָליטישע אויפלעבונג. אויך די לאַטווישע אינטעליגענץ האָט זיך רעוואָלוציאָניזירט און ראַדיקאַליזירט ווי די אידישע, און אויב ביי די אידן האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע די אידישע רעכטלאָזיקייט, האָט ביי די לעטן פאַרנומען אַ גרויס אָרט דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער קעגנזאַץ צווישן די לאַטווישן, וואָס זיינען געווען אַ פאָלק פון פּויערים, אַרבעטער און מיטל-קלאַס-מענטשן, און די דייטשן, וואָס זיינען געווען די באַראָנען, די גרויסע פּריצים, די גרויס-בורזשואַזיע. מיט אַ סך לאַטווישע סטודענטן האָב איך געשלאָסן פריינטשאַפט. אַ סך פון זיי זיינען דערנאָך געוואָרן די וויכטיקסטע פירער פון דער לאַטווישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. אויך צווישן די רוסישע סטודענטן זיינען געווען אַ פּאָר, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט אַגיטאַציע צווישן די רוסישע אַרבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט אויף דער באַרימטער פּאָרצעליי-פאַבריק פון קוזניעצאָוו און אין די אייזנבאַן-וואַרשטאַטן. אַזוי אַרום האָבן מיר געהאַט דריי גרופּעס — אַ לאַטווישע, אַ אידישע און אַ רוסישע. האָבן מיר באַשלאָסן צו פאַראייניקן זיי אַלע אין אַ „פעדעראַטיוון קאָמיטעט”. דאָס איז געווען דער ערשטער פעדעראַטיווער קאָמיטעט ניט נאָר אין דער באַלטישער געגנט, נאָר אפשר אין רוסלאַנד בכלל. פון אים זיינען דערנאָך אויפגעקומען יענע פעדעראַטיווע קאָמיטעטן, וואָס האָבן געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין דער רעוואָלוציע 1905 אין ריגע און אין אַ ריי אַנדערע ערטער.

10

מיין ערשטע באַגעגעניש מיטן ציוניזם

איך האָב שוין דערמאָנט, אַז אַריינטרעטנדיק אין די אידישע אַרבעטער-קרייזלעך אויף דער איינלאַדונג פון בורגינען, האָב איך זיך קיין מינוט ניט געוואַקלט און גלייך אויפן שטעל געזאָגט יאָ. דאָס איז געווען ניט צוליב דעם, וואָס איך האָב פריער געהאַט שוין אַ גאַנץ קלאָרן באַגריף און אַ גענוי דורכגעטראַכטע מיינונג וועגן מיין באַציאונג צו דער אידישער פראַגע, צום „בונד”, צו דער פּראָבלעם פון דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג. וועגן די דאָזיקע פראַגעס האָב איך יעמאָלט געהאַט אַ גאַנץ קנאַפּע פאָרשטעלונג. נאָך מער: זיי האָבן מיך בכלל נאָך ניט אינטערעסירט. דער אינטערעס איז געקומען ערשט

שפּעטער, ווען איך בין טיפער אַריינגעדרונגען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. קלאָר זיינען פאַר מיר געווען נאָר צוויי זאַכן: ערשטנס, אַז איך וויל בכל אופן אַריינטרעטן אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג; צווייטנס, אַז עס איז נאַטירלעך און זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז איך זאָל אַרבעטן צווישן א י ד י ש ע אַרבעטער. דיביידע זאַכן האָב איך געפונען אין בורגינס פאָרשלאָג און דעריבער האָב איך אים גלייך אָנגענומען.

מיין פאַרטיפן זיך אין אידישע פראַגעס איז געקומען אין ווייטערן גאַנג פון מיין אַרבעט, און דאָס האָט זיך אָנגעהויבן גאָר באַלד.

שטאַרק באַשעפטיקט מיט דער סטודענטישער באַוועגונג און מיט די אַרבעטער־קרייזלעך, דערוויס איך זיך איין מאָל, אַז קיין ריגע איז געקומען אַ גרויסער ציוניסטישער פירער, וואָס אָרגאַניזירט אַ אידישע סטודענטן־פאַרזאַמלונג און וויל ריידן וועגן ציוניזם. האָט אונדזער חברה באַשלאָסן צו גיין אַהין און צו הערן, וואָס עס וויל דער דאָזיקער ציוניסט (דאָס איז געווען דער באַוואוסטער ד״ר ב ע ל ק י נ ד). קיין גרויסער אָראַטאָר איז בעלקינד ניט געווען, אָבער ער איז געווען אַן אינטעליגענטער מענטש מיט אייראָפּעאישער בילדונג און צום מינדסטן צוויי מאָל עלטער פאַר מיר. בשעת איך בין געגאַנגען צו דער פאַרזאַמלונג, האָב איך ניט געהאַט בדעה אַרויסצוטרעטן און דיסקוטירן מיט אים. איך האָב אייגנטלעך מער געוואָלט זיך אינפאָרמירן. אָבער דער ציוניזם האָט מיך אָפּגעשטויסן גלייך ביי דער ערשטער באַגעגעניש. ערשטנס, האָב איך אין דער גאַנצער קאָנצעפּציע פון ציוניזם, אַזוי ווי דער רעפערענט האָט אים פאָרגעשטעלט, ניט געפונען קיין שום פּלאַץ פאַרן אַרבעטער־קלאַס. דער ראָמאַנטיש־היסטאָרישער נאַציאָנאַליזם פון הערצלען האָט זיך ניט געלאָזט צוזאַמענפּאָרן ניט מיט דער ספּעציעלער טעאָריע פון קלאַסנקאַמף, צו וועלכער איך בין יעמאָלט אָקערשט געווען צוגעשטאַנען, ניט מיט דעם אַלגעמיינעם מאַטעריאַליסטיש־רעאַליסטישן צוגאַנג צו געשעענישן און היסטאָרישע פּראָבלעמען, מיט וועלכן עס איז געווען דורכגעדרונגען מיין גאַנצער וועלטבאַנעם.

דער מאַרקסיזם האָט מיך אויסגעלערנט צו באַציען זיך קריטיש און פיינטלעך צו יעדן מין אוטאָפּיע, ד״ה צו יענע פּלענער וועגן באַגליקן די מענטשהייט, וואָס ווערן צוגעטראַכט פון פאַרשיידענע וועלטבאַגליקערס ביי זייערע שרייב־טישן, אַזוי ווי איינער טראַכט צו עפּעס אַ מאַשין. רעאַליסטיש און היסטאָריש איז פאַר מיר געווען נאָר אַזוינס וואָס דרינגט אַרויס מיט נויטווענדיקייט פון יענע אינטערעסן און כוחות, וואָס באַהערשן דאָס לעבן און די אַנטוויקלונג פון פעלקער און קלאַסן.

מאַרקס האָט דער ערשטער געבויט דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל (און טאַקע נאָר דעם אידעאַל אין אַלגעמיינע שטריכן, ניט קיין גענויע פּלענער פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט) ניט סתם אויף נויט און אויף הונגער פון די מאַסן, נאָר ער האָט אויפגעדעקט יענע אינע־

וויניקסטע כוחות, שטרעבונגען, אינטערעסן און אַנטוויקלונגען, וואָס ברענגען די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט אַלץ מער און מער צו אַזאַ צושטאַנד, ווען זי מוז אַריבערגיין צו קאָלעקטיווער ווירטשאַפט, ד״ה צום סאָציאַליזם. די סאָציאַליסטישע אַרבעטער-באַוועגונג ווערט דער היסטאָרישער אינסטרומענט פון דער דאָזיקער אַנטוויקלונג, ניט איר באַשעפער אָדער ערפינדער.

אָט דער היסטאָרישער אויפטו פון מאַרקסן, וועלכן איך האָב יעמאָלט שטודירט מיט לייב און לעבן האָט אַזוי שטאַרק באַהערשט מיין גאַנץ דענקען און פילן, אַז יעדע נייע אידייע, אַ היסטאָרישע, אַ פּאָליטישע, האָב איך געקאָנט באַטראַכטן נאָר פון אָט דעם אויסגאַנגס-פּונקט.

און ווען איך האָב געהערט דעם פאָרטראַג פון דעם ציוניסטישן רעדנער, האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז עס רעדט אַ מענטש פון עפּעס גאָר אַן אַנדער וועלט, אויף אַ לשון וואָס איך קאָן גאָרניט פאַרשטיין. וואו איז דער צוזאַמענבונד צווישן דעם ציוניזם אַזוי ווי ד״ר הערצל האָט אים פאַרשטאַנען (און דער רעפערענט איז געווען אַ כשרער הערצליסט) און דער מאָדערנער אַנטוויקלונג פון די ניט-אידישע און אַפילו פון די אידישע אַרבעטער? וואו איז דער וועג צום ציוניזם? די אונטערהאַנדלונגען מיט דעם טערקישן סולטאַן אָדער מיט דער רוסישער צאַרישער רעגירונג? די געלט פון די אידישע מיליאָנערן?

דער איינציגער מעגלעכער וועג פאַר דעם ציוניסטיש-געשטימטן אידישן אַרבעטער איז אַזוי אַרום — צו מאַכן יד-אחת מיט אַלע אַנדערע קלאַסן פון דער אידישער געזעלשאַפט, אַריינטרעטן אין אַ שטענדיקן (וויניקסטנס אויף צענדליקער יאָרן) נאַציאָנאַלן בלאָק, און הייסט דאָס אויף אַן אומבאַשטימטער, זייער לאַנגער היסטאָרישער תקופה פּאַקטיש אָפּזאָגן זיך פון יעדן קלאַסנקאַמף.

נאָך מער: אויב מען זאָל אָננעמען די גרונט-הנחה פון בעלקינדן וועגן דעם אוניווערסאַלן, אַלגעמיינעם, אייביקן כאַראַקטער פון אַנטיסעמיטיזם ביי אַלע פעלקער און אין אַלע קלאַסן פון דער ניט-אידישער באַפעלקערונג, יעמאָלט ווערט פאַרלאָרן אויך יעדער פונדאַמענט פאַרן אינטערנאַציאָנאַליזם פון די סאָציאַליסטישע אַרבעטער. ווער איך אַ ציוניסט, מוז איך זיך, בכן, אָפּזאָגן אי פון קלאַסנקאַמף, אי פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ברודערשאַפט פון פּראָלעטאַריאַט, — ד״ה איך מוז אויפהערן פּאַקטיש צו זיין אַ סאָציאַליסט. דאָס איז אָבער געווען אויסגעשלאָסן.

אָט דאָס איז געווען דער ערשטער און זייער טיפער איינדרוק, וואָס איך האָב באַקומען פון דעם ערשטן ציוניסטישן רעפעראַט וואָס איך האָב געהערט.

איך בין אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג נאָך ניט אַרויסגעטראָטן מיט קיין שום רעדעס. אָבער אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ ספּעציעלע דיסקוסיע אין אַ פּריוואַטן הויז אויף אַ דאַטשע

אין דובעלן און אַט דאָרטן האָב איך צום ערשטן מאָל עפנטלעך גע־נומען אַ שטעלונג צו דער פּראָבלעם ציוניזם — אין דעם גייסט ווי איך האָב דאָס אָקערשט געשילדערט.

מען זעט, אַז מיין שטעלונג צום ציוניזם האָט זיך גענומען פון אַ גאַנץ אַלגעמיינעם פּרינציפּיעלן צוגאַנג. קיין איינציקער פון די מאָ־טיוון, וואָס איך האָב געבראַכט קעגן ציוניזם, האָט ניט געהאַט צו טאָן מיט די אידישע פּראָבלעמען ספּעציעל. אַז די לאַגע פון די אידישע מאַסן איז אַ טרויעריקע — דאָס האָב איך זייער גוט געוואוסט, ווייל איך האָב דאָס אַליין גענוג געזען מיט מיינע אייגענע אויגן אין דווינסק און אין די אַנדערע שטעט און שטעטלעך פון וויטעבסקער גובערניע.

אָבער איך האָב געהאַלטן, אַז די טרויעריקייט פון דער אידישער לאַגע ווערט אַרויסגערופן, פריער פאַר אַלץ, דורך דער פּאָליטיק פון דער רעגירונג, דורך דער רעכטלאָזיקייט, דורך דער „טשערטאַ", דורך דער אַלגעמיינער אָרדענונג, וואָס דערלאָזט ניט רוסלאַנד אַרויפצוגיין אויפן וועג פון קאַפּיטאַליסטיש־דעמאָקראַטישער אַנטוויקלונג. און פאַר מיר איז קיין שום ספק ניט געווען, אַז אין דעם טאָג, ווען עס וועט פאַלן די רוסישע אַליין־הערשאַפט, וועט אויך פּאָליטיש און רעכט־לעך פריי ווערן דאָס אידישע פאָלק. עס פאַרשטייט זיך, ניט אַלע אי־דישע פראַגעס וועלן דורך דעם פאַרענטפערט ווערן, און די באַטייל־קונג פון אידן אין דער אַלגעמיינער באַוועגונג מוז פאַרקומען אין עפּעס אַ באַזונדערער נאַציאָנאַלער פאָרעם. אָבער דאָס האָט גאָרניט געהאַט צו טאָן מיט ציוניזם. דער גורל פון אידישן פאָלק אין ר ו ס־ל אַ נ ד — און דאָס איז יעמאָלט דאָך געווען פּאַקטיש דאָס ג אַ נ צ ע אידישע פאָלק, וועגן וועלכן מען האָט געדאַרפט טראַכטן — איז ענג געקניפּט און געבונדן מיטן גורל פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

אַזוי האָב איך יעמאָלט געפילט, און די געוואַלטיקע מערהייט פון מיין גאַנצן דור האָט זיך געשטעלט צום ציוניזם ניט אַנדערש איידער איך. אַפילו יענע פון אונדז, וואָס האָבן אָנגענומען דעם ציוניסטישן מעטאָד צו לייזן די אידן־פראַגע, דורך שאַפן אַ באַזונדערע אידישע מלוכה, זיינען אויך ניט געוואָרן קיין פּאַלעסטינע ציוניסטן, נאָר זיינען געוואָרן ס. ס. אָדער י. ס., ד. ה. טעריטאָריאַליסטן, וואָס האָבן פאַר־בונדן די שטרעבונג צו אַ אידישער טעריטאָריע מיט רעוואָלוציע און קלאַסנקאַמף.

עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, אַז מיין אַרויסטריט אויף דער דובעלנער פאַרזאַמלונג קעגן ציוניזם האָט געהאַט זייער אַ גרויסן דערפאָלג צווישן דער יוגנט און האָט מיר געשאַפן די רעפּוטאַציע פון אַ „גרויסן רעדנער" און קענער פון דער אידישער פראַגע.

11
דער אויפשטייג פון „בונד" און אונדזער דורכפאַל

דער זומער 1902 איז געווען פאַר אונדז אין ריגע אַ צייט פון גרויסע דערפאָלגן און פון גרויסער אַנטוויקלונג אין אונדזער בונדישער אַרבעט. די מאַסע פון „מאָסקווער פאַרשטאָט" אין ריגע איז אויפגערודערט געוואָרן, דער צושטראָם צו דער אָרגאַניזאַציע האָט געהאַלטן אין וואַקסן און נאָך גרעסער איז געוואָרן אונדזער איינפלוס צווישן דער אידישער אינטעליגענץ. דאָס איז געווען די צייט, ווען צווישן דער גאַנצער אידישער אינטעליגענץ אין דער רוסישער אימפּעריע האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטאַרקע פּאָליטישע אויפלעבונג. די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט האָט צוגעצויגן דער „בונד", וואָס איז געוואָרן דער פירער פון דער גאַנצער ראַדיקאַלער אידישער אינטעליגענץ. דער אויפרוף, וואָס דער „בונד" האָט אַרויסגעלאָזן „צו דער אידישער אינטעליגענץ" (וועגן וועלכן איך האָב שוין פריער דערמאָנט), איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין צענדליקער טויזנטער עקזעמפּלאַרן און איז אומעטום זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן. דער איינפלוס פון „בונד" האָט זיך געלאָזט באַמערקן אויך אין דער לעגאַלער ליטעראַטור. איך געדענק, למשל, דעם באַרימטן לייט-אַרטיקל (עדיטאָריעל) אין דער וואָכנצייטונג „וואָסכאָד", וואָס האָט געהאַט דעם קעפּל „גענוג שוין צו האָבן געדולד!" („דאָוואָלנאָ טערפּעניאַ!"). דער זין פון דעם דאָזיקן אַרטיקל, — וואָס איז געווען צוליב דער צענזור פאַרזיכטיק אין זיינע אויסדרוקן, אָבער גאַנץ באַשטימט אין זיין איינהאַלט, — איז געווען, אַז דאָס אידישע פאָלק האָט ביז איצט מיט געדולד און רואיקייט אַריבערגעטראָגן זיינע שרעקלעכסטע ליידן און פאַרפאָלגונגען. מען האָט געהאָפט אויף גאָט און מען האָט זיך ניט דערוועגט צו קעמפן. איצט זאָל אָבער נעמען אַ סוף צו דעם רואיקן געדולד, איצט דאַרף קומען די צייט פון קאַמף.

דאָס האָט באַדייט, מיט אַנדערע ווערטער, אַז אַפילו מעסיקערע און רואיקערע קרייזן פון דער אידישער אינטעליגענץ, וואָס האָבן זיך ביז איצט באַצויגן נייטראַל אָדער פּאַסיוו צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, האָבן איינגעזען, אַז מיט פּאַסיווקייט און געדולד אַליין קאָן מען קיין זאַך ניט אויפטאָן. זיי האָבן דערשפּירט דעם אָטעם פון דער קומענדיקער רעוואָלוציע און זיי זיינען מיטגעריסן געוואָרן מיטן שטורעם. וול. זשאַבאָטינסקי איז געווען אין גאַנצן גערעכט ווען ער האָט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער געשריבן, אַז די באַטייליקונג פון דער אידישער יוגנט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג איז געשען מיט דעם הסכם פונם גאַנצן אידישן פאָלק. די רעוואָלוציאָנערע אידישע יוגנט האָט דורכגעפירט אַ מיסיע, וואָס דאָס גאַנצע אידישע פאָלק האָט איר געגעבן. און דאָס האָט מען געפילט אין יעדער

איינצלנער פאַמיליע, אין יעדן איינצלנעם אידישן הויז, אין יעדן איינ־צעלנעם אידישן שטעטל.

דער הויפּט־אָנפירער פון דער דאָזיקער באַוועגונג איז ביזן סוף געבליבן דער „בונד".

דאָס האָט דעם „בונד" געגעבן אַן אומגעהייערן פּרעסטיזש און אַן אומגעהייערן אויפשוואונג. מען קאָן זאָגן, אַז 90 פּראָצענט פון דער אידישער יוגנט איז אין יענע יאָרן, דירעקט אָדער אומדירעקט, צוגעשטאַנען צום „בונד", האָט געאַרבעט אונטער זיין אָנפירונג אָדער האָט זיך געפונען אונטער זיין גייסטיקער השפעה.

אָבער בשעת דער „בונד" אַלס גאַנצעם איז שטורעמדיק געוואַקסן, האָבן מיר, די ריגער בונדיסטן, דווקא אין יענעם מאָמענט געהאַט אַ גרויסן דורכפאַל, — אמת ניט קיין פּאָליטישן, נאָר אַ פּאָליציייאישן.

זומער 1902 האָט מען אַרעסטירט דורך אַ צופאַל אַ פּאָר אונ־דזערע אַרבעטער און צווישן זיי — אַלטער ז י ס ב ל א ט, דעם יונגן בחור, וואָס האָט מיט מיר צוזאַמען אָנגעפירט די אַרבעט צווישן די צונאַטנמאַכער (שטעפּער). מיר זיינען שוין געווען צוגעוואוינט צו אַזעלכע קליינע אַרעסטן און האָבן דערפון גאָר קיין וועזן ניט גע־מאַכט. פונדעסטוועגן זיינען מיר געווען אַ ביסל באַאומרואיקט, ווען מיר האָבן באַמערקט זייער אַ גרויסע פאַרשטאַרקונג פון שפּיאָנאַזש אַרום אונדז. דאָס איז שוין געווען אין האַרבסט. מיר זיינען אָקערשט אַריבערגעפאָרן פון דער דאַטשע קיין ריגע, און איך האָב געדונגען אַ נייעם צימער, ספּעציעל אין אַזאַ הויז און מיט אַזאַ אַריינגאַנג, אַז מען זאָל קאָנען צו מיר קומען און אַרויסגיין, און קיינער זאָל ניט זען. ביי דער פּאָליציי האָב איך מיך נאָך ניט געמאָלדן, און אַזוי אַרום איז מיין נייע דירה געווען באַקאַנט נאָר צו אַ פּאָר נאָענטערע מענטשן.

איין מאָל, זייער פרי, ווען איך האָב נאָך פעסט געשלאָפן, הייבט מען אָן צו קלאַפּן ענערגיש אין מיין טיר. עפן איך, עס איז אַ חבר פון דער אָרגאַניזאַציע, אַ בלייכער און אַ צעשראָקענער. וואָס איז? אין דער גאַנצער שטאָט זיינען אין דער נאַכט פאַרגעקומען מאַסן־אַרעסטן. עס זיינען אַרעסטירט בורגין און פלודערמאַכער און אַ סך אַנדערע טוערס. און אויף מיין אַלטער דירה איז מען אויך געווען מיך זוכן. הייסט דאָס, אַז עס איז שלעכט, און מען דאַרף גלייך אָננעמען ענערגישע שריט. איך שיק אַוועק דעם חבר, ער זאָל זיך דערקונדיקן גענויער, ווער עס איז אַרעסטירט פון די נאָענטע חברים און ווער ניט. אין אָוונט, ווען עס איז געוואָרן טונקל, גנבע איך זיך אַרויס פון מיין וואוינונג און גיי אַוועק צו פּאַפּערנאָ. פּאַפּערנאָ האָט דאָך ניט גענומען קיין אָנטייל אין אונדזער אָרגאַניזאַציע. האָט די פּאָליציי אפשר אויף אים קיין חשד ניט. פרעג איך אים, צי איך קאָן ביי אים בלייבן אַ פּאָר טעג און ס'פאַרשטייט זיך, אַז ער איז מסכים. און אַזוי בלייב איך עט־לעכע טעג ביי אים, באַהאַלטן, גיי ניט אַרויס פון צימער און פאַרבינד זיך

דורך אים מיט די אַנדערע חברים וואָס זיינען געבליבן אויף דער פריי. געבליבן אָבער זיינען גאָר ווייניק. די גרעסטע צאָל זיינען אַרעסטירט, סײַ די בעסטע אַרבעטער פון דער צענטראַלער סכאָדקע, סײַ די אינטעליגענטן. עס איז קלאָר, אַז אין דעם אַרעסט איז פאַראַן עפּעס אַ טיפערע סיבה: עס קאָן ניט זיין, אַז דורך פּשוטן גאַסן־שפּיאָנאַזש אַליין זאָל די זשאַנדאַרמעריע האָבן אויסגעפונען דעם גאַנצן באַשטאַנד פון אונדזער צענטראַלער אָרגאַניזאַציע! און טאַקע גאָר באַלד האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז צווישן אונדז איז געווען אַ פאַר־רעטער, — ניט קיין פּראָוואָקאַטאָר, וואָס האָט זיך ספּעציעל אַריינגע־גנבעט אין דער אָרגאַניזאַציע כדי אונדז צו פאַרראַטן, נאָר אַ שוואַכער מענטש, וואָס האָט ניט אויסגעהאַלטן די פּאָר פּעטש, וואָס ער האָט באַקומען פון דער פּאָליציי, און האָט אונדז אַלעמען אַרויסגעגעבן. עס איז געווען פאַר אונדז זייער אַ גרויסער עגמת־נפש צו דערוויסן זיך, אַז דער שוואַכער נפש איז געווען ניט קיין אַנדערער, ווי אַלטער זים־בלאַט, מיין נאָנטסטער מיטאַרבעטער, וואָס איז געווען ביי אונדז פאַר־רעכנט פאַר דעם בעסטן צווישן דעם אינגערן דור אַרבעטער.

אַ שלאַנקער, שיינער בלאָנדער יונג, מיט אַן אָנגענעמען פּנים, אינטעליגענטע אויגן, האָט ער ביי אונדז אַלעמען זייער שטאַרק אויס־גענומען. מיט אַמאָל איז דווקא זיסבלאַט אַ פאַררעטער! און ער האָט אונדז אַלעמען אַרויסגעגעבן. מען האָט אפילו דערציילט, אַז ער פלעגט קומען אויף די פאַרהערן אָנגעטאָן ווי אַ פּאָליציסט. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, שוין געווען אַ פאַנטאַזיע. אָבער אַזאַ קלאַנג איז גע־גאַנגען צווישן די ריגער אַרבעטער.

וואָס אָנבאַלאַנגט מיך — איז אַרויסגעקומען עפּעס אַ טעות: זים־בלאַט האָט געגעבן דער פּאָליציי די באַשרייבונג פון מיין פּערזאָן, מיין נאָמען און מיין אַלטן אַדרעס, ווייל ער איז שוין געווען אַרעסטירט, ווען איך בין אַריבער אין דער נייער דירה. אָבער צוליב עפּעס אַ טעות האָט די פּאָליציי צוזאַמענגעמישט מיך און אַ צווייטן סטודענט, וואָס האָט געהאַט אַ צימער אין דער זעלביקער דירה, וואו איך האָב פריער געוואוינט. דערצו איז ער אויך געווען אַ טונקעלער און אַ מאָגערער און האָט געטראָגן ברילן. דאָס איז געווען דער ליבאַווער סטודענט ווייסבערעס, וועגן וועלכן איך האָב שוין דערמאָנט.

זיצנדיק באַהאַלטן ביי פּאַפּערנאָ, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז בלייבן אין ריגע קאָן איך שוין מער ניט; איך מוז אומבאַדינגט אָפּפאָרן. אָבער מען קאָן דאָך ניט אַוועקוואַרפן די אָרגאַניזאַציע אַזוי! האָב איך אויסגעקליבן צווישן די געבליבענע אַ פּאָר מענטשן, וואָס זאָלן אויפהאַלטן די פאַרבינדונג מיטן צענטראַל קאָמיטעט פון איין זייט און מיט די גאַנץ געבליבענע טיילן פון דער אָרגאַניזאַציע פון דער אַנ־דערער זייט. לעוו בראַידאָ האָב איך איבערגעגעבן די פאַרבינדונג מיט

דעם צענטראל־קאמיטעט, די אדרעסן און דעם שיפער און באפולמעכ־טיקט אים אויפצוזוכן געוויסע בונדישע ארבעטער, וואס זיינען נאך ניט ארעסטירט געווארן, כדי דורך זיי אויפצונעמען די ווייטערדיקע ארבעט. און דעם סטודענט לעוו פרענקעל (שפעטער איינער פון די פירערס פון „ארט" אין אייראפע) האב איך איבערגעגעבן די פאר־בינדונגען צווישן דער אינטעליגענץ, כדי מען זאל קאנען ווייטער קלייבן געלט און אויפהאלטן די פארבינדונגען מיט די סטודענטישע קרייזלעך.

און אליין האב איך זיך איבערגעטאן, האב אפגעגאלט די בארד, אויסגעטאן די ברילן, אנגעטאן א הארטן, שווארצן קאפעליוש, אזא ווי עס פלעגן טראגן סוחרים און קאמי־וואיאזשארן, מיט א העלן גרין־פאפעלאטן מאנטל, וואס מיין פאטער האט מיר געקויפט און וואס האט אויסגעזען זייער „בורזשואזי", לויט מיין יעמאלטיקן באגריף, בין אוועק־געגאנגען צו פוס צו דער נאנטסטער אייזנבאן־סטאנציע, א וויארסט 10 הינטער ריגע, און האב זיך אריינגעזעצט אין א וואגאן פון צווייטן קלאס, וואס איז געגאנגען קיין פאנעוועזש איבער מוראוויאווא (מאזשייק).

עס איז מערקווירדיק און כאראקטעריסטיש פאר די יעמאלטדיקע שטימונגען, ווי אזוי מיין אנטלויפן פון ריגע איז דורכגעפירט געווארן. ביי פאפערנאן האב איך מער ניט געקאנט נעכטיקן. בין איך אריבער אין א אידישער אכסניה, דעם באוואוסטן האטעל־רובין, אין וועלכן עס פלעגט שטענדיק פארפארן מיין פאטער. דער באלעבאס פון האטעל איז געווען א געוויינטלעכער באלעבאטישער איד, ער האט, פארשטייט זיך, מורא געהאט פאר דער פאליציי און האט געציטערט פאר זיין גע־שעפט, און פונדעסטוועגן איז ער מסכים געווען מיך צו באהאלטן אומלעגאל אין זיין האטעל, וואס דאס איז געווען פארבונדן פאר אים מיט ריזיקע. און מיין פאטער, אויך א באלעבאטישער איד, א האלץ־סוחר, גאר ניט קיין רעוואלוציאנער, העכסטנס, א מעסיקער ליבעראל, איז געקומען צו פארן ספעציעל פון פעטערבורג (מיין פאמיליע האט שוין געלעבט לאנג אין פעטערבורג), כדי צו העלפן מיר אנטלויפן. ניט דער האטעל־באזיצער רובין, וואס האט מיך באהאנדלט זייער פריינדלעך און האט מיר אפילו געליען זיין אייגענעם קאפעלוש אויף אוועקצופארן, און ניט דער פאטער, וואס האט מיר געקויפט קליידער און געגעבן געלט און האט אויף מיר געווארט אויף דער סטאנציע מיט א געקויפטן בילעט, אט דיביידע דורכשניטלעכע רוסישע אידן פון יענער צייט האבן מיר ניט געמאכט קיין שום פארווארפן פאר מיין רעוואלוציאנערער טעטיקייט. זיי האבן מיר ניט אויסגערעדט, הלמאי איך קריך אין פייער, זיי האבן מיט מיר ניט געטענהט, אז איך ברענג אין סכנה דאס אידנטום. פארקערט: איך האב געפילט אין זייביידן, ווי אויך אין דער באלעבאסטע פון האטעל, א באציאונג פון סימפאטיע

און רעספּעקט, ווי צו אַ מענטשן, וואָס טוט אַ געפערלעכע, אָבער אַ גוטע און ניצלעכע אַרבעט.

אַזוי איז יעמאָלט געווען די שטימונג פון דער אידישער פאָלקס-מאַסע.

געוויס, האָט מיין פאָטער מורא געהאַט פאַר מיר און געוויס איז ביי אים דאָס האַרץ געווען פאַרקלעמט, ווען איך האָב זיך אַוועקגעלאָזן אויף דעם געפערלעכן וועג. אָבער ער האָט מיר אַ וואָרט ניט געזאָגט, פאַרבאַהאַלטנדיק זיינע פּערזענלעכע געפילן. דאָס איז געשען ניט נאָר צוליב דעם, וואָס מיין פאָטער איז געווען אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער, נאָר אויך זיכער צוליב דעם, וואָס ער האָט געפילט, אַז איך טו ריכטיק, לויט די באַגריפן פון דער מאָראַל, וואָס האָט יעמאָלט גע-הערשט אין אונדזערע קרייזן. ניט קיין רעוואָלוציאָנער און ניט קיין סאָציאַליסט, האָט מיין פאָטער מיך באַגלייט און אַרויסגעפּראַוועט אין וועג אויף דעם זעלביקן אופן, ווי איך אַליין האָב מיט 35 יאָר שפּעטער, אין מערץ 1937, באַגלייט און אַרויסגעפּראַוועט אין וועג אַריין מיין זון מאַרק, ווען ער איז אַוועקגעפאָרן קיין שפּאַניע . . .

12

איך ווער אומלעגאַל. — פּעטערבורג. — מאָסקווע

בשעת איך בין אָפּגעפאָרן פון ריגע, קאָנספּיראַטיוו, אויסגעפּוצט אין דעם האַרטן קאַפּעלוש, מיט דעם „בורזשואַזן" מאַנטל, האָב איך נאָך ניט געהאַט קיין באַשטימטע פּלענער וועגן דעם, וואָס איך זאָל אָנהייבן צו טאָן. איך האָב זיך נאָך ניט געפילט אַזוי אַריינגעוואַקסן אין דער פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע, אַז איך זאָל זיך גלייך שטעלן אין רשות פון צענטראַל-קאָמיטעט. איך האָב געקאָנט נאָר איין איינציקן מענטשן, (נחן), און אונדזער פאַרבינדונג מיטן בונדישן צענטער איז געווען מער אַ טעאָרעטישע איידער אַ פּראַקטישע. פון דער אַנדער זייט האָב איך אַפילו ניט געהאַט קיין „יאַווקע", ד"ה קיין אַדרעס וואוהין איך זאָל קומען זיך מעלדן. דאָס איינציקע וואָס איך האָב געהאַט איז געווען אַן אַדרעס פאַר בריוו און דער שיפער. אָבער איך האָב נאָך ניט געהאַט באַשלאָסן ביי זיך אַליין, ווי אַזוי איך וועל איינאָרדענען מיין ווייטער-דיק לעבן: זאָל איך זיך ענדגילטיק אָפּזאָגן פון שטודירן און פון ענ-דיקן דעם אוניווערסיטעט? און ווער ווייס, צי בין איך טאַקע אין דער אמתן שוין אומלעגאַל און צי האָט מיך זיסבלאָט אַרויסגעגעבן?

מיט די דאָזיקע געדאַנקען האָב איך זיך געשלאָגן זיצנדיק אין צוג, וואָס האָט מיך געפירט קיין פּאָנעוועזש. דאָס איז געווען אַ שטאָט, וואו איך האָב געהאַט פריינד. בין איך אָפּגעווען דאָרטן אַ טאָג ביי מיין אַלטן שול-חבר זאַקאָם און פון דאָרטן אַוועקגעפאָרן צו מיין מומען, וואָס האָט געוואוינט אויף אַ ישוב, ניט ווייט פון דווינסק. דאָרטן,

בין איך געווען זיכער, ווערט מיך די פּאָליציי ניט זוכן. פון דאָרטן האָב איך זיך דורכגעשריבן מיט מיינע עלטערן אין פּעטערבורג און איך האָב זיך דערוואוסט, אַז דערווייל איז די פּאָליציי צו מיינע עלטערן נאָך ניט געקומען מיך זוכן. הייסט דאָס, אַז די זשאַנדאַרמען האָבן מיך נאָך ניט אַריינגענומען אין דער רשימה פון די „געזוכטע". איז צו וואָס זאָל איך זיצן אויפן ישוב, אין דאָרף יוזעפּאָווע, ווען איך קאָן פאָרן קיין פּעטערבורג? בין איך טאַקע אהין אַוועקגעפאָרן, אָבער פונ־דעסטוועגן ניט פאַרפאָרן אהיים, נאָר גענעכטיקט ביי באַקאַנטע, ניט געמאָלדענערהייט ביי דער פּאָליציי. איינע פון די דאָזיקע הייזער, וואו איך האָב גענעכטיקט עטלעכע נעכט, איז געווען דאָס הויז פון די ברידער ב ר ו צ ק ו ס. דער עלטערער ברודער, יוליוס, איז גע־ווען אַ דאָקטאָר און אין דערזעלביקער צייט דער רעדאַקטאָר פון „וואָסכאָד". דער צווייטער, באָריס אָדער בער (שפּעטער אַ פּראָ־פעסאָר אין ירושלימער אוניווערסיטעט) איז יעמאָלט געווען אַ יונגער עקאָנאָמיסט און שרייבער. די באַקאַנטשאַפט מיט זיי האָב איך גע־מאַכט דורך זייער אינגערן ברודער מאַטוויי, וואָס איז געווען מיינער אַ חבר אין ריגער פּאָליטעכניקום.

די פּאָר וואָכן וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין פּעטערבורג, האָבן ווייניק וואָס מיטגעהאָלפן אויפצוקלערן מיינע פּלענער וועגן דער צו־קונפט: איך האָב אין פּעטערבורג פון די בונדיסטן קיינעם ניט גע־קאָנט און אויף די בריוו, וואָס איך האָב געשיקט אין צענטראַל־קאָ־מיטעט, האָב איך דערווייל ניט באַקומען קיין שום ענטפער. מסתמא איז דער אַדרעס, וואָס איך האָב געהאַט, שוין געווען „דורכגעפאַלן". און פון ריגע האָב איך באַקומען ידיעות גאָר טרויעריקע: די באַוועגונג איז געווען צעבראָכן, די אַרעסטירטע חברים האָט מען געזאָלט איבערגעבן צום משפט און זיי האָבן זיך גערעכט אויף אַ גאַנץ שטרענ־גער שטראָף. באַזונדערס טרויעריק איז פאַר מיר געווען די ידיעה, אַז דעם סטודענט ווייסברעם באַשולדיקט מען אין די „פאַרברעכנס", וואָס איך בין באַגאַנגען, און אַז אים דראָט אויך אַ שווערע שטראָף.

איך האָב זייער ערנסט געטראַכט וועגן דעם, אַז איך בין מחויב אַוועקצופאָרן קיין ריגע זיך פרייוויליק צו מעלדן ביי די זשאַנדאַרמען און אַזוי אַרום באַפרייען דעם אומשולדיקן ווייסברעם. איך האָב וועגן דעם גערעדט מיט אַ פּאָר סטודענטן, וואָס האָבן געהאַט אַ ביסל מער דערפאַרונג אין אַזוינע זאַכן, און זיי האָבן מיר דערקלערט, אַז דאָס וואָלט געווען ניט נאָר אַ גרויסע נאַרישקייט, נאָר בכלל אַ ניט־דער־לאָזלעכע האַנדלונג. די טאַקטיק פון די רוסלענדער רעוואָלוציאָנערן איז יעמאָלט געווען אָנגענומען אַזאַ, אַז זיי פּלעגן זיך קאַטעגאָריש אָפּזאָגן צו געבן די זשאַנדאַרמען ביי די פאַרהערן וועלכע ניט איז דערקלערונגען אָדער ענטפערן אויף וועלכע ניט איז פראַגעס: „איך זאָג זיך אָפּ אייך צו ענטפערן", — דאָס איז געווען די טאַקטיק וואָס אַלע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען האָבן יעמאָלט דורכגעפירט. היינט

אויב איך זאָל קומען קיין ריגע פרייוויליק זיך מעלדן, מוז איך דאָך אָפּגעבן געוויסע דערקלערונגען; צום ביישפּיל, צוגעבן אַז איך האָב זיך פאַרנומען מיט רעוואָלוציאָנערער אַרבעט, מיט קרייזלעך אאז"וו. אַלע באַשולדיקונגען, וואָס מען האָט אַרויסגערוקט קעגן ווייסבערעמען, וועל איך מוזן נעמען אויף זיך, אויב ניט וועל איך אים דאָך ניט באַפרייען! הייסט דאָס, אַז אַלע אַנדערע מיינע חברים וועלן אַלץ לייקענען און וועלן זיך אָפּזאָגן צו געבן דערקלערונגען, און איך וועל זיין דער איינציקער וואָס וועט באַשטעטיקן, הגם אין אַן אַנדער פאָרעם, די באַשולדיקונגען פון די זשאַנדאַרמען. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אין גאַנצן אַן אוממעגלעכע און אומדערלאָזלעכע לאַגע פאַר אַ רעוואָלוציאָנער.

איך האָב געמוזט צוגעבן, און עס איז מיר געווען קלאָר, אַז פאָרן קיין ריגע טאָר איך ניט. פונדעסטוועגן האָט מיר דאָס הארץ זייער שטאַרק וויי געטאָן און איך האָב זיך זייער לאַנג ניט געקאָנט באַפרייען פון אַ שווער געפיל, אַז איך האָב ניט-ווילנדיק אַריינגעבראַכט אַן אומשולדיקן מענטשן אין אַ גרויס אומגליק.

דאָס זיין אין פעטערבורג האָב איך אויסגענוצט ניט נאָר כדי קלאָר צו מאַכן מיין יורידישע לאַגע, נאָר אויך כדי אויפצוקלערן אַן אַנדער ענין, וואָס האָט מיך שטאַרק אינטערעסירט. גראָד אין יענער צייט האָט אין פעטערבורג אָנגעהויבן אַרויסצוגיין "דער פריינד", די ערשטע אידישע טעגלעכע צייטונג אין רוסלאַנד. דער רעדאַקטאָר איז געווען דער באַוואוסטער שרייבער ג י נ ז ב ו ר ג (ער איז ניט לאַנג צוריק געשטאָרבן אין ניו-יאָרק, געווען מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס"). דער פּראָיעקט פון אַ צייטונג אויף אידיש האָט ווידער אָנגערירט אין מיר מיינע אידיש-קולטורטרעגערישע סטרונעס, און ביי מיר איז אויפגעקומען דער געדאַנק, אַז די לייענערס פון אַ צייטונג וועלן דאָך אומבאַדינגט מוזן האָבן אַ ווערטער-בוך אָדער אַ קליינע ענציקלאָפּעדיע, וואָס זאָל פאַרטייטשן די פאַרשיידענע אויסדרוקן, ווערטער, באַגריפן און נעמען, וואָס זיי וועלן טרעפן אין יעדן נומער פון דער צייטונג, וואָרום אַ דורכשניטלעכער אידישער פאָלקסמענטש אָדער אַרבעטער ערגעץ-וואו אין אַ ליטווישן אָדער פּוילישן שטעטל האָט דאָך וועגן דעם אַלעם קיין אַנונג ניט.

האָב איך זיך דורכגערעדט מיטן אינגערן ברוצקוס און אים איז דער געדאַנק זייער געפעלן געוואָרן. האָט ער מיך געבראַכט צו גינזבורגן, און איך האָב אים דעם דאָזיקן געדאַנק אַנטוויקלט מיט אַלע איינצלהייטן. עס איז געבליבן, אַז איך זאָל פּרואוון אויסאַרבעטן אַ גענויעם פּראָיעקט און צושיקן עטלעכע פּראָבעס פון מיין אַרבעט. און אויב עס וועט זיין גוט, וועט די רעדאַקציע אַליין אַרויסגעבן דעם דאָזיקן ווערטער-בוך.

איך בין געווען זייער גליקלעך, אַז איך האָב באַקומען אַזאַ מין אויפטראַג און איך האָב באַשלאָסן, אַז דאָס וועט זיין מיין אַרבעט

פאַר דער נאָענטסטער צייט און דאָס וועט זיין אַן אַרבעט, וואָס וועט שטאַרק צוניץ קומען אויך דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָרעם אויך די לייענערס פון די אומלעגאַלע בראָשורן און זשורנאַלן נייטיקן זיך אין אַזאַ מין ווערטער־בוך. און עס פאַרשטייט זיך, אַז די דער־קלערונגען און פאַרטייטשונגען אינעם ווערטער־בוך וועל איך געבן, — אין אַ פאַרזיכטיקער פאָרעם צוליב דער צענזור, — אין אַ סאָציאַ־ליסטישן גייסט.

פון דער אַנדער זייט וועט דאָס זיין פאַר מיר אויך אַ מקור פון פּרנסה. אַזוי אַרום האָב איך באַשלאָסן, אַז שטיצנדיק זיך אויף דעם קאָן איך אפשר פּרואוון אַ יאָר אָדער צוויי שטודירן אין אויסלאַנד, כדי צו פאַרענדיקן מיין לערנען און קריגן דעם אינזשענער־דיפּלאָם. דאָס אַלץ האָט מיך געבראַכט צו דעם געדאַנק, אַז אַנשטאָט צו בלייבן אין פּעטערבורג און וואַרטן אויף די בריוו פון צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס קומען נאָך אַלץ ניט, זאָל איך אָוועקפאָרן קיין אויסלאַנד, און טאַקע אין דער שטאָט ל י ע ז ש אין בעלגיע, וואו עס איז פאַראַן זייער אַ גוטע טעכנישע הויכשול און וואו עס האָבן שטודירט זייער אַ סך אידישע יונגעלייט פון אונדזערע געגענטן.

אָט דאָס איז געווען דער באַשלוס, צו וועלכן איך בין געקומען. אָבער איידער איך בין אָוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד, בין איך נאָך צוגעפאָרן קיין מאָסקווע, וואו עס האָט געוואוינט מיין עלטערע שוועס־טער, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַן אינזשענער. איך בין אָפּגעווען ביי איר עטלעכע וואָכן. דאָס איז געווען די ערשטע עכט־רוסישע שטאָט, אין וועלכער איך בין געקומען. פּעטערבורג איז געווען מער אייראָפּע און צום טייל מער די אידישע „טשערטאַ", ווייל דאָרטן איז געווען אַ היפּשע אידישע קאָלאָניע. אָבער מאָסקווע — דאָס איז שוין געווען עכט־רוסלאַנד, מער אַזיע איידער אייראָפּע, און אַ אידן האָט מען דאָרטן געקאָנט טרעפן נאָר דורך אַ צופאַל. דאָס איז אויך געווען אַ שטאָט, וואָס האָט געצויגן צו זיך די גאַנצע רוסישע אינטעליגענץ, דורך איר אוניווערסיטעט, דורך איר ליבעראַלע און סאָציאַליסטישע באַוועגונג און ספּעציעל דורך דעם באַרימטן מאָסקווער „קינסטלער־טעאַטער" פון סטאַניסלאַווסקי.

עס איז מערקווירדיק ווי אין אַ רעוואָלוציאָנערער צייט ווערן אָפּגעפאַרבן אין אַ רעוואָלוציאָנערן קאָליר אויך אַזעלכע זאַכן, וואָס האָבן אייגנטלעך גאָר ניט צו טאָן ניט מיט רעוואָלוציע, ניט מיט סאָ־ציאַליזם, ניט בכלל מיט פּאָליטיק.

סטאַניסלאַווסקיס טעאַטער האָט געשפּילט פּיעסעס פון איבסען, טשעכאָוו, גאָרקי. ניט אין „ד"ר שטאָקמאַן" פון איבסען, ניט אין דער „טשאַיקאַ" (סי־גאַל) אָדער די „דריי שוועסטער" פון טשעכאָוו, און ניט אָפּילו אין גאָרקיס „אויפן דעק" („נאַ דניע") — איז ניט געווען קיין סליאַד פון אַרבעטער־קלאַס, אָדער פון רעוואָלוציע, אָדער פון סאָציאַליזם, אָדער בכלל פון פּאָליטישן קאַמף. „ד"ר שטאָקמאַן"

אין איבסענס דראַמע איז אייגנטלעך אַן אינדיווידואַליסט, וואָס טרעט אַרויס קעגן דער „מאַסע", קעגן דער אידייע פון „מערהייט" (ד"ה דעמאָקראַטיע אדגל.). ווען מיר וואָלטן זיך טיפער אַריינגעטראַכט אין זיין געשטאַלט, וואָלטן מיר, מאַרקסיסטן, געמוזט זיין קעגן אים. אָבער די יונגע מאַרקסיסטן, וואָס האָבן פון אונטן ביז אויבן אויסגע־פילט סטאַניסלאַווסקים טעאַטער אויף „קאָמערהערסקי פּערעאולאָק" האָבן געפּאַטשט בראַוואָ און געליאַרעמט ביז מען פלעגט הייזעריק ווערן לכבוד די אַנאַרכיסטיש-אינדיווידואַליסטישע מאָנאָלאָגן פון ד"ר שטאָקמאַן. וואָרים מען האָט אין דעם געשפּירט אַ פּראָטעסט קעגן דער אַלטער, פאַרשימלטער וועלט, קעגן קליינבירגערלעכער מאָראַל. וואָרעם מען האָט אין שטאָקמאַנען געזען אַ שאַרפן, ראַדי־קאַלן קעמפער קעגן דער צביעות פון דער היינטיקער געזעלשאַפט. און דאָס איז געווען גענוג. אין די „דריי שוועסטער" פון טשעכאָוון איז בכלל ניט געווען קיין שום געזעלשאַפטלעכער אינהאַלט. אַפילו ניט געווען קיין סאַטירע אויפן רוסישן לעבן און שוין גאָרניט געווען קיין שום פּאָליטישער פּראָטעסט. אָבער די בענקעניש פון די „דריי שוועס־טער", וואָס האָבן זיך געריסן פון זייער פּראָווינץ-שטאָט „קיין מאָס־קווע" (וו מאָסקוואַ, וו מאָסקוואַ, וו מאָסקוואַ), האָט די רוסישע יוגנט אינסטינקטיוו פאַרשטאַנען, ווי אַ בענקעניש נאָך אַ נייעם, פרייען לעבן: דער פּולקאָווניק, וואָס האָט אין אַנגעבלאָזענע פּראַזעס גערעדט וועגן דעם, אַז אין 200—300 יאָר אַרום וועט דאָס לעבן זיין אַזוי שיין און אַזוי הערלעך; דער אַלטיטשקער דאָקטער, וואָס האָט אין דעם טראַגישסטן מאָמענט געפּיפן דאָס גאַסן-לידל „טאַראַראַבומביאַ", — אָט די אַלע געשטאַלטן האָבן אין אונדזערע יונגע, באַגייסטערטע אויגן באַקומען גאָר עפּעס אַן אַנדער באַדייטונג, אַן אַנדער סימבאָלישן זינען, אַזאַ וואָס זיי האָבן אין דער אמתן גאָרניט געהאַט. די הערלעכע קונסט פון מאָסקווער טעאַטער איז געווען אַזאַ שטיק שיינקייט, וואָס האָט שוין אַליין פון זיך באַגייסטערט, און אַלץ וואָס האָט אונדז באַ־גייסטערט האָבן מיר איינגעשלאָסן אין דער אַלגעמיינער קייט פון דעם רעוואָלוציאָנערן ענטוזיאַזם, מיט וועלכן מיר זיינען געווען אָנגעזאָפּט. איך בין געזעסן אויף דער גאַלעריע פון סטאַניסלאַווסקים טעאַטער פאַר 32 קאָפּיקעס, גאַנץ אויבן אונטערן דאַך און איך האָב אויפגע־נומען די ציניש-פּעסימיסטישע פילאָסאָפיע פון לוקאַ, פון גאָרקים פּיעסע „אויפן דעק" מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ און מיט דער גרעסטער באַ־גייסטערונג, אַזוי ווי דאָס וואָלטן געווען רעוואָלוציאָנערע אויפרופן. און פּונקט מיט דעם זעלביקן ענטוזיאַזם האָט אויפגענומען די פּיעסע אַ יונגער רוסישער סטודענט, אַ בלאָנדער מיט בלישטשענדיקע בלויע אויגן, וואָס האָט מיר מיט אַ פערטל שעה שפּעטער מיט אַ פאַרלע־גענעם שמייכל אָנפאַרטרויט, אַז מען האָט אים ערשט היינט אַרויס־געלאָזט פון תפיסה, און זיין ערשטער גאַנג אין דער פרייהייט איז געווען אין דעם טעאַטער פון סטאַניסלאַווסקי. מיט 16 יאָר שפּעטער, אין נאָוועמבער 1918, האָב איך אַליין נאָכגעמאַכט זיין ביישפּיל . . .

13

איך אַנטלויף קיין אויסלאַנד

פון מאָסקווע האָב איך אויך צוגעגרייט מיין אַריבערפאָרן אין אויסלאַנד. קיין אויסלענדישן פּאַס האָב איך ניט געקאָנט קריגן און איך האָב מורא געהאַט אים צו פאַרלאַנגען. איך האָב געמוזט „שוואַרצן" דעם גרענעץ. צום גרענעץ פון „בונד" האָב איך זיך ניט געקאָנט דערשלאָגן, ווייל אויף מיינע בריוו האָב איך נאָך רק ניט באַקומען קיין ענטפער. האָב איך געמוזט אָרגאַניזירן דאָס אַריבערפאָרן קיין אויסלאַנד אויף אַ פּריוואַטן אופן. און דאָ האָט זיך מיין פאָטער דער־מאָנט, אַז ער האָט אַ שוועסטערקינד אַ רב אין ווילקאָווישעק, אויפן דייטשן גרענעץ. האָט ער אָנגעשריבן דעם רב אַ העברעאישן בריוו, אין וועלכן ער האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער נייטיקט זיך אין אַ טובה פאַר זיין זון. און דער רב האָט גלייך פאַרשטאַנען און האָט געענטפערט, אַז דער זון זאָל קומען צו גאַסט, וועט ער זען אים צו העלפן. סוף דעצעמבער 1902 בין איך אַרויסגעפאָרן פון מאָסקווע איבער פּעטערבורג קיין קאָוונע און נאָך ווייטער ביז צו דעם דייטשן גרענעץ און בין פאַרפאָרן צו דעם ווילקאָווישקער רב מיט אַ בריוו און א גרוס פון מיין פאָטער. דאָרטן בין איך אָפּגעווען אַ פּאָר טעג און מען האָט מיך אַוועקגעפירט מיט אַ פור אין דעם שטעטל ניישטאַט, וואָס ליגט ביים סאַמען גרענעץ לעבן איטקונען, וואָס איז שוין געווען אויף דער דייטשער זייט. די פרוי, צו וועלכער איך בין פאַרפאָרן, איז געווען אַ באַקאַנטע אָדער אַ קרובה פון רב און זי האָט געדונגען איינעם פון די זיכערסטע קאָנטראַבאַנדיסטן, ער זאָל מיך אַריבערפירן איבערן גרענעץ.

דאָס „גנבענען" דעם גרענעץ אין אַזוינע גרענעץ־שטעטלעך ווי ווילקאָווישעק אָדער ניישטאַט איז געווען אַ גאַנץ פּשוטע און לייכטע זאַך. אַ האַלבע שטעטל אידן און ניט־אידן האָבן זיך דערמיט פאַר־נומען. און דאָך איז דורך אַ צופאַל מיין אַריבערגאַנג איבערן גרענעץ געוואָרן אַ גאַנצע פּאַסירונג. דער פּלאַן איז לכתחילה געווען גאָר אַ גרויסאַרטיקער: איך האָב געזאָלט אַריבערגיין דעם גרענעץ אין מיטן העלן טאָג איבער דעם „בריק", פּונקט אַזוי ווי די רייזנדער, וואָס האָבן אַ פּאַס אָדער אַ „פּולפּאַסעק" (ספּעציעלן גרענעץ־פּאַס). לעבן בריק, וואָס פאַרבינדט רוסלאַנד מיט דייטשלאַנד, איז פאַראַן אַ וואַך־שטיבל פון דער רוסישער גרענעץ־פּאָליציי. די, וואָס ווילן אַריבער קיין דייטש־לאַנד מוזן אַריינגיין אין שטיבל, באַווייזן דעם פּאַס דעם רוסישן באַ־אַמטן, וואָס זיצט דאָרט; יענער קאָנטראָלירט דעם פּאַס, שטעלט אַ שטעמפּל און יעמאָלט לאָזן אים די וואַך־סאָלדאַטן דורך אויפן בריק.

דער קונץ פון די קאָנטראַבאַנדיסטן איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די וואַך־סאָלדאַטן זיינען געווען אונטערגעקויפטע. דער וואָס איז

געגאנגען דורך די קאנטראבאנדיסטן פלעגט ניט אריינגיין אין שטיבל צום באאמטן, ער פלעגט נאר ארויף אויפן גאניק, אפשטיין א מינוט לעבן טיר און פלעגט דערנאך זיך א קער טאן צוריק צו די וואך-סאל-דאטן, ווייזנדיק זיי א לידיק שטיק פאפיר אנשטאט א פאס. און זיי פלעגן אים דורכלאזן, לויטן צייכן פון דעם קאנטראבאנדיסט, וואס פלעגט שטיין דערביי. אזוי האב איך אויך געטאן. ארויף אויפן גאניק, זיך א דריי געטאן לעבן דער טיר און ארויס צוריק מיט א פאפירל אין האנט. אבער קוים האב איך דערלאנגט דאס פאפירל דעם וואך-סאל-דאט, ווי איך קריג אזא זעץ אין ברוסט מיטן „פריקלאד" פון ביקס, אז דער אטעם האט זיך ביי מיר פארכלינעט. און די ביידע וועכטער גיבן מיך א כאפ פאר די הענט און שלעפן מיך אריין אין שטיבל. אהא, געכאפט א העכט!

איך האב ניט געוואוסט, וואס צו טראכטן, בפרט נאך אז איך בין צוליב „קאנספיראציע" געווען אן ברילן און האב שלעכט געזען וואס ארום מיך טוט זיך. איך האב שוין געטראכט אז איך בין פארלארן, ווען איך בין געזעסן אין וואכשטיבל און לעבן מיר איז געשטאנען א סאלדאט מיט א ביקס און דער באאמטער (א גרענעץ-אפיציר) האט מיך אנגעהויבן אויסצופרעגן. איך האב באשלאסן, ביז וואנען איך וועל ניט וויסן גענוי וואס דא איז געשען, צו שפילן די ראלע פון א תם. האב איך דערקלערט דעם אפיצים, אז איך בין צו גאסט אין שטעטל ביי מיינע קרובים, אז איך קום פון פעטערבורג און בין אין גאנצן ניט בא-קאנט מיט די היגע פאראנדקעס. זעענדיק אז אזוי פיל מענטשן גייען איבער דעם בריק, בין איך אויך אוועק. וואלט מיר דער סאלדאט גע-זאגט, אז מען טאר ניט, וואלט איך אוועק צוריק. אבער דער גראביאן, דער סאלדאט, האט מיך גלייך א קלאפ געטאן אין ברוסט און האט מיר אפילו ניט דערקלערט, פאר וואס ער שלאגט מיך. דער אפיציר האט זיך צוגעהערט צו מיינע אויפגערעגטע רייד און האט דערווייליע גע-בלעטערט אין עפעס א גרויסן בוך? ער האט זיכער געזוכט מיין נאמען אין די רשימות פון „געזוכטע פארברעכער". ער האט אים אבער מסתמא ניט געפונען. פאר דער צייט אבער האט אויך אנגעהויבן צו „ארבעטן" די מאשין פון די קאנטראבאנדיסטן, וואס האבן געזען, אז איך בין אריינגעפאלן. און זייער מאשין האט געהאט גאנץ גוטע פאר-בינדונגען צווישן די גרענעץ-באאמטע! קורץ און גוט, מען האט מיך באפרייט און געהייסן קומען מארגן נאך א מאל.

ערשט ווען איך בין געקומען צוריק צו מיינע דערשראקענע בא-לעבאטים, האב איך זיך דערוואוסט, וואס אזוינס האט פאסירט. גראד אין דעם מאמענט, ווען איך בין צוגעגאנגען צו דער טיר פון שטיבל, ניט אריינגייענדיק אין איר, איז פון די טרעפ אראפ די פרוי פון דעם וואך-קאמאנדיר. און זי איז געשטאנען און מיט פארוואונדערונג גע-קוקט אויף דעם יונגנמאן, וואס טאפעט זיך ביי דער טיר און גייט אוועק, ניט אריינגייענדיק אין וואך-צימער. די וואך-סאלדאטן האבן

געזען די גאַנצע סצענע און, עס פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן שוין ניט געקאָנט האַנדלען לויט דעם אָפּמאַך מיטן קאָנטראַבאַנדיסט. האָבן זיי געטאָן אַזוי, ווי עס האָט זיך געפאָדערט „לויטן געזעץ", ד"ה זיי האָבן מיך פאַרהאַלטן און אַרעסטירט.

אויף צו מאָרגנס בין איך אָבער צו דער וואַך ניט געקומען, ווייל איך בין נאָך אין דער זעלביקער נאַכט אַריבער דעם גרענעץ אויף דעם געוויינטלעכן, „דעמאָקראַטישן" אופן מיט וועלכן עס זיינען געגאַנגען די פּשוטע בשר־ודמס. אַ זייגער 12 ביי נאַכט האָט ביי אונדז אין פענצטער אָנגעקלאַפּט עפּעס אַ קריסט, וואָס זיין פּנים איז געווען אין גאַנצן פאַרטוליעט אין אַ באַשליק, ער האָט מיר געהייסן גיין נאָך אים. די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע און אַ פּראַסטיקע נאָר דער ווייסער שניי אויף די פעלדער אַרום און אַרום האָט געגעבן אַ ביסל ליכטיקייט. דער פירער האָט מיך צוגעבראַכט צו אַ שייער און האָט מיר געהייסן וואַרטן. אין אַ פערטל אָדער האַלבע שעה אַרום איז ער געקומען מיט אַ צווייטן יונגנמאַן, אַ אידישן בחור׳ל פון קאַוונע, וואָס איז אַנטלאָפן פון פּריזיוו. ביידע זיינען מיר אָפּגעשטאַנען אַ היפּשע צייט איינע אַליין. אונדזער פירער איז ווי פאַרפאַלן געוואָרן. אין אַ צייט אַרום איז ער געקומען צוריק צוזאַמען מיט אַ סאָלדאַט, וואָס האָט געהאַלטן אין האַנט אַ ביקס, און האָט אונדז געהייסן גיין מיט דעם סאָלדאַט. אַ ברירה האָט מען? זיינען מיר אַוועק נאָכן סאָלדאַט. און יענער פירט אונדז צו דער זעלביקער בריק, וואו איך האָב ביי טאָג מיט עטלעכע שעה צוריק געכאַפּט די מפּלה. אָבער די בריק איז דאָס מאָל געווען ליידיק: די סאָלדאַטן זיינען באַהאַלטן אין די בודקעס. „נו, איצט לויפט" — גיט אונדז אַ זאָג דער סאָלדאַט, — „אָבער שטיל". מיר האָבן זיך איבערגעקוקט, דאָס האַרץ האָט אַ ביסל געקלאַפּט, אָבער מיר האָבן זיך שווייגנדיק גענומען פאַר די הענט און האָבן זיך אַוועק־געלאָזן איבערן בריק. צו ערשט לאַנגזאַם און שטיל, אויף די שפּיצן פינגער, דערנאָך אַלץ גיכער און גיכער. און ווען מיר זיינען געווען אויף דער צווייטער זייט בריק, האָבן מיר זיך שוין ניט געקאָנט איינ־האַלטן און זיינען געלאָפן און געטאָפּעט מיט די פיס און געשריען מיט פריידיקע, הייזעריקע, אויפגערעגטע שטימען.

ניט ווייט פון בריק איז אויף דער דייטשער זייט געווען אַן אכסניה, וואו מען האָט אונדז געהייסן פאַרפאָרן. דאָרטן האָבן מיר איבערגע־נעכטיקט און געוואָלט אין דער פרי אַוועקגיין, אָבער דאָס איז געווען ניט אַזוי פּשוט. אַלע אַרומיקע קאָנטראַבאַנדיסטן אויף דער דייטשער זייט און זייערע קרעטשמערס זיינען געווען פאַרבונדן מיט די האַמ־בורגער שיף־קאָמפּאַניעס. יעדן אידן, וואָס פלעגט „גנבענען דעם גרע־נעץ", פלעגן זיי מוזן צושטעלן צו דעם שיף־אַגענט, וואָס האָט געהאַט זיין אָפיס אין קאַראַנטין, אין דער „באָד", וואו מען פלעגט די עמי־גראַנטן באָדן, שערן, דעזינפיצירן, און דער אַגענט פלעגט דעם עמי־גראַנט צווינגען צו קויפן אַ שיפסקאַרטע, קיין אַמעריקע, אָדער צום

וויניקסטן — קיין לאָנדאָן, אויב ער האָט זי נאָך ניט געהאַט. דערפאַר פלעגט דער קאָנטראַבאַנדיסט קריגן צו 20 מאַרק פאַר „אַ קאָפּ". עס פאַרשטייט זיך, אַז אונדזער באַלעבאָס, ביי וועמען מיר האָבן גענעכטיקט, האָט ניט געוואָלט פאַרלירן זיינע 40 מאַרק. קוים זיינען מיר אויפגעשטאַנען נאָך דער אויפגערעגטער נאַכט, האָט שוין אויף אונדז געוואַרט אַ דייטשער זשאַנדאַר. און אין אַ פּויערשן וואָגן האָט מען אונדז אַוועקגעפירט קיין אייטקונען, אין דער באָד. געקומען זיינען מיר אַהין שוין נאָך מיטאָג, ווייל מיר זיינען געפאָרן לאַנגזאַם און פלעגן זיך אין יעדער קרעטשמע אונטערוועגס אָפּשטעלן נעמען אַ קעלישעק.

מיין חבר, דער קאָוונער בחור, האָט גאָר ניט געהאַט קעגן דער באָד. ער האָט סיי ווי סיי זיך געקליבן צו פאָרן קיין אַמעריקע, און אַ שיפס־קאַרטע האָט אויף אים שוין געוואַרט אין אייטקונען. איך האָב אָבער ניט געהאַט קיין חשק אויסצוגעבן געלט אויף אַ בילעט קיין לאָנדאָן. דעריבער, ווען מען האָט אונדז געבראַכט צו דער „באָד" און אָנגעהויבן אין קאָנטאָר צו פאַרשרייבן אונדזערע נעמען, האָב איך דערקלערט, אַז איך האָב נאָך קיין געלט ניט, אַז דאָס געלט דאַרף קומען מאָרגן אָדער אפשר נאָך היינט פער טעלעגראַף, און אַז איך דאַרף דעריבער גיין אויף דער פּאָסט. דער באַאַמטער האָט מיך אַרומגעקוקט, געזען, אַז איך בין אַ גוט־אָנגעטאָנענער באַלעבאַטישער יונגערמאַן, און האָט מיך געלאָזן גיין אויף דער פּאָסט. אָבער איך בין אַוועק ניט אויף דער פּאָסט, נאָר צום פאַבריקמאַכער (באַרבער), האָב זיך געלאָזט אָפּגאָלן מיין בערדל מיט די וואָנצעס, בין אַוועק אויף דער באַן, געקויפט אַ בילעט צווייטן קלאַס ביז קעניגסבערג (אין פערטן און דריטן קלאַס פלעגן דייטשע זשאַנדאַרן קאָנטראָלירן די פּעסער, אין צווייטן און ערשטן — ניט) און בין אָן שום שטערונג אָפּגעפאָרן פון אייטקונען. אויף מאָרגן פרי בין איך שוין געווען אין בערלין.

אין בערלין בין איך געבליבן נאָר אַ צוויי טעג. איך האָב זיך גע־איילט צו פאָרן קיין ליעזש, ווייל דאָרטן האָט זיך נאָך ניי־יאָר אָנגע־הויבן אַ נייער סעמעסטער אין די לימודים פון דער הויכשול, און איך האָב ניט געוואָלט פאַרשפּעטיקן דעם דאָזיקן טערמין.

14

ליעזש און ציריך

ליעזש, די גרויסע בעלגישע אַרבעטער־שטאָט, האָט אויף מיר גע־מאַכט אַ גרויסן איינדרוק מיט אירע גרויסע אייזן־ און קוילן־גרובן, מיט די געוואַלטיקע געווער־פאַבריקן, מיט די ריזיקע קוימענס און די הויכע אויוונס וואָס האָבן ביי דער נאַכט געלויכטן ווי פייערווערק. איך האָב מיט גרויס התמדה באַזוכט אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען, הגם מיין פראַנ־

צוויזיש איז געווען זייער שוואַך, דעם אַרבעטער-טעאַטער, און אַלע אַנ־דערע אַרבעטער-אינסטיטוציעס.

זייער אַ שווערן איינדרוק האָט אויף מיר, פאַרקערט, געמאַכט דאָס טאָג-טעגלעכע לעבן פון די אַרבעטער. איך האָב קיין מאָל אין מיין לעבן ניט געזען אַזאַ גרויסע צאָל שענקען, רעסטאָראַנען און ביר־סאַלאָנען, אין וועלכע עס האָבן פאַרקערט אַרבעטער און נאָר אַרבע־טער. אויף יעדן ווינקל איז געווען אַ שענק. די באַלעבאָסטע איז דאָס רוב געווען די פרוי פון אַן אַרבעטער: דער מאַן האָט געאַרבעט אין דער פאַבריק אָדער אין דער קוילן-גרוב, און אַזוי ווי ער האָט ניט גענוג פאַרדינט, פלעגט זיין פרוי אַ ביסל פאַרדינען דורך דעם שענק.

איך בין אין ליעזש געבליבן נאָר אַ קורצע צייט, און אין דער קור־צער צייט האָב איך מיטגעמאַכט נאָר איין איינציקע גרויסע פאַרזאַמ־לונג פון רוסישע סטודענטן, וואָס האָט איבערגעלאָזן אויף מיר אַ שטאַרקן איינדרוק. דאָס איז געווען אַ פאַרזאַמלונג לכבוד לעאָ דייטש, דעם באַרימטן רוסישן רעוואָלוציאָנער, וואָס איז אַנטלאָפן פון סיביר און איז איבער אַמעריקע צוריק געקומען קיין אייראָפּע. ער האָט אונדז דערציילט וועגן זיין לעבן אין סיביר, וועגן זיין אַנטלויפן, וועגן זיינע באַגעגענישן, און מיר, דאָס יונגוואַרג, זיינען געזעסן אַרום דעם דאָ־זיקן וועטעראַן, וואָס זיין נאָמען אַליין איז שוין געווען פאַר אונדז אַ לע־גענדע און האָבן אין אונדזערע הערצער געשוואָרן אַ שבועה פון טריי־שאַפט דער רעוואָלוציע.

אין ליעזש האָב איך באַלד דערזען, אַז מיין פּראָגראַם וועל איך דאָ ניט קאָנען דורכפירן. כדי זיך צו לערנען אין דער טעכנישער הויכ־שול (מאָנטעפיאָרע-אינסטיטוט), האָט מען געדאַרפט זייער אַ סך אַר־בעטן און זיין מאַטעריעל פאַרזאָרגט. איך האָב ניט געהאַט ניט די אינעווייניקסטע רואיקייט אויף צו אַרבעטן, ניט די נויטיקע געלט־מיטלען, וואָרעם די געשעפטן פון מיין פאָטער זיינען יעמאָלט געגאַנ־גען זייער שלעכט. פון מיין פּלאַן מיט דעם ווערטער-בוך פאַר דעם „פריינד" האָט זיך גאָרניט אויסגעלאָזן, ווייל די פּראָבע-אַרבעטן, וואָס איך האָב געשיקט אין פּעטערבורג, האָבן דאָרטן ניט שטאַרק אויס־גענומען ביי גינזבורגן. איז אויסגעקומען, אַז דאָס וויטערדיקע פאַר־בלייבן אין ליעזש פאַרלירט פאַר מיר יעדן ווערט. און גראָד אין דעם מאָמענט, — דאָס איז געווען אומגעפער אָנהייב אַפּריל, — האָב איך מיט אַמאָל באַקומען אַ בריוו פון מיין ריגער חבר און פריינט ה ע ר ט ע ר. לאָזט זיך אויס, אַז אים האָט זיך אויך איינגעגעבן אַרויסצוראַטעווען זיך פון ריגע, אַז ער געפינט זיך איצט אין ציריך (אין דער שווייץ), שטו־דירט דאָרטן און לעבט צוזאַמען מיט זיין פרוי, מיט וועלכער ער האָט מיט אַ קורצער צייט פריער חתונה געהאַט. ער האָט זיך דערוואוסט, אַז איך בין אין ליעזש און לאַדט מיך איין צו זיך קיין ציריך אויף די פסח-וואַקאַציעס.

דער פלאַן איז מיר שטאַרק געפעלן געוואָרן. לאַנג ניט געטראַכט, אַריינגעזעצט זיך אין באַן (קיין פּעסער און קיין וויזעם האָט מען אין יענע גליקלעכע צייטן נאָך ניט געדאַרפט האָבן!), אָפּגעפאָרן אַ נאַכט, און אויף צו מאָרגנס אין דער פרי האָט מיך אויף דעם ציריכער וואָקזאַל מיט אַ ברייטן שמייכל באַגעגנט מיין ליבער הערמער.

ער האָט געלעבט ווי אַ פאַרהייראַטער אין אַן אייגענער וואוינונג, און האָט מיך נאַטירלעך איינגעלאַדן איינצושטיין ביי אים.

אַזוי אַרום איז פאַר מיר די מאַטעריעלע פראַגע פאַר דער ערשטער צייט געווען געלייזט. און וואָס וועט קומען ווייטער — וועט מען זען. אַז מען איז אַלט 22 יאָר, פאַרטראַכט מען זיך ניט צו ווייט וועגן דער צוקונפט.

די אַטמאָספער פון דער רוסישער קאָלאָניע אין ציריך איז געווען אַ גאַנץ אַנדערע ווי אין ליעזש. שווייץ איז יעמאָלט בכלל געווען אַ מקום-מקלט פאַר דער רוסישער, און ספּעציעל פאַר דער רוסיש-אידישער סטודענטנשאַפט און פאַר דער רעוואָלוציאָנערער עמיגראַציע. די געזעצן אין דער שווייץ זיינען געווען פרייע, באַזעצן זיך האָט דאָרטן געקאָנט יעדערער, דאָס לעבן איז געווען זייער ביליק: פאַר 25 רובל אַ חודש רוסיש געלט האָט מען געקאָנט לעבן ווי אַ גראַף, אַנדערע זיינען אויסגעקומען מיט 12—15, און ווער עס האָט געהאַט 50 — איז געווען אַ גביר, און מיט אים צוזאַמען פלעגן אויף דער דאַזיקער ריזי-קער סומע לעבן נאָך צוויי-דריי אָרעמערע סטודענטן. די אָרטיקע באַ-פעלקערונג האָט זיך באַצויגן צו די רוסישע סטודענטן אין אַלגעמיין סימפּאַטיש. סטודענטן זיינען אין אייראָפּע אַ בורזשואַזע שיכט, און ווי אָרעם דער סטודענט זאָל ניט זיין און ווי פיל חובות ער זאָל ניט מאַכן ביים שניידער, ביים שוסטער, ביי דער צימער-באַלעבאַסטע, — באַציט מען זיך דערצו אין אייראָפּע מיט אַ שמייכל און ליבעראַל: מילא, אַ סטודענט האָט קיין מאָל קיין געלט ניט, — דאָס איז שוין אַזאַ טראַדיציע! אמת, די אייראָפּעאישע סטודענטן האָבן קיין מאָל קיין געלט ניט, ווייל זיי פאַרהוליען דאָס געלט, וואָס דער טאַטע שיקט, און דער סוף איז, ווען דער סטודענט ענדיקט, נעמט זיין טאַטע אַרויס מיט אַ קרעכץ דאָס טשעקביכל און באַצאָלט די חובות פון זיין זונדל. די אָרעמקייט פון אידיש-רוסישע אָדער עכט-רוסישע סטודענטן אין יענער צייט איז געווען גאָר אַן אַנדערע, אַן אמתע, אַ ריכטיקע, און קיין טאַטעס מיט טשעקביכלעך האָבן די גרעסערע מערהייט סטודענטן ניט געהאַט. אָבער די טאָלעראַנטע באַציאונג צו סטודענטן, וואָס האָבן קיין געלט ניט, האָט זיך אַריבערגעטראָגן אויך אויף די אמת-אָרעמע אידישע סטודענטן פון רוסלאַנד, און דאָס איז געווען פאַר אונדז אַ גרויס גליק. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָבן זיך שוין די שווייצערישע באַלעבאַסטעס אויסגעלערנט צו אונטערשיידן צווישן די אייראָפּעאישע און רוסישע סטודענטן, און די באַהאַנדלונג איז געוואָרן אַן אַנדערע, אָבער אין יענע צייטן, וועגן וועלכע איך דערצייל, איז די באַציאונג

צווישן דער רוסישער קאָלאָניע און דער אָרטיקער באַפעלקערונג געווען נאָך אַ פּאַטריאַרכאַלישע און אַ פריינדלעכע.

די שווייצאַריער האָבן אויך בשום אופן ניט געקאָנט פאַרשטיין דעם אונטערשייד צווישן אידן און ניט-אידן, רוסן: זיי האָבן קיין מאָל ניט געקאָנט פאַרשטיין, ווער עס איז אַ איד און ווער עס איז אַן אמתער רוס. זיי זיינען געווען איבערצייגט, אַז ראַבינאָוויטש און כאַצקעַ-לעווימש זיינען עכט סלאַווישע נעמען, אַז די רוסן האָבן שוואַרצע אויגן און שוואַרצע האָר וכדומה. מען פלעגט וועגן דעם דערציילן אומצאָ-ליקע אַנעקדאָטן. די מעשה פון דעם איז געווען, אַז ניט נאָר די אידישע סטודענטן זיינען געווען די ערשטע וואָס זיינען געקומען אין גרויסע מאַסן אין דער שווייץ, נאָר אויך אַז די גרויסע מערהייט פון די רוסישע קאָלאָניעס איז באַשטאַנען פון אידן. פון די עכטע רוסן פלעגן קומען קיין שווייצאַריע נאָר פרויען, וואָס זייער שטודיום אין רוסלאַנד איז געווען פאַרשווערט, אָדער יונגעלייט וואָס האָבן געהאַט פּאָליטישע שוועריקייטן אויף צו שטודירן אין רוסלאַנד. פאַרקערט: די אידישע יוגנט איז געטריבן געוואָרן קיין אויסלאַנד דורך דער פּראָצענט-נאָרמע, דורך דער אידישער רעכטלאָזיקייט. אַזוי אַרום זיינען אין די שווייצאַרישע און דייטשע אוניווערסיטעטן אויף איין עכטן רוס געווען 5 אָדער 10 אידן.

אחוץ די סטודענטן זיינען אין שווייץ געווען אַ היפּשע צאָל פּאָלי-טישע עמיגראַנטן, מיטגלידער פון פאַרשיידענע רעוואָלוציאָנערע אָר-גאַניזאַציעס, וואָס פלעגן אַנטלויפן פון טורמע, סיביר און פאַרפאָל-גונגען. צווישן זיי זיינען אויך געווען פירער, שרייבער, טעאָרעטיקער, וואָס זיינען געקומען אין דער שווייץ, כדי דאָרטן אַרויסצוגעבן אָדער צו רעדאַקטירן פאַרשיידענע רעוואָלוציאָנערע, סאָציאַליסטישע צייט-שריפטן און כדי אָנצופירן פון דאָרטן די רעוואָלוציאָנערע אַרבעט אין רוסלאַנד.

אין יענע יאָרן, 1903, 1904 און 1905, האָבן זיך אין דער שווייץ געפונען די גענעראַל-שטאַבן פון אַלע רעוואָלוציאָנערע און סאָציאַ-ליסטישע אָרגאַניזאַציעס פון רוסלאַנד. אין זשענעווע האָבן געלעבט צו יענער צייט אַזוינע קעפּ פון דער רוסישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, ווי פּלעכאַנאָוו, ווערא זאַסוליטש, דייטש, אַ ביסל שפּעטער — לענין, פּאָטרעסאָוו, מאַרטאָוו, דאַן, טראָצקי, לונאַטשאַרסקי, באָגדאַנאָוו און אַ סך אַנדערע. אין ציריך האָט געלעבט פּאַוועל אַקסעלראָד; אין בערן — פּראָפ. רייכעסבערג, זשיטלאָווסקי, אַ געוויסע צייט — וויקטאָר טשערנאָוו; אין אַנדערע שווייצאַרישע שטעט האָבן געלעבט — אַ מאָל שטענדיק, אַ מאָל צייטווייליק — אַנדערע גרויסע פירער פון די סאָ-ציאַל-רעוואָלוציאָנערן, ווי גערשוני, דער עלטערער גאָץ. פון די בונ-דיסטן האָבן זיך געפונען אין זשענעווע אַרקאַדי קרעמער, דזשאָן מילל, דערנאָך זיינען צוגעקומען פון לאָנדאָן קאָסאָווסקי, גלעב מוטניקאָ-וויטש; אין בערן האָבן זיך געפונען ליבער, וולאַדימיר מעדעם, טוי-

מין, עפּראַם. אויך אַנדערע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע און ניט־סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ריכטונגען האָבן געהאַט אין דער שווייץ זייערע אַנגעזעענסטע פאַרטרעטער, ווי די אַרמענישע סאָציאַליסטן, גרוזינישע, פּוילישע און אַנדערע. פון ציריך איז אָקערשט געווען אַפּגעפאָרן ראָזע לוקסעמבורג. עס האָבן זיך נאָך דאָרטן געלערנט פרידריך אַדלער און אַלבערט איינשטיין..

מיט איין וואָרט, די שווייץ איז געווען ניט נאָר פאַר די רוסישע, נאָר צום טייל אויך פאַר דער אייראָפּעאישער באַוועגונג אַ מין גייסטיקער צענטער. יעדע נייע פראַגע, יעדע נייע פּראָבלעם, יעדע נייע דיסקוסיע, האָט פריער פאַר אַלץ געפונען דעם אָפּקלאַנג אין דער שווייץ. רעפעראַטן, לעקציעס, דיסקוסיעס, פאַרזאַמלונגען זיינען פאַרגעקומען אין די שווייצאַרישע שטעט (אין זשענעווע, ציריך, בערן) כמעט יעדן טאָג, צום ווייניקסטן אַ פּאָר מאָל יעדע וואָך. יעדער האָט געקאָנט זיין דערביי, ווי פּלעכאַנאָוו פּאָלעמיזירט מיט טשערנאָוו וועגן דער אַגראַר־פראַגע, ווי טראָצקי קעמפט מיט לונאַטשאַרסקין וועגן פילאָסאָפישע פּראָבלעמען, ווי מאַרטאָוו פירט אַ קאַמף מיט פונדאַמינסקין וועגן פּראָבלעמען פון דער סאָציאַליסטישער טאַקטיק, אָדער ווי מעדעם און ליבער פירן דיסקוסיעס מיט די ציוניסטן.

די באַרימטסטע רעדנער און טעאָרעטיקער פלעגן אַרומפאָרן פון שטאָט צו שטאָט און האַלטן לעקציעס און דיסקוסיעס אין די עמיגראַנטישע קלובן, אָבער פריער פאַר אַלץ אויף די סטודענטישע פאַרזאַמלונגען, וואָרעם די סטודענטישע יוגנט איז געווען פאַר אַלע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס ניט נאָר אַ קוואַל, פון וואַנען מען פלעגט שעפּן נייע כוחות פאַר דער באַוועגונג, נאָר אויך אַ מאַטעריעלער יסוד אויף צו פאַרשטאַרקן די פינאַנצן פון די אומלעגאַלע גרופּעס. ווי אָרעם די סטודענטנשאַפט איז ניט געווען, זיינען צווישן זיי דאָך געווען אַ טייל פאַרמעגלעכע און אַמאָל גאָר רייכע און אַחוץ דעם פלעגט אַפילו דער אָרעמסטער סטודענט אָפט ניט דערעסן און ניט דערטרינקען, אָבער פאַר דער קאַסע פון דער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע פלעגט ער שטענדיק געפינען אַ פראַנק אָדער צוויי. אין די פאַרשיידענע אוניווערסיטעט־שטעט אין גאַנץ אייראָפּע, פון בריסל, ליעזש און פּאַריז ביז זשענעווע, בערן און ציריך, און דערנאָך ווייטער צו מזרח־צו, שטוטגאַרט, קאַרלסרוהע, לייפּציג, בערלין, ווין, דרעזדען, איז די צאָל סטודענטן דערגאַנגען אין די טויזנטער און טויזנטער. דאָס איז געווען אַ ברייט פעלד פאַר פּראָפּאַגאַנדע און געלט־זאַמלונגען, און די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען האָבן דאָס דאָזיקע פעלד פלייסיק באַאַרבעט.

אָט אין דער אַטמאָספער פון די שווייצאַרישע סטודענטן בין איך אַריינגעפאַלן, ווען איך בין געקומען צו גאַסט צו הערמערן. הערמער איז געווען פאַרקאָכט אין דער גאַנצער מאַשין פון דער רוסישער קאָלאָניע אין ציריך, און ער האָט מיך באַלד אומעטום אַריינגעפירט. די ערשטע וואָכן האָב איך נאָך וועגן קיין זאַך ניט געטראַכט און אַרום־

געלאָפן פון פאַרזאַמלונג צו פאַרזאַמלונג, פון דיסקוסיע צו דיסקוסיע און געאָטעמט מיט דער לופט, וואָס איז געווען פאַר מיר אַ נייע און אַן אויפרעגנדיקע.

אָבער איך בין דאָך געווען שוין אַן אַלטער רעוואָלוציאָנער: אַ קליינינקייט עפּעס, אַ מיטגליד פון ריגער קאָמיטעט פון „בונד"! האָב איך דערפילט באַלד ניט נאָר די נויטיקייט, נאָר אויך דעם ווילן איינצואָרדענען מיינע באַציאונגען מיטן „בונד" און זען וואו איך האַלט מיט דער פּאַרטיי.

15

די אויסלענדישע אָרגאַניזאַציע פון „בונד". — די ציריכער גרופּע

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס גאַנץ אויסלאַנד איז געווען באַדעקט מיט אַ נעץ סטודענטישע קרייזלעך און אָרגאַניזאַציעס, איז אָבער דאָך דער באַשטאַנד פון די אָנפירנדיקע קערפּערשאַפטן געווען קאָנספּיראַטיוו. מען האָט קיינעם ניט אויסגעזאָגט, פון וועלכע מענטשן עס באַשטייען די אויסלענדישע קאָמיטעטן, די צענטראַלע ביוראָען. נאָך מער: אין „בונד" איז געווען אַ מאָדע, אַז אַפילו דער באַשטאַנד פון די לאָקאַלע בונדישע קרייזלעך און גרופּעס אין פאַרשיידענע שטעט איז אויך געווען אַ „קאָנספּיראַציע". מיר זיינען געווען מיט הערמערן זייער אינטים באַפריינדט, ער האָט געוואוסט פון ריגע, אַז איך בין אַ מיטגליד פון קאָמיטעט, און ער איז, אַזוי צו זאָגן, אין דער פּאַרטיי אינגער פאַר מיר, און ניט געקוקט אויף דעם, האָט עס געדויערט עטלעכע וואָכן, ביז ער האָט מיר אויסגעזאָגט דעם שרעקלעכן סוד, אַז דאָ אין ציריך איז פאַראַן אַ הילפס-גרופּע פון „בונד", און אַז ער, הערמער, איז אַ מיטגליד פון דער דאָזיקער גרופּע.

דאָס האָט ער מיר מיטגעטיילט שוין לויט אַ באַשלוס פון דער גרופּע און מיט דעם הסכם פונעם אויסלענדישן קאָמיטעט.

ניט ווייסנדיק וועגן דער קאָרעספּאָנדענץ, וואָס הערמער האָט געפירט מיטן אויסלענדישן קאָמיטעט וועגן מיר, האָב איך אַליין אין עטלעכע טעג אַרום נאָך מיין קומען קיין ציריך, אָנגעשריבן אַן אָפּיציעלן בריוו אין אויסלענדישן קאָמיטעט אַז איך בין געקומען פון ריגע, אַז איך בין דער און דער בעט, מען זאָל מיך פאַרבינדן מיט דעם צענטראַלן קאָמיטעט אין רוסלאַנד. און כדי אין אויסלענדישן קאָמיטעט זאָל מען גלייך זען, מיט וועמען זיי האָבן צו טאָן, האָב איך דעם בריוו אָנגעשריבן מיט דעם געהיימען שיפער פונעם צענטראַלן קאָמיטעט וואָס איך האָב געוואוסט פון ריגע.

איך האָב טאַקע באַקומען אויף מיין בריוו גלייך אַן ענטפער, אונטערגעשריבן „דזשאָן" (דזשאָן מילל, איצט אין שיקאַגאָ) און, פאַר-

שטייט זיך, אויך אין שיפער, הגם קיין שום נויטיקייט צו שיפערירן בריוו צווישן ציריך און זשענעווע איז ניט געווען. אָבער ערשטנס איז דאָס געווען אַ מיטל צו קאָנטראָלירן איינער דעם אַנדערן און צווייטנס האָב איך אין דעם דאָזיקן בריוו אַנגעפרעגט וועגן פאַרשיידענע מענטשן און ספּעציעל וועגן דעם פּאַלאַנגענער טראַנספּאָרט פון אומלעגאַלער ליטעראַטור, וועלכן איך האָב געהאַלטן אין אָרגאַניזירן פאַר מיין אַנטלויפן פון ריגע.

די קאָרעספּאָנדענץ מיט „דזשאָנען" איז געגאַנגען אַ געוויסע צייט אָן שום ממשותדיקע רעזולטאַטן, ווייל דזשאָן האָט, פאַרשטייט זיך, אַנגעפרעגט וועגן מיר אין רוסלאַנד ביי דעם צ. ק. און האָט געוואַרט אויף אַן ענטפער. דער ענטפער איז געקומען און, ווי עס ווייזט אויס, אַ גאַנץ גוטער, וואָרעם די בריוו פון זשענעווע זיינען געוואָרן זייער פריינטלעך און הערמער איז צו מיר געקומען מיט אַ פּאַרלעגענעם שמייכל און האָט מיר דערקלערט, אַז אין ציריך איז פאַראַן אַ גרופּע און אַז מען האָט באַשלאָסן מיך אין דער גרופּע אַריינצונעמען.

באַלד בין איך געוואָרן אַ טעטיקער מיטגליד פון דער ציריכער הילפס-גרופּע פון „בונד". אַזעלכע הילפס-גרופּעס זיינען געווען כמעט אין יעדער שטאָט אין אויסלאַנד און זיי זיינען באַשטאַנען כמעט אויס-שליסלעך פון סטודענטן. אַן אויסנאַם איז געווען לאָנדאָן, וואו עס איז שוין געווען אַ היפּשע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע, מיט אַ בונדישן קלוב, אַ פאַראיין און אַפילו אַ כאָר. דער דיריגענט פון דעם דאָזיקן כאָר, אַליין אַ קריסט, איז דאָס געווען דער יעניקער, וואָס האָט צוגעקליבן די מעלאָדיע פאַר דער בונדישער „שבועה".

די אַלע קרייזלעך זיינען געווען פאַרבונדן צווישן זיך ניט דירעקט, נאָר דורכן אויסלענדישן קאָמיטעט, וואָס איז אין דער זעלביקער צייט געווען אַ מין צענטראַל-ביוראָ פאַר אַלע אויסלענדישע גרופּעס.

דער אויסלענדישער קאָמיטעט אַליין איז אין יענעם מאָמענט אָפּי-ציעל געווען אין לאָנדאָן, וואו עס האָט זיך געפונען אויך די דרוקעריי פון „בונד", אין וועלכער עס האָט זיך געדרוקט דער „אידישער אַר-בעטער" און אַנדערע בונדישע אויסגאַבעס. אָבער אין לאָנדאָן זיינען געווען אין גאַנצן דריי מענטשן: וולאַדימיר קאָסאָווסקי, גלעב מוטניק און אַרקאַדי קרעמער. דער הויפּט-טעכניקער פון אויסלענדישן קאָמי-טעט איז געווען דזשאָן מילל, אָבער ער האָט געלעבט אין לאָזאַן אָדער אין זשענעווע. אחוץ אים האָט זיך אין אויסלאַנד געפונען טימאָפּיי (צמח קאָפּעלזאָן); די אַנדערע טוער פון אויסלענדישן קאָמיטעט, ווי למשל פראַנץ קורסקי און אַנדערע, זיינען נאָך יעמאָלט צום טייל גע-ווען אין רוסלאַנד, צום טייל זיך געפונען אין אַנדערע ערטער. הייסט עס, אַז פאַקטיש זיינען אין יענעם מאָמענט די גרופּעס געווען פאַרבונדן אָדער דורך בריוו מיט לאָנדאָן, אָדער פּערזענלעך מיט דזשאָנען.

דערווייל וואָס האָב איך זיך אַריינגעוואָרפן אין ציריך אין דער אַרבעט פון דער אָרטיקער גרופּע. זי איז באַשטאַנען, אחוץ הערמערן

און מיר, דער עיקר פון סטודענטקעס. און ניט נאָר אין ציריך, נאָר אויך אין אַ ריי אַנדערע שטעט איז מיר שפּעטער אויסגעקומען צו קאָנסטאַטירן, אַז אין יענע אוניווערסיטעט-שטעט, וואו עס איז פאַראַן אַ מעדיצינישער פאַקולטעט, באַשטייען אי די סטודענטנשאַפט, אי די רעוואָלוציאָנערע גרופּעס דער עיקר פון מיידלעך. און נאָר אין יענע שטעט, וואו עס זיינען געווען טעכנישע הויכשולן, זיינען די רוסיש-אידישע קאָלאָניעס און די פאַרשיידענע רעוואָלוציאָנערע גרופּעס באַשטאַנען דער עיקר פון יונגעלייט.

עס איז מערקווירדיק אַז פון דער ציריכער גרופּע געדענק איך ניט אַלעמען. פון די חברטעס וואָס איך קאָן זיך דערמאָנען זיינען געווען:

פאַני בעלאַצערקאָווסקאַיאַ, אַ ריזיק-הויכע שלאַנקע מיידל מיט אַ קאָלאָסאַלן קאָפּ בלאָנדע האָר, זייער אַ שעמעוודיקע און מיט זייער אַ פיינפילילקן געוויסן: יעדע פּאָליטישע פראַגע וואָס מיר פלעגן באַהאַנדלען פלעגט זי באַטראַכטן ניט נאָר פון פּאָליטישן שטאַנדפּונקט, נאָר אויך פון מאָראַלישן, און זי פלעגט זיך אַליין מוטשען און אונדז אַלעמען מוטשען מיט פאַרשיידענע מאָראַלישע און פּרינציפּיעלע מניעות. אַ חבר איז זי געווען אַן אויסגעצייכנטער, אַ ריינע נשמה, און מיר האָבן זי אַלע זייער ליב געהאַט. אַרומגעגאַנגען איז זי, אַ הויכע ווי אַ טורעם מיט אַ קאָלאָסאַלן הוט אויפן קאָפּ (יעמאָלט איז געווען די מאָדע אויף גרויסע היט) און פלעגט פאַרשעמט באַהאַלטן אירע שיינע אָבער קורצזיכטיקע אויגן אונטער דער ברייטער פאַלע פון הוט. שטודירט האָט זי מעדיצין און איז פון הויז אויס געווען אַ רייכע. האָט זי שטענדיק געהאָלפן אָרעמערע חברים און געגעבן ווי פיל זי האָט געקאָנט אין דער קאַסע פון דער פּאַרטיי. ווען איך בין אַוועקגעפאָרן פון ציריך, האָב איך זי פאַרלוירן פון די אויגן און זיך געטראָפן מיט איר נאָר צוויי מאָל: איין מאָל אין 1905 יאָר אויף עטלעכע מינוט, און אַ צווייטן מאָל אין פּעטערבורג אין האַרבסט 1917, ווען זי איז געקומען צו מיר, שוין אַ פרוי אין מיטעלע יאָרן, מיט זייער אַ טראַגישן פּאָליטיש-פּערזענלעכן ענין.

אַ צווייטער מיטגליד פון אונדזער גרופּע איז געווען מאַריאַ קאַצענעלנבויגן, אַ קליינע, שוואַרצע, זייער ענערגישע מיידל פון ווילנע, אויך אַ מעדיצין-סטודענטין, אָבער שוין גאָר אַן אַנדער טיפּ, ווי בעלאָצערקאָסקאַיאַ: פּראַקטיש, ענערגיש, ציל-באַוואוסט, אַ גוטע שאַך-שפּילערין, אַ פרוי מיט אַ מאַנסבילשן קאָפּ. זי איז דערנאָך געוואָרן אַ דאָקטער ערגעץ-וואו אין טיף-רוסלאַנד אָדער אין פּעטערבורג, אָבער איך האָב זי מער קיין מאָל ניט באַגעגנט.

אַחוץ די צוויי, זיינען געווען נאָך פאַני ס ו ר אַ ו ו י ט ש , די שפּעטערדיקע פרוי פון פראַנץ קורסקי, אַ ווילנערקע, די טאָכטער פון אַ פאַרמעגלעכן לעדער-פאַבריקאַנט, וואָס די גאַנצע פאַמיליע זייערע איז געווען פאַרטאָן אין „בונד". זי איז געשטאָרבן קורץ פאַר דער איצ-

טיקער מלחמה אין פּאַריז; טאַניאַ ראָזענטאַל, זייער אַ אינטערעסאַנטע און שיינע מיידל פון אַ רייכער אידישער פאַמיליע אין ביאַליסטאָק אָדער גראָדנע; נאַדיאַ קעניגשאַץ, די שפּעטערדיקע נאַדיאַ ג ר י נ פ ע ל ד, די טאָכטער פון אַ רייכן קעשענעווער באַנקיר. טאַניאַ ראָזענטאַל און נאַדיאַ גרינפעלד האָבן ביידע טראַגיש געענדיקט: טאַניט ראָזענטאַל און זיך גענומען דאָס לעבן, ווען זי איז געווען פּסיכיש קראַנק; נאַדיאַ גרינפעלד איז אין דעם יאָר 1918 דערמאָרדעט געוואָרן אין רומעניע פון די רומענישע זשאַנדאַרמען, בשעת מען האָט זי אַרעסטירט ווי אַ דעפּוטאַטין פון בעסאַראַבער רעוואָלוציאָנערן פּאַרלאַמענט.

די גרעסטע פריינדשאַפט האָב איך געשלאָסן אין אונדזער גרופּע, אַחוץ מיט הערמערן, מיט קאַטיאַ מונוועס. דאָס איז געווען די אידישע טאָכטער פון מינסק, אַ דיקע, ניט קיין שיינע, אָבער זייער אַ סימפּאַטישע און אַ גוטע חבֿרטע, מיט זייער אַ ווייכן און גוטהאַרציקן כאַראַקטער. עלטער פאַר מיר און בעסער באַהאַוונט אין דער אויסלענדישער קולטור, האָט זי שטענדיק געזוכט מיך צו באַקאָנען מיט דער דייטשער ליטעראַטור, מיט די מאָדערנע שטרעמונגען אין קונסט, האָט מיך שטענדיק איינגערעדט איך זאָל זיך מער אָפּגעבן מיט וויסנשאַפט און שטודיום, — מיט איין וואָרט, האָט זיך באַצויגן צו מיר ווי אַן עלטערע שוועסטער. פון מיין זייט, האָב איך, ניט-ווילנדיק, געשפּילט זייער אַ גרויסע ראָלע אין איר לעבן דורך דעם, וואָס איך האָב זי באַקאָנט מיט מיין ריגער חבר און פריינד גאָלדבלאַט און זיי האָבן דורך מיר ניט נאָר געשלאָסן באַקאַנטשאַפט, נאָר אינטימע פריינדשאַפט. גאָלדבלאַט איז אַנטלאָפן פון ריגע כמעט אין דער זעלביקער צייט ווי איך און איז אַריבערגעפאָרן אויף אומלעגאַלער אַרבעט קיין מינסק. ווען קאַטיאַ איז אַוועקגעפאָרן זומער 1903 אויף וואַקאַציע קיין מינסק, האָט זי מיטגענומען אַ בריוו פון מיר צו גאָלדבלאַטן, און ווען זי איז געקומען צוריק אין האַרבסט, האָט זי מיר מיטגעבראַכט אַ גרוס פון אים. דער סוף איז געווען אַז זיי האָבן זיך פאַרליבט און חתונה געהאַט. איך האָב זיי שפּעטער ביידן פאַרלוירן פון די אויגן. פון אים האָב איך געהערט, אַז ער איז נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע געוואָרן אַ באָלשעוויק, און איז, דורך דער פּראָטעקציע פון זיין פּלימעניק קאַמענעוו, געוואָרן אַ הויכער באַאַמטער אין פּעטערבורג.

די גייסטיקע פירערין פון דער ציריכער בונדישער גרופּע איז געווען ווידער אַ פרוי, אָבער שוין אַן עלטערע: מאַרוסיאַ ר י י נ ו ס. בשעת איך האָב זיך מיט איר באַקאַנט אין פרילינג 1903, איז זי געווען אַ יאָר 30-32, אפשר 35; אָבער אונדז, די יונגע אינגלעך און מיידלעך פון 23-24 יאָר, האָט זי זיך אויסגעדוכט אַ געזעצטע מיטליאָריקע פרוי. זי איז געווען אַ קליינוואוקסיקע, מיט אַביסל אַ פאַרקריפּלטן רוקן, אָבער מיט גרויסע, קלאָרע בלויע אויגן, אַ גלאַט-פאַרקעמטן קאָפּ און אַ פּענסנע אויף דער נאָז. זי האָט שטודירט מעדיצין, אָבער צוליב מאַטעריעלע סיבות ניט געקאָנט ענדיקן, און האָט זיך ספּע-

ציאַליזירט אויף אַ באַזונדערן מין שוועדישן מאַסאַזש, וואָס זי האָט איבערגענומען ביי איינעם אַ שוועדישן פּראָפעסאָר, וואָס האָט אין זיין צייט אָנגעמאַכט זייער אַ שטאַרקן רושם מיט זיינע נייע טעאָריעס. מען האָט וועגן איר דערציילט, אַז זי האָט מיט דער דאָזיקער מעטאָדע אויסגעהיילט די פאַרשיידנסטע קראַנקהייטן און אויפגעטאָן ממש נסים. אָבער אַחוץ איר מאַסאַזש, איז זי געווען אַ הייסע און איבערגעגעבענע בונדיסטין און האָט מיט פלאַם און פייער געפירט פּראָפּאַגאַנדע צווישן דער סטודענטישער יוגנט, אויף וועלכער זי האָט געהאַט זייער אַ גרויסן איינפלוס. זי איז געווען ביי אונדז אין גרופּע אַ מין קליינער דיקטאַטאָר. אָבער זי האָט עס געטאָן מיט אַזאַ גוטסקייט, מיט אַזאַ ליבהאַרציקייט און מיט אַזאַ פריינדלעכקייט, אַז קיינער האָט קעגן איר „דיקטאַטור" ניט פּראָטעסטירט: זי איז געווען עלטער פאַר אונדז אַלעמען, זי האָט געהאַט מער רעוואָלוציאָנערע דערפאַרונג, געקומען צו אונדז פון לאָנדאָן, וואו זי איז געשטאַנען אין נאָנטע באַציאונגען מיטן אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד", און זי איז טאַקע געווען יענע וואָס האָט מיטגעבראַכט פון לאָנדאָן די בונדישע „שבועה" און האָט אונדז אויסגעלערנט זי צו זינגען. מיר האָבן געהאַט אין ציריך אַ מין כאָר, און ריינוס האָט געזונגען מיט אונדז צוזאַמען מיט איר דינעם, אָבער פעסטן קול, און האָט דיריזשירט, קוקנדיק אויף אונדז שטרענג דורך די גלעזער פון איר פּענסנע. אַגב אורחא, האָב איך זיך דורך איר באַקאַנט מיט דעם אויטאָר פון דער „שבועה", מיט ש. אַנ־סקי (ראַפּאָפּאָרט) און אויך מיט דר. חיים זשיטלאָווסקי, וואָס זיינען ביידע געווען אירע לייבלעכע קרובים, מיר דוכט זיך אַפילו שוועסטערקינדער.

מאַרוסיאַ ריינוס האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט מיר און האָט מיך מוטערלעך אַרונטערגענומען אונטער אירע פליגלען: זי האָט געהאַלטן, אַז אַזוינע יונגעלייט, ווי איך, דאַרפן ניט אַרומגיין פוסט און פּאַס, פון איין פאַרזאַמלונג אויף דער צווייטער, נאָר מוזן זיך ערנסט לערנען און שטודירן. דאָס זעלביקע האָט מיר אויך שטענדיק געזאָגט קאַטיאַ מונוועס. אָבער יענע איז געווען אַליין יונג, האָט ניט געהאַט קיין אויטאָריטעט; אַקעגן ריינוס, די „דיקטאַטאָרשע", האָט זיך גענומען פאַר מיין דערציאונג גאָר ענערגיש. איך האָב טאַקע פון איר און דורך איר באַקומען די ערשטע ביכער וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וואָס זיינען יעמאָלט אַרויס (שפּרינגער־סינאָפּטיקוס און אַנדערע), און זי האָט מיך געצוואונגען צוצוגרייטן רעפעראַטן און לעקציעס פאַרן קרייזל: וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וועגן דער געשיכטע פון דער אידישער עמאַנציפּאַציע אין איירּאָפּע, וועגן דער היסטאָרישער און יורידישער לאַגע פון אידן אין רוסלאַנד, וועגן דער געשיכטע פון אַנטיסעמיטיזם, אאַז"וו. עס האָט קיין זאַך ניט געהאָלפן, איך האָב געמוזט האָרעווען, ווייל אַז ניט, האָט מיך ריינוס געמוסרט און אויף מיר שטרענג געקוקט דורך די גלעזער פון איר פּענסנע און — איך האָב געמוזט פאָלגן.

איך וויל בשום אופן ניט זאָגן, אַז איך בין צו יענער צייט געווען אַ פּוילאַק און האָב אַליין ניט געזוכט צו לייענען וואָס מער. פאַרקערט, איך האָב געשלונגען ביכער צענדליקערווייז, אָבער עס איז קלאָר, אַז איך האָב זיך אויסגעקליבן אַזעלכע טעמעס, וואָס זיינען געווען מער פּאָליטיש, אַלגעמיין טעאָרעטיש. ווארעם די צייט איז יעמאָלט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער וועלט געווען זייער אַ לע־בעדיקע: עס זיינען אָנגעגאַנגען גראַנדיעזע אידעאָלאָגישע קאַמפן אין דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע צווישן די רעוויזיאָניסטן (בערנשטיין, דאַוויד) און די אָרטאָדאָקסן (קאַוטסקי, בעבעל, ראָזע לוקסעמבורג, פּאַרוואוס). עס האָבן זיך געפירט אינטערעסאַנטע פּאָ־לעמיקעס אין פראַנקרייך צווישן די געדיסטן און זשאָרעסיסטן. אויך אין דער רוסלענדישער באַוועגונג האָבן זיך געפירט שטאַרקע דיס־קוסיעס צווישן די „איסקראָווצעס״ און די „עקאָנאָמיסטן״; צווישן די צוקינפטיקע באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס. ריינוס האָט אָבער גע־פאָדערט, אַז איך זאָל זיך מער אָפּגעבן מיט א י ד י ש ע פּראָבלע־מען, און איך מוז זאָגן, אַז אַט טאַקע אַ דאַנק איר ווירקונג, האָבן די נאַציאָנאַלע און אידישע פראַגעס פאַרנומען אין מיינע באַשעפטיקונגען מער פּלאַץ איידער דאָס וואָלט אפשר געווען אָן איר.

מיינע אַרויסטרעטונגען אין אונדזער גרופּע און דערנאָך אויך אויף אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען פון דער רוסלענדישער סטודענטנ־שאַפט, ספּעציעל אויף דער פייערונג פון ערשטן מאַי, האָבן מיר אין ציריך פאַרשאַפן דעם שם פון אַ רעדנער. דאָס האָט געהאַט אַן אָנגע־נעמע זייט, אָבער פון דער אַנדערער זייט אויך אַן אומאָנגענעמע: וואָרעם ווען אַ מענטש איז שוין אַ פּאַטענטירטער רעדנער, מוז ער אַרויסטרעטן אומעטום, וואו די גרופּע שיקט אים, און מען קאָן זיך שוין ניט אָפּזאָגן. און צום אומגליק בין איך אין אונדזער ציריכער גרופּע געווען דער איינציקער „רעדנער״.

אַזוי איז פרידלעך געגאַנגען אונדזער לעבן מיט זיינע פאַרזאַמ־לונגען, גרופּעס, דיסקוסיעס, רעפעראַטן, געלט־זאַמלונגען, אייגענע „סטאָלאָווקעס״ (רעסטאָראַנען וואָס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות און וואו די רוסישע סטודענטן האָבן געקאָנט זייער ביליק באַקומען עסן), ביז עס איז מיט אַ מאָל אויפגעטרייסלט געוואָרן ביז צום טיפסטן פונדאַמענט דורך דעם שרעקלעכן דונער פון ק ע ש ע נ ע ו ו ע ר פּ אָ ג ר אָ ם אין 1903.

16

דער קעשענעווער פּאָגראָם

דער איצטיקער דור, וואָס האָט הינטער זיך ניט נאָר די קעשע־נעווער און ביאַליסטאָקער פּאָגראָמען, ניט נאָר די פּאָגראָמען פון 1905

איבער גאַנץ רוסלאַנד, נאָר אויך די פּיל גרויזאַמערע אוקראַינישע פּאָגראָמען פון 1918-1919 און די אומבאַשרייבלעך שרעקלעכע נאַציס־טישע שחיטות אין פּוילן — דער איצטיקער דור קאָן זיך גאָרניט פאָר־שטעלן, וואָס פאַר אַן אויפטרייסלונג און וואָס פאַר אַ מאָראַלישע קאַ־טאַסטראָפע דער קעשענעווער פּאָגראָם איז געווען פאַר דער אידישער יוגנט אין 1903.

מיר האָבן געוואוסט פון ביכלעך, אַז שוין אין די אַכציקער יאָרן זיינען אין רוסלאַנד געווען פּאָגראָמען. אָבער דאָס, וואָס מען לייענט אין אַלטע ביכלעך איז איין זאַך, און אַ לעבעדיקע דערשיינונג פון דער היינטיקער צייט איז גאָר אַן אַנדער זאַך. עס איז ניט געווען קיין שום ספק, אַז דער פּאָגראָם איז אָרגאַניזירט געוואָרן פון די רוסישע זשאַנ־דאַרמען (די אָכראַנע). ניט נאָר די אידישע געזעלשאַפט, נאָר אויך אַפילו די רוסישע ליבעראַלע עפנטלעכע מיינונג האָט אויפגענומען די קעשענעווער שחיטה ווי אַן אָפענע פּראָוואָקאַציע פון דער רעאַקציע קעגן דער רעוואָלוציע. מען וויל איינשרעקן די רוסישע רעוואָלוציאָ־נערן מיט אידיש בלוט; מען וויל מיט בלוט פון אומשולדיקע מענטשן, פרויען און קינדער, פאַרלעשן דאָס פייער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. די בעסטע פאַרטרעטער פון דער רוסישער אינטעליגענץ האָבן געענטפערט אויף דער צאַריש־פּאָליציייאישער פּראָוואָקאַציע מיט אַן אָפענעם קאַמף: די רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור האָט געמאַכט פון קעשענעוו אַן אויסגאַנגס־פּונקט פאַר אַ נייער קאַמפּאַניע קעגן צאַ־ריזם. די בעסטע רוסישע שרייבער זיינען אַרויסגעטראָטן מיט קאָלעק־טיווע פּראָטעסטן און דערקלערונגען. דער באַרימטער רוסישער דיכ־טער וולאַדימיר קאָראָלענקאָ האָט אָנגעשריבן זיין באַרימטן „הויז נומ׳ 13״, וואָס דער „בונד״ האָט אַרויסגעגעבן אין צענדליקער טויזנטער עקזעמפּלאַרן אויף רוסיש.

אָבער ווי אַזוי האָט געזאָלט אויף דעם ענטפערן די א י ד י ש ע רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענץ?

קעשענעוו איז געווען אַ מין בלוטיקער אולטימאַטום פון דער רו־סישער צאַרישער רעגירונג צו די אידישע רעוואָלוציאָנערן: וועט איר ווייטער פירן אייער קאַמף קעגן דער צאַרישער אַליינהערשאַפט, וועלן מיר פאַרגיסן מיט אידיש בלוט די שטעט פון דער „טשערטאַ״; אויב איר ווילט, עס זאָלן ניט זיין מער קיין פּאָגראָמען, טאָ זאָל די אידישע יוגנט זיך אָפּזאָגן פון דער רעוואָלוציע.

דאָס איז געווען אַ ווענדונג ניט נאָר צו דער אידישער רעוואָלו־ציאָנערער סביבה בכלל, דאָס איז געווען נאָך אַ פּיל דירעקטערע ווענ־דונג צום „ב ו נ ד״. וואָרעם דער „בונד״ האָט אין יענעם מאָמענט פאַרקערפּערט און סימבאָליזירט די גאַנצע „אידישע רעוואָלוציע״.

די ווענדונג איז געווען ניט נאָר אַן אומדירעקטע: זי איז איבער־געגעבן געוואָרן אויך דירעקט. אומעטום, וואו די צעשראָקענע אידן

האָבן זיך געווענדט צו דער מאַכט מיט דער בקשה אָנצונעמען מיטלען קעגן דער כוליגאַנישער פאָגראָם-אַגיטאַציע — פלעגן זיי שטענדיק באַקומען פון גובערנאַטאָר אָדער פון פּאָליציימייסטער דעם זעלביקן ענטפער: „זאָלן אייערע יונגעלייט אויפהערן זיך צו באַטייליקן אין דער רעוואָלוציע, וועלן ניט זיין קיין פאָגראָמען!”

און ניט נאָר איינצלנע גובערנאַטאָרן אָדער באַאַמטע האָבן געמאַכט אַזוינע דערקלערונגען אין די פאַרהאַנדלונגען מיט די פאַרטרעטער פון די אידישע קהלות. אויך מיניסטאָרן, ווי למשל, דער באַרימטער פאָן פּ ל ע װ ע , האָבן געמאַכט אַזעלכע דערקלערונגען אין פאַראַהאַנדלונגען מיט פּראָמינענטע פאַרטרעטער פון אידישן פאָלק, ווי למשל, מיט דעם ציוניסטישן פירער ד"ר הערצל.

און אָט אין יענעם מאָמענט, נאָכן קעשענעווער פאָגראָם, האָט זיך אָנגעהויבן די אינעווייניקסטע צעשיידונג אין דער אידישער געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך אַזוי שטאַרק און בולט אויסגעדריקט שפּעטער, נאָך אָקטאָבער 1905. אַ טייל פון דער אידישער געזעלשאַפט איז געווען גרייט אָנצונעמען דעם אולטימאַטום פון דער צאַרישער רעגירונג: זיי האָבן געהאַלטן, אַז די רעוואָלוציאָנערן טאָרן ניט ריזיקירן מיט פּאָגראָמען און מיט דעם בלוט פון אומשולדיקע אידן. מען מוז זיך אונטערגעבן, מען מוז צוריקטרעטן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג: די צאַרישע רעגירונג איז שטאַרקער פאַר אונדז. און אויב מיר האָבן אַ טעות, אויב די רוסישע רעוואָלוציע וועט זיך אַרויסווייזן שטאַרקער פאַרן צאַריזם, וועלן די רוסן זיגן אויך אָן דער אידישער הילף. מיר טאָרן ניט נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטונג פאַר אידיש בלוט.

אָט די דאָזיקע שטימונגען האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן אין געוויסע קרייזן. דאָס זיינען געווען יענע שטימונגען, וואָס זיינען אויסגענוצט געוואָרן פון ציוניסטן און וואָס האָבן פון זייער זייט געגעבן דעם ציוניזם אַ פּאָליטישן פונדאַמענט אין רוסישן אידנטום.

די פּאָליטיש-פּסיכאָלאָגישע צעשיידונג צווישן ציוניזם און בונדיזם איז ניט אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם, וואָס איינע האָבן געהאַלטן דעם אַנטיסעמיטיזם פאַר אייביק, און די אַנדערע ניט. עס האָט זיך אויך ניט געהאַנדלט וועגן דער פּראַקטישער מעגלעכקייט צו קאָלאָניזירן פּאַלעסטינע. די וויכטיקסטע פראַגע איז געווען רוסלאַנד גופא: צי זאָלן זיך אידן אַקטיוו באַטייליקן אין די פּאָליטישע קאַמפן קעגן דער צאַרישער אָרדענונג און קעגן דער אידישער רעכטלאָזיקייט, צי ניט? און אַזוי ווי אין די רוסישע באַדינגונגען איז דער דאָזיקער קאַמף געווען מעגלעך נאָר אין דער פאָרעם פון אַ רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, איז די פראַגע געשטאַנען וועגן דעם, צי זאָלן זיך אידן באַטייליקן אַקטיוו אין דער רוסישער רעוואָלוציע, אָדער צי זאָלן זיי זיך אַוועקשטעלן אין אַ זייט?

דער ציוניזם — און דערין איז טאַקע באַשטאַנען זיין אמתער פּאָליטישער זינען, — האָט געגעבן אויף דער פראַגע דעם צווייטן ענטפער: אָפּטרעטן אין אַ זייט פון דער רעוואָלוציע. די אידישע אינטעליגענץ און דער אידישער אַרבעטער־קלאַס האָבן געגעבן פּונקט דעם היפּוכדיקן ענטפער: אומבאַדינגט רעוואָלוציע, און טאַקע וואָס שאַרפער און וואָס ענערגישער.

פון דעם ווערט פּסיכאָלאָגיש פאַרשטענדלעך, פאַר וואָס די באַציאונגען צווישן די ציוניסטן און די אַנטי־ציוניסטן האָבן אָנגענומען אַזאַ שאַרפן כאַראַקטער, פאַר וואָס די דעבאַטעס צווישן די ציוניסטן און „בונד" האָבן זיך געפירט אין אַזאַליידנשאַפטלעכער, שאַרפער פאָרעם און זיינען אָמאָל אויך דערגאַנגען צו פיזישע „אַרגומענטן".

די גרויסע מערהייט פון דער אידישער יוגנט האָט אין דעם מאָמענט געגעבן דעם זעלביקן ענטפער, וואָס דער „בונד". דאָס באַדייט בשום אופן ניט, אַז מיר האָבן ניט פאַרשטאַנען די גאַנצע טראַגישקייט פון דער לאַגע און דעם גאַנצן טיפן פאַרנעם פון יענער פּראָבלעם, וואָס דער צאַריזם האָט פאַר אונדז געשטעלט. צענדליקער און צענדליקער מאָל האָבן מיר אי אַליין פאַר זיך דורכגעטראַכט, אי קאָלעקטיוו דורכגענומען און דיסקוטירט די אַלע פּראָבלעמען, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער אידישער לאַגע אין רוסלאַנד.

און ווידער און ווידער זיינען מיר געקומען צו דעם דאָזיקן אויספיר: ניטאָ קיין אַנדער מיטל ווי רעוואָלוציע, און וואָס גיכער די רעוואָלוציע וועט קומען, אַלץ גיכער וועלן די אידן געראַטעוועט ווערן פון דער פּאָגראָם־סכנה. אין דער זעלביקער צייט איז אָבער אויך פאַר אונדז געווען קלאָר, אַז מען קאָן זיך ניט באַנוגענען מיט אָט דעם אַלגעמיינעם ענטפער: די אידישע רעוואָלוציאָנערן געפינען זיך אין אַ באַזונדערער לאַגע אין רוסלאַנד אין פאַרגלייך צו די ניט־אידן. אמת, די שוואַרצע מאות פּרוּוון אָרגאַניזירן פּאָגראָמען ניט נאָר קעגן אידן, נאָר אויך קעגן רוסישע רעוואָלוציאָנערן און ליבעראַלן. מיר האָבן טאַקע שפּעטער אַ ביסל געזען געגנוג ביישפּילן פון אכזריותדיקע שלעגערייען און אמתע פּאָגראָמען אויף עכט־רוסישע ליבעראַלן און אינטעליגענטן. (אַזוי האָט מען אין טאָמסק געפּרוּווט פאַרברענען לעבעדיקערהייט אַלע וואָס זיינען געווען אין אַ קלוב, וואו עס איז פאַרגעקומען אַ רעוואָלוציאָנערע פאַרזאַמלונג). אָבער אַזוינע פּאָגראָמען קעגן רוסן זיינען אַ ריין פּאָליטישע דערשיינונג און, אַחוץ דעם, אַ זעלטענער אויסנאַם. פּאָגראָמען קעגן אידן נעמען אָבער אָן אַ נאַצ י אָ נ אַ ל ע פאָרעם און קאָנען ביי די באַדינגונגען אין אוקראַינע און פּוילן ברענגען צו אַן אמתער מאַסן־קאַטאַסטראָפע פאַר די אידן. דעריבער מוז מען אָננעמען ספּעציעלע מיטלען, און דאָס איז — ז ע ל ב ס ט ש ו ץ („סאַמאָאָבאָראָנע"). און ווען מיר האָבן דורכגעלייענט אין דער „אַרבעטער־שטימע" דעם באַרימטן אַרטיקל „אַ נייער בלאַט אין דער אידישער געשיכטע", וואו עס ווערט גערעדט וועגן

דעם העלדישן רעוואָלוציאָנערן זעלבסטשוץ קעגן פּאָגראָמשטשיקעס, אָר־גאַניזירט פון אידישע און ניט-אידישע רעוואָלוציאָנערן — האָבן מיר אַלע דערפילט אַז דאָס איז דער ריכטיקער ענטפער און דאָס ריכטיקע וואָרט.

די אידייע פון באַוואָפנטע זעלבסטשוץ איז געוואָרן אומגעהייער פּאָ־פּולער אין די ברייטסטע שיכטן פון אידישן פאָלק, ווייל דאָס איז געווען ניט נאָר טעאָרעטיש אַ ריכטיקער ענטפער, נאָר דאָס האָט אויך געגעבן אַ מאָראַלן און פּראַקטישן אויסוועג.

ווי די פּראַקטיק פון אַ ריי שטעט און שטעטלעך האָט באַוויזן, האָבן די כוליגאַנעס, וואָס די פּאָליציי האָט זיי אויפגערייצט צו גיין פּאָגראָמירן די אידן, שטאַרק מורא געהאַט פאַר דעם „בונד", וועגן וועלכן זיי האָבן געהאַט די סאַמע פאַנטאַסטישע פאָרשטעלונגען. און זיי פלעגן תיכף אַנטלויפן, ווי זיי פלעגן נאָר דערהערן, אַז עס גייען די בונדיסטן מיט זייערע רעוואָלווערן און באָמבעס. נאָר אונטער דעם שוץ פון פּאָליציי און קאָזאַקן, וואָס פלעגן אָפּצאַמען אַרום און אַרום דעם אידישן קוואַרטאַל און זיכערן די פּאָגראָמשטשיקעס קעגן בונ־דישן זעלבסטשוץ, — פלעגן די פּאָגראָמשטשיקעס קריגן מוט און קאָנען דורכפירן זייער „אַרבעט".

די סטראַטעגיע פון די בונדיסטן איז באַשטאַנען דעריבער אין דעם, ניט צו דערלאָזן אַז די פּאָגראָמשטשיקעס זאָלן זיך קאָנען אַריינ־כאַפּן אין דער אָפּגעצאַמטער געגנט; מען האָט געמוזט פון אָנהייב אָן איינשרעקן די כוליגאַנעס און דערשטיקן זייער באַוועגונג גלייך אין ערשטן מאָמענט.

די דאָזיקע סטראַטעגיע פלעגט זיך ניט שטענדיק איינגעבן. אין ביאַליסטאָק, למשל, האָט דעם פּאָגראָם אָרגאַניזירט דאָס מיליטער גופא. און אונטער זייער דירעקטן שוץ האָבן שוין געאַרבעט די כולי־גאַנעס. אָבער אין אַ ריי אַנדערע פונקטן האָבן די זעלבסטשוץ זייער גוט געאַרבעט און טאַקע גראַטעוועט זייער אָפּט די שטאָט פון אַ פּאָ־גראָם. אָבער אַזוי צי אַזוי: אין דעם מאָמענט, ווען אין דער שטאָט האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאָגראָם-באַוועגונג, איז פאַר דער אידישער באַ־פעלקערונג פּשוט ניט געבליבן קיין שום אַנדער אויסוועג: אַלץ איינס ווי די דאָרטיקע אידן זיינען געווען געשטימט, פּאַסיוו אָדער אַקטיוו, ציוניסטיש אָדער בונדיסטיש — זייער איינציקע רעטונג איז באַשטאַ־נען אין דעם, זיך וואָס גיכער צו שטעלן אונטערן שוץ פון דער באַ־וואָפנטער „סאַמאָאָבאָראָנע" און זעען וואָס מער צו פאַרשטאַרקן די באַ־וואָפנטע כוחות פון די רעוואָלוציאָנערן.

דער קעשענעווער פּאָגראָם איז ניט נאָר געווען דער אָנהייב פון אַ פּאָליטישער צעשיידונג אין אידישן פאָלק גופא: ער איז אויך געווען אַ מעכטיקער אימפּולס פאַר דער רעוואָלוציאָניזירונג און נאַציאָנאַלי־זירונג פון די ברייטסטע מאַסן פון אידישן פאָלק. און דאָס האָבן מיר

באַלד אָנגעהויבן צו שפּירן אויך אין „בונד", וואו דער פּראָצעס איז געגאַנגען נאָך גיכער און נאָך שאַרפער.

17

די „קאָמונע" אויף באַלעי־שטראַסע 11

ביי הערמערן איז געבוירן געוואָרן אַ קינד, צו אים איז געקומען אַ שוועגערין, און איך האָב פאַרלאָזן זיין הויז. איך האָב זיך געדונגען אַ צימער, אָבער איך בין געווען אין דעם צימער אַליין נאָר זייער אַ קורצע צייט. איך האָב באַלד באַקומען געסט און מיטוואוינערס. צו ערשט איז געקומען פינקע. ער איז אויך ניט אַרעסטירט געוואָרן אין ריגע, נאָר איז אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד. אריינגעפאַלן אין לאָנדאָן, האָט ער דאָרטן געאַרבעט עטלעכע חדשים ווי אַ שניידער. ער האָט זיך אויסגעלערנט עטלעכע ווערטער ענגליש, (ער פלעגט זיך באַשטעלן דערנאָך אין ציריך אַנשטאָט אַ גלאָז קאווע אַ „קאָפע־קאָפי"). אָבער די פאַרדינסטן זיינען געווען שלעכט, דאָס לעבן אין די סוועטשעפּער פון ווייטשעפּל איז געווען זייער אַ שווערס, און די רעוואָלוציע האָט געצויגן פינקען צוריק קיין רוסלאַנד. און גראָד האָט ער זיך אין לאָנדאָן דערוואוסט, אַז איך בין אין ציריך, האָט ער לאַנג ניט גע־טראַכט, געקויפט פאַר די לעצטע פאַר שילינג, וואָס ער האָט באַקומען אין שאַפּ, אַ בילעט און אין אַ שיינעם פרימאָרגן לאָזט ער זיך אַריין צו מיר אין מיין צימער אין ציריך. ער האָט אַחוץ מיר קיינעם אין ציריך ניט געהאַט, קיין געלט, פאַרשטייט זיך, אויך ניט, און פאַרדינען פון שניידעריי איז אין ציריך געווען שווער (אַגב, איז ער גאָר קיין שניי־דער ניט געווען און האָט בכלל קיין שום פאַך ניט געהאַט). איז ער געבליבן וואוינען ביי מיר. און אַזוי ווי קיין געלט און קיין פאַרדינסט האָבן מיר ביידע ניט געהאַט, האָבן מיר געלעבט צוזאַמען.

פאַרגאַנגען נאָך אַ פּאָר וואָכן, און צו מיר אין צימער לאָזט זיך אַריין אַ צווייטער גאַסט, אויך פון די ריגער פריינד: דער וויטעבסקער סטאָלער זעליק אָדער שלומקע. האָבן מיר אָנגעהויבן צו לעבן אין דעם צימער זאַלבעדריט, אין דער סאַלקע אויפן פּערטן עטאַזש אין דעם הויז באַלעי־שטראַסע 11. מיין באַלעבאָסטע, אַן אַלטע דייטשקע, האָט זיך שוין מער ניט געוואונדערט, קיין דירה־געלט האָבן מיר סאַי ווי סאַי ניט געצאָלט, איז איר געווען אַלץ איינס, צי עס לעבט דאָרט איינער אָדער דריי.

עקסיסטירט האָבן מיר דורך דעם וואָס איך בין געווען פאַר־רעכנט פאַר אַ סטודענט, הגם פאָרמעל בין איך אין אוניווערסיטעט גאָרניט געווען פאַרשריבן. אָבער איך האָב אויסגעזען ווי אַ סטודענט און געפירט זיך מיט סטודענטן, האָט מען אין דער בעקעריי און אין דער באַקאַליי־קראָם ניט געפרעגט קיין שום דאָקומענטן, און מען האָט

מיר געגעבן קרעדיט. פלעגט מען קויפן אַ גרויסן לאַבן ברויט און אַ קוואָרט מילך (די מילך אין שווייצאַריע איז שטענדיק געווען אויסגעצייכנט) און די באַרימטע שווייצאַרער וואורשטלעך, וואָס טראָגן דעם נאָמען „סערוועלאַט", און פון דעם פלעגן מיר אַליין צוגרייטן אויף אַ ספּירעט־קאָכער כלערליי מאכלים. ידער הויפּט־קאָכער בין

ר. אַבראַמאָוויטש און זיין שוואָגער אין ציריך (1903)

איך געווען אַליין, און איך האָב זיך טאַקע אין יענער צייט אויסגעלערנט צוצוגרייטן אַ ריי מאכלים: געבראָטענע סערוועלאַט־וואורשטלעך מיט אייער, פּיינקוכן און מאַנע־קאַשע, און אָט דעם „מעניו" פלעגן מיר פירן די גאַנצע וואָך, 6 טעג נאָכאַנאַנד, ביי טאָג און פאַרנאַכט. זונטאגס פלעגן מיר עסן צוגאַסט, ביי הערמערן, אָדער אין „סטאָלאָווקע". אַזוי לאַנג ווי מען האָט אונדז געגעבן קרעדיט, איז דאָס געגאַנגען. און אַ מאָל פלעגט זיך טאַקע איינגעבן צו באַצאָלן אין מיטן וואָך אַ מיטאָג אין דער כטאָלאָווקע, איז שוין געווען גאָר גוט. שלעכט איז נאָר געווען מיט קליידער, וועש, שיך און נאָך אַזעלכע זאַכן. איך בין זיך משער, אַז מיר דריי האָבן אויסגעזען ניט זייער עלעגאַנט. אין יעדן פאַל האָב איך מיט פיל יאָרן שפּעטער דורכגעלייענט אין מעדעמס אַ בריוו, אַז ווען ער האָט זיך מיט מיר צום ערשטן מאָל באַגעגנט, אָט טאַקע אין יענער צייט, וועגן וועלכער איך דערצייל, — איז ער געווען איבער־ראַשט צו זען מיינע שיך: אַזוינע צעטראָטענע שיך, שרייבט מעדעם, האָט ער אין זיין לעבן נאָך קיין מאָל ניט געזען. איך האָב מורא, אַז

אויב מעדעם וואָלט זיך פּאַראינטערעסירט מיט אַנדערע טיילן פון מיין גאַרדעראָב, וואָלט ער געוועזן נאָך מער איבערראַשט.

געראַטעוועט אונדזער קליינע „קאָמונע" פון הונגער האָבן אין יענע וואָכן צוויי זאַכן: ערשטנס, האָט זיך מיר איינגעגעבן צו באַקומען אַ באַשטעלונג אויף אַן איבערזעצונג פון דייטש אויף רוסיש. איינער פון מיינע ריגער און דווינסקער באַקאַנטע, איידעלמאַן, האָט יעמאָלט מיט זיין פרוי מאַריאַ מאַליך, אַ סיבירער רוסין, אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אויף רוסיש לעגאַלע פּאָפּולער-וויסנשאַפטלעכע ביכער, און איך האָב פאַר זיי איבערגעזעצט פון דייטש די אַרטיקלען פון היינריך קונאָוו וועגן סאָציאָלאָגיע. איך געדענק שוין ניט, וויפיל איך האָב דערפאַר באַקומען, אָבער עס איז געווען פאַר מיר אַן אומגעהייער רייכטום, וואָס עס האָט מיר דערלויבט צו באַצאָלן דער באַלעבאָסטע און צו דעקן אַ טייל פון מיין קרעדיט אין די קראָמען. אַ צווייטער רעטונגס-מלאך איז געקומען אין דער פּערזאָן פון מיין שוואָגער, דעם מאַן פון מיין עלטערער שוועסטער, וואָס איז גראָד צוליב געשעפט געקומען קיין ציריך. ער האָט מיר געקויפט אַ ביסל וועש און אַנדערע זאַכן און האָט מיר פאַרן אָפּפאָרן איבערגעלאָזן אַ גאַנצן הונדערטער מזומן, אַזוי אַרום איז אונדזער „פירמע" ווידער געוואָרן אָלרייט! דערצו נאָך האָט זעליק באַקומען אַרבעט ביי אַ סטאָלער אַ שווייצאַרער. אמת, איידער ער האָט באַקומען די אַרבעט, האָב איך אים געמוזט אויסלערנען צו פאַרשטיין אַ טעכנישע צייכענונג, אָבער קענלונג, בפרט אין טעכנישע זאַכן, איז דאָך געווען מיין אַלטע ספּעציאַליטעט. האָב איך זעליקן גאַנץ גיך צוגעגרייט צו דער אַרבעט.

מיר האָבן אין אונדזער קאָמונע ניט נאָר געהונגערט צוזאַמען, מיר האָבן אויך געלייענט און געלערנט. ווי אַן אַלטער פּראָפּאַגאַנדיסט, האָב איך איינגעאָרדנט אַ קרייזל מיט מיינע צוויי בחורים, און מיר האָבן אין עטלעכע חדשים גאַנץ היפּש דורכגעשטודירט די געשיכטע פון דער דייטשער און אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער-באַוועגונג.

18

איך טרעף זיך מיט מאַרק ליבער

אָבער אויף מיר האָבן שוין געוואַרט ווייטערדיקע איבערראַשונגען, און עס איז מיר ניט באַשערט געווען צו פירן אין ציריך דאָס רואיקע לעבן פון אַ סטודענט. איין מאָל אין דער פרי, פּינקע איז אָקערשט אַרויס אויפן גאַס, קומט ער צו לויפן צוריק אַ פאַרסאָפּעטער און אַן אויפגערעגטער: ליבער איז דאָ!

לאָזט זיך אויס, אַז ווען פּינקע איז אַריינגעגאַנגען אין דער פרי צו הערמערן, האָט ער דאָרטן געפונען, צו זיין גרעסטער איבערראַשונג, מאַרק ליבערן, וועלכן ער האָט געקאָנט נאָך פון רוסלאַנד,

אָבער ער האָט קיין שום אַנונג ניט געהאַט, אַז יענער געפינט זיך אין אויסלאַנד. ער איז געווען פון דער באַגעגעניש אַזוי דערשיטערט, אַז ער האָט גאָר ניט באַוויזן צו פרעגן וואָס און ווען. ער האָט נאָר געהערט, אַז ליבער פרעגט זיך נאָך אויף מיר און דאַרף זיך מיט מיר טרעפן. איז ער אַוועקגעלאָפן מיך רופן. מיר זיינען אַוועק צו הערמערן, און דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל זיך באַקאָנט מיט ליבערן, וועגן וועלכן איך האָב שוין געהערט פריער פון פאַרשיידענע מענטשן. איך מוז זאָגן,



מאַרק ליבער

אַז פון ערשטן מאָמענט אָן האָט אונדז קעגנזייטיק געצויגן איינער צום צווייטן. דער מיטלוואוקסיקער יונגערמאַן מיט די בלישטשענדיקע שוואַרצע, גרויסע מאַנדל-פאָרמיקע אסירישע אויגן, מיט די געקרייזלטע שוואַרצע האָר, מיט אַ הויכן אויסגעפוקלטן „לאָבאַטן" שטערן, מיט אַ הויכער מאָדולירנדיקער שטים, וואָס מען קאָן זי שוין מער ניט פאַרגעסן, ווען מען האָט זי איין מאָל געהערט, — אָט דער יונגערמאַן, וועגן וועלכן איך האָב געוואוסט אַז ער איז איינער פון די ענערגישסטע

און פעאיקסטע יונגע טוער פון „בונד”, האָט אויף מיר געמאַכט זייער אַ שטאַרקן איינדרוק. אויך איך בין אים געפעלן געוואָרן, ווי עס ווייזט אוים, וואָרעם ער האָט גלייך אָנגענומען בנוגע צו מיר יענעם פריינדלעך-אינטימען טאָן, וואָס איך האָב ניט באַמערקט ביי אים בנוגע צו די אַנדערע חברים.

טויזנטער און טויזנטער בונדיסטן און סתם אַרבעטער קאָנען ליבערן און געדענקען אים. זיין פייערדיקער טעמפעראַמענט, זיין שאַרפע דיאַלעקטיק, זיין מערקווירדיקער רעדנער-טאַלענט און זיין טיפע און אויפריכטיקע איבערגעגעבנקייט צו דער באַוועגונג — דאָס זיינען אַלץ שטריכן וואָס זיינען אַלעמען באַקאַנט. אָבער די וואָס קאָנען ליבערן נענטער ווייסן, אַז ער איז אין זיין באַציאונג צו מענטשן אַ שטימונגס-מענטש: פאַר אים איז אַנטשיידנדיק דער ערשטער איינדרוק וואָס ער קריגט. איז דער ערשטער איינדרוק אַ גוטער, איז דער מענטש אַ גוטער און אַ טייערער און אַן אויסגעצייכנטער, און ליבער לויבט אים אין הימל אַריין. איז אָבער דער ערשטער איינדרוק געווען אַ שלעכטער, טויג דער מענטש ניט, און ליבער וועט שאָקלען מיטן קאָפּ און וועט גאָרנישט ניט זאָגן און וועט שווייגן, אָבער דער מענטש טויג פאַר אים ניט.

מיר וועט נאָך שפּעטער אויסקומען צו ריידן וועגן ליבערס גראַד-ליניקייט און זיין שנאה צו קאָמפּראָמיסן. אָט די דאָזיקע גראַדליניקייט איז ביי אים געווען באַזונדער שטאַרק אין זיינע פּערזענלעכע באַציאונ-גען מיט מענטשן. אין געוויסע פּעריאָדן פלעגט ער זיך „פאַרליבן” אין איינצלנע מענטשן, און אָט אין יענער צייט, אין דער שווייץ, האָט ער זיך „פאַרליבט” אין מיר.

ליבער איז מיט אַ קורצער צייט צוריק געווען געקומען פון רוס-לאַנד, וואו ער איז געווען טעטיק ווי דער פאַרטרעטער פון צענטראַל-קאָמיטעט, הגם אַליין קיין מיטגליד פון צענטראַל-קאָמיטעט איז ער נאָך ניט געווען. געקומען איז ער מיט אַ דאָפּלטן צוועק (אָבער וועגן דעם האָב איך זיך דערוואוסט שפּעטער: ביי דער ערשטער באַגעגע-ניש האָט ער מיר וועגן זיך פּערזענלעך קיין זאַך ניט דערציילט). איין צוועק איז געווען: אָננעמען די נויטיקע שריט צוצוגרייטן דעם 5-טן צוזאַמענפאָר פון „בונד”, וואָס האָט צו ערשט געזאָלט פאָרקומען אין באַרדיטשעוו, אָבער וואָס מען האָט שפּעטער באַשלאָסן אַריבערצו-טראָגן קיין אויסלאַנד. אַ צווייטער ענין איז פאַר ליבערן געווען אַ פּערזענלעכער: ער האָט געדאַרפט לעגאַליזירן די חתונה מיט זיין פרוי, וואָס האָט דערוואַרט אַ קינד, און אַזוי ווי אין רוסלאַנד איז ער געווען אומלעגאַל, האָט ער זיך אַראָפּגעכאַפּט קיין לאָנדאָן, וואו די צע-רעמאָניע פון חתונה-האָבן האָט מען געקאָנט דורכמאַכן אין עטלעכע טעג או מיט גאָר קליינע הוצאות. און איצט איז ער געפאָרן צוריק פון לאָנדאָן ווידער קיין רוסלאַנד און אונטערוועגס האָט ער געדאַרפט דורכפירן אַ פאָר פאַרטיי-ענינים: באַקאָנען זיך און דורכריידן זיך

מיט מיר און איינלאַדן מיך אויף אַ באַראַטונג, וואָס האָט געדאַרפט פאָרקומען אין זשענעווע אין צוזאַמענהאַנג מיטן 5-טן צוזאַמענפאָר. און פון ציריך האָט ער זיך געזאָלט אָראָפּכאַפּן קיין בערן, דורכשמועסן זיך אויך דאָרטן מיט וולאַדימיר מעדעמען און מיט אַנדערע חברים וועגן דעם זעלביקן ענין און פאָרן קיין זשענעווע, וואו די באַראַטונג האָט געזאָלט פאָרקומען.

אַזוי אַרום, בין איך אין עטלעכע טעג אַוועקגעפאָרן קיין זשענעווע.

19

די זשענעווער באַראַטונג. — קרעמער. — מעדעם

וועגן דער זשענעווער באַראַטונג, וואָס איז פאָרגעקומען סוף מאַי אָדער אָנפאַנג יוני 1903 אין זשענעווע, איז ווייניק וואָס באַקאַנט אין דער ליטעראַטור. מיר דוכט זיך, אַז אַחוץ מעדעמס זכרונות, איז וועגן דעם בכלל אין ערגעץ נאָך ניט דערמאָנט געוואָרן*). אין דער אמתן, האָט די דאָזיקע באַראַטונג געשפּילט אין דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון „בונד" אַ געוויסע ראָלע.

אויף וויפיל איך קאָן זיך דערמאָנען, האָבן זיך אין דער דאָזיקער באַראַטונג באַטייליקט: אַלעקסאַנדער קרעמער, טימאָפיי קאָפּעלזאָן, זיין פרוי, סאָניאַ טראַכטענבערג, דזשאָן מילל, „עזראַ" („מאַקאַביי", ד"ר בערג, ראָזען), מאַקס מאַזאָווער, ב. ב—סקי (ד"ר לעווינסאָן), וולאַדימיר מעדעם, מאַרק ליבער און איך.

איך האָב דאָס קלאָרע געפיל, אַז עס האָבן געמוזט זיין נאָך אַ פּאָר מענטשן, מסתמא בלומשטיין-פרומין פון בערן און נאָך אַנדערע. אָבער אויף געוויס קאָן איך דאָס ניט זאָגן, ווייל איך קאָן זיך אַבסאָלוט ניט דערמאָנען זייער ראָלע אין דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג.

דער צוועק פון דער דאָזיקער באַראַטונג האָט געזאָלט זיין: צו־גרייטן פאַר דעם 5-טן צוזאַמענפאָר, וואָס האָט געדאַרפט פאָרקומען אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, מאַטעריאַל און פּראָיעקטן פון רעזאָלוציעס וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע און וועגן די באַציאונגען צווישן „בונד" און דער-רוסלענדישער פּאַרטיי.

די דאָזיקע צוויי פראַגעס זיינען געווען פאַרן „בונד" זייער אַנ־געווייטיקטע. אין „בונד" האָבן געקעמפט פאַרשיידענע ריכטונגען. עס זיינען געווען ביי אונדז אמתע אַסימילאַטאָרן, וואָס אידיש איז פאַר זיי געווען נאָר אַ הילפס-מיטל פאַר פּראָפּאַגאַנדע, אָבער ניט קיין צוועק פאַר זיך, און וואָס האָבן אויף דער אידישער נאַציאָנאַלער פראַגע גע־

*) איצט איז די באַראַטונג באַשריבן אין דעם באַנד „יידן ג" פון דער אַלגע־מיינער ענציקלאָפּעדיע אין יידיש", אינם אַרטיקל פון א. מענעס און מיר וועגן דער געשיכטע פון דער „יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג".

קוקט נאָר ווי אויף אַ פראַגע פון גלייכבאַרעכטיקונג, — דערביי האָבן זיי אין דער גלייכבאַרעכטיקונג געוואָלט אַריינגעמען, אַחוץ בירגער־לעכער און פּאָליטישער גלייכהייט, נאָך די פאָדערונג וועגן רעכט צו נוצן די אידישע שפּראַך אין אָפיציעלן פאַרקער. עס זיינען אָבער אַלץ שאַרפער און שאַרפער פאָרמולירט געוואָרן אין „בונד" אויך אַנדערע, מער נאַציאָנאַלע שטימונגען, וואָס האָבן געוואָלט די אידישע פראַגע אַוועקשטעלן אויף דער זעלביקער מדרגה, ווי די נאַציאָנאַלע פראַגעס פון די אַנדערע רוסלענדישע פעלקער, און וואָס האָבן דעריבער געזוכט אַזוינע לייזונגען, וואָס זאָלן קאָנען זיין גילטיק פאַר אַ ל ע פעלקער פון רוסלאַנד און ניט נאָר פאַר די אידן. אַזאַ לייזונג איז אַרויסגערוקט געוואָרן, אין דער פאָרעם פון דער „קולטור־נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע", אין די רייען פון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

די דאָזיקע נייע טעאָריע פון נאַציאָנאַלער פראַגע האָט באַזונדער שטאַרק פאַרכאַפּט אַ טייל בונדישע אינטעליגענץ אין אויסלאַנד. אויך איך בין דורך מיין שטודיום פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע געקומען צו דעם זעלביקן אויספיר בנוגע אידן. די טעאָריע פון קולטור־נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע איז געווען יענע איינציק־ מעגלעכע לייזונג פון דער אי־דישער נאַציאָנאַלער פראַגע, וואָס האָט געשטעלט אידן אויף איין מדרגה מיט אַלע איבעריקע פעלקער און האָט זיי, נאָך אַ פעריאָד פון 2,000 יאָר, אַוועקגעשטעלט אין אַ נאָרמאַלער לאַגע אין פאַרגלייך צו אַנדערע פעלקער אין די פיל־נאַציאָנאַלע מלוכות (דאָס אַלטע רוסלאַנד איז דאָך געווען אַ פיל־נאַציאָנאַלע מלוכה, און די נאַציאָנאַלע פראַגע האָט זיך דאָרטן אַנטוויקלט ביי אַ ריי יונגע פעלקער, ביי וועלכע זי האָט פריער ניט עקסיסטירט).

אויב אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע זיינען אין די רייען פון „בונד" געווען גאַנץ שטאַרקע מיינונג־פאַרשיידנהייטן, זיינען אָבער אַלע בונ־דיסטן, כמעט אָן אויסנאַם, געווען מסכים אין דער פראַגע וועגן דער באַציאונג צווישן „בונד" און דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישער פּאַרטיי (יעמאָלט האָט מען זיי גערופן „איסקראַוועצעס"). דער „בונד" האָט אין יענעם פעריאָד געשפּילט אַן אומגעהייערע ראָלע אין דער אַלגעמיינער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד: זיין אָרגאַניזאַציע איז נאָך אין יאָר 1903 (ווער רעדט שוין וועגן די פריער־דיקע יאָרן) געווען אויף אַזוי פיל בעסער און שטאַרקער, איידער די אָרגאַניזאַציעס פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אַז יעדער בונדיסט האָט באַטראַכט פשוט פאַר אַ באַליידיקונג, ווען מען האָט אים געזאָגט, אַז דער „בונד" זאָל פאַרנעמען אין דער פּאַרטיי ניט קיין פולשטענדיק זעלבסטשטענדיקן און בכבודיקן פּלאַץ. שוין אויף דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער פּאַרטיי אין מערץ 1898 איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער „בונד" גייט אַריין אין דער פּאַרטיי ווי אַ צענטראַליזירטע אָרגאַניזאַציע, וואָס פאַרמאָגט פולשטענדיקע אויטאָ־

נאַמיע אין אירע אינעווייניקסטע ענינים. אָבער די פראַגע איז גע־שטאַנען: וואָס פאַרשטייט מען אונטער „אינעווייניקסטע ענינים״?

עס האָט זיך אין די יאָרן 1902־1903 געשאַפן פאַר די בונדיסטן אַזאַ מין פּסיכאָלאָגישע לאַגע, אַז זיי האָבן אי ניט געוואָלט, אי מורא געהאַט צו באַנוגענען זיך אין דער פּאַרטיי מיט דער אַלגעמיינער באַ־שטימונג וועגן „אויטאָנאָמיע אין אינעווייניקסטע ענינים״. זיי האָבן געהאַלטן פאַר נייטיק צו פאָדערן, אין הסכם מיט דעם אַלגעמיינעם צו־

אַרקאַדי (אַלעקסאַנדער קרעמער)

גאַנג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין רוסלאַנד, ערשטנס, אַז די רוס־לענדער פּאַרטיי זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פעדעראַציע פון נאַציאָ־נאַלע סעקציעס (רוסישע, פּוילישע, לעטישע, אידישע, גרוזינישע, א. אַ.); צווייטנס, אַז די פּאַרטיי זאָל אָנערקענען דאָס רעכט פון „בונד״ צו האָבן זיינע אָרגאַניזאַציעס אומעטום: ניט נאָר אין ליטע און פּוילן, נאָר אויך אין די רוסישע (אוקראַינישע) געביטן און אַז קיין שום אַנדער אָרגאַניזאַציע פון אידישע אַרבעטער זאָל ניט אַריינגענומען ווערן אין

דער פּאַרטיי, סיידן דורך דעם „בונד" (דער צוועק פון דער דאָזיקער פאָדערונג איז געווען, אַז די אַסימילאַטאָרישע אידישע אַרבעטער און די ציוניסטיש-סאָציאַליסטישע גרופּעס זאָלן ניט קאָנען אַריינגענומען ווערן אין דער פּאַרטיי). דער „בונד" דאַרף זיין פאַר די אידישע אַרבעטער דער ב ן - י ח י ד פון דער רוסלענדער פּאַרטיי.

די זשענעווער באַראַטונג, וועגן וועלכער איך דערצייל דאָ, האָט זיך אין אַלגעמיין געשטעלט אויף דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט, סיי אין דער אַלגעמיין-נאַציאָנאַלער פראַגע, סיי אין דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פראַגע. דער אייגנטלעכער פירער פון דער באַראַטונג איז געווען „אַלעקסאַנדער" (אַרקאַדי קרעמער). דאָס איז געווען מיין ערשטע באַגעגעניש מיט אים. ער איז געווען אַ סך עלטער פאַר אונדז, אַרומגערינגלט מיט אַ לעגענדע, ווי דער אייגנטלעכער גרינדער פון „בונד" און פון דער רוסלענדער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, אַן אינטימער פריינד פון מאַרטאָוו, אַ מענטש, וואָס האָט שטאַרק איספּאָנירט אי פּלעכאַנאָוון אין די אַנדערע אַלטע טעאָרעטיקער און פאַרקעמפער פון רוסלענדער מאַרקסיזם. אַ מיטלוואוקסיקער, מיט אַ ברייט און שטאַרק געבויטער פיגור, מיט ברייטע פּלייצעס, מיט אַן עקשנותדיקן גראָדן קאַרק, אַ קיילעכדיקער קאָפּ, לאַנגע העל-ברוינע וואָנצן אַרום אַ כאַראַקטערפולן מויל און מערקווירדיק קלוגע אויגן הינטער בלעכענע ברילן, — אַזוי האָב איך דערזעען אַלעקסאַנדערן. אויטאָריטעט, באַפעלערישקייט, די געוואוינהייט צו קאָמאַנדעווען און אויסערגעוויינלעכע קלוגשאַפט — דאָס זיינען געווען יענע כאַראַקטעריסטישע שטריכן, וואָס האָבן זיך פון ערשטן מאָמענט אָן געוואָרפן אין די אויגן. און דער דאָזיקער איינדרוק האָט זיך באַשטעטיקט מיט יעדן נייעם טאָג פון באַקאַנטשאַפט. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס אויף דער קאָנפערענץ זיינען געווען אַנדערע אַלטע פירער פון „בונד", איז פאַר קיינעם ניט געווען קיין ספק, ו ו ע ר עס איז דער אמתער „באַלעבאָס" פון דעם צוזאַמענקום.

דאָס רוב פאַרזאַמלטע זיינען געווען יונגע מענטשן, אויסלענדישע אינטעליגענטן. און דער צוועק פון דער באַראַטונג איז דאָך טאַקע געווען אויסצונוצן אָט די אויסלענדישע אינטעליגענטן, מער באַהאַוונטע אין טעאָרעטישע פראַגעס, אויף צוצוגרייטן מאַטעריאַל פאַר דעם צוזאַמענפאָר, צו וועלכן עס האָבן געדאַרפט קומען פראַקטיקער, אומלעגאַלע טוערס פון רוסלאַנד, צום טייל אַרבעטער, וואָס האָבן אין דער איילעניש פון טאָג-טעגלעכן רעוואָלוציאָנערן קאַמף ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו שטודירן אָט די פאַרפּלאָנטערטע פּראָבלעמען.

פּונקט אַזאַ באַזונדערע שטעלונג ווי אַלעקסאַנדער צווישן די „אַלטע", האָט צווישן די אינגערע פאַרנומען וולאַדימיר מעדעם, צו וועמען מיין אויפמערקזאַמקייט איז גלייך געוואָרן צוגעצויגן.

יועגן אים האָב איך שוין פריער געהערט. מען האָט אין די שווייצארישע סטודענטן-קאָלאָניעס דערציילט נסים וועגן זיין גרויסן רעד-

נער-טאַלענט, וואָס האָט אים געמאַכט פאַר דעם געפערלעכסטן קעג-
נער פון די ציוניסטן און די איסקראָווצעס אויף די סטודענטן-פאַרזאַמ-
לונגען אין בערן. אָבער נאָך אינטערעסאַנטער זיינען געווען די ביאָ-
גראַפישע איינצלהייטן, וואָס מען האָט וועגן אים דערציילט: אַז ער
איז אייגנטלעך אַ מין בונדיסטישער „אוריאל ד׳אַקאָסטאַ”, אַ געטויפ-
טער און אין גאַנצן אַסימילירטער איד, אַ זון פון אַ גענעראַל, וואָס איז
צוריקגעקומען צום אידנטום און צו דער אידישער אַרבעטער-באַוועג-



וולאַדימיר מעדעם

גונג. עס איז פאַרשטענדלעך, אַז ווען איך האָב זיך געטראָפן מיט מע-
דעמען אין זשענעוו, האָב איך זיך צו אים צוגעקוקט מיט באַזונדערן
אינטערעס.

דער ערשטער איינדרוק איז געווען אַ באַצויבערנדיקער און מיט
יעדן טאָג האָט זיך דער צויבער פון זיין פערזענלעכקייט פאַרשטאַרקט.
ער האָט זיך אויסגעטיילט פון אונדז אַלעמען אין זשענעוו שוין ריין

אויסערלעך. מיר אלע זיינען געווען מער ווייניקער אויסגעשפראכן אידיש לויט אונדזער טיפ. מעדעם אבער איז אויסערלעך געווען דער טיפ פון דעם רײנסטן אריער, און עס איז געווען אוממעגלעך צו אנט־דעקן אין זיין פיגור און אין זיין פנים אפילו די קלענסטע שפורן פון „אידישקייט״: א הויכער, א שלאנקער, מיט אן אריסטאקראטישער ניט־אידישער פיגור, לאנגע גראדע פיס, העל־בלאנדע כמעט פלאקסענע האר, גרא־בלויע אויגן, א לענגלעכן „נארדישן״ קאפ מיט א גראדער „קריסטלעכער״ נאז. צווישן אונדז זיינען געווען עטלעכע בלאנדע. אט אויף דער זעלביקער פארזאמלונג אין זשענעווע איז געווען עזרא (ראזען), דער „בלאנדער מעפיסטאפעל״, ווי מען האט אים ביי אונדז גערופן שפעטער, מיט א שיין בלאנד בערדל און בלויע אויגן. אבער ביי יעדן בלאנדן אידן קאן מען געפינען עפעס אידישס אדער אין דער נאז אדער, נאך עפטער, אין די אויגן. מעדעמס אויגן זיינען געווען הונדערט־פראצענטיק סלאוויש און מען האט ניט געקאנט אנטדעקן ניט אין זייער שניט, ניט אין זייער אויסדרוק אפילו א שפור פון יענער „אידישער מעלאנכאליע״, וואס איז אזוי כאראקטעריסטיש פאר „אידישע אויגן״. שפעטער, ווען איך האב זיך מער באפריינדט מיט מעדעמען, פלעג איך אים אפט פארזיכערן, אז זיינע סלאווישע אויגן זיינען ריכטיקע „בלעכענע קנעפלעך״. אבער ווער עס האט געזען ווי איך, ווי די דאזיקע „קנעפלעך״ פלעגן ארויסלאזן פון זיך בליצן, פלעגן ווערן טיף און טונקל־בלוי אין מאמענטן פון אויפרעגונג, יענער האט שוין פארשטאנען, פאר וואס מעדעם מאכט אזא גוואלדיקן איינדרוק אויף מענטשן, ניט געקוקט אויף זיינע אויסדרוקסלאזע גרויע אייגע־לעך. אבער מער פון אלץ האט מיך צוגעצויגן אין מעדעמען ביי דער ערשטער באגעגעניש די אומגעוואוינלעכע נאבלקייט, וואס איז געווען אזוי ווי צעגאסן אין זיין גאנצער פיגור, אין זיין גאנצער האלטונג, אין זיינע זשעסטן און אין זיין שטים. דאס איז ניט געווען קיין „אריסטא־קראטישקייט״, וואס קומט אויף ביי קינדער פון רייכע עלטערן דורך דערציאונג, דורך פראנצויזישע און ענגלישע גואווערנאנטקעס. ניין, ביי מעדעמען איז דאס ניט געווען קיין רעזולטאט פון דערציאונג, נאר א טיפע, נאטירלעכע באגאבונג, עפעס אן איינגעבוירענער טאלענט, ווי פיזישע שיינקייט אדער א שיינע שטים ביי מענטשן. ער איז דער־מיט געבוירן געווארן און די דאזיקע נאטירלעכע, עכטע און זעלטן־שיינע נאבלקייט איז ביי אים געגאנגען צוזאמען מיט זייער א סך באַ־שיידנקייט, גוטסקייט און אפילו פארלעגנהייט אין פארקער מיט אנ־דערע מענטשן. אן אנדערער כאראקטעריסטישער שטריך פון מע־דעמען איז געווען — קלוגשאפט מיט זייער א גרויסן געפיל פון הו־מאר. ער איז ניט געווען קיין פראפעסיאנעלער וויצלינג, ווי טימאפעי, אבער ער האט זייער ליב געהאט א גוטן וויץ, פלעגט אליין אויסגע־צייכנט דערציילן רוסיש־סאלדאטישע אנעקדאטן און וויצן און פלעגט זייער גערן לאכן. „מעדעם לאכט ווי א האז״, האט פלוצלונג דער־

קלערט טימאָפּעי ביי איינע פון אונדזערע געמיינזאַמע פריילעכע מאָל־ציַיטן בשעת דער באַראַטונג אין זשענעווע. מיר האָבן זיך אַלע צע־לאַכט און מעדעם העכער פאַר אונדז אַלעמען. „און פון וואַנען ווייסט איר ווי אַזוי אַ האָז לאַכט?” האָט נאַאיוו געפרעגט איינער פון אונדז טימאָפּעיען. דער געלעכטער איז געוואָרן נאָך העכער און טימאָפּעי האָט באַפּרידיקט געפינטלט מיט די קליינע אייגעלעך, געצויגן לופט דורך דער לאַנגער נאָז און געשאָקלט מיט די לאַנגע וואָנצן. דער אויס־דרוק, אַז „מעדעם לאַכט ווי אַ האָז” איז געבליבן אין אונדזער קרייז אַ שטענדיקער עפּיטעט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז צום סאַמע סוף.

אָט מעדעמס סימפּאַטישע נאָבלקייט און זיין אָפענער קינדער־שער געלעכטער האָט מיך פון אָנהייב אָן שטאַרק צוגעצויגן צו אים. און אַזוי ווי מען האָט מיר דערציילט ווי אַ גרויסן טראַגישן סוד, אַז מעדעם, ניט געקוקט אויף זיין יוגנט, איז דורך אַ שווערער נירן־קראַנק־הייט פאַרמשפּט צום טויט, איז ביי מיר גלייך פון אָנהייב אָן דאָס געפיל פון ליבע און אַכטונג צו מעדעמען פאַרבונדן געוואָרן מיט אַ פאַ־טערלעכן געפיל פון רחמנות צו אַ קראַנקן קינד. אויך מיט מעדעמען, פונקט אַזוי ווי מיט ליבערן, האָבן מיר גלייך פון ערשטן טאָג אָן גע־שלאָסן קעגנזייטיקע פריינדשאַפט. אָבער אונדזער פריינדשאַפט, וואָס האָט געדויערט ביז צום סאַמע טויט פון מעדעמען, האָט געטראָגן אַ באַזונדערן כאַראַקטער: צוליב זיין קראַנקהייט און צוליב זיין אומ־באַהאָלפנקייט אין פּראַקטישע ענינים, האָב איך צו אים זיך שטענדיק באַצויגן ווי אַן עלטערער צו אַ אינגערן, ווי צו איינעם, וועגן וועלכן מען דאַרף זאָרגן און וועלכן מען דאַרף אָפּהיטן, הגם אין דער אמתן איז ער געווען עלטער פאַר מיר מיט אַ יאָר־אָנדערהאַלבן. און איך בין שפּעטער ניט געווען איבערראַשט, ווען איך האָב זיך דערוואוסט נאָך זיין טויט, אַז ער האָט אויך צו מיר געהאַט דאָס געפיל, ווי פון אַ אינ־גערן צו אַן עלטערן, צו וועמען מען קאָן זיך ווענדן, ווען מען דאַרף האָבן אַן עצה אָדער הילף.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אַ ביסל לענגער אויף מעדעמען, כאָטש מיר וועט נאָך אויסקומען וועגן אים גאַנץ אָפט צו דערמאָנען אין דעם ווייטערדיקן לויף פון מיינע זכרונות. דאָס איז צוליב דעם, וואָס אַחוץ קרעמערן, איז מעדעם געווען די באַדייטנדיקסטע פּערזענלעכקייט אין דעם דאַמאָלסטדיקן צוזאַמענקום אין זשענעווע.

אונטער מעדעמס פאָרזיץ, וואָס האָט דאָ צום ערשטן מאָל אַרויס־געוויזן זיינע אויסערגעוויינלעכע פעאיקייטן ווי אַ פאָרזיצער, זיינען די אונטערהאַנדלונגען אויף אונדזער באַראַטונג געגאַנגען אין אַ לעבעדיקן טעמפּאָ. די הויפּט־רעדע וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וועגן די אַל־געמיינע פּרינציפּן פון קולטורעל־נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע ווי עס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אין דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז אויסגעקומען צו האַלטן — מיר. עס איז אויסגעקומען, אַז פון אונדז אַלעמען בין איך געווען צום מערסטן באַהאַוונט אין דער דאָזיקער

ליטעראַטור. און אויפן גרונט פון מיין רעדע איז פאָרגעקומען די ווײַ־טערדיקע דעבאַטע. דער גרעסטער טייל פון די יונגע אויסלענדישע חברים איז געשטאַנען אויפן זעלביקן שטאַנדפונקט. אויך מעדעם, ליבער, בענסקי און אַנדערע זיינען צוגעשטאַנען צו דער דאָזיקער טעאָריע. ווען מען האָט צום סוף פון די דעבאַטעס אויסגעקליבן אַ רע־זאָלוציעס־קאָמיסיע, זיינען אין איר אַריין: מעדעם, ליבער און איך. דעם אייגנטלעכן טעקסט האָבן צוזאַמענגעשטעלט מעדעם און איך און דער דאָזיקער טעקסט איז אָנגענומען געוואָרן, אויף ווי פיל איך דערמאָן זיך, כמעט איינשטימיק.

אויף ווי פיל פראַנץ קורסקי, דער פאַרוואַלטער פון בונדישן אַר־כיוו, האָט מיר פאַרזיכערט, איז אין אַרכיוו פון „בונד“ ניט געבליבן קיין שום סימן פון דער דאָזיקער באַראַטונג. די רעזאָלוציע, וואָס איז דאָרטן אָנגענומען געוואָרן, האָט מעדעם אויף אַ שטיקל פּאַפּיר מיט־גענומען צום פינפטן צוזאַמענפאָר, און אַזוי אַרום איז קיין שום שריפט־לעכער דאָקומענט ניט געבליבן. אָבער עס איז יאָ געבליבן אַ שפּור אין די רעזאָלוציעס פון 5־טן צוזאַמענפאָר און אין די אַלע רעזולטאַטן, וואָס די דאָזיקע באַשלוסן האָבן מיט זיך געבראַכט.

20

דער 5־טער צוזאַמענפאָר פון „בונד“

נאָך דער זשענעווער באַראַטונג זיינען מיר זיך צעפאָרן אין פאַר־שיידענע זייטן: קרעמער איז אַוועקגעפאָרן קיין לאָנדאָן, ווייל אין זשענעווע איז ער אייגנטלעך געווען אומלעגאַל: די שווייצאַרישע פּאָליציי האָט אים פון דאָרטן אַרויסגעשיקט מיט עטלעכע חדשים פריער צוליב אַ דעמאָנסטראַציע, וואָס די רוסישע עמיגראַנטן האָבן געמאַכט פאַר דעם רוסישן צאַרישן קאָנסולאַט. ליבער איז אַוועקגע־פאָרן קיין רוסלאַנד, וואוהין דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט אים אַרויס־גערופן, כדי ער זאָל מאַכן אַ ריי צוגרייט־אַרבעטן פאַרן 5־טן צוזאַמענ־פאָר. ער האָט געזאָלט שאַפן געלט פאַר דעם צוזאַמענפאָר און באַזוכן אַ ריי שטעט. די אַנדערע „אויסלענדער“ זיינען זיך צעפאָרן אין זייערע שטעט. איך האָב זיך אומגעקערט צוריק קיין ציריך און זיך פאַר־נומען מיט דער טעכנישער צוגרייטונג צום צוזאַמענפאָר, אַזוי ווי מען האָט מיר געהייסן.

ליבער האָט מיטגענומען קיין רוסלאַנד מיין אַדרעס, כדי די דעלעגאַטן, וואָס האָבן געדאַרפט קומען קיין ציריך, זאָלן זיך קאָנען מעלדן דירעקט ביי מיר, און איך וועל זיי שוין ברענגען אין זייערע האָטעלן און זיי פאַרבינדן מיט די פאַרטרעטער פון צ. ק. וואָס וועלן אָנפירן דעם צוזאַמענפאָר.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָבן טאַקע אָנגעהויבן צו קומען די ער־שטע דעלעגאַטן. איך האָב געוואוינט אין מיין צימער אונטער דעם נאָמען ד י מ א נ ט. די קאָנספּיראַציע איז געווען יעמאָלט אַזוי גרויס ביי אונדז אין „בונד", אַז אַפילו אין צירייך האָב איך ניט גע־וואָלט וואוינען אונטער מיין אייגענעם נאָמען. קיין דאָקומענטן האָט מען אין יענע גליקלעכע צייטן ניט געדאַרפט האָבן: איך בין אַוועק צו דעם אַלטן פּאָוועל אַקסעלראָד, וואָס איז שוין געווען אַ ציריכער תושב און אַ שווייצאַרישער בירגער, און ער האָט פאַר מיר גאַראַנ־טירט אין דער פּאָליציי, אַז איך בין ניט קיין פאַרדעכטיקע פּערזאָן, נאָר אַן אנשטענדיקער מענטש — און דאָס איז געווען גענוג. דעם נאָמען „דימאַנט" האָב איך גענומען ווייל אַזוי האָבן געהייסן נאָנטע קרובים פון מיין פאָטער.

ווי עס ווייזט אויס, האָט ליבער, איבערגעבנדיק מיין אַדרעס, פאַרגעסן צוצוגעבן, אַז איך בין ניט אַ זי, נאָר אַן ער, און אַזוי ווי מען איז אין רוסלאַנד געווען צוגעוואוינט דערצו, אַז אין צירייך שטודירן דער עיקר מיידלעך, פלעגן דאָס רוב דעלעגאַטן קומען צו מיין בעלע־באָסטע און פאַרלאַנגען פ ר י י ל י ן ד י מ א נ ט. אַז מיר וואוינען זאַלבעדריט אין איין צימער — צו דעם איז שוין מיין אַלטעטשקע באַ־לעבאָסטע געווען צוגעוואוינט, אָבער אַז ביי אונדז אין דעם זעלביקן צימער וואוינט נאָך באַהאַלטענערהייט אַ פּערטע פּערזאָן, אַ פריילין, אפשר מיינע אַ שוועסטער, — דאָס איז שוין געווען פאַר איר צו פיל. איך האָב איר געפּרואווט דערקלערן, אַז דאָס איז אַ טעות, אָבער ווען אין אַ משך פון 10-12 טעג זיינען געקומען צו מיר צוואַנציק אויסלענ־דישע מענער און פרויען, און כמעט אַלע האָבן פאַרלאַנגט „פריילין דימאַנט", — האָט מיין אָרעמע באַלעבאָסטע שוין ניט געוואוסט וואָס צו טראַכטן.

די אָרגאַניזאַציע אָבער איז געווען גוט, די צימערן אין די האָטעלן זיינען געווען צוגעגרייט, און אַזוי אַרום פלעג איך די ניי אָנגעקומענע גלייך אָפּפירן אין זייערע האָטעלן, פאַרשרייבן זיי, און דערנאָך ברענ־גען זיי אין דער צענטראַל־קוואַרטיר, וואו עס זיינען שוין געזעסן מענטשן פון צענטראַל־קאָמיטעט. און דער וויכטיקסטער מענטש דאָרטן איז געווען, אַחוץ קרעמערן, מיין אַלטער באַקאַנטער וואָס האָט געגעכטיקט ביי מיר אין ריגע, נח.

די דעלעגאַטן, וואָס זיינען געקומען צו „פריילין דימאַנט", פלעגן זיין אַ ביסל איבערראַשט, ווען זיי פלעגן דערזען אַ יונגנמאַן מיט אַ טונקעלער באָרד. און אַזוי ווי מיט קיינעם פון זיי בין איך ניט געווען באַקאַנט, האָבן זיי מיט מיר, צוליב קאָנספּיראַציע, קיין פּאָליטישע געשפּרעכן ניט געפירט. דעריבער איז די באַקאַנטשאַפט מיט אָט די אַלע מענטשן געווען אין גאַנצן נאָר אַן אויבנאויפיקע. פונדעסטוועגן האָבן טייל געמאַכט אויף מיר אַ געוויסן איינדרוק, אַזוי אַז איך האָב זיי שפּעטער ניט פאַרגעסן. כמעט אַלע זיינען געווען וויכטיקע טוערס

פון „בונד", מיט וועלכע מיר איז שפעטער אויסגעקומען צו ארבעטן, אדער אין יעדן פאל אפט צו טרעפן זיך אין דער בונדישער ארבעט אין רוסלאנד.

צווישן זיי זיינען געווען: איסאי יודין־אייזענשטאדט, אט די געהיימעניספולע פערזענלעכקייט, וועמענס פאטאגראפיע איך האב דערזען ביי זיינע שוועסטערס אין פאנעוועזש, מיט א יאר 6-7 פריער; גלעב מוטניק, מיט וועמען איך האב זיך באקאנט אין פאנעוועזש דורך א פאטאגראפיע, אין דער שטוב פון זיינע קרובים, די זאקאמס; „יונה" קאיגען, וואס איז נאך אין יענעם מאמענט נים געווען קיין מיטגליד אין צענטראל־קאמיטעט, אבער איז שוין גע־ווען א באפולמעכטיקטער פאר גאנץ דרום־רוסלאנד ביי דעם צענ־טראל־קאמיטעט פון „בונד", און א סך אנדערע, וועגן וועלכע מיר וועט נאך אויסקומען צו ריידן.

עס זיינען אויך געקומען ווי דעלעגאטקעס עטלעכע פרויען, הגם נים זייער פיל. איך געדענק צוויי: סאשא ציפקין פון דער בא־רימטער ווילנער בונדיסטישער פאמיליע ציפקינס, וואס נאר איין ברו־דער איז דוכט מיר געווען נים קיין בונדיסט, נאר א סאציאל־רעווא־לוציאנער. און צוזאמען מיט סאשא ציפקין, וואס איז יעמאלט געווען א גוט־געוואקסענע יונגע מיידל מיט א מער סלאווישן, איידער אידישן פנים, איז אריינגעקומען צו מיר אין צימער א קליינע ברונעטע פרוי, מיט שווארצע האר, מיט א מאגערער, א ביסל איינגעבויגענער פיגור, מיט קורצזיכטיקע שווארצע אויגן, וואס האבן געקוקט און נים אלץ געזען, און מיט גיכע נערוועזע באוועגונגען. דאס איז געווען ראזע לעוויט, אדער „פרידע", ווי מען האט זי שפעטער גערופן, איינע פון די עלטסטע און בארימטסטע פרויען אין „בונד".

טויזנטער בונדיסטן קאנען זי, און עס איז נים פאראן צווישן זיי קיין איינציקער, וואס זאל נים האבן צו איר נים נאר א געפיל פון סימ־פאטיע, נאר א געוויסן געפיל פון ווארעמער צערטלעכקייט. איך האב שוין דערמאנט, אז זי איז קורצזיכטיק. זי איז אבער אויך א ביסל א פארגעסלעכע און א צעטראגענע. אירע בעסטע פריינט „קיבעצן" זי שטענדיק, אז זי טראגט ארום מיט זיך אומלעגאלע אדרעסן, וואס זי האט פארגעסן צו צערייסן, און בריוו, וואס זי האט פארגעסן צו פאר־ברענען; אז זי זעט קיין מאל נים די שפיאנען, וואס לויפן נאך נאך איר אאז"וו. אין די דאזיקע קיבעצערייען איז אפשר אויך פאראן א געוויסער טייל אמת: קיין גרויסע קאנספיראטארין איז אונדזער ליבע ראזע לעוויט קיין מאל נים געווען. אבער דערפאר איז שווער צו גע־פינען א מענטשן, וואס זאל זיין אזוי אן גרענעצן איבערגעגעבן צו דער באוועגונג און צום „בונד". נישטא א צווייטע, וואס זאל זיין אזוי גרייט צו העלפן אלע פריינד און חברים, וואס דארפן האבן הילף און אונטער־שטיצונג. נישטא קיין מענטש, וואס זאל האבן אזא פיין געפיל פאר יושר און אומיושר, פאר גוט און שלעכט, וואס זאל האבן אזא שפי־

רעוודיק געווייסן און וואָס זאָל זיין אַזוי פּעאיק זיך מקריב צו זיין פאַר אַנדערע, ווי די קליינע, פאַרגעסלעכע, נערוועזע און קורצזיכטיקע ראָזע לעווית.

אָן אויפהער, ניט ווערנדיק מיד, האָט זי געאַרבעט פאַרן „בונד", פון סאַמע אָנהייב ביז צום מאָמענט, ווען זי איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער באָלשעוויסטישער טשעקאַ. פון יעמאָלט אָן, שוין אַ משך פון 20 יאָר, ווערט זי אָן אָן אויפהער געשלעפּט פון איין תפיסה אין די אַנדערע, פון איין פאַרשיקונג אין די אַנדערע (אויך איצט געפינט זי זיך אין פאַרשיקונג ערגעץ־וואו אין צענטראַל־אַזיע, און אַפילו אירע קרובים האָבן פאַרלוירן יעדן שפּור פון איר). אָבער אין יוני 1903 זיינען מיר נאָך געשטאַנען ערב דער שפּאַלטונג און ערב דעם אויפקום פון יענעם באָלשעוויזם, וואָס האָט מיט 14 יאָר שפּעטער געשאַפן די „טשעקאַ".

אין 5־טן צוזאַמענפאָר האָב איך זיך ניט באַטייליקט. לויט דער בונדישער קאָנסטיטוציע, האָבן אין אַ צוזאַמענפאָר געקאָנט אָנטייל נעמען נאָר דעלעגאַטן פון די אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד אָדער (מיט אַ באַראָטונג־שטים) אַ קליינע צאָל ספּעציעל איינגעלאַדענע דעלעגאַטן פון אויסלענדישן קאָמיטעט. אויסלענדער זיינען געווען אויף דעם צוזאַמענפאָר עטלעכע: קרעמער, קאָסאָווסקי, גלעב; אַחוץ דעם, איז פון דעם יונגן דור איינגעלאַדן געוואָרן מ ע ד ע ם, וואָס האָט דאָרטן געדאַרפט פאַרטיידיקן די באַשלוסן פון דער זשענעווער באַראָטונג, (הגם אָפיציעל האָט מען וועגן דער דאָזיקער באַראָטונג דעם צוזאַמענפאָר ניט מיטגעטיילט), און דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט געהאַלטן, אַז עס איז שוין דאָ גענוג אויסלענדער אויף דעם צוזאַמענפאָר. אַזוי איז געבליבן אַז מען זאָל מיך צו דעם צוזאַמענפאָר ניט איינלאַדן.

איך געדענק זייער גוט, אַז איך האָב דאָס יעמאָלט געהאַלטן פאַר נאַטירלעך און איך בין אין גאַנצן ניט געווען באַליידיקט. עס פאַרשטייט זיך, מען האָט מיר קיין זאַך ניט געזאָגט, ניט וועגן דעם, ווער עס איז יאָ איינגעלאַדן און ווער עס איז ניט איינגעלאַדן, און איך האָב ניט געשטעלט קיין שום פראַגעס און האָב ניט פאַרלאַנגט קיין שום ענטפערס. עס איז יעמאָלט געווען אַ צייט, ווען מען האָט דעם צענטראַל־קאָמיטעט בכלל קיין פראַגעס ניט געשטעלט. אָבער איך אַליין האָב געפילט, אַז דאָס ניט־איינלאַדן מיך אויף דעם צוזאַמענפאָר איז באַרעכטיקט, ווייל איך בין געווען צו יונג אין דער בונדישער אַרבעט און בין געשטאַנען נאָך צו פיל אין דער זייט פון דער באַוועגונג, כדי צו קאָנען פּרעטענדירן אויף אַזאַ מין זאַך ווי באַטייליקונג אין אַ צוזאַמענפאָר פון „בונד".

אַזוי אַרום האָב איך זיך באַנוגנט מיט דעם, וואָס איך האָב געזאָרגט פאַר די דעלעגאַטן, האָב זיי געהאָלפן איינאָרדענען פאַרשיידענע אָנגעלעגנהייטן מיטן האָטעל, מיט די בילעטן, מיט זייערע זאַכן, מיט זייערע בריוו. איך פלעג יעדן טאָג אַריינגיין אין דער צענטראַל־קוואַרטיר,

וואו עס זיינען שטענדיק געווען נח, קרעמער, און נאָך אימעצער פון צענטראַל־קאָמיטעט און וואו עס פלעגן זיך אַרומדרייען אויך עטלעכע דעלעגאַטן. איך פלעג זיך צוהערן צו די שמועסן, אויסהערן די נייס און פלעג זיך סטאַרען ניט אַריינצומישן זיך צו פיל אין די געשפּרעכן און די דיסקוסיעס. פאַקטיש אָבער האָב איך וועגן אַלץ געוואוסט און בין געווען פולשטענדיק אינפאָרמירט איבער די אַרבעטן פון צוזאַמענפאָר און וועגן די צוגרייטונגען צו דעם אַלרוסלענדער צוזאַמענפאָר, וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען אין גיכן.

דער 5־טער צוזאַמענפאָר פון „בונד" האָט אָנגענומען ניט נאָר לויט דעם אינהאַלט, נאָר כמעט אין די זעלביקע ווערטער, יענע באַשלוסן, וואָס זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן אויף דער זשענעווער באַראַטונג. דערמיט איז פאָראויס באַשטימט געוואָרן, אַז עס וועט קומען צו אַ שאַרפן קאַמף מיט די רוסלענדער חברים, וואָס האָבן דעם שטאַנדפונקט פון „בונד" בשום אופן ניט געוואָלט אָננעמען.

דער שטרייט צווישן „איסקרא" און „בונד" איז געווען אין אַ געוויסער מאָס אַ קאַמף צווישן אַסימילאַטאָרן און נאַציאָנאַליסטן־אידישיסטן אין אידישן פאָלק גופא. עס איז געווען אַ קאַמף אַרום דער פראַגע, צי וועט זיך דאָס אידישע פאָלק אין רוסלאַנד אַסימילירן, צי נישט; צי דאַרף מען ביי די אידישע אַרבעטער אַנטוויקלען אַ באַזונדערע נאַציאָנאַלע קולטור, שפּראַך, ליטעראַטור, צי ניט; און צי דאַרף מען, כדי אָבעסטן צו גאַראַנטירן די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון די אידישע מאַסן, האָבן אַ באַזונדערע אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, צי ניט.

די אַסימילאַטאָרישע שטימונגען צווישן די אידישע איסקראָוועצעס (מאַרטאָוו, טראָצקי, אַקסעלראָד, גינצבורג און אַ סך אַנדערע) האָבן געפונען די פולע אונטערשטיצונג פון די איסקראָוועצעס ניט־אידן (פּלעכאַנאָוו, לענין, פּאָטרעסאָוו א"א). און זייער האַלטונג איז געווען זייער אַ קעמפערישע און אַגרעסיווע.

אָבער אויך ביי די בונדיסטן איז די שטימונג געווען זייער אַ שאַרפע און קריגערישע. ערשטנס, האָט אויף אונדז אַלעמען יעמאָלט געווירקט יענער פּראָצעס פון נאַציאָנאַלער דערוואַכונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין די אידישע מאַסן אין רוסלאַנד אונטער דער ווירקונג פון דער רעוואָלוציע, פון דער אידישער רעכטלאָזיקייט און פון קעשענעווער פּאָגראָם. ניט אָפּגעבנדיק זיך קיין קלאָרן דין־וחשבון, האָבן מיר זיך אַלע געפילט אַזוי ווי באַליידיקט דורך דער פאָדערונג פון „איסקרא": „איר דאַרפט זיך אַסימילירן, און וואָס גיכער!". אינסטינקטיוו און סטיכיש, האָבן מיר דאָס אויפגענומען ווי אַ פאַרגוואַלטיקונג פון אונדזערע נאַציאָנאַלע געפילן און רעכט. מיר האָבן געפילט אין די אידישע מאַסן אַ ווילן צו אַ נאַציאָנאַלן לעבן, נאָך מער — צו נאַציאָנאַלער אויפלעבונג. מיר האָבן באַשיימפּערלעך געזען ווי, צוזאַמען מיט דעם

רעוואָלוציאָנערן און סאָציאַלן וואוקס פֿון די מאַסן, וואַקסט סטיכיש און אויטאָמאַטיש, פֿון זיך אַליין, אויך אַ נייע אידישע קולטור. און דאָ פֿאַרלאַנגט מען פֿון אונדז, אַז מיר זאָלן זיך פֿון דעם אָפּזאָגן, אַז מיר זאָלן דאָס אַלץ פֿאַרלייקענען, אַז מיר זאָלן דאָס אַלץ דערשטיקן נאָך אין די וויקעלעך. איך זאָג, אַז מיר האָבן זיך אין דעם ניט אָפּגעגעבן קיין קלאָרן דין־וחשבון. מיר האָבן אַזוי געהאַנדלט, ווי איך שרייב, און אַזוי רעאַגירט, אָבער ביי קיינעם פֿון אונדז איז עס ניט געווען באַוואוסטזיניק פֿאָרמולירט. מיר האָבן יעמאָלט נאָך אויסגעמידן פֿאָרמולירונגען, וואָס האָבן געטראָגן אין זיך דעם געדאַנק פֿון אַקטיוון נאַציאָנאַליזם. דאָס איז געווען אַ טענדענץ, וואָס איז אויפֿגעקומען ערשט אַ סך שפּעטער. דעריבער האָבן מיר אונדזער האַלטונג מאָטיווירט מיט באַווייזן וועגן פּראַקטישער צוועקמעסיקייט, וועגן פּראַקטישער נויטיקייט פֿון דער אידישער שפּראַך, וועגן דער בעסערער צוגעפּאַסטקייט פֿון ריין אידישע אָרגאַניזאַציעס צו דער פּסיכאָלאָגיע פֿון די אידישע מאַסן, און אַחוץ דעם, מיט יענע ריין פּאָליטישע מאָטיוון, וועגן וועלכע עס האָט געשריבן מאַרטאָוו אין זיין באַרימטער בראָשור פֿון 1896 (אַז כּדי בעסער צו פֿאַרטיידיקן די ספּעציעלע אידישע אינטערעסן, טאָר מען זיך ניט פֿאַרלאָזן אויף דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע, נאָר מען דאַרף האָבן אַ ספּעציעלע אידישע קערפּערשאַפֿט, וואָס זאָל וועגן דעם זאָרגן).

אַחוץ דעם איז געווען ביי אונדז אַלעמען נאָך אַ געפֿיל, וואָס האָט אַרויסגערופֿן אין אונדז אַ שטאַרקן צאָרן קעגן די איסקראַוועצעס. דאָס איז געווען אונדזער בונדישער פּאַטריאָטיזם, אונדזער בונדישער שטאָלץ.

דער „בונד" איז די גאַנצע צייט פֿון זיין גרינדונג אָן געווען די שטאַרקסטע און בעסטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע אין רוסלאַנד (איך רייד דאָ ניט וועגן דער פּ.פּ.ס. אין פּוילן). אין דער צייט, ווען אַפֿילו אין די גרויסע רוסישע אַרבעטער־צענטערס איז די אָרגאַניזאַציע באַשטאַנען פֿון קליינע קרייזלעך, וואָס זיינען געווען שוואַך פֿאַרבונדן מיט דער מאַסע, אָן אַ גוטן טעכנישן אַפּאַראַט, אָן „טראַנספּאָרט", אָן אַ דרוקעריי, אָן „גרענעצן", איז דער „בונד" יעמאָלט (1903) געווען אָן אמתע מאַסן־אָרגאַניזאַציע מיט אַ גוט איינגעאָרדנטער „מאַשין", און די רעדער פֿון דער „מאַשין" האָבן זיך געדרייט ווי געשמירט. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז צוליב דעם איז אין „בונד" אויפֿגעקומען אַ (היסטאָריש אומבאַרעכטיקטע) גאווה לגבי די שוואַכינקע, נעבעכדיקע קרייזלעך פֿון די רוסישע חברים. און די רוסישע חברים גופֿא האָבן זיך אויך אין דער פֿראַגע פֿון אָרגאַניזאַציע געפֿילט מינדערווערטיק לגבי דעם גרויסן, שטאַרקן, פֿעסטן „בונד". אָט אויף דעם זעלביקן 2־טן צוזאַמענפֿאָר פֿון דער רוסלענדער פּאַרטיי, אויף וועלכן די רוסישע חברים האָבן זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען די באַדינגונגען פֿון „בונד", האָבן זיי ניט אויפֿגעהערט צו מאַכן קאָמפּלימענטן דער אָרגאַניזאַציע פֿון „בונד" און זיין רעוואָלוציאָנערער דערפֿאַרונג. ווען די קאַווקאַזער חברים,

וואָס זיינען אויך געווען אַנטי־בונדיסטיש געשטימט, האָבן צום סוף פון קאָנגרעס, ווען דער „בונד" איז שוין געווען אַוועק, פאַרלאַנגט פאַר זייער קאַווקאַזער אָרגאַניזאַציע אַ געוויסע אויטאָנאָמיע, האָבן די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן זיי אויסגעלאַכט: „אויב מיר האָבן דעם „בונד" ניט געגעבן יענע אויטאָנאָמיע, וואָס ער האָט פאַרלאַנגט, טאָ ווי אַזוי ווילט איר, אַז מיר זאָלן געבן אויטאָנאָמע רעכט דעם קליינעם „בונדל" אויפן קאַווקאַז?! איר דאַרפט דאָך ביי דעם „בונד" פּעטשערעס הייצן, איר וועט נאָך דאַרפן לאַנג וואַרטן, ביז איר וועט ווערן אַזוי שטאַרק און אַזוי גרויס ווי דער „בונד".

די פאָרשטעלונג וועגן דעם גרויסן כוח פון „בונד" און וועגן דער שוואַכקייט פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז אין דער אמתן געווען שטאַרק איבערגעטריבן. עס זיינען קוים פאַרגאַנגען צוויי יאָר, און מיר האָבן זיך אַלע איבערצייגט, וואָס פאַר אַ ריז דער רוסישער אַרבעטער־קלאַס איז געוואָרן, און ווי באַשיידן און קליין דער אידישער פּראָלעטאַריאַט איז געוואָרן אין פאַרגלייך צו אים. דאָס איז געווען נאַטירלעך, ווייל דער אַרבעטער־קלאַס אין אַ באַפעלקערונג פון די 6 מיליאָן אידן האָט זיך ניט געקאָנט פאַרמעסטן מיט דעם פּראָלעטאַריאַט פון די 150 מיליאָן רוסלענדער באַפעלקערונג. פאַרקערט — די גרויסע ראָלע, וואָס עס האָט געשפּילט דער „בונד" און זיין גרויסער איינפלוס אויף דער גאַנצער רוסישער באַוועגונג איז געווען אומנאָרמאַל. דאָס האָט געקאָנט זיין נאָר אַ צייטווייליקע דערשיינונג, כל זמן דער רוסישער אַרבעטער איז נאָך געווען אין די וויקעלעך.

טעאָרעטיש האָבן מיר דאָס אייגנטלעך פאַרשטאַנען אויך אין 1903, אָבער פּראַקטיש און פּסיכאָלאָגיש האָבן מיר, בונדיסטן, זיך דאָך געפילט ווי יחסנים און מיר האָבן באַטראַכט ווי אַ באַליידיקונג, וואָס מען וויל אונדז ניט געבן מער רעכט אין דער פּאַרטיי ווי אַ געוויינטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט ערגעץ־וואו אין האָצעפּלאָץ.

איך וויל בשום אופן ניט זאָגן, אַז אָט דער באַליידיקטער פּאַרטיי־שטאָלץ איז געווען אַנטשיידנדיק אין אונדזער שטרייט מיט דער „איסקרע". אָבער בלייבנדיק ערלעך צו דער אייגענער פאַרגאַנגענהייט, וויל איך דאָך ניט פאַרשווייגן, אַז פּסיכאָלאָגיש האָט די דאָזיקע סיבה יאָ געשפּילט אַ געוויסע ראָלע.

21

דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער פּאַרטיי (1903). — די שפּאַלטונג אויף „באָלשעוויקעס" און „מענשעוויקעס"

דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי איז געווען יענער, אויף וועלכן דער „בונד" איז אַרויסגעטראָטן פון דער פּאַרטיי. אַ גענויע באַשרייבונג פון דעם וואָס

עס איז פאַרגעקומען הינטער די קוליסן פון דעם דאָזיקן היסטאָרישן צוזאַמענפאַר האָט געגעבן וו. מעדעם אין זיינע זכרונות, וואָס זיינען געדרוקט געוואָרן אין „פאָרווערטס" און זיינען דערנאָך אַרויס אין בוכפאָרעם.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט, בין איך אַליין אויף דעם צוזאַמענפאָר ניט געווען, אָבער איך בין שוין יעמאָלט געשטאַנען אַזוי נאָנט צו דעם אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד" און בפרט צו מיינע נייע פריינד, ליבער און מעדעם, וואָס זיינען ביידע געווען אויף דעם צוזאַמענפאָר, אַז איך האָב געוואוסט אַלע איינצלהייטן, פונקט אַזוי ווי איך וואָלט אַליין דאָרטן געווען. און ניט נאָר געוואוסט, נאָר אויך ליידנשאַפטלעך איבערגעלעבט יעדן עטאַפּ פון די קאַמפן, וואָס האָבן זיך דאָרטן גע-פירט.

דער דאָזיקער צוזאַמענפאָר און דער אַרויסטריט פון „בונד" האָט געהאַט זייער אַ גרויסע ווירקונג אויף דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון בונדיזם בכלל און פון יעדן איינצלנעם פון אונדז בפרט. אָבער די אמתע וועלט-היסטאָרישע באַדייטונג פון דעם צוזאַמענפאָר איז באַ-שטאַנען אין דעם, וואָס אויף אים האָט זיך די רוסלענדער סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי גופא צום ערשטן מאָל צעשפּאָלטן אין יענע צוויי גרויסע צווייגן: מענשעוויזם און באָלשעוויזם, אָדער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און קאָמוניזם, וואָס האָט ניט נאָר באַהערשט די לעצטע 40 יאָר די גאַנצע אַנטוויקלונג פון דער רוסלענדער רעוואָלוציע, נאָר האָט אויך אין לעצטן פערטל-יאָרהונדערט געהאַט די גרעסטע באַדייטונג פאַר דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם און אין אַ געוויסן זינען — פאַר דער גאַנצער אַנטוויקלונג פון דער וועלט.

דעם צווייטן צוזאַמענפאָר האָט צוגעגרייט, סיי אידייאיש, סיי אָרגאַניזאַציאָנעל, די „איסקראַ". די „איסקראַ" איז געווען ניט נאָר אַ ציַיטונג, ניט נאָר די גרופּע שרייבערס, וואָס זיינען געווען די רעדאַקציע פון דער צייטונג — דאָס איז געווען אויך אַ גייסטיקער און מאַטע-ריעלער צענטער פאַר דער גאַנצער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער באַוועגונג, וואָס האָט זיך גראָד אין יענע יאָרן אַזוי מעכטיק אַנטוויקלט אונ-טער דער ווירקונג פון דער אַלגעמיינער אויפלעבונג אין רוסלאַנד.

מען דאַרף זאָגן, אַז די גרופּע „איסקראַ" האָט אַריינגענומען אין זיך אַ גרויסע צאָל אויסערגעוויינטלעך באַגאַבטע און גלענצנדיקע טוערס. איך רעד שוין דאָ ניט וועגן די „אַלטע", ווי געאָרג פּלעכאַנאָוו, ניט נאָר אַ זעלטן געבילדעטער מענטש, נאָר אויך אַ גלענצנדיקער שרייבער און אַ נאָך גלענצנדיקערער רעדנער; אָדער פּאַוועל אַק-סעלראָד — אַ טיפער דענקער און אַ מענטש מיט אַן אומגעהייערן מאָראַלישן אויטאָריטעט; ווערא זאַסוליטש, וואָס איז גע-ווען אַ לעבעדיקע לעגענדע פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַ-וועגונג, און אַנדערע. נאָך אַ גרעסערע באַדייטונג האָבן פּאַקטיש באַ-קומען די „יונגע", וואָס זיינען ניט לאַנג צוריק געקומען פון רוסלאַנד,

פון דער סיבירישער פאַרשיקונג. דאָס זיינען געווען מענטשן, וועמען מען דאַרף שוין איצט ניט פאָרשטעלן, ווייל זיי זיינען אַריין אין דער וועלט-געשיכטע: לענין, פּאָטרעסאָוו, מאַרטאָוו, — די דריי אמתע באַגרינדער פון דער „איסקראַ"; מאַרטינאָוו, טראָצקי, דאַן — וואָס זיינען צוגעקומען אַ ביסל שפּעטער, אָבער אויך זיך גלייך אַרויסגערוקט אויף די ערשטע פּלעצער. אַרום אַט דער גרופּע האָבן זיך קאָנצענטרירט מענטשן פון אַ קלענערן פאַרנעם, אָבער אויך באַדייטנדיקע און איינפלוסרייכע.

די „איסקראַ" איז געווען ליטעראַריש העכסט אינטערעסאַנט: גלענצנדיק, גייסטרייך, טאַלענטפול. אָבער זי האָט געהאַט אַ שטריך, וואָס האָט זייער אומאָנגענעם געווירקט אויף מענטשן, וואָס זיינען ניט געווען קיין פאַנאַטישע איסקראָווצעס: דאָס איז געווען זייער בייסיקייט, שאַרפקייט, אומברחמנותדיקייט אין דער פּאָלעמיק ניט נאָר מיט דער צאַרישער רעגירונג — אויף דעם האָט קיינער קיין פּאַראיבל ניט געהאַט, — נאָר פּונקט אַזוי אויך מיט די געגנערישע דעמאָקראַטישע און סאָציאַליסטישע ריכטונגען. ביי די דעמאָלסטיקע רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס, ביי דער חברשאַפט, וואָס האָט געהערש צווישן רעוואָלוציאָנערן פון אַלע מינים, — האָט דער דאָזיקער טאָן פון דער „איסקראַ" שטאַרק אָפּגעשטויסן פון זיך זייער אַ סך גוטע און איבערגעצייגטע סאָציאַל-דעמאָקראַטן.

אָבער אויב אין דער ליטעראַרישער פּאָלעמיק האָט „איסקראַ" איינגעפירט דעם שאַרפן און ניט אַלע מאָל חברשן טאָן, האָט זי נאָך ערגערע מנהגים אַריינגעבראַכט אין דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן לעבן פון די גרופּעס. וואו עס האָבן זיך געשאַפן אָרגאַניזאַציעס פון דער „איסקראַ", האָבן זיי תיכף אָנגעהויבן צו קעמפן פאַר דער ה ע ר ש אַ פ ט איבער די אַנדערע רעוואָלוציאָנערע גרופּעס, וואָס האָבן דאָרט עקסיסטירט. און כדי די דאָזיקע הערשאַפט צו דערגרייכן אָדער צו באַפעסטיקן, פלעגן די איסקראָווצעס זיך אָפט מאָל באַנוצן מיט אַזוינע מעטאָדן, וואָס זיינען געווען ניט אין גאַנצן כשר, און דאָס האָט באַזונדערש אַרויסגערופן די אומצופרידנקייט אין די רייען פון „בונד", וואו לאָיאַלקייט, חברשאַפט און כמעט איבערגעטריבענע ערלעכקייט איז געוואָרן אַ פעסטע טראַדיציע פון דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן לעבן.

מעדעם איז אין גאַנצן גערעכט אין זיינע זכרונות, ווען ער זאָגט, אַז אַט אין די דאָזיקע אומאָנגענעמע שטריכן פון דער „איסקראַ" לאָזט זיך מערקן פון אָנהייב אָן דער פּערזענלעכער איינפלוס פון לענינען און פון זיין גרופּע.

לענין איז ניט געווען דער גלענצנדיקסטער אָדער דער טאַלענטפולסטער אָדער אַפילו דער געבילדעטסטער צווישן די איסקראָווצעס: אין בילדונג, ליטעראַרישן גלאַנץ און רעדנערישן טאַלענט איז פּלעכאַנאָוו געשטאַנען אַ סך העכער פאַר לענינען. ווי שרייבערס, זיינען מאַרטאָוו און פּאָטרעסאָוו געווען גלענצנדיקער און אינטערעסאַנטער

פון לענינען. ווי אַ בייסיקער פּעסימיסט און רעדנער, איז אויך דער יונגער טראָצקי געשטאַנען העכער פאַר לענינען. אָבער לענין האָט זיי אַלעמען אַריבערגעשטיגן מיט צוויי זאַכן: ערשטנס, מיט זיין אומגעהייערן אייזערנעם ווילן, מיט זיין דראַנג צו הערשן; צווייטנס, מיט זיין אוממענטשלעכער אמאָראַלישקייט, ד"ה מיט דער גרייטשאַפט זיך ניט אָפּצושטעלן פאַר קיין שום מיטלען, נאָר כדי צו דערגרייכן דעם ציל, וואָס ער האָט זיך געשטעלט אין נאָמען פון דער רעוואָלוציע. אין אָט די צוויי זאַכן זיינען אַלע אַנדערע איסקראַוועצעס געווען ממש קינדער אין פאַרגלייך מיט לענינען, און ער האָט זיי געפירט נאָך זיך.

פלעכאַנאָוו איז געווען אַ גרויסער עקשן, אַ קלוגער קאָפּ, אַ שטאָלצער כאַראַקטער, אָבער ער איז געווען אַ מענטש מיט מאָראַלישע פּרינציפּן, וועלכע ער האָט אַרויסגעטראָגן נאָך פון דער העראָאישער צייט פון די רוסישע נאַראָדניקעס, און אַחוץ דעם, האָט ער קיין מאָל ניט געהאַט אַפילו אַ צענט-חלק פון יענער איינגעשפּאַרטקייט, פּיפּיקייט און פעאיקייט צו אינטריגעס, וועלכע עס האָט פאַרמאָגט לענין.

וועגן אַקסעלראָדן איז דאָך שוין אָפּגערעדט: דאָס איז געווען אַ צדיק, אַ מענטש פון אַ הויכער מאָראַל און אַן אומגעוויינלעכער איידלקייט, וואָס האָט אַפילו ניט געקאָנט גלויבן, אַז עס קאָנען זיין צווישן רעוואָלוציאָנערן אַזוינע שלעכטע מענטשן, וואָס זאָלן מאַכן אינטריגעס, פעלשן וואָלן אד"גל.

מאַרטאָוו און פּאָטרעסאָוו זיינען געווען גלענצנדיקע שרייבערס, פיינע קעפּ, ראַפינירטע דענקער, אָבער ביי זיי ביידן האָט אויסגעפעלט אי די איינגעשפּאַרטקייט, אי די אַמאָראַלישקייט, אי די אייזערנע פויסט, וואָס האָט זיך געפאָדערט פאַר אַ מענטשן, וואָס וויל אויפנעמען דעם קאַמף קעגן לענינען.

דער אידייאישער אויפטו פון דער „איסקראַ" איז געווען אַ געמיינזאַמער, אַ קאָלעקטיווער, פון דער גאַנצער גרופּע. אָבער דער באַלעבאָס פון דער „איסקראַ" איז געווען פון אָנהייב אָן — לענין. ער האָט געגעבן דעם טאָן, ער האָט אָנגעפירט די אָרגאַניזאַציע-אַרבעט, ער האָט אומעטום אַוועקגעזעצט זיינע מענטשן. און אָט דער אָרגאַניזאַציע-פּרינציפּ פון לעניניזם איז מיט דער צייט געוואָרן אי דער הערשאַפט-פּרינציפּ פון סטאַליניזם, אי דער קאַמף-פּרינציפּ פון דעם גאַנצן אַלוועלטלעכן קאָמוניזם.

עס איז ניט וויכטיק, ווער עס גייט אַריין אין אַן אָרגאַניזאַציע, און ווער עס גלענצט דאָרטן: וויכטיק איז ווער עס דרייט דאָס רעדל הינטער די קוליסן, ווער עס איז דער סעקרעטאַר, אָדער דער קאַסיר, אָדער דער אונטער-קאַסיר; ווער עס איז יענער וואָס שיקט אַרויס אָדער וואָס באַקומט די בריוו; יענער וואָס עס האָט דעם שליסל צו די צימערן, אָדער צו דער דרוקעריי. די אָרגאַניזאַטאָרישע קונסט פון לענינען, וואָס איז די זעלביקע איצט ביי סטאַלינען און ביים דריטן אינטערנאַציאָנאַל — באַשטייט אין דעם, אַז מען זאָל, ווי אין שאַכשפּיל,

באַזעצן די וויכטיקסטע פּונקטן מיט אייגענע „פּויערים". און ווען עס קומט צום סוף פון אַ פּאַרטיע שאַך, טאָ ווייס יעדער שאַכשפּילער, אַז דער קלענסטער „פּויער", ווען ער שטייט אויפן ריכטיקן פּלאַץ, קאָן זיך אַרויסווייזן שטאַרקער, איידער די וויכטיקסטע פיגור און אַפילו געבן „שאַך און מאַט" דעם קעניג גופא!

און דער הייליקער צוועק, צוליב וועלכן לענין האָט איינגעפירט אין דער רעוואָלוציע די יעזואיטישע מאָראַל און די מעטאָדן פון אָט דער „שאַכשפּיל", — איז געווען: דער אויפבוי פון אַ שטרענג צענטראַליזירטער אָרגאַניזאַציע פון „פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן", וואָס זאָל געבויט, אָנגעפירט און קאָנטראָלירט ווערן פ ו ן א ו י ב ן, בשעת ביי אונדז, אין „בונד", איז די גאַנצע אָרגאַניזאַציע געבויט געוואָרן פון אונטן אַרויף, דעמאָקראַטיש, מיט כמעט אַן איבערגעטריבענער ערלעכקייט און לאָיאַלקייט לגבי די וואונטשן פון דער מאַסע. לענינס פּרינציפּ איז געווען פּונקט דער היפּוך פון אונדזערן: דיקטאַטור אין דער פּאַרטיי, בויען די אָרגאַניזאַציע פון אויבן אַראָפּ, ניט רעכענענדיק זיך מיט דעם וואָס די מיטגלידער ווילן. ניט די מאַסע מיטגלידער קלייבט אויס דעם צענטראַל-קאָמיטעט, נאָר פאַרקערט: דער צענטראַל-קאָמיטעט קלייבט אָפּ צווישן די אַרבעטער און אינטעליגענטן יענע „מאַסע", וואָס ער דאַרף האָבן פאַר זיינע צוועקן.

דער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער פּאַרטיי וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין בריסל (בעלגיע) סוף יולי 1903 און וואָס די בעלגישע פּאָליציי האָט אים געצוואונגען גלייך אין אָנהייב אַריבערצופאָרן קיין לאָנדאָן, — אָט דער דאָזיקער צווייטער צוזאַמענפאָר (דער ערשטער איז פאָרגעקומען אין רוסלאַנד אין 1898), איז שוין געווען צוזאַמענגעשטעלט אַ ביסל, און טאַקע אַ היפּש ביסל, לויט לענינס מעטאָדע. דער „בונד" איז געווען אַ שטערונג פאַר די פּלענער פון די איסקראָווצעס, וואָס זיינען געגאַנגען אונטער דער פירונג פון לענינען. דער גאַנצער גייסט פון „בונד" איז געווען אַן אַנדערער. זיינע אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען צו זעלבשטענדיק, צו פריי און צו שטאַרק, כדי לענין זאָל קאָנען דאָרטן דורכפירן זיין דיקטאַטור. אחוץ דעם איז לענין און נאָך מער די אידישע איסקראָווצעס, די אַסימילירטע אידן, וועגן וועלכע איך האָב שוין דערמאָנט פריער, געווען שטאַרק אָנגעשטויסן קעגן דעם „נאַציאָנאַליזם" פון „בונד".

אַזוי אַרום איז ביי די אָנפירנדיקע איסקראָווצעס באַשלאָסן געוואָרן, אַז מען דאַרף מיט דעם „בונד" מאַכן אַ טאָלק גלייך פון אָנהייב אָן, נאָך איידער מען טרעט צו צו דער אייגנטלעכער פּאָליטישער אַרבעט. וועט זיך דער „בונד" אונטערגעבן אין אָרגאַניזאַטאָרישע פראַגעס, וועט ער זיך לאָזן איינשפּאַנען אין דער סיסטעם פון דער לענינשער אָרגאַניזאַציע, — איז גוט, וועט ער בלייבן אין דער פּאַרטיי. און יעמאָלט וועט מען זען מיט אים דורכצוקומען, ווייל סוף-כל-סוף אַ געוויסן רעוואָלוציאָנערן ווערט האָט ער דאָך, און טאַקע אַ גאַנץ גרויסן.

וועט מען אבער מיט אים ניט קאנען דורכקומען אין ארגאניזאציאנעלע זאכן — וואס דאס איז געווען פאר לענינען דאס וויכטיקסטע אין יענעם מאמענט, — איז בעסער אים ארויסצואווארפן פון אנהייב אן. עס וועט לייכטער זיין צו ארבעטן ווען מען וועט פטור ווערן פון די ווידערשפעניקע בונדיסטן, וואס זיינען מענטשן מיט א פעסטער טראדיציע און א פעסטן כאראקטער.

דעריבער האט מען דעם פונקט וועגן די באציאונגען צווישן דעם „בונד“ און דער רוסלענדער פארטיי אוועקגעשטעלט ווי א באזונדערע פראגע גלייך אויפן ערשטן פונקט פון דער טאג־ארדענונג. דער צווייטער צוזאמענפאר האט זיך דעריבער אנגעהויבן גלייך אין ערשטן מאמענט מיט א שארפן קאמף צווישן די בונדיסטן און די איסקראוועצעס. די פארטרעטער פון „בונד“ (קרעמער, יודין־אייזענשטאדט, נח, קאסאווסקי, ליבער און מעדעם) האבן געקעמפט ווי לייבן. א באזונדערן גלאנץ און קאמף־טעמפעראמענט האט דערביי ארויסגעוויזן דער יונגער ליבער, וואס איז געווען דער ווארטפירער פון דער בונדישער דעלעגאציע. צו אים איז דערנאך, אין מער פרינציפיעלע פראגעס פון פראגראם, צוגעקומען מעדעם; זיי ביידן האט אונטערשטיצט מיט זיין גרויסן רעוואלוציאנערן אויטאריטעט נח. אבער דאס אלץ האט ניט געהאלפן: די בונדיסטן זיינען געבליבן אליין, און אלע אנדערע דעלעגאטן, אחוץ איינעם אדער צוויי מענטשן, האבן געשטימט קעגן זיי.

די בונדיסטן זיינען ניט גלייך אוועק: נאך דעם ווי זיי האבן פארלארן דעם קאמף ביי דעם ערשטן פונקט, זיינען זיי געבליבן ווייטער אויף דעם צוזאמענפאר, ווייל זיי האבן נאך געהאט א געלעגנהייט צו קעמפן ביי דעם פונקט „נאציאנאלע פראגראם“ און ביי דעם פונקט וועגן דער אינעווייניקסטער ארגאניזאציע פון דער רוסלענדער פארטיי.

אבער אויך ביי אט די פונקטן האט דער „בונד“ פארלוירן. ס'איז געווארן קלאר, אז אויב דער „בונד“ בלייבט אין דער פארטיי לויט די באדינגונגען, וואס לייגן פאר די איסקראוועצעס, וועט ער ניט האבן קיין שום גאראנטיעס, אז זיין אלטע איינגעפונדעוועטע ארגאניזאציע, וואס איז אויפגעבויט געווארן מיט אזוי פיל בלוט און מי, וועט ניט צעשטערט און צעבראכן ווערן דורך די איסקראוועצעס אין יענעם מאמענט, ווען זיי וועלן דאס געפינען פאר נויטיק. אחוץ דעם, ווי איך האב שוין דערמאנט, איז ביי די בונדיסטישע דעלעגאטן אויך באליידיקט געווארן זייער בונדישער פאטריאטיזם, זייער בונדישער שטאלץ. דער גאנצער צוזאמענפאר איז געווען קעגן זיי, מען האט זיי באהאנדלט לויט דעם געוויינטלעכן „איסקרא“־נוסח: מען האט מיט זיי פאלעמיזירט אין דעם באליידיקנדיקן טאן פון דער „איסקרא“. ס'זיינען פארגעסן געווארן אלע זייערע רעוואלוציאנערע אויפטוען, אלע זייערע פארדינסטן פאר דער רוסלענדער סאציאל־דעמאקראטיע — אלץ איז אויסגעמעקט געווארן אין דעם מאמענט, ווען זיי האבן געהאט די העזה ניט מסכים צו זיין מיט די פירערס פון דער „איסקרא“.

די בונדיסטן זיינען אַוועק פון צוזאַמענפאָר און דערקלערט, אַז דער „בונד" איז אַרויסגעטראָטן פון דער רוסלענדער פּאַרטיי. אָבער אַפּפאַרנדיק פון לאָנדאָן, האָבן די בונדיסטן, פּונקט אַזוי ווי די גאַנצע וועלט, נאָך ניט פאַרשטאַנען, אַז זיי זיינען געוועזן עדות נאָך פון אַ גרע־סערער דראַמע, וואָס האָט שפּעטער געהאַט אַזאַ אומגעהייערע ווירקונג אויפן גורל פון רוסלאַנד און פון דער גאַנצער וועלט; זיי האָבן אין יענעם מאָמענט ניט פאַרשטאַנען, אַז די קליינע אָפּשטימונגען און די קליינע קאַמפן, וואָס מען האָט געהאַט אויפן צוזאַמענפאָר נאָך ווען די בונדישע דעלעגאַטן זיינען געוועזן דערביי (וועגן דעם ערשטן פּונקט פון דעם אָרגאַניזאַציע־סטאַטוט: ווער עס ווערט פאַררעכנט פאַר אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי), וועט זיין דער אָנהייב פון אַ גרויסער וועלט־היסטאָרישער שפּאַלטונג.

אמת, די איסקראָווצעס גופא האָבן דאָס אויך ניט פאַרשטאַנען אין יענעם מאָמענט. ערשט מיט חדשים שפּעטער האָבן אַ טייל פון זיי אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך.

עס קאָן זיין, אַז אויב די בונדיסטן וואָלטן פאַרשטאַנען דאָס, וואָס קיינער האָט נאָך יעמאָלט ניט פאַרשטאַנען (אחוץ אפשר לענינען), וואָלטן זיי זיך ניט געאיילט אַוועקצוגיין פון צוזאַמענפאָר, און יעמאָלט וואָלט לענין ניט געהאַט אויף דעם צוזאַמענפאָר יענע קליינע מערהייט פון 1 אָדער 2 שטימען וואָס ער האָט באַקומען, און די מערהייט (אויף רוסיש „באָלשינסטוואָ") וואָלטן געהאַט די אָנהענגערס פון מאַרטאָוון און אַקסעלראָדן, און זיי וואָלטן זיך גערופן „באָלשעוויקעס", בשעת לענין מיט זיין גרופּע וואָלטן געבליבן אין דער מינדערהייט — אויף רו־סיש: „מענשינסטוואָ" — און וואָלטן געהייסן „מענשעוויקעס". וואָלט זיך די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג דורך דעם געענדערט? לענין וואָלט ניט געקאָנט אַריינכאַפּן אין זיינע הענט אַזוי לייכט די צענטראַלע אינ־סטיטוציעס פון דער פּאַרטיי, און די גאַנצע שפּאַלטונג פון דער רוסישער פּאַרטיי וואָלט אַוועקגעגאַנגען אויף אַן אַנדער וועג. אָבער די שפּאַל־טונג וואָלט סיי ווי סיי ניט אויסגעמידן געוואָרן, אַפילו ווען דער „בונד" בלייבט אין דער פּאַרטיי. אָבער אפשר וואָלט די אַנטוויקלונג דאָך גע־ווען אַן אַנדערע — דאָס קאָן קיינער איצט ניט זאָגן אויף זיכער.

אָבער ווי איך האָב שוין דערמאָנט, האָבן די בונדיסטן, פּונקט ווי אַלע אַנדערע מיטגלידער פון צוזאַמענפאָר, ניט פאַרמאָגט די איבער־מענטשלעכן פעאיקייט פאָראויסצוזען די צוקונפט. און דאָך קאָן איך זיך אָפּט מאָל, ווען איך טראַכט וועגן דעם, ניט באַפרייען פון דעם געדאַנק, אַז מיר זיינען אַלע געווען אַ ביסל צו שטאַרק פאַרטאָן אין אונ־דזערע נאַציאָנאַלע אידישע ענינים און שטרייטן, אַז מיר האָבן צו ווי־ניק געטראַכט וועגן דעם אַלגעמיינעם גורל פון דער באַוועגונג און אַז דורך דעם איז אפשר באַגאַנגען געוואָרן אַ פעלער, וואָס האָט אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג אָנגענומען דעם פאַרנעם פון אַ גראַנדיעזער היסטאָרישער טראַגעדיע.

22

דער קאַמף צווישן „בונד“ און „איסקראַ“. — זויזיקאָן

דעם „בונד“ס אַרויסטריט פון דער רוסלענדער פּאַרטיי האָט גע־מאַכט אַן אומגעהייערן איינדרוק אין אַלע בונדישע אָרגאַניזאַציעס, און בפרט צווישן אַלע בונדיסטן אין אויסלאַנד. דורך דער ליטעראַ־רישער פּאָלעמיק, וואָס האָט זיך געפירט נאָך פאַר דעם צוזאַמענפאָר צווישן דער „איסקראַ“ און דעם אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד“ (אין זיין רוסישער אויסגאַבע: „די לעצטע נאַכריכטן“), זיינען אייגנט־לעך די בונדיסטן אין אויסלאַנד, וואָס האָבן אויפמערקזאַם געלייענט ביידע זשורנאַלן, געווען פּסיכאָלאָגיש צוגעגרייט צום קאַמף. אָבער פונדעסטוועגן האָט קיינער ניט געגלויבט, אַז עס וועט קומען צו אַן אמתן „גט“.

אָבער עס האָט זיך געהאַנדלט ניט נאָר וועגן די אַלטע בונדיסטן, ד״ה וועגן די וואָס זיינען שוין געווען איבערצייגט אין דער ריכ־טיקייט פון בונדיזם. מחוץ פון „בונד“ און פון „איסקראַ“ זיינען געווען אין אויסלאַנד טויזנטער יונגעלייט, וואָס פאַר זייערע נשמות האָט מען געדאַרפט קעמפן, וואָס מען האָט געדאַרפט זיי איבערצייגן. אַן ענ־לעכע לאַגע איז געווען אויך אין רוסלאַנד, בפרט אין יענע געגענטן אין דרום־רוסלאַנד און אין ווייס־רוסלאַנד, וואָס עס זיינען אויפגעקומען אָרגאַניזאַציעס פון דער „איסקראַ“ און וואו מען האָט די אידישע אַר־בעטער געשלעפּט אין אַלע זייטן.

כדי צו פירן אָט דעם קאַמף קעגן דער „איסקראַ“, איז אָבער ניט געווען גענוג צו אַנטפּלעקן די „טריקס“, וואָס עס האָבן געמאַכט אויף דעם צווייטן צוזאַמענפאָר און אין דער צוגרייטונג צו אים די פאַר־שיידענע איסקראַוועס. מען האָט געדאַרפט זיך נעמען צו העכערע כלי־זיין: מען האָט געדאַרפט אויסקעמפן דעם אידייאישן קאַמף צווישן אַסימילאַציע און אידישיזם, צווישן צענטראַליזם און דעמאָקראַטישער אויטאָנאָמיע, צווישן דעם אַלטן באַגריף פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע און דער נייער טעאָריע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע דורך די עסטרייכישע טעאָרעטיקער.

אָט די דאָזיקע אויפגאַבע איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף די פּלייצעס פון יענער גרופּע יונגע בונדיסטישע אינטעליגענטן, צו וועלכע עס האָבן געהערט מעדעם, ליבער, איך, שפּעטער אויך סלאַוועק (בראָ־ניסלאַוו גראָסער) ב. בענסקי א. אַ., וואָס זייערע נעמען זיינען ניט אַזוי באַקאַנט געוואָרן אין די דאָזיקע קאַמפן.

דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אַן ערך צוויי יאָר צייט, פון זומער 1903 ביז צו דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע 1905, האָבן מיר, די דער־מאָנטע גרופּע רעפערענטן, פּראָפּאַגאַנדיסטן, זיך אין גאַנצן פאַרטיפט

אין שטודירן די נאַציאָנאַלע פראַגע, אין דער געשיכטע פון דער אידי־שער אַרבעטער־באַוועגונג, אין די קאַמפן צווישן אַסימילאַציע און נאַ־ציאָנאַליזם. אָן אַ אויפהער זיינען מיר אַרומגעפאָרן, סיי אין אויס־לאַנד, סיי שפּעטער אין רוסלאַנד, פון גרופּע צו גרופּע, פון שטאָט צו שטאָט, פון ראַיאָן צו ראַיאָן, אָרגאַניזירנדיק לעקציעס, דיסקוסיעס, רעפעראַטן אין אויסלאַנד — אין די סטודענטישע פאַרזאַמלונג־לאָקאַלן, אין רוסלאַנד — אין פּריוואַטע וואוינונגען פון סימפּאַטיזירנדיקע אינ־טעליגענטן (דאָקטוירים, צאָן־דאָקטוירים, סוחרים, אַדוואָקאַטן) אָדער אויף אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען פון אַרבעטער (אין די וועלדער, אין קאָנספּיראַטיווע דירות).

כדי בעסער צו קאָנען אָנפירן דעם דאָזיקן אידיאישן קאַמף אין אויסלאַנד, און פון אויסלאַנד — אריבערברענגען קיין רוסלאַנד, איז באַשלאָסן געוואָרן אין צענטראַלן קאָמיטעט פון „בונד“ אַריבערצו־נעמען דעם אויסלענדישן קאָמיטעט פון לאָנדאָן קיין זשענעווע און צו קאָנצענטרירן אין זשענעווע, אַרום דעם אויסלענדישן קאָמיטעט, די גאַנצע יונגוואַרג, וואָס מען האָט פאַרמאָגט, ד״ה מעדעמען, מיך, און אַ געוויסע צייט אויך ליבערן, וואָס איז בכלל געווען אַן אַגענט פון אונ־דזער צענטראַל־קאָמיטעט אין רוסלאַנד.

דערווייַלע אָבער איז געקומען סוף זומער, און דאָס איז אין אַ סטו־דענטישער שטאָט אַ טויטער סעזאָן: אַלע סטודענטן צעפאָרן זיך אהיים, די שטאָט ווערט פּוסט, ניטאָ מיט וועמען צו ריידן און צו דיס־קוטירן, — ניטאָ קיין שטאָף אַרבעט. און אַזוי ווי אַ קאָמפּאַניע באַ־קאַנטע סטודענטן איז אַוועקגעפאָרן אויף זומער אַ שעה־אַנדערהאַלבן פון ציריך, אויף דער באַרימטער שיינער פירוואַלדשטעטער אָזערע, און זיי האָבן דערציילט ניסים ונפלאות וועגן דער ביליקייט פון דאָרטיקן לעבן, — האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן אהין, מיטנעמען מיט זיך אַ קאָרב ביכער און אויסנוצן די שטילע זומערצייט, כדי טיכטיק צוצוגרייטן זיך צו דער צוקינפטיקער אַרבעט.

האָב איך זיך געזעגנט מיט מיינע ציריכער פריינד און איינגע־אָרדנט די מיטגלידער פון מיין קליינער „קאָמונע“: זעליק דער סטאָ־לער האָט געהאַט אַרבעט און פּרנסה, פּינקע איז אַריינגעטראָטן אין פאַרבינדונגען מיטן צענטראַל־קאָמיטעט וועגן צוריקפאָרן קיין רוס־לאַנד. אַזוי אַרום בין איך געוואָרן פריי צו פאַרטיפן זיך אין דער וויסנ־שאַפט. איך האָב מיטגענומען מיט זיך אַ גאַנצן פּאַק ליטעראַטור וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע, אידישער געשיכטע אד״גל, וואָס איך האָב געקאָנט באַקומען אין ציריך. און מיט דעם דאָזיקן קאָרב ביכער און נאָר אַ קליינער סומע געלט בין איך געקומען קיין ז י ז י ק אָ ן, אַ קליין דערפל אויפן סאַמע שיינעם ברעג פון פירוואַלדשטעטער אָזערע, לעבן דער באַרימטער קאַפּעלע פון ווילהעלם טעל.

נאַטור־באַשרייבונגען זיינען ניט מיין פאַך, איך וועל זיך דעריבער ניט פאַרמעסטן צו באַשרייבן דעם צויבער פון די טונקעל־בלויע וואַסערן

פון דער דאָזיקער מערקווירדיקער אָזערע, מיט די קייטן בערג, אַרום און אַרום, וואָס זיינען באַדעקט מיט אייביקן שניי און וואָס שפּיגלען זיך אין די וואַסערן פון דער אָזערע. איך בין פון קינדווייז אָן, נאָך פון מיין דווינסקער צייט, געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פון וואַסער: אָן אַ טייך, אָדער אָן אַ אָזערע, איז פאַר מיר די נאַטור קיין נאַטור ניט. נו, און דאָ בין איך געווען אויף איינער פון די שענסטע אָזערעס אין דער גאַנצער וועלט, מיט אַ שיפל, מיט דער מעגלעכקייט צו רודערן שעהן-לאַנג אויפן וואַסער, מיט דער געלעגנהייט צו באָדן זיך און צו שווימען פון אינדערפרי ביז ביינאַכט.

ניט געקוקט אויף מיין גאַנצער אָרעמקייט — און איך בין גראָד יענעם זומער געווען זייער אָרעם און האָב אָפט ממש ניט געהאַט וואָס צו עסן, — האָב איך דאָך פאַרבראַכט איינעם פון די שענסטע זומערן פון מיין לעבן, און האָב אַזוי טיף און אינטים גענאָסן פון דער הערלעכער שווייצאַרישער נאַטור, ווי איך האָב דאָס אין די שפּעטער־דיקע יאָרן שוין כמעט קיין מאָל מער ניט געהאַט קיין געלעגנהייט. איך בין געווען פריי, יונג, געזונט, איינער אַליין, אָן שום וועלכע ניט איז בינדונגען און התחייבותן, איך האָב געפילט, אַז אויף דעם רעוואָ־לוציאָנערן וועג, וואָס איך האָב פאַר מיר אויסגעקליבן, עפענען זיך פאַר מיר נייע מעגלעכקייטן פון אַקטיווער טעטיקייט; איך האָב גע־פילט, אַז איך וואַקס גייסטיק און פּאָליטיש; איך האָב געפונען נייע אינטערעסאַנטע פריינט, — און דאָס אַלץ האָט פאַר מיר הונדערט מאָל פאַרגיטיקט אי די מאָגערקייט פון מיין קעשענע, אי דעם ניט שטענדיק באַפרידיקטן אַפּעטיט, אי דעם מאַנגל אין קליידער.

אָט דעם זומער האָב איך אויך ענדגילטיק באַשלאָסן אַ מאָך צו טאָן מיט דער האַנט אויף מיין קאַריערע פון אַן אינזשענער. איך האָב אָנגעשריבן אַהיים צו מיינע עלטערן אַ לאַנגן, זייער אויפריכטיקן און זייער נאַאיוון בריוו, אין וועלכן איך דערקלער זיי, אַז איך גיב זיך אָפּ אין גאַנצן דער רעוואָלוציע, אַז איך זאָג זיך אָפּ פון יעדן פּרואוו צו פירן אַ פרידלעכן, בירגערלעכן לעבן, אַז איך וועל מער ניט גיין אין אוניווערסיטעט שטודירן. און כאָטש איך וויים, אַז איך, אַלס אייציקער זון, האָב איך די פליכט צו זאָרגן פאַר מיינע אינגערע שוועסטער און אויך פאַר די עלטערן, ווען זיי וועלן זיך נויטיקן אין מיין הילף, האַלט איך דאָך, אַז די פליכט לגבי דער רעוואָלוציע שטייט העכער, איידער די פליכט בנוגע צו דער אייגענער פאַמיליע.

איך שטעל זיך איצט פאָר, ווי ביטער און שמערצלעך ס'איז געווען פאַר מיינע עלטערן צו לייענען דעם דאָזיקן בריוו, אָבער ווען מ'איז אַלט 23 יאָר און מען איז פאַרטאָן אין אַ גרויסער באַוועגונג, פאַרשטייט מען נאָך ניט אַ סך זאַכן, וואָס ווערן קלאָר ערשט אין די עלטערע יאָרן.

פאַר דער צייט, וואָס איך האָב געהאָרעוועט איבער די ביכער און געראַנגלט זיך מיט די אינעווייניקסטע פּראָבלעמען פון מיין צוקינפטיקן לעבן, איז פון לאָנדאָן, פון דעם „צווייטן צוזאַמענפאָר", צוריקגעקומען

מעדעם און האָט זיך באַזעצט אויף דער זעלבער אַזערע, אין דעם שטעטל ו ו ע ג י ס , אַ האַלבע שעה פֿאָרן פֿון זויזיקאָן מיטן שיף. ער האָט דאָרטן געלעבט אין איין פּאַנסיאָן (באָרדינג־הויז) מיט מיין ציריכער פֿריינדין ר י י נ ו ס און מיט דעם מינכענער בונדיסטישן סטודענט קאַראַבאַטשקין. מיר האָבן זיך מיט מעדעמען די גאַנצע צייט דורכגעשריבן, אָבער פּונדעסטוועגן האָב איך געוואָלט מיט אים געניוער דורכריידן זיך און אָפּפֿרישן זיך אַ ביסל אין פּאַרטייאישע ענינים. אויף אַ בילעט קיין וועגיס וואָלט איך נאָך אפֿשר געקראָגן די פּאָר פֿראַנק. די שוועריקייט איז אָבער געווען: אין וואָס פֿאַר אַן אָנצוג צו פֿאָרן? וואָרים מיין אנצוג איז געווען אַזוי אָפּגעטראָגן, אַז אין אים האָט מען ניט געקאָנט פֿאָרן. האָב איך אָנגעשריבן אַ „ס. אָ. ס.״ צו מעדעמען, און קאַראַבאַטשקין האָט מיר צוגעשיקט דורך פּאָסט זיינעם אַ טוריסטן־אָנצוג, וואָס ער האָט געהאַט. אַזוי אַרום האָב איך זיך געקאָנט אַוועקלאָזן אין וועג קיין וועגיס, אויסגעפּוצט ווי אַ שווייצאַ־רער טוריסט.

דאָרטן האָב איך פֿאַרבראַכט אַ פּאָר טעג אין זייער אַן אָנגענעמער סביבה: געקראָגן פֿון מעדעמען די פֿולשטענדיקסטע אינפֿאָרמאַציע וועגן אַלע קאַמפּן אויפֿן צווייטן צוזאַמענפֿאָר; דורכגערעדט זיך מיט אים וועגן אַלע פּלענער, פּאַרטייאישע, פּערזענלעכע, ליטעראַרישע; דורכדיסקוסירט אַלע מעגלעכע וועלט־פּראָבלעמען מיט אים און די אַנדערע און — דער עיקר — צוזאַמענגערעדט זיך וועגן דעם, אַז מיר זאָלן אין איינעם צופֿאָרן קיין באַזעל, וואו עס האָט געדאַרפֿט פֿאָר־קומען אין גיכן דער ציוניסטישער קאָנגרעס. מעדעם האָט מיך איינ־געלאַדן צו זיין זיין גאַסט אויף דער רייזע.

23

אין באַזעל אויפֿן 6־טן ציוניסטישן קאָנגרעס

דער ציוניסטישער קאָנגרעס, וואָס עס האָט געדאַרפֿט פֿאָרקומען אין באַזעל, האָט יעמאָלט שטאַרק געצויגן די אויפֿמערקזאַמקייט ניט נאָר פֿון די ציוניסטן, נאָר אויך פֿון אַנדערע פּאָליטישע קרייזן, וואָרעם דער ציוניזם האָט יעמאָלט דורכגעמאַכט איינע פֿון זיינע קריטישסטע פּעריאָדן, דעם באַרימטן קאַמף צווישן אוגאַנדע און ארץ־ישראל. דער גאַנצער ציוניזם האָט געקאָכט מיט דער דאָזיקער פֿראַגע. עס האָבן זיך געפּירט אומאויפֿהערלעכע דיסקוסיעס אין דער פּרעסע און אויף פֿאַרזאַמלונגען, אַזוי אַז אַפֿילו מיר, אַנטי־ציוניסטן, בונדיסטן, זיינען געוואָרן אָנגעשטעקט מיט דער דאָזיקער פֿראַגע. אַ סך פֿון אונדז האָבן געזען אין דעם דעם ענדגילטיקסטן צעפֿאַל און באַנקראָט פֿון דער גאַנ־צער ציוניסטישער באַוועגונג; יעדנפֿאַלס, האָבן אַלע געפֿילט, אַז עס קומט פֿאָר עפּעס אַן איבערבראָך אין דער דאָזיקער באַוועגונג, וואָס

איז אויף דער אידישער גאַס געווען יעמאָלט דער הויפּט־שונא פון „בונד".

דערמיט דערקלערט זיך, וואָס די צושויער־גאַלערייעס אויפן באַזלער קאָנגרעס זיינען געווען אָנגעפּאַקט ניט נאָר מיט ציוניסטן, נאָר אויך מיט הונדערטער אידישע יונגעלייט, דער עיקר, שווייצאַרישע סטודענטן פון די סאַמע פאַרשיידנסטע ריכטונגען.

מעדעם און איך זיינען אַוועקגעפאָרן אַהין, אָבער ניט נאָר ווי נייגעריקע צושויער: מיר זיינען געווען, אַחוץ דעם, אַזוי צו זאָגן, „ניט־אָפיציעלע" באַאָבאַכטער פון „בונד", און מעדעם האָט געהאַט די אויפגאַבע אָנצושרייבן נאָך דעם קאָנגרעס אַ ספּעציעלע בראָשור וועגן דעם קריזיס אין ציוניזם.

געפאָרן אַהין זיינען מיר אַ גאַנצע קאָמפּאַניע יונגעלייט. דער וועג איז געווען זייער אַ שיינער, מיר האָבן בכיוון אויסגעקליבן פאַר די זעלביקע געלט אַ קליינעם אומוועג, וואָס האָט אונדז געפירט איבער די שענסטע געגענטן און אָזערעס פון צענטראַל־שווייץ, איבער די בריענצער און טונער אָזערעס, איבער אינטערלאַקען, פאַרביי דעם באַרימטן באַרג יונגפרוי, אאַז"וו. געפאָרן זיינען מיר אין אַ פריילעכער שטימונג.

נאָך אין גאַנצן אונטער דעם איינדרוק פון אונדזער רייזע און פון אונדזער יונגען געלעכטער, זיינען מיר אָנגעקומען אין באַזעל און דאָ מיט אַ מאָל אַריינגעפאַלן אין גאָר אַן אַנדער אַטמאָספערע, וואָס האָט אונדז, ניט געקוקט אויף אונדזער יוגנט און זאָרגלאָזיקייט, שווער באַדריקט גלייך פון אָנהייב אָן. עס האָט זיך עפּעס אַרומגעטראָגן טראַגישעס און שווערס אין דער לופט פון באַזעלער קאָנגרעס: אויפגערעגטע פּנימער, אויפגערעגטע רעדעס, היציקע פאַרזאַמלונגען, זיצונגען פון איינצלנע פראַקציעס, היסטערישע אויסגעשרייען פון די צושויער.

און איבער דעם אַלעמען האָט מאַיעסטעטיש געשוועבט די קיניגלעכע פיגור פון אַ הויכן שיינעם מאַן, מיט אַ פראַכטפולער אַסירישער באָרד, מיט מאַנדלפאָרמיקע אַסירישע אויגן, — אַט אַזוי ווי ער וואָלט אַראָפּגעגאַנגען אַ לעבעדיקער פון די אוראַלטע אַסירישע מאָנומענטן, וואָס מען זעט אין די מוזייען. דאָס איז געווען ט ע אָ ד אָ ר ה ע ר צ ל. ער איז ניט נאָר געווען אַ פיזיש שיינער מענטש פון נאַטור, מיט אַ וואונדערבאַרער פיגור, נאָר ער האָט אויך, ווי עס ווייזט אויס, זיך ספּעציעל געהאַלטן אויף גאָר אַ באַזונדערן קיניגלעכן שטייגער. איך האָב ניט געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער איז אַן אַקטיאָר, וואָס שפּילט די ראָל פון אַ קיניג. ניין, דאָס איז אַ מענטש, וואָס גלויבט אַליין, פעסט און אויפריכטיק, אין זיין קיניגלעכער מיסיע: ער האָט ניט ג ע ־ ש פּ י ל ט דעם אידישן קיניג, אין זיין טיפער איבערצייגונג איז ער ג ע ו ו ע ן דער אידישער קיניג. און די פאַרגעטערונג, וואָס די דורכשניטלעכע ציוניסטישע מאַסע האָט פאַר אים געהאַט, האָט נאָך מער געשאַפן אַרום אים יענע אַטמאָספערע, וואָס האָט אים דערמעגלעכט זיין מאַיעסטעטישע האַלטונג. און ריין אויסערלעך איז די דאָזיקע

האַלטונג שטענדיק אונטערגעשטראָכן געוואָרן אי דורך די אומאויפֿהערלעכע אָוואַציעס, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אומעטום, וואו ער פֿלעגט זיך באַווייזן, אי דורך די מיליטערישע פיגורן פֿון גוואַרדייער, וואָס האָבן אים שטענדיק באַגלייט פֿון ביידע זייטן, — קאַווקאַזער אידן אין מאָלערישע טשערקעסן־קאָסטיומען, מיט פּאַטראָנען אויף דער ברוסט, מיט זילבערנע גאַרטלען און זילבערנע קאַווקאַזער קינזשאַלן פֿון דער זייט.

הערצלס לאַגע איז אויף דעם קאָנגרעס געווען אַ שווערע: ער האָט געמוזט עפֿנטלעך מודה זיין, — און ער האָט דאָס טאַקע געטאָן מיט אַ סך אויפֿריכטיקייט, — אַז עס איז ניט פֿאַראַן קיין שום האָפֿענונג די אידן זאָלן קאָנען קריגן פּאַלעסטינע פֿונעם טערקישן סולטאַן. ער האָט דעריבער רעקאָמענדירט דעם ציוניזם, ער זאָל זיך פּראַקטיש פֿאַרנעמען ניט מיט ארץ־ישראל, נאָר מיט דער אַפֿריקאַנישער קאָלאָניע אוגאַנדע.

דער דאָזיקער „פֿאַרראַט" פֿונעם פֿירער האָט אַרויסגערופֿן אַ שאַרפֿע פֿאַנאַטישע, כמעט היסטערישע אָפּאָזיציע מצד אַ גרויסן טייל ציוניסטן, בפֿרט די רוסישע ציוניסטן. דער קאָנגרעס האָט זיך צעשיידט אויף „יאָ־זאָגער" און „ניין־זאָגער". אין די זיצונגען און אין די קולואַרן פֿון דעם קאָנגרעס האָבן זיך געפֿירט פֿאַרביטערטע מחלוקות.

מיר, בונדיסטן און אַנדערע ניט־ציוניסטן, וואָס זיינען געזעסן אויף דער גאַלעריע, האָבן מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם נאָכגעפֿאָלגט די דאָזיקע דיסקוסיעס און דעבאַטן. די אייגנטלעכע גרונט־פֿראַגע, וואָס האָט אַזויליידנשאַפֿטלעך באַשעפֿטיקט דעם קאָנגרעס, האָט אונדז ווייניק אויפֿגערעגט, מיר האָבן ניט געהאַלטן ניט פֿון ארץ־ישראל, און ניט פֿון אוגאַנדע. און שוין גאָר פֿרעמד איז אונדז געווען די מיסטישע אהבת־ציון, די פֿלאַמעדיקע ליבע צו ציון, וואָס האָט באַגייסטערט די „ניין־זאָגער", — די, וואָס האָבן געזאָגט „ניין" צו אוגאַנדע, כדי ניט צו פֿאַרראַטן דאָס לאַנד פֿון די אָבות. אָבער מיר האָבן געפֿילט, אַז דאָ שפּילט זיך אָפּ פֿאַר אונדזערע אויגן אַ מענטשלעכע און געזעלשאַפֿטלעכע טראַגעדיע, אַ טראַגעדיע פֿון אַ פֿאָלק, וואָס זוכט אַ נאַציאָנאַלן אידעאַל און קאָן אים אין ערגעץ ניט געפֿינען. דאָס געפֿיל איז ביי אונדז געווען אַזוי שטאַרק, אַז אין איינעם פֿון די דראַמאַטישסטע מאָמענטן אויף דער קאָנפֿערענץ פֿון די רוסישע ציוניסטן, האָט מיט אַ מאָל איינע פֿון אונדזערע אַנטי־ציוניסטקעס, און דווקא אַ פֿאַרברענטע „איסקראָווקע", זיך צעוויינט ווי אַ ביבער. „נאָר איינע, וואָס וויינסטו, וואָס אַרט דאָס דיך?" — האָבן מיר איר געפּרוווט באַרויקן. אָבער זי האָט ניט געקאָנט דערקלערן, און האָט נאָר געטענהט, אַז „עס איז אַ רחמנות". און עס איז טאַקע געווען אַ רחמנות.

24

זשענעווע. — 81, רי דע קאַרוזש. — וולאַד. קאָסאָווסקי. — אונדזער „דריילינג״. — סלאָוועק

איך האָב זיך אומגעקערט פון באַזעל צוריק קיין זײַיקאָן, אָפּגעווען דאָרטן נאָך עטלעכע וואָכן, ווייל עס איז ניט געווען מיט וואָס אַרי־בערצופאָרן קיין זשענעווע. דאָס האָט זיך אָבער דערנאָך איינגעאָרדנט, און אָנהייב אָקטאָבער בין איך געקומען קיין זשענעווע. עס איז שוין געווען שפּעט. דער אויסלענדישער קאָמיטעט האָט געהאַלטן ביים אַריבערפאָרן פון לאָנדאָן קיין זשענעווע, מען האָט געהאַלטן ביים אים איינאָרדנען און אָרגאַניזירן דעם אַריבערפאָר. גלעב מוטניק איז געקומען דער ערשטער, און מיט אים צוזאַמען, האָבן מיר ביידע, מע־דעם און איך, געדאַרפט צוגרייטן אַ דירה, איינאָרדנען אַלץ פאַר דער דרוקעריי, און אַלע אַנדערע נייטיקע זאַכן פאַר דער אַרבעט. ליבער איז געווען אַוועקגעפאָרן קיין רוסלאַנד, אַלעקסאַנדער קרעמער און בערג (עזרה) זײַינען אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע, — שאַפּן געלט פאַרן „בונד״ (דאָס איז געווען די ערשטע דעלעגאַציע, וואָס דער „בונד״ האָט געשיקט קיין אַמעריקע). אַזוי ווי מעדעם איז געווען פיזיש שוואַך און אומפּראַקטיש, איז אויסגעקומען, אַז אַם מייסטן אַרומצו־לויפן און אַרומצוהאָרעווען איז אויסגעקומען מיר. איך האָב דאָס גע־טאָן מיט גרויס התלהבות, ווייל דאָס איז געווען ענדלעך אַן אַרבעט פאַר דער פּאַרטיי און טאַקע אַ נייטיקע אַרבעט. איך האָב באַלד גע־פונען אויך אַ פּאַסיקע דירה, די באַרימטע דירה 81, רי דע קאַרוזש, וואָס איז פון יענער צייט אָן און ביז צו דער רעוואָלוציע 1917 געווען דער צענטער פון דער בונדישער אַרבעט אין גאַנץ אויסלאַנד.

באַלד זײַינען אויך אָנגעקומען די לאָנדאָנער, און צווישן זיי דער אייגנטלעכער גייסטיקער פירער פון אויסלענדישן קאָמיטעט, דער אָנ־געזעענסטער טעאָרעטיקער און דער איינציקער שרייבער און רע־דאַקטאָר — וולאַדימיר ק אָ ס אָ ו ו ס ק י.

איך וועל נאָך האָבן ניט איין מאָל די געלעגנהייט אין לויף פון מײַנע ווייטערדיקע זכרונות צו ריידן וועגן וולאַדימיר קאָסאָווסקי. מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט אים איז געווען, ווען איך בין אַוועק אין זשענעווע אין דעם האָטעל, וואו ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, כדי צו ברענ־גען אים אויף רי דע קאַרוזש.

ווען איך בין אַריין אין זיין האָטעל־צימער, איז ער געשטאַנען ביים וואַש־טיש, מיטן רוקן צו דער טיר, און האָט זיך פאַרקעמט די האָר. איך האָב דערזען אין שפּיגל אַ מיטלוואוקסיקן מאַן פון אַ יאָר 30-35, מיט געדיכטע שוואַרצע האָר, מיט שוואַרצע אויגן הינטער „פּענסנע״, מיט שוואַרצע וואָנצעס און אַ רעגלמעסיקן אַביסל בייזן גע־זיכט. אויך זיין גאַנצער באַנעם איז געווען אַ ביסל אַ בייזער און קור־

צער. „נו, וואָס הערט זיך?" גיט ער צו מיר אַ זאָג, אַזוי ווי ער וואָלט געווען באַקאַנט מיט מיר שוין 10 יאָר. איך האָב אים אָפּגעגעבן אַ גענויעם באַריכט וועגן דעם, וואָס עס איז דאָ ביי אונדז אויפגעטאָן געוואָרן, און מיר זיינען צוזאַמען אַוועק אויף רי דע קארוזש. אונטערוועגס האָב איך באַמערקט, אַז דער דאָזיקער בייזער פּנים פון וולאַדימירן איז צום טייל אַ מאַסקע, וואָס ער טראָגט, כדי צו פאַראַבאַהאַלטן אַ צווייטן וולאַדימירן, גאָר אַן אַנדערן. אין די בייזע שוואַרצע אויגן האָבן זיך אָפט באַוויזן פינקעלעך פון הומאָר און גוטמוטיקייט. אָט דער איינדרוק פון דער דאָפּלטקייט פון וולאַדימירס פּערזענלעכקייט, פון דער מערקווירדיקער קאָמבינאַציע פון בייזקייט, איינגעשפּאַרטקייט אייגנוויליקט מיט הומאָר, ווייכקייט און איידלקייט, — האָט זיך ביי מיר שפּעטער באַשטעטיקט אַלץ מער און מער. וולאַדימיר האָט קיין מאָל ניט געהאַט קיין פאַמיליע און האָט קיין מאָל ניט געהאַט קיין אַנדער לעבן אַחוץ דער פּאַרטיי. ער איז שטענדיק געווען אַ מענטש מיט דעם קלענסטן מינימום פּערזענלעכע באַדערפענישן צווישן אונדז אַלעמען. מען האָט זיך קיין מאָל ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אַ מענטש זאָל קאָנען אויסקומען מיט אַזוי ווייניק געלט, ווי קאָסאָווסקי. און אַזוי איז ער געבליבן ביז זיין לעצטן טאָג.

איך האָב שוין דערמאָנט, אַז וולאַדימיר איז געווען אין יענעם מאָמענט דער איינציקער שרייבער און רעדאַקטאָר פון אויסלענדישן קאָמיטעט.

אָבער וולאַדימיר איז געווען אַ מענטש מיט שטימונגען: ער האָט געקאָנט פיל, גוט און שאַרף שרייבן, ווען ער איז געווען אין דער נייטיקער שטימונג. איז ער אָבער געווען אין אַ געדריקטער שטימונג, פלעגט ער וואָכנלאַנג ניט נעמען די פּען אין האַנט. און גראָד יעמאָלט, אין דעם אָנהייב פון דער אַרבעט אין זשענעווע, סוף 1903, איז וולאַדימיר געווען אין איינעם פון זיינע שלעכטע פּעריאָדן. די צייט איז דאַן געווען זייער אַ הייסע: געדאַרפט פירן אַ פאַרצווייפלטן קאַמף קעגן דער „איסקראַ", געמוזט ליטעראַריש באַדינען די וואַקסנדיקע פּאָליטישע באַוועגונג אין רוסלאַנד, געמוזט באַלייכטן דעם ציוניזם, באַזונדערס נאָך דעם 6-טן קאָנגרעס, געמוזט טעאָרעטיש באַאַרבעטן און אַנטוויקלען אונדזער נייעם נאַציאָנאַלן פּראָגראַם. און פאַר אָט דער גאַנצער טעטיקייט האָבן מיר געהאַט נאָר איין וולאַדימירן, וואָס איז דערצו נאָך געווען אין אַ שלעכטער שטימונג.

ניט געקוקט אויף דעם, האָט מען אָנגעהויבן צו אַרבעטן. מען האָט אַפילו באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ ספּעציעלן זשורנאַל אויף רוסיש — „וועסטניק בונדאַ", וואָס זאָל זיין אַ מין טעאָרעטישער אָרגאַן, סיי פאַר אויסלאַנד, סיי פאַר רוסלאַנד. ביז איצט האָט מען דעם גאַנצן ליטעראַרישן קאַמף, ספּעציעל מיט דער „איסקראַ", געפירט אין באַזונדערע בלעטלעך, וואָס פלעגן זיין אַ מין צוגאָב צו דעם אינפאָרמאַציע-בולעטין „לעצטע נאַכריכטן" („פּאָסלעדניאַ איזוועסטיאַ").

דער „וועסטניק בונדאַ״ האָט געמאַכט אַ גאַנץ גוטן איינדרוק און האָט טאַקע מיטגעהאָלפן דער גייסטיקער אָריענטירונג פון „בונד״ אין יענעם מאָמענט. אָבער נאָך אַ גרעסערן איינפלוס האָבן געהאַט יענע צוויי רוסישע בראָשורן, וואָס עס האָט אָנגעשריבן מעדעם: „וועגן 6-טן ציוניסטישן קאָנגרעס״, וואו ער פאָרמולירט די יעמאָלטדיקע פּאָזיציע פון „בונד״ לגבי דעם ציוניזם, און זיין בראָשור „צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע״, וואָס האָט אין אַ פּאָפּולערער פאָרם צוזאַמענגעפאַסט דאָס, וואָס מיר אַלע, די יונגע, האָבן געהאַט צו זאָגן וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין אַלגעמיין.

די פּערזענלעכע צוזיאונג און די געמיינזאַמע אַרבעט האָבן אין יענע חדשים געשאַפן אין זשענעווע דעם „דריילינג״ פון די „יונגע״, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז צום סוף פון מעדעמס לעבן: אַ מין „דריי-בונד״ פון מעדעמען, ליבערן און מיך. מיר זיינען גאַנצע טעג געווען צוזאַמען, די גאַנצע צייט פאַרבראַכט צוזאַמען און אויך אונדזערע געדאַנקען און געפילן אויפן פּאָליטישן געביט זיינען געוואָרן כמעט געמיינזאַמע. מען האָט אונדזער „דריילינג״ געקאָנט אין דער גאַנצער שטאָט, און, פאַרשטייט זיך, אין די בונדישע קרייזן. מיר האָבן צוגעטראַכט איינער פאַר דעם אַנדערן ספּעציעלע צונעמען, וואָס אייניקע פון זיי זיינען געבליבן אויף שטענדיק: מעדעמען האָבן מיר, צוליב זיין נאָמען און צוליב זיין גאַנצער אַריסטאָקראַטישער האַלטונג, געגעבן דעם נאָמען „גראַף״ (גראַפן מעדעמס זיינען געווען אין רוסלאַנד אַ סך). מיך האָט מען, צוליב מיין דייטשן נאָמען „ריין״, אָנגערופן „באַראָן פאָן״, און כדי עס זאָל זיין אַ פולשטענדיקער אַריסטאָקראַטישער „אַנסאַמבל״, האָבן מיר ליבערן, וואָס האָט גערעדט גאַנץ גוט פראַנצויזיש און האָט געהאַט אַ מער פראַנצויזישן אויסזען, אָנגערופן „מאַרקיז״. ליבערס צונעמעניש האָט זיך ניט איינגעהאַלטן, אָבער אין די קרייזן פון בונדישן צענטראַלן און אויסלאַנדס-קאָמיטעט זיינען די צונעמענישן „גראַף״ און „באַראָן״ געבליבן ביז צו סאַמע לעצט.

אַגב אורחא, אַנטקעגן מעדעמס גראַפנטיטול, האָט ער מיר אַ מאָל דערציילט אַ אינטערעסאַנטע טרעפעניש, וואָס עס איז פאָרגעקומען מיט זיין פאָטער:

ווי עס איז באַוואוסט, איז מעדעמס פאָטער געווען אַ מיליטער-דאָקטער, וואָס האָט געהאַט דעם „טשין״ פון אַ „סטאַטסקי סאָוועטניק״, ד״ה אַ מין גענעראַל. איז ער איין מאָל געקומען פון מינסק קיין פּעטערבורג, אין זיין מיליטערישער אוניפאָרם, מיט גענעראַלסקע רויטע פּאַסן אויף די הויזן אאַז״וו און איז פאַרפאָרן אין אַ גוטן האָטעל, אין וועלכן עס פלעגן איינשטיין אַ סך מיליטערלייט, אָפיצירן אאַז״וו. אין רוסלאַנד איז געווען די מאָדע, אַז מען האָט די נעמען פון די האָטעל-געסט אָנגעשריבן מיט קרייד אויף אַ שווארצער ברעט, אונטן אין לאָבי, אַזוי אַז אַלע האָבן געקאָנט זעען. איז אויפן ברעט געשטאַנען: סטאַטסקי סאָוועטניק, דאָקטאָר מעדעם.

זיצט מעדעמס פאָטער אין זיין צימער, קלאַפּט אימיצער אָן, און עס רוקט זיך אַריין אַ יונגער גוואַרדיע-אָפיציר אין פולער פּאַראַד-יוניפאָרם. שטעלט זיך אַוועק, גיט אָפּ „טשעסט״, גיט אַ קנאַק מיט די קנאַפּלען און מיט די שפּאָרן און מעלדעט: „איך האָב די ערע זיך פאָרצושטעלן: מיין נאָמען איז גראַף מעדעם אַזאַ און אַזאַ. איך האָב דערזעען אויפן ברעט אייער נאָמען, האַלט איך פאַר מיין פליכט זיך פאָרצושטעלן פאַר אַן עלטערן מיטגליד פון אונדזער פאַמיליע, און איך בעט אייך מיר מיטצוטיילן, פון וועלכער ל י נ י ע זייט איר״.

גיט דער אַלטער מעדעם אויף אים אַ קוק און ענטפערט רואיק: „איך בין פון דער ירושלימער ליניע״.

אונדזער „דריילינג״ איז אין גיכן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „צווילינג״, וואָרעם ליבער איז אָפּגעפאָרן קיין רוסלאַנד. אמת, ער פלעגט זיך גאַנץ אָפט אַריבערכאַפּן אויף אַ וואָך-צוויי קיין זשענעווע, וואו עס האָט געלעבט זיין פרוי, וואָס האָט גראָד דערוואַרט אַ קינד אָבער די באַגעגענישן זיינען געווען נאָר קורצע, הגם זיי האָבן אונדז געהאָלפן אויפצוהאַלטן צווישן אונדז אי די פערזענלעכע פריינדשאַפט, אי די נאָענטקייט פון אונדזערע פּאָליטישע אַנשויאונגען.

דערפאַר אָבער זיינען געווען מאָמענטן, — דאָס איז געווען, דוכט זיך, אין יאַנואַר 1904, — ווען אונדזער דריילינג האָט זיך שיער ניט פאַרוואַנדלט אין אַ „פירלינג״: דאָס איז געווען דער מאָמענט, ווען קיין זשענעווע איז געקומען ס ל אַ וו ע ק (בראָניסלאַוו גראָסער).

בשעת איך האָב אים צום ערשטן מאָל דערזען אין זשענעווע, איז ער געווען נאָר אַ יונגער מענטש, כמעט אַ קינד, פון אַ יאָר 18 אָדער 19. אַ הויכער, אַ לאַנגער, מיט אַן אַריינגעפאַלענער ברוסט, אַ ביסל אַ געבויגענעם רוקן, מיט לאַנגע הענט און פיס, ווי עס טרעפט זיך אָפט ביי האַלב-דערוואַקסענע יונגעליט, מיט אַ לאַנגן האַלדז און אַ קליינעם קאָפּ, וואָס האָט געהאַט אין זיך עפּעס פון אַן אָדלער: צי דאָס איז געווען צוליב די שאַרפע אויגן, אָדער צוליב זיין שאַרפער אויסגעבויגענער נאָז, — דאָס איז מיר איצט שווער צו זאָגן. אָבער דער איינדרוק איז געווען אַזאַ. איך האָב זיך באַקאַנט מיט סלאַוועקן כמעט אין דער זעלביקער צייט ווי מיט טראָצקין. אויך טראָצקי האָט געהאַט אין זיך עפּעס פון אַ פויגל, אָבער מער פון אַ ר ו י ב - פויגל. סלאַוועקס אויסדרוק איז געווען מער פון אַן אָדלער: ווייניקער אַגרעסיווקייט, מער נאָבלקייט.

זיינע זייער גרויסע, זייער בלויע, אָבער מאַנדלפאָרמיקע און דעריבער זייער אידישע אויגן האָבן געקוקט דרייסט, אָפן און שאַרף דורך די ברילן. זיין שטים איז געווען טיף, אַ מין באַריטאָן, זייער אויסדרוקפול, אָבער אין גאַנצן אָן אַ קוויטש, אַפילו אין די מאָמענטן פון אויפרעגונג, — זעלטן פּאַטעטיש, פיל אָפטער איראָניש, סאַרקאַסטיש און שניידנדיק. אָבער ניט אָט די אויסערלעכקייטן האָבן געמאַכט אַ טיפן איינדרוק אויף מיך, ווי אויך אויף מעדעמען און ליבערן: אין

סלאַוועקן האָט זיך געפילט עפּעס אַ גאַנץ אומגעוויינטלעכע וויברירנ-דיקע, אַנגעשפּאַנטע קראַפט, אַ מערקווירדיקע קראַפט פון אַ קעמפער, אַ דעבאַטאַנט, אַ רעדנער.

ער איז געווען יעמאָלט נאָך זייער יונג, דוכט זיך, אַ שילער פון אַ מיטל-שול, אָדער אָקערשט אַריין אין אוניווערסיטעט. אָבער ער האָט שוין געהאַט אַ גרויסן נאָמען צווישען דער רעוואָלוציאָנערער שטודירנ-דיקער יוגנט און אין די קרייזלעך פון דער רעוואָלוציאָנערער אינטע-

סלאַוועק (ב. גראָסער)

ליגענץ פון וואַרשע. עס איז געווען אַ געוויסע ענלעכקייט צווישן אים און מעדעמען אין זייער אָפּשטאַם: אָט אַזוי ווי מעדעם איז געקומען צום אידנטום און צום „בונד" פון אַ הונדערט-פּראָצענטיק אַסימיליר-טער, געטויפטער רוסיש-אידישער אינטעליגענטער פאַמיליע, פּונקט אַזוי איז בראָניסלאַוו גראָסער געקומען צום אידנטום און צום „בונד" פון די רייען פון אַ הונדערט-פּראָצענטיק אַסימילירטער פּויליש-אידי-שער אינטעליגענטישער סביבה. זיין פאָטער איז געווען אַן אַדוואָקאַט

אין וואַרשע. זיין מוטער האָט געשטאַמט פון אַן אַריסטאָקראַטישער אַסימילירטער פּויליש-פּאַטריאָטישער פאַמיליע, און איר פאָטער, סלאָ-וועקס זיידע, איז געווען אַן אַקטיווער קעמפער אין דעם פּוילישן אויפ-שטאַנד 1863. ווי אַזוי דער אייניקל איז געקומען צום אידנטום, דאָס דערציילט ער אַליין אין זיין „צוואה", וואָס ער האָט אָנגעשריבן ניט לאַנג פאַר זיין טויט פאַר זיין קליינער טאָכטער.

בשעת מיר האָבן זיך מיט אים געטראָפן אין זשענעווע, האָט ער נאָך ניט געקאָנט קיין וואָרט אידיש, ער האָט גערעדט אַ זעלטן שיינעם און גלענצנדיקן פּויליש, וואָס איז געווען זיין מוטערשפּראַך, און האָט גערעדט אַ שטאַרק פּאָלאָניזירטן און פאַרגרייזטן רוסיש, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט אין גימנאַזיע. עס פלעגט אַרויסרופן ביי אונדז שטענ-דיק אַ געוויסן געפיל פון באַדויערן, ווען מיר פלעגן הערן סלאָוועקן ריידן רוסיש: מען האָט ממש געשפּירט, ווי זיין גלענצנדיקער רעדנע-רישער טאַלענט שטיקט זיך אין די אומבאַקוועמע פאָרמען פון דער פאַר אים פרעמדער, רוסישער שפּראַך, ווי אַזוי זיין פייערדיקער טעמ-פּעראַמענט שפּרינגט אַריבער איבער די באַריערן פון דער רוסישער שפּראַך, וואָס זיינען פאַר אים צו ענג, און מיר האָבן אין דער זעלביקער צייט באַוואונדערט די מייסטערשאַפט, מיט וועלכער ער ראַנגלט זיך ניט נאָר קעגן זיינע קעגנער, נאָר אויך קעגן דער שפּראַך, וואָס פענ-טעוועט אים, זיינע געדאַנקען און לעשט אוים דעם גלאַנץ פון זיין רעדע.

ניט געקוקט אויף דעם איז סלאָוועק אויך אין רוסיש געווען איינער פון די בעסטע רעדנער, וואָס איך האָב ווען ניט איז געהערט, און אפשר דער בעסטער דיסקוטאַנט, יעדנפאַלס אויף דער גלייכער שטופע, ווי פּלעכאַנאָוו, מאַרטאָוו אָדער טראָצקי. ער האָט שטענדיק געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ שאַרפן געשליפענעם שווערד, וואָס וויברירט און ציט-טערט אין דער האַנט פון אַ מייסטער און לויערט נאָר אויף דעם ריכ-טיקן מאָמענט, כדי מיט דער גאַנצער קראַפט אַ האַק צו טאָן דווקא אין דעם פונקט, וואָס איז דער שוואַכסטער.

אַ גרויסן איינדרוק האָט אויף אונדז געמאַכט דאָס, וואָס גלייך ווי מיר האָבן זיך באַקאָנט מיט סלאָוועקן, האָט אונדזער דריילינג געקאָנט פעסטשטעלן מיט גרוים צופרידנקייט, אַז אין זיינע פּאָליטישע און נאַ-ציאָנאַלע אָנשויאונגען פאַרנעמט ער דיזעלביקע פּאָזיציעס, וואָס מיר אַלע.

25

איך פאָר צוריק קיין רוסלאַנד. — רעפּעראַטן אין אויסלאַנד. — וול. זשאַבאָטינסקי

דאָס איז געווען פאַר אונדז דער בעסטער באַווייז, אַז אָט די טע-אָריעס, צו וועלכע מיר זיינען געקומען, זיינען אַ נויטווענדיקער און

ריכטיקער רעזולטאַט פון יענער אַנטוויקלונג, וואָס קומט פאָר אין רוס־לאַנד און אין די רייען פון דער אידישער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ.

דאָס האָט אָבער אין גאַנצן ניט געהייסן, אַז מיר האָבן זיך יעמאָלט אין זשעגעווע באַטראַכט ווי בלינדע אינסטרומענטן פון דער וועלט־געשיכטע און האָבן זיך פאַרלאָזן אויף דער קראַפט פון דער סטיכישער אַנטוויקלונג. ניין, מיר זיינען געווען איבערצייגט, אַז דאָס האָבן מ י ר אַנטדעקט און אַנטוויקלט די טעאָריעס, און אַז אויף א ו נ ד ז ליגט די פליכט זיי ווייטער צו פאַרשפּרייטן און צו פּראָפּאַגאַנדירן. דאָס איז אויך געווען, אַגב, די אַרבעט, וואָס דער צענטראַל־קאָמיטעט און דער אויסלענדישער קאָמיטעט האָבן אויף אונדז אַרויפגעלייגט. און אַזוי ווי עס איז געווען וויכטיק מינדלעכע פּראָפּאַגאַנדע, און אַזוי ווי איך בין געווען גאָר אַ שוואַכער שרייבער, אָבער ריידן איז מיר געווען לייכט, האָט מיך דער אויסלענדישער קאָמיטעט אַוועקגעשיקט לייענען רעפעראַטן און האַלטן לעקטשורס אין די פאַרשיידענע סטו־דענטישע קאָלאָניעס פון אויסלאַנד. אַזוי האָב איך אַרומגערייזט אַ פּאָר חדשים (פון יאַנואַר ביז מיטן מערץ 1904) און האָב דורכגעפירט אַ פּאָר צענדליק פאַרזאַמלונגען אין אַ ריי שטעט אין דייטשלאַנד, שווייצאַריע און בעלגיע.

די דאָזיקע רעפעראַטן זיינען דורכגעגאַנגען לויט דעם געוויינט־לעכן שטייגער און נוסח. אויף יעדן רעפעראַט וואָס איך האָב געלייענט, פלעגן קומען איסקראָווצעס און ציוניסטן, און פּאָלעמיזירן קעגן דעם „בונד". אין יעדער שטאָט, וואו איך פלעג זיין און עס פלעגט גראָד האַלטן אַ רעפעראַט אַן אָנגעזעענער איסקראָוועץ אָדער ציוניסט, פלעג איך גיי אַהין דיסקוטירן. אין איינעם פון מיינע רעפעראַטן, מיר דוכט זיך, אין קאַרלסרוהע אָדער שטוטגאַרט, האָב איך געהאַט אַ מערק־ווירדיקן אָפּאָנענט: אַ יונגערמאַן מיט אַ קיילעכדיקער קאָפּ און אַ שטאַרק אַרויסשטאַרטשענדיקער געמבע, מיט אַ גרויסער אויסדרוקס־פולער „אַקטיאָרישער" מויל. קיינער פון מיינע בונדיסטישע חברים האָט ניט געוואוסט, ווער דאָס איז: עפּעס אַ ציוניסט, מען זאָגט — אַ גוטער רעדנער! אָבער ווען דער דאָזיקער יונגער ציוניסט האָט אָנגע־הויבן צו רעדן, — און אָנגעהויבן האָט ער מיט אַ וואונדערבאַרער צי־טאַטעם פונם נביא עמוס, — האָט זיך דער גאַנצער עולם אַ קער געטאָן צו אים, ווייל מען האָט אין אים דערשפּירט גאָר אַן אומגעוויינטלעכע אָראַטאָרישע קראַפט. און דער ערשטער, וואָס האָט אים באַוואונדערט, בין געווען איך אַליין, דער רעפערענט, וועלכן ער האָט באַקעמפט. איך האָב שטענדיק געהאַט אַ שוואַכקייט צו גוטע רעדנער (איך מיין אמת־דיקע רעדנער, ניט פראַזן־קלאַפּערס) גאַנץ גלייך, צי זיי זיינען געווען פאַר מיר אָדער קעגן מיך. ערשט שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דער דאָזיקער יונגער ציוניסט איז געווען וולאַדימיר ז ש א ב אָ ט י נ־ ס ק י. מיט אַ יאָר אַנדערטהאַלבן שפּעטער האָב איך זיך מיט אים באַ־געגנט אויף אַ ריי דיסקוסיעס אין פּעטערבורג.

אין פעברואַר 1904, איך האָב גראָד געהאַלטן אין סאַמע ברען פון מיין טור און האָב זיך געפונען מיט אַ לעקציע אין בריסל, איז פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון רוסלאַנד אָנגעקומען אַ בריוו, אַז איך זאָל גלייך אַרויספאָרן קיין רוסלאַנד: מען דאַרף מיך דאָרטן האָבן.

האָב איך אין איילעניש פאַרענדיקט נאָך אַ פּאָר שטעט און אָנגע־הויבן צו קלייבן זיך אין וועג. אָבער פאַר מיין אָפּפאָרן האָב איך נאָך אַריינגעכאַפּט אַן אינטערעסאַנטע דיסקוסיע אין זשענעווע. אין אַ פול געפּאַקטן זאַל האָט דער באַרימטער פירער פון „איסקרא", מאַרטאָוו, געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן די באַציאונגען צווישן „בונד" און דער פּאַרטיי. אויף דער פאַרזאַמלונג זיינען געווען אַלע גרויסע פירער פון דער פּאַרטיי, אַלע, וועמענס נעמען עס זיינען געווען באַרימט און גע־וואָרן נאָך אַ סך באַרימטער שפּעטער.

איך געדענק שוין ניט גענוי דעם אינהאַלט פון מיין יעמאָלטדיקער רעדע. איך ווייס נאָר, אַז איך בין געווען זייער אויפגערעגט און בלייך, הגם גערעדט האָב איך זייער רואיק און געלאַסן.

דאָס איז אָבער געווען מיין אָפּשידס־רעדע. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך זיך געלאָזן אין וועג. מען האָט מיר מיטגעגעבן עטלעכע רובל אויף הוצאות און אַן „עכטן" פאַלשן פּאַס. די עכטקייט פון דעם פּאַס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דאָס איז טאַקע געווען אַן אמתער „גו־בערנאַטאָר־פּאַס", וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין רוסלאַנד, מיר דוכט זיך אין ווארשע; און פאַלש איז ער געווען צוליב דעם, וואָס ער האָט געהערט גאָר אַן אַנדער מענטשן, און ניט מיר.

מען האָט אָבער געדאַרפט דורכפירן געוויסע פאָרמאַליטעטן מיטן פּאַס, און איך האָב באַשלאָסן דאָס צו טאָן אין פראַנקפורט, ווייל דאָרטן איז ניט געווען קיין גרויסע רעוואָלוציאָנערע גרופּע און דער רוסישער קאָנסולאַט איז דאָרטן ניט געווען אַזוי שטרענג. בין איך אַוועקגעפאָרן קיין פראַנקפורט, וואו עס האָט זיך גראָד געפונען מיין אַלטער שול־חבר זאַקסאָס. איך האָב דערלעדיקט דעם ענין ביים רוסישן קאָנסול און האָב באַנוצט די געלעגנהייט, כדי צו פאַרברענגען אַ פּאָר טעג מיט זאַקסאָסן. אין דעם זעלביקן אָוונט, ווען איך בין געקומען, האָט ער מיך מיטגענומען אין פראַנקפורטער אָפּערע, און דאָ האָב איך געהאַט איינע פון מיינע גרויסע איבערלעבונגען: איך האָב צום ערשטן מאָל געהערט אַן אָפּערע פון ריכאַרד װ אַ ג נ ע ר. מען האָט געגעבן די „וואַלקיריע". ווי עס פירט זיך ביי רוסן, זיינען מיר געקומען אַ ביסינקע צו שפּעט, ווען דאָס שפּיל האָט זיך שוין אָנגעהויבן. אָבער גלייך ווי איך בין אַריין אין טעאַטער און דערהערט די מעכטיקע קלאַנגען פון דער „וואַלקירע"־מוזיק, בין איך געוואָרן אין גאַנצן פאַרכאַפּט. איך בין געווען דערצויגן אויף דער קלאַסישער אָדער ראָמאַנטישער מוזיק פון בעטהאָווען, שומאַן, שובערט, מענדעלסאָן, — וואַגנערן האָב איך קיין מאָל ניט געהערט. די וועלט האָט שוין אַ יאָר 50 געקאַנט וואַג־

נערם מוזיק און איז געווען צעטיילט אויף וואגנעריסטן און אנטי־וואג־נעריסטן. אבער איך האב וואגנערן אנטדעקט ערשט אין יאר 1904, און בין לאנגע יארן געבליבן א וואגנעריסט. די דאזיקע ליבע צו וואג־נערן האט מיך פארבונדן אויך מיט מעדעמען, וואס איז געווען א גע־וואלדיקער וואגנעריסט. אין די שפעטערדיקע יארן פלעגן מירביידע נישט איין מאל „גנבענען" אן אוונט אויף א צוזאמענפאר און אוועקגיין אדער אויף א סימפאנישן קאנצערט אדער אין טעאטער אויף וואגנערס אן אפערע.

זיצנדיק אין צוג, וואס האט מיך געפירט פון פראנקפורט קיין בער־לין און פון בערלין קיין מינסק, בין איך געווען צופרידן, וואס איך האב נאך אריינגעכאפט וואגנערן, איידער איך ווארף זיך אריין אין דער אומלעגאלער ארבעט. ווארעם ווער ווייס, ווען איך וועל ווידער האבן א מעגלעכקייט צו זיין אין א טעאטער און הערן מוזיק ?!

26

אין מינסק. — אויף דער קאנספיראטיווער קווארטיר פון צ. ק.

אויפן גרעניץ איז אלץ צוגעגאנגען גלאט. מיין פאלשער פאס איז געווען אין פולער ארדענונג און באלד בין איך שוין געווען אין מינסק. פארפארן אין א האטעל, גוט ארומגעקוקט זיך און לאנגזאם אוועק צו פוס אויף דער „יאַוקע". איך געדענק שוין ניט, ווען איך האב געטראפן אויף דער דאזיקער קווארטיר. דארטן האב איך געזאגט דעם „פאראל" און ענדלעך בין איך אריינגעדרונגען אין די קדשי־קדשים אין דער קאנספיראטיווער קווארטיר פון בונדישן צענטראל־קאמיטעט. געטראפן האב איך דארטן מיין אלטן באקאנטן נחן, אבער גראד איז ער געווען פארנומען מיט אימיצן און האט מיך געבעטןווארטן אין א צווייטן צימער. אבער געווארט האב איך ניט אליין, מיט מיר צוזאמען האט געווארט נאך א יונגע מיידל, וואס איז אויך אקערשט געקומען קיין מינסק, און האט זיך אויך געדארפט טרעפן מיט דעם צענטראל־קאמיטעט. זיצנדיק און ווארטנדיק אויף נחן, האב איך דערהערט פון צווייטן צימער א שטארקן געוויין. געוויינט האט א פרוי. און, ווי איך האב זיך באלד דערוואוסט, איז דאס געווען די שוין יעמאלט בארימטע צביה ג ו ר ו ו י ט ש , איינע פון די ערשטע טוערקעס פון „בונד", אן ארבעטערין, וואס האט זיך ארויסגערוקט אין די ערשטע רייען פון דער באוועגונג דורך איר כאראקטער און דורך איר מוט. געוויינט האט זי צוליב דעם, וואס גראד אין יענעם מאמענט האט איר נח איבערגע־געבן די טרויעריקע בשורה וועגן טויט פון איר ברודער, וואס איז גע־שטארבן אין ריגע. און דא האט זיך ארויסגעלאזן, אז איך האב אים פערזענלעך געקאנט. דאס איז געווען א הענטשקע־מאכער, אן אלטער בונדיסט, וואס האט זיך אבער געהאלטן א ביסל אין א זייט פון אונ־

דזער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין ריגע. געשטאָרבן איז ער, אויב איך האָב ניט קיין טעות, פון טובערקולאָז.

מיר זיינען געזעסן טרויעריקע און פאַרטראַכטע, אָבער צביה איז ניט געווען דער מענטש, וואָס וועט זיך דערלויבן עפנטלעך צו באַווייזן אירע געפילן. זי האָט זיך באַלד גענומען אין די הענט, אָפּגעווישט די אויגן און איז אַרוים צו אונדז, אויסערלעך אַ קאַלטע און אַ רואיקע, אַזוי ווי קיין זאַך וואָלט ניט געטראָפן.

די מיידל, וואָס איז געזעסן מיט איר צוזאַמען און געוואָרט, איז געווען עספיר ריסקינד. זי איז שוין געווען, ניט געקוקט אויף איר יוגנט, אַ באַקאַנטע טוערין, שוין געווען פאַרשיקט אין סיביר, און ווען איך האָב איר געטראָפן ביי נחן, איז זי דאָס גראָד געווען אַנטלאָפן פון סיביר און איז געקומען צום צ. ק. נעמען פון דאָס ניי אַנטייל אין דער באַוועגונג. זי איז געווען זייער אַ ליבער און סימפּאַטישער מענטש, וואָס האָט זיך פאַר אַלץ אינטערעסירט און האָט מיך זייער לאַנג און זייער אויספירלעך אויסגעפרעגט וועגן אַלץ, וואָס עס טוט זיך אין אויסלאַנד. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז זי אַוועקגעפאָרן פון מינסק קיין ביאַליסטאָק אויף אַרבעט, און מער האָב איך איר קיין מאָל ניט געזען. אין עטלעכע חדשים אַרום איז זי צעריסן געוואָרן אין ביאַליסטאָק אויף דער „בערזע" פון אַ באָמבע, וואָס עס האָט געוואָרפן אַן אַנאַרכיסט.

וואָס מיך אָנבאַלאַנגט, האָט דער צ. ק., ווי עס ווייזט אויס, געהאַט וועגן מיר פאַרשיידענע פּלענער. דער אורשפּרינגלעכער פּלאַן איז באַשטאַנען אין דעם, אַז איך זאָל בלייבן ביי דעם צ. ק. ווי אַ שרייבער און זאָל אַרבעטן אין דער רעדאַקציע פון דער „אַרבעטער-שטימע" און פונם פּאָפּולערן אָרגאַן „דער בונד", וואָס מען האָט יעמאָלט גראָד אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן לויטן באַשלוס פון 5-טן צוזאַמענפאָר פון „בונד".

און טאַקע גלייך ווי איך בין געקומען, האָט נח ביי מיר באַשטעלט אַ פּאָר אַרטיקלען, וועלכע איך האָב געזאָלט אָנשרייבן. אַחוץ דעם, האָב איך געזאָלט אָנשרייבן, — און טאַקע אָנגעשריבן, — אַ בלעטל צום ערשטן מאַי (דעם ערשטן מאַי האָט מען יעמאָלט געפייערט אין רוסלאַנד לויטן אַלטן סטיל, ד"ה דעם 18-טן אַפּריל).

אָבער אַט די אַלע פּלענער זיינען פאַרניכטעט געוואָרן צוליב דעם וואָס פון וואַרשע זיינען פּלוצלונג אָנגעקומען זייער טרויעריקע נאַכריכטן. דאָרטן זיינען אַרעסטירט געוואָרן די וויכטיקסטע פירער פון „בונד", צווישן זיי יולי לענסקי, וואָס האָט דאָרטן געאַרבעט אונטער פּאַרטיי-נאָמען: רפאל. איז וואַרשע געבליבן פאַריתומט, און מען האָט אומבאַדינגט געדאַרפט גלייך „ראַטעווען" וואַרשע. איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז איך זאָל אַהין פאָרן, איבערנעמען די פירונג פון וואַרשעווער קאָמיטעט. איידער איך בין אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע, האָב איך פאַרבראַכט אַ פּאָר טעג אין מינסק, מיט מיין אַלטן פריינד גאָלדבלאַט, דעם ריגער סטודענט, וועגן וועלכן איך האָב שוין

דערציילט. ער האָט געאַרבעט אין מינסק אין „בונד“ און איז איינגע־שטאַנען ביי די עלטערן פון קאַטיאַ מונוועז, וואָס איז געווען מיט מיר צוזאַמען אין דער ציריכער גרופּע פון „בונד“. גלייך אין דעם ערשטן אָוונט פון מיין קומען קיין מינסק, זיינען מיר אַרומגעגאַנגען מיט אים ביז שפּעט איבער די גאַסן און געשמועסט. עס איז געווען גראָד דער ערשטער סדר. די גאַסן זיינען געווען פּוסט און שטיל, און דורך די פענצטער האָבן זיך געזען אָנגעצונדענע ליכט, געדעקטע טישן, פריי־לעכע פּנימער: די מינסקער אידן האָבן געפּראַוועט סדר. און נאָר מיר ביידע האָבן אין ערגעץ ניט געהאַט קיין מקום־מקלט און האָבן איינזאַם אַרומגעוואַנדערט איבער די ליידיקע גאַסן. דאָס איז געווען סימבאָליש: „נע ונדניקעס זיינען מיר“, — האָט מעלאַנכאָליש באַ־מערקט גאָלדבלאַט. די אַלטע געזעלשאַפט האָט אונדז אַרויסגעוואָרפן, קיין נייע האָבן מיר דערווייל נאָך ניט געשאַפן . . .

27

אין וואַרשע

טרייסלענדיק זיך אויף אַן אַלטער צעשרויפטער קלאַפּעריקער „דאָראָזשקע“, בין איך געפאָרן פון בריסקער וואָקזאַל איבער דער פּראַ־גער בריק קיין וואַרשע אַריין. איך האָב זיך געפילט ווי אַ גענעראַל, וועלכן מען האָט געשיקט איינצונעמען אַ שטאָט. צי וועל איך איר איינ־נעמען?

עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז די אַרבעט וועט דאָ זיין אַ גאַנץ שווערע. דער באַדן פאַר אַרבעט איז געווען אַן אויסגעצייכנ־טער: אַ קאָלאָסאַלע אידישע אַרבעטער־מאַסע, ניט אין אַן ערך פיל גרעסער ווי אין ריגע, מיט שטאַרקע רעוואָלוציאָנערע און בונדישע טראַדיציעס, אַ קאָלאָסאַלע שטאָט מיט אַ שטאַרקער פּוילישער רע־וואָלוציאָנערע באַוועגונג, אַ גרויסע אידישע אינטעליגענץ, און די אינ־טעליגענץ איז געווען דורכגעדרונגען מיט רעוואָלוציאָנערע שטימונגען, וואָס האָבן געשטראָמט אי פון פּוילישע קוואַלן, אי פון אידישע, אי פון אַלגעמיין רוסישע. און דערצו נאָך אַ גאַנץ גוטע איינגעפונדע־וועטע אָרגאַניזאַציע מיט פעסטע טראַדיציעס, מיט געוואוינהייטן, מיט אַ גוטער טעכניק (אַפילו די געהיימע דרוקעריי פון צענטראַלן קאָמי־טעט האָט זיך יעמאָלט געפונען אין וואַרשע).

און פון דעסטוועגן איז די אַרבעט יעמאָלט ניט געגאַנגען. עס האָט זיך געפילט אַ געהיימער ווידערשטאַנד, עפּעס אַ געהיימע שטערונג: קעגן אונדז האָט ערגעץ־וואו געאַרבעט אַ פאַרבאַהאַלטענע קראַפט, וואָס האָט צעשטערט אַלע אונדזערע פּלענער און האָט פאַרניכטעט אַלע אונדזערע דערפאָלגן. איין דורכפאַל נאָך דעם אַנדערן, און גראָד פלעגט די פּאָליציי כאַפּן די סאַמע וויכטיקסטע און צענטראַלע טוערס. מען

האָט פאַרשטאַנען, אַז צווישן אונדז מוז זיין עפּעס אַ פּראָוואָקאַציע. אָבער וואו געפינט זי זיך, און ווי אַזוי זאָל מען איר זוכן?

אָבער אויף לאַנג זוכן איז ניטאָ קיין צייט. מען דאַרף אַרבעטן, און דאַן וועט מען זעען. איך האָב זיך גענומען אַ פאַלשן פּאַס, געדונגען אַ צימער, און טאַקע ווייט פון די אידישע אַרבעטער קוואַרטאַלן, כדי איך זאָל קאָנען בעסער זעען, צי מען גייט מיר נאָך, און האָב אָנגעהויבן אַרבעטן.

איך האָב באַלד געפונען אין ווארשע אין דער אַרבעט אַלטע באַקאַנטע. איינער פון זיי, דער, וואָס האָט טאַקע געדאַרפט אָנפירן מיט דער פּ ר אַ ק ט י ש ע ר אָרגאַניזאַציע־אַרבעט צווישן די אַרבעטער, איז געווען „אַלטער דער שוואַרצער", דער זעלביקער, מיט וועלכן איך האָב שוין געאַרבעט אין ריגע. אָט מיט דעם אַלטערן איז מיר טאַקע אויסגעקומען דורכצומאַכן אָט די עטלעכע שווערע חדשים, וואָס איך האָב אָפּגעאַרבעט אין ווארשע אין דער בונדישער אָרגאַניזאַציע.

אַלטער איז שוין געווען אַ געניטער טוער, פּעסט פאַרבונדן מיט דער מאַסע, און מיט פּראַקטישער דערפאַרונג. אַ קלוגער און אַ פּעאיקער איז ער אויך געווען, נאָר ער האָט געהאַט אַן אייגנווויליקן און האַרטן כאַראַקטער, און איז געווען דאָס, וואָס מען האָט שפּעטער אָנגערופן דער טיפּ פון אַ „דיקטאַטאָר". דאָס האָט אַרויסגערופן גאַנץ אָפט אַ געפיל פון פּראָטעסט און פיינדשאַפט קעגן אים. ניט געקוקט אויף דעם, האָבן מיר גאַנץ גוט געאַרבעט צוזאַמען, הגם ער האָט אויך מיר ניט איין מאָל געגעבן צו פילן זיין אייזערנע האַנט.

אונדזער אויפגאַבע איז געווען אַ פּשוטע: מען האָט פון דאָס ניי געדאַרפט איינשטעלן אַ רעגלמעסיקע מאַסן־אַרבעט, פאַרשפּרייטן ליטעראַטור, אַרויסגעבן בלעטלעך, אָרגאַניזירן מאַסן־מיטינגען, לאָזן אויפלעבן די בערזע. מיט איין וואָרט — אַרויפהייבן צוריק דעם „בונד" אויף יענער הויך, אויף וועלכער ער איז שטענדיק אין ווארשע געשטאַנען. מיר האָבן רעאָרגאַניזירט צוליב דעם צוועק אי דעם קאָמיטעט, אי די „צענטראַלע סכאָדקע", אין וועלכער עס זיינען געווען אַ גאַנצע ריי זייער גוטע און טיכטיקע אַרבעטער־טוערס.

כדי אונדז צו העלפן אין דער דאָזיקער שווערער אַרבעט, האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט באַלד צוגעשיקט נאָך אַן אינטעליגענט, און דאָס איז טאַקע ווידער געווען אַן אַלטער באַקאַנטער: אַ האָמלער יונגערמאַן מיטן נאָמען ז א ר כ י , מיט וועלכן איך האָב זיך געטראָפן אין ריגע, וואו ער איז געווען אַן „עקסטערן". אָבער ניט געקוקט אויף אַלע אונדזערע אָנשטרענגונגען איז די אַרבעט געגאַנגען זייער שווער: וואָס מיר פלעגן ניט באַשטימען און וואָס מיר פלעגן ניט אָרגאַניזירן, פלעגט מען דאָס ניט קאָנען דערפירן ביזן סוף, ווייל די פּאָליציי פלעגט זיך וועגן דעם דערוויסן. איין מאָל בין איך קוים ניט אַריינגעפאַלן, ווען איך בין געגאַנגען אויף אַ זיצונג פון אַ ספּעציעלער קאָמיסיע. צוקעמענדיק צו דער דירה האָב איך דערזעען, ווי פון טויער גייט אַרויס איינער פון

אונדזערע בחורים מיט אַ צעשראָקענעם פּנים. האָב איך פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז ניט אין אָרדענונג. די וואוינונג האָט זיך געפונען הויך, אויפן 4-טן אָדער 5-טן שטאָק. גייענדיק שטיל אַרויף, האָב איך אויפ־מערקזאַם געקוקט דורך די אייזערנע גראַטעס פון די פאַרענצעס. און דאָ האָב איך דערזעען אַ סאָלדאַטסקן שטיוול און דעם שפּיץ פון אַ פּאָ־ליציי־שווערד. איז שוין געווען אַבסאָלוט זיכער, אַז עס איז שלעכט, האָב איך שטיל זיך אַ לאָז געטאָן צוריק הינטערוויילינקס, ניט ענדערנדיק מיין פּאָזע, כדי מען זאָל ניט זעען, אַז איך אַנטלויף. און עס איז מיר טאַקע געלונגען רואיק אַרויסצוגיין פון הויז. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָבן פּאָליציילייט אַרויסגעפירט פון די טרעפּ אונדזערע אַרעסטירטע חברים.

שפּעטער האָבן מיר געמאַכט אַ פאַרצווייפלטן פּרואוו צו אָרגאַ־ניזירן אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג אויף אַ גאָר דרייסטן אופן: מיר האָבן באַ־שלאָסן צו מאַכן אַן אָפענעם „פּיקניק" אויף דער טייך ווייסעל. געדונ־גען עטלעכע גרויסע שיפן, איינגעקויפט סענדוויטשעס מיט פלעשלעך ביר, און אָרגאַניזירט אַזוי ווי יונגע מיידלעך און בחורים פאָרן מאַכן אַ שפּאַציר איבער דער ווייסעל און האָבן אַ פּיקניק אין וואַלד. דעם אָרט אין וואַלד האָט מען אויסגעקליבן גאַנץ זאָרגפעלטיק, עטלעכע וויאָרסט הינטער ווארשע, און אַוועקגעשיקט אַהין מענטשן, וואָס זאָלן שטיין אַלס פּאַטרולן און היטן די פאַרזאַמלונג קעגן דעם אָנקומען פון פּאָליציי. די שיפלעך מיט די פּראָוויאַנט האָבן אונדז צוגעגרייט קריסטן־קאָנטראַ־באַנדיסטן, מיט וועלכע אונדזער אָרגאַניזאַציע איז געשטאַנען אין פאַר־בינדונג. וועגן דעם דאָזיקן פּלאַן האָט מען מיטגעטיילט נאָר גאַנץ זי־כערע און נאָענטע מענטשן, צוזאַמען אַ פּאָר הונדערט. אַ „קאָנספּירא־ציע" האָבן מיר געמאַכט אַ געוואַלטיקע, אַזוי שטרענג, ווי נאָך קיין מאָל ניט. אויך אויפן ברעג פון ווייסעל, דאָרטן, וואו מען האָט זיך געדאַרפט אַריינזעצן אין די שיפלעך, איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ גאַנצע קייט פון פּאַטרולן. איין שיפל איז שוין געווען פול און איז אָפּגעפאָרן. מיר האָבן זיך אָנגעהויבן צו זעצן אין דער צווייטער און דריטער, מיט אַ מאָל קומט צו לויפן אַ פאַרשוויצטער בחור מיט אַ „סטאָפּעט", — די פּאַט־רולן אין וואַלד לאָזן מעלדן, אַז אויפן וועג אַרום וואַלד האָבן זיך באַ־וויזן גרופּעס קאָזאַקן אויף פערד.

עס איז געווען קלאָר, אַז מיר זיינען ווידער דורכגעפאַלן, אַז אי־מיצער האָט וועגן אונדזער שטרענג־קאָנספּיראַטיווער פאַרזאַמלונג גע־מאָלדן דער פּאָליציי.

צום גליק איז די געפאַר רעכטצייטיק באַמערקט געוואָרן, מען האָט צוריקגערופן די שיפלעך, דער עולם איז זיך בשלום צעגאַנגען אַהיים, מען האָט קיינעם ניט אַרעסטירט, אָבער די פאַרזאַמלונג איז דורכגע־פאַלן. און איבער ווארשע זיינען ווידער אַוועק קלאַנגען, אַז אין „בונד" איז עפּעס ניט כשר, אַז דער „בונד" האָט אָפּגעשטעלט זיין מאַסן־אַר־בעט, אַז מען הערט עפּעס ניט וועגן „בונד" אויף דער ווארשעווער אַרבעטער־גאַס. עס איז געווען שלעכט.

נאָך ערגער איז געװאָרן, װען מען האָט אַרעסטירט אַלטערן, און איך בין געבליבן איינער אַליין מיט זאַרכין, װאָס האָט קיין גרויסע פּראַקטישע דערפאַרונג ניט געהאַט.

דערװײַלע װאָס האָב איך באַמערקט, אַדער עס האָט זיך מיר אפשר אויסגעדוכט, אַז אַרום מיין דירה האָט מען אָנגעהויבן צו קוקן. האָב איך אַװעקגעװאָרפן מיין צימער מיט אַ טייל זאַכן, האָב גענומען אַן אַנדער פּאַס אויף אַ צװייטן נאָמען, איבערגעביטן מיין בערדל און מיין היטל, געדונגען אַ נייע דירה; דערנאָך האָב איך אויך די צװייטע דירה אַװעקגעװאָרפן, גענומען אַ דריטן פּאַס, און בכלל ניט געהאַט קיין איי־גענע דירה, נאָר גענעכטיקט אין אַ ליידיקער קװאַרטיר פון אַ „סימ־פּאַטיקער", װאָס איז געװען אַליין ערגעץ־װאו „אויף דאַטשע". אויף אַט דער דירה האָב איך געװאוינט מיט אַ צװייטן בחור, װאָס מען האָט ביי אונדז גערופן „מאַקס דער װייסער".

אַזוי װי אין דער דירה איז ניט געבליבן קיין מעבל (אין רוסלאַנד פלעגט מען פאָרן אויף די דאַטשעס מיט אייגענע מעבל), האָבן מיר אַװעקגעלייגט אויפן דיל אַ מאַטראַץ, און אויף דעם מאַטראַץ האָבן מיר געשלאָפן זאַלבעצװייט.

דורך אַט די אַלע מיטלען האָב איך טאַקע דערגרייכט, װי איך האָב שפּעטער פעסטגעשטעלט, אַז די פּאָליציי האָט װעגן מיר קיין זאַך ניט געװאוסט, און איך בין געבליבן ביז צום סוף אינגאַנצן ריין פון שפּיאָנאַזש. אָבער ניט דאָס איז דאָך געװען מיין צװעק: דער צװעק איז געװען — אויפצומונטערן די מ אַ ס ן ־ אַרבעט, און דאָס איז אונדז אין יענעם זומער בשום אופן ניט געלונגען: די פּראָװאָקאַציע איז גע־װען שטאַרקער פאַר אונדז (װי מיר האָבן שפּעטער פעסטגעשטעלט, איז טאַקע אין דער אָרגאַניזאַציע געװען אַ פּראָװאָקאַטאָר.)

דערפאַר אָבער איז גלענצנד געגאַנגען די אַרבעט צװישן דער אינ־טעליגענץ. מיר האָבן אין יענעם זומער אויפגעבויט אין װאַרשע אַ גאַנצע נעץ קרייזלעך פון סטודענטן, שילער, האַלב־אינטעליגענטן, א"אַ. אַ גרויסע הילף איז פאַר אונדז אין דער באַציאונג געװען דאָס הויז פון בראָניסלאַװ גראָסער (סלאָװעק). ער אַליין איז װייניק געװען אין װאַר־שע, אָבער דאָרטן איז געװען זיינע אַ שװעסטער, װאָס האָט געהאַט גרויסע באַציאונגען צװישן דער אינטעליגענץ, און דאָרטן זיינען געװען אַ ריי אַנדערע סטודענטן און אינטעליגענטן, װי די ברידער צ י ג ע, װאָס האָבן שטודירט אין װאַװעלבערגס שול, אָדער דער סטודענט מיכאַל װיינאַװער און אַ סך אַנדערע. אַ צװייטער שטיצפּונקט איז געװען די פּאַמיליע ב ר י ן . דאָס זיינען געװען קינדער פון אַ רייכן טאַבאַק־פאַבריקאַנט, װאָס זיינען אָבער אַלע געװען רעװאָלוציאָנער־ און בונ־דיסטיש־געשטימט. אין זייער הויז און דורך זיי האָב איך אָנגעקניפּט אַ גאַנצע ריי פאַרבינדונגען צװישן דער אָרטיקער אידיש־פּױלישער אינטעליגענץ. מיר פלעגן אויך אָפּטמאָל מאַכן קרייזלעך און קליינע רעפעראַטן פון 30-20 אינטעליגענטן הינטער דער שטאָט, אין דעם הויז

פון אַ אידישן גוטס-באַזיצער. עס איז געווען פּאַר מיר אַ זייער אינטערעסאַנטע און לעבעדיקע אַרבעט, ווערעם איך האָב דאָ באַשיינפּערלעך געזען דעם זעלביקן פּראָצעס וואָס איך האָב שוין איין מאָל באַאָבאַכט אין ריגע און אַ צווייטן מאָל — אין ציריך: דאָס סטיכישע, פון זיך אַליין, אַריינגליטשן זיך פון דער אידישער אינטעליגענץ אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

די דערפאָלגן צווישן דער אינטעליגענץ זיינען געווען אָנגענעם, אָבער אויף דער אַרבעטער-גאַס איז אונדזער לאַגע געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער: מיר האָבן זיך בשום אופן ניט געקאָנט אַרויסרייסן פון די אייזערנע נעצן פון דער פּראָוואָקאַציע. און יעדן טאָג זיינען צוגעקומען נייע וואונדן.

איך האָב זיך וועגן דעם ניט איין מאָל דורכגעשריבן מיטן צענטראַל-קאָמיטעט, אָבער יענער האָט אַלץ אָפּגעלייגט די פראַגע, געבעטן מיך ווייטער צו בלייבן. דאַן איז געקומען אַ מאָמענט, ווען דער צ. ק. אַליין האָט פאַרשטאַנען, אַז עס איז צו געפערלעך פאַר מיר ווייטער צו בלייבן אין ווארשע, און עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז איך זאָל דעריבער אַריבערפאָרן קיין ביאַליסטאָק. מיין אַריבערפאָר איז שוין געווען צוגעגרייט. אָבער מיט אַ מאָל זיינען אויפגעקומען נייע געשעענישן, וואָס האָבן אין גאַנצן איבערגעקערט אַלע מיינע פּלענער.

28

אין קאַמף קעגן פּראָוואָקאַציע

עס האָט געהאַלטן שמאָל מיט אונדזער אַרבעט אין ווארשע. דער קרייז און מענטשן, וועלכע מען האָט פעקאָנט אָנפאַרטרויען קאָנספּיראַטיווע טעכנישע זאַכן, איז געוואָרן אַלץ שמעלער און שמעלער. מען האָט געדאַרפט אַליין טאָן אַלץ, און דאָס איז שוין אַ שלעכטער סימן אין אַן אומלעגאַלער אָרגאַניזאַציע. עס איז מיר, למשל, איין מאָל אויםגעקומען צו גיין פּערזענלעך ראַטעווען דעם סקלאַד פון אונדזער אומלעגאַלער ליטעראַטור. דער דאָזיקער סקלאַד האָט זיך געפונען אונטער דער אויפזיכט פון אַ יונגן אידישן לערער (אָדער אפשר איז ער נאָך געווען יעמאָלט אַ סטודענט), ישראל ליכטענשטיין, — דעם זעלביקן, וואָס איז שפּעטער געוואָרן איינער פון די פירער פון „בונד" אין לאָדז און איז מיט עטלעכע יאָר צוריק פּלוצלונג געשטאָרבן אין אַמעריקע. ער האָט געשיקט צו אונדז פאַרצווייפלטע מעלדונגען, אַז זיין לאַגע איז ניט זיכער, אַז ער האַלט ביים דורכפאַלן און אַז מען מוז אים העלפן.

האָט ליכטענשטיין זיך געדונגען אַ צימער, ערגעץ-וואו אויפן פּערטן אָדער פינפטן עטאַזש, און האָט צוגעשטימט, אַז מען זאָל אין דעם דאָזיקן צימערל אַריבערפירן די ליטעראַטור. דאָס איז געווען אין יענעם מאָמענט זייער אַ גרויסע ריזיקע, נעמענדיק אין אַכט די פּראַ

וואָקאַציע, וואָס עס האָט זיך געפונען אָן שום ספק גאַנץ נאָנט צו דעם צענטער פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע. און אויף אַרי־בערצופירן די ליטעראַטור איז ניט געווען קיין שום אַנדערער, ווי איך, ד. ה. דער איינציק געבליבענער פירער פון דעם קאָמיטעט נאָך דעם אַרעסט פון אַלטערן. אָבער עס איז ניט געווען קיין אַנדער ברירה. זייענען מיר אַוועק אויף דער שוין כמעט אין גאַנצן דורכגעפאַלענער דירה, האָבן מיט אַ דרייסטן פּנים געהייסן דעם סטרוזש אַרויסטראָגן דעם שווערן קאַרב, אַוועקגעשטעלט אים אויף אַ דראָזשקע און אַוועקגעפאָרן אויף דער נייער דירה. און, פאַרשטייט זיך, די גאַנצע צייט געקוקט אויף צוריק, צי גייען ניט נאָך שפּיאָנען. אָבער עס איז אַלץ אַדורך בשלום, און אויף דער נייער דירה האָבן מיר שוין מיט גאָר אַ פריילעכן פּנים און מיט וויצן איבער די שווערקייט פון קאַרב, אין וועלכן עס ליגן סטודענטישע ביכער, געהאָלפן דעם סטרוזש אַרויפצוטראָגן די ליטעראַטור אויף די טרעפּ.

אויך מיט דער אומלעגאַלער דרוקעריי פון צ. ק., וואָס האָט זיך געפונען יעמאָלט אין וואַרשע, האָב איך געמוזט שטיין אין באַציאונגען: עס איז פשוט ניט געווען קיין אַנדערער, וועמען מען זאָל קאָנען אָנפאַרטרויען אַזאַ מין פאַראַנטוואָרטלעכע זאַך. און איך האָב ניט נאָר געהאַט באַציאונגען מיט די מענטשן, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער דרוקעריי, איך האָב אַפילו באַקומען אַ דערלויבעניש פון נחן צו באַזוכן די דאָזיקע דרוקעריי, און דאָס איז שוין געווען דער צייכן פון סאַמע העכסטן פאַרטרויען.

איך געדענק נאָך ביז היינט דעם געפיל, מיט וועלכן איך בין געגאַנגען אויף כלאָדנע גאַס, וואו די דרוקעריי האָט זיך געפונען. איך רייד שוין ניט וועגן דעם, אַז איך האָב אָנגענומען אַלע מעגלעכע מיטלען, כדי שפּיאָנען זאָלן מיר ניט נאָכגיין: געפאָרן מיט אַ איזוואָזשציק, דערנאָכדעם געגאַנגען צו פוס דורך פאַרשיידענע געסלעך, ביז איך בין ניט געווען אין גאַנצן זיכער, אַז איך בין „ריין”! אויך צוקומענדיק צו דער דירה, האָב איך געוואָרפן אַן אויג אויף רעכטס און אויף לינקס, כדי זיך צו איבערצייגן, אַז עס איז אין אָרדענונג. אָבער אַלץ איז געווען שטיל און רואיק אין אָט דעם טייל פון דער גאַס, און איך בין אַריינגעגאַנגען אין דעם טויער און אָנגעקלונגען מיט הארצקלאַפּעניש ביי יענער טיר, וואָס האָט געטראָגן דעם נומער פון דער דירה. מען האָט אויף מיר געוואַרט, און די טיר איז טאַקע גלייך געעפנט געוואָרן; און איך האָב דערפילט אַ דערלייכטערונג, ווען איך האָב דערזעען דעם באַקאַנטן פּנים פון סאָניען, וואָס איז געווען די „באַלעבאָסטע” פון דער דירה. דאָס איז געווען אַ יונג מיידל מיט אַ שמאָלן פּנים, מיט גרויסע שוואַרצע אויגן, אַ באַשיידענע און אַ שעמעוודיקע, אָבער פּאַקטיש זייער אַ מוטיקע און אַ פלינקע. זי האָט מיך אַריינגעלאָזן אין דער דירה, און איך האָב דערזעען אַ דירה פון צוויי צימערלעך, גאַנץ זויבער און ריין, וואָס האָט אויסגעזען פּונקט אַזוי ווי צענדליקער אַנדערע דירות

פון קליינבירגערלעכע פּאַמיליעס: די זעלביקע מעבל, די זעלביקע שטולן, אַלץ אַזוי, ווי אין אַ באַלעבאַטיש הויז. אויך אין צווייטן צימער איז געווען אַלץ נאָרמאַל, אָבער שלום, וואָס איז געווען דער „אָפּיציער" מאַן פון סאָניען און דער באַלעבאָס פון דער דירה, האָט מיט אַ שמייכעלע אויפגעמאַכט פאַר מיר דעם עסטיש, וואָס איז געשטאַנען אין צימער, און האָט מיר באַוויזן, אַז דאָס איז אַ גאַנץ גוט איינגעאָרדנעטער זעצקאַסטן. און ער האָט געעפנט דעם קליידער שראַנק, וואָס איז דאָרטן געשטאַנען, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָרטן ליגן אַלע דרוק־מכשירים, און דער שפּיגל, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט אין אַ שיינער ראַם, איז אין דער אמתן געווען די דרוק־פּלאַטע, אאַז"וו. עס פאַרשטייט זיך, אַז אויב די זשאַנדאַרמען וואָלטן געמאַכט אין דער דירה אַ ריכטיקע הויז־זוכונג, וואָלטן זיי דאָס אַלץ אַנטדעקט, אָבער פאַרן סטרוזש, אָדער פאַרן פּריסטאַוו, וואָס קומט אַריין צופעליק אין דער דירה, און מאַכט ניט קיין גרינטלעכע זוכונג, איז די דירה געווען פון אויבן אויף אין גאַנצן כשר און ריין. עס איז כדאי צוצוגעבן, אַז אָט די גאַנץ פּשוטע, אָבער גייסטרייכע טעכניק איז געווען די דערפינדונג און די אַרבעט פון אונדזער הויפּט־אינזשענער ישראל־מיכל קאַפּלינסקי, וואָס האָט זיך דערנאָכדעם אַרויסגעוויזן אַלס אַ געפערלעכער פּראָוואָקאַטאָר פון דער „אָכראַנע". אָבער דער מערקווירדיקער פּראָוואָקאַטאָר, וועגן וועלכן מיר וועט נאָך אויסקומען צו ריידן, פלעגט קיין מאָל ניט אַרויסגעבן דער פּאָליציי די בונדישע דרוקערייען, וועלכע ער אַליין פלעגט איינאָרדנען.

29

די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע שטייגט

די אַלגעמיינע פּאָליטישע לאַגע אין רוסלאַנד איז אין דעם מאָמענט געווען פאַר די רעוואָלוציאָנערן זייער אַ גינסטיקע: די באַוועגונג איז שטורמדיק געוואַקסן אין גאַנצן לאַנד. די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה, וואָס איז געגאַנגען זייער שלעכט פאַר רוסלאַנד, האָט מיט יעדן טאָג אַלץ מער אָפּגעשוואַכט דעם פּרעסטיזש און די מאַכט פון דעם רוסישן צאַריזם. מיר האָבן דאָס געפילט שוין אין דעם מאָמענט אין מערץ 1904, ווען איך בין אַוועקגעפאָרן פון זשענעווע קיין מינסק. תיכף ווי די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן (אין יאַנואַר 1904), האָבן מיר אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך אין זשענעווע גלייך פאַרשטאַנען, אַז די דאָזיקע מלחמה וועט האָבן אַן אומגעהייערע באַדייטונג פאַר רוסלאַנד און וועט זיין אַ מעכטיקע טרייב־קראַפט פאַר דער רעוואָלוציע. מיר האָבן ניט פאָראויסגעזעען, פאַרשטייט זיך, אַלע איינצלהייטן, אָבער מיר האָבן אינטואיטיוו פאַרשטאַנען, אַז דער רוסישער צאַריזם, וואָס איז עקאָנאָמיש און פּאָליטיש צעפוילט, וואָס האָט אַן

אומפּעאיקע אַדמיניסטראַציע און אַן אומצופרידן פאָלק, וועט מוזן שלעכט אָפּשניידן אין אַ מיליטערישן צוזאַמענשטויס מיט אַן אַנדער מלוכה. ווען איך בין אָפּגעפאָרן פון זשענעווע, האָט מען מיר איבער־געגעבן, אַז די איסקראָווצעס, — און צווישן זיי זיינען דאָך געווען יע־מאָלט אונדזערע גרעסטע פּאָליטיקער, — זיינען איבערצייגט, אַז אין עטלעכע חדשים אַרום וועלן מיר שוין אַלע זיין אין רוסלאַנד, אין אַ פרייעם רוסלאַנד. און טאַקע ווען איך האָב זיך געזעגנט מיט פאַר־שיידענע חברים, צווישן זיי אויך מיט טראָצקין, האָט מיר דער לעצטער געזאָגט: „אויף ווידערזען אין פּעטערבורג"!.

עס איז מערקווירדיק, אַז די דאָזיקע נביאות איז טאַקע מקוים גע־וואָרן: איך האָב זיך טאַקע מיט טראָצקין און מיט אַנדערע פריינד געטראָפן אין פּעטערבורג אין יאָר 1905, גלייך נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

אָבער שוין אין זומער 1904 האָבן מיר אין וואַרשע געפילט די אויפ־שטייגנדיקע כוואַליע פון דער דאָזיקער רעוואָלוציע.

איך האָב דאָס געפילט אין וואַרשע אין די גאַסן, ניט נאָר אין די אידישע קוואַרטאַלן, נאָר אויך אין די פּוילישע. איך האָב דאָס געפילט, ווען איך האָב געזען אין לאָדזש, וואו איך בין צוגעפאָרן אויף עטלעכע טעג, זעענדיק די אומגעהייערע קאַטוילישע מאַניפעסטאַציע אין דעם טאָג פון „באָזשע־טשיאַלאָ", וואָס איז געווען, אייגנטלעך, אַ ריין רע־ליגיעזע און, פון אונדזער שטאַנדפּונקט, אַ רעאַקציאָנערע דעמאָנ־סטראַציע, וואָס האָט אָבער אין איר אומגעהייערער מאַכט און ניט קלאָר פאָרמולירטער שטימונג אַרויסגעוויזן אַ קאַלטע און געפערלעכע שנאה צו די „מאָסקאַלעס". און די דאָזיקע שנאה איז אין יענעם מאָ־מענט געווען אַ רעוואָלוציאָנערער פאַקטאָר.

אָבער מיר איז אויסגעקומען אין דעם זומער אין וואַרשע צו זעען נאָך דייטלעכערע און דירעקטערע סימנים פון דער וואַקסנדיקער רע־וואָלוציאָנערער כוואַליע. ווען איך בין אין איינעם פון די יולי־טעג אַרויסגעגאַנגען אין דער פרי אויפן גאַס, האָב איך גלייך באַמערקט עפּעס אַן אויפרעגונג: מענטשן האָבן געכאַפּט צייטונגען און מיט נערוועזע זשעסטן געבלעטערט אין זיי. ווען איך האָב אַליין אומגעדול־דיק געעפנט אַ צייטונג, האָב איך דערזען, אַז אין דער פאַריקער נאַכט איז פאָרגעקומען אַן אויסערגעוויינטלעכע געשעעניש: די פּאָליציי האָט געוואָלט אַריינדרינגען אין אַ הויז, וואו עס האָט זיך, לויט די ידיעות פון דער אָכראַנע, געפונען אַן אומלעגאַלע דרוקעריי פון דער פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אָבער די מענטשן, וואָס האָבן זיך דאָרטן גע־פונען, האָבן געשטעלט אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, און דערביי זיינען דערשאָסן געוואָרן 2 פּאָליציי־אָפיצירן און אַ פּאָר געוויינטלעכע פּאָ־ליציאַנטן. געשאָסן האָט דער פּוילישער רעוואָלוציאָנער יאַן קאַספּ־שאַק, אַ פּאָליאַק פון פּרייסיש־שלעזיע, וואָס איז געקומען אומלעגאַל אַרבעטן אין רוסלאַנד. מיט אים צוזאַמען איז אין דער דרוקעריי גע־

ווען אַ אידישער סטודענט „קובא" (גאניעצקי), אַ שפּעטערדיקער באַל-שעוויסטישער קאָמיסאַר. די דאָזיקע דראַמאַטישע געשעעניש האָט אָנגעמאַכט אַן אומגעהייערן רושם אין גאַנץ וואַרשע. מען קאָן זיך פאָרשטעלן, וועלכע געפילן דאָס האָט אַרויסגערופן אויף דער אַרבעטער-גאַס, אויך צווישן די אידישע אַרבעטער.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז אין וואַרשע פאָרגעקומען די פייערלעכע לויה פון די דערשאָסענע פּאָליציאַנטן. די רעגירונג האָט באַשלאָסן צו פאַרוואַנדלען די לויה אין אַ גראַנדיעזער מיליטערישער דעמאָנ-סטראַציע, וואָס זאָל באַווייזן דער וואַרשעווער באַפעלקערונג די מאַכט פון דער רוסישער אַרמיי. דער גאַנצער מיליטערישער גאַרניזאָן פון וואַרשע האָט זיך באַטייליקט אין דער אומגעהייערער מאַניפעסטאַציע. פאָלקן נאָך פאָלקן אינפאַנטעריע האָבן מאַרשירט אין אַ פייערלעכער מיליטערישער פּראָצעסיע, מיט בלישצעדיקע באַגנעטן; אַרטילעריסטן זיינען געפאָרן רייטנדיק אויף פערד, און די רעדער פון זייערע האַר-מאַטן האָבן געדונערט אויף די וואַרשעווער ברוקן. פאָראויס האָבן געריטן אויף שטאָלצע פערד די גוואַרדיע-פּאָלקן, און דער גוואַרדיע-אָרקעסטער האָט אויף זילבערנע טרומייטן געשפּילט דעם טרויער-מאַרש פון שאָפּען. צענדליקער טויזנטער מענטשן זיינען געשטאַנען אין די גאַסן און שווייגנדיק געקוקט, ווי די שוואַרצע פערד האָבן גע-צויגן די שוואַרצע וואָגנס מיט די אויפגעשטעלטע אָרונס פון די דער-שאָסענע פּאָליציאַנטן, ווי די אומענדלעכע רייען פון רייטער און פוס-סאָלדאַטן האָבן זיך לאַנגזאַם באַוועגט פאָרווערטס.

אויך איך בין געשטאַנען אויף דעם ווינקל פון אַ גאַס און האָב גע-קוקט אויף דער גראַנדיעזער דעמאָנסטראַציע פון דער מיליטערישער מאַכט פון צאַריזם און האָב דאָס פאַרגליכן מיט דער קאַטוילישער דע-מאָנסטראַציע, וואָס איך האָב מיט עטלעכע טעג צוריק געזעען אין לאָדזש.

קוים האָט זיך וואַרשע באַרויקט נאָך דער מעשה-קאָספּשאַק, איז געקומען אַ נייע אויפטרייסלונג, אַ פיל-פיל שטאַרקערע, וואָס האָט שוין געווירקט ממש ווי אַ דונער: עס איז אָנגעקומען די טעלעגראַם, אַז עס איז דערהרגעט געוואָרן אין פּעטערבורג, דורך דעם רעוואָלו-ציאָנער יעגאָר סאַזאָנאָוו, דער אַלמעכטיקער מיניסטער פּ אָ ן פּ ל ע װ ע.

עס איז שווער צו באַשרייבן יענע קוים באַהאַלטענע פיבערהאַפטע אויפרעגונג, וואָס האָט זיך אין יענעם טאָג געשאַפן אין וואַרשע אין די הייזער, אין די גאַסן, אומעטום. מענטשן האָבן זיך געקושט אין די גאַסן, און הגם איך אַליין האָב אַזעלכע סצענעס אין וואַרשע ניט געזען, איז דאָך געווען צו באַמערקן, אַז אַלע מענטשן אין די גאַסן, אין די טראַמוואַיען, אין די קראָמען האָבן זיך איבערגעקוקט, אַזוי ווי מענטשן, וואָס האָבן אַ געמיינזאַמען סוד, וואָס פאַרשטייען איינער דעם אַנדערן אָן ווערטער. מען האָט איינער דעם אַנדערן צוגעשמייכלט, איינער אויף דעם אַנדערן אַ קוק געטאָן און ווידער אַראָפּגעלאָזן די אויגן, אַריינגע-

רוקט די קאָפּ אין צייטונג און ווידער איר אויפגעהויבן. אַן אויפגערעג־טע יום־טוב־שטימונג האָט זיך אַרומגעטראָגן אין דער לופט פון וואַרשע.

מיר, בונדיסטן־מאַרקסיסטן, זיינען געווען אי אויפגערעגט, אי צו־פרידן, אי אַ ביסל צעטומלט: מיר זיינען דאָך געווען פּרינציפּיעלע קעגנער פון טעראָר און אַטענטאַטן, און דעריבער האָבן מיר, אייגנט־לעך, זיך ניט געטאָרט פרייען צוליב סאַזאָנאָווס אַטענטאַט. אָבער צי איז דען געווען מעגלעך צו בלייבן גלייכגילטיק און ניט צו פרייען זיך איבער דעם טויט פון פּלעווען, דעם הענקער און מערדער, דעם מענטשן, וועלכן מען האָט באַטראַכט אַלס דעם הויפּט־שולדיקן אין דעם קעשע־נעווער פּאָגראָם? האָבן מיר זיך טאַקע געפרייט, וואַרשיינלעך אַלע, אָן אויסנאָם. און ווי איך האָב זיך פיל שפּעטער דערוואוסט, האָט דער אַטענטאַט אויף פּלעווען געמאַכט אַזאַ טיפן איינדרוק אפילו אויף אַזאַ שטרענגן און אָרטאָדאָקסאַלן מאַרקסיסט, ווי פּלעכאַנאָוו, אַז ער האָט אין יענעם מאָמענט אָנגעהויבן פאַרהאַנדלונגען מיט די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן (אָסיפּ מינאָר) וועגן אַ פאַראייניקונג צווישן סאָציאַל־דעמאָקראַטן און סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן.

די דאָזיקע געהויבענע שטימונג אין דער שטאָט, אָט די אַלע וויכ־טיקע געשעענישן, וואָס זיינען פאָרגעקומען צום טייל אין דער שטאָט וואַרשע גופא (די מעשה קאַספּשאַק) האָט געמאַכט אוממעגלעך פאַר דער בונדישער אָרגאַניזאַציע צו בלייבן ווייטער אין דער פּאַסיווער שטעלונג, צו וועלכער זי איז געווען געצוואונגען דורך דער פּראָוואָקאַ־ציע. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז וואָס עס זאָל זיך ניט טרעפן, און וואָס עס זאָל פון דעם ניט אַרויסקומען, טאָרן מיר מער ניט שווייגן. מיר מוזן אַרויסגיין צו די אידישע אַרבעטער מיט אַ פּאָליטישן אויפרוף, וואו מיר זאָלן זיי דערקלערן אָט די אַלע גרויסע געשעענישן.

האָב איך דעם אויפרוף אָנגעשריבן, אין די דרוקעריי פון צ. ק. פון „בונד", וואָס איז געווען אין וואַרשע, האָט אים אָפּגעדרוקט. מיר האָבן באַשטימט צענויפצורופן אַלע מיטגלידער פון דער צענטראַלער סכאָדקע און צעטיילן צווישן זיי די בלעטלעך, און יעדער פון זיי זאָל זיי דער־נאָך פערזענלעך פאַרטיילן צווישן נאָנטערע מיטגלידער, און יענע זאָלן דאָס ווייטער צעטיילן צווישן דער מאַסע, פון האַנט צו האַנט.

עס איז געווען אַ ריזיקאַלישע זאַך, אָבער מיר האָבן ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה: מען האָט עפּעס געמוזט טאָן! און דעם מאָל האָב איך באַשלאָסן ניט צו נעמען אין אַכט קיין שום „קאָנספּיראַציעס" און אויך אַליין צו באַטייליקן זיך אין דער דאָזיקער זיצונג.

30

דער אַרעסט

די פאַרזאַמלונג האָט געזאָלט פאָרקומען אין דעם גרויסן צימער פון אַ חבר אויף דער סווענטאָ־יערסקאַ גאַס. איינציקווייז זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אַהין די חברים, קוקנדיק פאָרזיכטיק אין אַלע זייטן.

אָבער קיין שום פּאַרדעכטיקע סימנים פון שפּיאָנאַזש זיינען ניט געווען צו באַמערקן. באַלד זיינען מיר אַלע געווען צוזאַמען, אַ מאַן 20, צווישן אונדז אויך עטלעכע פרויען. געעפנט די ציַטונג, געניו אויסגעאַרבעט דעם פּלאַן פון פּאַרטיילונג, דורכגערעדט זיך פּאָליטיש און נאָר גע־וואַרט אויף סאָניען, וואָס זאָל ברענגען פון דער דרוקעריי די אָפּגע־דרוקטע בלעטלעך. זיצן מיר אַזוי און ריידן גאַנץ שטיל און פרידלעך. מיט אַ מאָל דערהערן מיר האַסטיקע שריט אויף די טרעפּ, אונדזער טיר ווערט אויפגעריסן, און עס דערהערט זיך אַ געשריי אויף רוסיש: „אַט־אַט זיינען זיי!". און אין דער אָפענער טיר באַווייזן זיך דריי מענער: פּאַראָוויס אַ בלאָסער, אַ הויכער, אַ ביסל איינגעבויגענער יונ־גערמאַן מיט אַ ווייכער הוט און בלויע ברילן, אין ציווילע קליידער. און הינטער אים, אויך אין ציווילע קליידער, צוויי נידעריקערע גע־שטאַלטן מיט ברייטע פּלייצעס, מיט קיילעכדיקע האַרטע היט אויף די קעפּ, די רעכטע האַנט אין דער קעשענע: דעטעקטיוון פון דער אָכראַנע!

איך ווייס שוין ניט, צי דאָס איז געווען צוליב דער איבעראַשונג, צי, פאַרקערט, צוליב דעם, וואָס מיר זיינען אייגנטלעך געווען פּסיכאָ־לאָגיש צוגעגרייט צו אַזאַ מין פּסק, — אונדזער פאַרזאַמלונג איז גע־בליבן גאַנץ רואיק זיצן און קיין שום פּאַניק און קיין שום שרעק איז אין אונדזער צימער ניט אויפגעקומען. אין אַ רואיקן און שאַרפן טאָן האָב איך געפרעגט אויף רוסיש: ווער זיינען די הערן און וואָס ווילן זיי דאָ אין אונדזער צימער?

אָבער די „הערן" האָבן ניט געענטפערט, צוויי זיינען געשטאַנען ביי דער טיר, און זייער פירער, דער יונגערמאַן מיט די בלויע ברילן איז אַריין אין צימער און האָט אָנגעהויבן אויפמערקזאַם אונדז אַלע־מען צו באַקוקן. און הגם ער האָט געטראָגן בלויע ברילן, זיינען זיינע אויגן געווען שאַרף, שטעכעדיק און אומאַנגענעם, עכטע שפּיאָנען־אויגן.

איך האָב ווייטער געמאַכט דעם אָנשטעל פון אַן אומשולדיקן מענטשן, וואָס ווייס וועגן קיין שום זאַך ניט. מיט אַנטריסטונג האָב איך געפאָדערט פון אים אַן ענטפער, ווער ער איז און ווי אַזוי ער דערוועגט זיך דאָס אַריינצוגיין צו אונדז אין צימער?! ער האָט צו־ערשט ניט געענטפערט קיין וואָרט און האָט נאָר דורכדרינגלעך גע־קוקט פון איינעם צום צווייטן. אָבער מיר זיינען געווען פונדעסטוועגן אַ טויך געזונטע יונגעלייט, און מיין טאָן איז געוואָרן אַלץ ענערגישער און שאַרפער. האָט ער ענדלעך געענטפערט, אַז זיי זיינען געקומען מאַכן אַ הויז־זוכונג. האָב איך פאַרלאַנגט פון אים אַ שריפטלעכן באַ־פעל. ענטפערט ער מיט אַ שמייכעלע: „איר וועט שוין קריגן דעם באַפעל, זאָרגט זיך ניט!" און האָט אַ זאָג געטאָן צו זיינע אַגענטן, זיי זאָלן אָנהייבן די זוכונג. אויף דערויף האָב איך דערקלערט, אַז מיר וועלן דאָס ניט דערלויבן, אַזוי לאַנג, ווי ער וועט ניט ברענגען אַ באַפעל

און ווי עס וועט ניט קומען אָפיציעלע פּאָליציי. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר און די אַנדערע, האָט דערזעען, אַז מיר זיינען ניט איבער־געשראָקן, האָט געזעען, אַז מיר זיינען צוועלף, און זיי זיינען נאָר דריי, ער האָט זיך ווארשיינלעך דערמאָנט וועגן דער מעשה־קאַספּשאַק, וועלכע איז געווען נאָך פריש אין זכרון, און האָט באַשלאָסן ניט צו רי־זיקירן. האָט ער איינעם פון זיינע אַגענטן געהייסן גיין אין פּאָליציי־רעוויר און ברענגען אַ פּריסטאַוו מיט פּאָליציאַנטן. דער צווייטער איז געבליבן שטיין ביי דער טיר, מיט דער רעכטער האַנט אין דער קע־שענע, וואו ער האָט זיכער געהאַט אַ רעוואָלווער, און דער פירער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין עק צימער ביי אַ טישל און האָט געעגבערט יעדן פון אונדז מיט זיינע שאַרפע אויגן.

צוליב וואָס איך האָב באַשלאָסן צו שפּילן אָט די גאַנצע קאָמעדיע, ווייס איך אַליין ניט. ווארים וואָס האָבן מיר שוין געקאָנט אויספירן? עס איז געווען אַן אינסטינקטיווער געפיל, אַ געפיל פון פּראָטעסט און קאַמף: ניט אונטערגעבן זיך אָן קאַמף, ניט לאָזן זיך איינשרעקן, אויפ־האַלטן די שטימונג פון די חברים. דערצו איז שפּעטער צוגעקומען אַ צווייטער געדאַנק, שוין אַ פּראַקטישער: אויסנוצן די עטלעכע מינוט, ביז צום אָנקומען פון פּריסטאַוו, כדי צו פאַרניכטן פאַרשיידענע צעט־לעך, אַדרעסן און דאָסגלייכן, דער עיקר אָבער, האָב איך געציטערט, אַז עס זאָל ניט אָנקומען סאָניע מיט די בלעטלעך פון דער דרוקעריי, און אַז עס זאָל, אַזוי אַרום, ניט דורכפאַלן די דרוקעריי פון צ. ק. אויב מען וועט געווינען צייט, און עס וועט אָנלויפן אַ סך פּאָליציי, וועט אפשר סאָניע באַמערקן, אַז דאָ איז ניט כשר, און וועט ניט אַריינגיין אין דער וואוינונג. אַזוי איז דאָס, צום גליק, טאַקע געווען. ווען סאָניע איז גע־קומען צו אונדזער הויז, אָנגעטאָן ווי אַ פּשוטע אידענע, מיט אַ טיכל אויפן קאָפּ, און מיט אַ קערבל אין האַנט, וואו פון אויבן, איבער די בלעטלעך, זיינען געלעגן קאַרטאָפל און בוריקעס, — איז שוין דער הויף געווען פול מיט פּאָליציאַנטן. איז זי אַריינגעגאַנגען רואיק אין הויף, אַריין אויף אַן אַנדער טרעפּ, ניט אויף אונדזערער, און איז דאָרטן גע־בליבן שטיין מיט אַנדערע נייגעריקע אידענעס, וואָס האָבן זיך צוגע־קוקט צו דעם, ווי די פּאָליציסטן האָבן אַוועקגעפירט אַרעסטירטע רע־וואָלוציאָנערן.

אָבער איך האָב ניט געוואוסט, אַז סאָניע וועט זיין אַזוי פלינק און פינדיק, און בין דעריבער געזעסן אויבן „אין געהאַקטע וואונדן". פאַר דער צייט האָבן מיר אַלע זיך צענויפגעקליבן אין איין עק צימער, לאָזנדיק דעם אָכראַניק זיצן אין אַנדערן עק צימער, און האָבן זיך שטי־לערהייט דורכגערעדט, ווי אַזוי צו האַלטן זיך ביים פאַרהער, וואָס צו ענטפערן, אאַז"וו. אין דער זעלביקער צייט האָט יעדערער פון אונדז געשלעפּט פון די קעשענעס צעטלעך און זיי פאַרניכטעט, אַזוי אַז די אָכראַניקעס זאָלן דאָס ניט זען. וואו טוט מען אָבער אַהין די צעריסענע פּאַפּירלעך? איז אויפן טיש געלעגן אַ גרויסער לאַבן ברויט, האָט מען

פונעם לאַבן אַרויסקאָלופּעט פון אינעווייניק דאָס ווייכע ברויט, אַריינ־געדרוקט אין דעם לאָך די צעריסענע צעטלעך און פאַרשטאָפּט צוריק מיט אַ שטיק ווייכע ברויט. דאָס אַלץ האָבן געטאָן אַ פּאָר מענטשן וואָס זיינען געזעסן פון הינטן. פון פאָרנט זיינען זיי פאַרשטעלט גע־וואָרן פון שטייענדיקע חברים, וואָס האָבן זיך אין דער הויך דורכגע־רעדט וועגן פאַרשיידענע גלייכגילטיקע זאַכן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז די שפּיאָנען האָבן געזען, אַז דאָ טוט זיך עפּעס, אָבער זיי זיינען געווען אין גאַנצן זאַלבעצווייט און האָבן ניט געוואַגט צו מאַכן קיין שום שטיק.

נאָך עטלעכע מינוט זיינען פאַרגאַנגען, און מיט אַ מאָל זיינען דער הויף און די טרעפּ פאַרהילכט געוואָרן מיט אַ געפּילדער, אַ ליאַרעם, מיט אויסגעשרייען, מיט שווערע טריט פון סאָלדאַטסקע שטיוול, און אין צימער האָט זיך אַריינגעריסן אַ מחנה אויפגערעגטע וואַרשעווער פּאָליציאַנטן. בראש איז געגאַנגען אַ הויך געוואַקסענער פּאָליציי־אָפיציר, אַ פּריסטאַוו, מיט אַ לאַנגווייליקן פּנים, מיט אַ מינע פון אַ מענטשן, וואָס איז אין גאַנצן ניט אינטערעסירט אין דער זאַך.

אין דעם מאָמענט, ווען עס זיינען אַריינגעקומען די פּאָליציאַנטן, האָט זיך, נאַטירלעך, געביטן די גאַנצע אַטמאָספערע: עס זיינען שוין לאַנג אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, וואָס זיינען ליידער געווען אין גאַנצן באַגרינדעט, אַז די וואַרשעווער פּאָליציי שלאָגט ביי די אַרעסטן און ביים פאַרהערן די אַרעסטירטע. איידער די פּאָליציאַנטן זיינען נאָך אָנגעקומען, האָבן מיר שטילערהייט באַשלאָסן, אַז אויב די פּאָליציי וועט זיך דערוועגן אַ ריר צו טאָן איינעם פון אונדז, וועלן מיר אַלע געבן אַ פאַרצווייפלטן ווידערשטאַנד, ניט גערעכנט זיך מיט קיינע שום רע־זולטאַטן. מיר זיינען ניט ערגער פאַר די פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וואָס דערלויבן ניט, אַז מען זאָל זיי באַליידיקן.

די פּאָליציאַנטן האָבן, ווי עס ווייזט אויס, דערפילט, ווי געניטע מענטשן, די שטימונג, וואָס האָט געהערשט אין אונדזער צימער. און מיר האָבן זיך אויך געהאַלטן אַזוי, אַז ביי דער פּאָליציי איז נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן דער איינדרוק, אַז מען האָט דאָ צו טאָן ניט מיט געוויינטלעכע אידישע יונגעלייט, וועלכע מען קאָן שלאָגן און באַליי־דיקן. מיר האָבן קודם כל תיכּף פּראָטעסטירט קעגן דעם, אַז די פרויען, וואָס האָבן זיך געפונען אין צימער, זאָלן ווערן אונטערזוכט פון פּאָ־ליציאַנטן. מיר האָבן זיך באַרופן אויף דעם רוסישן געזעץ, וואָס פאַר־לאַנגט, אַז קערפּערלעכע אונטערזוכונגען פון פרויען זאָלן ניט געמאַכט ווערן פון מענער. עס פאַרשטייט זיך, אַז אין אַן אַנדער צייט וואָלטן זיך די פּאָליציאַנטן פון אונדז אויסגעלאַכט און וואָלטן געטאָן אַלץ וואָס זיי וואָלטן געוואָלט. אָבער אונדזער אַרעסט איז פאָרגעקומען נאָך דער מעשה־קאָספּשאַק און נאָך דער דערמאָרדונג פון אינערן־מיניסטער פּלעווע. און אפשר איז אויך געווען אונדזער גליק, וואָס דער הויכער פּריסטאַוו מיט דעם לאַנגווייליקן פּנים איז ניט געווען יענער פּריסטאַוו,

וואָס פלעגט שטענדיק קומען צו די אַרעסטן. וועגן יענעם האָט מען דערציילט, אַז דאָס איז ממש אַ גזלן, אונדזערער איז אָבער, ווי עס ווייזט אויס, געווען ווייכער און איידעלער. מיט איין וואָרט, די פּאָליציי האָט נאָכגעגעבן אַלע אונדזערע פאָדערונגען: די פרויען האָט מען קערפּערלעך ניט אונטערזוכט, מען האָט קיינעם ניט געשלאָגן, און האָט אונדז אַלעמען אויסגעפרעגט אויף אַן אָנשטענדיקן אופן.

ווען עס איז געקומען צו פאַרשרייבן אונדזערע נעמען, האָבן צוויי פון אונדז, דער האָמלער זאַרכי און איך, באַשלאָסן דערוויילע ניט אָנצורופן אונדזערע נעמען און אַדרעסן: מיר האָבן ניט געוואָלט, אַז אין אונדזערע צימערן זאָל די פּאָליציי געפינען די פאַלשע פּאַספּאָרטן, וואָס מיר האָבן געהאַט. (אויף דער פאַרזאַמלונג זיינען מיר בכיוון געקומען אָן שום פּאַפּירן).

איך האָב געענטפערט, אַז קיין דירה אין וואַרשע האָב איך ניט, איך בין אָקערשט געקומען פון אויסלאַנד, געקומען אויף דער דירה זעען זיך מיט באַקאַנטע, וועלכע איך האָב דאָ ליידער ניט געטראָפן, און אַז מיין נאָמען איז „איקס" („עקס" אויף ענגליש). אומגעפער דאָס זעלביקע האָט געענטפערט זאַרכי.

דורכדרינגנדיק און שאַרף האָט געקוקט אויף אונדזביידן דער יונגערמאַן מיט די בלויע ברילן. ווי עס ווייזט אויס, האָט ער זיך געמיט צו דערמאָנען זיך, צי האָט ער אונדזערע פאָטאָגראַפיעס שוין געזען אין דעם אַלבום פון די געזוכטע רעוואָלוציאָנערן, וואָס איז פאַראַן אין דער אָכראַנע. אַז מיר זיינען ניט קיין וואַרשעווער, האָט ער גלייך פאַרשטאַנען, לויט אונדזער שפּראַך און לויט אונדזער גאַנצן באַנעם. אַז מיר זיינען רעוואָלוציאָנערן, האָט ער פאַרשטאַנען פון אונדזער האַלטונג, — אָבער ו ו ע ר מיר זיינען, — האָט ער בשום אופן ניט געקאָנט אויסגעפינען אין דעם מאָמענט. האָט ער שווייגנדיק געקוקט און געטראַכט, און געקוקט.

דער דאָזיקער יונגערמאַן, וואָס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער וואַרשעווער אָכראַנע, איז שפּעטער געוואָרן באַרימט: דאָס איז געווען מיכאַאיל ב אַ ק אַ י, וואָס איז שפּעטער אַריבערגעגאַנגען, גלייכצייטיק מיט אַ צווייטן אָכראַניק, מ ע נ ש י ק אָ ו ו, צו די רעוואָלוציאָנערן און האָט זיי אַרויסגעגעבן די נעמען פון אַ ריי געפערלעכע פּראָוואָקאַטאָרן (צווישן זיי אַזעוו און קאַפּלינסקי). אָבער אין יענעם מאָמענט איז ער נאָך געווען אַ כשרער אָכראַניק, און אַזוי איז ער געבליבן אין מיין זכרון.

ער האָט זיך דורכגעשמועסט שטילערהייט מיט דעם פּריסטאַוו און האָט געהייסן אונדז אַלעמען אָפּפירן אין פּאָליציי-רעוויר, וואָס איז געווען ניט ווייט פון אונדזער הויז. פאַרוויילז זיינען מיר געגאַנגען אַראָפּ איבער די טרעפּ, הינטער יעדער פּאָר אַ פּאָליציאַנט. און דאָ איז כאַראַקטעריסטיש יענע געהויבענע אַקטיוו-רעוואָלוציאָנערע שטימונג, אין וועלכער מיר האָבן זיך אין יענעם מאָמענט געפונען: ווען איך

לאָז זיך אַראָפּ גאַנץ אונטן, אויפן ערשטן פלאָר, דערזע איך מיט אַמאָל אויף רעכטס אַ טירל, וואָס פירט צום קעלער. איך גיב שנעל אַ קוק אויף צוריק, מיין פּאָליציאַנט האָט זיך נאָך ניט אַראָפּגעלאָזן פון צווייטן פלאָר, איך זע נאָר זיינע פיס, זיין קאָפּ זע איך נאָך ניט. הייסט דאָס, אַז ער זעט מיך אויך ניט. גיב איך זיך שנעל אַ דריי אויף רעכטס און גיי שטיל אַראָפּ אין קעלער, פאַרמאַכנדיק הינטער זיך די טירל: ווער ווייס, טאָמער וועט זיך איינגעבן?! איך שטיי שטיל אין אַ טונקלען ווינקל און וואַרט. אָבער מיט אַ מאָל דערהערן זיך קולות: מיין פּאָליציאַנט האָט באַמערקט, אַז איך בין ניטאָ. אָנגעהויבן זיך אַ געלאַף, אַ געטראַמפּל, אַ קלאַפּעניש מיט די טירן, און אין אַ פּאָר מינוט אַרום עפנט זיך אויף אויך די טירל פון קעלער און עס מאַרשירן אַריין צוויי פּאָליציאַנטן מיט רעוואָלווערן אין די הענט: „אַ, אַט ביסטו, שיינער חפץ, וואָס מאַכסטו דאָ?” איך מאַך זיך תמעוואַטע, אָבער די האַרץ קלאַפּט מיר, וואָרים אַט דאָ, אין טונקעלן קעלער, איז דאָך די בעסטע געלעגנהייט פאַר די פּאָליציאַנטן צו שלאָגן אַן אַרעסטירטן, און בפרט נאָך אַזאַ, וואָס פּרובירט אַנטלויפן. און איך שטעל זיך אינסטינקטיוו אין אַ פּאָזע, כדי צו קאָנען זיך פאַרטיידיקן און געבן צוריק. אָבער היינט איז עפּעס אַ גליקלעכער טאָג: די פּאָליציאַנטן באַנוגענען זיך מיט דראָאונגען און פירן מיך אַרויס פון קעלער. איצט זיינען מיר שוין אַלע אויסגעשטעלט אין אַ לאַנגער ריי, פּאַרוויז, אויפן גרויסן הויף, אַרומגערינגלט מיט אַ דאָפּלטער קייט פון פּאָליציאַנטן. אַלע פענצטער זיינען שוואַרץ מיט קעפּ, אין אַלע טירן שטייען קופּקעס מענטשן, מען פירט אונדז אין אַ פייערלעכער פּראָצעסיע צום רעוויר. די גאַנצע גאַס, און פאַרשטייט זיך, דער גאַנצער אידישער קוואַרטאַל ווייס שוין וועגן אונדזער אַרעסט: אַזעלכע נאַכריכטן פאַרשפּרייטן זיך מיט דער גיכקייט פון אַ טעלעגראַף. הייסט דאָס, אַ סאַניע איז געראַטעוועט, גיב גיב איך מיט אַמאָל אַ טראַכט: אויב זי איז ניט געקומען ביז איצט, וועט זי שוין איצטער געוויס ניט קומען. אַזוי איז דאָס טאַקע געווען: צווישן אַט די אַלע אידענעס, וואָס זיינען געשטאַנען אין טויער און געקוקט אויף אונדז, איז געווען אויך אונדזער סאַניע, מיט אַ פאַרקלעמטן האַרץ, אָבער אַ רואיקע און געלאַסענע.

בשעת מען האָט אונדז געפירט צום רעוויר, האָבן די גענייטערע וואַרשעווער בהורים געמיינט, אַז אַט דאָ וועלן מיר האָבן דעם פּסק: דאָרטן וועט אונדז באַגעגענען דער צווייטער פּריסטאַוו, דער רוצח, און דאָ וועלן מיר שוין מוזן אויספּרובירן דעם טעם פון קלעפּ. און טאַקע אין דער אמתן, וואָס נענטער מיר זיינען צוגעקומען צום רעוויר. אַלץ פרעכער און דראָענדיקער איז געוואָרן די האַלטונג פון די פּאָליציאַנטן: אַט דאָ וועט מען אייך ווייזן, ווער עלטער איז, איר וועט שוין אויפהערן צו מאַכן קונצן!

אָבער עס האָט געטראָפן אַ נס: אויך אין רעוויר האָט מען אונדז ניט געטשעפּעט, מען האָט אונדז געבראַכט אַלע צוזאַמען אין אַ גרויסן

צימער, איינעם פון די פּאַליציאַנטן האָבן מיר געגעבן געלט, און ער האָט אונדז געבראַכט ברויט, וואורשט, אוגערקעס, און מיר זיינען געזעסן גאַנץ רואיק, און אַלץ ווידער און ווידער זיך אומגעקערט צו דער פראַגע: ווער האָט אונדז אַרויסגעגעבן? ווי אַזוי זיך צו האַלטן ביי די פאַרהערן און אין דעם פאַל, ווען מען וועט אונדז אָנהייבן צו שלאָגן? די פענצטער פון צימער, וואו מען האָט אונדז געהאַלטן, זיינען אַרויס אויף אַ גרויסן הויף, וואו עס זיינען געוועזן נאָך אַנדערע וואוינונגען, אַחוץ דעם פּאַליציי־רעוויר. און אָט אויף דעם הויף האָט זיך מיט אַ מאָל אַנטוויקלט אַ מערקווירדיקער פאַרקער: לויט דעם וואָרשעווער שטייגער (איך ווייס ניט, ווי איצט, אָבער אין יענע יאָרן איז דאָס געווען אַזוי), האָבן זיך אין יעדן הויף געפונען עפנטלעכע טואַלעטן, וואו יעדער האָט געקאָנט פריי אַריינגיין פון גאַס. און אָט אויף אונדזער הויף האָט זיך מיט אַ מאָל באַוויזן אַזאַ מחנה מענטשן, וואָס האָבן זיך געניי טיקט דרינגענדיק אין אַ טואַלעט, ווי דאָס איז וואַרשיינלעך נאָך קיין מאָל ניט געווען אין דער געשיכטע פון וואַרשע. דאָס איז געווען די בונדישע חברה, וואָס האָט זיך דערוואוסט וועגן אונדזער אַרעסט און וואָס האָט געוואָלט דורכן פענצטער אַריינכאַפּן אַ קוק אויף אונדז אָדער דורכשמועסן זיך מיט אונדז מיט די הענט. די פּאַליציאַנטן האָבן דאָס באַלד באַמערקט און מען האָט אַלעמען אַרויסגעטריבן פון הויף, אָבער דאָס, וואָס מען האָט געדאַרפט, האָט מען שוין איבערגעגעבן: די אָרגאַניזאַציע האָט גענוי געוואוסט, ווער עס איז אַרעסטירט, וואָס מען האָט ביי אונדז געפונען, אאַז״וו.

אומגעפער אין אַ שעה אַרום זיינען אַריין צוויי פּאַליציאַנטן און האָבן געהייסן דעם הערן „איקס״, ער זאָל גיין מיט זיי. געזעגנט זיך און צעקושט זיך מיט די חברים, צום לעצטן מאָל געהייסן זיי בלייבן פעסט, און אַוועק אויפן גאַס. דאָ האָט שוין געוואַרט אַ דראָזשקע. מען האָט מיך אַריינגעזעצט אין מיטן, צוויי פּאַליציאַנטן האָבן זיך אַוועקגעזעצט פון די זייטן, די הענט אויף די שווערדן, און מען האָט זיך אַ ריר געטאָן אין וועג. וואוהין?

מיר קירעווען אַריין פון דער הויפּטגאַס אין אַ זייטיקע געסל, דערנאָך אין אַ צווייטער, איך פאַרשטיי נאָך אַלץ ניט, וואוהין דער וועג פירט, אָבער איינס זע איך, אַז אויף די געסלעך טוט זיך עפּעס: עס איז שוין האַלב־פינצטער, און אין דער דונקלקייט זע איך, ווי עס לויפן עפּעס פון אַלע זייטן טונקעלע שאָטנס. אַ קורצזיכטיקער בין איך, אָבער פונדעסטוועגן האָב איך גלייך דערקאָנט, אַז דאָס זיינען אונדזערע בחורים: אַהאַ, הייסט דאָס, אַז מען וויל מיך באַפרייען אונטערוועגס צו דער תפיסה! איך קוק זיך אַרום: מיינע צוויי באַגלייטער זיינען אויך אומרואיק געוואָרן און האַלטן מיך אַלץ פעסטער פאַר די הענט, און קנעפּן אויף די רעוואָלווערן. מיר פאָרן אַרויס עפּעס אויף אַ פּלאַץ און דאָ, ביי דער ליכט פון אַ לאַנטערנע, שפּרינגען מיט אַמאָל אַרויס פון הינטער אַ מויער צוויי יונגעלייט, כאַפּן אָן דאָס פערד פאַר די לייַ־

צעם און שרייען צו מיר מיט ווילדע קולות, איך זאָל לויפן. אַז מען דאַרף לויפן, האָב איך פאַרשטאַנען אָן זייערע קולות אויך. אָבער ווי אַזוי טוט מען דאָס? איך זיץ אין וואָגען איינגעקלעמט צווישן צוויי געזונטע פּאָליציאַנטן, וואָס האַלטן מיך פאַר די הענט און זיינען באַוואָפנט מיט רעוואָלווערן און שווערדן. אמת, אַ יונג בין איך געווען יעמאָלט אַ געזונטער און אַ פלינקער, אָבער פונדעסטוועגן איז דער „דזשאָב" געווען אַ צו שווערער און, פריער פאַר אַלץ, אַ צו ריזיקאַלישער. וואָרים אויף די שיסערייִ און די פייפעריי פון די צוויי פּאָליציאַנטן וואָלטן גלייך אָנגעלאָפן פון אַלע זייטן נאָך אַ סך אַנדערע, און עס וואָלט געקאָנט פון דעם אַרויסקומען אַ גרויסער אומגליק פאַר די חברים, וואָס האָבן מיר געוואָלט באַפרייען. די צוויי, וואָס האַלטן דעם פערד, האַלטן אין איין שרייען, פון דער ווייטן זע איך נאָך אַ פּאָר פיגורן, אָבער דאָס איז אַלץ צו ווייניק, כדי מען זאָל קאָנען גובר זיין מיינע פּאָליציאַנטן און באַפרייען מיך אָן צו פיל קרבנות.

ווי שווער עס איז מיר ניט געווען אויפן האַרצן אין דעם מאָמענט, האָב איך אַ געשריי געטאָן צו די חברים, זיי זאָלן אַנטלויפן, אַז מען קאָן קיין זאַך ניט מאַכן. זיי האָבן מיר געפאָלגט, און אין אַ פּאָר מינוט אַרום בין איך מיט מיינע שומרים אַוועקגעפאָרן ווייטער, — מיט אַ שווערן האַרצן, אָבער דאָך מיט אַ גרויסער אינעווייניקסטער באַפרידיקונג: פאַרט טייערע יאַטן, מיינע בונדיסטן! ניט איבערגעשראָקן זיך, ריזיקירט אַזאַ מין זאַך, אַרויסגעוויזן מוט און אמתע געטריישאַפט!

די ערשטע טורמעס

1

מיינע וואַרשעווער תפיסות: ראַטוש. — אַכראַנע

די אורזאַך, וואָס איך האָב אַזוי לאַנג ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואוהין מען פירט מיך, איז געווען די, וואָס אין וואַרשע זיינען פאַר פאָליטישע אַרעסטירטע געווען צוויי תפיסות: דער באַרימטער „פּאַוויאַק", וואו עס זיינען געזעסן דאָס רוב אַרעסטירטע פאַר פּאָליטישע פאַרברעכנס, און דער „10-טער פּאַוויליאָן", אָדער דער „ציטאַדעל", וואו עס זיינען געזעסן נאָר געציילטע, באַזונדערס „געפערלעכע" פּאָליטישע פאַרברעכער. בשעת מען האָט מיך געפירט פון רעוויר, האָב איך זיך געריכט אָדער אויפן פּאַוויאַק, אָדער אויפן 10-טן פּאַוויליאָן. געבראַכט האָט מען מיך אָבער אין „ראַטוש", וואָס דאָס איז געווען אַ תפיסה פאַר געוויינטלעכע קרימינעלע פאַרברעכערס. די מעשה פון דעם האָב איך פאַרשטאַנען ערשט אין צוויי טעג אַרום.

דאָס איז געווען מיין ערשטער אַרעסט און מיין ערשטע תפיסה. קיין שום דערפאַרונג האָב איך אַליין נאָך ניט געהאַט, אָבער איך האָב געהערט וועגן די דאָזיקע זאַכן גענוג פון אַנדערע חברים. האָב איך אין אַלגעמיין געוואוסט, ווי אַזוי מען דאַרף זיך באַנעמען און אויפפירן ביי אַזוינע „געלעגנהייטן". נאָך אין דער וואוינונג, וואו מען האָט אונדז אַרעסטירט, איידער מען האָט אונדז קערפּערלעך אַרומגעזוכט, האָב איך, לויט די אָנווייזונגען פון געניטע חברים, אויסגעפונען אין מיינע קליידער אַ פאַרבאַהאַלטענעם ווינקל, וואָס מען קאָן צו אים שווער דערגרייכן, און האָב אַהין אַריינגערוקט אַ ביסל זילבערגעלט, אַ שטיקל בליישטיפט, אַ שטיקל פּאַפּיר און — אַ גאָלדענעם רינג, וואָס איך האָב צופעליק אין יענעם טאָג געהאַט אויף מיין פינגער. בדרך כלל, קאָן איך ניט ליידן קיין רינגען און איך האָב קיין מאָל אין מיין לעבן קיין רינגען ניט געטראָגן, אפילו קיין חתונה-רינג אויך ניט. אָבער דווקא אין דעם טאָג פון אַרעסט, איידער איך בין געגאַנגען צו דער זיצונג, איז צו מיר צוגעשטאַנען בערל דער פריקאַזשציק, זייער אַ וואוילער און ליבער חבר, וואָס האָט זיך צו מיר באַצויגן מיט באַזונדערער סימפּאַטיע, און האָט מיך געבעטן איך זאָל ניט אַנדערש נעמען אַלס אַן אָנדענק פאַר מיין אָפּפאָרן קיין ביאַליסטאָק פון אים אַ מתנה, —

אַ גאָלדענעם רינג, וואָס ער פלעגט שטענדיק אַליין טראָגן. איך האָב דאָס בשום אופן ניט געוואָלט נעמען, מיר האָבן זיך געראַנגלט אַהין און אַהער. כדי אים צו איבערציינגן, אַז איך קאָן עס ניט פאַרטראָגן, האָב איך אָנגעטאָן דעם רינג אויפן פינגער און — האָב אים אין גאַנצן פאַרגעסן. בשעת איך האָב באַמערקט, אַז איך האָב דעם רינג אויפן האַנט איז שוין געווען צו שפּעט. ניט וועלנדיק, אַז דער רינג זאָל גיין פאַר־לוירן ביי דער פּאָליציי, און האַבנדיק אויך דעם אינסטינקטיוון געפיל, אַז אין פאַל פון אַנטלויפן קאָן אַזוינס צוניצקומען (און וועגן אַנטלויפן האָב איך ניט אויפגעהערט צו טראַכטן אפילו איין איינציקע מינוט), האָב איך בערלס רינג אויך באַהאַלטן אין דעם געהיימען אָרט.

אין דער ראַטושער תּפיסה האָבן די וועכטער מיך נאָך אַ מאָל גאַנץ שטרענג אַרומגעזוכט, האָבן אָבער מיין באַהעלטעניש ניט אַנט־דעקט, און אַזוי, אָן אַ מאַנטל, אָן אַ היטל, אָן אַ קישן, אָן אַ קאָלדרע, אָן שום עסנוואַרג און אָן געלט האָט מען מיך אַריינגעפירט אין אַ לאַנגן טונקעלן קאָרידאָר, געפּעפּנט מיט גרויס געפּילדער און ליאַרעם אָן איי־זערנע טיר און אַריינגעלאָזן מיך אין אַ גרויסער, אָבער האַלב־טונקעלער תּפיסה־קאַמער. 40 פּאָר נייגעריקע אויגן זיינען געווען אויסגעשטעלט אויף מיר, ווען איך האָב זיך באַוויזן אויפן שוועל פון דער קאַמער. עס איז שוין געווען אָוונט, די געפאַנגענע האָבן שוין געהאַט אָפּגעגעסן און האָבן זיך געגרייט צו גיין שלאָפן. דער גרעסטער טייל איז געלעגן אויף הילעצרנע „נאַרעס", אויף שטרויענע זעק, צוגעדעקט מיט גרויע אַרעס־טאַנטסקע קאָלדרעס. אַ טייל איז נאָך געזעסן אויף די נאַרעס און האָט געשמועסט צווישן זיך. ווי נאָר דער וועכטער איז אַרויס און האָט פאַר־שפּאַרט די טיר, בין איך אַרומגערינגלט געוואָרן פון די אַרעסטאַנטן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גענויער פאַרהער, פיל גענויער, ווי פון די זשאַנדאַרמען. איך האָב געוואוסט פון מער געניטע חברים, אַז מען דאַרף זיך מיט די קרימינעלע אַרעסטאַנטן ניט קריגן, פאַרקערט, מען דאַרף זעען צו ווערן מיט זיי גוט־פריינט, ווייל דאָס קאָן זיין אַמאָל אַ גרויסער נוצן אין פאַרשיידענע תּפיסה־ענינים. אָבער די ראַטושע־תּפיסה איז געווען אַזאַ, וואו קיין פּאָליטישע זיינען אין יענע יאָרן קיין מאָל ניט געזעסן. די „באַפעלקערונג" פון מיין קאַמער איז געווען דאָס רוב וואַרשעווער גנבים, לאָבוזן, סוטעניאָרן, „אַלפאָנסן", גאַסן־יונגען. דערקלערן זיי וואָס עס הייסט אַ פּאָליטישער אַרעסטאַנט, און פאַר וואָס איך האָב קיין קליידער ניט, און קיין געלט ניט און קיין פּאַ־פּיראָסן ניט, — איז געווען ניט אַזאַ לייכטער ענין! איך מוז אָבער זאָגן, אַז מען האָט מיך באַהאַנדלט גאַנץ פריינדלעך, מען האָט מיר גע־וויזן אַ פרייען ווינקל צווישן צוויי אַרעסטאַנטן אויף אַ שטרויענעם זאַק, און מען האָט מיר געגעבן אַן עק פון אַ קאָלדרע צוצודעקן זיך.

די סיבה פון דער דאָזיקער באַזונדערער פריינטלעכקייט האָב איך פאַרשטאַנען ערשט צו מאָרגנס. ווען איך בין אויפגעשטאַנען אין דער פרי און איך האָב אינסטינקטיוו אַ טאַפּ געטאָן מיין געהיימע באַהעל־

טעניש, האָב איך באַמערקט, אַז פון דאָרטן זיינען פאַרשוואונדן דאָס זילבערגעלט און דער בליישטיפט, בשעת איך בין געשלאָפן, און אַזוי קונציק, אַז איך האָב זיך ניט אויפגעכאַפּט. אַ קליינינקייט עפּעס, וואַר־שעווער גנבים! עס איז נאָך געווען אַ גליק, אַז צוליב עפּעס אַ טונקעלן אינסטינקט האָב איך בערלס רינג געהאַט אַרויסגענומען און באַהאַלטן ביי זיך אונטערן לייב אין אַן אָרט, וואו מען האָט שוין ניט געקאָנט צוקומען. עס איז מערקווירדיק, אַז דעם דאָזיקן רינג האָב איך אַרויס־געראַטעוועט מיט זיך פון טורמע און האָב אים דערנאָך, מיט אַ סך חדשים שפּעטער, איבערגעגעבן צוריק בערלען, וואָס איז שוין געווען אַליין אין אויסלאַנד (ער איז געוואָרן קראַנק אויף טובערקולאָז, מיין אָרעמער בערל, און איז שפּעטער געשטאָרבן אין נערווי, איטאַליע).

איך האָב, פאַרשטייט זיך, קיין וואָרט ניט געזאָגט וועגן מיין טרוי־עריקער אַנטדעקונג, אָבער עס איז קלאָר, אַז מיינע באַציאונגען מיט די „ליבנסווירדיקע" שכנים זיינען שטאַרק אָפּגעקילט געוואָרן. און די דאָזיקע קאַלטקייט איז געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער. מיר איז אין די שפּעטערדיקע יאָרן אָפט אויסגעקומען צו טרעפן זיך אין די תּפיסות מיט פּראָפעסיאָנעלע פאַרברעכער. אָבער דאָס איז שטענדיק געווען אַזוי, אַז די תּפיסות זיינען געווען פאַר פּאָליטישע, די פּאָליטישע האָבן דאָרטן געהערשט, און די קרימינעלע אַרעסטאַנטן זיינען געווען אין דער מינדערהייט. יעמאָלט אָבער בין איך געווען איינער אַליין צווישן אַ גאַנצער מחנה קרימינעלע, און קרימינעלע פון ערגסטן מין. איך מוז זאָגן, אַז איך בין אויסגעוואַקסן, אַזוי צו זאָגן, צווישן פאָלק, צווישן די רוסישע סטאָראָוערן אין דווינסק, געפירט פריינטשאַפט מיט איזוואָשציקעס, טרעגער, סאָלדאַטן אאַז"וו. מיין דערפאַרונג אין דעם ווערטערבוך פון רוסישע זידלווערטער איז געווען ניט קיין קנאַפּע. אָבער דאָס, וואָס איך האָב דערהערט אין וואַרשעווער ראַטוש אין הלכות שמוציקע זידלווערטער און ניבול־פּה, שטייגט אַריבער אַלץ, וואָס איך האָב זיך ווען ניט איז געקאָנט פאָרשטעלן: עס איז געווען אַ געמיש פון רוסישע, פּוילישע און אידישע זידלווערטער, וואָס עקלהאַפטיקער און שמוציקער האָט מען זיך ניט געקאָנט פאָר־שטעלן.

און פּונקט אַזוי שמוציק, ווי עס איז געווען די שפּראַך, די וויצן, די זשעסטן, פּונקט אַזוי שמוציק זיינען די אַרעסטאַנטן געווען אויך פיזיש. נאָר אַ פּאָר סוטעניאָרן זיינען געווען „עלעגאַנט" אָנגעטאָן מיט מאַ־נישקעס און קראַגנס, מיט לאַקירטע שטיוועלעך און בונטע שליפסן. דאָס רוב אַרעסטאַנטן זיינען געווען שרעקלעך שמוציק און אָפּגעלאָזן. אויך אין קאַמער האָט געהערשט אַ גרויסער שמוץ, אַזוי אַז עסן צוזאַ־מען מיט זיי איז געווען פאַר מיר אוממעגלעך און אַזוי ווי מען האָט געדאַרפט עסן צו עטלעכע פון איין שיסל, און איך בין אין גוטן מוט געווען אַ גרויסער איבערקלייבער אין אַזעלכע זאַכן, האָב איך פּאַקטיש געגעסן נאָר טרוקענע שוואַרצברויט, וואָס מען האָט אונדז געגעבן. איצט

האָב איך פֿאַרשטאַנען דעם שכל, פֿאַר וואָס די אָכראַנע האָט מיך אַריינגעזעצט אַהער: דאָס איז געווען דער בעסטער מיטל צו צווינגען מיך ענדלעך צו ענטפֿערן אויף די פֿראַגעס, וואָס מען האָט מיר געשטעלט אויף די פֿאַרהערן.

איך האָב איצט זייער גוט פֿאַרשטאַנען דעם מיין פֿון דער אָכראַנע, אָבער פֿונדעסטוועגן האָב איך זיך ניט גלייך אונטערגעגעבן, און באַשלאָסן אָפּצואוואַרטן נאָך אַ פּאָר טעג, ביז וואַנען די חברים וועלן „אויסרייניקן" מיין וואוינונג. אויפֿן דריטן טאָג האָב איך דערקלערט, אַז איך וויל זעען דעם דירעקטאָר פֿון טורמע, וואָס האָט משמעות שוין אויף דעם געוואַרט. און גלייך ווי איך האָב אים דערקלערט, אַז איך בין גרייט אויסצוזאָגן מיין נאָמען און צו געבן דערקלערונגען, האָט מען מיך אַוועקגעפֿירט צו דעם דירעקטאָר פֿון דער אָכראַנע.

נאָך צוויי טעג זיין אין אַ שמוציקער תּפֿיסה־קאַמער, צוזאַמען מיט 40 גנבֿים און סוטעניאָרן, אָן אַ זויבערן קראַגן, אָן פֿרישע וועש, אין אַ צעקנייטשטן אָנצוג (איך האָב ניט געוואַגט אין דער קאַמער זיך אויסצוטאָן, נאָר בין געשלאָפֿן אין די קליידער אין די שטיוול, ווייל אַניט, וואָלט מען זיי אַוועקגעגנבֿעט), בין איך מיט אַ מאָל אַריינגעפֿאַלן אין אַ פּרעכטיק מעבלירטן צימער ,מיט אַ שיינעם טעפּיך, מיט ווייכע לעדערנע פֿאָטעלן, מיט שיינע בילדער אויף די ווענט, מיט בלומען אויפֿן טיש. דער דאָזיקער פּסיכאָלאָגישער עפֿעקט איז וואַרשיינלעך אויך געווען אָן אויסגערעכנטער . . .

איך זיץ אין איינעם פֿון די ווייכע טיפֿע שטולן, איינגעזונקען אין קישנס, און אַ ביסינקע ווייטער, הינטער אַ פּרעכטיקן שרייבטיש, זיצט אַ הויכער, אַ שיינער מאַן, מיט אַ שוואַרצער באָרד, אין אַ מיליטערישער יוניפֿאָרם: דאָס איז געווען פּ ע ט ע ר ס אָ ן , דער באַרימטער שעף פֿון דער וואַרשעווער אָכראַנע.

מען האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ לאַטוויש פֿון ריגע און אַ מענטש וואָס האָט האָלט לוקסוס און פֿרויען. צו מיר איז ער געווען אין יענעם אָוונט זייער אָנשטענדיק און פֿריינדלעך. ער האָט מיר אָנגעבאָטן אַ פּאַפּיראָס, האָט זיך געוואונדערט, אַז איך רייכער ניט, האָט מיך געפֿרעגט, צי איך וויל אפשר אַ גלאָז טיי און צי איך האָב שוין געלייענט דעם לעצטן נומער „אָסוואָבאָזשדעניע". „אָסוואָבאָזשדעניע" איז געווען דער באַרימטער אומלעגאַלער אָרגאַן פֿון די רוסישע ליבעראַלן, אַרויסגעגעבן פֿון פּיאָטר ס ט ר ו ו ע, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין שטוטגאַרט (דייטשלאַנד), און איז אומלעגאַל אַריינגעשמוגלט געוואָרן אין רוסלאַנד. און אָט אין דעם קאַבינעט פֿון דעם שעף פֿון דער וואַרשעווער אָכראַנע איז פּעטערסאָן מכבד אַן אַרעסטירטן רעוואָלוציאָנער מיט אַ פֿרישן נומער פֿון דעם אומלעגאַלן אָרגאַן . . .

איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז ער וויל מיט מיר אָננעמען דעם לייכטן טאָן פֿון אַ „פֿריינטלעכן" געשפּרעך צווישן צוויי רוסישע אינטעליגענטן, און אַזוי אפשר אַרויסקריגן פֿון מיר מער איידער מיט שטרענגקייט.

בין איך איינגעגאַנגען אויף דעם לייכטן טאָן. קיין טיי און פּאַפּיראָסן האָב איך ניט אָנגענומען, אָבער די ציַיטונג האָב איך טאַקע גענומען און איר דורכגעקוקט פאַר די אויגן פון פּעטערסאָנען. ער איז געזעסן גע־דולדיק און געוואַרט. ווען איך האָב דורכגעקוקט די צייטונג, האָט ער געפרעגט מיין מיינונג וועגן פאַרשיידענע אַרטיקלען, און מיר האָבן, אַזוי אַרום, מיט אים אַ האַלבע שעה צייט געפירט אַן אַלגעמיינעם גע־שפּרעך, אין וועלכן איך האָב גאַנץ אָפן אַרויסגעזאָגט מיינע מיינונגען.

איך האָב זייער גוט פאַרשטאַנען, אַז ער וויל ביי מיר אָנטאַפּן דעם דופק, און איך האָב געוואַרט, ווי אַזוי ער וועט דאָס טאָן. דאַן איז גע־קומען דער מאָמענט, ווען ער האָט מיט אַ מאָל פאַרלאָזן דאָס פּאָליטישע געביט און האָט מיר געשטעלט די דירעקטע פראַגע: אַלזאָ, ווילט איר מיר איצט דערקלערן, ווי אַזוי מען רופט אייך, און ווער איר זייט, און ווי אַזוי איר זיינט געקומען אויף דער פאַרזאַמלונג, און צו וועלכער פּאַרטיי איר געהערט, אאַז"וו.

האָב איך אים געזאָגט, אַז מען רופט מיך אַזוי און אַזוי, אַז איך האָב ביז איצט ניט אויסגעזאָגט מיין נאָמען, ווייל איך ווייס, אַז צוליב אַ פאַלשן בלבול האָט די פּאָליציי אין ריגע געהאַט אויף מיר אַ חשד, ווען איך בין געווען אַ סטודענט; אַז געקומען בין איך דירעקט פון אויסלאַנד, געזוכט אַ באַקאַנטן, געוואָלט אים געפינען אויף דער דירה אויף דער סוווּנטאַ־יערסקאַ גאַס, און האָב אים ניט געפונען. דאַן איז מען געקומען און מען האָט אונדז אַלעמען אַרעסטירט. פאַר וואָס און פאַר ווען — ווייס איך ניט, צו קיין שום פּאַרטיי געהער איך ניט, און מער האָב איך ניט וואָס צו זאָגן.

(וועגן ריגע האָב איך בכיוון דערמאָנט, וואָרים איך בין געווען זיכער, אַז וועגן דעם וועט זיך די פּאָליציי סאַי ווי סאַי גלייך דערוויסן.)

דער קלוגער פּעטערסאָן האָט געשמייכלט, הערנדיק מיינע דער־קלערונגען, און האָט מיר גאָר ניט געענטפערט. גוט, — זאָגט ער, — ווער קאָן באַשטעטיקן, אַז איר זייט טאַקע דער און דער? גיב איך אים דעם אַדרעס פון מיינע עלטערן אין פּעטערבורג: ביי זיי קאָן ער אַלץ דערגיין גענוי. — גוט, מיר וועלן דאָס קאָנטראָלירן.

ער גייט אַרוים פון צימער, לאָזט מיך אַליין אַ גאַנץ לאַנגע צייט, קומט דערנאָך צוריק אין דער באַגלייטונג פון אַ זשאַנדאַרם און הייסט מיר גיין מיט אים.

2

אין וואַרשעווער „צענטן פּאַוויליאָן"

דער זשאַנדאַרם פירט מיך אַרויס אויפן גאַס, נעמט מיט אַ צוויטן, ווידער זעצט מען מיך אַוועק אויף אַ איזוואָזשציק, און מען הייבט מיך אָן צו פירן. מיר פאָרן און פאָרן אָן אַ סוף. אויף מיינע פראַגעס ענט־

פערן זיי מיר ניט. פאָרן מיר שווייגנדיק. ענדלעך, הייב איך אָן צו פאַרשטיין, אַז מען פירט מיך צום „10-טן פאַוויליאָן". מיר פאָרן פאַר־ביי לאַנגע טויערן, פאַרביי הויכע שטיינערנע ווענט, שטעלן זיך אָפּ ביי אַ טויער, די זשאַנדאַרמען קלינגען און זאָגן עפּעס: מיט אַ קרעכץ עפנט זיך אַ שווערער אייזערנער טויער, הילכיק דונערן די רעדער אויף שטיינערנע ברוקן, מיר פאָרן אַריין אין אַ לאַנגן, לאַנגן הויף, דערנאָך אין אַ צווייטן, דערנאָך אין אַ דריטן. מען פירט מיך אַריין אין אַ געביידע, וואָס איז אונטן אין גאַנצן אָנגעפילט מיט זשאַנדאַרמען. נאָך אַ מאָל ווערט אַלץ פאַרשריבן, נאָך אַ מאָל ווער איך אַרומגעזוכט, און ענדלעך פירט מען מיך אויפן דריטן שטאָק, דורך אַ לאַנגן קאָרי־דאָר, וואו אַלץ איז שטיל און עס הערט זיך קיין שום קלאַנג ניט. שטיל גייט־צו צו אונדז דער וועכטער, וואָס היט דעם קאָרידאָר, ווידער אַ זשאַנדאַרם אין בלויער אוניפאָרם, עפנט מיטן שליסל אַ טיר און הייסט מיר אַריינגיין. די טיר פאַרמאַכט זיך שטיל, איך בין אין מיין נייער תפיסה.

דער „צענטער פאַוויליאָן" אין ווארשע (1904)

רוסישע תפיסות זיינען אַזוי אָפט באַשריבן געוואָרן, אַז עס איז איבעריק זיך אויף דעם אָפּצושטעלן. אָבער דאָך איז דער 10-טער פאַ־וויליאָן געווען גאָר אַ באַזונדערער מין תפיסה. מיין קאַמער איז געווען זייער אַ גרויסער צימער, מיט אַ שטיינערנעם דיל, מיט אַ גרויסן קאַ־כעלנעם אויוון, און מיט אַ פענצטער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן זייער הויך איבערן דיל אַזוי, אַז די פענצטערברעט האָט זיך געפונען העכער פאַרן קאָפּ און מען האָט דורך די גראַטעס געקאָנט זען נאָר דעם הימל, אָדער, ריכטיקער געזאָגט, מען וואָלט געקאָנט זען נאָר דעם הימל, ווען

דאָס פּענצטערגלאָז װאָלט געװען דורכזיכטיק. אָבער דאָס גלאָז איז געװען אונטן מאַט, אומדורכזיכטיק. לינקס אין װינקל איז געשטאַנען אַן אײַזערנע בעטל מיט אַ שטרויענעם, אָבער זויבערן מאַטראַץ, מיט אַ קישן און אַ װאָלענער קאָלדרע, — אַלץ צוגעדעקט מיט זויבערע װעש. אויך װעש אויף צו טראָגן האָב איך באַקומען, פּשוטע, גראָבע, אָבער זויבערע (איך האָב דאָך קיין אייגענע װעש דערװײַלע נאָך ניט געהאַט). אין מיטן צימער איז געשטאַנען אַ טישל מיט אַ שטול און — װאָס דאָס איז געװען דאָס שענסטע — אין צימער האָט אין גאַנצן אויסגעפעלט יענער באַרימטער עמער, די אַזוי גערופענע „פּאַראַשאַ", װאָס איז געװען אַ טראַדיציאָנעלע „צירונג" פון יעדער תּפיסה-קאַמער אין רוסלאַנד, און װאָס האָט זייער אָפט ניט נאָר פאַרפּעסטעט די לופט אין דער קאַמער, נאָר פלעגט אויך פאַרעקלען דאָס לעבן.

אין „10-טן פּאַװיליאָן" האָט זיך געפונען אין יעדער קאָרידאָר אַ באַזונדערער װאַש- און טואַלעט-צימער, זייער אַ באַקװעמער און אַ זויבערער און אַהין פלעגט מען די אַרעסטירטע אַרויסלאָזן, פאַרשטייט זיך, איינציקװייז, איינעם נאָך דעם אַנדערן, צװיי מאָל אַ טאָג, אין דער פרי און פאַרנאַכט. אין אַ דרינגנדיקן פאַל פלעגט מען מעגן אָנקלאַפּן און בעטן אַרויסלאָזן נאָך אַ מאָל.

דער 10-טער פּאַװיליאָן איז לכתּחילה געװען אַ מיליטערישע תּפיסה פאַר אָ פ י צ י ר ן, אָבער אויך אין מיין צייט זיינען די אַרעסטירטע דאָ באַהאַנדלט געװאָרן װי אַ מין געפאַנגענע אָפיצירן. דערמיט איז דערקלערט געװאָרן די זויבערקייט, די העפלעכקייט, דאָס גאַנץ גוטע עסן און די באַדינונג. מיר האָבן אַליין אונדזערע קאַמערן ניט צוגעקליבן, — אין דער פרי פלעגט אַריינקומען אַ „דענשטשיק". אַ סאָלדאַט, פלעגט אויסקערן דעם צימער, עפענען דעם פענצטער, צוקלייבן דאָס בעט און ברענגען דעם פרישטיק. דער פרישטיק איז באַשטאַנען פון אַ טאָפּ קאָכעדיקע װאַסער אויף צוגרייטן טיי, אַ לעבל ברויט און — די, װאָס פלעגן דאָס עקסטרא באַצאָלן — פלעגן באַקומען אַ פלעשל מילך, פּוטער, װאורשט און דאָסגלייכן. עס איז געװען אין 10-טן פּאַװיליאָן אַ ספּעציעלע קראָם, און יעדער אַרעסטירטער פלעגט באַקומען אַ באַשטעל-ביכל, װאו ער פלעגט איין מאָל אַ װאָך פאַרשרייבן אַלץ װאָס ער װיל האָבן, — פלעגט מען אים דאָס פון דער קראָם יעדן טאָג צושטעלן, און די געלט פלעגט מען אַראָפּרעכענען פון יענע סומעס, װאָס די קרובים פלעגן דעפּאָנירן אויפן חשבון פון אַרעסטירטן אין קאַנטאָר (אָפיס) פון דער תּפיסה.

צװעלף אַ זייגער פלעגט דער דינער אַריינברענגען דאָס מיטאָגעסן: אַ טעפּל זופּ, באָרשטש מיט שטיקלעך פלייש אאַז״װ. דערנאָך אַ געהאַקטע פלייש-קאָטלעט און קאַשע. אַ זייגער זעקס אין אָװנט פלעגט מען אַריינברענגען פונקט אַזאַ אָװנט-עסן, נאָר אָן זופּ.

40 מינוט אַ טאָג פלעגט מען האָבן אויף אַ שפּאַצירגאַנג. שפּאַצירן פלעגט מען פירן אין אַ גרויסן שײנעם גאָרטן, מיט זייער פיל גרינס,

שיינעביימער און אַלייען אויף אַרומצוגיין. עס זיינען אויך געווען געצייג פאַר גימנאַסטיק, און אַזוי ווי איך האָב דאָס האַלט געהאַט, פלעג איך, געוויינטלעך, דאָס רוב צייט פאַרברענגען מיט גימנאַסטיק און ניט מיט שפּאַצירן.

עס איז געווען שווער זיך פאָרצושטעלן אַ באַקוועמערע און „אַנגענעמערע" תפיסה, — אַחוץ איין זאַך, און מיט דער צייט האָב איך דאָס אָנגעהויבן זייער שווער צו שפּירן: דער 10-טער פּאַוויליאָן איז געווען אַ תפיסה פון „אָדינאָטשקעס", ד"ה אין יעדער קאַמער איז געזעסן נאָר איין אַרעסטירטער, וואָס האָט קיין שום פאַרבינדונג

דער גאָרטן פון „10-טן פּאַוויליאָן"

ניט געהאַט ניט מיט דער אויסנוועלט, ניט מיט די אַנדערע אַרעסטירטע. די גאַנצע אַדמיניסטראַציע, און אַלע וועכטער און שליסער זיינען געווען ניט געוויינטלעכע טורמע-באַאַמטע, נאָר זשאַנדאַרמען אין בלויע אוניפאָרמס. אַלע — זייער העפלעך, זייער שטיל, אָבער שווייגנדיק, ווי די וואַנט. מען פלעגט קיין מאָל ניט קאָנען קריגן אַן ענטפער אויף אַ פראַגע, קיין מאָל ניט הערן פון קיינעם קיין וואָרט. אויף אַלץ פלעגט דער וועכטער ענטפערן: „מען טאָר ניט ריידן!" — און פלעגט פאַרמאַכן די טיר.

ווען דער דינער פלעגט אַריינקומען צוקלייבן דעם צימער, אָדער אַריינברענגען דאָס עסן, פלעגט דער זשאַנדאַרם בלייבן שטיין אין דער אָפענער טיר, און פלעגט אויפפּאַסן, אַז דער דינער (אויך אַ סאָלדאַט פון זשאַנדאַרמעריע) זאָל אויף מיר ניט אַ קוק געבן, אָדער איך זאָל אים ניט קאָנען זאָגן אַ וואָרט. ווען מען פלעגט אַרויסגיין אין טואַלעט-

צימער, פלעגט די טיר בלייבן צוגעמאַכט, אָבער ניט פאַרשפּאַרט, און פון דער אַנדערער זייט פלעגט די גאַנצע צייט שטיין דער זשאַנ־דאַרם, אַ מאָל פלעגט ער אויך אַריינקוקן אינעווייניק. אין גאָרטן ביים שפּאַצירן, פלעגט ביי דעם טויער שטיין אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס, און לעבן מיר פלעגט שטיין דער זשאַנדאַרם וואָס האָט מיך געפירט שפּאַ־צירן. די וועכטער זיינען געווען געוויינטלעכע סאָלדאַטן פון װאַרשע־ווער גאַרניזאָן. ווען ניט דער זשאַנדאַרם, וואָלט מען זיכער געקאָנט מיט זיי פאַרבינדן פריינדשאַפט, אָבער דער זשאַנדאַרם האָט ניט אַרויס־געלאָזט ניט דעם סאָלדאַט און ניט מיך פון די אויגן, אַפילו אויף אַ רגע ניט. אָבער איין איינציקן מאָל האָב איך געהאַט אַן אויפרעגנדיקע אי־בעררראַשונג: דער סאָלדאַט וואָס איז געשטאַנען ביים טויער, האָט שטיל געפּייפט עפּעס אַ מאָטיוו, וואָס איז מיר פאַרגעקומען מערקוויר־דיק באַקאַנט. און ווען איך האָב זיך צוגעהערט, האָב איך דערקאָנט, אַז דאָס איז דער מאָטיוו פון דעם באַרימטן בונדישן ליד אויף עדעל־שטאַדטס ווערטער: „אַ, ליבער פריינד, ווען איך וועל שטאַרבן״. די האַרץ האָט מיר אַ זעץ געטאָן, איך האָב שאַרפער אַ קוק געטאָן אויפן סאָלדאַט און האָב דערזען, אַז דאָס איז אַ איד. אָבער צוליב דעם זשאַנדאַרם האָב איך, נאַטירלעך, ניט געקאָנט אים עפּעס זאָגן, און ער האָט אויך מיר ניט געקאָנט זאָגן אַ וואָרט. מיר האָבן זיך נאָר אויף אַ סעקונדע איבערגעקוקט, און דאָס איז געווען גענוג.

עס פאַרשטייט זיך, אַז גלייך ווי איך בין צום ערשטן מאָל געבליבן אַליין אין קאַמער, בין איך צוגעגאַנגען צו דער וואַנט, און האָב אָנגע־הויבן צו קלאַפּן: אין די רוסישע טורמעס איז יעמאָלט געווען אַזאַ מין קלאַפּ־שפּראַך. געוויסע קאָמבינאַציעס פון קלעפּ האָבן באַ־דייט באַשטימטע אותיות, אַזוי אַז מען האָט זיך געקאָנט דורכריידן, קלאַפּנדיק אין דער וואַנט מיט אַ קנעפּל, אָדער אַ שטיקל פאַרטריקנטע ברויט. אָבער קוים האָב איך 4—5 מאָל אַ קלאַפּ געטאָן, האָט זיך מיין טיר שטיל געעפנט, און שטיל אויף ווייכע פּאַדעשוועס איז אַריין דער זשאַנדאַרם, און מיט אַ שטילער, אָבער שטרענגער שטים האָט ער מיר דערקלערט: „קלאַפּן איז פאַרבאָטן!״. איך האָב אים ניט געפאָלגט און גלייך ווי די טיר האָט זיך פאַרמאַכט האָב איך אָנגעהויבן צו קלאַפּן אַ צווייטן און אַ דריטן מאָל. אָבער יעדעס מאָל איז ער גלייך אַריין און האָט מיט דעם זעלביקן שטילן טאָן געהייסן אויפהערן. אָבער קיינער האָט מיר ניט געענטפערט אויף מיין קלאַפּן. משמעות האָט מען אויך אין די אַנדערע קאַמערן אַזוי שטרענג געהיט די אַרעס־טירטע, ווי מיך.

אַזוי אַרום, האָט ביי דער גאַנצער „באַקוועמלעכקייט״ פון 10־טן פּאַוויליאָן זיך באַלד געשאַפן אַ כמעט אומדערטרעגלעכער געפיל פון פולשטענדיקער איינזאַמקייט און איזאָלירטקייט: מען איז געווען ווי אויף אַן אינדזל, אין גאַנצן אָפּגעשניטן פון דער וועלט און פון די מענטשן.

איין מאָל, ווען איך האָב זיך געוואַשן אין טואַלעט-צימער, איז מיין אויג געפאַלן עפּעס אויף אַ טונקלערן פלעק אויף דער וואַנט, האָב איך זיך צוגעקוקט גענויער און דערזען, אַז אויף דער ווייסער געקאַכלע־טער וואַנט איז געווען צוגעקלעפּט אַ שטיקל פּאַפּיר. איך האָב פאַר־זיכטיק אַראָפּגענומען דאָס שטיקעלע פּאַפּיר און דערזעען פון דער אַנדערער זייט אַ פּאָר ווערטער מיט בליישטיפט: „איך בין דער און דער, באַשולדיקט אין געהערן צו דער פּ.פּ.ס., ווער זייט איר?" מיט אַן אָפּגעברענטער שוועבעלע האָב איך אָנגעשריבן אויפן פּאַפּירל מיין נאָמען און דעם נומער פון מיין קאַמער און דעם וואָרט „בונד" און האָב דאָס צוגעקלעפּט אויפן זעלביקן אָרט. ווי גרויס איז געווען מיין גליק, ווען איך האָב אויפן נעקסטן טאָג ווידער באַקומען אַ צעטעלע און אויף אים איז געשטאַנען: „ביי אונדז אין הויף שפּאַצירט אַרום קאַספּשאַק, מען וועט אים באַלד הענגען, מען דאַרף פּראָטעסטירן". איך האָב תיכף געענטפערט און געבעטן מיר מיטטיילן, ווען און ווי אַזוי זאָל זיין דער פּראָטעסט. אָבער קיין ענטפער אויף דעם האָב איך ניט באַקומען, און אַלע צעטלעך, וואָס איך האָב געקלעפּט אין פאַר־שיידענע עקן, זיינען שטענדיק געבליבן אָן אַן ענטפער. אָבער קאַס־פּשאַקן האָב איך נאָך דאָך באַוויזן צו זעען. איך פלעג אָפט אין טואַ־לעט-צימער אַרויפכאַפּן זיך מיט אַ קונציקן שפּרונג אויף די גראַטעס פון הויכן פענצטער. פון דאָרטן האָט מען געקאָנט זען דעם גאָרטן, אין וועלכן מיר פלעגן שפּאַצירן. און איין מאָל האָב איך דערזעען די פיגור פון אַ מיטלוואוקסיקן, אַ ביסל איינגעבויגענעם מענטש מיט אַ שוואַרצער באָרד און מיט אַ גרויסער קאָפּ צעשויבערטע שוואַרצע האָר. אַרום אים זיינען געשטאַנען ניט איין זשאַנדאַרם, נאָר צוויי. איז ביי מיר גלייך געבליבן, אַז דאָס מוז זיין קאַספּשאַק. אַ פּאָר מינוט בין איך אַזוי געהאַנגען אויף די גראַטעס און האָב אַריינגענומען אין זיך די גע־שטאַלט פון דעם מענטשן, וואָס איז געווען אין מיינע אויגן אַ העלד און אַ מאַרטירער. איך געדענק די דאָזיקע געשטאַלט נאָך היינט.

נאָר איין איינציקן מאָל איז די טויטע שטילקייט פון דעם 10-טן פאַוויליאָן געשטערט געוואָרן: דאָס איז געווען אין די ערשטע טעג פון מיין זיין דאָרטן. דערהער איך מיט אַ מאָל אַ געזאַנג, מען האָט גע־זונגען עפּעס אַ שטיק פון אַ סימפאָניע פון בעטהאָווען, און גאַנץ ריכ־טיק געזונגען. האָב איך זיך דערפרייט: אַזוי גאָר, מען מעג זינגען, מעג איך דאָך אויך! האָב איך גלייך טאַקע אָנגעהויבן צו אַקאָמפּאַנירן דעם מאָטיוו, וואָס יענער האָט געזונגען, און זיך צעזונגען גאָר שיין. אָבער אין אַ מינוט אַרום האָט זיך געעפנט די טיר, און מיט אַ שטרענגן פּנים איז אַריין דער וועכטער: „זינגען טאָר מען ניט!". „און פאַר וואָס מעג יענער זינגען?" — „זינגען טאָר מען ניט!" — ענטפערט מיר שטרענג און קאַלט דער זשאַנדאַרם. איך האָב געמאַכט נאָך אַ וווייטערדיקן פּרוּוו צו זינגען אָבער דאָס איז ניט געגאַנגען. באַלד האָט אויך דער אַנדערער אויפגעהערט צו זינגען, און, ווי איך האָב זיך שפּעטער צו־

פעליק דערוואוסט, איז דאָס געווען אַן אַרעסטירטער, וואָס איז משוגע געוואָרן אין קאַמער, און מען האָט אים אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל.

מיין מאַמע קומט מיך ראַטעווען

3

בשעת מען האָט מיך אַרעסטירט, בין איך געווען אַן זאַכן און אָן פאַרבינדונגען מיט דער וועלט. נאָך מער: איך האָב געהאַט אַן אומרואיקן געפיל וועגן מיינע עלטערן אין פּעטערבורג. די מעשה איז געווען אַזוי: מיינע עלטערן האָבן ניט געוואוסט, אַז איך בין אין רוס־לאַנד, זיי האָבן געמיינט, אַז איך געפין זיך נאָך אַלץ אין זשענעווע. מיר פלעגן זיך דורכשרייבן אַזוי, אַז זיי פלעגן שיקן די בריוו אין זשע־נעווע, אויף מעדעמס אַדרעס, און מעדעם פלעגט איבערשיקן די בריוו צו מיר קיין ווארשע. און מיינע בריוו פלעג איך שיקן צו מעדעמען אין זשענעווע, און ער פלעגט זיי איבערשיקן קיין פּעטערבורג. מיר האָבן זיך געשריבן גאַנץ אָפט, און עס האָט מיך דעריבער געוואונדערט און באַאומרואיקט, וואָס גראַד אין דער לעצטער צייט האָב איך אויפ־געהערט צו באַקומען בריוו. נאָך מער: דורך אַ פּערזענלעכן באַקאַנטן, וואָס איך האָב צופעליק געטראָפן אין ווארשע אַ פּאָר טעג פאַר מיין אַרעסט, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז ביי מיר אין דער היים ניט גלאַטיק. איך בין אָבער געווען אַזוי פאַרטאָן אין די פאַרשיידענע פּאַרטיי־זאַכן, אַז איך האָב ניט קיין צייט געהאַט וועגן דעם צו טראַכטן.

בשעת איך בין געזעסן אין קאַבינעט פון פּעטערסאָנען און אים אויסגעזאָגט, ווי מען רופט מיך און ווער מיינע עלטערן זיינען, האָב איך ביי אים געבעטן די דערלויבעניש אָנצושרייבן מיינע עלטערן, אַז איך געפין זיך אין ווארשע און בין אַרעסטירט. ער האָט דאָס מיר דער־לויבט, און איך האָב דאָ גלייך אָנגעשריבן מיינע עלטערן אַ פּאָר שורות, אַז צוליב אַ מיספאַרשטייעניש האָט מען מיך אין ווארשע אַרעסטירט און אַז מען זאָל מיר צושיקן געלט און זאַכן. ווען איך זע, אַז די על־טערן ענטפערן מיר גאָר ניט, האָב איך געהאַט דעם חשד, אַז פּעטער־סאָן האָט מיך אָפּגענאַרט און האָט ניט אַוועקגעשיקט דעם בריוו. אָבער די מעשה איז אין דער אמתן געווען נאָך פיל ערנסטער. ווען מען האָט מיך אַריינגעזעצט אין תפיסה אין ווארשע, זיינען מיינע עלטערן שוין געזעסן אין אַ תפיסה אין פּעטערבורג! דאָס האָט ניט געהאַט צו טאָן מיט מיר, — אַרעסטירט האָט מען זיי צוליב דעם ,וואָס צו איינער פון מיינע שוועסטער, וואָס האָט געפירט באַקאַנטשאַפט מיט רעוואָ־לוציאָנערן, איז אָפט געקומען צו גאַסט איינע אַ סאָציאַל־רעוואָלוציאָ־נערקע, און אַט די מיידל איז געווען, ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויס־געוויזן, באַטייליקט אין דער צוגרייטונג פון דעם אַטענטאַט אויף פּ ל ע ו ו ע ן. ווען פּלעווע איז דערהרגעט געוואָרן, האָט מען די דאָ־

זיקע סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערקע אָנגעהויבן זוכן; האָבן די שפּיאָנען באַוויזן, אַז זי פּלעגט זיין אַן אָרייננגייערין אין אונדזער הויז. מען איז געקומען מאַכן אַ הויז-זוכונג, און אַזוי ווי אַלע שוועסטער זיינען זיך גראָד געווען צעפאָרן אויף זומער-וואַקאַציעס, האָבן די זשאַנדאַרמען געפונען אין שטוב נאָר די ביידע אַלטע. האָט מען זיי מיטגענומען. דעם טאַטן אַריינגעזעצט אין קרעסטי, די מאַמען — אין דער באַרימטער פרויען-תפיסה אויף דער וויבאָרגער גאַס. אַ פּאָר וואָכן זיינען זיי ביידע אָפּגעזעסן. אָבער מיט דער מאַמען איז געווען ניט אַזוי פּשוט פּאַרטיק צו ווערן: זי האָט אין דער תפיסה געמאַכט אַזוינע פּראָטעסטן, אַז מען האָט איר באַלד אַרויסגעלאָזן, וואָרים קיין שום באַווייזן קעגן איר זיינען דאָך ניט געווען. ווען טאַטע און מאַמע זיינען באַפרייט געוואָרן און געקומען אַ היים פון דער תפיסה, האָבן זיי געפונען מיין בריוו, פון וועלכן זיי האָבן זיך דערוואוסט וועגן אַ נייעם אומגליק: דער בן-יחיד, וועגן וועלכן זיי האָבן געמיינט, אַז ער איז אין זשענעווע, אין דער שווייץ, איז אין דער אמתן גאָר אין דער וואַרשעווער תפיסה . . . האָט מען איינגעפּאַקט די זאַכן און גענומען אַ ביסל געלט (צו פיל איז ניט געווען, וואָרים דעם טאַטעס אַרעסט האָט שטאַרק געשעדיקט זיינע געשעפטן), און מען איז אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע — ראַטעווען דעם זון.

אָבער איידער מיינע עלטערן זיינען נאָך אָנגעקומען קיין וואַרשע, האָב איך שוין באַקומען הילף פון די חברים. מיר האָבן געהאַט אין וואַרשע אַ בונדישן „רויטן קרייץ", ד"ה אַ ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע אויף צו העלפן די אַרעסטירטע. בראש פון דעם דאָזיקן „רויטן קרייץ" איז געשטאַנען העלענאַ, די שפּעטערדיקע פרוי פון גלעב מוטניק, ווי אויך אַ ריי אַנדערע חברטעס. האָבן זיי געפונען אַ יונגע מיידל אין איינעם פון אונדזערע קרייזלעך, וואָס האָט שטודירט אין וואַרשע און זי איז געקומען אין דער זשאַנדאַרמעריע און האָט דערקלערט, אַז זי איז מיין כלה און וויל מיר איבערגעבן וועש, געלט, עסנוואַרג, ביכער אאז"וו. זי האָט מיר אויך אָנגעשריבן אַן אָפיציעלן בריוו, וואָרים אַ כלה מיט אַ חתן מעגן זיך דורכשרייבן. אמת, איך האָב די דאָזיקע „כלה" אין מיין לעבן געזען אַ צוויי אָדער דריי מאָל אויף אַ פאַרזאַמלונג, — אָבער דאָס האָט ניט געהאַט קיין שום באַדייטונג. נאָר מיין אָרעמע מאַמע האָט זיך שטאַרק איבערגעשראָקן, ווען זי איז געקומען מיט עטלעכע טעג שפּעטער איבערגעגעבן מיר זאַכן, און האָט זיך דערוואוסט, אַז זאַכן האָב איך שוין באַקומען פון מיין כלה . . . באַלד האָב איך אויך באַקומען אַ „סווידאַניע" — אַ זעאונג — מיט מיינע עלטערן. דאָס איז געווען זייער אַ פיינלעכע סצענע סאַי פאַר מיר, סאַי פאַר די עלטערן. די זעאונגען פלעגן פאָרקומען אין 10-טן פּאַווילִיאָן אַזוי, אַז דער אַרעסטירטער פלעגט פאַרשפּאַרט ווערן אין אַ מין שראַנק מיט דראָטענע ווענט: צוויי רייען געדיכטע דראָטענע נעצן פלעגן שטאַרק פאַרטונקלען די געשטאַלט, אַזוי אַז מען האָט איינע די אַנדערע קוים

געזען. דער מאַמעס געפיל, ווען זי האָט דערזען איר טייערן בן־יחיד איינגעשפּאַרט הינטער דראָטענע נעצן, ווי אַ ווילדע חיה אין אַ זאָאָלאָגישן גאָרטן, איז געווען ממש אַ דערשיטערנדיקער, און איך האָב דאָס שווער געקאָנט פאַרטראָגן.

אָבער די זעאונגען זיינען פאָרגעקומען זייער זעלטן, און די שטילקייט און די איינזאַמקייט אין דער תפיסה וואָלט געווען ניט צו פאַרטראָגן, ווען ניט די ביכער. דער 10־טער פּאַוויליאָן, — איך ווייס ניט ווי איצט — האָט געהאַט יעמאָלט אַן אויסגעצייכנטע, רייכע ביבליאָטעק אויף רוסיש, פּויליש, דייטש און אַפילו אידיש. האָב איך געלייענט אָן אַ שיעור. מיט דער הילף פון אַ ווערטערבוך האָב איך זיך אויסגעלערנט פּויליש, דורכגעלייענט דעם גאַנצן סיענקעוויטש און אַ ריי אַנדערע שרייבער, אָבער מיט באַזונדערער התמדה האָב איך זיך גענומען פאַר פילאָסאָפיע. איך האָב ביז דאַן קיין מאָל ניט געהאַט קיין געלעגנהייט צו לייענען פילאָסאָפישע זאַכן אין אָריגינאַל, איך האָב נאָר געהאַט דורכגעלייענט אַ פּאָר ביכער וועגן דער געשיכטע פון פילאָסאָפיע, — און דאָס איז געווען מיין גאַנצע פילאָסאָפישע בילדונג. דאָס מאָל האָב איך באַשלאָסן אויסצופילן דעם בלויז. האָב איך זיך אויסגעשריבן פון דער ביבליאָטעק פריער פאַר אַלץ אייניקע ווערק פון ק אַ נ ט . איך מוז זאָגן, אַז קאַנט, בפרט זיין „פּראָלעגאָמענא", האָט מיר פאַרשאַפט פונקט אַזאַ גרויסן גייסטיקן פאַרגעניגן, ווי מאַרקסעס „קאַפּיטאַל": עס איז געווען ממש אַן עסטעטישער גענוס צו פאַרפאָלגן די לאָגישקייט און די קלאָרקייט פון דעם גאַנצן אויפבוי פון קאַנטס סיסטעם. ביז שפּעט אין דער נאַכט פלעג איך זיצן און לייענען און אָפטמאָל פלעג איך פאַר אויפרעגונג און אַנטציקונג ממש ניט קאָנען איינזיצן אויפן אָרט און פלעג אַנהייבן אַרומשפּרייזן איבער דער קאַמער אַהין און צוריק, און אַריבערשפּרינגען איבערן שטול: קיין אַנדער מעגלעכקייט אויסצודריקן מיין באַגייסטערונג האָב איך ניט געהאַט!

מיינע עלטערן האָבן ניט גערוט: מיין מאַמע האָט ממש איבערגעקערט האַלב ווארשע, זוכנדיק „פּראָטעקציע". עס האָט זיך איר איינגעגעבן צו געפינען אירן אַ קרוב, וואָס איז געווען ניט נאָר אַליין אַ גוטער דאָקטאָר, נאָר וואָס האָט געהאַט אויך פאַרבינדונגען צווישן די מיליטערישע דאָקטוירים אין ווארשע. און דער הויפּט־דאָקטאָר פון 10־טן פּאַוויליאָן איז געווען גראָד אַ מיליטערישער דאָקטאָר, אַ גוטער באַקאַנטער פון מאַמעס קרוב.

איין שיינעם פרימאָרגן עפנט זיך מיין טיר, און עס מאַרשירט אַריין אַ גאַנצע פּראָצעסיע: דער דירעקטאָר פון דער תפיסה, דער דאָקטאָר און הינטער אים עפּעס נאָך אַ מאַן, לויט זיין פּנים, אַ איד, אין ציווילע קליידער.

לאָזט זיך אויס, אַז די מאַמע האָט דערלאַנגט אַ בקשה, אַז איך בין געפערלעך קראַנק, אַז איך האָב אַ קראַנקע האַרץ, און אַז זיצן ווייטער אין טורמע איז פאַר מיר אַ לעבנסגעפאַר. האָבן די זשאַנדאַרמען באַ־

שטימט אַ ספּעציעלע מעדיציניש קאָמיסיע, און אין דער דאָזיקער קאָמיסיע איז אַרײַנגענומען געוואָרן דער אידישער דאָקטאָר, וואָס איז געווען פאַררעכנט אין דער שטאָט פאַר אַ ספּעציאַליסט אויף האַרץ־קראַנקהייטן.

איך האָב פון קיין זאַך ניט געוואוסט, בין איך געזעסן אין גאַנצן אַ צעטומעלטער, די צוויי דאָקטוירים האָבן אַרום מיר געאַרבעט מיט אַפּאַראַטן און אינסטרומענטן און געברויכט לאַטײַנישע ווערטער, דער דירעקטאָר האָט אויף מיר געקוקט מיט רחמנות, און דער זשאַנדאַרם איז געשטאַנען אין דער אָפענער טיר און האָט קיינעם ניט אַרויסגע־לאָזן פון אויג.

וואָס דער רעזולטאַט פון דער אונטערזוכונג איז געווען, — האָב איך ניט געוואוסט. די צייט איז געגאַנגען, עס איז געווען שפּעט האַרבסט, די עלטערן זײַנען אַוועקגעפאָרן צוריק קיין פּעטערבורג, און איך האָב אָנגעהויבן צו פאַרלירן די געדולד. האָב איך אָנגעהויבן צו בויען פּלע־נער אויף צו אַנטלויפן פון 10־טן פּאַוויליאָן. איך האָב אויסגעמאָסטן גענוי די ברייט פון די גראַטעס, האָב אַוועקגעשטעלט צוויי שטולן אַזוי, אַז דער מהלך צווישן זיי זאָל זײַן פּונקט אַזוי ברייט ווי די גראַ־טעס, און איך האָב זיך געלערנט דורכצוקריכן צווישן זיי. איך האָב אויך פּרובירט דורכן פענצטער צו באַקומען אַ פאַרשטעלונג וועגן פּלאַן פון הויף, אָבער איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אָן הילף פון דרויסן וועל איך מײַן פּלאַן ניט קאָנען דורכפירן. האָב איך אָנגעהויבן צו שרײַבן בריוו צום צ. ק. פון „בונד", און פאַרלאַנגט פון אים געוויסע זאַכן: אַ זעג, אַ שלאָפמיטל אויף אײַנצושלעפערן די זשאַנדאַרמען, אאַז"וו. ווי אַזוי שרײַבט מען אָבער אַזוינע זאַכן? איך האָב זיך מיט אַמאָל אָנגעהויבן צו פאַרנעמען מיט סטאַטיסטיק און אַגראַר־פראַגן און געשיקט צו מײַן „כלה" לאַנגע, לאַנגע בריוו וועגן דער אַגראַר־פראַגע מיט זייער גרויסע סטאַטיסטישע טאַבעלעס און אַ מאָסע ציפערן. די טאַבעלעס און די ציפערן זײַנען אַלע געווען אין דער אמתן קורצע בריוו אָנגעשריבן מיט דעם שיפער פון בונדישן צענטראַל־קאָמיטעט. דער אײַנפאַל איז געווען אַ גוטער, אָבער איך האָב אויף די בריוו ניט באַקומען קיין ענטפער. מײַן „כלה" האָט טאַקע די בריוו באַקומען, זי האָט אָבער נעבעך ניט פאַרשטאַנען וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך, האָט ערלעך געמיינט, אַז איך מיין דאָ די אַגראַר־פראַגע, און האָט זיך געוואונדערט איבער די שווע־ריקייטן פון דער אַגראַר־סטאַטיסטיק! באַווייזן די בריוו אימעצן פון די צענטראַלע בונדיסטן — אויף דעם געדאַנק איז זי ניט געקומען. אמת, עס וואָלט אויך ווייניק געהאָלפן, ווען זי וואָלט די בריוו איבער־געגעבן דעם צענטראַל־קאָמיטעט, וואָרעם דער גאַנצער געדאַנק וועגן אַנטלויפן פון 10־טן פּאַוויליאָן אויף אַזאַ פּרימיטיוון אופן איז געווען ניט מער ווי אַ פאַנטאַזיע, וואָס איז געבוירן געוואָרן פון דער אײַנזאַמ־קייט און דורשט נאָך פרייהייט.

4
מען פירט מיך קיין ריגע. — איך פרוביר אַנטלויפן

אומגעפער אין נאָוועמבער 1904 איז מען צו מיר געקומען און מען האָט מיר איבערגעלייענט אַן אָפיציעלן פּאַפּיר, אַז די זשאַנדאַרמעריע־פאַרוואַלטונג פון דער שטאָט ריגע שטעלט קעגן מיך אַרויס געוויסע באַשולדיקונגען, און אַז מען וועט מיך דעריבער אַריבערפירן אַהין. וואָס אַנבאַלאַנגט מיין „דעלאָ” אין דער שטאָט וואַרשע, איז פון דעם גאָרניט געוואָרן, און וואַרשע האָט באַשלאָסן, נעמענדיק אין אַכט מיין קראַנקהייט, מיך אַרויסצולאָזן אויף אחריות פון מיינע עלטערן.

הייסט דאָס, אַז פון וואַרשע בין איך פּטור. בלייבט גאָר ריגע. האָב איך זיך אָנגעהויבן צו קלייבן אין וועג. עס זיינען אָבער פאַרגאַנגען עטלעכע טעג, ביז מען האָט מיך ענדלעך אַרויסגערופן אין קאַנטאָר, וואו עס האָבן אויף מיך געוואַרט צוויי יונגע געזונטע זשאַנדאַרמען אין מיליטערישע יוניפאָרמס. די געוויינטלעכע יוניפאָרם פון די זשאַנדאַרמען איז געווען אַ טונקל־בלויע, אָבער די פּשוטע זשאַנדאַרמען, בעת זיי זיינען געווען אין דינסט אויפן גאַס, האָבן געטראָגן לאַנגע סאָלדאַטסקע מאַנטלען מיט לאַנגע שווערדן פון דער זייט און מיט רע־וואָלווערן. און אָט די צוויי יונגע באַוואָפנטע זשאַנדאַרמען האָבן מיך גענומען אין מיטן, אַריינגעזעצט מיך אויף אַ איזוואָשציק, — מיט אַ גרויסן טשעמאָדאַן זאַכן, דאָס מאָל, — און ווידער בין איך געפאָרן איבער די גאַסן פון וואַרשע, דאָס מאָל שוין צו דער אייזנבאַן, וואָס האָט מיך געזאָלט פירן איבער גראָדנע, ווילנע און דווינסק — קיין ריגע. אַ באַזיגטער „גענעראַל” . . .

עס איז געווען אַ קאַלטער נאָוועמבער־אָוונט, ווען עס האָבן זיך פאַר מיר געעפנט די טויערן פון 10־טן פּאַוויליאָן, און פון די געשפּרעכן פון מיינע זשאַנדאַרמען האָב איך פאַרשטאַנען, אַז פאַר די 4 חדשים, וואָס איך בין געווען אָפּגעשניטן פון דער וועלט, האָט זיך אין רוס־לאַנד די לאַגע שטאַרק געביטן. פון זייערע רייד האָב איך אַרויסגענומען צוויי זאַכן: ערשטנס, אַז אין וואַרשע איז אין די לעצטע טעג פאַרגע־קומען זייער אַ וויכטיקע געשעעניש: די ביידע זשאַנדאַרמען האָבן גערעדט וועגן דעמאָנסטראַציעס, טויטע, דערשאָסענע, פאַרוואונדעטע. ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, איז טאַקע מיט אַ פּאָר טעג פריער פאָרגעקומען די באַרימטע דעמאָנסטראַציע פון 13־טן נאָוועמבער 1904. ס'איז געווען פאַר מיר אינטערעסאַנט, אַז די זשאַנדאַרמען האָבן גערעדט וועגן דעם עפּעס גאָר אָן שנאה, אָן פאַרביטערונג. גיכער, מיט נייגיריקייט און אינטערעס. און איך האָב טאַקע אויך באַלד פאַר־שטאַנען פון וואַנען דאָס קומט: פון זייערע ווייטערדיקע רייד האָב איך פאַרשטאַנען, אַז רוסלאַנד האַלט זייער שמאָל אין קאַמף קעגן יאַפּאַן, און אַז די שטענדיקע מפּלות פון דער רוסישער אַרמיי האָבן

דערשיטערט די מאָראַל ניט נאָר פון די סאָלדאַטן, נאָר אַפילו פון די זשאַנדאַרמען אין וואַרשע. מיינע באַגלייטער האָבן גערעדט מיט ביטול וועגן די רוסישע גענעראַלן און אַפילו וועגן דעם פּאַרטיידיקער פון פּאָרט-אַרטור, דעם יעמאָלט באַרימטן גענעראַל סטעסעל. אָט די דערשיטערונג פון דער אינוויינקסטער מאָראַל אין דער רוסישער אַדמיניסטראַציע גופא און אַפילו אין אַזאַ טייל פון דער דאָזיקער אַדמיניסטראַציע, ווי די זשאַנדאַרמעריע, איז געווען דער צווייטער וויכטיקער פאַקט, וואָס איך האָב געקאָנט פעסטשטעלן.

כדי ניט איבערצושרעקן די זשאַנדאַרמען און זיי זאָלן ניט אויפהערן צו דערציילן די אינטערעסאַנטע זאַכן, האָב איך צו ערשט געשוויגן. אָבער שפּעטער, ווען מיר זיינען שוין געזעסן אין וואַגאָן פון דריטן קלאַס, אין אַ באַזונדערן ווינקל, און איך האָב מיינע באַגלייטער מכבד געווען מיט טיי, עפּל און געבעקס, וואָס מען האָט מיר מיטגעגעבן אויפן וועג, זיינען מיר געוואָרן גוט פריינד. מיינע באַגלייטערס זיינען ניט געווען קיין פּראָפעסיאָנעלע גערונגענע זשאַנדאַרמען: דאָס זיינען געווען צוויי יונגע פּויערים-זין פון טיף-רוסלאַנד, וואָס האָבן געמאַכט זייער מיליטער-דינסט אין דעם אַזוי גערופענעם „זשאַנדאַרמעריע-דיוויזיאָן". זיי זיינען, אייגנטלעך, געווען פּשוטע סאָלדאַטן און ניט עכטע „זשאַנדאַרמען" אין דעם זינען, ווי מען האָט דאָס שטענדיק געברויכט אין רוסלאַנד. און איך האָב גלייך באַמערקט, אַז זיי זיינען פּאָליטיש אין גאַנצן רוי, אומשולדיק, ניט קיין איבערצייגטע שוואַרץ-מאהניקעס. בכלל בין איך אַ שלעכטער איינצל-אַגיטאַטאָר: איך פאַרמאָג ניט דעם טאַלענט און דעם חשק אין פּאַרקער מיט איינצלנע מענטשן צו פאַרנעמען זיך מיט פּראָפּאַגאַנדע. אָבער דעם מאָל, נאָך 4 חדשים אַבסאָלוט שווייגן, האָב איך זיך מיט מיין גאַנצער קראַפט אָנגעזעצט אויף די צוויי יונגע פּויערים, און אַזוי ווי זייער מאָראַלישער ווידערשטאַנד קעגן רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע איז שוין געווען דערשיטערט, האָב איך אין עטלעכע שעה אַרום דערגרייכט, אַז זיי זיינען אייגנטלעך געווען מסכים מיט אַלע מיינע פּאָליטישע מיינונגען. מיר האָבן גערעדט וועגן דער אַגראַר-פראַגע, און, עס פאַרשטייט זיך, אַז זיי זיינען געווען מסכים מיט מיר, אַז ביי די פּריצים דאַרף מען די ערד צונעמען און אָפּגעבן זי צו די פּויערים. מיר האָבן אויך גערעדט איבער דער „דעליקאַטער" פראַגע פון אונטערדריקן רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען, וואָס דאָס איז פאַר זיי, ווי זשאַנדאַרמען, געווען אַ באַזונדערש אָנגעווייטאַקטער פּונקט. און איך האָב דערביי אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, וואָס האָט געמאַכט אויף זיי אַ שטאַרקן איינדרוק, אַז עס איז, אייגנטלעך, מאָראַלישע פּחדנות און עגאָאיזם, און ניט אמתע איבערצייגונג, וואָס צווינגט די רוסישע סאָלדאַטן צו שיסן אויף זייערע ברידער, די רעוואָלוציאָנערן.

מיר זיינען געזעסן אין אַ באַזונדערן ווינקל פון דריטן קלאַס און געשמועסט ווי אַלטע פריינד. איינער פון זיי האָט מיר אַפילו אַ זאָג

געטאָן; אַז איך זאָל אים געבן אַן אַדרעס, וועט ער מיר אפשר קאָנען צושיקן אינטערעסאַנטע דאָקומענטן, וואָס פאַלן אַ מאָל אַריין אין זשאַנדאַרמעריע-אָפּיס אין זיינע הענט.

אין וואַגאָן זיינען געווען נאָך אַ סך מענטשן, אָבער זיי האָבן זיך גע־האַלטן פון דער ווייטנס, האָבן נייגיריק געקוקט אויף אונדז, און אַלע האָבן, נאַטירלעך, פאַרשטאַנען, אַז דאָ פירט מען אַ פּאָליטישן אַרעסטירטן. אַ סך פון די פּאַסאַזשירן, באַזונדערס יונגעלייט, האָבן געקוקט אויף מיך מיט אָפענער סימפּאַטיע און רעספּעקט. אַזוי איז יעמאָלט געווען די שטימונג צווישן די מאַסן אין רוסלאַנד.

מיד געוואָרן פון ריידן און פאָרן, בין איך איינגעדרעמלט, ליגנדיק אויף דער האַרטער באַנק. איך כאַפּ זיך אויף, עס איז שוין באַלד טאָג, דער צוג שטייט אויף עפּעס אַ סטאַנציע, שטעק איך אַרויס דעם קאָפּ: דאָס איז סטאַנציע פּאָרעטשיע און עס שטייט: „גראָדנע — 30 ווי‏אָרסט".

עס גיט מיר אַ זעץ אין האַרצן: גראָדנע, אַ בונדישע שטאָט, איך דערמאָן זיך אפילו דעם נאָמען פון אַ דענטיסט, וואָס מיר האָבן דאָרטן געהאַט. אַנטלויפן . . . איך קוק זיך אַרום — מיינע זשאַנדאַרמען ליגן ביידע אויף דער צווייטער באַנק, אַנטקעגן מיר און שלאָפן, שלאָפן פעסט, מיט דעם געזונטן שלאָף פון יונגע פּויערים. שטיי איך אויף, גיי אַרוים פון אונדזער אָפּטייל, מיינע שומרים רירן זיך ניט. איך גיי דורך דורך דעם גאַנצן וואַגאָן צו דער צווייטער טיר — קיינער רירט זיך ניט, נאָר די האַלב-פאַרשלאָפענע פּאַסאַזשירן קוקן אויף מיך נייגיריק, אָבער זאָגן קיין וואָרט ניט. און אין מיין האַרצן קומט אויף מיט אַ מאָל אַ שנעלע אַנטשיידונג: איך וועל אַנטלויפן, אָט טאַקע גלייך, און וועל די דרייסיק וויאָרסט ביז גראָדנע שוין ווי עס איז מאַכן צו פוס. איך האָב אין דער שווייץ אויף די בערג געמאַכט ניט ווייניקער. אמת, איך האָב קיין געלט ניט און קיין עסנוואַרג ניט, אָבער מילא, אַ טאָג וועל איך שוין ווי ניט איז אויסהאַלטן — דערפאַר אָבער וועל איך זיין פריי. פריי! און די רעוואָלוציע שטייגט דאָך, און די צאַרישע מאַכט האַלט אין צעפאַלן ווערן, און עס איז פאַר מיר קיין פּלאַן ניט לאָזן זיך לעבעדיקערהייט באַגראָבן אין ריגע אויף הדשים און חדשים.

איך עפן פאַרזיכטיק די טיר פון וואַגאָן, — די פּלאַטפאָרם איז פּוסט, עס איז אויף דער סטאַנציע קיינען ניטאָ, עס איז זעקס אַזייגער אין דער פרי, נאָך האַלב-טונקל, באַגינען. פון דער ווייטנס זעט זיך אַ טונקעלער וואַלד. אָט אין דעם וואַלד וועל איך זיך באַהאַלטן.

ווי איך עפן די טיר פון וואַגאָן, דערשפּיר איך, אַז אין דרויסן איז קאַלט, כמעט אַ פראָסט. צי וועל איך אויסהאַלטן די קעלט אין מיינע לייכטע זומערדיקע קליידער (איך בין דאָך אַרעסטירט געוואָרן אין יולי)? קער איך זיך אום צוריק אין וואַגאָן, צו מיין באַנק, צי אַרויס פון אונטער דער באַנק די קאָלאָשן, וואָס איך האָב געהאַט, טו זיי אָן,

נעם אראָפּ מיין מאַנטל, טו אים אָן, זעץ אַרויף אויפן קאָפּ די הוט, און לאָז זיך ווידער צו דער טיר. מיינע וועכטער שלאָפן, מיט אַ רואיקן געזונטן שלאָף, און רירן זיך ניט. די רייזנדע הייבן אָן צו פאַרשטיין, וואָס דאָ טוט זיך, קוקן אויף מיך נייגיריק אָבער רירן זיך ניט פון אָרט און זיצן גאַנץ רואיק. איך גיי אַ צווייטן מאָל דורך דורך דעם גאַנצן וואַגאָן: אַלע קוקן אויף מיר און קיינער זאָגט קיין וואָרט ניט. איך עפן די טיר, גיי אַרויס אויף דער סטאַנציע, גיי רואיק אַריבער צו אַ הילצערנעם סחורה-סקלאַד, בייג אַרום פון דער אַנדערער זייט, און דאָ דערזע איך אַ גרויסן רעגן-טון. איך באַהאַלט זיך הינטער דער טון מיט איינגעבויגענע קני אַזוי, אַז מיין גאַנצע פיגור זאָל זיין באַהאַלטן הינטער דער טון — און בלייב אַזוי רואיק זיצן. איך זע קיינעם ניט און איך האָף, אַז קיינער זעט מיך אויך ניט. די האַרץ קלאַפּט מיר. מיט אַ מאָל דערהערט זיך אַן אויפגערעגטער קול: איך דערקאָן די שטים פון איינעם פון מיינע וועכטער, ער רופט מיך ביי דעם נאָמען. ניט באַקומענדיק קיין ענטפער, הייבט ער אָן נאָך הילכיקער רופן מיין נאָמען. דערנאָך דערהערט זיך דער קול פון צווייטן וועכטער, און זיי שרייען שוין זאָלבעצווייט. דערנאָך הייבן זיי אָן צו פרעגן ביים עולם: איך הער יעדעס וואָרט. קיינער זאָגט ניט אויס, וואָס ער האָט געזען. דערנאָך רופט מען דעם אָרטיקן זשאַנדאַרם פון דער אייזנבאַן-סטאַנציע (אין רוסלאַנד איז אויף יעדער אייזנבאַן-סטאַנציע געווען אַן אייזנבאַן-זשאַנדאַרם). דערנאָך ווערט אַן אַלגעמיינער געלאַף און געפילדער און אַ ליאַרעם, פאַרשיידענע מענטשן לויפן אין אַלע זייטן, און מען שרייט מיט אויפגערעגטע שטימען און מען זאָגט אַרום פאַרשיידענע טעאָריעס וועגן מיין אַנטלויפן און באַהאַלטן זיך. איך הער יעדעס וואָרט, וואָרים דער מהלך צווישן טון און דער סטאַנציע איז סך הכל אַ 20 שריט.

אַזוי האָט געדויערט אַ מינוט 40. דער צוג, וואָס האָט געדאַרפט שטיין אויף דער סטאַנציע אַ 5 אָדער 10 מינוט, איז פאַרהאַלטן געוואָרן אויף אַן איבעריקער האַלבער שעה צוליב מיר. אָבער ענדלעך איז דער צוג אַוועקגעגאַנגען, און אויף דער סטאַנציע איז מיט אַ מאָל געוואָרן שטיל און פוסט. מיינע וועכטער זיינען צוזאַמען מיט דעם אייזנבאַן-זשאַנדאַרם אַוועקגעגאַנגען טעלעפאָנירן און טעלעגראַפירן אין אַלע אַרומיקע שטעט און סטאַנציעס. אין גאַנצן אַ פאַרגליווערטער און אַ שטייפער פון קעלט און איינגעבויגנקייט, האָב איך ענדלעך באַשלאָסן אַרויסצוגיין פון מיין באַהאַלטעניש. איך בין אויפגעשטאַנען און ניט אַ קער געבנדיק זיך צוריק קיין איין איינציקן מאָל, בין איך לאַנגזאַם אַוועק צו דעם וואַלד, וואָס איך האָב פריער געזען. קיינער האָט מיך ניט באַמערקט און קיינער איז מיר ניט נאָכגעגאַנגען.

ווען איך בין אַריין אין וואַלד, און דיביימער האָבן מיך פאַרדעקט פון דער סטאַנציע, האָב איך אָנגעהויבן צו לויפן. עס איז מיר געווען קאַלט, און איך האָב זיך געוואָלט דערוואַרעמען, און אויך געוואָלט וואָס וויטער אַוועקגיין פון דער סטאַנציע.

אָפּגעלאָפן אַ ווייאָרסט אָדער צוויי, און באַלד דערזען, אַז איך בין ווייט פון יעדן וועג און פון יעדן הויז. נאָר פון דער ווייטנס, פון לינקס זעען זיך די סטאָלבעס פון דעם אייזנבאַן-טעלעגראַף, הייסט דאָס, אַז די אייזנבאַן-ליניע איז דאָרטן און דאָרטן איז דער וועג קיין גראָדנע.

דערווייל איז געוואָרן ליכטיק. עס איז געווען אַ קלאָרער פראָס-טיקער טאָג, און דעריבער האָב איך מורא געהאַט אַרויסצוגיין פון וואַלד: מען וועט מיך דערזען פון דער ווייטנס. האָב איך זיך אין מיין טונקעלן מאַנטל צוגעטוליעט צו דעם טונקעלן שטאַם פון אַ גרויסער סאָסנע און האָב באַשלאָסן אַזוי צו פאַרברענגען דעם גאַנצן טאָג, ביז עס וועט ווערן טונקל. און אין דער פינצטער וועל איך זיך אַוועקלאָזן קיין גראָדנע.

עס איז געווען אַ שווערער טאָג פאַר מיר, הגם אין וואַלד איז געווען שיין און פריש. ניט געגעסן, ניט געטרונקען, דורכגעפראָרן, ניט גע-קוקט אויף די קאָלאָשן און דעם מאַנטל, האָב איך פאַרבראַכט דעם גאַנצן לאַנגן טאָג שטייענדיק און זיצנדיק הינטער דעם בוים. נאָר נאָר פון צייט צו צייט פלעג איך אַ ביסל אַרומלויפן אָדער אַרומשפּרינגען כדי זיך צו דערוואַרימען.

און די גאַנצע צייט האָב איך אַרומגעטראַכט די שאַנסן פון מיין אַנטלויפן. מיין איינציקער קאַפּיטאַל איז געווען דער גאָלדענער רינג פון בערל דעם פריקאַזשציק, וואָס איך האָב נאָך אַלץ געהאַט פאַרבאַ-האַלטן אין מיינע קליידער. זאָל איך ניט אַריינגיין אין דעם ערשטן דאָרף, אין דער ערשטער כאַטע פון אַ פּויער און זאָגן אים, אַז איך בין אַ רעוואָלוציאָנער, וואָס באַהאַלט זיך פון די זשאַנדאַרמען, און זאָל אים אָנבאָטן דעם גאָלדענעם רינג פאַר דער הילף, וואָס ער וועט מיר געבן, פאַר אַ פור קיין גראָדנע? צי קאָן מען אָבער אַריינפאָרן מיט אַ פור קיין גראָדנע? — אויף אַלע וועגן וועלן דאָך שטיין זשאַנדאַרמען און מען וועט מיך גלייך דערקאָנען מיט מיין באָרד, מיינע ברילן, מיין מאַנטל, און מיין גאַנצן אינטעליגענטישן אויסזען. אַגב, וואָס זיינען די פּויערים אַרום גראָדנע? ליטווינער, ווייסרוסן, פּאָליאַקן? די געגנט איז זייער אַ געמישטע. איך קאָן אַריינפאַלן צווישן פּויערים, וואָס זיי-נען רעוואָלוציאָנער-געשטימט און, פאַרקערט, צווישן אַזוינע, וואָס זיינען שוואַרץ-מאַהניקעס. ניין! איך וועל דאָס בעסער ניט ריזיקירן, איך וועל אַוועקגיין צו פוס קיין גראָדנע, און איין מענטש אַליין, אָן אַ פור, אין דער פינצטער, וועט זיך שוין ווי ניט איז אַריינגנבענען אין דער שטאָט.

איך זיץ און איך שטיי אויף, שפּאַציר זיך דורך עטלעכע טריט, לויף זיך דורך אַ ביסל, כדי זיך צו דערוואַרעמען די פיס, און זעץ זיך ווידער אַוועק. מיט אַ מאָל גיט מיר אַ קלאַפּ אין האַרצן: איינער גייט צו מיר, אין עפּעס אַ ברוינעם קורצן רעקל, אָט אַזוי ווי די זשאַנדאַר-מען טראָגן אין די קאַנצעלאַריעס. זאָל דאָס זיין איינער פון מיינע

זשאַנדאַרמען, וואָס האָט דערשפּירט, וואו איך בין? וויל ער מיך ראַטעווען, אָדער, פֿאַרקערט, אַרעסטירן? איך שטיי אויף, און גרייט זיך נערוועז צום קאַמף. אָבער באַלד מוז איך לאַכן: דאָס, וואָס מיינע קורצזיכטיקע און מידע אויגן האָבן געהאַלטן פֿאַר אַ מענטשן אין אַ ברוינעם רעקל, איז גאָר געווען — אַ ברוינער האָז, וואָס איז געשטאַנען אויף די הינטער־פּיסלעך. ער איז צוגעקומען נענטער צו מיר, האָט זיך ווידער געשטעלט אויף די הינטער־פּיס, האָט אַ שאָקל געטאָן מיט די לאַנגע אויערן און איז אַנטלאָפֿן.

אָפּגעפֿרישט דורך דעם קאָמישן אינצידענט, האָב איך שוין רואיקער געוואַרט ביז צום אָוונט. און ווען עס איז געוואָרן גענוג טונקל, בין איך אַרויס פֿון וואַלד און זיך אַוועקגעלאָזן צו דער אייזנבאַן־ליניע, וואָס איך האָב געזען פֿון דער ווייטנס. אַריבערגעגאַנגען איבער איר פֿאַרזיכטיק און דערזען אַ וועג, וואָס ציט זיך פּאַראַלעל מיט דער אייזנבאַן: דאָס איז געווען דער וועג קיין גראָדנע און צו דער פֿרייהייט. און מוטיק האָב איך אָנגעהויבן צו שפּרייזן אויפֿן שאָסיי מיט מיינע מידע פֿיס.ליידער אָבער איז ניט לאַנג געבליבן טונקל. עס איז אויפֿגעגאַנגען אַ לבנה און טאַקע אַ פֿולע לבנה, אַ שיינענדיקע, אַ העלע, ווי עס טרעפֿט זיך אין קלאָרע פֿראָסטיקע הארבסט־אָוונטן. עס איז געוואָרן ליכטיק, כמעט ווי בייטאָג. די שאָטנס פֿון די ביימער זיינען שוואַרצע, און מיין שאָטן אויך. הייסט דאָס, אַז מען וועט פֿון דער ווייטנס גלייך דערקאָנען, אַז דאָ גייט אימעצער. בין איך אַראָפּ פֿון וועג און געגאַנגען לענג־אויס דעם וועג, זיך באַהאַלטנדיק אין שאָטן פֿון קוסטעס. דאָס האָט מיך אין יענעם מאָמענט טאַקע געראַטעוועט. וואָרעם אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט זיך דערהערט דאָס הוזשען פֿון רעדער איבער די שטאָלענע רעלסן: דאָס איז געפֿאָרן אַ ספּעציעלער וואָגן („דרעזינע") פֿון די אייזנבאַן־זשאַנדאַרמען, און איך האָב דייטלעך דערקאָנט פֿאַרנט אויף דער באַנק מיינע צוויי באַגלייטער, און מיט זיי נאָך אַ דריטער זשאַנדאַרם, און אַ פּאָר אַנדערע מענטשן. זיי האָבן אַלע אויפֿגערעגט געמאַכט מיט די הענט, און דער אינגערער זשאַנדאַרם האָט געשריען: „אָט דאָ האָב איך אימעצן געזען". די דרעזינע האָט זיך אָפּגעשטעלט בוכשטעבלעך עטלעכע שריט פֿון מיר, און די אַלע מענטשן, וואָס זיינען געווען אויף דער דרעזינע, האָבן אָנגעשטרענגט געקוקט אויף מיין זייט. אָבער איך בין געלעגן אומבאַוועגלעך אין שוואַרצן שאָטן פֿון די קוסטעס, און זיי האָבן מיך ניט געזען. נאָך אַ קורצער דיסקוסיע, האָבן מיינע פֿאַרפֿאָלגער באַשלאָסן, אַז דאָס איז געווען אַ טעות, און זיינען אַוועקגעפֿאָרן ווייטער, אין יענער ריכטונג, פֿון וועלכער איך בין געקומען. און איך בין אַוועק פֿאָראויס, ווייטער אין דער ריכטונג צו גראָדנע.

וויפֿיל וויאָרסט איך בין אַזוי אָפּגעגאַנגען, — ווייס איך ניט. אָבער מיט יעדער וויאָרסט איז מיין גאַנג געוואָרן שוואַכער און שוואַכער, און מיין מידקייט אַלץ גרעסער און גרעסער. איך האָב מער ווי

24 שעה ניט געהאַט געגעסן און ניט געטרונקען, דעם גאַנצן טאָג פֿאַר־בּראַכט שטייענדיק און זיצנדיק אין דער קעלט און ווי איך בּין ניט געווען געזונט און יונג, האָבּן דאָך די 4 אַ האַלבּ חדשים זיצן אין טורמע געבּראַכט, ווי עס ווייזט אויס, אַ גאַנץ בּאַדייטנדיקע אָפּשוואַכונג פֿון מיין אַלגעמיינעם צושטאַנד. עס איז געקומען אַ מאָמענט, ווען איך האָבּ דערשפּירט, אַז ווייטער גיין קאָן איך ניט. און בּיז גראָדנע איז געבּליבּן אפשר נאָך אַ וויאָרסט 20, לויט מיין אויסרעכענונג. עס העלפֿט ניט, איך מוז ערגעץ־וואו אַריינגיין, עפּעס עסן, עפּעס טרינקען, אָנוואַ־רעמען זיך אַ בּיסל. אין דעם מאָמענט האָבּ איך דערזען פֿון דער ווייטנס אַ בּאַלויכטענעם פֿענצטער פֿון אַן אייזנבּאַן־הייזל. דאָ מוז וואוינען אַ וועכטער. אַ וועכטער, אַן אַרבּעטער. אפשר וועט מען קאָנען מיט אים דורכקומען? אפשר דער גאָלדענער רינג?

וואָלט איך געווען אין אַ נאָרמאַלן פֿרישן צושטאַנד, וואָלט איך, פֿאַרשטייט זיך, קיין מאָל אַזוינס ניט ריזיקירט. אָבּער אין יענעם מאָמענט בּין איך ניט נאָר געווען שרעקלעך מיד פֿיזיש, נאָר עס איז אויך אַרויף אויף מיר אַ צושטאַנד פֿון טעמפּקייט און גלייכגילטיקייט: עס איז מיר געווען אַלץ איינס. איך גיי־צו צום הייזל, קוק אַריין אין פֿענצטער, — עס זיצט אַ פֿרוי מיט אַ קליין קינד. דאָס איז דאָך ניט געפֿערלעך: אַ פֿרוי מיט אַ קינד וועט מיך אפשר ניט פֿאַרראָטן, זי וועט רחמנות האָבּן. געעפֿנט די טיר און אַריינגעגאַנגען. דריי פּאָר אויגן זיינען אויסגעשטאַרטשעט געוואָרן אויף מיר, דערשראָקענע און פֿאַרוואונדערטע: די אויגן פֿון אַ פֿרוי, פֿון אַ קינד און פֿון אַ מאַן, וואָס איז געלעגן אויף דער בּאַנק; דעריבּער האָבּ איך אים דורכן פֿענצטער ניט געזען! מילא, צוריק האָבּ איך שוין ניט געקאָנט און איך האָבּ אין זיך גאָר ניט געפֿילט די קראַפֿט אַרויסצולויפֿן, לויפֿן אויפֿן וועג, זיך בּאַהאַלטן אין די קוסטעס, — אוממעגלעך געווען. זאָג איך „גוטן אָוונט" און דערקלער, אַז איך האָבּ זיך פֿאַרבּלאָנדזשעט שפּאַצירנדיק פֿון שטעטל, און צי קאָנען זיי מיר ניט געבּן אַ גלאָז וואַסער? די פֿרוי מיט דעם מאַן האָבּן זיך איבּערגעקוקט, דאָס קינד האָט ניט אַראָפּגע־לאָזן פֿון מיר די פֿאַרוואונדערטע און צעשראָקענע אויגן. — „יאָ, יאָ, פֿאַר וואָס ניט, אַדרבּא, איך זאָל זיך צוזעצן, אין שטובּ איז וואַרעם, און אפשר וויל איך אַ גלאָז טיי אָדער אַ פּאָר געקאָכטע קאַרטאָפֿל מיט זאַלץ?"

דער טאָן און די גרויסע גאַסטפֿריינדלעכקייט האָבּן געקלונגען פֿאַלש, און איך האָבּ פֿאַרשטאַנען, וואָס דאָס מיינט: זיי ווייסן, ווער איך בּין. אָבּער צי וועלן זיי מיך אַרויסגעבּן? איך האָבּ אויסגעטאָן דעם מאַנטל, זיך אַוועקגעזעצט, און געפֿילט, אַז מער וועל איך שוין ניט קאָנען אַזוי גיך אויפֿשטיין. איך האָבּ אַראָפּגעשלונגען אַ פּאָר וואַרעמע קאַרטאָפֿל מיט זאַלץ, האָבּ אויסגעטרונקען אַ גלאָז שיטערע טיי און האָבּ געפֿילט, אַז פֿון דער וואַרעמקייט און פֿון דעם עסן ווער איך שלעפֿעריק. און אַזוי ווי אין האַלבּ־שלאָף הער איך, ווי דער מאַן זאָגט מיט

א גלייכגילטיקער אָבער פאַלשער שטים, אַז ער דאַרף אַרויסגיין געבן אַ קוק, וואָס מיט דער בהמה טוט זיך . . . אַרויסגעגאַנגען און ניט גע־קומען צוריק. האָב איך ווידער פאַרשטאַנען, וואָס דאָס באַדייט: ער אי אַוועקגעלאָפן צו דער סטאַנציע אָנזאָגן די זשאַנדאַרמען, אַז איך בין דאָ. איך האָב אינסטינקטיוו געפילט, אַז אָט איצט מוז איך אויפ־שטיין, אַז איך מוז אומבאַדינגט גלייך פאַרלאָזן די הויז און אַנטלויפן און ווידער באַהאַלטן זיך ערגעץ־וואו. אָבער איך האָב, פון דער אַנ־דערער זייט, געוואוסט, אַז איך וועל דאָס ניט טאָן, ווייל איך האָב פּשוט דערויף קיין כוחות ניט. בין איך געזעסן אַ שלעפעריקער. און דאָס קינד האָט ניט אַראָפּגעלאָזן די אויגן פון בלאָסן מאַן מיט אַ צעוואַק־סענער באָרד, און די פרוי האָט עפּעס גערעדט, קוקנדיק די גאַנצע צייט אויף דער טיר. אָבער איך האָב אַפילו ניט געהערט, וואָס זי זאָגט, און האָב געוואַרט אויף דעם סוף. איך ווייס ניט ווי לאַנג עס האָט גע־דויערט, און דאַן האָט זיך מיט אַמאָל דערהערט דער דונער פון דער דרעזינע, אויסגעשרייען און אַ געלאָף פון שווערע שטיוול, און די טיר פון הייזל איז מיט אַ מאָל אויפגעריסן געוואָרן און מיט אויסגעשרייען און קולות האָבן זיך אַריינגעלאָזן אין דאָס קליינע צימערל אַ טוץ מענטשן.

מיינע צוויי זשאַנדאַרמען זיינען געווען אויסער זיך פון שמחה, אויפרעגונג און כעס קעגן מיך. זיי האָבן מיך געזידלט מיט די מיאוסטע ווערטער. זיי האָבן זיך געוואָרפן מיך שלאָגן און איינער פון זיי האָט מיר אויסגעלונקען דעם קליינעם פינגער אויף דער רעכטער האַנט, אָבער דער אַלטער אייזנבאַן־זשאַנדאַרם, וואָס איז מיט זיי געווען, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין וועג און האָט ניט דערלאָזן, אַז מען זאָל מיך שלאָגן. ער איז געווען עלטער, געניטער און רואיקער, ווי די צוויי יונגע און אַחוץ דעם האָט ער דאָך קיין זאַך ניט ריזיקירט, בשעת יענע צוויי וואָלטן געוואָרן באַשטראָפט, אויב זיי לאָזן מיך אַנטלויפן. איך האָב אַ וואָרט ניט געענטפערט און זיך בכלל ניט גערירט פון אָרט: אַזוי ווי אַ שטיינערנער. דאָס איז געווען צום טייל מידקייט און גלייכגילטיקייט, צום טייל דער אינסטינקטיווער באַוואוסטזיין, אַז דורך ענטפערן, דיס־קוטירן, שרייען, וועל איך מיין לאַגע מאַכן ערגער. מען האָט מיר גע־בונדן די הענט הינטערן רוקן, אַרויסגעפירט אויפן גאַס, אַרויפגעזעצט אויף דער דרעזינע, פוןביידע זייטן האָבן זיך אַוועקגעזעצט די זשאַנ־דאַרמען און האָבן צוליב זיכערקייט מיך צוגעבונדן מיט רימענס פון ביידע זייטן, און הינטן האָבן זיך אויסגעשטעלט אַלע אַנדערע זשאַנ־דאַרמען און אייזנבאַן־באַאַמטע, און מיט אַזאַ מין פּאַראַד און טומל האָט מען מיך געבראַכט אויף דער סטאַנציע, פון וועלכער איך בין מיט אַ 15 שעה צוריק אַנטלאָפן. עס איז שוין געווען נאַכט, אָבער אַרום דער סטאַנציע און אין דעם זאַל, וואו מען האָט מיך געפירט, זיינען גע־שטאַנען אַ מאַסע מענטשן און האָבן זיך נייגעריק צוגעקוקט צו דער סצענע. מען האָט זיי אָבער אַלעמען אַרויסגעטריבן, און איך בין געבליבן אין צימער איינער אַליין מיט די דריי זשאַנדאַרמען.

די אויפרעגונג פון די צוויי וואַרשעווער זשאַנדאַרמען איז נאָך אַלץ גרויס, אָבער באַזונדערש גרויס איז געווען זייער שמחה, וואָס זיי האָבן מיך געכאַפּט: איצט וועלן זיי שוין קיין שטראָף ניט האָבן! דאָס זיינען שוין מער ניט געווען רעוואָלוציאָנער-געשטימטע פויערים, ווי פאַריקע נאַכט, ווען מיר האָבן אַזוי פרידלעך און פריינדלעך גע־שמועסט אין וואַגאָן, — דאָס זיינען שוין געווען זשאַנדאַרמען. און פון דעסטוועגן איז דאָך געבליבן אין זיי עפּעס פון יענע געשפּרעכן, וואָס מיר האָבן געפירט פאַריקע נאַכט: די געדאַנקען האָבן זיך אָנגעהויבן צו רירן. וואָרעם פלוצעך אין מיטן פון זידלערייען, האָט מיר דער אײנגערער אַ זאָג געטאָן: „דו האָסט דאָך אַליין געזאָגט, אַז אַ מענטש טאָר ניט צוליב אייגענעם עגאָאיזם מקריב זיין די אַנדערע! און איצט האָסטו גענומען צוליב דיין עגאָאיזם, צוליב דיין פרייהייט, און אונדז מקריב געווען, ווייל אונדז וואָלט מען דאָך באַשטראָפט פאַר דיין אַנט־לויפן".

אַלזאָ, די מאָראַלישע פּראָבלעם, וואָס איך האָב געשטעלט פאַר זיין געוויסן, — דער סכסוך צווישן דעם אייגענעם גליק און דעם גליק פון דער מענטשהייט, איז דאָך געבליבן ערגעץ-וואו האַפטן אין זיין האַרצן. צי האָט ער איר ווען ניט איז אַנטשיידן און ווי אַזוי? — דאָס ווייס איך ניט.

אויפן נעקסטן מאָרגן האָט מען מיך מיט דעם ענלעכן צוג, פון וועלכן איך בין אַנטלאָפן, אַוועקגעפירט קיין ווילנע. דאָרטן האָט מען מיך פאַרפירט אין דער זשאַנדאַרמעריע-פאַרוואַלטונג און צוויי זשאַנדאַר־מעריע-אָפיצירן האָבן מיך גענוי אויסגעפרעגט, ווער איך בין און וואָס איך בין, צי בין איך טאַקע אַנטלאָפן, און צי האָט מען מיך געכאַפּט, און צי בין איך טאַקע דער זעלביקער רפאל ריין, אאַז"וו. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זיי האָבן מורא, צי האָבן מיינע זשאַנדאַרמען, כדי זיך צו ראַטעווען פון שטראָף, ניט געכאַפּט אַן אַנדער אידן אַנשטאָט מיר?

פון דער זשאַנדאַרמעריע האָט מען מיך אַוועקגעפירט אויף דעם באַרימטן ווילנער „זיבעטן נומער", — אַ תפיסה וואו עס זיינען גע־וויינטלעך געזעסן די וויכטיקערע פּאָליטישע אַרעסטירטע. דאָרטן איז אין יענעם מאָמענט, אָדער קורץ פאַר דעם, געזעסן ד"ר מ. גורעוויטש, וואָס געפינט זיך אין ניו-יאָרק, פראַנץ קורסקי, און אַנדערע. אָבער איך האָב יעמאָלט קיינעם פון זיי ניט געזען, ווייל איך בין אָפּגעזעסן דאָרטן נאָר איין נאַכט מיט אַ טאָג. אויפן צווייטן טאָג האָט מען מיך ווידער געבראַכט אין דער גובערניאַלער זשאַנדאַרמעריע און געלאָזט נאָך אַ מאָל באַשטעטיקן, אַז איך בין טאַקע דער זעלביקער, וועגן וועמען עס האַנדלט זיך, און נייע דריי זשאַנדאַרמען האָבן מיך אַוועקגעפירט פון ווילנע קיין ריגע. זיי האָבן מיך געוואָלט אונטערוועגס ניט אַנדערש בינדן, וואָרעם אין זייער פּאַפּיר איז געשטאַנען, אַז איך בין אַ געפער־לעכער מענטש, וואָס האָט ליב צו אַנטלויפן. אָבער איך האָב זיי אי־

בערצייגט, אַז זיי זאָלן דאָס ניט טאָן, און מיר זיינען בשלום אָנגעקומען קיין ריגע.

דאָרט, ווידער, פריער פאַר אַלץ, אַ פאַרהער אין דער זשאַנדאַרמעריע, צי בין איך טאַקע דער זעלביקער (אַ מיסטעריעזיש פאָלק געווען די זשאַנדאַרמען!), און דאַן האָט מען מיך אָוועקגעפירט אין דער „אַלטער טורמע", וואָס איז געווען אין סאַמע צענטער פון שטאָט.

5
אין ריגער תפיסה

נאָך דעם שטילן און געהיימנישפולן „10-טן פּאַוויליאָן", מיט זיין זויבערקייט, שטילקייט און איינזאַמקייט, בין איך מיט אַ מאָל אַריינגעפאַלן אין אַ משוגעים-הויז. די טורמע איז באַשטאַנען פון אַ שמאָלן הויף, וואָס פון פיר זייטן זיינען געווען ווענט מיט פאַרגראַטעטע פענצטער אין פיר עטאַזשן, און אין יעדן פענצטער זיינען געשטאַנען צענדליקער מענטשן און האָבן גערעדט און געשריען און געליאַרעמט און געזונגען, — אַזוי ווי עס וואָלט געווען ניט קיין טורמע, נאָר אַ יריד.

אין ווינטער 1904 איז שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן ניט נאָר די מאַכט פון דער רוסישער רעגירונג ערב דער רעוואָלוציע, וואָס אַלע האָבן שוין געשפּירט, אַז זי וועט קומען, נאָר אויך די דיסציפּלין אין די טורמעס. די רוסישע תפיסות זיינען געווען איבערגעפּילט מיט צענדליקער טויזנטער מענטשן, אַלץ יונגע מוטיקע רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן זיך פאַר קיין זאַך ניט געשראָקן. די אַלטע רוסישע טראַדיציע פון געוויסע פרייהייטן פאַר פּאָליטישע געפאַנגענע, וואָס עס האָבן אויסגעקעמפט פאַר אונדז די אַלטע מאַרטירער פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", איז אונטער דעם דרוק פון די מאַסן אַרעסטירטע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין פולשטענדיקע אויטאָנאָמיע, — די פּאָליטישע האָבן געהאַט אייגענע „סטאַראָסטעס", אַן אייגענע קיך, באַזונדערע פּריווילעגיעס פאַר זעאונגען, פאַר שרייבן בריוו, פאַר באַקומען ביכער, אאַז"וו. און וואו די אַדמיניסטראַציע פון דער תפיסה האָט ניט נאָכגעגעבן און האָט געוואָלט אויפהאַלטן די שטרענגע דיסציפּלין, איז עס געקומען צו קאַמפן, דעמאָנסטראַציעס, מיט ברעכן מעבל און שויבן, מיט הונגער-סטרייקן. אָט גראָד אין ריגע, אַ פּאָר וואָכן פאַר מיין אָנקומען אַהין, איז פאָרגעקומען אַזאַ מין שטאַרקער קאַמף, און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די אַדמיניסטראַציע האָט פאַרלוירן יעדן קאָנטראָל איבער די אַרעסטירטע, און זיי האָבן געטאָן וואָס זיי האָבן געוואָלט. די טירן פון די איינצלנע קאַמערן זיינען געשטאַנען דעם גאַנצן טאָג אָפן, און די אַרעסטירטע האָבן אַרומגעשפּאַצירט איבער דער תפיסה, ווי אין אַ האָטעל. עסן האָט מען געקראָגן וואָס מען האָט געוואָלט, פון פריינט, פאַרוואַנדטע און אַפילו פון אַ האָטעל. ביכער

און בריוו פלעגט מען איבערשיקן אַהין און צוריק פראַנק און פריי, און מיר האָבן געהאַט אין דער תּפיסה די נייסטע אומלעגאַלע ליטע־ראַטור, גאַנץ פריש פון דרוק.

אַ באַזונדערער „ספּאָרט״ איז געווען פאַר די ריגער אַרעסטירטע (דאָס זיינען געווען דאָס רוב לעטישע אַרבעטער און פּויערים) צו רייצן און אויסצולאַכן די וועכטער, וואָס זיינען געשטאַנען אונטן אין הויף. אין אַ באַשטימטער שעה פלעגן זיך אַלע אַרעסטירטע אויסשטעלן ביי די פענצטער, פלעגן זידלען די וועכטער מיט פאַרשיידענע לעטישע זידלווערטער, וואָס איך האָב זיי ניט שטענדיק פאַרשטאַנען (און עס איז געווען אַ גליק פאַר מיר, וואָס איך האָב זיי ניט שטענדיק פאַר־שטאַנען!) און פלעגן באַמבאַרדירן די וועכטער, דורך די פענצטער־גראַטעס, מיט שטיקלעך טרוקענע ברויט. דערנאָך פלעגן זיך אַלע אויפשטעלן און זינגען רעוואָלוציאָנערע לידער, און קיינער האָט זיי אַ וואָרט ניט געזאָגט, און דער דירעקטאָר האָט געשוויגן, און די וועכטער האָבן ניט געשאָסן, און סאָלדאַטן האָבן זיך ניט אַריינגעריסן אין די קאַמערן מיט ביקסן.

נאָכן וואַרשעווער „10־טן פּאַוויליאָן״ האָב איך פּשוט געפילט אַ מין אומבאַקוועמלעכקייט צו זיצן אין אַזאַ מין פרייהייט. אָבער אָט דער צושטאַנד אַליין איז געווען אַ שטאַרקע דערמוטיקונג פאַר אַלע, וואָס זיינען געזעסן: עס איז געווען קלאָר, אַז די צאַרישע רעגירונג גייט באַרג־אַראָפּ, ווען אין די צאַרישע טורמעס קאָן דערלויבט ווערן אַזאַ מין „אָרדענונג״.

עס פאַרשטייט זיך, אַז ניט דעם גאַנצן טאָג האָבן די אַרעסטירטע פאַרבראַכט אין אַזוינע נאַרישקייטן. עס זיינען געווען קרייזלעך, דיס־קוסיעס, פאַרזאַמלונגען, פאָרלעזונגען און עס איז מיר געווען זייער אָנגענעם צו באַגעגענען אין ריגע, וואָס איך האָב געהאַט פאַרלאָזן מיט צוויי יאָר צוריק, נאָך אין סאַמע אָנהייב פון דער באַוועגונג, אַזאַ מין גרויסע צאָל רעוואָלוציאָנערע און סאָציאַליסטישע אַרבעטער. הייסט דאָס, אַז די אַרבעט, וואָס מיר האָבן אָנגעהויבן מיט עטלעכע יאָר צו־ריק איז געווען ניט אומזיסט.

אין דער „אַלטער טורמע״ בין איך געבליבן נאָר אַ קורצע צייט. באַלד האָט מען מיך אַריבערגעפירט אין דער „גובערניאַלער״ תּפיסה, — אַ נייער, גאַנץ מאָדערנער געביידע הינטערן שטאָט, וואָס איז געווען איינגעאָרדענט לויט די מוסטערן פון אויסלענדישע תּפיסות: דאַמף־באַהייצונג אאַז״וו. דאָרטן זיינען שוין די רעגולאַציעס געווען פיל שטרענגער און די דיסציפּלין פיל גרעסער, ווי אין דער „אַלטער טורמע״.

אומגעפער מיט אַ יאָר אָנדערטהאַלבן שפּעטער איז די דאָזיקע נייע טורמע געווען אַ סצענע פון דראַמאַטישע געשעענישן. אין די חדשים פון רעאַקציע, ווען אין לאַטוויע האָבן געבושעוועט די באַרימטע „שטראָף־עקספּעדיציעס״ קעגן רעוואָלוציאָנערע לאַטווישע פּויערים, זיינען אין דער דערמאָנטער תּפיסה געזעסן עטלעכע צענדליק פאַר־

משפטע צום טויט. האָבן די לאַטווישע און בונדישע אָרגאַניזאַציעס פון ריגע באַשלאָסן צו באַפרייען די פאַרמשפטע חברים. אָבער די תפיסה איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ הויכער שטיינערנער וואַנט און אַחוץ די געוויינטלעכע שומרים און וועכטער, זיינען אין הויף שטענדיק, טאָג און נאַכט, געשטאַנען אויף דער וואַך אַפּטיילונגען קאָזאַקן.

דאָס האָט אָבער ניט אָפּגעהאַלטן אונדזערע „באָיעוואָי אָטריאַדן" (קאַמף-גרופּעס). אַ גרופּע פלינקע ,גוט באַוואָפנטע לאַטווישן און בונדיסטן, — אַ מין „קאָמאַנדאָ", ווי מען וואָלט געזאָגט איצט, — האָבן זיך מיט נאָכגעמאַכטע שליסלען אַריינגעריסן הינטער די ווענט פון דער תפיסה, האָבן פאַרשפּאַרט די קאָזאַקן הינטער די אייזערנע טויערן פון אינעווייניקסטן הויף, און האָבן מיט די שליסלען, וואָס זיי האָבן צוגענומען פון די שליסערס, באַפרייט אַלע חברים.

דאָס איז געווען שפּעטער. אָבער דערווייל בין איך געזעסן אין דער שטילער איינצל-קאַמער פון דער ריגער טורמע און האָב געטראַכט, וואָס איך זאָל טאָן, ווען מען וועט מיך רופן צום פאַרהער.

לויט דער אָנגענומענער טאַקטיק פון די רעוואָלוציאָנערע פאַרטייען האָב איך זיך געדאַרפט בכלל אָפּזאָגן פון יעדן ענטפער. „איך וויל אייך ניט געבן קיין שום דערקלערונגען", — דאָס איז געווען דער אָנגענומענער נוסח פון ענטפער. און אַזוי האָב איך טאַקע געזאָגט, ווען מען האָט מיך ענדלעך אַרויסגערופן צום פאַרהער.

דער פאַרהער איז שוין פאָרגעקומען לויט דעם נייעם געזעץ, וואָס איז ניט לאַנג פאַר דעם פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

דער אַלטער געזעץ איז געווען, אַז די גאַנצע אונטערזוכונג פון פּאָליטישע פאַרברעכנס און די גאַנצע באַשטראָפונג פון די רעוואָלוציאָנערן ווערט דורכגעפירט ניט דורכן געריכט, ניט דורך דעם יוסטיץ-מיניסטעריום מיט זיינע באַאַמטע, נאָר אויסשליסלעך דורך דער פּאָליטישער פּאָליציי (זשאַנדאַרמעריע, אָכראַנע). זי פלעגט אַרעסטירן, מאַכן הויז-זוכונגען, און זי אַליין פלעגט געבן די שטראָף: טורמע, פאַרשיקונג אין ווייטע מקומות, אאַז"וו.

אונטער דעם איינדרוק פון דער פּאָליטישער אויפלעבונג אין אָנהייב 20-טן יאָרהונדערט האָט די צאַרישע רעגירונג באַשלאָסן, אַז די אונטערזוכונג און באַשטראָפונג פון פּאָליטישע פאַרברעכנס זאָל אָננעמען אַ מער געזעצלעכע און לעגאַלע פאָרעם. עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ צאַרישער „אוקאַז", אַז עס זאָלן אין אַלע גובערניעס געשאַפן ווערן ספּעציעלע קאָמיסיעס, אין וועלכע עס זאָלן זיין באַטייליקט ניט נאָר די זשאַנדאַרמען, נאָר אויך דאָס יוסטיץ-מיניסטעריום (דורכן אַטורני-דזשענעראַל — פּראָקוראָר) און אַנדערע ציווילע אינסטאַנציעס. און די באַשטראָפונג זאָל געשעען ניט לויט דער „אינעווייניקסטער איבערצייגונג" פון די זשאַנדאַרמען, אַז דער אָנעקלאָגטער איז שולדיק, נאָר לויט יורידישע באַווייזן, וואָס זיינען גילטיק אין אַ געוויינטלעכן געריכט.

אין אַט אַזאַ קאַמיסיע בין איך געדופן געוואָרן צום פאַרהער. ענטפער איך לויט אונדזער טראַדיציאָנעלן נוסח: „איך זאָג זיך אָפּ צו מאַכן וועלכע ניט איז דערקלערונגען”.

ענטפערט מיר דערויף דער פּראָקוראָר (אַטוירני דזשענעראַל), אַז די דאָזיקע טאַקטיק איז שעדלעך ניט פאַר אים נאָר פאַר מיר, וואָרים ער מוז מיר אָפּן זאָגן, אַז די יוריסטישע באַווייזן קעגן מיך זיינען זייער שוואַך און זיי האָבן דעריבער באַשלאָסן מיך אַרויסצולאָזן אויף „זאַלאָג” (אונטער בעיל) נעמענדיק אין אַכט מיין שוואַכן געזונט-צושטאַנד (ווי איך האָב דאָס דערהערט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז עס איז אָנגעקומען פון וואַרשע די מעדיצינישע באַשטעטיקונג, וואָס איז דאָרטן געמאַכט געוואָרן דורך די צוויי דאָקטוירים). פון דער אַנדער זייט האָב איך מורא געהאַט, צי איז דאָס ניט עפּעס אַ „פּאַסטקע”, צי וויל מען מיך ניט אַריינגאַרן אין זאַק? האָב איך געענטפערט: גוט, לאָזט מיך צו ערשט הערן אייערע יוריסטישע באַווייזן און יעמאָלט וועל איך זעען צי איך וועל ענטפערן צי ניט. די יוריסטישע באַווייזן זיינען טאַקע אין דער אמתן געווען זייער נעבעכדיקע. דער איינציקער מאַטעריאַל, וואָס זיי האָבן געהאַט קעגן מיך, איז געווען די מיטטיילונג פון מיין געוועזענעם תלמיד, דעם פאַררעטער אַלטער זיסבלאַט. אָבער פאַר די צוויי יאָר, וואָס זיינען פאַרגאַנגען זינט יענעם מאָמענט, האָט זיסבלאַט עמיגרירט קיין אַמעריקע. די מיטטיילונג, וואָס ער האָט געמאַכט קעגן מיך איז געווען ניט קיין געשווארענע, נאָר פּשוט אַ מין מסירה פאַרשריבן פון די זשאַנדאַרמען גופא. עס פאַרשטייט זיך, אַז פאַר דער אינעווייניקסטער איבערצייגונג פון די זשאַנדאַרמען איז דאָס עדות זאָגן פון זיסבלאַטן געווען גענוג און איבערגענוג. און אויב איך וואָלט אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט מיט אַ יאָר פריער, וואָלט מען מיך אויף דעם סמך פאַרשיקט אויף אַ יאָר 5 קיין סיביר. אָבער איצט האָט זיך די לאַגע געביטן: מען דאַרף האָבן יורידישע באַווייזן; דער הויפּט-עדות איז ניטאָ און וועט צום געריכט פון אַמעריקע ניט קומען (וואָרים אין דער אמתן איז זיסבלאַט געווען נאָר אַ שוואַכער מענטש, אָבער ניט קיין באַצאָלטער פּראָוואָקאַטאָר) און קיין שום אַנדערע יורידישע באַווייזן זיינען אויך ניט פאַראַן. בשעת איך האָב דאָס אַלץ דערהערט, האָב איך דערקלערט, אַז איצט וועל איך ענטפערן אויף די פראַגעס, וואָס זיי וועלן מיר שטעלן. און עס פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אויף אַלע פראַגעס געענטפערט „ניין”. געהערט צום „בונד”? — ניין; געווען אין ריגער קאָמיטעט? — ניין; געווען באַקאַנט מיט אַזוינע און אַזוינע? — ניין! דאָס איינציקע וואָס איך האָב צוגעגעבן (געמוזט צוגעבן) איז געווען די באַקאַנטשאַפט מיט אַ פּאָר סטודענטן פון פּאָליטעכניקום. דער פּראָקוראָר האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס און געקוקט אויפן זשאַנדאַרם. דער זשאַנדאַרם האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס און האָט מעלאַנכאָליש געענטהט: „מיר ווייסן, אַז דאָס איז אַ ליגן; מיר ווייסן, אַז ער איז

געווען דער הויפּט-פירער פון קאָמיטעט". איך האָב אָבער אויף דעם געענטפערט מיט דער פאָדערונג צו געבן יורידישע באַווייזן. דערויף האָבן זיי ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן.

און אַזוי אַרום האָט די „גובערניאַלע באַראַטונג" אין אַ צוויי וואָכן אַרום באַשלאָסן אַרויסצולאָזן מיך אויף זאַלאָג (אונטער בעיל) פון צוויי טויזנט רובל. מיינע עלטערן זיינען שוין געווען אין ריגע און אַזוי באַלד ווי זיי האָבן זיך דערוואוסט וועגן דעם דאָזיקן באַשלוס האָט זיך אָנגעהויבן אַ לויפעריי נאָך געלט. צום גליק האָט מיין מוטער געהאַט אין ריגע אַ רייכן קרוב און יענער איז סוף-כל-סוף מסכים געווען צו ריזיקירן מיט זיינע צוויי טויזנט רובל פאַר אַ קרוב אַ רעוואָלוציאָנער.

דעם 20-טן דעצעמבער, אויב איך האָב ניט קיין טעות, בין איך ענדלעך באַפרייט געוואָרן פון תפיסה. טאַטע און מאַמע האָבן אויף מיר געוואַרט אין קאָנטאָר פון דער טורמע און האָבן מיך מיט טריאומף אַוועקגעפירט אין שטאָט, אַט טאַקע אין דעם זעלביקן האָטעל רוביין, פון וועלכן איך בין אַנטלאָפן סוף זומער 1902.

6

ווידער אויף דער פריי

כ'וועל דאָ ניט באַשרייבן די געפילן פון אַ מענטשן, וואָס ווערט באַפרייט פון תפיסה. לויט מיין דערפאַרונג זיינען די דאָזיקע שאַבלאָנע באַשרייבונגען שטענדיק פאַלש: ניטאָ די גרויסע שמחה, ניטאָ דאָס געפיל פון באַפרייאונג, ניטאָ די פאַרשיכורונג מיט דער פרייער לופט. פאַרקערט — עטלעכע טעג פאַר דער באַפרייאונג איז מען אויפגערעקט און מען קאָן ניט שלאָפן און מען שפּרייזט אַרום איבער דער קאַמער, און מען מאָלט זיך אויס קאָלירפולע בילדער פון דער פרייער וועלט. אָבער ווען מען ווערט אין דער אמתן באַפרייט, ווען מען פאַרלאָזט די טויערן פון דער תפיסה, הייבט זיך גלייך אָן דאָס טאָג-טעגלעכע לעבן מיט קליינע געשעענישן, מיט טעגלעכע דאגות, מיט קליינע אינטערעסן און געשעפטן, פון וועלכע דער לעבן באַשטייט. און אין עטלעכע טעג אַרום פאַרגעסט מען בכלל, אַז מען איז געזעסן אין תפיסה.

אין ריגע בין איך אָפּגעווען אַ צוויי טעג. כ'האָב זיך געזען מיט אַ פּאָר אַלטע פריינד, כ'האָב זיך געטראָפן מיט דעם פאַרטרעטער פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע — און דאָס איז טאַקע געווען אָט יענער טאָראָס (דוד קאַץ), מיט וועלכן איך האָב זיך געטראָפן אין צירין בשעת דעם 5-טן צוזאַמענפאָר פון „בונד". ער האָט אין ריגע גאַנץ גוט געאַרבעט און איז ספּעציעל אינטים געוואָרן מיט מ אַ ק ס י ם ג אָ ר ק י און זיין פרוי אַנדרעיעוואַ, וואָס זיינען יעמאָלט געווען אַזוי ווי פאַרשיקט קיין ריגע. ער האָט מיר דערציילט וועגן דעם, וואָס עס טוט

זיך אין ריגע און אין „בונד", האָט צוגעזאָגט גלייך מיטצוטיילן אין צעקאַ, אַז איך בין באַפרייט און אַז איך בין אַוועקגעפאָרן קיין דווינסק, „פאָד נאַדזאָר פּאָליציאי".

ערשט זיצנדיק אין צוג, וואָס האָט אונדז געפירט פון ריגע קיין דווינסק — אַ רייזע פון אַ זעקס שעה — האָב איך געהאַט צייט אַ טראַכט צו טאָן וועגן דעם, וואָס איך האָב איבערגעלעבט זינט איך בין באַפרייט געוואָרן פון תפיסה.

אָט בשעת דער רייזע פון ריגע קיין דווינסק האָב איך אויך ניט אַזוי פיל געפרייט זיך מיט מיין פרייהייט, ווי געטראַכט וועגן דעם, וואָס אַזוינס עס קומט פאָר איצט אין רוסלאַנד און ביי אונדז אין „בונד". איך האָב דייטלעך געפילט, אַז פאַר די עטלעכע חדשים, וואָס איך בין געווען אָפּגעריסן פון לעבן, זיינען אין לאַנד פאָרגעקומען געוואַלטיקע ענדערונגען. מען האָט אַ גיגאַנטישן שריט פאָראויס געמאַכט צו דער רעוואָלוציע. איצט האָט מען דאָס שוין געקאָנט אָנטאַפּן מיט די הענט.

אָט מיט די דאָזיקע געדאַנקען בין איך אָנגעקומען קיין דווינסק, און דאָ גלייך ביי מיין ערשטער באַגעגעניש מיטן פרייען לעבן האָט זיך געטראָפן אַ קליינער אינצידענט, וואָס איז געווען אויסערגעוויינטלעך כאַראַקטעריסטיש אי פאַר מיין אייגענער שטימונג אין יענעם מאָמענט, אי פאַר דער גאַנצער אַטמאָספערע אין לאַנד.

זיצנדיק אויפן וואָקזאַל און טרינקענדיק אַ גלאָז טיי, הער איך מיט אַ מאָל, ווי אַן עלטערער איד, וואָס איז געזעסן ניט ווייט פון מיר, האָט באַשטעלט אַ גלאָז טיי ביי דעם וועיטער. דער איד האָט גערעדט שלעכט רוסיש, און זיין פאַרגרייזטע באַשטעלונג „סטאַקאַן טשאַי" האָט געטראָגן אַ אידישן אַקצענט. ענטפערט אים דער וועיטער איבערן גאַנצן בופעט מיט אַ חוזק-טאָן, נאָכמאַכנדיק דעם אידישן אַקצענט: „סטאַקאַן צאַי?" אַזוינע סצענעס זיינען, אייגנטלעך, אין דווינסק קיין מאָל ניט געווען קיין נייס, און אַלע זיינען געווען צו דעם אַזוי צוגעוואוינט, אַז קיינער האָט זיך ניט אויפגערעגט צוליב דעם. אָבער איך בין שוין מער ניט געווען יענער דווינסקער איד, וואָס פאַרטראָגט רואיק אַזוינע זאַכן. איך האָב אַ געשריי געטאָן: „האַלט דאָס מויל, זאָלסט דיך ניט דערוועגן צו ריידן אין אַזאַ טאָן!" דער וועיטער האָט אַ שפּרונג געטאָן פון איבעררעשונג און שרעק, דער גאַנצער בופעט מענטשן האָט זיך אַ קער געטאָן אין מיין זייט.

דאָרטן זיינען געזעסן אַ פּאָר צענדליק מענטשן, צווישן זיי רוסישע באַאַמטע, אָפיצירן, און אויך דער סטאַנציע-זשאַנדאַרם. וואָס עס וואָלט געווען אין די פריערדיקע צייטן מיט אַ אידישן יונגנמאַן, וואָס דערלויבט זיך אויפן דווינסקער וואָקזאַל אַזאַ מין זאַך, ווייס איך ניט. אָבער אין יענעם מאָמענט איז קיין זאַך ניט געשען: אַלע האָבן געשוויגן, דער וועיטער האָט ניט געהאַט קיין העזה צו ענטפערן און האָט שוויַיגנדיק געקוקט אויף דעם יונגן איד מיט דער שוואַרצער

באַרד, דיברילן און דעם כאַראַקטעריסטישן אינטעליגענטישן אויסזען, וואָס עס האָבן געהאַט אין יענער צייט סטודענטן, רעוואָלוציאָנערן און ענלעכע סאָרטן מענטשן. ווי עס ווייזט אויס, איז ביי אים געבליבן, אַז מיט אַזוינע חברה־לייט איז בעסער ניט צו פאַרטשעפּענען זיך. אויך די שטימונג אין גאַנצן זאָל איז געווען אַזאַ, וואָס עס האָט אים ניט דערמונטערט: די סימפּאַטיע פון פּובליקום איז געווען גיכער אויף מיין זייט, איידער אויף זיין זייט, ווי מען האָט דאָס געקאָנט פאַר־שטיין פון דעם שטום־לשון פון דעם עולם.

אָט די זעלביקע אַטמאָספערע פון רעספּעקט אָדער מורא פאַר רעוואָלוציאָנערן און צום טייל דירעקטע סימפּאַטיע מיט זיי האָב איך געפונען אויסגעגאָסן איבער דער גאַנצער שטאָט. די „סטאַטשניקעס", די בונדיסטן, די סאָציאַליסטן זיינען מאָראַליש געוואָרן די הערשנדיקע מאַכט אין מיין געבורטשטאָט. אויף די גאַסן, פאַרשטייט זיך, האָט נאָך געהערשט דער גאָראָדאָוואָי און דער פּריסטאַוו, אָבער אויך די פּאָליציי האָט געהאַט אָפּשיי פאַר די רעוואָלוציאָנערן, זי האָט געהאַט מורא פאַר זייער אָרגאַניזאַציע, פאַר זייערע רעוואָלווערן, זי האָט אָבער אויך געפילט, אַז די סימפּאַטיעס פון דער ברייטער באַפעלקע־רונג, אַפילו ביז צו די העכערע קרייזן איז מיט זיי. אין דער אייגענער פאַמיליע פון יעדן פּריסטאַוו, פון יעדן רוסישן באַאַמטן, אַפילו פון יעדן אָפיציר איז אויך אָנגעגאַנגען די זעלביקע גייסטיקע צערודערונג, די זעלביקע פּאָליטישע צעשפּאַלטונג, ווי אין דעם גאַנצן לאַנד. דווינסק האָט ניט געהערט צו די סאַמע רעוואָלוציאָנערע שטעט, אויב מען זאָל נעמען די ר ו ס י ש ע באַפעלקערונג, אָבער ניט געקוקט אויף דעם, זיינען אין יענער צייט צווישן די דווינסקער רוסישע שילער, — זין פון באַאַמטע און אָפיצירן, — געווען רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך. פון איינעם פון זיי איז אַרויסגעקומען י ו ר ע נ ע ו ו, דער שפּעטער־דיקער באָלשעוויק און סאָוועטישער דיפּלאָמאַט; אין אַ צווייטן קרייזל זיינען אַריין צוויי אָפיציר־טעכטער, די שוועסטער ס ט ו ר ע, וואָס זיינען געוואָרן סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערקעס־טעראָריסטקעס. איינע פון זיי איז געווען אָט יענע מיידל, וואָס דער באַרימטער שרייבער אַ נ ־ ד ר ע י ע ו ו האָט באַשריבן אין זיינע „7 געהאַנגענע".

און אַזוי איז דאָס געווען אין יעדער שטאָט. דער באַרימטער רע־וואָלוציאָנער ק אַ ל י אַ י ע ו ו, וואָס האָט געוואָרפן די באָמבע אין גרויספירשט סערגיי, איז געווען דער זון פון אַ פּאָליציי־פּריסטאַוו אין וואַרשע. אין אַנדערע שטעט האָבן צו די רעוואָלוציאָנערע קרייז־לעך געהערט קינדער פון זשאַנדאַרמסקע אָפיצירן. אין דעם באַשטייט דאָך די אמתע קראַפט פון אַ רעוואָלוציע, וואָס ניט נאָר זי אָרגאַניזירט די רעוואָלוציאָנערע כוחות, נאָר זי ברענגט אויך מיט זיך אַ גייסטיקע און מאָראַלישע צערודערונג און דעזאָרגאַניזירונג פון דעם הערשנדיקן קלאַס. דייטלעכע סימנים פון אָט דעם לעצטן פּראָצעס האָבן זיך שוין באַוויזן אין רוסלאַנד אויפן סאַמע שוועל פון 1905־טן יאָר.

אין דווינסק בין איך אָפּגעווען גאָר אַ קורצע צייט, ווייל דער צ. ק. האָט שוין געהאַט פאַר מיר אַ פּאַרטיקן פאַרשלאָג — און דאָס איז געווען: פאָרן קיין פעטערבורג! אין פעטערבורג איז אויפגעקומען אַ בונדישע גרופּע, וואָס האָט זיך געניייטיקט אין אַן אָנפירער, וואָרים דאָרטן זיינען געווען זייער גרויסע מעגלעכקייטן און זייער גרויסע פּאָליטישע אויפגאַבעס, מיט וועלכע די אָרטיקע בונדיסטן האָבן אַליין ניט געקאָנט פאַרטיק ווערן. און איינע פון די דאָזיקע אויפגאַבעס, חוץ פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע צווישן אינטעליגענץ, איז געווען שאַפן אַ קאָנטאַקט מיט פאַרשיידענע אידישע און ניט-אידישע גרופּעס. אַחוץ דעם, פאַרשטייט זיך, זאַמלען געלט-מיטלען, אין וועלכע דער „בונד״ האָט זיך שטאַרק געניייטיקט.

פעטערבורג איז געווען ניט קיין שלעכטער איינפאַל. אמת, איך האָב זיך דאָרטן געזאָלט פאַרנעמען ניט מיט דירעקטער טעטיקייט צווישן די אַרבעטער, און דאָס איז מיר געווען זייער פיינלעך. אָבער פון דער אַנדערער זייט, האָב איך אַליין פאַרשטאַנען די באַ-דייטונג פון דער אַרבעט צווישן דער אינטעליגענץ און אַחוץ דעם, האָב איך געפילט, אַז אין צענטער פון רוסישן פּאָליטישן לעבן, אין פעטערבורג, וועל איך קאָנען גיכער דערנענטערן זיך צו יענע גרויסע און טיפע פּאָליטישע פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר, ווי איך האָב גע-פילט, אין די טיפענישן פון לאַנד. אַחוץ דעם, איז מיר אויך געווען אָנגענעם, וואָס אין פעטערבורג וועל איך קאָנען זיין צוזאַמען מיט מיין פאַמיליע, — די עלטערן און די שוועסטער.

7

אין פעטערבורג

האָב איך אָנגענומען דעם פאָרשלאָג פון צ. ק. און אָוועקגעפאָרן קיין פעטערבורג. אָבער אין פעטערבורג האָט דאָך אַ איד געדאַרפט האָבן „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ״ (וואוינרעכט), און איך האָב דאָס ניט געהאַט. אָבער מען געפינט שטענדיק אַן אויסוועג. מיין דווינסקער פעטער, ישראל ריין, איז געווען אַ סוחר פון צווייטער גילדיע, און אַזוי-נע סוחרים האָבן געהאַט דאָס רעכט צו שיקן מחוץ דעם תחום זייערע פּריקאַזטשיקעס אָדער אַגענטן אויף צו מאַכן געשעפטן. האָב איך אַרויסגענומען אַן אָפּיציעלע באַשטעטיקונג פון מיין פעטער, אַז איך בין זיינער אַ פּריקאַזטשיק, באַקומען פון אים אַ „דאָווערענאָסט״, אַרויסגענומען אַ „לאַיסענס״ אין דער שטאָט-פאַרוואַלטונג און דורך דעם דערוואָרבן דאָס רעכט צו וואוינען מחוץ דעם תחום גאַנצע דריי חדשים. נו, אויף מער האָב איך זיך גאָרניט געריכט, ווייל איך האָב באַטראַכט מיין מיסיע אין פעטערבורג נאָר ווי אַ צייטווייליקע.

איך בין געקומען קיין פּעטערבורג אין די לעצטע טעג פון 1904־טן יאָר. די שטאָט האָט געברויזט און געקאָכט ווי אַ ים ערב אַ שטורעם. די צענדליקער טויזנטער סטודענטן פון די פאַרשיידענע פּעטער־בורגער הויכשולן און אוניווערסיטעטן זיינען געווען טיף און ברייט אַריינגעצויגן אין פאַרשיידענע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס: סאָ־ציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, סאָציאַליסטן־דעמאָקראַטן, פאַרשיידענע קלענערע גרופּעס. אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן איז פאָרגעקומען אַ טיפע יוערונג: דער גלח גאַפּאָן און זיינע העלפער האָבן שוין אָרגאַני־זירט אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען, זיינען אַרומגעגאַנגען איבער די גרויסע פאַבריקן. גאַפּאָן האָט געוואָלט שאַפן אַ מין צ א ר י ס ט י ש־סאָציאַ־לע באַוועגונג, אָבער ניט־ווילנדיק האָט ער צוגעגרייט יענע גראַנדיעזע רעוואָלוציאָנערע געשעענישן, וואָס זיינען באַלד געקומען. ווען די זון האַלט ביים אויפגיין און שטייט נידעריק אויפן הימל, לויפן לאַנגע שאָטנס פאָראויס, און מען זעט אָפט זייערע שאָטנס נאָך איידער מען זעט דעם וואָגן מיטן פערד גופא. און אָט די שאָטנס פון די קומענדיקע געשעענישן האָט מען געקאָנט דייטלעך באַמערקן אין פּעטערבורג, אין די טעג, ווען איך בין אַהין געקומען.

דאָס זעלביקע האָט מען געקאָנט באַמערקן אויך אין דער אידישער סביבה. פּעטערבורג איז יעמאָלט שוין געווען אַ גרויסער אידישער צענטער. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די שטאָט איז געלעגן מחוץ דעם אידישן תחום, האָבן זיך דאָרטן אַנגעקליבן פיל טויזנטער דיפּלאָמירטע אידישע אינטעליגענטן (דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אינזשענערן, דענ־טיסטן), רייכערע סוחרים פון ערשטער און צווייטער גילדיע, זייערע פאַמיליעס, רעגיסטרירטע בעלי־מלאכות און אַנדערע קאַטעגאָריעס אידן, וואָס האָבן, לויטן געזעץ, געהאַט וואוינרעכט אויך מחוץ דעם תחום. די אַבסאָלוטע צאָל אידן, לגבי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, איז געווען גאָרניט קיין גרויסע, אָבער די פּעטערבורגער אידן זיינען געווען אַ הויך־קוואַליפיצירטע און אינטעליגענטע שיכט. אַלע געזעל־שאַפטלעכע, פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע שטרעמונגען האָבן געהאַט דאָרטן זייערע באַדייטיקסטע פאַרטרעטער, אָרגאַניזאַציעס, גרופּעס, די לעגאַלע אידישע פּרעסע אין רוסישער שפּראַך איז געווען קאָנצענ־טרירט אין פּעטערבורג, די איינפלוסרייכסטע פּאָליטישע גרופּעס זיינען אויך געווען דאָרטן. פּעטערבורגער אידן האָבן געשפּילט אַ באַדייטיקע ראָלע אין דער ליבעראַלער און דעמאָקראַטישער באַוועגונג, סיי דער אַלגעמיין רוסישער, סיי דער אידישער. עס איז גענוג אָנצורופן אַזעל־כענע נעמען ווי מאַקסים מאַקסימאָוויטש ווינאַווער, העניריך סליאָזבערג, אָסקאַר גרוזענבערג, לעאָ בראַמסאָן, אַלעקסאַנדער בראַודאָ, גריגאָרי לאַנדאו, יוליוס ברוצקוס, א. אידעלסאָן, וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי און פיל אַנדערע, כדי מען זאָל פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ ראָלע פּעטערבורג האָט געשפּילט יעמאָלט אין דעם אידישן לעבן פון רוסלאַנד, ווי אויך אין דער אַלגעמיינער פּאָליטיק.

אַם שוואַכסטן איז אָבער דאָרטן געווען פאַרטראָטן דער „בונד". הונדערטער אידישע סטודענטן פון אַלע עקן רוסלאַנד האָבן זיך גע־לערנט אין די פעטערבורגער הויכשולן און אוניווערסיטעטן, הונדער־טער אידישע דיפּלאָמירטע אינטעליגענטן האָבן יעמאָלט געזוכט זייער פּאָליטישן וועג: די בורזשואַזע ליבעראַלן, די דעמאָקראַטן, די ציוניסטן האָבן דאָרטן געהאַט שטאַרקע פאַרטרעטונגען. די „איסקראַ" האָט געהאַט אַ גרויסע איינפלוס דורך איר טעטיקייט צווישן די אַרבעטער, נאָר דער „בונד", וואָס זיין מאַכט איז געלעגן אין די אַרבעטער־מאַסן אין ת ח ו ם, האָט אין פעטערבורג געהאַט זייער אַ שוואַכע פאַר־טרעטונג, הגם די מעגלעכקייטן און דער אַרבעטפעלד זיינען דאָ געווען זייער גרויס.

די אַטמאָספערע איז געווען אַ גינסטיקע, אַזוי אַז אין אַ קורצער צייט נאָך מיין קומען האָבן מיר געהאַט עטלעכע קרייזלעך מיט לעקציעס און דיסקוסיעס אין פּריוואַטע הייזער. עס האָט זיך אָנגע־הויבן אין פעטערבורג צו פילן דער איינפלוס פון „בונד". אחוץ דעם, האָב איך געדאַרפט טראַכטן וועגן אונדזער מער פּראַקטישער אויפ־גאַבע — זאַמלען געלט פאַרן „בונד". צוליב דעם צוועק האָט מען גע־דאַרפט אַריינגיין אין פאַרבינדונגען מיט די אַנדערע געזעלשאַפטלעכע גרופּעס, וואָס האָבן געהאַט אַ צוטריט צו די מער פאַרמעגלעכע עלע־מענטן. דער צוועק פון די זאַמלונגען איז געווען קלאָר: דער אַלגע־מיינער פּאָליטישער קאַמף און, פריער פאַר אַלץ, די „זעלבסטשוץ", וואָס דער „בונד" האָט יעמאָלט געהאַלטן אין אָרגאַניזירן אומעטום. „זעלבסטשוץ" נייטיקט זיך אין געווער, מענטשן, ליטעראַטור; און דאָס איז ניט קיין ריינער קלאַסן־ אָדער פאַרטיי־ענין, דאָס האָט צו טאָן מיטן גאַנצן אידישן פאָלק. און ניט נאָר מיטן אידישן, ווייל דער „בונד" האָט שטענדיק פּרובירט אַריינצוציען אין דער „סאַמאָאָבאָראָנע" אויך קריסטלעכע אַרבעטער און אינטעליגענטן (בשעת דעם זשיטאָמירער פּאָגראָם האָבן די קריסטן געשפּילט אַ גאַנץ היפשע ראָלע).

אַט דורך דער דאָזיקער טעטיקייט מיינער האָב איך געשלאָסן באַקאַנטשאַפט און אָפטמאָל זאָגאַר פריינדשאַפט מיט אַ גאַנצער ריי געזעלשאַפטלעכע טוערס, וואָס האָבן געהערט צו פאַרשיידענע פּאָלי־טישע און געזעלשאַפטלעכע ריכטונגען.

פאַרלויפנדיק אַביסל דעם וועג, וויל איך זאָגן, אַז ניט נאָר די לינ־קע אידישע דעמאָקראַטן, ווי גריגאָרי לאַנדאו, לעאָן בראַמסאָן און באַזונדערס אַלעקסאַנדער איסאַיעוויטש בראודאָ, אַ זעלטן סימפּאַטי־שער און דעמאָקראַטיש־געזאָנענער מענטש, נאָר אויך מער רעכטע עלעמענטן, ווי ווינאַווער, וואָס איז געווען איינער פון די פירער פון די „קאַדעטן", און ה. ב. סליאָזבערג, וואָס איז שפּעטער געשטאַנען נאָענט צו די מעסיק קאָנסערוואַטיווע „אָקטיאַבריסטן", און אַפילו ציוניסטן, ווי אידעלסאָן, — האָבן אין יענער צייט זייער שטאַרק און זייער אַק־טיוו מיטגעהאָלפן דער פעטערבורגער גרופּע פון „בונד" אין איר

אַרבעט פאַר דעם זעלבסטשוץ. — „וואָס ווילט איר, — האָט מיר איין מאָל דערקלערט דער פאַרשטאַרבענער ווינאַווער, אַ מערקווירדיק קלו־גער און אינטעליגענטער קאָפּ, — מיר זיינען דאָך, אייגנטלעך, אַלע בונדיסטן!"

די דאָזיקע הילף פון דער אידישער ליבעראַלער און דעמאָקראַ־טישער אינטעליגענץ האָט געהאַט דעם רעזולטאַט, אַז מיר האָבן סיי פינאַנציעל, סיי מאָראַליש געצויגן פון פעטערבורג אַ גאַנץ היפּשע אונ־טערשטיצונג. נח און קרעמער פלעגן פשוט עפּענען די אויגן, ווען איך פלעג זיך אַריינלאָזן צו זיי אין דווינסק מיט אַ דיקן פּעקל הונדערטער, וואָס מיר האָבן געזאַמלט אין פעטערבורג. אַחוץ דעם, איז אויך דער פּרעסטיזש פון „בונד" זייער שטאַרק געוואַקסן, דורך דעם איינפלוס, וואָס עס האָט געהאַט די בונדישע גרופּע צווישן דער פעטערבורגער אינטעליגענץ.

8

דער 9־טער יאַנואַר 1905 און דער „בונד"

אָבער דאָס אַלץ איז, אייגנטלעך, שוין געווען אַ ביסל שפּעטער: אין פרילינג און זומער 1905. די ערשטע פּאָר וואָכן זיינען געווען פאַרנומען מיט אָרגאַניזיר־אַרבעט, מיט שליסן באַקאַנטשאַפטן, מיט אַרומזען זיך, מיט גרינדן קרייזלעך, אָבער איידער איך האָב נאָך גע־האַט די מעגלעכקייט ריכטיק אויסצושטעלן אָט די גאַנצע אַרבעט, זיינען אין פעטערבורג פאָרגעקומען די געשעענישן פון 9־טן יאַנואַר 1905. דער גלח גאַפּאָן, וואָס איז, ווי מען האָט זיך שפּעטער דער־וואוסט, געשטאַנען אין דינסט פון דער „אָכראַנע", האָט מיט אַ מערק־ווירדיקער ענערגיע געפּרוואווט איינשפּאַנען די כוואַליע פון דער אויפ־שטייגנדיקער אַרבעטער־רעוואָלוציע אין דעם וואָגן פון רוסישן צאַ־ריזם. ער האָט געוואָלט די רעוואָלוציאָנערע ענערגיע, וואָס האָט זיך אַנגעקליבן אין די מאַסן, פאַרוואַנדלען אין אַ לעגאַלער, געזעצלעכער מאָנאַרכיסטישער באַוועגונג, וואָס זאָל צום דאַנק פאַר געוויסע עקאָנאָ־מישע פאַרבעסערונגען, וואָס דער צאַר וועט געבן, אויפהאַלטן די טריי־שאַפט צום רוסישן צאַריזם. דאָס איז געווען אין תוך דער עזלביקער געדאַנק, ווי אין דער „זובאַטאָווסקער" באַוועגונג, נאָר אין אַ פיל גרעסערן פאַרנעם און דורכגעפירט אין סאַמע צענטער פון רוסישן פּאָליטישן לעבן, אין דירעקטער שכנות פון רוסישן קיסר.

דאָס איז געווען זייער אַ דרייסטער און זייער אַ געפערלעכער עקספּערימענט. וואָלט ער זיך איינגעגעבן, וואָלט דאָס געווען אַן אומ־געהייער געווינס פאַר צאַריזם, אָבער אַזוי ווי ער איז דורכגעפאַלן, און טאָקע צום טייל צוליב דער נאַרישקייט און טעמפּקייט פון צאַריזם גופא, וואָס האָט ניט פאַרשטאַנען אויסצונוצן אַזאַ מין גרויסן שאַנס, —

איז דער „רויטער זונטאָג" געוואָרן אַן אומגעהייערער געווינס פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע.

גראָד אין דעם טאָג פון 9־טן יאַנואַר בין איך אין פעטערבורג נים געווען. איך בין, דוכט זיך, דעם 6־טן אָדער 7־טן אַוועקגעפאָרן קיין דווינסק, ווייל דער צ. ק. האָט מיך אַרויסגערופן אויף אַ קליינער באַראַטונג. אמת, איך האָב געוואוסט, אַז עס גרייט זיך אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע, אַז אויף די פעטערבורגער פאַבריקן קומען פאָר גרויסע פאַרזאַמלונגען און מיטינגען, אַז די רעוואָלוציאָנערע פאַרטייען האָבן נים די מעגלעכקייט אָפּצוציען די מאַסן פון גאַפּאָנס פּראָפּאַגאַנדע, — אָבער איך האָב, פאַרשטייט זיך, נים געאָנט, מיט וואָס דער קריטי־

גאַפּאָן אַרומגערינגלט פון אַרבעטער

שער טאָג פון 9־טן יאַנואַר וועט זיך ענדיקן. שוין אין דווינסק האָב איך פון די צייטונג־טעלעגראַמעס און אין אַ טאָג־צוויי פון מינדלעכע באַריכטן זיך דערוואוסט וועגן די היסטאָרישע געשעענישן פון 9־טן יאַנואַר.

מען קאָן זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַן אויפרעגונג עס האָט געהערשט אין דער קאָנספּיראַטיווער קוואַרטיר פון בונדישן צענטראַל־קאָמיטעט. איך האָב זיי געגעבן אינפאָרמירט וועגן די אַנטוויקלונגען ביז צום טאָג פון מיין אָפּפאָרן פון פעטערבורג. דאָס האָט אונדז געגעבן די מעגלעכקייט קלאָרער צו באַגרייפן דעם אמתן זינען פון די געשעענישן. עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוגעבן גלייך אַ בלעטל

וועגן 9־טן יאַנואַר, אָפּצודרוקן אים און צעשיקן איבערן גאַנצן לאַנד. איך האָב דאָס בלעטל געמוזט אָנשרייבן, מען האָט אים גלייך אָפּגע־דרוקט, און איך אַליין האָב איבערגענומען אַוועקצופירן אַ טייל עק־זעמפּלאַרן קיין דרום־רוסלאַנד, ספּעציעל קיין אָדעס. אין אַ פּאָר טעג איז אַלץ געווען פאַרטיק, מען האָט איינגעפּאַקט די פּראָקלאַמאַציעס, וואָס איך האָב געדאַרפט מיטנעמען, אין קערבלעך, אַוועקגעשיקט זיי ווי „באַגאַזש", און די קוויטלעך פון באַגאַזש האָב איך געזאָלט פּערזענלעך איבערגעבן אין די געהעריקע אָרגאַניזאַציעס.

איך האָב מיט דערפאָלג דורכגעפירט מיין מיסיע און האָב זיך אומגעקערט צוריק קיין פּעטערבורג, וואו איך האָב געפונען די לאַגע נאָך קלאָרער און דייטלעכער.

אין מיטן יאַנואַר 1905 איז שוין געווען אַבסאָלוט קלאָר אין פּע־טערבורג, אַז דער גורל פון רוסלאַנד איז אַנטשידן געוואָרן, אַז אַ רע־וואָלוציע איז אומפאַרמיידלעך און אַז די טעג פון צאַריזם זיינען שוין געציילטע. מען האָט נאָך ניט געוואוסט גענוי די פאָרמען און די דאַ־טעס, אָבער די ריכטונג און די טענדענץ פון דער אַנטוויקלונג זיינען געווען אויף אַזוי פיל קלאָר, אַז וועגן דעם האָט מען שוין מער ניט דיס־קוטירט אין אונדזערע קרייזן. אַ טיפע און שטאַרקע אויפרעגונג האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן די אַרבעטער אין אַלע גרויסע שטעט. אויפ־געוועקט דורך די שאָסן פון 9־טן יאַנואַר זיינען געוואָרן אויך די פּוי־ערים, און אין פיל גובערניעס האָבן זיך אין פרילינג אָנגעהויבן פּוי־ערים־אומרוען. די רעגירונג האָט געשיקט קאָזאַקן אין יעדער גרע־סערער שטאָט, אין מאַנכע גובערניעס אַפילו אין די דערפער. די קאָזאַקן זיינען געווען איבערגעגעבן דעם קיסר און האָבן אכזריותדיק געשמיסן מיט זייערע נאַגאַיקעס די סטרייקערס און די „בונטאַוושטשיקעס" — די פּויערים. אָבער ניט די פּאָליצייאישע מאַכט פון די קאָזאַקן איז געווען אַנטשיידנדיק פאַר דעם גורל פון צאַריזם. די אמתע יסודות פון דער צאַרישער מאַכט, די אַרמיי און די אַדמיניסטראַציע, זיינען אַליין געווען צעטרייסלט און דעמאָראַליזירט דורך דער נידערלאַגע פון רוסלאַנד אין רוסיש־יאַפּאַנישן קריג, און דורך דעם גאַנצן שרעקלעכן בילד פון אומ־פעאיקייט, אומאָרדענונג, אָפּגעשטאַנענקייט, וואָס איז אַנטפּלעקט גע־וואָרן פאַר דער גאַנצער וועלט און פאַר דער גאַנצער רוסישער אינטע־ליגענץ דורך דער מיליטערישער נידערלאַגע.

דער צאַריזם האָט זיך געקייקלט באַרג־אַראָפּ. אָבער באַרג־אַרויף אין אַ שנעלן טעמפּאָ איז געגאַנגען די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, איז געוואַקסן די דרייסטקייט פון די רעוואָלוציאָנערן און זייער איינפלוס צווישן די אויפגערודערטע פאָלקס־מאַסן. עס איז געקומען דער „משוגע־נער" 1905־טער יאָר, מיט די אויפשטאַנדן פון סאָלדאַטן און מאַטראָזן, מיט דעם קריגסשיף „פּאָטיאָמקין", מיט סוועאַבאָרג און קראָנשטאָט, מיט די אַגראַר־אומרוען אין כאַרקאָווער גובערניע, וואָס האָבן אָנגענו־מען די פאָרם פון אַן אמתן בירגער־קריג, מיט די באַריקאַדעס אין לאָדז,

אויפהערלעכע סטרייקן און דעמאָנסטראַציעס אין גאַנץ רוסלאַנד און, ענדלעך, מיט דעם גראַנדיעזן אַלגעמיינעם סטרייק פון אָקטאָבער 1905, וואָס האָט געצוואונגען דעם צאַרים צו קאַפּיטולירן מאָראַליש און אַרויסצוגעבן דעם באַרימטן „אָקטאָבער־מאַניפעסט”, דורך וועלכן רוס־לאַנד איז פאָרמעל פאַרוואַנדלט געוואָרן פון אַן אַבסאָלוטער מאָנאַרכיע אין אַ קאָנסטיטוציאָנעלער מלוכה.

אחר המעשה האָט די דאָזיקע אַנטוויקלונג אויסגעזען אין גאַנצן לאָגיש, אָבער אין אָנהייב 1905, גלייך אין די ערשטע טעג נאָך דעם 9־טן יאַנואַר, האָט מען די קומענדיקע אַנטוויקלונג געקאָנט אָנטאַפּן דורך אינטואיציע, דורך טעאָרעטישער אויסרעכענונג: קיין באַ־וויזן האָט מען, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט האָבן. כדי קאָלעקטיוו דורכצוריידן זיך וועגן אָט דעם אַלעמען און כדי אידעאָלאָגיש און פּסי־כאָלאָגיש צוצוגרייטן דעם אייגענעם עולם צו דער דאָזיקער אַנטוויק־לונג, האָבן מיר אין דער קליינער צ. ק.־באַראַטונג אין דווינסק גלייך באַשלאָסן, אַז עס זאָל צענויפגערופן ווערן וואָס גיכער אַ בונדישע קאָנפערענץ. די דאָזיקע קאָנפערענץ איז טאַקע אין גיכן פאָרגעקומען און טאַקע אין דווינסק גופא.

אין צ.־ק. פון בונד

1

די 6־טע קאָנפערענץ פון „בונד"

דאָס איז געווען צווישן דעם 15־טן און 20־טן פעברואַר 1905. באַטייליקט זיך האָבן אין איר אַ צוואַנציק מענטשן, וואָס דער צ. ק. האָט זיי ספּעציעל איינגעלאַדן (אויף אַזוינע קאָנפערענצן פלעגן קיין וואַלן ניט פאָרקומען). צווישן די מיטגלידער פון דער קאָנפערענץ געדענק איך די מיטגלידער פון צ. ק. (נח, יונה, רחמיאל, יודין און, דוכט זיך, אויך דער „איינבינדער" — דושקאַן; אַרקאַדי קרעמער איז גע־ווען אין אויסלאַנד), דערנאָך טאַראַסן (דוד קאַץ), ליבערן (וואָס איז אָקערשט באַפרייט געוואָרן פון אָדעסער תפיסה), גאַזשאַנסקין, מי־כאַלעוויטשן, אַלגינען און צוויי פרויען: אַננאַ ליפשיץ און ראָזע ריי־כינשטיין.

אַ נאָענטע שייכות צו דער אָרגאַניזירונג פון דער זעקסטער קאָנ־פערענץ האָט געהאַט, הגם אויף איר גופא איז ער ניט געווען, ישראל־מיכל קאַפּלינסקי, דער טרויעריק באַרימטער פּראָוואָקאַטאָר. אָבער ער האָט די קאָנפערענץ ניט אַרויסגעגעבן, און קיינער איז ניט אַרעסטירט געוואָרן. אמת, אַ ביסל שרעק האָבן מיר יאָ געמוזט אויס־שטיין, אָבער אין דעם איז קאַפּלינסקי ניט געווען שולדיק. אויפן צווייטן טאָג פון אונדזער זיצונג מעלדעט אונדז מיט אַ דערשראָקענעם פּנים אונדזער „פּאַטרול", וואָס האָט געהיט די גאַס, כדי באַצייטנס צו מעלדן וועגן קומען פון דער פּאָליציי, אַז צו אונדז אין הויף גייען עפּעס פּאָ־ליציאַנטן מיט אַ פּריסטאַוו. דאָס איז ניט געווען דער געוויינטלעכער נוסח פון אַ פּאָליטישן אַרעסט, באַזונדערש ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַזאַ וויכטיקן ענין ווי אַ קאָנפערענץ פון „בונד". פונדעסטוועגן האָבן מיר אָנגענומען מיטלען, פאַרניכטעט פּאַפּירלעך, אַדרעסן. אָבער נאָך אַ פּאָר מינוט אָנגעשטרענגטן וואַרטן האָט זיך אויסגעלאָזן, אַז דאָס איז געווען אַ סאַניטאַרע קאָמיסיע, וואָס האָט אונטערגעזוכט די ריינ־קייט פון הויף. מיט אונדז האָבן זיי זיך ניט אינטערעסירט.

די קאָנפערענץ האָט, אַחוץ איניקע אָרגאַניזאַציע־פראַגעס, גע־האַט, אייגנטלעך, נאָר איין איינציקן פּאָליטישן צוועק: באַשטימען די פּאָליטישע ליניע פון דער פּאַרטיי אויף דעם נעכסטן פּעריאָד, געבן

די מאַסן פאַר זייער קאַמף קלאָרע און באַשטימטע לאָזונגען (סלאָגאַנס), וואָס זאָלן זיי פאַרבינדן מיט דער אַלגעמיינער פּאָליטישער אַנטוויקלונג פון לאַנד. פאַר דעם הויפּט־רעפערענט איבער דער דאָזיקער פראַגע האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט באַשטימט מיך.

אין מיין רעפעראַט האָב איך אויסגעדריקט מיין טיפע איבערצייגונג, אַז מיר האָבן צו טאָן אין רוסלאַנד מיט אַ שנעלער באַרג־אַרויף באַוועגונג פון געוואַלטיקע פאָלקסמאַסן, וואָס וועט זיך פאַרשטאַרקן און פאַרגיכערן פון טאָג צו טאָג און וועט גיין אַלץ העכער אַרויף און אַרויף. די אַרבעט פון די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, און דאָס הייסט אויך פון „בונד", דאַרף זיין צוגעפּאַסט צו דער היסטאָרישער אויפגאַבע — טרייבן די באַוועגונג פאָרווערטס, פאַרשאַרפן, פאַרגיכערן, אַרויסרופן אַנטשיידונגען. און דאָס באַדייט — ניט באַנוגענען זיך מיט קיין שום הנחות, ניט בלייבן שטיין אויפן האַלבן וועג, ניט פאַרלאַנגזאַמען אָדער אָפּשוואַכן דעם קאַמף.

2

מיינע נייע פריינד: יונה קויגען, יראחמיאל וויינשטיין, מ. אַלגין, אַננאַ ליפשיץ

די 6־טע קאָנפערענץ פון „בונד" אין דווינסק איז געווען, אייגנטלעך, די ערשטע געלעגנהייט פאַר מיר צו טרעפן זיך, ניט אין פּריוואַטע געשפּרעכן, נאָר אויף אַן עפנטלעכער פּלאַטפאָרם, מיט דער פירערשאַפט פון „בונד".

אַ גאַנצע ריי מענטשן האָב איך בכלל צום ערשטן מאָל געזען. צווישן די נייע באַקאַנטע, מיט וועלכע איך האָב זיך געטראָפן אויף דער דווינסקער קאָנפערענץ, זיינען געווען עטלעכע, מיט וועלכע איך האָב זיך שפּעטער גאַנץ אינטים באַפריינדעט און וואָס האָבן געשפּילט אַ געוויסע ראָל אין מיין וויטערדיקער טעטיקייט און אַנטוויקלונג.

איינער פון זיי איז געווען יונה, וועמענס אמתער נאָמען עס איז געווען פישל ק אָ י ג ע ן. יונה איז פּערזענלעך געווען איינער פון די סימפּאַטישסטע מענטשן, וואָס איך האָב ווען ניט איז באַגעגנט. ער איז ניט געווען קיין ליטוואַק, ווי כמעט אַלע אַנדערע פירער פון „בונד": ער האָט געשטאַמט פון סטאַראָ־קאָנסטאַנטינאָוו (וואָלינער גובערניע, אוקראַינע) און אין זיין גאַנצן מהות איז געווען עפּעס, וואָס האָט אים אונטערגעשיידט פון די מער טרוקענע, קאַלטע, סקעפּטישע, ניכטערע, מתנגדישע ליטוואַקעס. יונה איז געווען אימפּולסיוו, טעמפּעראַמענטפול, מיט אַ לעבעדיקער פאַנטאַזיע, מיט אַ גרויסער וואַרעמקייט פון האַרצן, וואָס ער האָט קיין מאָל ניט געקאָנט באַהאַלטן. אַ לאַנגער, אַ דאַרער, מיט געל־בלאַנדע האָר און בלויע, אַ ביסל קורצזיכטיקע אָבער זייער לעבעדיקע אויגן, איז יונה קיין מאָל ניט געזעסן אַ מינוט רויק:

זײַנע הענט זײַנען שטענדיק געווען אין באַוועגונג, זײַנע לאַנגע פיס זײַנען געווען שטענדיק פאַרשרויפט, ווי אַ קאָרקנציער, אונטערן טיש, און איינער פון די באַליבטעסטע וויצן פון מעדעמען און מיר איז געווען — צייכענען קאַריקאַטורן אויף יונהן, ווי ער זיצט און זײַנע לאַנגע פיס זײַנען בײַ אים פאַרשרויפט דרײַ מאָל, ווי אין אַ שרויף. קיין רעדנער און שרײַבער איז ער ניט געווען, אָבער ער האָט געהאַט אַ לעבעדיקן אינטעלעקט, אַ גרויסע און טיפע אויפריכטיקייט, אַ גרעניצלאָזע איבערגעגעבנקייט צו דער רעוואָלוציע און צום „בונד" און אַן שיעור ענערגיע. ווען ער איז צוריקגעקומען פון דער סיבירער פאַרשיקונג אין 1902 אָדער 1903, — איך געדענק שוין ניט, — איז ער געוואָרן אַ באַפולמעכטיקטער פון „בונד" פאַר דרום-רוסלאַנד און 1904 איז ער אַרײַנגענומען געוואָרן אין צענטראַל-קאָמיטעט.

צו מיר פּערזענלעך און צו אונדזער גאַנצן זשענעווער „דרײַלינג" האָט זיך יונה פון אָנהייב אָן באַצויגן מיט דער גרעסטער סימפּאַטיע און פרײַנדשאַפט. ער איז געווען פיל עלטער פאַר אונדז און זײַן באַציאונג איז געווען אַ ביסל אַ פאָטערלעכע, אָדער פון אַן עלטערן ברודער. ער פלעגט אונדז רופן „צוציקעס" — יונגע הינטלעך — אָבער אין זײַן באַציאונג צו אונדז, אחוץ ליבע און פרײַנדשאַפט, איז שטענדיק געווען אַכטונג. ער האָט זיך צוגעהערט צו אונדז און האָט שטענדיק געטאָן אַלץ, כדי צו דערלײַכטערן אונדזער וועג און אונדזער אַרבעט אין „בונד". די קעגנזײַטיקע אַכטונג און פרײַנדשאַפט האָט אָנגעהאַלטן ביז צום סוף פון זײַן לעבן. איך ווייס ניט, צי וואָלטן די דאָזיקע באַציאונגען ניט פאַרשטערט געוואָרן דורך דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער באָלשעוויסטישער דיקטאַטור, אָבער אין 1921-1922 האָבן מיר זיך נאָך אין בערלין עטלעכע מאָל געטראָפן, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז דאָרטן געווען דער סאָוויעטישער קאָנסול, אַ קאָמוניסט, און איך בין געווען אַן אַרויסגעשיקטער „קאָנטר-רעוואָלוציאָנער". און געטראָפן זיך ניט ווי פרעמדע, נאָר ווי אַלטע פרײַנד, וואָס זײַנען, אמת, ניט אין גאַנצן אין האַרמאָניע צווישן אַנאַנד, אָבער דאָך פרײַנט.

אויסערלעך און צום טייל אינערלעך, איז אין אַ שטאַרקן קאָנטראַסט צו יונהן געשטאַנען „רחמיאל" ווײַנשטיין. אַ מיטלוואוקסיקער יונגערמאַן, מיט אַ טונקל-בלאָנדער בערדל און טונקעלע געקרײַזלטע האָר, מיט האַרטע, גרויע אויגעלעך, מיט אַ שפּיציקן נעזל, מיט אַ האַרטן, אופאַרטן קאַרק, איז רחמיאל געווען אַ טיפּישער ליטוואַק: טרוקן, ניכטער, קאַרג אין ווערטער און באַוועגונגען, אָן פאַנטאַזיע און ראָמאַנטיק, זייער אײַנגעשפּאַרט. זײַן אינטעליגענץ איז געווען ניט זייער גרויס, ער איז געווען, לויט זײַן בילדונג, אַ לערער, וואָס האָט געענדיקט דעם ווילנער אידישן „לערער-אינסטיטוט", אָבער אַזוי ווי ער איז זייער פרי אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דער באַוועגונג און האָט אַ סך געאַרבעט, האָט ער ניט געהאַט קיין צײַט אויף צו פאַרטיפן זײַן בילדונג. אָבער אין דער זעלביקער צײַט, איז רחמיאל געווען אַן אוי-

סערגעוויינטלעך איבערגעגעבענער, אויפריכטיקער און מוטיקער מענטש, מיט אַ גלייכן כאַראַקטער, אָן שום דריידלעך, קונצן און אינ־טריגעס. ניט אַלע האָבן אים האַלט געהאַט, מחמת זיין האַרטקייט און באַשרענקטקייט, אָבער אַלע האָבן געהאַט צו אים רעספּעקט, און מען האָט זייער געשאַצט זיין אַרבעט־קראַפט און זיין פאַרלעסלעכקייט: רחמיאלס וואָרט איז געווען אַ וואָרט, יאָ איז געווען יאָ, און ניין איז געווען ניין. אַזוי, ווייניקסטנס, איז ער געווען, בשעת איך האָב אים געקאָנט אין „בונד".

אויך מיט רחמיאלן, ווי מיט יונהן, זיינען מיר גלייך פון אָנהייב געוואָרן גוטע פריינד. רחמיאל האָט זיך שטענדיק צוגעהערט צו מיר און האָט אָן אויפהער, באַזונדערס אין די ערשטע יאָרן, דיסקוטירט מיט מיר אַלע פּראָגעס און פּראָבלעמען פון דער באַוועגונג. אונדזער פריינדשאַפט איז געווען אַ פעסטע און האָט געהאַלטן ביז צום סוף, ד"ה ביז פרילינג 1920, ווען עס איז פאָרגעקומען די שפּאַלטונג אין „בונד", און רחמיאל איז מיט אַ ריי אַנדערע פירערס פון „בונד" אוועק צו די באָלשעוויקעס. זינט יענער צייט האָב איך אים קיין מאָל מער ניט געזען און פון אים ניט געהאַט קיין שום נאַכריכטן. זיין גורל אָבער איז זייער אַ טראַגישער. די ערשטע טראַגעדיע איז פאָרגעקומען אין 1917, קורץ פאַר דער מערץ־רעוואָלוציע, ווען ער איז געווען אין סיביר אין דער פאַרשיקונג. דאָרטן איז געשטאָרבן ביי דער געבורט פון אַ קינד זיין פרוי, אָט די זעלביקע גיטע ליפּשיץ, — די איינגערע שוועס־טער פון אסתר פרומקין, — וואָס איז געווען אַ מיטגליד אין אונדזער ציריכער גרופּע פון „בונד". דער טויט פון גיטען, וואָס האָט אים גע־לאָזן מיט צוויי קליינע קינדער, האָט אויף רחמיאלן געמאַכט זייער אַ שטאַרקן איינדרוק און איז געווען פאַר אים אַ שווערער קלאַפּ. ווען ער איז צוריק געקומען פון סיביר, און איך האָב זיך מיט אים באַ־געגנט, צוריק קומענדיק פון אויסלאַנד קיין פּעטערבורג, האָב איך דער־זען פאַר זיך נאָך אַ פיל האַרטערן, טרוקענערן און איינגעשפּאַרטערן רחמיאלן, איידער ער איז געווען פריער. ביי די באָלשעוויקעס איז ער געוואָרן ניט קיין פּאָליטישער טוער, נאָר אַ באַאַמטער. ער איז געווען אַפילו אַ געוויסע צייט וויצע־קאָמיסאַר פאַר פינאַנצן.

אָבער מיט אַ יאָר אָדער צוויי פאַר דעם היינטיקן קריג איז רחמיאל אַרעסטירט געוואָרן ווי אַן „אָפּאָזיציאָנער" און איז געשטאָרבן אין תפיסה. אַזוי, ווייניקסטנס, האָט מען געמאָלדן אין דער אויסלענדישע פּרעסע.

ווי עס ווייזט אויס איז רחמיאל, ניט געקוקט אויף זיין קאָמוניזם, דאָך געבליבן אין תוך יענער ערלעכער, לאָיאַלער און פעסטער כאַ־ראַקטער, צוליב וועלכן איך האָב מיט אים, מיט 37 יאָר צוריק, גע־שלאָסן פריינדשאַפט און אים רעספּעקטירט.

ליידער קאָן איך דאָס ניט זאָגן, זייענדיק אויפריכטיק, וועגן דעם דריטן פריינד, וואָס איך האָב דערוואָרבן אויף דער 6־טער קאָנפערענץ

פון „בונד". דאָס איז משה אָדער מאָיסעי אַ ל ג י ן (זיין אמתער נאָמען איז געווען: נאָוואָמיסקי).

אַלגינס ביאָגראַפיע איז מער באַקאַנט דעם אַמעריקאַנער עולם, ווי די ביאָגראַפיעס פון יונהן און רחמיאלן. ער איז דער זון פון אַ איִדישן וואַלד־שומר, אַן אָרעמאַן, ערגעץ־וואו אין קיעווער גובערניע. אויסגעוואַקסן אויף אַ ישוב, אין גרויס נויט און דחקות, אויסגעלערנט זיך רוסיש ערשט אין עלטער פון אַ יאָר 17-18, געוואָרן אַן „עקסטערן", געקראָגן אַן אַטעסטאַט פון גימנאַזיע, אַנגעקומען אין קיעווער אוניווערסיטעט אויפן יוריסטישן פאַקולטעט און דאָרטן אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער סטודענטישער־ און אין דער אַרבעטער־באַוועגונג פון „בונד". ער איז געווען צווישן יענע סטודענטן, וואָס זיינען אין יאָר 1899 אויסגעשלאָסן געוואָרן פון אוניווערסיטעט און אָפּגעגעבן געוואָרן אין סאָלדאַטן. אָבער דאַן האָט ער זיך אין גאַנצן אַריינגעוואָרפן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, און אַזוי ווי ער איז געווען אַ גוטער און פלינקער שרייבער, האָט אים דער צ. ק. פון „בונד", וואָס האָט זיך שטאַרק געניייטיקט אין ליטעראַרישע קרעפטן, אַריבערגענומען צו זיך אין דווינסק, און אָט דאָ האָב איך זיך מיט אים באַגעגנט און באַקאַנט.

איידער איך האָב זיך נאָך מיט אים געטראָפן, האָב איך געוואוסט, אַז עס איז פאַראַן איינער אַן אַלגין, אַ מענטש מיט אַ „גאָלדענער פען", וואָס קאָן זיך אוועקזעצן און אין אַ שעה צייט אָנשרייבן אַן אַרטיקל אָדער אַ פּראָקלאַמאַציע, און טאַקע וואונדערבאַר, מיט אַ זעלטן שיינער שפּראַך און אַ לייכטן ווארעמען סטיל, אָט אַזוי ווי עס פאָדערט זיך פאַר אַ רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, אַז דאָס מוז זיין עפּעס אַ יונגערמאַן מיט שוואַרצע ברענענדיקע אויגן, מיט שוואַרצע האָר, מיט אַ דיכטערישן בליק. איך בין געווען אַביסל אַנטוישט ווען איך האָב דערזען אַ מיטלוואוקסיקן מאַן, עטלעכע יאָר עלטער פאַר מיר, מיט ברייטע פלייצעס, מיט אַ קוואַדראַטישן פנים, מיט געל־רויטע האָר און קליינע קאָפּקע, גאָר ניט דיכטערישע אויגן. אָבער די ערשטע ריין־אויסערלעכע אַנטוישונג איז באַלד פאַרשוואונדן, ווען איך האָב זיך נענטער באַקאַנט מיט אַלגינען.

ער איז יעמאָלט געווען, וואָס אַנבאַלאַנגט זיין כאַראַקטער, אַ מערקווירדיקער געמיש. ער איז אויך געווען אַ דרום־איד, ווי יונה, און האָט פאַרמאָגט די זעלביקע כאַראַקטער־אייגנשאַפטן, ווי יונה: טעמפּעראַמענט, וואַרעמקייט, ראָמאַנטישקייט, איבערוואָג פון געפיל איבער טרוקענעם פאַרשטאַנד. אָבער דאָס, וואָס ביי יונהן איז געווען האַרמאָניש, איז ביי אַלגינען געווען אַ ביסל איבערגעטריבן: די ראָמאַנטישקייט איז שוין אַריבערגעגאַנגען אין סענטימענטאַלקייט און די איבערוואָג פון געפיל האָט שוין געטראָגן אַ ביסל אַ ווייבערישן כאַראַקטער. פונדעסטוועגן האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אויפריכטיקן, האַרציקן, איבערגעגעבענעם מענטשן, וואָס איז פעאיק

צו דער גרעסטער באַגײַסטערונג און התלהבות. אין דער זעלביקער צײַט איז אָבער אָלגין געווען אַ „סעלפמעיד-מען", אַ מענטש, וואָס האָט זיך מיט אײגענער קראַפט אַרויפגעאַרבעט פון די סאַמע נידערונגען פון סאָציאַלער אָרעמקײט און אומוויסנהײט אויף אַ גאַנץ הויכע שטופע פון קולטור און וויסן. ער איז געווען אָן שום ספק זײער אַ באַגאַבטער מענטש. ער האָט ניט נאָר גלענצנד געשריבן אידיש, נאָר ער איז געוואָרן אויך זײער אַ גוטער רוסישער סטיליסט, האָט דערוואָרבן אַ סך ליטעראַרישע בילדונג, האָט זיך שפּעטער אויסגעלערנט גלענצנד דײַטש, דערנאָך ענגליש. זײַן אַרבעט-פעאיקײט און פלײַסיקײט זײַנען געווען כמעט אומבאַשרענקט. און וואָס עס האָט אים אויסגעפעלט אפשר אין גלאַנץ, אין טאַלענט, האָט ער אויסגעגליכן דורך אַרבעט און ווילנסקראַפט. דער סענטימענטאַלער, אומפּראַקטישער, ראָמאַנטישער געפילס-מענטש איז געווען אין דער זעלביקער צײַט אַן אײַנגעשפּאַרטער, קאַלט-אויסגערעכנטער זײער פּראַקטישער און זײער ענערגישער אַרבעטער, וואָס האָט שריט פאַר שריט צוגעגרײט זײַן ווײַטערדיקע קאַריערע. אמת, שווער אויסגעאַרבעט, שווער דערגרײכט, כשר פאַרדינט, אָבער דאָך גאָר ניט „סענטימענטאַל" אין זײַנע אויסרעכענונגען. דערצו איז ער נאָך געווען אַ דיכטער, אַ מענטש מיט בעלעטריסטישע אַמביציעס, וואָס האָט געוואָלט ווערן ניט נאָר אַ שרײַבער פון פּראָקלאַמאַציעס און פּאָליטישע אַרטיקלען, נאָר אויך אַ ליטעראַט און דיכטער. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אויך אויף אַן אַנדער געביט, אויף דעם געביט פון אַמביציעס, איז בײַ אים געווען אַ מערקווירדיקער געמיש: פון אײן זײַט, איז ער געווען באַשײדן, ער האָט געוואוסט, אַז קײן פּאָליטיקער איז ער ניט, קײן פירער אויך ניט, און פלעגט וועגן דעם גאַנץ אָפט און גאַנץ אָפן רײדן.

אָבער אין דער זעלביקער צײַט איז ער, — ווי, אײגנטלעך, כמעט אַלע דיכטער (אָדער מענטשן וואָס ווילן זײַן דיכטער), — געווען פאַרליבט אין זיך אַלײן, האָט באַוואונדערט זײַן אײגענעם טאַלענט און זײַנע אײגענע פעאיקײטן, אַזוי אַז די באַשײדנקײט אויף אײן געביט איז בײַ אים מער ווי אויסגעגליכן געוואָרן דורך דער זעלבסטפאַרליבטקײט אויף אַנדערע געביטן.

צו מיר האָט ער זיך צוגעקלעפּט מיט זײַן גאַנצער נשמה גלײַך בײַ אונדזער ערשטער באַגעגעניש. איך בין, לויט מײַן נאַטור, אַ ביסל אַן אײַנגעהאַלטענער מענטש אין פּערזענלעכע באַציאונגען. פאַר דער גאַנצער צײַט, וואָס איך בין געווען אין „בונד", האָב איך נאָך מיט צוויי מענטשן געשלאָסן ברודערשאַפט (אויף „דו"). אײנער פון זײ איז — ליבער און דער צווײטער איז געווען — אָלגין, וואָס האָט מיר גלײַך פון אָנהײב אַרויסגעוויזן אַזאַ שטורעמדיקע פרײַנדשאַפט, אַז איך האָב אים ניט געקאָנט אָפּזאָגן דעם „דו". איך וויל דערמיט בשום אופן ניט זאָגן, אַז די פרײַנדשאַפט איז געווען אַן אײַנזײַטיקע. נײן, איך אַלײן האָב אויך גאַנץ ליב געהאַט אָלגינען, הגם איך האָב זיך שטענ-

דיק אָפּגעגעבן אַ גאַנץ דייטלעכן דין וחשבון סיי וועגן זיינע מעלות, סיי וועגן זיינע חסרונות. די פריינדשאַפט צו מיר האָט אַלגין אַרי־בערגעטראָגן אויך אויף מיין פאַמיליע, אויף מיין פרוי און מיין אינגל, צו וועלכע ער האָט זיך באַצויגן אָפּטמאָל דירעקט מיט רירנדיקער צערטלעכקייט. און דערפאַר בין איך אים, פאַרשטייט זיך, נאָך מער געווען דאַנקבאַר. די באַציאונגען צווישן אונדז זיינען אין משך פון געגנוי 10 יאָר, פון 1905 ביז 1915, געווען די, וואָס זיינען געוויינטלעך פאַראַן נאָר צווישן לייבלעכע ברידער. ווען ער האָט וואָס געדאַרפט האָבן, האָט ער זיך צו מיר געווענדט מיט דער זעלבספאַרשטענדלעכ־קייט, מיט וועלכער איין ברודער ווענדט זיך צו דעם אַנדערן. ווען איך האָב געדאַרפט האָבן זיין הילף, האָב איך זיך צו אים געווענדט מיט דער זעלביקער נאַטירלעכקייט, מיט וועלכער ער פלעגט פאַרלאַנגען ביי מיר הילף און סימפּאַטיע.

אָבער ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע סוף 1924־ אָנהייב 1925, און די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן האָבן מיך באַגעגנט מיט אָר־גאַניזירטער אָבסטרוקציע און אַקטיוון באָיקאָט, האָב איך דעם ערשטן און שמוציקסטן קלאַפּ באַקומען פון — אַלגינען. ער, וואָס האָט מיר אַליין געהאָלפן (מיט געלט) אַפּצופאָרן פון מאָסקווע אין 1920, האָט אָנגעשריבן קעגן מיך אַן אמתן פּאַסקוויל, אין וועלכן ער האָט מיך באַשולדיקט, אַז איך בין „אַנטלאָפן פון רוסלאַנד" מיט געלט, וואָס איך האָב „געגנבעט", מיט אַ פּאַס, וואָס איך האָב „אויסגענאַרט" ביי דער רעגירונג, אאַז"וו.

זיין כאַראַקטערלאָזיקייט, די שוואַכקייט פון זיין מאָראַלישן מהות און, אין פאַרבינדונג מיט דער דעמאָראַליזירנדיקער ווירקונג פון דער קאָמוניסטיש־מאַקיאַוועליסטישער פּאָליטיק האָט פאַרדאָרבן אַלגינען און פאַרוואַנדלט אים אין יענער טרויעריקער פיגור וואָס ער איז גע־וואָרן צום סוף פון זיין לעבן.

די גאַלעריע פון מיינע נייע באַקאַנטע אויף דער 6־טער קאָנ־פערענץ וויל איך פאַרענדיקן מיט דעם ליכטיקן אָנדענק פון אננא ל י פ ש י ץ.

אננא איז געווען איינע פון די אינטערעסאַנטסטע און טאַלענט־פולסטע פרויען, וואָס האָבן געאַרבעט אין „בונד". ווען איך האָב זיך מיט איר באַגעגנט, איז דאָס געווען אַ דינינקע שוואַרצע מיידעלע פון עטלעך און צוואַנציק יאָר, ניט קיין שיינע, מיט אַ לאַנגן אידישן נאָז, אָבער מיט וואונדערבאַרע, גלענצעדיקע, ברענענדיקע שוואַרצע אויגן. זי האָט געשטאַמט פון די באַלטישע געגענטן, — ערגעץ־וואו אַרום ליבאַווע, דוכט זיך, — און איז געווען אויסערגעוויינטלעך גוט באַ־האַוונט אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור, האָט גוט גערעדט דייטש, רוסיש, דוכט זיך מיר, אויך אַנדערע שפּראַכן, און האָט, פריער פאַר אַלץ, פאַרמאָגט אַ קאָכעדיקן טעמפּעראַמענט און אַן עכטע. אמתע רעדנערישע באַגאַבונג. אין 1905 זיינען, אייגנטלעך, ביי אונדז אַלע

געוועזן רעדנער. די הייסע טעמפּעראַטור פון יענע חדשים האָט אַ סך יונגע רעוואָלוציאָנערן אַזוי באַגייסטערט, אַזוי מאַגנעטיזירט, און אַזוי אָנגעלאָדן מיט רעוואָלוציאָנערער ענערגיע, אַז אַפילו מענטשן ניט זייער קיין טאַלענטירטע, זיינען אָפטמאָל אַרויסגעטראָטן מיט אַ מערקווירדיקער קראַפט און אַ גרויסן ברען. און אָט דער ברען, די דאָזיקע אויפריכטיקייט האָט געמאַכט אַן איינדרוק אויף די מאַסן, וואָס זיינען געוועזן דורכגעדרונגען מיט ענטוזיאַזם, אַזוי אַז די דאָזיקע רעדנער האָבן געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן איינדרוק און זיינען פאַררעכנט געוואָרן פאַר גרויסע אָראַטאָרן: ערשט שפּעטער, ווען די צייט איז אַ ביסל אָפּגעקילט געוואָרן, האָט מען דערזען, אַז אַ סך פון די, וואָס מען האָט געהאַלטן פאַר געוואַלטיקע רעדנערס, זיינען אין דער אמתן זייער ווייט פון דעם. אָבער אַננאַ ליפשיץ איז ניט געוועזן קיין אָראַטאָרקע אויף אַ מינוט. זי האָט טאַקע אין דער אמתן געהאַט דעם טאַלענט אויסצודריקן אירע געדאַנקען אין אַ גלענצנדער און באַגרייפלעכער פאָרעם און צו ווירקן אויף די מאַסן. זי האָט געהאַט אין זיך יענעם פּערזענלעכן מאַגנעטיזם, יענע פּערזענלעכע צוציאונג-קראַפט, וואָס אָן דעם איז דער בעסטער רעדנער קיין רעדנער ניט. דעם דאָזיקן טאַלענט האָט אַננאַ ליפשיץ אַרויסגעוויזן און טאַקע באַלד נאָך דער 6-טער קאָנפערענץ אין אָדעס, ווען אַהין איז געקומען די באַרימטע קריגס-שיף „פּאָטיאָמקין", אויף וועלכן די מאַטראָסן האָבן געמאַכט אַ בונט קעגן זייערע אָפיצירן.

הונדערטער טויזנטער מענטשן האָבן זיך איצט פון דאָס ניי באַקאָנט מיט דער מעשה „פּאָטיאָמקין" דורך דעם באַרימטן סאָוועטישן פילם, וואָס איז טאַקע אַ גרויסער קינסטלערישער אויפטו. אָבער, ווי שטענדיק ביי די באָלשעוויקעס, איז אויך דער „פּאָטיאָמקין"-פילם ניט נאָר אַ קונסט-ווערק, נאָר אויך אַ פּראָפּאַגאַנדע-זאַך. און ווי שטענדיק ביי די באָלשעוויקעס — איז זייער פּראָפּאַגאַנדע אַ געפעלשטע און אַ פאַרדרייטע. קיינער פון די הונדערטער טויזנטער, וואָס האָבן געזען דעם „פּאָטיאָמין"-פילם, וועט, פאַרשטייט זיך, פון אים ניט דערגיין, אַז די אמתע פירער פון דעם „פּאָטיאָמקין"-אויפשטאַנד זיינען די סאָציאַל-דעמאָקראַטן-מענשעוויקעס, און, עס פאַרשטייט זיך, אַז אין פילם ווערט ניט געזאָגט, אַז יענע פרוי, די רעוואָלוציאָנערע רעדנערין, וואָס מען זעט אַ סעקונדע רייידנדיק צו די אַרבעטער אין אדעסער האַפן, איז אונדזער — אַננאַ ליפשיץ, די בונדיסטקע און סאָציאַל-דעמאָקראַטקע, וואָס האָט אין יענע טעג אין דער אמתן באַהערשט מיט איר רעדנער טאַלענט און איר ענערגיע די אדעסער מאַסן. זי איז געוואָרן אַזוי פּאָפּולער אין אדעס, אַז מען האָט איר דאָרטן געגעבן דעם נאָמען „גאַפּאָנשע" (פרוי גאַפּאָן), אָנווייזנדיק דערמיט, אַז זי האָט אין אדעס פונקט אַזוי געפירט נאָך זיך די מאַסן, ווי גאַפּאָן האָט זיי געפירט דעם 9-טן יאַנואַר.

אין די יאָרן פון דער רעאַקציע איז אַננאַ ליפשיץ אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד, אין עמיגראַציע, האָט זיך באַזעצט אין קאָפּענהאַגן,

דענעמאַרק, זיך אויסגעלערנט גלענצנד דעניש, איז געוואָרן אַן אַנגע־זעענע מיטאַרבעטערין אין דער דענישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. זי איז געשטאָרבן אין 1926.

3

דער פּאָליטישער „פרילינג" 1905

דער פרילינג און דער זומער 1905 זיינען געווען אַ צייט פון אומ־געהייערן און ברויזנדיקן רעוואָלוציאָנערן אויפשטייג. די אַנטוויקלונג איז געגאַנגען גענוי לויט דעם, ווי מיר האָבן דאָס פאָראויסגעזען און פאָראויסגעזאָגט גלייך נאָך דעם בלוטיקן 9־טן יאַנואַר. עס האָט זיך זעלטן ווען געטראָפן, אַז אַ רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי זאָל קאָנען אַזוי גענוי און אַזוי זיכער פאָראויסבאַשטימען די צוקינפטיקע געשעענישן. גענוי און זיכער — ביז צום דעצעמבער 1905.

די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען האָבן ריכטיק אָפּגעשאַצט די שטי־מונגען אין לאַנד, און זיי האָבן אָנגענומען אַלע מיטלען כדי די וואַקסנ־דיקע רעוואָלוציאָנערע אויפרעגונג נאָך מער צו פאַרשטאַרקן און אריינ־צונעמען אין די הענט די אָנפירונג מיט דער באַוועגונג, כדי סיסטעמאַ־טיש און באַוואוסטזיניק צוצוגרייטן די באַדינגונגען פאַר אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד. דערצו האָט מען געדאַרפט האָבן ספּעציעלע האַלב־מילי־טערישע גרופּעס: האָט מען זיי געשאַפן, אויך ביי אונדז אין „בונד", אָבער מען האָט געדאַרפט האָבן פאַר זיי געווער.

וואָס אַנבאַלאַנגט געווער איז יעמאָלט דער גאַנצער אידישער תחום געווען איבערגעפּאַקט מיט „שפייערס" (רעוואָלווערן) און „קנייד־לעך" (באָמבעס, האַנט־גראַנאַטן). די רעוואָלווערן פלעגט מען איינ־קויפן אין אויסלאַנד, עפּטער פאַר אַלץ אין בעלגיע, אין דער שטאָט ליעזש, וואו ס'איז געווען אַ גרויסע פאַבריק פון „בראַונינג"־רעוואָל־ווערן. דורך די קאָנטראַבאַנדיסטן פלעגט מען אַריינפירן טויזנטער שטיק, וואָס פלעגן ווערן פאַרטיילט צווישן די פאַרשיידענע אָרגאַניזאַ־ציעס. יונגע בונדיסטקעס האָבן זיך ספּעציאַליזירט אויך אין פונאַנדער־פירן די רעוואָלווערן און די באָמבעס אין די פאַרשיידענע פונקטן, ווייל מען האָט ריכטיק אויסגערעכנט, אַז פרויען וועט די פּאָליציי ווייניקער חושד זיין אין פאַרנעמען זיך מיט געווער־טראַנספּאָרט. איינע פון די געשיקטסטע ספּעציאַליסטקעס אויף טראַנספּאָרטירן רעוואָלווערן, איז געווען מיין אינגערע שוועסטער סאָניע, וואָס איז, צו מיין גרעסטער איבעררעשונג, געוואָרן אַ בונדיסטקע איידער איך האָב נאָך אַפילו געפונען אַ געלעגנהייט איר צו „אַגיטירן": די בעסטע אַגיטאַציע האָט יעמאָלט געמאַכט די לופט גופא, די אַטמאָספערע פון דעם אי־דישן תחום, מען האָט אָפטמאָל אַפילו ניט געדאַרפט אונטערהעלפן.

און וואָס אַנבאַלאַנגט די באָמבעס, — איז אין זומער־האַרבסט 1905 אָנגעגאַנגען ממש אַן אמתע עפּידעמיע פון באָמבעס־פאַבריקאַ־

ציע אין דעם גאַנצן תחום. אַחוץ די דינאַמיט-באָמבעס, וואָס זיינען צוגעגרייט געוואָרן פון דעם צ. ק. פון „בונד", און וואָס זיינען אויסגע־פּאַרטיקט געוואָרן לויט וויסנשאַפטלעכע פּרינציפּן דורך געלערנטע כעמיקער, האָבן זיך אין אַ ריי שטעט און שטעטלעך באַוויזן אייגענע „נאַבעלם", וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט מיליטערישע דערפינדונ־גען. עס פלעגט ניט פאַרגיין אַ וואָך, ווען אין צ. ק. זאָל ניט אָנקומען אַ נאַכריכט, אַז אָט די אָדער יענע שטעטל שלאָגט פאָר דעם צ. ק. אַ פאַרטיע באָמבעס, וואָס זיי האָבן אַליין פאַבריקירט און אויסגעפּרו־בירט. איין מאָל איז אַזאַ מין דערפינדונג געקומען פון אַ קליין-שטעטל־דיקן רב אָדער מלמד, איך געדענק שוין ניט, און דוכט זיך, אַז די באָמ־בעס זיינען געווען גאָר ניט קיין שלעכטע. די פרידלעכע אידישע באַ־פעלקערונג אין רוסלאַנד איז שטאַרק „מיליטאַריזירט" געוואָרן אין יענעם יאָר 1905, ערב דעם גרויסן אויפשטאַנד און נאָך די גרעסערע פאָגראָמען . . .

פון דער דווינסקער קאָנפערענץ האָב איך זיך צוריקגעקערט קיין פּעטערבורג. די שטאָט איז געווען אין יענעם מאָמענט ווי אַ בינען־שטאָק. עס האָט זיך גראָד אָנגעהויבן דער פּאָליטישער „פרילינג" פונם נייעם אינערן-מיניסטער סוויאַטאָפּאָלק-מירסקי, וואָס האָט געשמט פאַר אַ ליבעראַל און האָט פּרובירט דורך טיילווייזע הנחות צו שאַפן שלום צווישן דער אינטעליגענץ און דעם צאַרישן רעזשים. די ליבע־ראַלע און רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן האָבן ברייט אויסגענוצט די הנחות פונם נייעם מיניסטער. אין די ברייטסטע שיכטן פון דער רו־סישער אינטעליגענץ איז פאָרגעקומען אַן אומגעהייערער פּראָצעס פון פּאָליטישער דערוואַכונג און אָרגאַניזאַציע. אין די „זעמסטוועס" (רעגיאָנאַלע דאָרפישע זעלבסטפאַרוואַלטונג), וואו עס האָבן געאַרבעט זייער ברייטע שיכטן פון ליבעראַלע און דעמאָקראַטיש-געזאָנענע אינ־טעליגענץ, צום טייל זאָגאַר רעוואָלוציאָנער-געשטימטע עלעמענטן פון דער ריכטונג סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן; אין די שטאָט-פאַרוואַל־טונגען; אין די אוניווערסיטעטן; אין די ליבעראַלע פּראָפעסיעס איז אויפגעקומען די מאָדע פון באַרופלעכע אָרגאַניזאַציעס. — אַ מין טרעיד-יוניאָנס פון פּראָפעסיאָנעלע מענטשן. עס זיינען געגרינדעט געוואָרן פאַראיינען („סאָיוזי") פון אַדוואָקאַטן, אינזשענערן, דאָקטוי־רים, שרייבערס, לערערס, אאַז"וו., אַן אַ צאָל און אַן אַ שיעור. און יעדער פאַראיין האָט אָרגאַניזירט אין פּעטערבורג אָדער אין מאָסקווע אַן אַלרוסלענדער צוזאַמענפאָר. און אַלע אינאיינעם האָבן אָרגאַניזירט אַ צענטראַלע קערפּערשאַפט, אַ „פאַראיין פון פאַראיינען" („סאָיוז סאָיוזאָוו").

די פאַראיינען זיינען פאָרמעל געווען באַרופלעכע און האָבן זיך געזאָלט פאַרנעמען אָפיציעל נאָר מיט די ספּעציעלע אויפגאַבן פון דער געגעבענער פּראָפעסיע. אין דער אמתן זיינען דאָס געווען פּ אָ ל י־ט י ש ע ק ל ו ב ן , וואָס האָבן זיך פאַרנומען כמעט אויסשליסלעך

מיט פּאָליטישער אַגיטאַציע און האָבן אויסגענוצט זייערע פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן, כדי אָן איבעריקן מאָל צו אונטערשטרייכן, אַז די אַנטוויקלונג פון דער פּראָפעסיע ווערט געשטערט דורך דער צאַרישער זעלבסטהערשונג, אַז כדי דאָס לאַנד און זייער ספּעציעלע פּראָפעסיע זאָלן זיך קאָנען פריי אַנטוויקלען, מוז אין רוסלאַנד אויפגעשטעלט ווערן אַ פרייע, פּאַרלאַמענטאַרישע, דעמאָקראַטישע אָרדענונג. די אַדוואָקאַטן האָבן דערקלערט, אַז זיי קאָנען ניט ריכטיק פאַרטיידיקן זייערע קליענטן און, אַז אין רוסלאַנד קאָן ניט זיין קיין ריכטיקע יוסטיץ אַזוי לאַנג ווי עס איז פאַראַן זעלבסטהערשאַפט. די אינזשענערן האָבן דערקלערט, אַז אין רוסלאַנד קאָן זיך ניט אַנטוויקלען די טעכניק און די אינדוסטריע און די גאַנצע טעכנישע אויסבילדונג פון די מאַסן, אַזוי לאַנג ווי עס וועט ניט זיין קיין גרינדונגס-פאַרזאַמלונג אויפן יסוד פון גלייכע, געהיימע א"אַ וואַל-רעכט. די זשורנאַליסטן און די שריפטשטעלער האָבן דערקלערט, אַז זייער שאַפונג קאָן בשום אופן ניט זיין פריי און פרוכטבאַר אַזוי לאַנג, ווי עס איז פאַראַן אַ צענזור און זשאַנדאַרמעריע און פּאָליטישע אונטערדריקונג; דעריבער דאַרף אין רוסלאַנד איינגעפירט ווערן דעמאָקראַטיע, פּאַרלאַמענטאַריזם און אַלע פרייהייטן. אפילו דער צוזאַמענפאָר פון די דאָקטוירים האָט דערקלערט, אַז דער צאַריזם דערלאָזט ניט, מען זאָל ריכטיק אָרגאַניזירן די מעדיצינישע הילף פאַרן פאָלקס-געזונט, און אַז דערצו איז נויטיק דעמאָקראַטיע און אַ גרינדונגס-פאַרזאַמלונג. ווי מען האָט זיך יעמאָלט געוויצלט, זאָלן די דאָקטוירים האָבן דערקלערט, אַז אַזוי לאַנג ווי אין רוסלאַנד איז פאַראַן די צאַרישע דעספּאָטיע, קאָן אפילו ריצנאייל ניט האָבן די ריכטיקע ווירקונג אויף דעם מענטשלעכן מאָגן.

מיט איין וואָרט, די גאַנצע רוסישע אינטעליגענץ האָט זיך געשטעלט אין איין פראָנט קעגן צאַריזם און קעגן דער אַלטער אָרדענונג. די גאַנצע באַוועגונג איז געגאַנגען פאַקטיש אונטער דער אָנפירונג פון דער גרופּע, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דעם זשורנאַל „אָסוואָבאָזשדעניע" (באַפרייאונג), וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין שטוטגאַרט (דייטשלאַנד) דורך פּיאָטר ס ט ר ו ו ע , און וואָס איז אומלעגאַל אַריינגעשמוגלט געוואָרן אין רוסלאַנד. סטרואַוועס ריכטונג איז געווען אַ בירגערלעך-דעמאָקראַטיש-ליבעראַלע, הגם סטרוווע אַליין איז גאָר ניט לאַנג נאָך געווען אַ קעמפערישער מאַרקסיסט, איינער פון די גייסטיקע באַגרינדער פון דער רוסלענדער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. פון סטרואַוועס גרופּע איז שפּעטער אַרויסגעקומען די פּאַרטיי „קאָנסטיטוציאָנעלע דעמאָקראַטן", וואָס מען האָט אָפּגעקירצט גערופן „קאַ-דע" אָדער „קאַדעטן" (אירע פירער זיינען געווען פּראָפעסאָר מיליוקאָוו, פירשט דאָלגאָרוקי, נאַבאָקאָוו, ווינאַווער א"אַ). אָבער צווישן דער אינטעליגענץ האָבן געהאַט אַן איינפלוס מער לינקע עלעמענטן, האַלב-סאָציאַליסטישע און אויסגעשפּראָכענע סאָציאַליסטן, ספּעציעל סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן. אויך אידישע אינטעליגענטן

האָבן געשפּילט אַ היפּשע ראָל אין דער דאָזיקער באַוועגונג, וואָרים סיי צווישן שרייבער און אַדוואָקאַטן, סיי צווישן אינזשענערן און דאָק־טוירים זיינען געווען אַ היפּשע צאָל אידן און טאַקע גאָר אָנגעזעענע מענטשן אין זייער פּראָפעסיע. אָבער די אידן האָבן זיך ניט נאָר באַ־טייליקט אין דער אַלגעמיינער באַוועגונג, נאָר עס איז אויך אויפגע־קומען אַן ענלעכע באַוועגונג צווישן דער אידישער אינטעליגענץ גופא, אין וועלכער עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאָליטישע אויפלעבונג, אָרגאַ־ניזירונג און צעשיידונג.

לעבנדיק אין פּעטערבורג ווי אַן אָפיציעלער פאַרטרעטער פון „בונד" און שטייענדיק אין פאַרבינדונג מיט די אָנגעזעענסטע פאַר־טרעטער פון דער אידישער אינטעליגענץ, האָב איך זיך אין יענע וואָכן און חדשים גאַנץ אַקטיוו באַטייליקט אין דער באַוועגונג פון די „פאַר־איינען". איך בין געווען אָנוועזנד אויף די אַלע צוזאַמענפאָרן, האָב אומעטום ניט נאָר מיטגעהאָלפן (דורך סימפּאַטיזירנדיקע דעלעגאַטן און פאַרטרעטער), אַז עס זאָלן אין די פּלאַטפאָרמס וואָס דעמאָקראַ־טישער און וואָס ראַדיקאַלער פּראָקלאַמירט ווערן די אַלגעמיינע פּאָ־ליטישע פאָדערונגען, נאָר איך האָב אויך ספּעציעל געזאָרגט פאַר דעם, אַז עס זאָלן באַזונדערש קלאָר און דייטלעך פאָרמולירט ווערן ספּעציעל יענע פּונקטן, וואָס האָבן צו טאָן מיט דער אידן־פראַגע און מיט דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

איך מוז זאָגן, אַז וואָס איז שייך צו דער אידן־פראַגע איז צווישן דער דאָזיקער ליבעראַלער און ראַדיקאַלער אינטעליגענץ אונדזער אַר־בעט געווען ניט שווער. די גרויסע מאַסן רוסישע אינטעליגענץ זיינען יעמאָלט געווען זייער ווייט פון אַנטיסעמיטיזם. פאַרקערט, מען האָט גיכער געקאָנט ריידן וועגן זייער פריינדלעכער באַציאונג צו אידן, ווי צו פאַרפאָלגטע און גערודפטע. אַז אידן דאַרפן באַקומען פולע בירגערלעכע רעכט צוגלייך מיט אַלע אַנדערע בירגער פון רוסלאַנד, אַז עס דאַרפן באַזייטיקט ווערן אַלע שענדלעכע באַגרענעצונגען קעגן אידן, דאָס איז אין יענעם מאָמענט געווען אַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכע און נאַטירלעכע פאָדערונג פאַר אָט די אַלע דעמאָקראַטישע און ליבע־ראַלע רוסישע אינטעליגענטן, וואָס האָבן מיטגעמאַכט דעם „פרילינג" פון סוויאַטאָפּאָלק־מירסקי.

פיל קאָמפּליצירטער איז שוין געווען די נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע פ ר אַ ג ע. אויף איינִיקע פון די דאָזיקע צוזאַמענפאָרן איז מיר אויס־געקומען אין די רעזאָלוציע־קאָמיסיעס צו האַלטן ריכטיקע רעפעראַטן וועגן דער קולטורעל־נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, וועגן דער נייטיקייט צו גאַראַנטירן פאַר אַלע פעלקער, וואָס לעבן אין גרויסן רוסלאַנד, די פרייהייט פון זייער שפּראַך, קולטור אאַז"וו. אָבער אומעטום, וואו איך בין אַרויסגעטראָטן מיט די דאָזיקע אידייען, האָב איך געזען, אַז פאַר דער גרויסער מערהייט רוסישע אינטעליגענטן זיינען דאָס געווען אין גאַנצן נייע און אומבאַקאַנטע פּראָבלעמען.

4

מיינע לעקציעס וועגן „בונד“. — פּאָליטישע דיסקוסיעס

איך האָב יעמאָלט אין גאַנצן ניט געשריבן. אָבער דאָס, וואָס האָט מיר אויסגעפעלט אין ליטעראַרישער אַקטיווקייט, האָב איך איִה־געגליכן דורך מינדלעכער פּראָפּאַגאַנדע. די רעזאָלוציע פון דער 6־טער קאָנפערענץ וועגן פּאָפּולאַריזירן די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג און דעם „בונד“ צווישן דער אידישער אינטעליגענץ, — די דאָזיקע אויפ־גאַבע האָב אין אין יענע חדשים אין פּעטערבורג און אין מאָסקווע (און שפּעטער אויך אין אַ צענדליק אַנדערע שטעט) דורכגעפירט מיט אַ סך ענערגיע. אַלע פּאָר טעג האָב איך ערגעץ־וואו אין פּעטערבורג געלייענט אַ לעקציע וועגן „בונד“. אַ מאָל אין דעם הויז פון אַ באַרימטן אידישן אַדוואָקאַט, אַ מאָל אין אַ לוקסוס־פּאַלאַץ פון אַ רייכן אידישן באַנקיר, אַ מאָל איז דאָס געווען אַ באַשיידענער צימער פון אַ יונגן אידישן סטודענט אָדער אַרבעטער. און אויף יעדער פון די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען איז דער עולם (אַ מאָל עטלעכע הונדערט, אַ מאָל עט־לעכע צענדליק מענטשן) באַשטאַנען פון אידישע און צום טייל אויך נים־אידישע אינטעליגענטן. איך האָב זיי דערציילט וועגן דעם לעבן פון די אידישע אַרבעטער אין די שטעט און שטעטלעך פון תחום, וועגן זייער רעכטלאָזיקייט, וועגן זייער אָרעמקייט, וועגן דער ענגשאַפט, אין וועלכער זיי לעבן, וועגן דעם ביטערן קאַמף, וואָס זיי פירן פאַר אַ שטיקל טרוקענע ברויט, און — וועגן דער רעוואָלוציאָנערער טעטי־קייט, וואָס עס ווערט דורכגעפירט פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס צווישן אָט די אָרעמסטע פון די אָרעמע, רעכטלאָזעסטע פון די רעכט־לאָזע. איך פלעג דערציילן וועגן די סטרייקן פון זאָקן־מאַכערקעס און די טאַבאַק־אַרבעטער, פון די גאַרבערס און די בערשטערס, פון די אידישע שוסטערס און שניידערס, וועגן דעם נייעם גייסט, וואָס עס טראָגט אַריין דער סאָציאַליזם אין דער אָרעמער און פינצטערער אידי־שער גאַס, וועגן די שפּראָצונגען פון אַ נייעם לעבן, אַ נייער מאָראַל און אַ נייעם גייסט, וועגן דער העלדישקייט פון אונדזערע זעלבסט־שוצן און די „ב.אָ.“ („באָיעוואָי אָטריאַד“). אָפט מאָל פלעג איך אויך באַרירן טעאָרעטישע פּראָבלעמען, די פראַגע וועגן ציוניזם, דעם שטרייט צווישן אונדז און דער „איסקרא“, די פראַגע פון אידיש און אַסימילאַציע, אאַז״וו. פאַר מיינע אינטעליגענטישע צוהערער, וואָס זיינען דאָס רוב אויסגעוואַקסן מחוץ דעם תחום, באַזונדערס אָבער פאַר מיינע קריסטלעכע צוהערער, איז דאָס אַלץ געווען ניי. איך האָב פאַר זיי אַנטדעקט אַ נייע וועלט. זיי האָבן זיך צום ערשטן מאָל קאָנ־קרעט באַקאַנט מיט דעם געהיימניספולן „בונד“, וועגן וועלכן מען האָט אַזוי פיל געהערט און אַזוי פיל משונהדיקע זאַכן געלייענט אין דער פּרעסע. זיי האָבן דערזעען, אַז דאָס איז אַ פּאָליטישע און מאָראַלי־

שע מאַכט, און ביי פיל איז געוואַקסן די סימפּאַטיע און דער רעספּעקט פאַר דעם אידישן אַרבעטער.

איין מאָל איז מיר אויסגעקומען צו האַלטן אַזאַ רעפעראַט אין גאָר אַ מערקווירדיקער סביבה. איך האָב זיך איין מאָל אַריבערגעכאַפּט אויף עטלעכע טעג קיין מאָסקווע, כדי צו רעאָרגאַניזירן די בונדישע גרופּע, וואָס האָט זיך דאָרטן געגרינדעט. דאָס איז געווען אַ ריין אינ־טעליגענטישע גרופּע, וואָס איז באַשטאַנען צום גרעסטן טייל פון יונגע אַדוואָקאַטן (לאַיערס).

די מאָסקווער גרופּע האָט פאַר מיר איינגעאָרדנט אַ פּאָר רעפע־ראַטן אין אידישע הייזער, און דאָרטן האָב איך זיך באַקאַנט מיט דעם, יעמאָלט באַרימטן, רוסישן אַדוואָקאַט ס ט אַ ל , וואָס האָט געשפּילט אַ געוויסע ראָלע אין מאָסקווער פּאָליטישן לעבן. און סטאַל האָט מיר פאָרגעשלאָגן, אַז איך זאָל, אי צוליב פּראָפּאַגאַנדע, אי באַזונדערש כדי צו שאַפן אַ היפּשע סומע געלט, לייענען אַ רעפעראַט וועגן „בונד" אין דעם פּאַלאַץ פון דעם באַרימטן מיליאָנער מאָראָזאָוו. צווישן די מאָ־ראָזאָווס האָבן זיך געפונען ליבעראַלע מענטשן. דער הויפּט־גביר, סאַ־וואַ מאָראָזאָוו, דער גרעסטער טעקסטיל־פאַבריקאַנט פון רוסלאַנד, איז געווען באַפריינדעט מיט מאַקסים גאָרקי, און דורך גאָרקין פלעגט ער סיסטעמאַטיש אונטערשטיצן לענינען און די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי. דער פּאַלאַץ, אין וועלכן איך האָב געזאָלט ריידן, האָט באַ־לאַנגט צו אַן אַנדערן מיטגליד פון דער פאַמיליע מאָראָזאָוו, צו איינער אַ פרוי מאָראָזאָוו, וואָס האָט געהאַט באַציאונגען מיט ליבעראַלע און ראַדיקאַלע קרייזן, — איז אָבער אין דער זעלביקער צייט געווען אַן אינטימע פריינדין פון דעם מאָסקווער פּ אָ ל י צ י י - מ י י ס ט ע ר.

דער פּלאַן פון סטאַלן האָט זיך מיר צו ערשט אויסגעדוכט אַ ביסל אַ משונהדיקער, אָבער ער האָט מיך איבערצייגט, אַז עס איז נייטיק צו באַקאַנען דווקא דעם איינפלוסרייכן רוסישן עולם מיט דער אידי־שער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, און, צווייטנס, האָט ער מיט אַ שמייכל צוגעגעבן, ווער „איר זיך דאָך זיכער ניט אָפּזאָגן פון עטלעכע הונדערט רובל?"

מיט איין וואָרט, איך האָב די לעקציע געלייענט. זי איז פאָרגע־קומען אין דעם „עגיפּטישן זאַל" פון מאָראָזאָווס פּרעכטיקן פּאַלאַץ, און איך האָב גערעדט פאַר אַן עולם פון 400-500 עכט־רוסישע מאָס־קווער אינטעליגענטן, צווישן וועלכע איך האָב געזען אויך אַ ריי אָפי־צירן אין יוניפאָרמס און אָפילו איינעם אַ גענעראַל מיט רויטע פּאַסן. דער דאָזיקער עולם האָט זייער פריינדלעך אויפגענומען מיין רעדע און איז געווען אומצופרידן, ווען אין דער דיסקוסיע איז אַרויסגעטראָטן אַן איסקראַוועץ, (מיר דוכט זיך, דער באַוואוסטער באָלשעוויק ליאַדאָוו־מאַנדעלשטאַם), וואָס האָט פּרובירט אָט פאַר דער פאַרזאַמלונג קלאָר צו מאַכן דעם אונטערשייד צווישן „בונד" און „איסקראַ", אָבער איך האָב אים גאַנץ שאַרף געענטפערט, און דער פּאָריזיצער פון דער פאַר־

זאַמלונג, דער באַוואוסטער אידישער אַדוואָקאַט קאַלמאַנאָוויטש, האָט אין זיין שלוסוואָרט אויסגעדריקט די אַלגעמיינע סימפּאַטיע צו די אידישע אַרבעטער און צום „בונד", וואָס קעמפן פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע און פאַר דער ערע פון זייער אייגענעם פאָלק.

די דאָזיקע מערקווירדיקע פאַרזאַמלונג האָט זיך פאַרענדיקט מיט נאָך אַ מערקווירדיקערן באַנקעט, וואָס אַ טייל פון די פאַרזאַמלטע האָט מיר דערנאָך געגעבן אין אַ באַוואוסטן רייכן מאָסקווער ציגיינער-רעסטאָראַן, אין אַ באַזונדערן צימער, וואו עס האָבן געווײנטלעך געהוליעט מאָסקווער קופּצעס. נאָר אין יענעם אָוונט האָט מען אין דאָזיקן זאַל ניט געשיכורט מיט ציגיינערקעס, נאָר געהאַלטן רעדעס פאַר דער קומענדיקער רוסישער רעוואָלוציע און פאַר דער פאַרברידערונג פון דעם רוסישן ליבעראַליזם מיט דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט.

דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער „פרילינג" האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטן. ער האָט זיך געענדיקט אין אָקטאָבער-נאָוועמבער פון זעלביקן יאָר . . . אָבער דערווײלע איז נאָך די באַוועגונג געגאַנגען באַרג-אַרויף, און די פרילינגס-האָפענונגען האָבן געבליט.

די באַוועגונג פון די מאַסן איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און דרייסטער, און דער ווידערשטאַנד פון דער רעגירונג איז געוואָרן אַלץ מער און מער פּאַראַליזירט. די רעגירונג האָט זייער גוט געזען, וואָס עס קומט פאַר, זי האָט גוט געוואוסט וועגן די אַלע לעקציעס, פאַראיינען, צונויפזאַמענפאַרן, אָבער זי האָט מער ניט געהאַט די ענערגיע און די אינגעוויניקסטע קראַפט צו אונטערדריקן דאָס אויף דעם זעלביקן אופן, ווי פריער. האָט זי זיך געמאַכט ניט הערנדיק און ניט זעענדיק. אָבער אויב די רעגירונג האָט שוין ניט דעם פריערדיקן כוח, זיינען די מאַסן געוואָרן אַלץ דרייסטער און דרייסטער. און פריער פאַר אַלץ — די אינטעליגענץ אין די גרויסע שטעט.

אין די אוניווערסיטעטן האָט מען אויפגעהערט צו לערנען. באַנוצנדיק די אַזוי גערופענע „אַקאַדעמישע אויטאָנאָמיע", ד"ה דעם געזעץ, אַז די פּאָליציי מעג אַריינקומען אין אוניווערסיטעט נאָר מיט דער דערלויבעניש פון דער אוניווערסיטעט-אַדמיניסטראַציע, — האָבן די ראַדיקאַלע סטודענטן, מיט דער אונטערשטיצונג פון די ליבעראַלע פּראָפעסאָרן, פאַקטיש פאַרוואַנדלט די אוניווערסיטעטן אין אַ פּערמאַנענטן רעוואָלוציאָנערן מאַסן-מיטינג. אין איין אוידיטאָריע פלעגט האַלטן אַ לעקציע אַ סאָציאַליסט-רעוואָלוציאָנער, אין דער צווייטער — אַ סאָציאַל-דעמאָקראַט, אין דער דריטער — אַ דעמאָקראַט, אין דער פערטער — אַ „בונדיסט", אאַז"וו. עס פלעגן פאָרקומען דיסקוסיעס, באַראַטונגען, דעבאַטעס, סימפּאָזיומס אָן אַ שיעור, און די צוהערער פלעגן זיין ניט נאָר סטודענטן, נאָר עס פלעגן זיך אָנקלייבן יונגעלייט און יונגע מיידלעך פון דער גאַנצער שטאָט, צווישן זיי אויך אַ טייל אינגערע אַרבעטער. די פּאָליציי האָט דאָס געוואוסט, האָט דאָס געזען, איז אָבער געווען מאַכטלאָז.

אונדזער פּעטערבורגער גרופּע האָט זיך אויך באַטייליקט אין די דאָזיקע אוניווערסיטעט־פאַרזאַמלונגען. וואָס נעענטער עס איז געקומען צו אָקטאָבער, אַלץ אָפטער זיינען אונדזערע רעדנער און רעדנערינס אַרויסגעטראָטן אין די פאַרשיידענע אַודיטאָריעס פון די פּעטערבורגער אוניווערסיטעטן.

יעמאָלט זיינען אויך פאָרגעקומען ניט נאָר אין די אוניווערסיטעטן עפנטלעכע פּאָליטישע מיטינגען און דיסקוסיעס אין דער פאָרעם פון לעקציעס. אַ פּראָפעסאָר אָדער אַן אַנדער פּראָמינענטע פּערזענלעכקייט האָט געלייענט אַ לעקציע אויף אַ וועלכער עס איז טעאָרעטישער אָדער היסטאָרישער טעמע און פאַקטיש פלעגט זיך די פאַר־

אַ סטודענטן־מיטינג (1905)

זאַמלונג גלייך פאַרוואַנדלען אין אַ פּאָליטישן מיטינג אָדער אַ פּאָליטישער דיסקוסיע. די פּאָליציי איז געזעסן דערביי און האָט דאָס רוב געשוויגן. אַזוינע לעקציעס פלעגן באַזונדערס אָפט פאָרקומען אין דער א. ג. „קייזערלעכער פריי־עקאָנאָמישער געזעלשאַפט", וואָס איז געווען לכתחילה אַ וויסנשאַפטלעכע געזעלשאַפט אויף צו שטודירן עקאָנאָמישע פראַגעס. אין דער ווירקלעכקייט אי זי שוין צום אָנהייב פון 20־טן יאָרהונדערט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין צענטראַלע פּלאַטפאָרם פאַר סאָציאַליסטישער און מאַרקסיסטישער פּראָפּאַגאַנדע. דאָרטן זיינען אַרויסגעטראָטן פּיאָטר סטרוּווע, פּראָפ' טוגאַן־באַראַנאָווסקי, דער באַוואוסטער שרייבער און עקאָנאָמיסט וו. וואָדאָוואָזאָוו א"אַ. אַ צווייטע שטענדיקע אַודיטאָריע פאַר לעקציעס, וואָס זיינען

אין דער אמתן געוועזן פּאָליטישע דיסקוסיעס, איז אין פּעטערבורג געוועזן דער אַזוי גערופענער „סאָליאַנאָי גאָראָדאָק“, מיט אַ קאָלאָסאַלער אוידיטאָריע.

אָט אין דעם „סאָליאַנאָי גאָראָדאָק“ האָב איך זיך איין מאָל באַטייליקט אין אַן אינטערעסאַנטער דיסקוסיע, וואָס האָט שוין געטראָגן אַ פּראַקטיש-פּאָליטישן כאַראַקטער. דאָס איז געוועזן דאַן, ווען דער מיניסטער בוליגין האָט צוגעגרייט זיין פּראָיעקט וועגן אַ „באַראָטונגס-פּאַרלאַמענט“, — אַ „דומע“, — וואָס זאָל נאָר געבן עצות דעם קיסר, זאָל אָבער ניט האָבן די רעכט פון אַן אמתן פּאַרלאַמענט. די וואַלן צו דער דאָזיקער באַראָטונג האָבן געזאָלט זיין צוויי- און דריי-שטופּיקע, ניט דירעקטע. ווען די דאָזיקע קלאַנגען האָבן אָנגענומען אַ פּעסטערן כאַראַקטער, האָט אַ באַוואוסטער ליבעראַל, אַ פּראָפעסאָר פון דער מיליטעריש-מעדיצינישער אַקאַדעמיע — געהאַלטן אין „סאָליאַנאָי גאָראָדאָק“ אַ לעקציע וועגן דעם דאָזיקן פּראָיעקט. אין נאָמען פון רוסישן ליבעראַליזם האָט ער, ניט געקוקט אויף זיין קריטיק, דערקלערט זיין גרייטשאַפט אָנצונעמען די דומע ווי דעם צוקינפטיקן רוסישן פּאַרלאַמענט. איך בין געקומען צו דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג מער ווי אַ צוהערער, ווייל איך בין פּשוט געוועזן נייגיריק צו הערן, ווי אַזוי די פאַרשיידענע רוסישע פּאַרטייען וועלן פאָרמולירן זייער באַציאונג צו בוליגינס דומע. ליידער אָבער איז אויסגעקומען אַזוי, אַז די לינקע פּאַרטייען זיינען ניט געווען פאַרטראָטן. עס זיינען אַרויסגעטראָטן פאַרשיידענע צופעליקע רעדנער, דאָס רוב „קלאַפּער“, וואָס האָבן „געהאַקט אַ טשאַיניק“, און האָבן פאַרמאַטערט דעם עולם. זעענדיק, אַז עס מעלדן זיך ניט קיין אָפיציעלע פאַרטרעטער ניט פון די סאָציאַל-דעמאָקראַטן, און ניט פון די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן, האָב איך באַשלאָסן צו נעמען דאָס וואָרט. די צייט פאַר די רעדנערס איז שוין געווען באַגרעניצט, אַזוי אַז איך האָב געקאָנט ריידן נאָר אַ צען מינוט און אין אָט דער צייט איז מיר געלונגען קורץ, אָבער שאַרף צו פאָרמולירן די נייטיקייט פון אַן אמתן פּאַרלאַמענט און, פרייער פאַר אַלץ, אַלגעמיינע און דירעקטע וואַלן.

אויף צומאָרגנס איז וועגן דער פאַרזאַמלונג דערשינען אַן אויספירלעכער באַריכט אין אַלע גרויסע צייטונגען און אומעטום איז באַזונדערש אונטערגעשטראָכן און געלויבט געוואָרן די „געלונגענע אַרויסטרעטונג“ פון איינעם אַן אומבאַקאַנטן יונגנמאַן, וואָס האָט גערעדט אין נאָמען פון אַרבעטער-קלאַס.

אין אַ טאָג אָדער צוויי אַרום האָט מען מיר איבערגעגעבן, אַז איינער אַ באַוואוסטער דייטשער זשורנאַליסט, דער קאָרעספּאָנדענט פון דער גרויסער און איינפלוסרייכער „קעלנישער צייטונג“, וויל האָבן מיט מיר אַן אינטערוויו. איך האָב זיך מיט אים באַגעגנט אין הויז פון אַ אידישן אַדוואָקאַט. ער איז געקומען מיט אַ סטענאָגראַפערין, און האָט אין אַ משך פון אַ פּאָר שעה מיך גענוי אויסגעפרעגט וועגן „בונד“,

וועגן דער געשיכטע פון „בונד", וועגן זיינע אָנשויאונגען, וועגן דער לאַגע פון די אידן און וועגן אַלע אַנדערע פּאָליטישע און רעוואָלוציאָנערע פּראָבלעמען.

מען האָט מיר דערנאָך איבערגעגעבן, אַז ער האָט טאַקע געדרוקט זייער אַ גרויסן אַרטיקל וועגן דעם דאָזיקן אינטערוויו, וואָס איז דערנאָך אַריבער אויך אין אַנדערע דייטשע און אויסלענדישע צייטונגען.

איך געדענק שוין ניט, אונטער וועלכן נאָמען איך האָב יעמאָלט גערעדט און אונטער וועלכן נאָמען עס איז דערשינען מיין אינטערוויו. וואָרים אין ווארשע און אין „בונד" האָב איך געהייסן „מלכיאל" און דעם נאָמען „אַבראַמאָוויטש" האָב איך אָנגענומען ערשט שפּעטער.

מיר דוכט זיך, אַזוי אין יולי אָדער אין אויגוסט 1905, אויף אַ פאַרזאַמלונג פון דער חברה „מפיצי־השכלה", וואו איך בין אַרויסגעטראָטן מיט אַ גרויסער פּאָליטישער רעדע.

5

פּאָליטישע מיטינגען אין בתּי־מדרשים

מיר, אין דעם ראַיאָן פון „בונד", האָבן ניט געהאַט ניט קיין אוניווערסיטעטן, און ניט קיין אוידיטאָריעס, און ניט יענע פרייהייטן, וואָס די רוסישע אינטעליגענץ האָט „מוטוויליק" פאַרכאַפּט אין די גרויסע שטעט. האָבן מיר געמוזט אויף אַן אַנדער אופן אויסנוצן יענע טיילווייזע פרייהייט, וואָס דאָס לאַנד האָט געגאַסן אין דער צייט פון פּאָליטישן „פרילינג". מיר האָבן דערצו באַנוצט, פון איין זייט, פּריוואַטע פאַרזאַמלונגען אין רייכערע הייזער, אַ מאָל זאָגאַר ביי באַנקירן, פאַבריקאַנטן, וואָס זייערע פרויען אָדער קינדער, און אַמאָל גאָר זיי גופא, האָבן סימפּאַטיזירט מיט דער באַוועגונג. אָבער אין אַזוינע פאַרזאַמלונגען האָבן מיר געקאָנט צוזאַמענקלייבן נאָר די אינטעליגענץ; פאַר די ברייטע מאַסן האָבן מיר געפונען אַן אַנדער אַרט: ד י ש ו ל. מען פלעגט פאָראויס באַשטימען, אין וועלכער גרויסער שול און אין וועלכן טאָג עס וועט זיין דאָרף פאַרקומען דער מיטינג. אין דעם טאָג פלעגט די שול זיין אָנגעפּאַקט מיט אַ גרויסן עולם, וואָס איז באַשטאַנען צו אַ גרויסן טייל פון ניט־דאַוונער. און דאַן אין אַ באַשטימטן מאָמענט פלעגט זיך דערהערן אַ סיגנאַל און ביי די טירן פלעגן אויסוואַקסן עטלעכע געזונטע יאַטן. אויף דער בימה פלעגט אַרויפשפּרינגען אַ פאַרטרעטער פון „בונד", פלעגט אַ קלאַפּ טאָן, עס זאָל זיין שטיל, און פלעגט דערקלערן דעם עולם, אַז די אַרבעטער זיינען ניט אויסן צו שטערן דעם רעליגיעזן לעבן פון די אידן, נאָר זיי מוזן זיך באַנוצן מיט די שולן ווי מיטינג־לאָקאַלן, וואָרים אין רוסלאַנד איז ניטאָ קיין פּאָליטישע פרייהייט און באַקומען אַ „האַלל" אויף אַ געוויינטלעכן וועג איז פאַר די אַרבעטער ניט מעגלעך. די חברים, וואָס שטייען ביי

דער טיר האָבן דעם באַפעל פון קאָמיטעט קיינעם ניט אַרויסצולאָזן ביז וואַנען דער מיטינג וועט ניט זיין פאַרענדיקט, און די רעדנערס וועלן ניט זיין געזיכערט קעגן דער פּאָליציי. דעריבער בעט מען דעם עולם זיך צו פאַרהאַלטן רואיק, ניט צו פּרובירן אַרויסגיין און בעסער אויסהערן די רעדנערס.

און דאַן פלעגט זיך אָנהייבן דער מיטינג. זייער אָפט האָט דער עולם אין גאַנצן ניט פּראָטעסטירט קעגן אַט דעם „איבערפאַל" פון „בונד" און פלעגט זיך גאַנץ געשמאַק צוהערן צו דער רעוואָלוציאָ־נערער פּראָפּאַגאַנדע פון דעם רעדנער, בפרט, ווען דער רעדנער פלעגט זיין אַ גוטער. אַן אַנדערש מאָל, ווידער, פלעגן די פרומע און עלטערע אידן פּראָטעסטירן און זיין אומצופרידן, — אַלץ האָט זיך געווענדט אָן דער שטאָט און דעם מאָמענט, און — דעם טאַקט פון די אָרגאַ־ניזאַטאָרן. אין ווייטערדיקן לויף פון דער רעוואָלוציע, ווען די באַצי־אונגען צווישן די פאַרשיידענע קלאַסן אין אידישן פאָלק זיינען שאַר־פער געוואָרן, איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן דער פּראָטעסט פון די באַ־לעבאַטישע אידן קעגן דער „טיראַניע פון בונד". אָבער אין זומער און הארבסט 1905 האָבן די ברייטע מאַסן פון אידישן פאָלק פאַקטיש צוגעשטימט צו דעם, אַז מען זאָל די שולן אויסנוצן אַלס פאָלקס-אוידי־טאָריעס פאַר פּאָליטישע פאַרזאַמלונגען. און מיר אַליין איז אויסגע־קומען, ניט נאָר אין 1905, נאָר אויך אין 1906 און 1907, צענדליקער מאָל אַרויסצוטרעטן אויף קאָלאָסאַלע מיטינגען אין די שולן פון זשי־טאָמיר און באַרדיטשעוו, פון גראָדנע און מינסק, פון קאָוונע און פּינסק און נאָך פיל אַנדערע שטעט.

איך בין אָפּגעזעסן אין פּעטערבורג אומאומטערבראָכן ביז אום־געפער מאַי. דערנאָך האָט דער צ. ק. אָנגעהויבן מיך אַלץ עפטער און עפטער אַרויסצורופן אין דעם בונדישן ראַיאָן. די פּעטערבורגער גרופּע האָט גאַנץ גוט געאַרבעט, דער איינפלוס איז אויסגעוואַקסן, געלט איז אַריינגעקומען פון דער פּעטערבורגער און מאָסקווער גרופּעס גאַנץ היפּש, — האָט דער צ. ק. באַשלאָסן, אַז איך דאַרף שוין ניט זיצן אַזוי פיל אין די הויפּט-שטעט, נאָר מען דאַרף מיך האָבן אויך אין די אַנ־דערע שטעט. האָב איך אָנגעהויבן אַרומצוואַנדערן, און טאַקע אַלץ מיט לעקציעס פאַר אינטעליגענטן און אין דער זעלביקער צייט, פאַר־שטייט זיך, מיט אַרויסטרעטונגען אויף אַרבעטער-פאַרזאַמלונגען. איך בין אָפּגעווען אַ געוויסע צייט אין ווילנע, וואו איך האָב דורכגעפירט אַ גאַנצע ריי לעקציעס און פאַרזאַמלונגען און האָב זיך באַקאַנט מיט אַ ריי יונגע אינטעליגענטן. אין ווילנע האָט זיך יעמאָלט געפונען באַרים פרומקין מיט זיין פרוי, גאָזשאַנסקי-לנו מיט זיין פרוי צעציליע,—אַלץ אַלטע טוער פון „בונד", וואָס האָבן געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אין די פריערדיקע יאָרן.

אָבער אַחוץ די אַלטע בונדיסטן, האָב איך זיך אויף מיינע לעק־ציעס און קרייזלעך אויך באַקאַנט מיט נייע יונגע אינטעליגענטן און אינטעליגענטקעס.

פון ווילנע בין איך אַריבערגעפאָרן קיין פּינסק און קיין גראָדנע, און קיין זשיטאָמיר, וואו איך בין אָנגעקומען גראָד נאָך דעם באַרימטן פּאָגראָם, ביי וועלכן די זעלבסטשוץ פון „בונד“, צוזאַמען מיט אייניקע קריסטן־סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן האָט געראַטעוועט די שטאָט, אויב ניט פון פיזישן פּאָגראָם, איז, ווייניקסטנס, פון דעם מאָראַלישן חושך, וואָס איז פאַרבונדן מיט אַזוינע טראַגישע געשעענישן. מען האָט פּאָגראָמירט, אָבער די אידן האָבן געגעבן אַ ווידערשטאַנד, און טאַקע אַ הערואישן ווידערשטאַנד, און ניט אַליין, נאָר אינאיינעם מיט קריסטלעכע רעוואָלוציאָנערן. דער דאָזיקער פאַקט האָט געהויבן דעם געפאַלענעם מוט און האָט געגעבן די מעגלעכקייט דעם „בונד“ צו פאַרגרעסערן און צו פאַרטיפן זיין פּראָפּאַגאַנדע אין דער שטאָט. אויף דעם מיטינג אין דער גרויסער שול זיינען געווען עטלעכע טויזנט מענטשן, און גערעדט האָבן פון „בונד“ ביינוש מיכאַלעוויטש, מיט זיין שטאַרקער מעטאַלענער שטים, וואָס האָט געשניטן ווי אַ שווערד, און איך. פון זשיטאָמיר בין איך אַוועקגעפאָרן אין אַ ריי אַנדערע שטעט (באַרדיטשעוו, אָדעס, האָמעל, וויטעבסק, דווינסק) און דערנאָך צוריק אין פּעטערבורג און פון פּעטערבורג ווידער קיין ווילנע. און אָט דאָ אין ווילנע איז פאָרגעקומען אין מיין לעבן אַ וויכטיקע געשעעניש: מען האָט מיר געמאָלדן, אַז איך בין אַריינגענומען געוואָרן אין דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד“.

6

אינם צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד“

איך האָב נאָך געשלאָפן אין מיין צימער אין ווילנע, הינטער דעם „גרינעם בריק“, ווען מען האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר מיט אונדזער אָפּגערעדטן קלאַפּ, און אין מיין צימער האָט זיך אַריינגעלאָזן יונה קאָיגען. יונהס פיגור און יונהס הענט זיינען שטענדיק געווען אַזוי אויסדרוקספול, אַז מען האָט ביי אים שוין פון דער וויטנס געקאָנט דערקענען, אַז ער קומט עפּעס מיט אַ וויכטיקער מיסיע. זעצט ער זיך אַוועק לעבן מיין בעט, פאַרשרויפט זיינע לאַנגע פיס און הייבט אָן מיט אַ פייערלעכן טאָן אַ לאַנגע הקדמה, וואָס דער קורצער תמצית פון איר איז געווען, אַז, נעמענדיק אין באַטראַכט מיין אַרבעט, האָט דער צ. ק. באַשלאָסן, ניט געקוקט אויף מיין יוגנט, אַריינצונעמען מיך אין זיין באַשטאַנד אַלס מיטגליד (מען האָט עס גערופן אויף דעם פּאַרטיי־לשון: „קאָאָפּטירן“), און ער האָפט, אַז מיין אַרבעט אין צענטראַל־קאָמיטעט וועט ברענגען דערצו, אַז אויף דעם נאָנטסטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר וועט מען מיך שוין אויסקלייבן צוגלייך מיט אַלע אַנדערע מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט.

איך בין געווען איבערראַשט און אַ ביסל באַאומרואיקט. איך בין ניט געווען זיכער, אַז די אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבעט, וואָס איז פאַרבונדן

מיט דער טעטיקייט פון צ. ק., איז דוקא יענער געביט, פאַר וועלכן איך בין צוגעפּאַסט. פון דער אַנדערער זייט, האָב איך געוואוסט, אַז דאָס איז אַ געוואַלטיקער כבוד. מיין ערשטער געדאַנק איז געווען, אַז דער צ. ק. האָט ווארשיינלעך באַשלאָסן צו קאָאָפּטירן די גאַנצע גרופּע יונגע. וואָרים מיינע אַנדערע פריינד האָבן דעם כבוד פיל מער פאַרדינט ווי איך. איך האָב געהאַט אין זינען, פריער פאַר אַלץ, ל י ב ע ר ן. איך האָב יונהן וועגן דעם געפרעגט, און ער האָט מיר מיט אַ געהיים-נישפּולער מינע דערקלערט, אַז איך זאָל ניט שטעלן אַזעלכענע פראַגעס, און אַז וועגן ליבערן וועט מען ריידן שפּעטער.

וואָס לענגער יונה איז ביי מיר געזעסן און גערעדט מיט מיר וועגן די צוקינפטיקע פּלענער, אַלץ מער האָב איך דערפילט, אַז אין מיין לעבן הייבט זיך אָן אַ נייע תקופה. און באַזונדערס איז מיר געווען קלאָר, אַז דער גליקלעכסטער פון אונדזביידן איז יונה, וואָס האָט ווארשיינלעך אין צענטראַל קאָמיטעט זייער שטאַרק געקעמפט פאַר דעם, אַז מען זאָל מיך קאָאָפּטירן.

מיר האָבן מיט אים אָפּגערעדט, אַז איך זאָל וואָס גיכער פאַר-ענדיקן מיין אַרבעט אין ווילנע און זאָל קומען צו פאָרן אין דווינסק, וואו עס דאַרף באַלד פאָרקומען אַ פולע זיצונג פון צ. ק., וואָס זאָל באַהאַנדלען אַ ריי וויכטיקע פראַגעס.

אין אַ וואָך אָדער צען טעג אַרום בין איך אַרויסגעפאָרן קיין דווינסק און האָב זיך דאָרטן באַזעצט ביי מיינע קרובים, כדי איך זאָל האָבן אַ לעגאַלן תירוץ, פאַר וואָס איך בין אין דווינסק. וואָרים, ניט געקוקט אויף אַלע „פריהייטן" און אויף דעם גאַנצן „פרילינג", איז די פּאָליציי נאָך געווען אַ פּאָליציי, און די זשאַנדאַרמען זיינען נאָך געווען זשאַנדאַרמען, און אין דווינסק האָט מיך געקאָנט אַ האַלבע שטאָט.

און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן מיין לעבן אין צענטראַל-קאָמיטעט פון „בונד".

דער צ. ק. האָט געהאַט אַ קאָנספּיראַטיווע קוואַרטיר, אויף וועל-כער עס האָט שטענדיק געוואוינט אַרקאַדי קרעמער, וואָס האָט זיך שוין יעמאָלט אומגעקערט פון אויסלאַנד און האָט פון דאָס ניי פאַר-נומען זיין אַלטן פּלאַץ אינם צ. ק.; די דירה איז אָפיציעל געדונגען געוואָרן אויפן נאָמען פון אַ פּאָר פּאָלק, ביידע, פאַרשטייט זיך, אי-בערגעגעבענע בונדיסטן. ער איז געווען חנא רובאַנענקאָ, אַ האַרציקער, שטילער און זייער קאָנספּיראַטיווער, אויפריכטיק איבערגעגעבענער חבר, אַליין אויך אַ דווינסקער, פון אַן אָנגעזעענער באַלעבאַטישער פּאַ-מיליע; זי, ליזע ראַפּאָפּאָרט, אויך אַ דווינסקערין, אַן אַרטיקע טוערין, וועלכע מיר האָבן גוט געקאָנט. קרעמער האָט ביי זיי געוואוינט, ווי אַ מין קעסטניק, און די סיסטעם איז געווען אַזאַ, אַז די ביידע חברים, וואָס זיינען געווען די באַלעבאַטים פון דער קוואַרטיר, פלעגן מיט קיי-נעם אין דער שטאָט ניט האָבן קיין שום באַציאונגען. קרעמערן האָט סיי ווי סיי קיינער אין דווינסק ניט געקאָנט, און רובאַנענקאָ מיט זיין

פרוי האָבן געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיי גייען אַוועק פון דער פּאָלי־טישער אַרבעט, אַז זיי האָבן חתונה געהאַט, אַז זיי ווילן זיך מער מיט די בונדיסטן ניט טרעפן. אייניקע האָבן אפשר פאַרשטאַנען, וואָס דאָס מיינט, די אַנדערע האָבן אויף זיי פאַראיבל געהאַט און זיי באַרעדט, אָבער דאָס איז געווען דער קרבן, וואָס זיי האָבן געמוזט ברענגען פאַר דער פּאַרטיי. און אויף אָט דער קוואַרטיר פלעגן פאַרקומען די זיצונ־גען. מען פלעגט דעם גאַנצן טאָג זיצן פאַרשפּאַרטערהייט, ניט אַרויס־גיין אויפן גאַס, עסן צוזאַמען, טרינקען צוזאַמען, און אַ פּאָר מענטשן פלעגן אויך בלייבן שלאָפן אין דער קוואַרטיר. די באַלעבאָסטע פלעגט פאַר אַלעמען קאָכן און אַלץ צוגרייטן, אַזוי אַז פון אויסן האָט מען אויפן הויף און אויף דער גאַס ניט געקאָנט באַמערקן, אַז דאָ קומט פאַר עפּעס אַ זיצונג פון אַ 12־10 מענטשן.

אָבער אַזוי פיל מענטשן זיינען נאָר געווען בשעת אַ פלענאַרער זיצונג. אין די געוויינטלעכע צייטן פלעגן אַלע אַרומפאָרן איבער דעם ראַיאָן פון „בונד", און אין דער קוואַרטיר פון דעם צ. ק. פלעגן בלייבן איינער אָדער צוויי מענטשן.

די טעכנישע און סעקרעטאַרישע אַרבעט אינם צ. ק. פלעגן אין יענעם מאָמענט פירן נח, אַלעקסאַנדער, אַמאָל יודין. מיט אַנדערע אָרגאַניזאַטאָרישע אַרבעטן, ספּעציעל מיט אַרומפאָרן איבער די שטעט, פלעגן זיך פאַרנעמען אַלע מיטגלידער פון צ. ק., און אַפילו מיר, דעם גרינעם, איז אויסגעקומען די ערשטע צייט זייער פיל אַרומצורייזן, שוין ניט ווי אַ רעפערענט און לעקטשורער, נאָר ווי אַן אָרגאַניזאַטאָר און פאַרטרעטער פון צענטראַל־קאָמיטעט.

די אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבעט פלעגט באַשטיין אין אַ גרויסער מאָס אין דעם, וואָס מיר פלעגן פאַרטיילן די טוערס צווישן פאַרשיידענע שטעט און זאָרגן דערפאַר, אַז די שטעט זאָלן שטענדיק האָבן די נויי־טיקע מענטשן, געלט־מיטלען, ליטעראַטור, געווער, פּאַספּאָרטן, דרוי־קערייען, אאַז"וו. די אָרגאַניזאַציע פון „בונד", ווי אויך פון אַלע אַנ־דערע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס צו יענער צייט, איז געווען אַזאַ, אַז אַחוץ אָרטיקע, לאָקאַלע מענטשן, זיינען אין יעדער שטאָט, באַ־זונדערס צווישן די אָנפירנדיקע עלעמענטן פון דער פּאַרטיי, געווען אַזוי גערופענע „פּראָפעסיאָנעלע" רעוואָלוציאָנערן. ווען אַן אָרטיקער טוער פון די בעסערע און אַקטיווערע פלעגט דורכפאַלן אין זיין היים־שטאָט און פלעגט זיך מוזן אויסבאַהאַלטן פון דער פּאָליציי, פלעגט ער זיך ווענדן צום צענטראַל־קאָמיטעט און פלעגט פאָרשלאָגן, אַז מען זאָל אים שיקן אויף פּאַרטיי־אַרבעט אין אַן אַנדער שטאָט. איז דאָס געווען אַ צוגעפּאַסטער מענטש, סיי לויט זיינע פּערזענלעכע אייגנ־שאַפטן, סיי לויט זיין פּאָליטישער אַנטוויקלונג, פלעגט דער צ. ק. אים אַריינגעמען אין זיין רשימה, פלעגט אים באַזאָרגן אַ פאַלשן פּאַס, געבן אים געלט אויפן וועג, אַדרעסן, רעקאָמענדאַציעס און פלעגט אים אַוועקשיקן אויף אַ באַשטימטער אַרבעט אין אַ באַשטימטן פּונקט.

מענטשן, וואָס פלעגן אַרויסגיין פון תפיסה אָדער אומקערן זיך פון דער סיבירישער פאַרשיקונג, פלעגן אָפט, כאָטש זיי זיינען פאַרמעל נאָך געווען לעגאַל, אויך אַריבערגיין אויפן אומלעגאַלן שטייגער-לעבן און ווערן „פּראָפעסיאָנאַלן" פון צ. ק. אַזוי אַרום, האָט דער צ. ק. שטענדיק געהאַט אין זיין רשות אַן אַרמיי פון אַ פּאָר הונדערט איבערגעגעבענע מענטשן, וואָס האָבן דורך לאַנגיאָריקער טעטיקייט באַוויזן, אַז מען קאָן זיך אויף זיי פאַרלאָזן און אַז זיי טויגן פאַר דער אַרבעט.

עס זיינען געווען אַרבעטער, אינטעליגענטן, האַלב-אינטעליגענטן פון סאַמע פאַרשיידענע פּעאיקייטן. געווען בחורים, וואָס האָבן בעסער פאַר אַלץ געטויגט פאַר טעכנישער אָדער מיליטערישער אַרבעט („ב.אָ." — זעלבסטשוץ), געווען גוטע מאַסן-אָרגאַניזאַטאָרן אויף צו אַרבעטן אין די פאַבן צווישן די אַרבעטער, שפּעטער — גרינדן פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און אָנפירן מיט זיי. געווען מאַסן-רעדנערס, אַרבעטער און אינטעליגענטן, וואָס האָבן געהאַט אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג צווישן די מאַסן און אַרום וועלכע עס האָבן זיך אין 1905 געשאַפן לעגענדעס: איינער פון זיי איז געווען „מ אַ ק ס י ם" (קלעוואַנסקי), וואָס האָט דיקטאַטאָריש באַהערשט די גאַנצע שטאָט ריגע אין הארבסט און ווינ־טער 1905; געווען „ס ע ר ג ע י" (אברהם בראַון), מיין חבר פון ריגער פּאָליטעכניקום; געווען „מאַקס מיט דער נאָז" (ליפּעץ, ד"ר גאָלדפאַרב, פּעטראָווסקי), אַ זון פון אַ באַרדיטשעווער נגיד; געווען „וו ל אַ ד ע ק" (ברוך טשאַרני), וואָס איז שפּעטער אַזוי באַרימט גע־וואָרן אין אַמעריקע, און נאָך אַ ריי קלענערע, וואָס האָבן אָבער יעמאָלט — אין 1905 יאָר, — אין זייערע שטעט און שטעטלעך, אויפגערודערט די געזעלשאַפטלעכע מיינונג, באַצויבערט די מאַסן מיט זייער טעמפּע־ראַמענט און רעוואָלוציאָנערער התלהבות. די מאַסע פלעגט זיי אָפט באַשענקען מיט הילכיקע צונעמען (לאַסאַל, בעבעל, זשאָרעס, א"אַ.), וואָס דאָס קאָן, פאַרשטייט זיך, אַרויסרופן אַ שמייכל. איך מוז אָבער זאָגן, אַז מיר האָבן טאַקע געהאַט אַ גאַנץ היפּשע צאָל אויסערגעוויינט־לעך באַגאַבטע און אינטערעסאַנטע מענטשן אין אונדזער אַרמיי „פּראָ־פעסיאָנעלע" רעוואָלוציאָנערן. מיר זיינען אין דעם פּרט געווען די רייכסטע אידישע פּאַרטיי. און מיר האָבן זיך געקאָנט פאַרמעסטן ניט נאָר מיט די אידישע אָרגאַניזאַציעס, נאָר אויך מיט די רוסישע און פּוילישע. און דאָס האָט זיך דייטלעך אַרויסגעוויזן, ווען מיר האָבן זיך אויף אַלגעמיינע פּאַרטיי-קאָנגרעסן געטראָפן מיט די אַנדערע סאָ־ציאַליסטישע פּאַרטייען.

7

„פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן"

ביי די הויפּט-סעקרעטאַרן און אָרגאַניזאַטאָרן פון צ. ק. זיינען די „פּראָפעסיאָנעלע" רעוואָלוציאָנערן געווען איינגעטיילט אין קאַטע־

גאָריעס, און יעדער פון זיי איז געווען גענוי באַוואוסט דעם צענטראַל־קאָמיטעט אין יעדער הינזיכט. מען האָט וועגן אים געוואוסט אַלץ, וואָס אַן אומלעגאַלע פאַרטיי קאָן און דאַרף וויסן: אי זייערע פּערזענלעכע כאַראַקטער־שטריכן און פעאיקייטן, אי זייער פאַמיליע־לאַגע, אי זייערע מאַטעריעלע באַדינגונגען, אי זייער יורידישע לאַגע (בנוגע דער פאָליציי), אי אַפילו אָפטמאָל זייערע פּערזענלעכע אינטימע באַדינגונגען. דאָס איז נייטיק געווען ניט צוליב נייגיר, נאָר נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז מיר האָבן געלעבט אין אַ רעוואָלוציאָנערער צייט, אַז מיר זיינען געווען אַן אומלעגאַלע פאַרטיי, און די פראַגע וועגן דער פאָליטישער און פּערזענלעכער פאַרלעסלעכקייט האָט געשפּילט זייער אַ גרויסע ראָלע.

אַ „פּראָפעסיאָנעלער רעוואָלוציאָנער", וואָס פלעגט פאַרנעמען אַ פאַראַנטוואָרטלעכן פּלאַץ אין אַ לאָקאַלער אָרגאַניזאַציע, פלעגט האָבן אין זיין רשות אי גאַנץ באַדייטנדיקע געלט־מיטלען, אי געווער, אי ליטעראַטור, אי קאָנספּיראַטיווע אַדרעסן, אי אַ „גרעניץ", אי אַ ריי אַנדערע זאַכן, וואָס פלעגן פאַקטיש איבערגעבן אין זיינע הענט די זיכערקייט, די פרייהייט און אַ מאָל דעם לעבן פון צענדליקער און צענדליקער מענטשן.

פירן גענויע געלט־חשבונות, קאָנטראָלירן יעדן קאָנספּיראַטיוון שריט, ווי אויך דעם פּערזענלעכן לעבן און די פּערזענלעכע מאָראַל פון יעדן איינצלנעם מענטשן אויף אַ נאָרמאַלן דעמאָקראַטישן וועג, ד"ה דורך דעם אָפענעם קאָנטראָל פון דער לאָקאַלער אָרגאַניזאַציע, איז ביי די אומלעגאַלע באַדינגונגען געווען, פאַרשטייט זיך, אוממעגלעך: די פאַרטיי־מאַסע פון דער שטאָט האָט ניט געטאָרט וויסן ניט דעם אמתן נאָמען פון דעם פּראָפעסיאָנאַל, ניט זיין אַדרעס, ניט זיינע פאַמיליע־באַדינגונגען, — קיין זאַך ניט. דאָס איז דאָך געווען דער איינציקער מיטל, כדי צו זיכערן די עקזיסטענץ און די אַרבעט פון די אומלעגאַלע רעוואָלוציאָנערן. היינט ווי אַזוי האָט די לאָקאַלע אָרגאַניזאַציע געקאָנט קאָנטראָלירן אַ מענטשן, וועגן וועלכן זי ווייס קיין זאַך ניט און טאָר קיין זאַך ניט וויסן?! איז דער קאָנטראָל במילא געפאַלן אויף די פּלייצעס פונם צ. ק., וואָס ער האָט צוגעשיקט דעם מענטשן און וואָס ער דאַרף זיין פאַר אים פאַראַנטוואָרטלעך אין יעדער באַציאונג. האָט דער צ. ק. טאַקע אויף דעם אַכטונג געגעבן. ווען עס פלעגט זיך האַנדלען וועגן פאַרטיילן די מענטשן לויט די שטעט, פלעגט נח ביי יעדער זיצונג אַוועקלייגן לעבן זיך צוויי רשימות: אין איין רשימה זיינען געווען אויסגערעכנט די שטעט, וואָס נייטיקן זיך אין נייע קרעפטן, און מען פלעגט גענוי וויסן, וועלכן סאָרט טוער די שטאָט דאַרף האָבן אאַז"וו. און אויף דער צווייטער רשימה פלעגן ביי נחן זיין אויסגערעכנט יענע פּראָפעסיאָנעלע טוערס, וואָס זיינען אין דעם מאָמענט גראָד פריי אָדער ווערן באַלד פריי: איינער מוז אַנטלויפן פון זיין אַלטער שטאָט, דער צווייטער ווערט אין אַ חודש אַרום פריי פון

תפיסה, דער דריטער האַלט ביים אַנטלויפן פון סיביר. און אָט דאָ פלעגט מען זיך אַוועקזעצן אויף שעהן לאַנג קאָמבינירן די מענטשן מיט די שטעט.

איך האָב זיך אין דער ערשטער צייט נאָך ווייניק באַטייליקט אין דער דאָזיקער אַרבעט, וואָרים ניט איך האָב געקאָנט גענוי די באַדינגונגען אין די שטעט און ניט איך האָב געקאָנט די צענדליקער מענטשן, וואָס פיל נעמען האָב איך בכלל געהערט צום ערשטן מאָל.

אָבער צוהערנדיק זיך שווייגנדיק, ווי אַזוי מען האָט מיט דער גרעסטער גרינטלעכקייט באַטראַכט די פאַרשיידענע פראַגעס, פלעג איך זיך איבערצייגן, מיט וואָס פאַר אַ געניויער קענטעניש, מיט וואָס פאַר אַ געוויסנהאַפטיקייט און מיט וואָס פאַר אַן ערנסטקייט די מיטגלידער פון צ. ק. האָבן זיך באַצויגן צו דער אַרבעט, פון וועלכער עס איז אין אַ געוויסער מאָס געווען אָפּהייננגיק די עקסיסטענץ און די אַרבעט פון „בונד". און הגם מען האָט געגנוי אָרומגערעדט יעדן איינצלנעם מענטשן און איך האָב געזען, אַז מען ווייס וועגן אים אַבסאָלוט אַלץ, האָב איך קיין מאָל ניט באַמערקט קיין הפקרדיקע באַציאונג צום מענטשן, קיין פּערזענלעכע מניעות, קיין קונצן, מיט וועלכע עס קומט אויס, לײדער, זיך צו טרעפן אין יעדער אָרגאַניזאַציע. איך מוז זאָגן, אַז דער „בונד" פון יענער צייט, ווייניקסטנס, וואָס איז שייך דעם צענטראַל-קאָמיטעט, איז געווען אין גאַנצן פריי ניט נאָר פון פּאָליטיש-פראַקציאָנעלע אינטריגעס, נאָר אויך פון פּערזענלעכע קאַמפן און אַמביציעס, פון קאָנקורענץ, פון קנאה. עס האָט געהערשט אַ מערקווירדיק הויכער און ריינער גייסט אין דער בונדישער פירערשאַפט פון יענער צייט. קעגנזייטיקער רעספּעקט, אויפריכטיקייט און גרויסע פּערזענלעכע חברשאַפט האָבן כאַראַקטעריזירט די באַציאונגען אין אָט דעם „הייליקן אָרדען" פון די פּאָר הונדערט בונדישע „פּראָפעסיאָנאַלן". עס פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב ניט געקאָנט וויסן וועגן אַלץ, וואָס עס האָט זיך געטאָן אין די פאַרשיידענע שטעט און קאָמיטעטן. מענטשן בלייבן מענטשן, מיט אַלע זייערע שוואַכקייטן און פעלערן. אָבער די בונדישע „פּראָפעסיאָנאַלן" זיינען געווען מענטשן, וואָס דורך אַ מין „נאַטירלעכן אָפּקלייב" און דורך דעם כאַראַקטער גופא פון זייער טעטיקייט, דורך דער גאַנצער אַטמאָספערע פון אויפשטייגנדיקער רעוואָלוציע זיינען זיי געווען פעאיק זיך מער צו באַפרייען פון די מענטשלעכע שוואַכקייטן און אַרויפצושטייגן אויף אַ העכערע מדרגה פון מאָראַלישן געזעלשאַפטלעכן שטייגער לעבן, ווי דער דורכשניטלעכער ניט-פּאָליטישער מענטש פון זייער דור.

און אויב איך רייד שוין דאָ וועגן דער מאָראַל פון דער דאָזיקער שיכט, וואָס האָט יעמאָלט געבילדעט דעם רוקן-ביין פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע, מוז איך זאָגן, אַז ניט געקוקט אויף די פאַרשפּרייטע פאַרשטעלונגען וועגן דער באַזונדערער פרייהייט, וואָס האָט כלומרשט געהערשט אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן אויפן געביט פון סעקסועלע

באַציאונגען, איז אין דער אמתן די מאָראַל פֿון דער דאָזיקער שיכט געשטאַנען אויף זייער אַ גרויסער הויך אויך אין אָט דעם פּרט. איך ווייס ניט, צי מען וועט דאָס באַטראַכטן ווי אַ קאָמפּלימענט אָדער פֿאָרוואורף, ווען איך וועל זאָגן, אַז אָט אין דער דאָזיקער סביבה האָט אויפֿן געביט פֿון געשלעכטלעכע באַציאונגען געהערשט, אייגנטלעך, אַ „ק ל י י נ ב י ר ג ע ר ל ע כ ע" מאָראַל. טעאָרעטיש איז אונדזער גאַנצער דור געווען אַן אָנהייגער פֿון פֿרייער ליבע. אָבער מען האָט דאָס פֿאַרשטאַנען אין דעם זינען, אַז די באַציאונגען צווישן די ביידע געשלעכטן דאַרפֿן ניט זיין פֿאַרבונדן מיט יוריסטישע פֿאָרמאַליטעטן, מיט חופּה וקדושין, מיט גט, אאַ"וו. מיר זיינען געשטאַנען אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז ווען צוויי מענטשן האָבן זיך ליב, קאָנען זיי לעבן ווי מאַן און ווייב און דאַרפֿן ביי קיינעם ניט בעטן קיין דערלויבעניש. און אויב זיי איבערציגן זיך שפּעטער, אַז זיי האָבן זיך אָפּגענאַרט איינער אין דעם אַנדערן, אַז דאָס, וואָס עס האָט זיי פֿאַרבונדן, איז ניט געווען קיין אמתע ליבע, טאָ מעגן זיי זיך פֿריי צעשיידן און ניט פֿירן ווייטער אַ קאָמעדיע פֿון אַ געמיינזאַמען פֿאַמיליע־לעבן. אָבער פֿון דעם איז בשום אופֿן ניט געווען פֿאַר אונדז געדרונגען, אַ די באַציאונגען צווישן די ביידע געשלעכטן דאַרפֿן פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שטענדיקע ריי פֿון אַלץ נייע און נייע ליבעס־פֿאַרבינדונגען, פֿון אַ מין שטענדיקן אויסבייטן פֿרויען און מענער.

אין אונדזער דור האָבן כמעט אַלע חתונה געהאַט אָט אויף דעם פֿרייען אופֿן. עס זיינען געווען אָפּט מאָל פֿאַרבייגייענדיקע פֿאַרבינדונגען, וואָס זיינען שפּעטער, אַ מאָל אין אַ קורצער צייט אַרום, ווידער אויפֿגעלייזט געוואָרן. אָבער דאָס זיינען געווען אויסנאַמען. דאָס רוב פֿאַרבינדונגען, וואָס זיינען געשלאָסן געוואָרן אין יענע יאָרן, זיינען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין שטענדיקע, דויערהאַפֿטע. עס האָבן זיך געגרינדעט פֿאַמיליעס, מיט נאָרמאַלע באַציאונגען, מיט קינדער, און איך בין זיך משער, אַז דער פּראָצענט פֿון צופֿעליקע און פֿאַרבייגייענדיקע פֿאַרבינדונגען איז אין אונדזער סביבה געווען ניט גרעסער, ווי צווישן דער איבעריקער באַפֿעלקערונג. אויף ווי פֿיל עס איז מיר באַקאַנט, זיינען צווישן די בונדישע טוערס געווען נאָר אַ פּאָר געציילטע מענטשן, וועגן וועלכע מען האָט געוואוסט, אַז זיי האָבן שטאַרקע עראָטישע נטיות, אַז זיי פֿירן דעם לעבן פֿון אַ מין „דאָן־זשואַן" און קניפּן אָן אינטימע באַציאונגען אין יעדער שטאָט, וואו זיי קומען. אָבער איך האָב שוין געזאָגט, אַז דאָס זיינען געווען גאָר זעלטענע אויסנאַמעס, און די באַציאונג פֿון די אַנדערע חברים צו זיי איז געווען אַזאַ, אַז קעגן איינעם פֿון זיי, וואָס האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט זיינע צאָלרייכע ראָמאַנען, איז געפֿירט געוואָרן אַ שטאַרקער קאַמף און מען האָט פֿאַרלאַנגט, אַז מען זאָל אים איבערגעבן צו אַ פּאַרטיי־געריכט און אויסשליסן פֿון דער פּאַרטיי. אונדזער וועלטל איז געווען אַ ריינע און אַ באַשיידענע. די אמתע כוואַליע פֿון סעקסועלע אויסגעלאַסנקייט

און עראַטיק איז אויף אַ קורצער צייט געקומען אין דער רוסישער און אידישער אינטעליגענץ ערשט שפּעטער, ניט אין דעם מאָמענט, ווען די רעוואָלוציע איז געגאַנגען באַרג-אַרויף, — נאָר דאַן, ווען זי איז שוין געגאַנגען באַרג-אַראָפּ. אָבער וועגן דעם וועט מיר נאָך אויסקומען צו ריידן.

8

ליטעראַרישע אַרבעט אין צ. ק.—אינעווייניקסטע פירונגען

איך האָב שוין פריער דערמאָנט, אַז קיין גענויע צעטיילונג פון אַר־בעט איז אין צ. ק. פון „בונד" ניט געווען. אויך אין די ליטעראַרישע און טעאָרעטישע אַרבעט פלעגט זיך באַטייליקן דער גאַנצער צ. ק. מען פלעגט זאַלבעזיבנט אָדער זאַלבעניינט רעדאַקטירן בלעטלעך, זשורנאַלן, צייטשריפטן, בראָשורן. אַ מאָל פלעגט מען נאָך אַן אַלגע־מיינער דיסקוסיע באַשטימען אַ רעדאַקציע פון 3-4 מענטשן, אָבער די דאָזיקע רעדאַקטאָרן פלעגן אויך ניט זיין קיין שרייבער אָדער ליטע־ראַטן, — אַזוינע האָבען מיר יעמאָלט אין צ. ק. ניט געהאַט. כדי אויס־צופילן די דאָזיקע בלויז האָט מען איבערגענומען אין רשות פון צ. ק. צו ערשט אַלגינען, וועגן וועלכן איך האָב דערמאָנט, און דערנאָך אַ. ליטוואַקן, ווען יענער האָט זיך צוריקגעקערט פון דער פאַרשיקונג. אָבער אַלגין האָט פאַראַנטוואָרטלעכע דאָקומענטן זעלבסטשטענדיק ניט געקאָנט שרייבן. פלעגט מען, געוויינטלעך, מאַכן אַזוי, אַז מען פלעגט אַלע צוזאַמען דיסקוטירן אַ פראַגע און דערנאָך פלעגט מען בעטן אַלגינען, אַז ער זאָל „ברענגען אויף פּאַפּיר" די געדאַנקען, וואָס זיי־נען אַרויסגעזאָגט געוואָרן. שפּעטער איז מען אַריבערגעגאַנגען צו אַן אַנדער סיסטעם: אויף אָנצושרייבן אַן אַרטיקל, אָדער אַ בראָשור, אָדער אַפילו אַ מער וויכטיקע פּראָקלאַמאַציע פלעגט מען באַשטימען צוויי מענטשן — אַלגינען און נאָך אימיצן דערצו, וואָס זאָל אים העלפן אין הלכות טעאָריע. עפּטער פאַר אַלעמען פלעג איך זיין אָט דער צווייטער. און אָט די צוזאַמענאַרבעט מיט אַלגינען האָט ביי מיר געדויערט אַ היפּשע צייט, און מיר האָבן זיך אַזוי גוט ביידע איינגעאַרבעט, אַז מיר פלעגן שוין פאַרשטיין איינער דעם צווייטן אויפן וואונק. די דאָ־זיקע סיסטעם האָט דער צ. ק. אויך פאַרגעזעצט שפּעטער, ווען צו דער שריפטשטעלער-אַרבעט איז צוגעצויגן געוואָרן אויך ליטוואַק, וואָס איז געווען גאָר אַן אַנדער מענטש ווי אַלגין אין פּרט פון זעלבסט־שטענדיקע געדאַנקען. אָבער לויט דעם איינגעפירטן מנהג איז די אַלטע סיסטעם געגאַנגען צו ערשט אויך מיט ליטוואַקן. זיין ערשטע סעריע אַרטיקלען וועגן „פּראָלעטאַרישן ציוניזם" איז געווען אַ קאָלעקטיווע אַרבעט פון אונדז ביידן, הגם אָנגעשריבן האָט דאָס ליטוואַק. אויך מיט מאַקסים קלעוואַנסקים בראָשור קעגן ס. ס. און פּ. צ. איז דאָס אַזוי

געווען, און נאָך אין יאָר 1906 און 1907, ווען צו דער אַרבעט איז צו־געצויגן געוואָרן אסתר פרומקין, זיינען די וואָל־בראַשורעס, וואָס זי האָט אָנגעשריבן, אויסגעאַרבעט געוואָרן אויף אַ קאָלעקטיוון אופן פון אונדז ביידן.

עס איז געווען, ווי איך פאַרשטיי איצט, ניט דער בעסטער וועג צו שאַפן גוטע ליטעראַרישע אַרבעטן און צו דערציען געשיקטע זשורנאַ־ליסטן. אָבער דער צ. ק. פון „בונד" איז געווען פאַרזיכטיק און קאָנ־סערוואַטיוו און אַביסל מיסטרויאיש אין זיין באַציאונג צו טעאָרע־טיקער, שרייבער און זשורנאַליסטן, און בכלל „לייכטזיניקע" מענטשן, וואָס האָבן ניט גענוגענדע דערפאַרונג אין פּראַקטישער אַרבעט און אָרגאַניזאַציאָנעלע באַציאונגען. אונדזער ליטעראַרישע טעטיקייט איז דעריבער צוגעגאַנגען אַ ביסל האַמעטנע און די פּראָדוקטן פון דער לי־טעראַרישער שאַפונג זיינען געווען אַביסל גרוי, אָן גלאַנץ, אָבער דער־פאַר סאָליד און געוויסנהאַפט, ווי די אַרבעט פון אַ דאָרפישן סטאָליער.

כדי צו פאַרענדיקן מיין כאַראַקטעריסטיק פון דעם דעמאָלטדיקן צ. ק. וויל איך נאָך אָנווייזן אויף דעם, אַז הגם מיר זיינען אַלע געווען פּראָפעסיאָנאַלן, ד"ה אונדזער גאַנצע צייט און אונדזער גאַנצע עק־סיסטענץ איז געווען געווידמעט דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט און קיינער פון אונדז האָט ניט געהאַט ניט קיין קאַפּיטאַלן און ניט קיין מעגלעכקייט צו פאַרדינען (ווארים דאָס האָט דאָך ניט דערלאָזן אונ־דזער אַרט לעבן און אונדזער אומלעגאַלקייט), האָט זיך דער צ. ק. זייער לאַנג ניט געקאָנט אַנטשליסן צו באַשטימען, אַז די מיטגלידער פון צ. ק. זאָלן קריגן געהאַלט. וואָס הייסט געהאַלט? וואָס זיינען מיר עפּעס, באַאַמטע אָדער אָנגעשטעלטע? האָט מען קיין געהאַלט ניט באַשטימט, נאָר יעדער פלעגט האָבן דאָס רעכט צו נעמען צו פּאָר רובל אויף רייזע־הוצאות און אויף צום לעבן. אויף ווי פיל אַלץ איז געווען נאַאיוו, אויפריכטיק און ריין, קאָן מען זען פון דעם, אַז אַ געוויסע סומע געלט איז שטענדיק געלעגן אין דעם נאַכט־קעסטל ביי נחם אָדער אַלעקסאַנדערס בעט. פלעגט איינער דאַרפן האָבן אַ דריי רובל, פלעגט ער עפענען די שופלאַד, און אַליין נעמען די עטלעכע רובל, וואָס ער האָט געדאַרפט האָבן. יעדערער האָט זיך געסטאַרעט צו נעמען וואָס ווייניקער, און יעדערער פון אונדז פלעגט אַרומגיין אַ טאָג אָדער צוויי אָן געלט, איידער ער פלעגט זיך אַנטשליסן צוצוגיין צום קעסטל און אַרויסנעמען די פּאָר רובל. פאָרן אויף די רייזעס פלעגט מען אין דריטן קלאַס, ווייל דאָס פלעגט יעמאָלט קאָסטן אין רוסלאַנד 3-5 רובל פּאָר אַ גאָר גרויסער רייזע, און דער איינציקער לוקסוס פלעגט באַשטיין אין דעם, אַז מען פלעגט נעמען אַ שלאָף־פּלאַץ, אַ האַרטן בענקל מיט אַ קישעלע און קאָלדרע, וואָס פלעגט קאָסטן 75 קאָפּיקעס עקסטרע. ווען מען פלעגט דאַרפן האָבן אַ פּאָר שיך, פלעגט מען וואַרטן אויף אַ געלעגנהייט, ביז נח אָדער יודין פלעגן עס ברענגען פון וואַרשע: דאָרטן פלעגט מען קאָנען קריגן ביי די אייגענע חברה שוסטער גאַנץ שיינע

שטיוול פאַר דריי רובל! און ווען מען פלעגט זיך זייער נייטיקן אין אַן אַנצוג אָדער אַ מאַנטל, פלעגט מען וואַרטן אויף אַ געלעגנהייט פון אַ צוזאַמענפאַר אין אויסלאַנד, און דאָרטן פלעגט מען זיך אַריינכאַפּן צו ווערטהיימען אין בערלין (דאָס איז געווען איינע פון די גרעסטע דע־פּאַרטמענט־סטאָרס אין אייראָפּע) און קויפן דאָרטן פאַר 15-10 רובל אַ גאָלדענעם אַנצוג און פאַר 8-10 רובל אַ מאַנטל און נאָך אַזעלכע מציאות, אויף וועלכע עס איז געווען אַ באַזונדערער ספּעציאַליסט יודין. שפּעטער, ווען דער צ. ק. איז געוואָרן רייכער, און דער „בונד" איז געוואָרן אַ לעגאַלע אָרגאַניזאַציע, איז מען אַריבער צו אַ פעסטן געהאַלט. די נישט־פאַרהייראַטע מיטגלידער פון צ. ק. פלעגן קריגן ביז 50 רובל אַ חודש, און די פאַרהייראַטע — ביז 75 רובל.

דעם זומער 1905 האָב איך פאַרבראַכט, דער עיקר, אין דווינסק, אַרויסכאַפּנדיק זיך פון צייט צו צייט אויף אַ רייזע איבער דעם ראַיאָן, אָדער קיין פּעטערבורג. די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע האָט געהאַלטן אין וואַקסן, און מיט איר צוזאַמען איז שטענדיק געוואַקסן דער איינ־פלוס פון „בונד". ווען איך פלעג קומען אין איינע פון אונדזערע שטעט, פלעג איך זיך, באמת, פילן ווי דער פאַרטרעטער פון אַ גרויסער מאַכט, וואָס געפינט אַ באַגייסטערטע אויפנאַמע סיי צווישן די אַרבע־טער־מאַסן און סיי צווישן דער אינטעליגענץ. די דיסקוסיעס, וואָס מיר פלעגן האָבן מיט די אַנדערע פּאַרטייען, און מיט די בורזשואַזע ריכ־טונגען אין אידישן פאָלק, פלעגן זיך שטענדיק ענדיקן מיט אַ טריאומף פאַר אונדז.

רעוואָלוציע 1907–1905

1

6־טער צוזאַמענפאָר פון „בונד". — אָקטאָבער־רעוואָלוציע 1905

אין סעפּטעמבער, נאָכדעם, ווי עס איז אַרויסגעגאַנגען בוליגינס געזעץ וועגן דער באַראַטונגס־דומע, און די געזעלשאַפטלעכע מיינונג פון רוסלאַנד האָט זיך אַלץ שאַרפער געווענדט קעגן אַזעלכע קליינע הנחות, און די רעוואָלוציאָנערע שטימונג איז אַלץ געשטיגן, איז אין צ. ק. פון „בונד" באַשלאָסן געוואָרן צוזאַמענצורופן דעם 6־טן צוזאַמענפאָר פון „בונד". האָבן מיר זיך אַוועקגעלאָזן איבער די פאַרשיידענע שטעט, יעדער אין זיין ראַיאָן, צוצוגרייטן דעם צוזאַמענפאָר, דורכפירן די וואַלן, דורכדיסקוטירן מיט די אָרטיקע חברים יענע פראַגעס, וואָס וועלן שטיין אויפן צוזאַמענפאָר, אאַז"וו.

סוף סעפּטעמבער, נאָכדעם ווי איך בין דורכגעפאָרן דורך אַ ריי שטעט, האָט דער צ. ק. מיך אַוועקגעשיקט קיין אויסלאַנד, און טאַקע אין מיין ליבן ציריך, כדי איך זאָל דאָרטן צוגרייטן טעכניש דעם 6־טן צוזאַמענפאָר, — פונקט אַזוי ווי איך האָב צוגעגרייט דעם 5־טן.

דער צ. ק. האָט געהאַט אין זינען אָנצונעמען באַשלוסן, וואָס זאָלן צוגרייטן דעם „בונד" צו אַ זעלבסטשטענדיקער שטעלונג אין אַלע וויכטיקסטע פראַגעס, וואָס קאָנען אויפקומען אין דעם איצטיקן שטורעמדיקן מאָמענט, סיי אין דער אַלגעמיינער פּאָליטיק, סיי אין דער אידישער.

בשעת מיר זיינען געפאָרן קיין ציריך, האָבן מיר גערעכנט, אַז מיר וועלן האָבן גענוג צייט פאַר אַזאַ גרויסער אַרבעט. דער מנהג איז יעמאָלט געווען אַזאַ, אַז אומלעגאַלע צוזאַמענפאָרן פלעגן אָפּדויערן אַ חודש אָדער מער: דאָס זיינען דאָך געווען אמתע „אַקאַדעמיעס" פון פּאָליטיש־פּאַרטייאישער ווויסנשאַפט און טאַקטיק. אָבער ביי דעם 6־טן צוזאַמענפאָר האָט זיך געטראָפן, אַז שוין אויפן 3־טן טאָג האָבן פּלוצלונג אָנגעהויבן אָנצוקומען דערשיטערנדיקע, אויפרעגנדיקע טעלעגראַמעס וועגן אָנהייב פון אַן אומגעהייערער סטרייק־באַוועגונג איבער גאַנץ רוסלאַנד. און איידער מיר האָבן זיך אַרומגעזעען און געקאָנט אָננעמען אַ וועלכן ניט איז באַשלוס, איז אויסגעבראָכן דער

היסטאָרישער אַלגעמיינער סטרייק, וואָס האָט אָפּגע־שטעלט אין גאַנץ רוסלאַנד דעם גאַנצן פאַרקער, די אייזנבאַנען, די טע־לעגראַפן, די פּאָסט, בכלל דעם גאַנצן עקאָנאָמישן לעבן, און האָט גע־צוואונגען די צאַרישע רעגירונג צו קאַפּיטולירן פאַר דער רעוואָלוציע.

מיר זיינען געווען אַ מאַן 30 אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר. דאָ איז געווען פאַרזאַמלט, מיט ווייניקע אויסנאַמען, כמעט די גאַנצע פירערשאַפט פון „בונד“. און עס איז געווען אויסערגעוויינטלעך כאַ־ראַקטעריסטיש פאַר אונדזער אָפּגעריסנקייט פון דער רוסישער באַ־וועגונג, אַז מיר, אין אונדזער בונדישן ראַיאָן, האָבן ניט באַמערקט רעכטצייטיק יענע גרויסע כוואַליע פון רעוואָלוציאָנערער אויפרע־גונג, וואָס איז שוין אַזוי שטאַרק געווען, אַז זי האָט אָט־אָט געזאָלט אויסברעכן אין אַן אומגעהייערער באַוועגונג. טעאָרעטיש האָבן מיר געוואוסט וועגן דעם, און זיך גערעכנט מיט דעם און געבויט אַלע אונדזערע פּלענער אויף דעם. אָבער די פּאַקטישע מעגלעכקייט זיך צו דערוויסן וועגן דער ווירקלעכער לאַגע אין די גרויסע צענטערס פון רוסישן פּראָלעטאַריאַט, האָבן מיר ניט געהאַט. וואָלטן מיר געוואוסט, וואָס עס טוט זיך דאָרטן און ווי נאָענט עס איז דער אָנהייב פון דער באַוועגונג, וואָלטן מיר געוויס אָפּגעלייגט אונדזער צוזאַמענפאָר, און כמעט די גאַנצע פירערשאַפט פון „בונד“ וואָלט ניט געהאַט פאַרלאָזן רוסלאַנד אין אַזאַ קריטישן מאָמענט.

אָבער דער דאָזיקער פאַקט איז ניט נאָר געווען אַ באַווייז פאַר אונדזער אָפּגעריסנקייט פון פּראָלעטאַריאַט: דאָס איז אויך געווען אַ באַווייז פאַר דעם, ווי ווייניק אונדזערע רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישע חברים זיינען געווען פאַרבונדן מיטן פּראָלעטאַריאַט. אָט בין איך דאָרט כמעט די גאַנצע צייט געווען אין פּעטערבורג, געשטאַנען דאָרט אין פאַרבינדונג מיט די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, זיך גע־טראָפן מיט די טוערס פון דער פּעטערבורגער אַרבעטער־באַוועגונג, און אויך זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען ווי נאָענט עס איז שוין דער אַנטשיידענער מאָמענט. וואָרים, אויב איך וואָלט געוואוסט פון זיי, אַז עס קומט פאַר אַזאַ מין אויפרעגונג אין די אַרבעטער־מאַסן, וואָלט איך דאָס דאָך איבערגעגעבן אין צענטראַל־קאָמיטעט, ווייניקסטנס ווי אַ וואָרנונג. אָבער איך האָב פון קיינעם אַזוינס ניט געהערט, בשעת איך בין סוף סעפּטעמבער אַרויסגעפאָרן קיין אויסלאַנד. נאָר אין די פּאָר גרויסע שטעט, ווי ריגע, וואַרשע, וואו די ניט־אידישע רעוואָלו־ציאָנערע באַוועגונג איז געווען זייער שטאַרק, האָבן אונדזערע אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס משמעות יאָ באַוויזן אין לעצטן מאָמענט צו דערשפּירן, אַז עס קומען אָן עפּעס גרויסע געשעענישן, און די פאַרטרעטער פון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס זיינען טאַקע ניט געקומען צום צוזאַמענפאָר.

אחוץ דעם, איז אויך די באַוועגונג גופא געקומען אַזוי ווי אומדער־וואַרטעט פאַר די אַרבעטער גופא. וואָרים דאָס איז דאָך ניט געווען קיין צוגעגרייטע, פּלאַנמעסיק אָרגאַניזירטע זאַך, — דאָס איז געווען

אַ סטיכישע באַוועגונג, וואָס האָט מיט אַ מאָל און פּלוצלונג אַרומגע־כאַפּט אומגעהייערע מאַסן.

זיינען מיר געזעסן, דרייסיק בונדיסטן, אָפּגעריסענע פון רוסלאַנד, אָפּגעשניטענע פון די אייגענע אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד, ניט וויסנ־דיק, וואָס עס קומט פאָר אין אונדזערע שטעט, אָן בריוו, אָן טעלעגראַ־מעס (דער סטרייק איז געווען אַ פולשטענדיקער). דאָס איינציקע, וואָס מיר האָבן געהאַט, זיינען געווען די נעפּלהאַפטע און אומבאַשטימ־טע טעלעגראַמעס אין די אויסלענדישע צייטונגען. מיר זיינען געזעסן אין אונדזער רעסטאָראַן, אין וועלכן עס איז פאָרגעקומען דער צוזאַ־מענפאָר, האָבן פּרובירט פאַרנעמען זיך מיט אונדזער סדר־היום, אָבער געטראַכט האָבן מיר נאָר וועגן די פּראַגעס, וואָס מיר באַהאַנדלען, נאָר וועגן די געשעענישן אין רוסלאַנד. ווי נאָר עס פלעגט זיין אַ מינוט צייט, פלעגט זיך אימעצער אַרויסכאַפּן אויף דער אייזנבאַן־סטאַנציע, קויפן די נייסטע צייטונגען, וואָס פלעגן קומען פון פּאַריז, בערלין, פון ווין — אפשר וועט מען אין „בערלינער טאַגעבלאַט“ עטוואָס געפינען? אפשר אין דער „ווינער נייער פּרעסע“? אפשר אין פּאַריזער „טאַן“? נערוועזער פאַר אַלעמען איז געווען ליבער: אַלע פּאָר שעה פלעגט ער אַריינלויפן אויפן צוזאַמענפאָר מיט אַ נייער צייטונג, פלעגט זיך אַוועקשטעלן אויף אַ שטול, דער גאַנצער עולם פלעגט זיך אַרומ־קלייבן אַרום אים, און ער פלעגט איבערזעצן די לעצטע נייס וועגן רוסלאַנד. און די נייס זיינען געווען דערשיטערנדיקע, אויפטרייסלנדיקע, זיי פלעגן אָנפילן אונדזער האַרץ אָט מיט שטאָלץ און פרייד, און אָט מיט ווייטאָק. מיר האָבן געזעען פאַר זיך דאָס אומגעהייערע רוס־לאַנד, און אונדזערע שטעט, וואָס האָבן געברויזט ווי אַ שטורעמדיקער ים. מיר האָבן פאַרפאָלגט טאָג פאַר טאָג, שעה פאַר שעה, די סטרייק־באַוועגונג, וואָס האָט זיך געהויבן אַלץ העכער און העכער און האָט זיך צעגאָסן אַלץ ברייטער און ברייטער, ווי דער אָנפלייץ פון אַ ים. אָפּגע־שטעלט געוואָרן אַלע אייזנבאַנען, און נאָר דעלעגאַטן פון די אַרבעטער־קאָמיטעטן האָבן אויף לאָקאָמאָטיוון מיט רויטע פאָנען געקאָנט אַרומ־פאָרן פון שטאָט צו שטאָט. פּאָסט און רעגירונגס־טעלעגראַף האָבן ניט געאַרבעט, נאָר די טעלעגראַמעס פון די סטרייק־קאָמיטעטן זיי־נען איבערגעגעבן געוואָרן פון די טעלעגראַפיסטן, וואָס זיינען אַלע צוגעשטאַנען צום סטרייק. טעלעגראַמעס און באַפעלן פון דעם צאַר און זיינע מיניסטאָרן זיינען ניט איבערגעגעבן געוואָרן דורך די סטרייקנ־דיקע באַאַמטע. די אַרבעטער זיינען געוואָרן די הערשער, — דאָס האָט באַוויזן דער סטרייק און דאָס האָט דערזעען דאָס גאַנצע פאָלק, וואָס איז נאָכגעגאַנגען נאָך דעם אַרבעטער אין דעם דאָזיקן מאָמענט.

און דאַן פלעגן ווידער אָנקומען נייס, וואָס פלעגן דערציילן וועגן שיסערייען, וועגן צענדליקער דערהרגעטע און פאַרוואונדעטע, און דאַן מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער זיינען אָנגעקומען די ערשטע, אומבאַ־שטימטע נאָך, אָבער גרויזאַמע נאָכריכטן וועגן די פּאָגראָמען.

דערשיטערטע פלעגן מיר שטיין ארום ליבערן, און מיט אויפגע־רעגטע שטימען פלעגן מיר קאמענטירן, אויסטייטשן די נאכריכטן און דיסקוטירן. און אזוי גרויס פלעגט אפטמאל ווערן די אויפרע־גונג און די נערוועזקייט, אז מיט ווערטער אליין האט מען שוין ניט געקאנט איינשטילן די אינעווייניקסטע אומרו. פלעגט זיך מעדעם אוועקזעצן צום קלאוויר, וואס איז געשטאנען אין רעסטאראן, און מען פלעגט זיך ארומקלייבן ארום אים און מען פלעגט זינגען בונדישע לידער. און צום מייסטן פלעגן מיר זינגען אין יענע מאמענטן דאס רירנדיקע ליד: „אָ, ברידער, מיר האבן געשוואוירן!“ פון אלעקסאנ־דראוו (שרה־ריוועס), וואס איז אין יענע וואכן בוכשטעבלעך געווארן דאס פאפולערסטע ליד, ניט נאר אין „בונד“, נאר אויף דער גאנצער ארבעטער־גאס.

דער סטרייק האט אנגעהאלטן, די פארבינדונג מיט רוסלאנד איז געווען איבערגעריסן, פארן האט מען סיי ווי סיי ניט געקאנט, דעם גאנצן טאג זינגען — אויך ניט, האט מען זיך אנגעטאן א כוח, און מען האט דאך דורכגעפירט די ארבעט פון צוזאמענפאר, ווי שווער דאס איז ניט געווען פסיכאלאגיש.

2

דער ווינטער 1905—1906

דער סטרייק האט זיך געענדיקט. די רעגירונג האט ארויסגעגעבן דעם בארימטן מאניפעסט פון 17־טן אקטאבער. דאן איז געקומען די אלגעמיינע אמנעסטיע. מיר זיינען אלע געווארן צוריק לעגאלע מענטשן.

האבן מיר אין איילעניש פארענדיקט דעם צוזאמענפאר און זיך אוועקגעלאזן אהיים, קיין רוסלאנד.

שוין אין ווערזשבאלאווא, אויפן דייטש־רוסישן גרענעץ, האבן מיר באמערקט דעם אונטערשייד, וואס איז פארגעקומען אין רוסלאנד פאר די לעצטע פאר וואכן. ביי דעם קאנטראל פון די פאספארטן זיינען די זשאנדארמען געווען זייער אויבערפלעכלעך און די גאנצע אטמאספערע איז געווען גאר אן אנדערע. אין בופעט פון וואקזאל האב איך באגעגנט א ריי רוסישע עמיגראנטן, ווי צ״ב דעם שפעטער בארימט־געווארענעם מארקסיסטישן געלערנטן ד. ריאזאנאוו, וואס האבן זיך פריי־וויליק געמאלדן ביי די גרענעץ־זשאנדארמען, פאדערנדיק, אז מען זאל זיי אריינלאזן אין רוסלאנד אויפן גרונט פון דער אלגעמיינער אמנעסטיע.

אבער דער איינדרוק פון עפעס א נייער גרויסער צייט האט זיך באזונדערש פארשטארקט, ווען מיר זיינען אין עטלעכע שעה ארום אנגעקומען קיין ווילנע. די שטאט איז נאך געגאנגען „כאדאראם“

נאָך די שטורעמדיקע אָקטאָבער־טעג. די באַפעלקערונג האָט נאָך געלעבט אין אַ פיבערהאַפטער אויפרעגונג. און אין אַ באַזונדערס געהויבענער שטימונג איז געווען, פאַרשטייט זיך, די אַרבעטער־גאַס.

אין ווילנע זיינען די אָקטאָבער־געשעענישן דורכגעגאַנגען על פי ערך גליקלעך. ניט געווען קיין גרויסע בלוט־פאַרגיסונגען ביי צוזאַמענשטויסן מיט מיליטער, ניט געווען קיין פאָגראָם. די פאַרטרעטער פון דער צאַרישער מאַכט האָבן זיך באַנומען מער אָדער ווייניקער ליבעראַל און דער פאַקטישער „פאָליציימייסטער" איז אין די דראַמאַטישע טעג געוואָרן דער בונדיסטישער שרייבער אהרון דעווענישסקי, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַ באַוואוסטער אידישער שרייבער אונטער דעם נאָמען אַ. ו ו י י ט ע ר. (ער איז שפּעטער, אין יאָר 1919, טראַגיש אומגעקומען פון פוילישע פאָגראָמשטשיקעס טאַקע אין דער זעלביקער ווילנע, וואו עס האָט זיך אַזוי גלענצנד אָנגעהויבן זיין פאָליטישע קאַריערע).

אָבער ניט נאָר די אַרבעטער־גאַס האָט יעמאָלט געקאָכט און געשטורעמט. אונטער דער ווירקונג פון זיג פון דער רעוואָלוציע זיינען אויך די מיטל־שיכטן און ספּעציעל די אינטעליגענץ אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפּעה פון די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען און ספּעציעל פון „בונד". אַלע זיינען יעמאָלט אין ווילנע געווען בונדיסטן. אין דעם „אינטעליגענטישן קלוב", וואָס איז געוואָרן יעמאָלט פאַקטיש דער שטיצפּונקט פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע, זיינען יעדן אָוונט, טאָג־איין טאָג־אויס, פאָרגעקומען פאַרזאַמלונגען, זיצונגען, מיטינגען — עס איז געווען אַ שטענדיקער צושטראָם און אָפּשטראָם, כסדרדיקער אָנפלייץ און אָפּפלייץ פון מענטשן, און דער בונדישער קאָמיטעט איז געווען דער געזעצגעבער און דער דיקטאַטאָר.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אין ווילנע נאָר אויף אַ פּאָר טעג, ווייל מיר האָבן געהאַט אַ דרינגנדיקע זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט אין דווינסק.

איך מוז זאָגן, הגם דאָס דוכט זיך איצט אויס אין גאַנצן משונהדיק, אַז סאַי אין ציריך אויף דעם זעקסטן צוזאַמענפאָר, ווען מיר האָבן געלייענט די טעלעגראַמעס וועגן דעם וואָס עס קומט פאָר אין רוסלאַנד, סאַי אונטערוועגס, איז ביי פיל חברים נאָך ניט געווען קיין פעסטע איבערצייגונג, אַז אין רוסלאַנד איז טאַקע פאָרגעקומען אַן עכטע רעוואָלוציע, אַ גרויסע און טיפע איבערקערעניש. זייער פיל חברים, צווישן זיי אויך אַזאַ ווי יודין־אייזענשטאַט, האָבן געהאַלטן, אַז די גאַנצע מעשה מיטן מאַניפעסט פון 18־טן אָקטאָבער, מיט דעם פּאַרלאַמענט, וואָס דער צאַר האָט צוגעזאָגט, מיט דער אַמנעסטיע, וואָס ער האָט געגעבן, מיט די פרייהייטן, וואָס דאָס פאָלק האָט באַקומען, — אַז דאָס אַלץ איז אייגנטלעך גיכער אַ פּראָוואָקאַציע פון דער צאַרישער אָכראַנע איידער אַ פּאָליטישע איבערקערעניש. די אָכראַנע וויל אַזוי אַרום דערגרייכן, אַז די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען זאָלן עפענען זייערע גע־

היימע אָרגאַניזאַציעס, זאָלן אַרויסקריכן אויף דעם אויבערפלאַך און יעמאָלט וועלן די זשאַנדאַרמען קאָנען אָלעמען בעסער אַרעסטירן.

אַן אָפּקלאַנג פון די דאָזיקע שטימונגען האָט זיך געפילט אויף דער ערשטער זיצונג פון צענטראַל-קאָמיטעט נאָך דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע 1905. עס פאַרשטייט זיך אָבער, אַז וואָס מער מען האָט זיך אַריינגעטראַכט און אַריינגעלעבט אין דעם, וואָס איז פאָרגעקומען אין רוסלאַנד, האָט מען דאָך אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז די פאָרגעקומענע געשעענישן זיינען אומענדלעך טיפער, איידער אַ פשוטע פּראָוואָקאַציע פון דער פּאָליציי. קיינער פון אונדז האָט ניט געצווייפלט, אַז די צאַרישע מאַכט וועט לויערן אויף אַ געלעגנהייט צוצונעמען צוריק די אַלע הנחות, וואָס מען האָט ביי איר אַרויסגעריסן. אַפילו די גרעסטע אָפּטימיסטן האָבן ניט געצווייפלט, אַז דאָס וואָס איז פאָרגעקומען, איז דערווייל נאָר אַ האַלבע רעוואָלוציע, וואָס איז נאָך ווייט ניט באַפעסטיקט. אָבער דאָך האָבן דאָס רוב פון אונדז געפילט, אַז דער איבערברוך, וואָס איז פאָרגעקומען אין רוסלאַנד, איז אַזאַ, וואָס צונעמען צוריק אַ ל ץ וועט שוין קיין שום צאַרישע מאַכט ניט קאָנען, אַז אין דער געשיכטע פון רוסלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע.

די באַשלוסן, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן אויפן צענטראַל-קאָמיטעט האָבן דעריבער געטראָגן אַ געמישטן כאַראַקטער: פון איין זייט איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די אָרגאַניזאַציע פון „בונד" זאָל בלייבן, ווי פריער, אַ ג ע ה י י מ ע , ניט קיין אָפענע. עס זאָלן בלייבן אויך באַשטיין אַלע קאַמפּס-אָרגאַניזאַציעס מיט זייער געווער, מיט זייערע באָמבעס, אאַז"וו. אויך די אומלעגאַלע דרוקערייען און אויסגאַבעס זאָלן אויף יעדן פאַל בלייבן, און אין אויסלאַנד זאָל בלייבן דער אויסלענדישער קאָמיטעט אין זשענעווע, מיט זיינע קרייזלעך און פאַרבינדונגען. אָבער אין דער זעלביקער צייט זאָל מען אויך זען אויסצונוצן יענע מעגלעכקייטן פון פרייער און אָפענער אַרבעט, וואָס עס האָבן געשאַפן די מאַניפעסטן פון דער צאַרישער מאַכט. ספּעציעל זאָל מען זיך נעמען אַרויסצוגעבן אַ לעגאַלע בונדישע פּרעסע, אַ טעגלעכע צייטונג אויף אידיש און אַ וואָכנבלאַט אויף רוסיש.

און אַ ביישפּיל פאַר דעם איז שוין טאַקע געווען: די רוסישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן-באָלשעוויקעס האָבן אַריינגענומען אין זייערע הענט די טעגלעכע צייטונג „נאָוואַיאַ זשיזן" (נייער לעבן), וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פון דעם באַוואוסטן אידיש-רוסישן פּאָעט מינסקי. מיט איניקע טעג שפּעטער האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אַ רוסישע מענשעוויסטישע צייטונג, וואָס האָט זיך גערופן „נאַטשאַלאָ" (אָנהייב). לעגאַלע בלעטער, סאָציאַליסטישע און האַלב-סאָציאַליסטישע, האָבן זיך אין אַ ריי אַנדערע רוסישע שטעט באַוויזן ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. אַחוץ דעם איז אויסגעוואַקסן אַן אומגעהייערע פאַרלאַג-טעטיקייט. עס האָבן זיך געגרינדעט אַ ריי פאָלקס-פאַרלאַגן, וואָס האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אין הונדערטער טויזנטער עקזעמפּלאַרן ביליקע ביכלעך

און בראַשורן מיט סאָציאַליסטישן און דעמאָקראַטיש-רעפּובליקאַנישן אינהאַלט, צווישן זיי אויך אַלע קלאַסישע ווערק פון דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך, ענגלאַנד א״אַ. רוסלאַנד איז ממש פאַרפלייצט געוואָרן אין יענע וואָכן און חדשים מיט סאָציאַליסטישער, ליבעראַל-דעמאָקראַטישער און אַנדערער פּראָגרעסיווער ליטעראַטור. דאָס וואָס איז פריער געווען שטרענג פאַרבאָטן און מען האָט געקאָנט באַקומען נאָר אין אויסלענדישע אומלעגאַלע אויסגאַבעס, דאָס, וועגן וואָס מען האָט צענדליקער יאָרן גערעדט נאָר שטילערהייט, ווי וועגן געפערלעכע, פאַרבאָטענע שריפטן, האָט מען איצט געקאָנט קויפן פאַר 20 אָדער 50 קאָפּיקעס אין יעדער ביכער-קראָם.

די כמעט פולשטענדיקע פּרעסע-פרייהייט, וואָס האָט אין יענע וואָכן געהערשט אין רוסלאַנד האָט זיך אָבער זייער ווייניק אויסגעווירקט אויף דער אידישער גאַס. די אידישע געזעלשאַפטלעכקייט און די אידישע פאַרטייען זיינען סיי גייסטיק און סיי טעכניש געווען ווייניקער צוגעגרייט פאַר אַט די לעגאַלע מעגלעכקייטן, ווי די רוסישע פּרעסע און די רוסישע פאַרטייען.

די דאָזיקע אויפגאַבע פאַר דער אידישער גאַס האָט גענומען אויף זיך דער „בונד״. ניט געקוקט אויף דעם האָט זיך די בונדישע לעגאַלע פּרעסע שטאַרק פאַרשפּעטיקט אין פאַרגלייך מיט דער רוסישער. ערשט דעם 30-טן דעצעמבער 1905 איז אַרויס אין פּעטערבורג דער ערשטער נומער פון דעם בונדישן וואָכנבלאַט אין דער רוסישער שפּראַך, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „יעווריעיסקי ראַבאָטשי״ (אידישער אַרבעטער), און אומגעפער אין דער זעלביקער צייט אָדער נאָך שפּעטער האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אין ווילנע „דער וועקער״, אַ טעגלעכע ציימונג אויף אידיש. אין דער זעלביקער צייט איז געגרינדעט געוואָרן אויך דער פאַרלאַג „די וועלט״.

„דער וועקער״ האָט זיך פאַרשפּעטיקט צום טייל צוליב פאָרמעלע טעמים (אין דער פּראָווינץ פלעגט מען אַ דערלויבעניש אויף אַ ציימונג קאָנען באַקומען פיל שווערער ווי אין פּעטערבורג), צום טייל צוליב טעכנישע סיבות: עס איז ניט געווען קיין צוגעפּאַסטע דרוקעריי, און דער צ. ק. פון „בונד״ האָט געמוזט שיקן ספּעציעל קיין בערלין אַלעקסאַנדער קרעמערן און ישראל-מיכל קאַפּלינסקין זיי זאָלן דאָרטן קויפן אַ ראָטאַציאָנס-מאַשין. ביז וואַנען די מאַשין איז געקומען, ביז מען האָט איר איינגעשטעלט, איז דורכגעגאַנגען אַ היפּשע ביסל צייט.

גלייך נאָך דער דווינסקער זיצונג, וואָס איז געווען אַרום 25-טן אָקטאָבער, בין איך אַוועקגעפאָרן קיין פּעטערבורג, וואו איך האָב געזאָלט איבערנעמען אַ גאַנצע ריי פונקציעס. ערשטנס, אַרויסגעבן דאָרטן און רעדאַגירן דאָס דערמאָנטע וואָכנבלאַט „יעווריעיסקי ראַבאָטשי״; צווייטנס, פאַרטרעטן דעם „בונד״ אין דעם באַוועט פון אַרבעטער דעפּוטאַטן, וואָס איז אויפגעקומען אין די אָקטאָבער-טעג אין פּעטערבורג; דריטנס — זיין דער פאַרטרעטער פון צ. ק. פון „בונד״ אין די אונטער-

האַנדלונגען מיט די אַנדערע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, ספּעציעל מיט די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, ווי אויך מיט די אידישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זייערע צענטרען האָבן זיך געפונען אין פּעטערבורג.

מיטן וואָכנבלאַט איז די לאַגע געווען אַזאַ, אַז מיר האָבן געקאָנט אַרויסגעבן די ערשטע נומער ערשט צום ניי־יאָר 1906, ד״ה שוין נאָך דעם מאָסקווער דעצעמבער־אויפשטאַנד. צוגעגרייט איז ער געווען פיל פריער. אָבער די מאַנוסקריפּטן, וואָס זיינען געווען צוגעגרייט פאַרן ערשטן נומער, זיינען קאָנפיסקירט געוואָרן אין דער דרוקעריי, — ניט וועגן אונדז, נאָר צוליב אַן אַנדער רוסישער צייטונג, וואָס איז דאָרטן געדרוקט געוואָרן. האָבן מיר געמוזט פון דאָס ניי אָנהייבן די גאַנצע אַרבעט. פאַר דער צייט איז פאָרגעקומען דער מאָסקווער אויפשטאַנד, און מיר האָבן געהאַלטן פאַר אונדזער חוב אָפּצודרוקן אין זשורנאַל אַ געגויעם באַריכט וועגן דעם אויפשטאַנד, און מען קאָן פאַרשטיין, אין וואָס פאַר אַ גייסט. צוליב אַט אונדזער אינפאָרמאַציע וועגן דעם בלוטיק־אונטערדריקטן אַרבעטער־אויפשטאַנד אין מאָסקווע און צוליב דעם אַרטיקל, מיט וועלכן עס איז באַגלייט געוואָרן דער דאָזיקער באַריכט, איז אונדזער צייטשריפט קאָנפיסקירט געוואָרן און דער אָפיציעלער רעדאַקטאָר (אַ חבר פון אונדזער פּעטערבורגער גרופּע, דער אינזשענער וו. קיפּמאַן) איז איבערגעגעבן געוואָרן צום געריכט אונטער זייער אַן ערנסטער באַשולדיקונג (אויפפאָדערונג צום באַוואַפנטן אויפשטאַנד קעגן דער געזעצלעכער מאַכט). די צייטונג איז פאַרמאַכט געוואָרן און דער רעדאַקטאָר האָט געמוזט אַנטלויפן. זיין גורל איז באמת געווען טראַגיש.

אַנטלאָפן פון פּעטערבורג צוליב דעם פּראָצעס פון „יעווריעסקי ראַבאָטשי״, האָט זיך קיפּמאַן באַזעצט צו ערשט אין זשענעווע און האָט דאָרטן אָנגעהויבן אין די יאָרן פון רעאַקציע צו אַרבעטן אין אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד״. און אַזוי איז ער ביז צו דער מלחמה געבליבן אַן עמיגראַנט. די מלחמה האָט אים פאַרטראָגן קיין ענגלאַנד און דאָרטן איז ער נאָך דער רעוואָלוציע 1917 געוואָרן באַלשעוויסטיש געשטימט. ער האָט געאַרבעט אין די סאָוועטישע אָרגאַניזאַציעס אין לאָנדאָן ביז 1928 אָדער 1929, איז דערנאָך אַרויסגערופן געוואָרן קיין רוסלאַנד און איז דאָרטן אַרעסטירט און דערשאָסן געוואָרן. מען האָט אים באַשולדיקט אין נעמען כאַבאַר און נאָך אַזוינע זאַכן, אָבער מענטשן וואָס קאָנען אים גוט, פאַרזיכערן, אַז דאָס איז אַ שענדלעכער בלבול און אַז דער דאָזיקער ערלעכער סאָציאַליסט, וואָס האָט אַזוי פיל קרבנות געבראַכט, צו ערשט פאַרן „בונד״ און דערנאָך פאַר דער סאָוועטישער מאַכט, איז אומגעקומען אין גאַנצן אַן אומשולדיקער אין יענע פאַרברעכנס, אין וועלכע מען האָט אים באַשולדיקט.

אין יענע וואָכן, ווען מיר זיינען מיט קיפּמאַנען געזעסן אין פּעטערבורג און רעדאַגירט דעם „יעווריעסקי ראַבאָטשי״ און געשריבן אינם קאָנפיסקירטן אַרטיקל: „די רעוואָלוציע גייט אויף אַ זיכערן וועג,

זי וועט זיגן און, עס קאָן זיין, פיל גיכער, איידער דאָס דערוואַרטן אירע סאַמע הייסע אָנהענגער", — האָבן מיר זיך ניט פאָרגעשטעלט יענעם לאַנגן, פאַרפּלאָנטערטן און שווערן וועג, וואָס די דאָזיקע רעוואָלוציע וועט אין דער ווירקלעכקייט מוזן דורכמאַכן. און יעדנפאַלס האָט זיך קיינער פון אונדז ניט פאָרגעשטעלט, אַז די ערשטע און בלוטיקסטע קרבנות פון דער זיגרייכער רעוואָלוציע וועלן פאַלן דווקא אויפן צד פון די „זיגער", און פאַלן וועלן זיי ניט פון דער האַנט פון דעם שונא, נאָר פון דער אייגענער ברודער־האַנט.

3

דער ערשטער סאָוועט פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן אין פּעטערבורג

אין די שטורעמדיקע אָקטאָבער־טעג, ווען די כוואַליע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך געהויבן אַלץ העכער און העכער, אָן שום אמתער צוגרייטונג, אָן שום איינגעוואָרצלטע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, האָט זיך אין פּעטערבורג, מאָסקווע, אָדעס און אַ ריי אַנדערע גרויסע אַרבעטער־שטעט, פון זיך אַליין סטיכיש געשאַפן אַן אייגנאַרטיקע פאָרעם פון דער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע: די ס אָ וו ע ט ן.

ווער עס איז געווען דער אייגנטלעכער שאַפער פון דעם דאָזיקן געדאַנק, לאָזט זיך ניט פעסטשטעלן: ביי אַזוינע סטיכישע, ניט־אָרגאַניזירטע מאַסן־באַוועגונגען, איז שטענדיק שווער פעסטצושטעלן די אמתע אָנהייבער און פאָטערס. אַ פאַקט אָבער איז, אַז די ערשטע רוסישע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן פאַרשטאַנען און אונטערגעכאַפּט דעם דאָזיקן סטיכיש־אויפגעקומענעם געדאַנק, זיינען געווען די מענשעוויקעס. און צווישן זיי איז געווען איינער, וואָס איז פאַקטיש געוואָרן איינער פון די הויפּט־אָרגאַניזאַטאָרן פון ערשטן פּעטערבורגער סאָוועט. איך האָב אים פּערזענלעך גוט געקאָנט. ער איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געשטאָרבן אין פּאַריז ווי אַן עמיגראַנט. דאָס איז געווען מ. ז ב אָ ר אָ וו ס ק י, וואָס האָט געטראָגן דעם פּאַרטיי־נאָמען „קוזמאַ".

אַ באַזונדערס וויכטיקע ראָלע האָבן די מענשעוויקעס געשפּילט אין דעם פּעטערבורגער סאָוועט. אָבער אַזוי ווי די באַוועגונג איז פאָרט אָנגעהויבן געוואָרן ניט דורך די מענשעוויקעס און ניט דורך קיין שום אַנדער אָרגאַניזאַציע, נאָר דורך די אומאָרגאַניזירטע סטיכישע מאַסן, איז אויפן ערשטן פּלאַץ אַרויסגעשוואומען, ווי דער פּאָפּולערסטער און באַליבטסטער פירער, ניט קיין פּאַרטיי־טוער, נאָר אַן אומפּאַרטייאישער, אַ זייטיקער, מען קאָן זאָגן, אַ צופעליקער מענטש. דאָס איז געווען דער יונגער אַדוואָקאַט כ ר ו ס ט אַ ל י אָ וו ־ נ אָ ס אַ ר. מען האָט אים אין דער אַרבעטער־באַוועגונג קיין מאָל ניט געקאָנט, צו קיין שום פּאַרטיי האָט ער ניט געהערט, ער איז געווען אַן אַרבעטער־לאָיער און

האָט זיך פאַרנומען מיט קולטור־טעטיקייט צווישן אַרבעטער. אַ דאַנק זיין טעמפּעראַמענט איז ער, ווי דאָס געשעט אָפט בשעת רעוואָלוציעס,

— אַרויפגעטראָגן געוואָרן אין דער הויך דורך דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע. בשעת איך בין אין די לעצטע טעג פון אָקטאָבער געקומען צו כרוסטאַליאָוון מיט אַ מאַנדאַט (קרעדענשאַלס) פון צ. ק. פון „בונד" (אַלע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען האָבן גּעהאַט דאָס רעכט צו שיקן זייערע פאָרטרעטער אין אויספיר־קאָמיטעט פון סאָוועט), האָב איך דערזעען אַ הויכגעוואַקסענעם בלאָנדן יונגנמאַן מיט אַ רונדן פּנים, בלאָנדע וואָנצעס און קיילעכדיקע אויגן. אין גּעשפּרעך האָט ער ניט אַרויסגעוויזן קיין באַזונדערע בילדונג און ניט קיין גרויסע פּאָליטישע פעאיקייטן. אָבער ער איז יעמאָלט ממש פאַרגעטערט געוואָרן פון די פּעטערבורגער אַרבעטער. זיין וואָרט איז געווען אַ געזעץ. יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט זיך באַווייזן אויף דער טריבונע, פלעגט ער אויפ־גענומען ווערן מיט אומענדלעכע אָוואַציעס.

די זיצונגען פון סאָוועט פלעגן פאָרקומען דאָס רוב אין גרויסן זאַל פון דער „פרייער עקאָנאָמישער געזעלשאַפט". כמעט יעדן אָוונט פלעגן זיך דאָרטן צוזאַמענקלייבן אַ פּאָר טויזנט דעלעגאַטן פון אַלע פּעטערבורגער פאַבריקן און עס פלעגן זיך פירן אומענדלעכע דיסקו־סיעס מיט אומענדלעכע רעדעס. דאָס איז געווען ניט קיין קערפּער־שאַפט, וואָס האָט געקאָנט זיין אַ מין „אַרבעטער־פּאַרלאַמענט", אָדער האָט געקאָנט עפּעס אָרגאַניזירן, דאָס איז געווען אַן אומאונטער־בראָכענער רעוואָלוציאָנערער מאַסן־מיטינג, — אַן אינסטרומענט צו האַלטן אין איינעם די הונדערטער טויזנטער פּעטערבורגער אַרבעטער דורך אַ שטענדיקן אויסטויש פון אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע. אַ מאָל פלעגן די פאַראַמלונגען זיין רירנדיק און באַגייסטערנדיק, ווי, למשל, די סצענע, וועלכע איך האָב אַליין בייגעוואוינט, ווען צו דער זיצונג זיינען צום ערשטן מאָל געקומען די אָקערשט פון אויסלאַנד צוריקגעקומענע וועטעראַנען פון דער רעוואָלוציע, ווערא זאַסוליטש און לעאָ דייטש. דאָס זיינען געווען פאַר די פּעטערבורגער אַרבעטער, ווי פאַר גאַנץ רוסלאַנד, לעגענדאַרישע פיגורן, און מען האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז די דאָזיקע מיטקעמפער פון זשעליאַבאָוון און סאָפיאַ פּעראָווסקאַיאַ לעבן נאָך און געפינען זיך מיט אונדז אין איין זאַל: אָט די קליינינקע אַלטע פרוי מיט די ווייסע האָר איז זאַסוליטש, און אָט דער הויכער שלאַנ־קער מאַן, מיט ברילן און מיט דער ווייס־געלבלעכער באָרד, איז ד י י ט ש.

אָבער דאָס רוב זיינען די פאַרזאַמלונגען פון סאָוועט געווען ניט אינטערעסאַנט און טומלדיק.

די אמתע אַרבעט איז אויסגעפירט געוואָרן אין עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ פּאָר צענדליק מענטשן. אין דעם מאָמענט, ווען איך בין געוואָרן אַ מיטגליד פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָבן שוין דאָרטן געהערשט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. כרוסטאַלאָוו איז נאָר געווען דער אָפיציעלער פירער פאַר די מאַסן.

טראָצקי איז שוין יעמאָלט געווען אין פּעטערבורג אייניקע חדשים אומלעגאַל. ער האָט דאָרטן געפירט פּראָפּאַגאַנדע צווישן דער אינטעליגענץ און האָט, ווי מען האָט מיר איבערגעגעבן יעמאָלט אין פּעטערבורג, געהאַט זייער אַ גרויסן דערפאָלג אין די געהיימע רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך פון די סאָלדאַטן און אָפיצערן, וואָס זיינען באַצויבערט געוואָרן פון טראָצקיס רעדנערישן טאַלענט. בשעת עס איז אויפגעקומען די מאַסן־באַוועגונג און די סאָציאַל־דעמאָקראַטן מענשעוויקעס האָבן זיך אין איר אַריינגעוואָרפן, איז טראָצקי געוואָרן יענע פיגור, וואָס האָט פאַרנומען אין סאָוועט דעם אויבנאָן. אַרום אים איז געווען אַ קרייז אַנדערע מענשעוויקעס, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דער באַוועגונג. די באָלשעוויקעס האָבן זיך געהאַלטן אין אַ זייט. צום טייל, ווייל זיי זיינען יעמאָלט געווען אין פּעטערבורג זייער שוואַך, דער עיקר אָבער צוליב דעם, וואָס זיי האָבן זיך באַצויגן מיט גרויס אומצוטרוי און חשד צו אַזאַ מין אינסטיטוציע, ווי דער סאָוועט.

איצט, ווען דער סאַמע נאָמען „סאָוועט“ איז געוואָרן כמעט אידענטיש מיטן באַגריף „באָלשעוויזם“, קלינגט עס העכסט מערקווירדיק און משונהדיק ווען איך רייד וועגן דעם אומצוטרוי, מיט וועלכן די באָלשעוויקעס האָבן זיך באַצויגן צום ערשטן סאָוועט. אָבער יעמאָלט, 1905, איז דאָס געווען אַזוי: די סאָוועטן זיינען געווען אַ דערפינדונג פון די מענשעוויקעס, און די באָלשעוויקעס זיינען געווען קעגן די סאָוועטן.

ווער עס איז באַקאַנט מיט דער טעאָריע און דער וועלט־אַנשויאונג פון לעניניזם, יענער וועט לייכט פאַרשטיין, פאַר וואָס דאָס האָט געמוזט זיין אַזוי: לעגין און זיינע תלמידים זיינען געווען אָנהענגער פון דער סאַמע שטרענגער, סאַמע צענטראַליזירטער פּ אַ ר ט י י־דיקטאַטור. און אין דער פּאַרטיי גופא זיינען זיי געווען אָנהענגער פון דער סאַמע שטרענגער, סאַמע צענטראַליזירטער אָנפירונג און דיסציפּלין. צו די מאַסן פון פאָלק, אַפילו צו די אַ ר ב ע ט ע ר־מאַסן האָט זיך לענין באַצויגן מיט דעם גרעסטן אומצוטרוי. אין זיין באַרימטן בוך: „וואָס זאָל מען טאָן?“ („טשטאָ דעלאַט?“), וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין 1902, האָט לענין אַנטוויקלט דעם געדאַנק, אַז דער אַרבעטער־קלאַס אַליין, אויב מען זאָל אים לאָזן זיך אַנטוויקלען ווי ער שטייט און גייט, וועט קיין מאָל ניט קומען צום סאָציאַליזם. דאָס העכסטע, וואָס די אַרבעטער־מאַסן קאָנען אַליין מיט זייער אייגענעם שכל דערגרייכן, איז אַ מין „טרעיד־יוניאָניזם“, — האָט געשריבן לענין אין דעם דערמאָנטן בוך. פירן און ברענגען דעם פּראָלעטאַריאַט צום סאָציאַליזם קאָן נאָר אַ צענטראַליזירטע, שטרענג־דיסציפּלינירטע אָרגאַניזאַציע פון „פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן“. און אַט די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע קאָן ביי היינטיקע באַדינגונגען זיין נאָר די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, — דאָס הייסט די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי. וואָרים לענין האָט נאָר ז י י נ ע ת ל מ י ד י ם באַטראַכט ווי אמתע רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטן.

פּאַרקערט, די מענשעוויקעס זיינען אין יענער צייט, באַזונדערס אונטער דעם איינדרוק פון אַ ק ס ע ל ר אָ ד, געווען שטאַרקע אָנהענגער פון דער זעלבסטשטענדיקייט פון די מאַסן. אַקסעלראָד האָט אַפילו גע־האַלטן, אַז נאָר דאַן, ווען די אַרבעטער־מאַסן וועלן זיך אַליין אָרגאַניזירן אין דער באַוועגונג, וועט אויפקומען אַן אמתע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי. די אומלעגאַלע פּאַרטיי, וואָס מיר האָבן געהאַט ביז דאַן, איז לויט אַקסעלראָדס מיינונג נאָך ניט געווען קיין אַרבעטער־פּאַרטיי, — דאָס איז ניט מער ווי אַן אָנזאָג, אַ קופּקע אינטעליגענטן, וואָס ווילן רעפּרעזענטירן די אַרבעטערשאַפט און בויען די צוקינפטיקע אַרבעטער־פּאַרטיי.

פון דעם קאָן מען פאַרשטיין פאַרוואָס די מענשעוויקעס האָבן זיך יעמאָלט גלייך אַריינגעוואָרפן בלב ונפש אין דער באַוועגונג, הגם זי איז אָנגעהויבן געוואָרן ניט פון באַוואוסטזיניקע סאָציאַליסטן, ניט פון אָר־גאַניזירטע פּאַרטיי־מיטגלידער, און הגם בראש פון איר זיינען געשטאַ־נען אַזוינע מענטשן ווי כרוסטאַליאָוו־נאָסאַר. פאַרקערט, די באָלשע־וויקעס האָבן דערקלערט, אַז וויכטיקער פאַר אַלץ איז אויפצובויען אַן אייגענע דיסציפּלינירטע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, וואָרים נאָר אַזאַ מין פּאַרטיי וועט אין דער אמתן קאָנען אָנפירן מיט דעם אַרבעטער־קלאַס, און ניט אַזאַ צעקראָכענע, אומפּאַרטייאישע, ניט־דיסציפּלינירטע מאַסן־אָרגאַניזאַציע ווי דער סאָוועט. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די באָל־שעוויקעס האָבן איבערגעלאָזן דעם סאָוועט צו די מענשעוויקעס און האָבן זיך כמעט ווי גאָרניט באַטייליקט אין אים.

אין תוך האָט לענין זיין פּרינציפּיעלן שטאַנדפּונקט ניט געענדערט אויך אין 1917. ער, דער טעאָרעטיקער און נביא פון סאָוועטן־סיסטעם, האָט צו די סאָוועטן גופא אַלס פאַרקערפּערונג פון דער זעלבסטשטענדי־קייט און פרייער אַנטוויקלונג פון די אַרבעטער־מאַסן קיין שום צוטרוי ניט געהאַט. אויך אין 1917, פּונקט אַזוי ווי אין 1905, האָט לענין די סאָוועטן ניט געהאַלטן פאַר דעם אמתן אויסדרוק פון דעם אַרבעטער־קלאַס. זיין אמתער ציל איז שטענדיק געבליבן — דיקטאַטור פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. מער ניט 1917 האָט ער איינגעזען, אַז מען קאָן די סאָוועטן באַנוצן ווי אַ טרעפּל אויף אַרויפצושטייגן צו דער מאַכט, אַלס אַ מיטל צו אָרגאַניזירן די דיקטאַטור פון זיין פּאַרטיי איבערן אַרבעטער־קלאַס. 1905 האָט ער דאָס נאָך ניט געהאַט פאַרשטאַנען.

4

איך ווער אַ רעדאַקטאָר

אין סאָוועט בין איך אָפּגעווען נאָר אַ קורצע צייט, ווייל די טעטי־קייט פון „בונד" האָט מיך געצוואונגען אין גיכן אָפּצופאָרן פון פּעטער־בורג. מיין אָרט אַלס פאַרטרעטער פון „בונד" אין סאָוועט האָט פאַר־

נומען ליבער און דאָס אויך אויף אַ גאַנץ קורצער צייט, וואָרים דער סאָוועט איז באַלד אַרעסטירט געוואָרן און נאָך אַ קורצער צייט פון קאַמף איז ער פאַרניכטעט געוואָרן. די פירער פון סאָוועט, טראָצקי, פאַרוואוס און אַנדערע זיינען געמשפּט און פאַרשיקט געוואָרן אין סיביר. ליבער איז געראַטעוועט געוואָרן ווי דורך אַ וואונדער. ער האָט זיך גראָד פאַרשפּעטיקט צו דער זיצונג פון סאָוועט, ווען עס איז אָנגעקומען די פּאָליציי און די סאָלדאַטן. די פּאָליציי האָט אים געכאַפּט בשעת ער האָט זיך געפונען אין דער ביבליאָטעק פון דער „פרייער עקאָנאָמישער געזעלשאַפט”. אַזוי ווי אין ביבליאָטעק האָבן זיך געפונען נאָך אַ ריי זייטיקע מענטשן און די פּעטערבורגער פּאָליציי האָט ליבערן ניט געקאַנט, האָט מען אים אַרויסגעלאָזן צוזאַמען מיט די אַנדערע צופעליקע באַזוכער.

די אַרבעט פון „בונד” אין די נייע באַדינגונגען, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן דורך דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע 1905, האָבן פאַרלאַנגט די גאַנצע אָנשטרענגונג פון אונזערע קרעפטן. אומגעהייערע מאַסן זיינען געקומען אין באַוועגונג, וועלכע מען האָט געדאַרפט באַדינען. אומגעהייערע פראַגעס זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויפן סדר-היום, וועלכע מען האָט געדאַרפט פאַרענטפערן, אַן אומגעהייערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף אונדזערע פּלייצעס. און דערצו האָט מען נאָך געדאַרפט שאַפן נייע פאָרמען פון דער אַרבעטער-באַוועגונג, וואָס זיינען נאָך ביז איצט אין רוסלאַנד ניט געווען (פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען), שאַפן אַ לעגאַלע פּרעסע, צוגרייטן זיך צו די צוקונפטיקע פּאַרלאַמענט-וואַלן אאַ”וו.

כדי דאָס אַלץ צו באַוועלטיקן, האָבן מיר אַריינגעצויגן אין צענטראַל-קאָמיטעט די בעסטע קרעפטן, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט אין „בונד”: עס איז ענדלעך אַריינגענומען געוואָרן אין צ. ק. מאַרק ליבער, און ס'זיינען גערופן געוואָרן פון אויסלאַנד און אויסגעקליבן געוואָרן אין צ. ק. וול. מעדעם און וולאַדימיר קאָסאָווסקי, עס איז געשאַפן געוואָרן אַ באַזונדערע רעדאַקציאָנעלע קאָלעגיע אויף אָנצופירן מיט דער אידישער טעגלעכער צייטונג („דער וועקער”) אין ווילנע און נאָכן אונטערגאַנג פון דעם „יעוורעיסקי ראַבאָטשי” אין פּעטערבורג איז באַשלאָסן געוואָרן, לויט מיין פאָרשלאַג, צו שאַפן אַ רוסישן זשורנאַל, וואָס זאָל אַרויסגיין אַלע צוויי וואָכן אין ווילנע („נאַשאַ טריבונאַ”).

פאַר דעם רעדאַקטאָר פון אָט דעם רוסישן זשורנאַל האָט דער צ. ק. באַשטימט מיך. זאָגנדיק דעם ריינעם אמת, האָב איך זיך אַליין באַשטימט פאַרן רעדאַקטאָר. די מעשה איז געווען אַזוי: אַלע האָבן געפילט, אַז דער „בונד” קאָן ניט אויסקומען נאָר מיט אַ אידישער צייטונג; די פּראָפּאַגאַנדע צווישן דער אינטעליגענץ, וואָס איז גראָד אין יענעם מאָמענט געווען זייער אַ וויכטיקע אויפגאַבע, האָט ניט אַנדערש געפאָדערט, אַז מען זאָל אַרויסגעבן ליטעראַטור אויף רוסיש און טאַקע סיסטעמאַטיש. אין דער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט האָט זיך יע-

מאַלט אָנגעהויבן אַ פּעריאָד פון נייע זוכענישן, נייע אינעווייניקסטע קאַמפן, נייע טעאָרעטישע שטריטן. די פּאָגראָמען האָבן געמאַכט אַ שרעקלעכן איינדרוק און האָבן אריינגעטראָגן אין דער געזעלשאַפט־לעכער אַטמאָספערע אַ שטימונג פון יאוש און פאַרצווייפלונג. די אי־דישע ניט־פּראָלעטאַרישע געזעלשאַפטלעכקייט, וואָס איז ביז דאַן ניט געווען אין גאַנצן אָרגאַניזירט, האָט אָנגעהויבן צו שאַפן אייגענע פּאַר־טייען און אָרגאַניזאַציעס, מיט וועלכע דער „בונד" האָט געמוזט פירן טעאָרעטישע און פּרינציפּיעלע קאַמפן. דאָס אַלץ האָט מען ניט גע־קאָנט באַוועלטיקן אָן אַ סיסטעמאַטישן אָרגאַן, וואָס זאָל באַלויכטן די פאַרשיידענע פראַגעס אויף רוסיש. פאַרשטאַנען האָבן דאָס אַלע מיט־גלידער פון צ. ק. אָבער ווי אַזוי מאַכט מען דאָס? וואו נעמט מען די שרייבער, ליטעראַטן, רעדאַקטאָרן? מיר האָבן קוים־קוים באַוויזן אַוועקצושטעלן די אידישע ציימונג, דעם „וועקער", היינט וואו נעמט מען נאָך כוחות פאַר אַ רוסישן זשורנאַל און דערצו נאָך אַזאַ, וואָס זאָל אונז ניט פאַרשעמען און זאָל קאָנען האַלטן הויך דעם גייסטיקן פּרעס־טיזש פון „בונד".

אין איינער פון די זיצונגען, וואו מיר האָבן די פראַגע אַרומגע־רעדט, האָב איך ענדלעך אָנגעקליבן גענוג מוט און האָב פאָרגעשלאָגן, אַז מען זאָל דעם רוסישן אָרגאַן איבערגעבן אונז, דעם יונגוואַרג, דעם „דרייל‌ינג". דער קאָנסערוואַטיזם אין אונזערע „אַלטע" איז געווען אַזוי גרויס, אַז נאָר מיט גרוים מי האָט זיך איינגעגעבן זיי איינצורעדן, אַז זיי זאָלן אָננעמען דעם דאָזיקן פּלאַן. אפילו דער קלוגער אַלעקסאַנדער האָט אַלץ געקוועטשט מיט די פּלייצעס און האָט געצווייפלט, צי וועט דער אָרגאַן ניט זיין אַ צו „לייכטזיניקער", אַ צו „אינגלשער"? סוף כל סוף בין איך באַשטימט געוואָרן פאַרן הויפּט־רעדאַקטאָר אין אַ גרופּע, אין וועלכער עס האָבן געזאָלט אריין מעדעם און נאָך אַ ריי בונדישע רוסישע שרייבער.

די פּראַקטיק האָט באַוויזן, אַז דער אָרגאַן איז געווען אַ גאַנץ ניש־קאָשעדיקער. מיר האָט זיך איינגעגעבן צו בילדן אַ גרופּע פון אוני־סערגעווייינטלעך אינטעליגענטע, לעבעדיקע און אינטערעסאַנטע יונגע שרייבער. אין איר זיינען, אַחוץ מיר און מעדעמען, וואָס זיינען געווען מיטגלידער פון צ. ק., אריין ט. הייליקמאַן, ד. זאַסלאַווסקי און א. זאָלאָ־טאַרעוו. אָט די 5 האָבן געאַרבעט ניט לויט דעם געוויינטלעכן שטייגער פון אַ רעדאַקציע, נאָר ווי אַ מין שטענדיקער קאָלעקטיוו, וואָס האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן אין דיסקוטירן, אַרומריידן פראַגן און, מען קאָן זאָגן, אַז אַפילו די אַרטיקלען פלעגן מיר שרייבן קאָלעקטיוו. ווען איך זאָג „מיר", איז דאָס אַ ביסל איבערגעטריבן, ווייל איך פּערזענלעך האָב כמעט קיין זאַך ניט געשריבן. ווי איך האָב שוין דערמאָנט אין איינעם פון די פריערדיקע קאַפּיטלען, איז מיר שרייבן אָנגעקומען פיל שווערער איידער ריידן. פלעגט אונדזער אַרט אַרבעטן און מיין מין רעדאַקטירן באַשטיין אין דעם, וואָס איך פלעג קומען צו יעדן נומער, וואָס מיר

פלעגן צוגרייטן, מיט אַ רשימה טעמעס, פראַגן, פּראָבלעמען. מיר פלעגן זיך אַוועקזעצן זאַלבעפינפטע און אַ פּאָר טעג נאָכאַנאַנד אַרומריידן פון אַלע זייטן יעדע טעמע. און דערנאָך פלעגן די, וואָס האָבן געהאַט אַ פלינקערע פען, אַוועקזעצן זיך און יעדער פון זיי פלעגט אָנשרייבן אויפן פּאַפּיר די געדאַנקען, וועלכע מיר האָבן צוזאַמען פאָרמולירט. די דאָזיקע זיצונגען אונזערע פלעגן זיין פאַר אונז אַלעמען אַ גרויסער גייסטיקער פאַרגעניגן, ווייל דער עולם איז געווען ניט נאָר אַ באַגאַבטער, נאָר אויך אַ טאַלענטירטער, אַ גייסטרייכער, און ערנסטע געדאַנקען פלעגן זיין דורכגעמישט מיט וויצן, חכמות און לעבעדיקער פּאָלעמיק.

„נאַשאַ טריבונאַ" איז אַרויס אין גאַנצן 14 נומערן און איז פאַרבאָטן געוואָרן. אַזוי ווי יעמאָלט (ווינטער 1906—1907) איז גראָד אָנגעגאַנגען די וואַל־קאַמפּאַניע צו דער דומע, האָט מען דעם סאָלידן וויסנשאַפטלעכן זשורנאַל באַשלאָסן צו פאַרוואַנדלען אויף אַ לייכטערן וואָכן־אָרגאַן, וואָס זאָל טראָגן אַ ריינעם קאַמף־כאַראַקטער. און אַזוי ווי מען האָט שוין יעמאָלט שטאַרק מורא געהאַט פאַר דער פּאָליציי (די עפּאָכע פון פרייהייטן האָט זיך געענדיקט) האָט מען די נייע אויסגאַבע אָרגאַניזירט אַזוי: אָפיציעל איז די צייטונג אַרויס אין ווילנע און זי האָט זיך טאַקע געדרוקט אין אַ ווילנער דרוקעריי, אָבער די רעדאַקציע האָט זיך פאַקטיש געפונען אין קאָוונע, וואו מען האָט געדונגען אַ לייריקע דירה אויפן נאָמען פון אַ קאָוונער חבר און אין דער דירה האָבן געוואוינט די דריי רעדאַקטאָרן: דאָס זיינען געווען מעדעם, יודין און זאַסלאַווסקי. אין קאָוונע פלעגט מען צוגרייטן די מאַנוסקריפּטן פאַר יעדן נומער און מעדעם פלעגט זיך אַריבערכאַפּן קיין ווילנע, אַרויסלאָזן דעם נומער און אומקערן זיך צוריק קיין קאָוונע.

איך בין שוין אין דער רעדאַקציע פון נייעם אָרגאַן ניט אַריין, ווייל איך האָב איבערגענומען אַ נייעם דזשאָב: איך בין געוואָרן באַשטימט פאַר דעם הויפּט־אָרגאַניזאַטאָר פון דער וואַל־קאַמפּאַניע צו דער גאָסודאַרסטווענער דומע.

5

די דעצעמבער־טעג 1905

די סטיכישע מאַסן־באַוועגונג פון אָקטאָבער 1905 האָט זיך געענדיקט מיט אַ האַלבן זיג פון דער רעוואָלוציע. מען האָט אַרויסגעריסן ביי דער צאַרישער רעגירונג אַ גאַנצע ריי הנחות, מען האָט אויסגעקעמפט די פּרינציפּיעלע אָנערקענונג פון אַ פּאַרלאַמענטאַרישן רעזשים, אַ ריי פרייהייטן, געוויסע סאָציאַלע דערגרייכונגען פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס, — אָבער אַראָפּוואַרפן אין דער אמתן דעם צאַרישן רעזשים און פאַרבייטן אים דורך אַ רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, — דאָס האָט זיך ניט איינגעגעבן. און עס איז געווען קלאָר, אַז די צאַ־

רישע רעגירונג, וואָס אין אירע הענט איז געבליבן דער גאַנצער אַפּאַראַט פון מאַכט, וועט ניט שטרעבן צו פאַרווירקלעכן די צוזאָגן, וואָס זי האָט געמאַכט אין אַ שעה פון נויט, נאָר פאַרקערט, וועט פּרובירן צו נעמען צוריק אַלע אירע פאַרשפּרעכונגען, ווי ווייט זי וועט נאָר קאָנען.

דאָס געפיל פון ניט זיין באַפרידיקט, פון האַלבקייט, האָט געטריבן די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען און די אַרבעטער צו קעמפן ווייטער, ניט צו באַגנוגענען זיך מיט דעם האַלבן זיג, צו פאַרשאַרפן אַלץ מער די קאַמפן.

פון יאַנואַר ביז אָקטאָבער 1905 איז דער צענטער פון דער באַוועגונג געווען פּעטערבורג. דאָ האָט געווירקט גאַפּאָן, דאָ איז געווען דער „בלוטיקער זונטאָג", דאָ איז פאָרגעקומען דער גרעסטער אַלגעמיינער סטרייק אין אָקטאָבער, דאָ איז געגרינדעט געוואָרן דער ערשטער און שטאַרקסטער סאָוועט. אָבער נאָך די אָקטאָבער־טעג האָט זיך די רעוואָלוציאָנערע ענערגיע פון די פּעטערבורגער אַרבעטער אַזוי ווי אויסגעשעפּט. ניט געקוקט אויף אַלע באַמיאונגען און פּרואוון פון די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען און פון דעם סאָוועט, האָט זיך ניט איינגעגעבן אַרויסצורופן אַ נייע כוואַליע פון אַרבעטער־באַוועגונג אין פּעטערבורג. דער סאָוועט האָט געהאַט זיינע זיצונגען, דער עקזעקוטיוו קאָמיטעט האָט אָנגענומען פאַרשיידענע באַשלוסן, די פּאַרטייען האָבן אַרויסגעלאָזן אויפרופן, אָבער דער אָפּקלאַנג אין די ברייטע אַרבעטער־מאַסן איז ניט געווען קיין גענוגענער. און ווען מען איז אין דעצעמבער 1905 געקומען אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן צו דער איבערצייגונג, אַז מען דאַרף אָרגאַניזירן עפּעס אַ נייע גאָר ענערגישע אַרויסטרעטונג, אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד, וואָס זאָל פאַרוואַנדלען דעם האַלבן זיג אין אַ גאַנצן, האָט זיך זייער באַלד אַרויסגעוויזן, אַז אין פּעטערבורג האָט זיך די דאָזיקע נייע אַרויסטרעטונג געענדיקט מיט אַ דורכפאַל. די אַרבעטער זיינען געווען גרייט צו אַ סטרייק (הגם דער סטרייק איז אויך ניט געווען קיין פולשטענדיקער) אָבער מער ווי אויף אַ סטרייק זיינען זיי ניט געגאַנגען און דער פּרואוו אַרויסצופירן די מאַסן אויפן גאַס צו אַן אָפּענעם קאַמף האָט זיך געענדיקט מיט אַ פולשטענדיקן דורכפאַל. די פּעטערבורגער באַוועגונג איז געבליבן אין גאַנצן אַ פרידלעכע און דערביי אַפילו ניט קיין פולשטענדיקע.

דערפאַר אָבער האָט די באַוועגונג אָנגענומען אומגעוויינטלעך שאַרפע פאָרמען אין מאָסקווע, וואו די אַרבעטער האָבן ביז איצט קיין באַזונדערס רעוואָלוציאָנערע שטימונג ניט אַרויסגעוויזן.

דער אַלגעמיינער סטרייק האָט זיך אָנגעהויבן אין מאָסקווע דעם 7־טן דעצעמבער לויט אַ באַשלוס פון מאָסקווער סאָוועט און פון די פּאַרטיי־קאָמיטעטן פון די באָלשעוויקעס, מענשעוויקעס און סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן.

דער סטרייק האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ גרויסער באַגייסטערונג און האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע שטאָט. אין דער זעלבער צייט האָבן

זיך אָנגעהויבן מאַסן־מיטינגען אויף די גאַסן, אויף די פּלעצער, אין די איינצלנע פאַבריקן. קאַזאַקן און סאַלדאַטן פלעגן צעטרייבן די דעמאָנ־סטראַנטן אָבער ניט זייער ענערגיש. דעם 8־טן דעצעמבער איז פאָר־געקומען אין דעם טעאַטער „אַקוואַריום" אַ פאַרזאַמלונג, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט אַרום 12,000 מענטשן. סאַלדאַטן האָבן אַרומ־גערינגלט דעם טעאַטער, אָבער די מאַסע האָט זיך אַרויסגעקליבן דורך אַ צעבראָכענער וואַנט אין אַ צווייטן הויף און האָט זיך דאָרטן פאַרבאַ־ריקאַדירט. מען איז אָפּגעזעסן הינטער די באַריקאַדן אַ גאַנצע נאַכט און ערשט אין דער פרי איז מען זיך צעגאַנגען. די פּאָליציי האָט פון די אַלע מענטשן אַרעסטירט אין גאַנצן 70. דעם צענטן דעצעמבער איז אַן ענלעכער פאַל פאָרגעקומען אין פידלערס שול. דאָרט איז געווען אַ קליינער מיטינג פון אַ 500 מענטשן, אָבער דאָס זענען געווען אַלץ פירנדיקע מיטגלידער פון די קאַמף־גרופּעס פון פאַרשיידענע פּאַר־טייען, פון די מיטגלידער פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון סאָוועט אאַז"וו. בשעת פּאָליציי און סאַלדאַטן האָבן אַרומגערינגלט דאָס הויז און האָבן געוואָלט אַלעמען אַרעסטירן, האָבן זיך די 500 פאַרבאַריקאַדירט און האָבן אָנגעהויבן שיסן. ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט געדויערט די שיסעריי פוןביידע זייטן. אין דער פרי האָבן די באַלאַגערטע באַשלאָסן זיך אונטערצוגעבן. עס זענען געווען אַ פּאָר צענדליק דערהרגעטע און פאַרוואונדעטע.

אָבער איידער עס איז נאָך פאָרגעקומען די דראַמע אין פידלערס הויז האָט זיך שוין פאַקטיש אָנגעהויבן דער באַוואָפנטער אויפשטאַנד און גאַסן־קאַמף. שוין דעם 9־טן דעצעמבער האָבן זיך אין די גאַסן פון מאָסקווע באַוויזן די ערשטע באַריקאַדעס. נאָך דער מעשה פידלער האָט די באַוועגונג אָנגענומען אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער. צענדליקער באַריקאַדעס זיינען אויפגעבויט געוואָרן אויף פאַרשיידענע גאַסן און פּלעצער, גאַנצע ראַיאָנען זיינען געווען אַרומגערינגלט מיט אַ קייט פון באַריקאַדעס. די רעגירונג האָט אָוועקגעשטעלט קעגן די רעוואָלוציאָ־נערן סאַלדאַטן מיט אַרטילעריע. פון אין דער פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבן געדונערט האַרמאַטן אין די גאַסן פון מאָסקווע. אָבער בשעת די סאַלדאַטן פלעגט זיך איינגעבן אָפּצוראַמען איין טייל פון די באַריקאַדעס, פלעגט איבער דער נאַכט אויסוואַקסן אין נייע גאַסן און אַמאָל אין די זעלביקע אַ נייע קייט באַריקאַדעס. אין דער זעלביקער צייט זיינען געוואָרפן געוואָרן באָמבעס אין דער געביידע פון דער מאָסקווער „אָכראַנע" און אין אַנדערע פּאָליציי־געביידעס. דעם 15־טן דעצעמבער איז דערשאָסן געוואָרן דער שעף פון דער מאָסקווער אָכראַנע וואָי־לאָמשניקאָוו, עס זיינען געמאַכט געוואָרן איבערפאַלן אויף די טורמעס, כדי צו באַפרייען די אַרעסטירטע. כמעט צוויי וואָכן האָט געדויערט דער באַוואָפנטער קאַמף אין מאָסקווע. די באַוועגונג איז אונטערדריקט געוואָרן צוליב דעם, וואָס דער רעגירונג האָט זיך איינגעגעבן אַריבער־צופירן קיין מאָסקווע אַ טייל פון דער פּעטערבורגער גוואַרדיע אונטער

דער פירונג פון דעם באַרימטן קאָמאַנדיר מין, וואָס האָט צוזאַמען מיט דעם וויניקער באַרימטן אַדמיראַל דובאַסאָוו אַרויסגעוויזן ניט ווייניק גרויזאַמקייט און אכזריות אין דעם קאַמף קעגן די רעוואָלוציאָנערן.

די אונטערדריקונג פון דעם מאָסקווער אויפשטאַנד, דער דורכפאַל פון דער באַוועגונג אין פעטערבורג, — די צוויי זאַכן האָבן באַשטימט



באַריקאַדן אין מאָסקווע (דעצעמבער 1905)

דעם גורל פון דער גאַנצער באַוועגונג אין לאַנד. עס זיינען געווען גענוג העראָאישע קאַמפן פון אַרבעטער און רעוואָלוציאָנערן אין איינצלנע שטעט און פונקטן, אָבער די באַוועגונג האָט אין גאַנצן לאַנד ניט געטראָגן יענעם שאַרפן און רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער ווי אין מאָסקווע. די כוחות פון דער רעוואָלוציע זיינען ניט געווען גענוג שטאַרק, און פון דער אַנדער זייט האָט זיך די רעגירונג אָפּגעכאַפּט פון איר פריערדיקער פאַרלוירנקייט און האָט אַרויסגעוויזן מער ווידערשטאַנד איידער מען האָט געקאָנט דערוואַרטן. איינע פון די וויכטיקסטע אורזאַכן פון דעם דורכפאַל פון דער דעצעמבער־באַוועגונג איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די רעגירונג האָט שוין דעמאָלט ניט געהאַט קעגן זיך אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. אַ טייל פון דער שטאָטישער בורזשואַזיע, וואָס איז איבערגעשראָקן געוואָרן פון דער שאַרפקייט פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, האָט אָנגעהויבן אַרויסצואווייזן סימפּאַטיעס צו די „היטער פון דער אָרדענונג": די סאָציאַלע פאָדערונגען פון די אַרבעטער און די פּערספּעקטיוו פון אַ טיפער בלוטיקער מחלוקה האָבן

אויך אַ טייל מיטלקלאַסן אָפּגעשטויסן פון דער רעוואָלוציע, יעדנפאַלס געמאַכט זיי פּאַסיוו און נייטראַל.

אַ צווייטער מקור פון רעאַקציע, וואָס איז צוניצגעקומען דער צאַרישער רעגירונג, זיינען געווען די גרונד־אייגנטימער, די פּריצים. אַזוי גיך ווי די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט זיך אַלץ מער אָנגעהויבן אַריבערוואַרפן אין די דערפער און די פּריצים האָבן איינגעזען, אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט אַ ראַדיקאַלער אַגראַר־רעפאָרם, וואָס וועט קאָנפיסקירן זייערע מאַיאָנטקעס, זיינען זיי געוואָרן אויס ליבעראַלן און האָבן אָנגעהויבן צו פילן סימפּאַטיע צו דער זעלביקער צאַרישער רעגירונג, פון וועלכער זיי האָבן נאָך מיט אַ פּאָר חדשים צוריק געפאָדערט פאַרשיידענע ליבעראַלע רעפאָרמען. און פון די פּריצישע הויפן האָט זיך די דאָזיקע רעאַקציע אַריבערגעטראָגן אויך אין די שטעט. וואָרים אין רוסלאַנד איז געווען שוואַך די ליבעראַלע בורזשואַזיע, וואָס אין די מער אַנטוויקלטע לענדער פון מערב־אייראָפּע איז זי היסטאָריש געווען יענע סאָציאַלע שיכט, וואָס האָט געקעמפט קעגן די אַבסאָלוטע מאָנאַרכן און קעגן די פעאָדאַלע פּריצים־פּריווילעגיעס. אין רוסלאַנד איז אָט די שיכט בורזשואַזיע געווען נאָך זייער שוואַך, ווייל עס איז געווען שוואַך דער גאַנצער רוסלענדער קאַפּיטאַליזם. אין דעם אַנטשיידנדיקן געשיכטלעכן מאָמענט האָבן די רוסישע פּריצים און טשינאָווניקעס אַריבערעוואַויגן דעם איינפלוס פון די ליבעראַל־דעמאָקראַטישע, מער אייראָפּעאישע עלעמענטן און האָבן געהאָלפן דער צאַרישער רעגירונג צו באַזיגן ניט נאָר די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג נאָר אַפילו יענע בורזשואַז־דעמאָקראַטישע שיכטן, וואָס האָבן פאַרלאַנגט אַ מעסיקע קאָנסטיטוציע. די צאַריסטישע אָפּגעשטאַנענקייט האָט געזיגט אין 1905. אָבער ווי טייער רוסלאַנד האָט פאַר דעם דאָזיקן „זיג" באַצאָלט נאָך דער רעוואָלוציע אין 1917! עס זיינען פאַראַן זיגן, וואָס זיינען ערגער איידער די ערגסטע קאַטאַסטראָפע.

אין דעצעמבער 1905 האָבן נאָך איינצלנע מאַרקסיסטישע דענקער ווי פּלעכאַנאָוו אָדער אַקסעלראָד פאַרשטאַנען דעם געשיכטלעכן זין פון די געשעענישן. די ברייטע מאַסן רעוואָלוציאָנערן האָבן געהאַלטן אין מיטן קאַמף און האָבן דעם קאַמף געוואָלט דערפירן ביזן סוף, האָפנדיק אויף אַן ערפאָלג. .

געקעמפט האָבן מיר אויך אין ראַיאָן פון „בונד". פון אָדעס ביז ריגע, אויף דעם גאַנצן געביט פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס האָבן אונזערע אידישע אַרבעטער מוטיק אונטערגעהאַלטן די באַוועגונג אין די רוסישע הויפּטשטעט. אין אָט דער צייט האָבן מיר שוין ניט געהאַלטן, ווי אין יאָר 1903, אַז דער אידישער אַרבעטער איז דער אַ וואַנגאַרד פון דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. מיר האָבן שוין קלאָר געפילט און געזעען, אַז דער פירער פון דער באַוועגונג איז געוואָרן דער רוסישער אַרבעטער, וועלכן מיר האָבן אַזאַ לאַנגע צייט געהאַלטן פאַר אָפּגעשטאַנען.

דאָס אינסטינקטיווע געפיל, אַז ניט אין אונזערע שטעט נאָר אין די הויפּטשטעט פון רוסלאַנד וועט אַנטשיידן ווערן דער גורל פון דער באַוועגונג, האָט געבראַכט דערצו, אַז אין אונזער ראַיאָן איז מען אין ערגעץ ניט אַריבערגעגאַנגען צו ב אַ ו ו אָ פ נ ט ע אַרויסטרעטונגען. אַחוץ אָט דעם אינסטינקטיוון געפיל האָט אויך שטאַרק געווירקט, פאַרשטייט זיך, די געדריקטע שטימונג, וואָס איז איבערגעבליבן אין דעם אידישן תהום נאָך דער שרעקלעכער כוואַליע פון די אָקטאָבער־פּאָגראָמען.

ניט געקוקט אויף דעם, איז די באַוועגונג אין אונזערע שטעט דורכגעגאַנגען מיט גרויס אָרדענונג און דערפאָלג.

איך פּערזענלעך האָב די דעצעמבער־טעג פאַרבראַכט אין ווילנע. איידער עס איז אָנגעהויבן געוואָרן די דעצעמבער־באַוועגונג, וואָס איז להיפּוך צום אָקטאָבער־סטרייק געווען אין גאַנצן אָרגאַניזירט, האָט דער צ. ק. פון „בונד" געגוי פאַרטיילט זיינע מעמבערשן אין די פאַרשיידענע ראַיאָנען און שטעט, האָבנדיק אין זינען, אַז די באַוועגונג קאָן זיך פאַרוואַנדלען אין אַן אמתער רעוואָלוציע. ליבער איז אַוועקגעפאָרן קיין פּעטערבורג, כדי צו באַטייליקן זיך אין פּעטערבורגער סאָוועט (און איז דאָרטן שיר ניט אַרעסטירט געוואָרן). מעדעם איז אַוועקגעפאָרן צוערשט קיין פּינסק און פון דאָרטן קיין אָדעס. אויך יודין איז געווען אין אָדעס, וואָס מען האָט געהאַלטן פאַר זייער אַ וויכטיקן צענטער. מיטגלידער פון צ. ק. זיינען אויך געווען אין האָמעל און מינסק, אין ריגע איז נאָך אַלץ געזעסן מאַקסים. אין דווינסק איז געווען וולאַדימיר שטשופּאַק, וואָס איז ליידער באַלד אַרעסטירט געוואָרן ביי דער נאַכט, ווען ער האָט גראָד אָפּגעריסן די רעגירונגס־אַפּיש וועגן קריגס־צושטאַנד און איז קוים אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן פון אַ קריגס־געריכט.

איך און אַלגין זיינען ביידע געווען אין ווילנע און האָבן געלעבט אין איין דירה אויף דער שאָפּען גאַס. די ציימונג איז נאָך יעמאָלט ניט אַרויס. קיין אַנדער ליטעראַרישע אַרבעט האָבן מיר צוליב דעם אַלגעמיינעם סטרייק ניט געהאַט. האָבן מיר געהאַט מער פרייע צייט ווי געוויינטלעך און פלעגן דעריבער זייער פיל אַרומגיין איבער די גאַסן און „אָנטאַפּן דעם דופק" ביים עולם. מיר פלעגן זיך אַריינמישן אין די גאַסן־דיסקוסיעס, אַוועקשטעלן זיך לייענען די פּראָקלאַמאַציעס (וואָס מיר אַליין האָבן אָנגעשריבן!) און דיסקוטירן מיטן עולם. אַ באַזונדערס שאַרפע דיסקוסיע האָבן מיר געהאַט איין מאָל מיט אַן איזוואָשטשיק. די איזוואָזשטשיקעס זיינען ניט גערן צוגעשטאַנען צום סטרייק. האָבן מיר זיך אָנגעזעצט אויף אונזער איזוואָשטשיק און האָבן אים אַגיטירט זאַלבע־צווייט ווי מיר האָבן נאָר געקאָנט. אָבער דער איזוואָשטשיק, אַ מיטליאָריקער איד מיט אַ געדיכטער שוואַרצער בערדל און קלוגע אויגעלעך, האָט געהאַט איין ענטפער: „חברים, א י ך פאַרשטיי אייך זייער גוט. איך ווייס וואָס אַזוינס רעוואָלוציע איז און צאַריזם און סאָלידאַריטעט. אָבער דער פערד, דער פערד איז דאָך אַ פערד. ער וויל

האָבן האָבער"... און קיין האָבער האָט דער סטרייק־קאָמיטעט דעם איז־וואָשטשיקס פערד ניט געקאָנט געבן.

אָבער מיט גאַסן־אַגיטאַציע האָב איך זיך פאַרנומען נאָר פאַר־בייגייענדיק. מיין אייגנטלעכע אַרבעט איז געווען אַן אַנדערע. איך בין געווען באַטייליקט, אַלס פאַרטרעטער פון „בונד", אין דעם פאַראייניקטן סטרייק־קאָמיטעט, אין וועלכן עס זיינען אַריין די פאַרטרעטער פון פאַרשיידענע רעוואָלוציאָנערע פאַרטייען. אַחוץ דעם פלעג איך יעדן טאָג ריידן אויף די מאַסן־מיטינגען, וואָס פלעגן פאָרקומען אין פאַרשיי־דענע זאַלן פון דער שטאָט. באַזונדערס וויכטיקע פאַרזאַמלונגען, און דווקא פאַר די ר ו ס י ש ע באַן־אַרבעטער, זיינען פאָרגעקומען אין אַ פרויען־גימנאַזיע, וואָס האָט, פאַרשטייט זיך, אויך געסטרייקט. דאָרטן, אין דעם גרויסן זאַל, פלעגן זיך צונויפזאַמלען יעדן אָוונט עטלעכע הונדערט דאָס רוב רוסישע אַרבעטער און די פאַרטרעטער פון קאָמי־טעט פלעגן זיי אָפּגעבן אַ באַריכט וועגן דעם וואָס עס הערט זיך אין דער שטאָט און אין אַלע אַנדערע שטעט פון רוסלאַנד. (דורך דעם סטרייק־קאָמיטעט פלעגן מיר באַקומען טעלעגראַפישע נאַכריכטן פון פעטערבורג און מאָסקווע). אַ באַזונדערס גרויסער מיטינג איז פאָרגעקומען אין דעם יאָרטאָג פון די דעקאַבריסטן (דעם 14־טן דעצעמבער 1825), ווען מיר איז אויסגעקומען צו האַלטן די יובל־רעדע. אָבער, ווען איך האָב די פייערדיקע רעדע געהאַלטן, איז שוין די באַוועגונג אין מאָסקווע געווען אונטערדריקט און די רעוואָלוציע פון 1905 איז שוין געווען פאַרלאָרן.

אין דער צווישן־תקופה צווישןביידע גרויסע רעוואָלוציאָנערע כוואַליעס, — דעם אָקטאָבער־סטרייק און דעם דעצעמבער־אויפשטאַנד, — איז רוסלאַנד פאַקטיש געווען אַ פרייע לאַנד מיט זייער אַ גרויסן איינפלוס און זייער אַ גרויסן כוח פונם רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־קלאַס. ערשט נאָך דעצעמבער, נאָך דעם, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פעטערבורגער אַרבעטער האָבן רואיק דערלאָזן, אַז עס זאָל צעטריבן ווערן זייער סאָוועט, און אין מאָסקווע האָט דער אָפענער אויפשטאַנד זיך פאַרענדיקט מיט אַ מפּלה פון די רעוואָלוציאָנערן, און די גוואַרדיי־פולקן האָבן באַוויזן, אַז זיי קעמפן געטריי פאַרן צאַר, — ערשט יעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן אַ פעריאָד פון רעאַקציאָנערער סטאַביליזאַציע. די צאַרישע רעגירונג האָט באַפעסטיקט איר מאַכט, געהויבן אַ ביסל איר פרעסטיזש, געזוכט וואָס גיכער צו מאַכן שלום מיט יאַפּאַן, כדי צו באַפרייען די אַרמיי פון דעם דעמאָראַליזירנדיקן איינפלוס פון די שטענ־דיקע מפּלות אויפן פראָנט.

אָבער דאָס האָט נאָך אין גאַנצן ניט באַדייט, אַז די צאַרישע רע־גירונג קאָן אין גאַנצן נעמען צוריק יענע צוזאָגן און הבטחות וואָס זי האָט געגעבן אין אָקטאָבער־מאַניפעסט, און צוגעזאָגט האָט זי ניט מער און ניט ווייניקער — ווי אַ פּאַרלאַמענט. און אויב די ליבעראַלע און מעסיק־אינטעליגענטישע קרייזן זיינען געבליבן נייטראַל אין קאַמף

צווישן די אַרבעטער און דער רעגירונג אין די דעצעמבער־טעג, און אויב אַפילו אַ טייל בורזשואַז־ליבעראַלע עלעמענטן האָט מאָראַליש אונטערשטיצט די רעגירונג קעגן די רעוואָלוציאָנערן, — איז דאָס אַלץ געווען נאָר מיט דעם באַדינג, און נאָר אין דער האָפענונג, אַז עס וועט איינגעפירט ווערן אַ פּאַרלאַמענטאַרישער רעזשים, אַז עס וועט צונויפ־גערופן ווערן די צוגעזאָגטע „גאַרסודאַרסטווענאַיאַ דומאַ״.

אַזוי אַרום האָט זיך אין דעצעמבער געענדיקט דער רעוואָלוציאָנערער פּעריאָד און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער פּאַרלאַמענטאַרישער: עס איז אָנגעקומען די עפּאָכע פון דער ערשטער גאָסודאַרסטווענאַיאַ דומאַ.

אין די פירנדיקע קרייזן פון דער צאַרישער רעגירונג איז יעמאָלט פאָרגעקומען אַ טיפער אינעווייניקסטער קאַמף: אַ טייל מיניסטאָרן און סתם מענטשן, וואָס האָבן געהאַט אַן איינפלוס אויפן קיסר ניקאָלאַי, צווישן זיי — גראַף וויטטע, — האָבן אין יענעם מאָמענט געשטרעבט צו אַ מעסיקער קאָנסטיטוציאָנעלער מאָנאַרכיע. מען האָט געוואָלט, לויטן פּרייסיש־דייטשן מוסטער, פאַראייניקן די רעכט פון דעם מאָנאַרך מיט געוויסע רעכט פון דער פאָלקס־פאָרטרעטונג, ספּעציעל אין די פינאַנציעלע און עקאָנאָמישע פראַגעס. וויטטע, וואָס איז געווען איינער פון די אויפבויער פון דער רוסישער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, האָט געהאַלטן, אַז אַזאַ מין מעסיקער פּאַרלאַמענטאַריזם וועט זיין נוצלעך פאַר דער אינדוסטריעלער און קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג פון רוסלאַנד, און אַז דאָס לאַנד וועט דורך דעם ווערן מיט דער צייט פונקט אַזאַ קאַפּיטאַליסטישע לאַנד, ווי די אַנדערע לענדער פון אייראָפּע. וויטטעס פּראָגראַם איז, אַזוי אַרום, געווען דאָס פּראָגראַם פון דער ליבעראַל־מאָנאַרכיסטישער רוסישער בורזשואַזיע. אָבער אָט די פּראָגראַם איז געווען נאָך אַלץ צו „ראַדיקאַל״ און צו „רעוואָלוציאָנער״ פאַר די איינפלוסרייכסטע טיילן פון דעם רוסישן הויף, פון דעם רוסישן אַדעל און פון דער רוסישער אַרמיי. זיי האָבן געהאַלטן וויטטען פאַר אַ געפערלעכן רעוואָלוציאָנער, בפרט נאָך, אַז וויטטע האָט געהאַט אַ אידישע פרוי און איז צוליב זיינע פאַרבינדונגען מיט די אייראָפּעאישע פינאַנץ־קרייזן פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ אידן־פריינט, ספּעציעל פאַר אַ קעגנער פון די פּאָגראָמען.

פון וויטטעס דעראינערונגען, וואָס זיינען מיט אַ יאָר 15 צוריק פאַרעפנטלעכט געוואָרן, קאָן מען דייטלעך זעען, אַז דער דאָזיקער „רוסישער ביסמאַרק״ איז געווען היפש באַשרענקט אין זיין גייסטיקן האָריזאָנט. ניט געקוקט אויף דעם, האָבן אַ סך רוסישע ליבעראַלן, בפרט רוסישע אידן, געהאַלטן וויטטען פאַר אַ פּאָליטישן גאון און האָבן געלייגט אויף אים זייער גרויסע האָפענונגען.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם איז ביי מיר פאָרגעקומען אַ קאָמישער אינצידענט. דערציילנדיק וועגן אונזער בונדישער אַרבעט אין פּעטערבורג, האָב איך שוין דערמאָנט וועגן אַלעקסאַנדער איסאַיעוויטש בראַודאָ.

דאָס איז געווען ניט נאָר פּערזענלעך אַ העכסט סימפּאַטישער און ריינער מענטש, מיט גרויס בילדונג (ער איז געווען איינער פון די דירעקטאָרן פון דער עפנטלעכער קייזערלעכער ביבליאָטעק אין פּעטערבורג, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז געווען אַ איד), נאָר ער איז אויך פּאָליטיש געווען זייער אַ דעמאָקראַטיש־ און אַרבעטער־פריינטלעך געזאָנענער מענטש. ער האָט זיך מיט פיל סימפּאַטיע באַצויגן צום „בונד", און מיט מיר פּערענלזעך איז ער געשטאַנען אין גאָר פריינטלעכע באַציאונגען. אָט אין דער מהומה־צייט, ווען פּעטערבורג איז געווען פול מיט קלאַנגען וועגן דעם קאַמף, וואָס וויטטע פירט קעגן די רעאַקציאָנערע קרייזן פון קייזערלעכן הויף, איז צו מיר בראַודאָ געקומען מיט זייער אַ געהיימניספולער מינע און האָט מיך געפרעגט, צי וויל איך זיך ניט טרעפן מיט אַ פּראָמינענטן פאַרטרעטער פון די דייטשע אידן, וואָס וויל זיך מיט מיר דורכריידן וועגן זייער אַן ערנסטן ענין. איך בין געווען נייגיריק צו הערן, וואָס דער דאָזיקער דייטשער איד האָט מיר צו זאָגן און בין מסכים געווען זיך מיט אים צו באַגעגענען. מיר האָבן זיך געטראָפן אין דעם „איוראָפּעאישן האָטעל", דעם גרעסטן און שענסטן האָטעל, וואָס פּעטערבורג האָט יעמאָלט פאַרמאָגט. און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אויסלענדער איז ניט קיין אַנדערער, ווי ד"ר פּאַול נ אַ ט אַ ן, טאַקע איינער פון די סאַמע פּראָמינענטע פאַרטרעטער פון דייטשן אידנטום. דער נאָמען פון נאַטאַן איז מיר געווען באַקאַנט ניט נאָר ווי אַ נאָמען פון אַ אידישן כלל־טוער, נאָר אויך פון אַ דעמאָקראַטישן דייטשן פּאָליטיקער. נאַטאַן איז געשטאַנען אין פריינטשאַפטלעכע באַציאונגען מיט פּאַול זינגער, דעם באַרימטן פירער פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, מיט עדואַרד בערנשטיין, מיט בעבעלן און אַלע אַנדערע באַרימטע דייטשע סאָציאַליסטן, מיט וועלכע ער האָט געאַרבעט אין דער בערלינער שטאָט־פאַרוואַלטונג. איך וויל צוגעבן, אַז נאָך דער דייטשער רעוואָלוציע 1918 איז נאַטאַן געשטאַנען נאָענט צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און איז, דוכט זיך, זאָגאָר געווען אַן איינגעשריבענער מיטגליד.

נו, אין יענעם מאָמענט האָט נאַטאַן גענומען אויף זיך גאָר אַ גרויסע און גאָר אַ וויכטיקע מיסיע: ער האָט געוואָלט שאַפן אַ געהיימע פאַרבינדונג צווישן גראַף וויטטע און די רוסישע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, אָדער, ווייניקסטנס, די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. און אַזוי ווי ער האָט די רוסישע סאָיצאַל־דעמאָקראַטן פערזענלעך ניט געקאַנט און זיינע פּעטערבורגער אידישע פריינט האָבן אים זייער פיל דערציילט וועגן מיר, ווי וועגן אַ מענטשן מיט „איוראָפּעאישע" אָנשויאונגען, איז ער, הייסט דאָס, געקומען צו מיר בעטן, איך זאָל נעמען אויף זיך די פאַרמיטלונג אויף צונויפצופירן די ביידע צדדים: די רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטן און דעם „בונד", פון איין זייט, און גראַף וויטטע, פון דער אַנדערער זייט. אָט דאָס איז געווען די הקדמה, מיט וועלכער נאַטאַן האָט אָנגעהויבן זיין רעדע.

ער האָט זיך דערנאָך פאַרטיפט אין דער אונטערזוכונג פון דער רוסישער פּאָליטישער לאַגע, און ביי אים איז אויסגעקומען, אַז אין רוס־לאַנד איז היינט פאַראַן נאָר איין איינציקער מענטש, וואָס קאָן ראַטעווען די לאַגע און אַרויספירן רוסלאַנד אויפן ברייטן שליאַך פון דער אייראָפּעאישער אַנטוויקלונג: דאָס איז גראַף וויטטע, וואָס אים איז באַשערט צו שפּילן אין רוסלאַנד די זעלביקע ראָלע, וואָס גראַף ביסמאַרק האָט געשפּילט אין דייטשלאַנד אין 1870. און — דאָס האָט נאָטאַן צו־געגעבן מיט אַ קלוגן שמייכעלע, — אויב דער דייטשער אַרבעטער־פירער לאַסאַל האָט זיך ניט געשעמט צו פירן געהיימע אונטערהאַנדלונ־גען מיט דעם „אייזערנעם רייכסקאַנצלער" ביסמאַרק, כדי צו זיכערן פאַר די דייטשע אַרבעטער אַלגעמיינע וואַל־רעכט און גרויסע סאָציאַלע דערגרייכונגען, — טאָ זאָלן די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן באַוויזן, אַז זיי זיינען פעאיק נאָכצופאָלגן דעם ביישפּיל פון דעם גרויסן דייטש־אידישן אַרבעטער־פירער.

איך האָב ניט געטיילט נאָטאַנס באַגייסטערונג פאַר וויטטעס פּאָ־ליטישע גאונשאַפט, און בין געווען ווייט פון דעם גלויבן, אַז וויטטען איז טאַקע באַשערט צו שפּילן די ראָלע פון אַ רוסישן ביסמאַרק. פון דער אַנדערער זייט אָבער, האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז נאָטאַן רעדט דאָ ניט אין אייגענעם נאָמען, נאָר פירט דורך אַ מיסיע, וואָס עס איז אים געגעבן געוואָרן פון אַנדערע, אפשר טאַקע פון וויטטען גופא. האָב איך געהאַלטן, אַז איידער צו געבן אַן אָפּזאָג, דאַרף מען וועגן דעם ענין אַ טראַכט טאָן און דורכריידן זיך מיט די אַנדערע חברים און פריער פאַר אַלץ — מיט דעם צ. ק. פון „בונד". פונדעסטוועגן האָב איך זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן פון אַ פּאָר באַמערקונגען און ספּע־ציעל האָב איך אים געמאַכט אויפמערקזאַם אויף דעם, אַז אַזוי ווי ער איז אַ גוטער קענער פון דער דייטשער סאָציאַלער געשיכטע און זיכער אויך פון מאַרקסן, טאָ זאָל ער זיך דערמאָנען וועגן דעם, וואָס מאַרקס שרייבט אין איינע פון זיינע ווערק: „מאָנכע געשעענישן ווידערהאָלן זיך אין דער געשיכטע און קומען פאָר צוויי מאָל. אָבער דאָס ערשטע מאָל איז דאָס אַ דראַמע, און דאָס צווייטע מאָל איז דאָס אַ קאָמעדיע". אויב די באַגעגעניש צווישן ביסמאַרקן און לאַסאַלן איז געווען אַן ערנ־סטע פּאָליטישע געשעעניש, קאָן די באַגעגעניש צווישן וויטטע און אונז זיין ניט מער ווי אַ קאָמעדיע...

נאָטאַן האָט מיך אויסגעהערט מיט זיין פריינטלעכן שמייכל און כדי צו באַווייזן מיר, אַז ער איז טאַקע באַקאַנט מיט מאַרקסעס ביכער, האָט ער מיר אויף אויסווייניק פאַרענדיקט יענע פראַזע פון מאַרקסן, וועלכע איך האָב אָנגעהויבן.

ניט געקוקט אויף דעם, בעט ער מיך פאָרט, מיר זאָלן מאַכן דעם פּרואוו. האָב איך אים צוגעזאָגט, אַז איך וועל זיין פאָרשלאָג גלייך ברענגען אין מיין צענטראַל־קאָמיטעט, און דאָרטן וועלן מיר זעען, וואָס מען קאָן ווייטער טאָן.

איך בין טאַקע צוליב דעם ספּעציעל צוגעפאָרן קיין ווילנע, האָב איבערצוגעבן די חברים פון צענטראַל־קאָמיטעט וועגן דעם געשפּרעך, אָבער זיי האָבן זיך באַצויגן צו דעם ענין נאָך מיט אַ גרעסערן סקעפּטי־ציזם ווי איך. אַזוי איז געבליבן, אַז מיר זאָלן ניט נעמען אויף זיך די אי־ניציאַטיוו פון אונטערהאַנדלונגען מיט וויטען. ווארים דאָס וואָלט צו קיין שום טאָלק ניט געבראַכט, נעמענדיק אין אַכט אי די פּאַקטישע מאַכטלאָזיקייט פון וויטען, וואָס האָט בשום אופן ניט געהאַט יענעם אומגעהייערן איינפלוס אויף זיין רעגירונג און אויף זיין קיסר, וואָס עס האָט פאַרמאָגט בשעתו ביסמאַרק. פון דער אַנדער זייט האָבן מיר גענוי געקאַנט די שוואַכקייט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און איר צעברעקלטקייט אויף פאַרשיידענע ריכטונגען, וועגן וועלכע עס וועט מיר נאָך אויסקומען צו ריידן אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

6

די 7־טע קאָנפערענץ פון „בונד"

די רעגירונג האָט געקאָנט אָפּהאַלטן דעם נצחון אין דעצעמבער 1905 דער עיקר, צוליב דעם, וואָס דער עולם האָט געהאָפט אויף דעם צוגעזאָגטן פּאַרלאַמענט און האָט זיך שוין גייסטיק אָנגעהויבן צו גרייטן צו דער גרויסער געשעעניש. עס איז טאַקע באַלד אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ געזעץ וועגן די וואַלן און עס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער וואַל־געזעץ און די וואַל־אָרדענונג.

די וואַלן צו דער דומע זיינען ניט געווען ניט קיין אַלגעמיינע, ניט קיין גלייכע און שוין גאָר ניט קיין דירעקטע. די באַפעלקערונג איז צע־טיילט געוואָרן לויט פאַרשיידענע „קוריעס", וואַל־גרופּעס. די דערפער באַזונדערס, די שטעט באַזונדערס; אין די דערפער — די פּויערים אָפּ־געטיילט פון די ערד־אייגנטימער און די פּריצים; אין די שטעט — די רייכע הויז־באַזיצערס און סוחרים אָפּגעטיילט פון די מיטלעלע און די קליינאייגנטימער, און די לעצטע — אָפּגעטיילט פון די אַרבעטער. יעדע קוריע פלעגט אויסקלייבן אירע וואַלמענער („וויבאָרשטשיקעס"), די וואַל־מענער פון יעדער קוריע פלעגן זיך צוזאַמענקלייבן לויט די אויעזדן און אויסקלייבן וואַל־מענער פאַר דער גאַנצער גובערניע. און די גובער־ניאַלע וואַלמענער פלעגן זיך ענדלעך באַגעגענען מיט די אַנדערע קוריעס און געמיינזאַם אויסקלייבן אַ געוויסע צאָל דעפּוטאַטן צו דער דומע. אין דעם געזעץ איז פאָראויסגעזען געוואָרן, אַז אַ געוויסע צאָל דעפּוטאַטן מוז גענומען ווערן פון דער ערשטער קוריע, אַ טייל — פון דער צווייטער, אַ טייל — פון דער דריטער, אאַז"וו.

וואָס אָנבאַלאַנגט די אַרבעטער, איז פאַר זיי באַשאַפן געוואָרן אַ באַזונדערע (אָבער נאָר אין געוויסע שטעט, אין געוויסע גובערניעס)

„אַרבעטער־קוריע" : עס האָבן אין יעדער גרויסער פאַבריק אָדער אונ־טערנעמונג אין די דאָזיקע שטעט (אָדער די דאָזיקע גובערניעס) געמוזט אויסגעקליבן ווערן וואַלמענער. אָבער די וואַלמענער האָבן געמוזט אויסגעקליבן ווערן אין דער פאַבריק גופא, צווישן די דאָרטיקע אַר־בעטער אָדער אָנגעשטעלטע. קיין פרעמדע, קיין אינטעליגענטן האָבן ניט געטאָרט געוויילט ווערן. די אַרבעטער־וואַלמענער פון דער גאַנצער שטאָט האָבן אונטער דעם פּאָרזיץ פון אַ רעגירונגס־פאַרטרעטער גע־מוזט אויסקלייבן וואַלמענער צו דעם גובערניאַלן צוזאַמענפאָר פון אַלע וואַלמענער. דערפאַר אָבער איז באַשטימט געוואָרן אין עטלעכע גע־ציילטע גרויסע שטעט, ווי פעטערבורג, מאָסקווע, וואַרשע א"א, אַז איינער פון די דעפּוטאַטן מוז אויסגעקליבן ווערן צווישן די אַרבעטער־וואַלמענער.

דאָס האָט געגעבן דער אַרבעטערשאַפט פון די גרויסע שטעט אַ גאַ־ראַנטיע, אַז זיי וועלן האָבן אַן אייגענע פאַרטרעטונג אין דער דומע. אויך אין אייניקע גובערניעס זיינען גאַראַנטירט געוואָרן אַרבעטער־דעפּוטאַטן.

דאָס איז געווען גוט פאַר די גאָר גרויסע אַרבעטער־צענטרען מיט ריזיקע פאַבריקן. דערפאַר אָבער זיינען געבליבן אין גאַנצן רעכטלאָז די אַרבעטער פון די קלענערע שטעט און קלענערע צענטרען, וואו קיין באַזונדערע אַרבעטער־קוריעס זיינען דורך דעם געזעץ ניט גאַראַנטירט געוואָרן. אָט דאָ האָבן די אַרבעטער כמעט קיין שום שאַנסן ניט געהאַט אויף דורכצופירן זייערן אַ דעפּוטאַט, אָדער אַפילו צו באַקומען וואַל־מענער. און אָט צו די קלענערע שטעט און ראַיאָנען האָט געהערט דער גאַנצער ראַיאָן פון „בונד", מיטן אויסנאַם פון וואַרשע און אָדעס. אַזוי ווי די אידישע אַרבעטער האָבן ניט געאַרבעט אין די גרויסע אונטער־נעמונגען און זיינען דעריבער ניט אַריין אין די אַרבעטער־קוריעס, אַפילו דאָרט, וואו די קוריעס זיינען יאָ געווען, איז במילא אויסגעקומען ביי דעם דאָזיקן וואַל־סיסטעם, אַז דער „בונד" וועט בשום אופן ניט קאָנען זיין פאַרטראָטן אין פּאַרלאַמענט.

דאָס איז געווען איינע פון די אורזאַכן, פאַר וואָס מיר זיינען געווען אַזוי שאַרף קעגן דעם וואַל־געזעץ פון דער דומע און קעגן דער גאַנצער דומע : מיר האָבן בשום אופן ניט געוואָלט אַקצעפּטירן אַזאַ „פּאַרלאַ־מענט", צו וועלכן דער אידישער אַרבעטער־קלאַס האָט קיין וואַלרעכט ניט.

אָבער דאָס איז געווען, פאַרשטייט זיך, איינע פון די אורזאַכן און ניט די וויכטיקסטע. דאָס וויכטיקסטע איז געווען אונזער אַלטע איבער־צייגונג, וואָס מיר האָבן אָנגענומען נאָך אין די בלוטיקע יאַנואַר־טעג 1905, אַז די רעוואָלוציע גייט אַלץ פאָרווערטס, באַרג־אַרויף, אַז די אַנט־שיידונג פון דעם גורל פון דער רעוואָלוציע וועט געבראַכט ווערן דורך אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד. מוז מען דעריבער קאָנסעקווענט אָפּוואַרפן אַלע מתנות און הנחות, וואָס די צאַרישע רעגירונג גיט דעם פאָלק, כדי אים אָפּצונאַרן און כדי אים אַראָפּצוברענגען פון דעם רעוואָלוציאָנערן וועג.

פיל פון אונז האָבן אפילו נאָכן דעצעמבער פעריאָד ניט פאַרשטאַנען, אַז די ערשטע תקופה פון דער רעוואָלוציע איז שוין ענדגילטיק פאַר־בייגעגאַנגען און אַז מען דאַרף אַלע כוחות אַנווענדן גאָר אויף אַן אַנדער געביט און גאָר אַן אַנדער טאַקטיק.

דער דאָזיקער שטאַנדפונקט האָט לאָגיש געבראַכט צו דער טאַק־טיק פון אַקטיווען באָיקאָט פון די דומע־וואַלן. דער „בונד" האָט טאַקע דורכגעפירט אין זיין גאַנצן ראַיאָן דעם דאָזיקן באָיקאָט. און מיר אַליין איז אויסגעקומען דורכצופירן דעם באָיקאָט אויף אַ גרויסער אידישער וואַל־פאַרזאַמלונג אין ווילנע אין שטאָטישן טעאַטער. מיר איז דאָס געווען געוואַלטיק ניט אָנגענעם, אָבער אַ באַשלוס איז אַ באַשלוס.

דער „בונד" איז ניט געשטאַנען אַליין מיט זיין טאַקטיק פון באָיקאָט. פונקט פאַרקערט. דער גרעסטער טייל פון די רוסלענדער סאָציאַל־דע־מאָקראַטן, אויך די לאַטווישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אַ גרויסער טייל פון די פוילישע סאָציאַליסטן און אַפילו אַ גרויסער טייל פון דער ראַדי־קאַלער אינטעליגענץ זיינען געווען קעגן דער באַטייליקונג אין דעם פאַרקריפּלטן „פּאַרלאַמענט". נאָר די מענשעוויקעס, און דערביי אויך ניט אַלע, זיינען געווען פאַר דעם, אַז מען זאָל זיך יאָ באַטייליקן אין די וואַלן און אין דער דומע גופא, נעמענדיק אין אַכט, אַז דער ערגסטער פּאַרלאַמענט איז אַ גרויסער פּראָגרעס אין פאַרגלייך מיט דער זעלבסט־הערשונג און אַז די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־באַוועגונג, אויב זי זאָל זיין שטאַרק, וועט קאָנען פון אַ פאַרקריפּלטן פּאַרלאַמענט מאַכן אַן אמתן רעוואָלוציאָנערן „קאָנווענט". („קאָנווענשן" האָט זיך גערופן דער באַרימטער פראַנצויזישער פּאַרלאַמענט אין דער צייט פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, און מיר האָבן יעמאָלט, אין 1905 און אַפילו שפּעטער, אין 1917, אונזער טאַקטיק געבויט לויטן מוסטער פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע 1789־1791.)

ווי מיר האָבן שפּעטער איינגעזעען, זיינען די מענשעוויקעס גע־ווען גערעכט.

זינט אָקטאָבער 1905 זיינען פאָרגעקומען אַזוינע גראַנדיעזע גע־שעענישן אין רוסלאַנד, און די פראַגע וועגן דער דומע האָט אַרויסגערופן אין דעם רוסלענדער סאָציאַליזם אַזוינע שטאַרקע חלוקי דעות, אַז דער צ. ק. פון „בונד" האָט באַשלאָסן, אַז מען דאַרף זיך וועגן דעם אַלעם גרינטלעך דורכריידן. האָט מען אָרגאַניזירט אַ קאָנפערענץ פון „בונד" — די 7־טע לויט איר סדר, און אָרגאַניזירט האָט מען איר טאַקע ווידער אין אויסלאַנד: ניט געקוקט אויף אַלע פרייהייטן און דומעס האָבן מיר ניט געוואָלט נעמען אויף זיך די ריזיקע, אַז די גאַנצע אָנפירערשאַפט פון „בונד" זאָל אפשר אַריינפאַלן אין די הענט פון דער אָכראַנע!

האָב איך ווידער איינגעפּאַקט מיין טשעמאָדאַנטשיק און אַריינ־געזעצט זיך אין צוג, וואָס גייט קיין בערלין און אַוועקגעפאָרן קיין שווייצאַריע צוגרייטן די זיבעטע קאָנפערענץ פון „בונד".

דורכגערעדט זיך מיט דעם אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד" און באַשלאָסן, אַז דאָס מאָל זאָל די קאָנפערענץ פאָרקומען ניט אין ציריך, וואו מיר האָבן שוין געהאַט צוויי צוזאַמענקונפטן, נאָר אין בערן.

בערן איז אָפיציעל די הויפט־שטאָט פון שווייצאַריע, אָבער אין דער אמתן איז דאָס אַ קליינע, רואיקע פּראָווינציעלע שטאָט, פיל קלענער פאַר ציריך, אָבער וואונדערשיין געלעגן, אַרומגערינגלט מיט אַ קייט פון אַלפּן־בערג מיט ווייסע שפּיצן באַדעקט מיט אייביקן שניי.

דער צענטראַל־פונקט פון דער 7־טער קאָנפערענץ איז געווען די אַלגעמיינע פּאָליטישע לאַגע אין רוסלאַנד און די דומע. קיין קעגנער פון באָיקאָט זיינען כמעט ווי ניט געווען, דער באַשלוס צו באָיקאָטירן די דומע, כדי צוצוגרייטן נאָך ענערגישער און נאָך שטאַרקער אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד און דורך אים אַ פולשטענדיקע ראַדיקאַלע רעוואָלוציע — אָט דער שטאַנדפונקט איז אָנגענומען געוואָרן כמעט איינשטימיק.

די 7־טע קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען ענדע מערץ. עס איז געווען פרילינג אין דער שווייץ און אין אונזערע הערצער זיינען נאָך געווען פרילינג־האָפענונגען אויף דער רעוואָלוציע. מיר זיינען געווען אַלע פול מיט ענערגיע, מיט גרויסע פּלענער, מיט גלענצנדע פּערספּעקטיוון; מיר זיינען געווען זיכער, אַז די צעפאַלונג און צערודערונג פון צאַרישן רעזשים וועט גיין אַלץ ווייטער און ווייטער.

אין דעם געפיל פון אָט די גרויסע קומענדיקע געשעענישן, אין דעם באַוואוסטזיין פון אונזער מאַכט און צוקונפטיקער גרויסקייט, זיינען מיר אַלע געווען אין אַ געהויבענער, יום־טובדיקער שטימונג.

אויף ווי פיל איך קאָן זיך איצט דערמאָנען זיינען די 8—10 טעג, וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט אין בערן, געווען די פריילעכסטע און אָנגענעמסטע, וואָס אונזער בונדישע חברה האָט ווען ניט איז פאַרבראַכט אין אויסלאַנד. קיין גרויסע אינעווייניקסטע קאַמפן און רייסערייען זיינען ביי אונז ניט געווען. די זיצונגען פלעגן ביי אונז דורכגיין רואיק און אין אָוונט פלעגט אונדזער קאָמפּאַניע זיך אַוועקלאָזן שפּאַצירן איבער די שטילע, רואיקע גאַסן פון בערן. מען פלעגט זיך חכמהנען, וויצלען, קיבעצן איינער דעם אַנדערן. מעדעם און דזשאָן פלעגן אונז באַווייזן די נייסטע טענץ, און מיט אַלעקסאַנדערן פלעגן מיר פירן שטענדיקע דעבאַטעס וועגן זיין אָנצוג און וועגן זיין הוט. זיינע קליידער זיינען אַלץ געווען זייער אַלט און אָפּגעטראָגן און מיר האָבן געהאַלטן, אַז דאָס איז ניט קאָנספּיראַטיוו. אָבער אַלעקסאַנדער האָט זיך פאַרעקשנט, אַז מען דאַרף ניט אויסגעבן די געלט פון צ. ק. אויף אַזעלכע נאַרישקייטן, ווי אַ נייער אָנצוג, און האָט זיך בשום אופן ניט געוואָלט צעשיידן מיט זיין אַלטן רעקל און בפרט מיט זיין אַלטן קאַפּעלוש. האָבן מיר געמאַכט קעגן אים אַ פאַרשווערונג: אין דעם מאָמענט, ווען מיר זיינען פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי אַ גרויסן הוט־געשעפט, האָט מעדעם אַראָפּגעכאַפּט ביי אַלעקסאַנדערן דעם קאַפּעלוש פון קאָפּ און איידער דער אָרעמער אַלעק־

סאַנדער האָט נאָך באַוויזן עפּעס צו טאָן, האָבן מיר דעם הוט ביידע צעטראָטן מיט די פיס. שילטנדיק אונדז מיט די ערגסטע זידל-ווערטער, איז אַלעקסאַנדער נעבעך אַריינגעגאַנגען מיט אונדז אין דער הוט-קראָם און האָט זיך געלאָזט קויפן אַ נייעם, קיילעכדיקן, האַרטן קאַפּעלוש, וואָס דאָס איז יעמאָלט געווען אַ מין אוניפאָרם פאַר אַלע אומלעגאַלע רעוואָלוציאָנערן, ווייל מען האָט געהאַלטן, אַז אַזאַ הוט איז באַזונדערס בורזשואַז און באַלעבאַטיש.

דאָס איז שוין געווען אָנהייב אַפּריל. אָבער אין מיטן אַפּריל (לויט דער רוסישער צייט-רעכענונג ; לויט דער אויסלענדישער איז דאָס שוין געווען סוף אַפּריל) האָט זיך גענדאַרפט אָנהייבן אין סטאָקהאָלם דער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, — דער ערשטער אַלגעמיינער צוזאַמענפאָר נאָך יענעם באַרימטן „צווייטן צוזאַמענפאָר" פון 1903, אויף וועלכן דער „בונד" איז אַרויסגעטראָטן פון דער פּאַרטיי, און אויף וועלכן די פּאַרטיי האָט זיך צעשפּאָלטן אויף „באָלשעוויקעס" און „מענשעוויקעס".

אויף אונזער 7-טער קאָנפערענץ און דערנאָך אויף די זיצונגען פון צ. ק. האָבן מיר גרינטלעך באַטראַכט די פראַגע, צי זאָלן מיר אָננעמען די איינלאַדונג, וואָס איז אונז צוגעשיקט געוואָרן פון די רוסישע חברים, צי ניט. פאָרמעל זיינען מיר ניט געווען מער קיין טייל פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. אָבער פּאַקטיש האָבן מיר קיין מאָל ניט אויפגעהערט צו זיין אַן אַקטיווער און אינטים-פאַרבונדענער טייל פון דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע. אַזוי איז נאָך דעם 9-טן יאַנואַר 1905 דער צ. ק. פון „בונד" געווען דער יעניקער, וואָס האָט געהאָלפן צוזאַמענרופן אין ריגע אַן אַלגעמיינע באַראַטונג פון אַלע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס. דערנאָך, בשעת עס האָט זיך אָנגעהויבן דער „פרילינג" מיט די פרייהייטן, אין זומער 1905, זיינען אין פּעטערבורג פאָרגעקומען באַראַטונגען פון אַלע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, און אויף זיי האָט זיך ווידער באַטייליקט אַקטיוו דער צ. ק. פון „בונד" (די פאַרטרעטער זיינען געווען איך און דערנאָך אויך אַלעקסאַנדער). אין דעם פּעטערבורגער סאָוועט און אין דעם עקזעקוטיוו-קאָמיטעט איז דער „בונד" ווידער געווען באַטייליקט צוזאַמען מיט די אַלע אַנדערע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס. אויך נאָך דעם דעצעמבער-אויפשטאַנד זיינען געווען געמיינזאַמע באַראַטונגען, און אויף זיי איז דער „בונד" שטענדיק געווען פאַרטראָטן גאַנץ אַקטיוו.

דעריבער, ווען מיר האָבן אין בערן באַטראַכט די פראַגע וועגן דער איינלאַדונג צו דעם סטאָקהאָלמער צוזאַמענפאָר, איז ביי אונז געבליבן, אַז מיר מוזן דעם דאָזיקן פאָרשלאַג אומבאַדינגט אָננעמען. זאָל מען גיין אַהין און הערן וואָס די רוסישע חברים וועלן אונז פאָרשלאָגן : וועט דאָס זיין אָננעמבאַר, איז דאָך געוויס גוט. וועלן מיר דאָס ניט קאָנען אָננעמען, נו, מילא, וועט דאָס בלייבן ביים אַלטן.

אָבער עס פאַרשטייט זיך, אַז באַטייליקן זיך קאָנען מיר נאָר ווי געסט און ניט ווי רעגולערע דעלעגאַטן. און דעריבער האָט מען באַשלאָסן, אַז פון „בונד" זאָלן פאָרן נאָר דריי מענטשן. און די דריי, אויף וועלכע מען האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיינען געווען: יונה (קאָיגען), ליבער און איך.

די 7-טע קאָנפערענץ פון „בונד" האָט זיך געענדיקט מיט אַ וואָך פריער, איידער עס האָט זיך געדאַרפט אָנהייבן דער צוזאַמענפאָר אין סטאָקהאָלם. אומקערן זיך צוריק קיין רוסלאַנד און פון דאָרטן פאָרן קיין סטאָקהאָלם, האָט ניט געהאַט קיין זין. האָבען מיר באַשלאָסן צו בלייבן די עטלעכע טעג אין שווייצאַריע, און אַזוי ווי איך האָב זיך געוואָלט זעען מיט מיין שוועסטער סאָניע, וואָס האָט זיך יעמאָלט אויך געפונען אין שווייצאַריע, אין אַ דערפל לעבן לאָקאַרנאָ, בין איך צוגעפאָרן אַהין און כ'האָב איינגערעדט די גאַנצע חברה, זיי זאָלן מיט מיר מיטפאָרן: זאָל דאָס זיין אַן אָפּרו פאַר די וויטערדיקע געווים זייער איבערגענדיקע שווערע געשעענישן, וואָס דערוואַרטן אונז אין רוסלאַנד נאָך אונזער צוריק-קער. די רייזעס האָבן יעמאָלט אין דער שווייץ געקאָסט זייער ביליק. די שטרעקע איז געווען ניט קיין לאַנגע הגם זייער אַ שיינע (איבער דער באַרימטער גאָטאַרד-באַן) און די איטאַליענישע אָזערעס אין דער געגנט פון לוגאַנאָ און לאָקאַרנאָ ווערן פאַררעכנט צווישן די שענסטע אין דער וועלט. האָט די חברה זיך געלאָזט איינריידן. זיינען מיר אַלע אויף 3—4 טעג אַוועקגעפאָרן אַהין און האָבן דאָרטן דורכגעלעבט וואונדערבאַרע טעג, וואָס זיינען אויף לאַנג געבליבן אין אונדזער זכרון.

פון דאָרטן זיינען אַלע אַוועקגעפאָרן צוריק צו זייער אַרבעט, און מיר דריי — יונה, ליבער און איך — האָבן זיך איבער דייטשלאַנד און גאַנץ שוועדן אַוועקגעלאָזן קיין סטאָקהאָלם.

7

דער סטאָקהאָלמער צוזאַמענפאָר פון דער פאַרטיי

גאָר אַן אַנדער אַטמאָספערע, ווי אויף אונזער קאָנפערענץ, האָבן מיר געפונען אויף דעם רוסלענדער צוזאַמענפאָר אין סטאָקהאָלם. אַנשטאָט אונדזער בונדישער וואַרעמער און חברשער סביבה, האָבן מיר באַגעגנט אַ צעשפאַלטונג אויף צוויי פיינטלעכע מחנות: מענשעוויקעס און באָלשעוויקעס. יעדע מחנה איזאָלירט פון די אַנדערע, מיט אירע אייגענע פירער, מיט אירע אייגענע זיצונגען, ריכטונגען און אינעווייניקסטע קאַמפן, און אַזוי פיינטלעך בנוגע צו דער אַנדערער מחנה, אַז מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז דאָס זיינען ניט צוויי פליגלען פון דער זעלביקער פאַרטיי נאָר טאַקע צוויי פרעמדע און פיינטלעכע פאַרטייען.

אין די אַלגעמיינע פּאָליטישע פראַגעס זיינען מיר, בונדיסטן, אין יענעם מאָמענט געשטאַנען נעענטער צו די באָלשעוויקעס. אין איינעם מיט זיי זיינען מיר געווען אָנהענגער פון דומע-באָיקאָט. אין איינעם מיט זיי האָבן מיר געהאַלטן, אַז דער הויפּט-צוועק פון אונדזער קאַמף דאַרף זיין די צוגרייטונג פון אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד. אין איינעם מיט זיי האָבן מיר געהאַלטן, אַז די פרייהייטן, וואָס זיינען אויסגעקעמפט געוואָרן אין אָקטאָבער זיינען ווייניק ווערט און אַז מען קאָן זיי נית אויסנוצן פאַר פאַרלאַמענטאַרישער אַרבעט. און אין איינעם מיט די באָל-שעוויקעס האָבן מיר געהאַלטן, אַז די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, וואָס ווערן איצט געגרינדעט, דאַרפן זיך געפינען אונטער דער שטרענגער אָנפירערשאַפט און קאָנטראָל פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

אָבער נית מיט אַלץ זיינען מיר געווען נאָענט צו די באָלשעוויקעס: לעניניס פּרינציפּ פון אָרגאַניזאַציע, זיין נטיה צו דיקטאַטור אין דער פאַר-טיי, זיין אַמאָראַלישקייט אין דעם אינעווייניקסטן קאַמף, — דאָס אַלץ האָט אונז אָפּגעשטויסן, ווייל ביי אונז אין „בונד" זיינען מיר דערצויגן געוואָרן צו האַלטן ערלעכקייט און לאָיאַלקייט צווישן חברים, צו אַכטן דעם ווילן פון אונזערע אַרבעטער, צו באַטראַכטן זיך נית ווי קאָמאַנדירן און דיקטאַטאָרן פון דער מיטגלידערשאַפט, נאָר, פאַרקערט, אַלס לאָ-יאַלע דורכפירער פון דעם ווילן פון אונזערע מאַסן.

דעריבער איז אונדזער באַציאונג צו די צוויי רוסישע פראַקציעס געווען אַ געמישטע. מיט די באָלשעוויקעס זיינען מיר געווען סאָלידאַ-ריש אין די פּאָליטישע פראַגעס; אין אָרגאַניזאַציאָנעלע ענינים זיינען מיר געווען נעענטער צו די מענשעוויקעס. האָבן מיר זיך נית געקאָנט אַוועקגעשטעלן נית אויף איין צד און נית אויף דעם צווייטן. און מיר האָבן זיך באַטראַכט אַלס אַ מין „דריטע ריכטונג" אין דער אַלגעמיינער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע.

דער סטאָקהאָלמער צוזאַמענפאָר פון דער פאַרטיי איז געווען אַ גאַנץ גרויסער און אימפּאָזאַנטער. עס זיינען געווען אויף אים פאַרטראַטן די וויכטיקסטע פירער און די גרעסטע נעמען פון אַלע ריכטונגען. דאָ זיינען געווען פּלעכאַנאָוו און אַקסעלראָד, די פּאַטריאַרכן און גרינדער פון דער פּאַרטיי, אַרומגערינגלט מיט זייערע פריינט און תלמידים. צווישן די דאָזיקע פריינט האָב איך צום ערשטן מאָל געטראָפן דאָס פּאָר פאָלק: ד"ר אינגערמאַן — די באַוואוסטע אַמעריקאַנער סאָציאַליסטן, וואָס זיי-נען לויט זייער אָפּשטאַם און זייער סימפּאַטיע געבליבן רוסישע סאָ-ציאַל-דעמאָקראַטן, „פּלעכאַנאָווצעס". זיי זענען אין יאָר 1905 פון אַמע-ריקע צוריק געקומען קיין רוסלאַנד, כדי זיך צו באַטייליקן אין דער רו-סישער רעוואָלוציע. אַ באַזונדערע גרופּע צווישן די מענשעוויסטישע דעלעגאַטן האָבן געבילדעט די קאַווקאַזער. צווישן זיי האָט זיך אויס-געטיילט די מאָלערישע פיגור פון נאָי זשאָרדאַניאַ, אַ ריז מיט אַ ווייסער באָרד און אַ שאַרפן אָבער זייער שיינעם גרוזינער פּראָפיל. דאָס איז געווען דערזעלביקער זשאָרדאַניאַ, וואָס איז שפּעטער, אין 1918, גע-וואָרן דער ערשטער פּרעזידענט פון דער פרייער גרוזינישער רעפּובליק.

צווישן די באָלשעוויקעס האָבן אין סטאָקהאָלם פאַרנומען דעם צענטראַלן פּלאַץ לענין מיט זיין פרוי קרופּסקאַיאַ, אַרומגערינגלט מיט זייערע אָנהענגער און תלמידים, ווי לונאַטשאַרסקי, באָגדאַנאָוו, א״אַ. די גרעסטע מערהייט קאַווקאַזער דעלעגאַטן זיינען געווען מענשעוויקעס. געווען אָבער אויך צווישן די באָלשעוויקעס אַ פּאָר קאַווקאַזער. איינער פון זיי איז געווען איוואַנאָוויטש, וואָס האָט אין אַ קאָמיסיע געהאַלטן אַ רעדע וועגן דער פּויערים־פראַגע. אָבער יעמאָלט האָט קיינער אים ניט געקאַנט, קיינער האָט אויף אים קיין אַכט ניט געלייגט. ערשט פיל שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דער מיטלוואוקסיקער, אָנגעכמורעטער שוויגנדיקער יונגערמאַן, מיט אַ געשטופּלטן פּנים און אַ שאַרפן גרוזינישן אַקצענט, האָט געהייסן אין דער אמתן ז ש ו ג אַ ש ו ו י ל י, און זיין נייער פאַרטיי־נאָמען איז געווען ס ט אַ ל י ן.

דעם צענטראַלן פּלאַץ האָבן אויף דעם סטאָקהאָלמער צוזאַמענפאָר פאַרנומען די פראַגעס וועגן דער אַלגעמיין־רוסישער טאַקטיק און פּאָליטיק. אין די דאָזיקע אַלגעמיינע דעבאַטעס בין איך אויך אַרויסגעטראָטן, האָב געהאַלטן אַ גאַנץ שאַרפע רעדע, אין וועלכער איך האָב פאַרטיידיקט יענע דריטע ריכטונג, וואָס האָט געזאָלט זיין ניט קיין באָלשעוויסטישע און ניט קיין מענשעוויסטישע. בשעת דער דאָזיקער רעדע האָב איך געקראָגן אַ וואַרעמע אָוואַציע פון דעם באָלשעוויסטישן פליגל, אָבער ניט אַזוי פיל צוליב מיינע פּאָליטישע אָנשויאונגען, ווי דערפאַר, וואָס איך האָב זיך גאַנץ שאַרף צעווערטלט מיט דעם פאָרזיצער פון צוזאַמענפאָר, וואָס איז געווען אַ מענשעוויק.

די מענשעוויקעס האָבן געהאַט אויף דעם צוזאַמענפאָר אַ מערהייט. דער גרעסטער טייל דעגעלאַטן איז צוגעשטאַנען צו דער מענשעוויסטישער ריכטונג. און דאָס באַדייט, אַז זייער מערהייט איז אין דער אמתן געווען נאָך אַ גרעסערע איידער עס איז אויסגעקומען לויט זייער צאָל שטימען, וואָרים די באָלשעוויקעס זיינען געווען פיל פלינקער איידער די מענשעוויקעס אין באַקומען מאַנדאַטן פון אַזוינע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן בכלל גאָרניט עקסיסטירט (דער „בונד" האָט זיך אין דעם געקאָנט איבערצייגן מיט אַ יאָר שפּעטער בשעת דעם לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר).

דער פאַקט, וואָס די באָלשעוויקעס זיינען געווען אַ מינדערהייט אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר, האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר די ווייטערדיקע באַציאונגען צווישן דעם „בונד" און דער פאַרטיי. פילנדיק, אַז זיי זיינען אַ מינדערהייט, האָבן די באָלשעוויקעס געזוכט צווישן די „נייטראַלע" גרופּעס פאַרבינדעטע און פריינד, וואָס זאָלן זיי העלפן ברעכן די מענשעוויסטישע מערהייט. די פּאָליטישע פּאָזיציע פון „בונד", וואָס איז אַזוי שאַרף אויסגעדריקט געוואָרן אין אונדזערע אַרויסטרעטונגען (אַחוץ מיר, איז אויף דעם צוזאַמענפאָר אַרויסגעטראָטן אויך ליבער), האָט ביי זיי געשאַפן דעם איינדרוק, אַז אפשר וועט מען זיך קאָנען צוזאַמענריידן מיטן „בונד". און יעמאָלט איז שוין פאַר זיי ניט

וויכטיק צו וועלן מיר אין די ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע-פראַגן, וואָס אינ־טערעסירן דעם „בונד", באַקומען אַ ביסל מער רעכט אָדער אַ ביסל וויי־ניקער רעכט. אַזוי איז עס געקומען, אַז צום מאָמענט, ווען עס האָבן זיך געזאָלט אָנהייבן די פאַרהאַנדלונגען צווישן די פאַרטרעטער פון „בונד" און אַ ספּעציעלער קאָמיסיע פון דעם צוזאַמענפאָר וועגן דער מעגלעכ־קייט, אַז דער „בונד" זאָל צוריק אַריינטרעטן אין דער רוסלענדער סאָ־ציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, איז צו אונז געקומען אַ פאַרטרעטער פון לענינען און האָט אונדז פאַרגעשלאָגן, אַז מיר זאָלן זיך טרעפן מיט אים פּריוואַט אין אַ קאַפע. מיר האָבן געהאַט צוויי אַזעלכע צוזאַמענקונפטן. פון אונדזער צד זיינען געווען מיר דריי. לענין איז געקומען מיט נאָך דריי-פיר פריינט. ער האָט דערקלערט, אַז ער וויל זיך מיט אונז דורכ־ריידן וועגן דעם גורל פון דער פּאַרטיי, וועגן די אַלגעמיינע פּאָליטישע פּערספּעקטיוון, נעמענדיק אין אַכט, אַז אים דוכט זיך, אַז מיר שטייען גאַנץ נאָענט איינע צו די אַנדערע. מיר האָבן זייער גוט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט, אָבער מיר האָבן ניט געהאַט וואָס צו באַהאַלטן. די פּאָ־ליטישע פּאָזיציע פון „בונד" איז געווען גאַנץ קלאָר באַשטימט אין די רעזאָלוציעס פון דער 7-טער קאָנפערענץ, וואָס האָט זיך ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק פאַרענדיקט. מיר זיינען טאַקע געשטאַנען אין יענעם מאָמענט פּ אָ ל י ט י ש פיל נעענטער צו די באָלשעוויקעס, איי־דער צו די מענשעוויקעס. און דער דאָזיקער פאַקט איז געווען אַנטשיידנ־דיק פאַר לענינס שטעלונג צו דער פראַגע וועגן פאַראייניקונג מיטן „בונד".

אין 1903 איז לענין געווען דער, וואָס האָט אַמייסטן מיטגעווירקט, אַז דער „בונד" זאָל אַרויסטרעטן פון דער פּאַרטיי, וואָרים יעמאָלט וואָלט דער „בונד" געקאָנט שטערן זיין זיג אין דער אָרגאַניזאַציע-פראַגע. איצט, אין 1906 יאָר, האָט לענין מיטגעווירקט, דער „בונד" זאָל צוריק אַריינ־טרעטן אין דער פּאַרטיי, ווייל ער האָט גערעכנט, אַז דורך דעם וועט ער, לענין, קאָנען זיגן אין דער פּאָליטישער אָנפירונג פון דער פּאַרטיי.

אויף צו באַשטימען די פאַראייניקונגס-באַדינגונגען מיטן „בונד" און די אַנדערע נאַציאָנאַלע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס (פּוילישע, לעטישע א"אַ), האָט דער סטאָקהאָלמער צוזאַמענפאָר באַ־שטימט אַ באַזונדערע קאָמיסיע. אין דער דאָזיקער קאָמיסיע האָבן, פאַרשטייט זיך, די מענשעוויקעס, וואָס האָבן געהאַט אַ מערהייט אויפן צוזאַמענפאָר, אויך געהאַט אַ מערהייט מיטגלידער. פאַקטיש, הייסט דאָס, וואָלטן די מענשעוויקעס געקאָנט סיי אין דער קאָמיסיע, פיי אויפן צוזאַמענפאָר אַדורכוואַרפן די פאַראייניקונג מיטן „בונד", אָננעמענדיק די זעלבע שטרענגע באַדינגונגען, ווי אויפן 2-טן צוזאַמענפאָר, וועלכע דער „בונד" וואָלט ניט געקאָנט אַקצעפּטירן. וואָלטן די מענשעוויקעס געווען פונקט אַזוי אַפּאַרטוניסטיש, ווי די באָלשעוויקעס, וואָלטן זיי טאַ־קע אַזוי געהאַנדלט: זיי וואָלטן געדרייט די פאַראייניקונגס-פּרינציפּן אַזוי, ווי דאָס וואָלט געפּאַסט פאַר די פּאָליטישע אינטערעסן פון זייער

ריכטונג. אָבער די מענשעוויקעס זיינען ניט פּסיכאָלאָגיש און ניט מאָראַליש ניט געווען פון אַט דעם סאָרט פּאָליטיקער. אַזוי ווי אַ גרויסער טייל דעלעגאַטן פון דער מענשעוויסטישער ריכטונג האָבן געהאַלטן, אַז אַ קאָמפּראָמיס מיטן „בונד" איז נייטיק אין די אינטערעסן פון דער גאַנצער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער באַוועגונג, האָט די מענשעוויסטישע פּראַקטיק אויפן צוזאַמענפאָר געהאַנדלט לויט דעם דאָזיקן פּרינציפּ, ניט געקימערט זיך וועגן דעם, צי וועט דאָס זיין ניצלעך פאַר זייערע קרייזל-אינטערעסן אָדער ניט.

די מאַקיאַוועליסטישע האַלטונג פון לענינען און די נאַאיוו-ערלעכע שטרענג-פּרינציפּיעלע האַלטונג פון די מענשעוויקעס זיינען ביידע געווען פאַר דעם „בונד" גינסטיק, ווייל זיי האָבן דערמעגלעכט מיט אַ יאָר שפּעטער, אַז דער „בונד" זאָל טאַקע צוריק אַריינטרעטן אין דער פּאַרטיי. וואָלטן מיר אייגנטלעך געדאַרפט זיין אַנטציקט פון לענינס חכמה און אויסלאַכן די מענשעוויסטישע נאַאיווקייט. אין דער אמתן אָבער איז דווקא אין סטאָקהאָלם, ניט געקוקט אויפן שטאַרקן איינדרוק, וואָס לענין האָט געמאַכט אויף אונז, ביי מיר צום ערשטן מאָל אויפגעקומען אַ שטאַרקער רעספּעקט פאַר דער מאָראַלישער הויך פון די מענשעוויסטישע פירער.

דער „בונד" איז ניט געווען די איינציקע נאַציאָנאַלע פּאַרטיי, וואָס האָט פאַרהאַנדלט מיט די רוסישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן וועגן אַריינטרעטן אין דער רוסלענדער פּאַרטיי. מיט אונז צוזאַמען זיינען געווען אין סטאָקהאָלם, אויך אַלס געסט, צוויי פאַרטרעטער פון דער פּוילישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע (פּ. ס.-ד.). דאָס זיינען געווען פעליקס ד ז י ע ר-ז ש י נ ס ק י און מ. ו ו אַ ר ס ק י (וואַרשאַווסקי).

וואַרסקי איז געווען אַן עלטערער מענטש מיט אַ שוואַרצער, שוין אַ ביסל גרויער, בערדל, אַ פּויליש-אַסימילירטער אידישער אינטעליגענט, וואָס איז געווען פאַררעכנט פאַר אַ טעאָרעטיקער און איז געשטאַנען אין ענגע באַציאונגען מיט טישקאָ, ראָזאַ לוקסעמבורג און די אַנדערע פירער פון פּוילישן מאַרקסיזם. אַלס מענטש איז ער געווען אַ רואיקער, קולטורעלער, מיט פיל בילדונג, אָבער אַ ביסל פאַרבלאָזט און ניט זייער אינטערעסאַנט. גאָר אַן אַנדער טיפּ מענטש איז געווען דזיערזשינסקי. אַ יונגער, אַ הויכער, מיט בלויע אויגן און אַ בלאָנדער בערדל אַ-לאַ סענקעוויטש, מיט אַ כאַראַקטעריסטישן פּוילישן פּנים און אַ שאַרפן פּוילישן אַקצענט, ווען ער האָט גערעדט רוסיש, האָט דזיערזשינסקי גלייך פון ערשטן מאָמענט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ בולטער און ניט אָרדינערער פּערזענלעכקייט. קיין פיל בילדונג און וויסן האָט ער ניט פאַרמאָגט, קיין גרויסער רעדנער איז ער אויך ניט געווען, אָבער ער האָט זיך עפּעס אַרומגעטראָגן מיט אייגענע געדאַנקען, וואָס ער האָט אַליין אין זיך אויסגעטראָגן און אויסגעהאָדעוועט, און עס איז געווען מיט אים אינטערעסאַנט צו ריידן. מיט ליבערן איז ער געווען באַזונדערס אינטים באַפריינדעט. זיי זיינען געווען ביידע ווילנער און האָבן

זיך נאָך געלערנט צוזאַמען אין גימנאַזיע, הגם ניט ליבער און ניט דזיערזשינסקי האָבן זי ניט באַוויזן צו פאַרענדיקן צוליב זייער רע־וואָלוציאָנערער טעטיקייט. אַחוץ דעם איז צווישן ליבערן און דזיער־זשינסקין געווען נאָך אַ פּערזענלעכע באַציאונג: דזיערזשינסקי איז געווען פאַרהייראַט מיט ליבערס עלטערער שוועסטער, וואָס איז דאָן, 1902 אָדער 1903, געשטאָרבן אין דער שווייץ פון טובערקולאָז. דער אָנדענק פון דער טויטער פרוי האָט פאַרבונדן נאָך שטאַרקער די אַלטע יוגנט־פריינט — ליבערן און דזיערזשינסקין.

אַזוי ווי מיר, די בונדיסטן, אי די פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן זיינען ניט געווען קיין רעגולערע מיטגלידער פון צוזאַמענפאָר, נאָר געסט, האָבן מיר זיך ניט באַטייליקט אין אַלע אַרבעטן פון צוזאַמענ־פאָר, וואָס האָט געדויערט כמעט אַ גאַנצן חודש און האָבן דעריבער געהאַט פיל פרייע צייט. סטאָקהאָלם איז אָבער אַ וואונדערשיינע שטאָט, איינע פון די שענסטע שטעט אין אייראָפּע. דער האַפן פון סטאָקהאָלם מיט זיינע אומצאָליקע מאָלערישע אינדזלען, איז געוויס קלענער, אָבער ניט ווייניקער שיין, ווי דער „גאָלדען גייט" פון סאַן־פראַנציסקאָ. אַרום דער שטאָט ציען זיך וועלדער און בערגלעך, פון וועלכע עס עפענען זיך מאָלערישע פּערספּעקטיוון אויף דער שטאָט און אויפן ים. האָבן מיר מיט די פּאָליאַקן צוזאַמען זייער פיל אַרומ־געוואַנדערט איבער סטאָקהאָלם: אַמאָל זאַלבעפיפט, מיט יונהן און וואַרסקין, אַמאָל נאָר זאַלבע־דריט — ליבער, דזיערזשינסקי און איך.

מיר פלעגן קלעטערן אויף בערגלעך, אַרויפקריכן אויף ביימער, שטיפן און נאָך מער, פאַרשטייט זיך, ריידן און דיסקוטירן. וועגן די דאָזיקע געמיינזאַמע און פריידלעכע אידילישע שפּאַציר־גענג איבער די סטאָקהאָלמער אומגעבונגען פלעג איך זיך אין די שפּעטערדיקע יאָרן גאַנץ אָפט דערמאָנען, ווען וואַרסקי איז געוואָרן דער פירער פון די פּוילישע קאָמוניסטן (אין די לעצטע יאָרן איז ער אַרעסטירט און, ווי מען זאָגט, דערשאָסן געוואָרן אַלס „אָפּאָזיציאָנער") און פעליקס דזיערזשינסקי איז געוואָרן דער באַגרינדער און אָנפירער פון דער באָלשעוויסטישער „טשעקאַ" און ליבער און איך זיינען געזעסן אין באָלשעוויסטישע תפיסות אונטער דזיערזשינסקין.

מיט געמישטע געפילן זיינען מיר, די דעלעגאַציע פון „בונד", גע־פאָרן איבער בערלין צוריק קיין רוסלאַנד. פון איין זייט האָט זיך אונדז געדוכט, אַז מיר האָבן גאַנץ גוט דורכגעפירט דעם **אויפטראַג**, וואָס עס האָט אונדז געגעבן די 7־טע קאָנפערענץ און אויסגעפועלט ביי די רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטן דעם מעגלעכן מאַקסימום פון הנחות. פון דער אַנדער זייט — איז דאָך אַ פאַקט, אַז מיר האָבן אויך גע־מוזט נאָכגעבן אין אַ ריי פונקטן. וואָס וועט זאָגן אונדזער פּאַרטיי־חברה?

אָבער שוין די ערשטע באַגעגעניש מיט מעדעמען, וואָס האָט אויף אונדז געוואַרט אין בערלין, האָט אונדז אויפגעמונטערט און אונדז

געגעבן מוט. מעדעם איז געווען שטאַרק צופרידן מיט סטאָקהאָלם. „אָט דאָס זיינען יאַטן“, — האָט ער דערקלערט, — „דאָס איז די ער־שטע בונדישע דעלעגאַציע, וואָס האָט זיך עפּעס ממשותדיקס דער־שלאָגן“. אַזוי ווי מעדעם האָט געהערט צו דעם „הארטן“ פליגל פון צ. ק., איז שוין געווען פאַר אונדז קלאָר, אַז די איבעריקע מיטגלידער וועלן געוויס זיין צופרידן. זיינען מיר שוין מיט אַ לייכטערן האַרצן געפאָרן ווייטער קיין רוסלאַנד.

די פּאָר טעג, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין בערלין, זיינען געווען אָנגעפילט מיט שמועסן מיט מעדעמען און געמיינזאַמע באַזוכן פון בילדער־גאַלעריעס (עס איז יעמאָלט געווען די עפּאָכע פון „דעקאַדאַנס“ אין דער מאָלעריי, מיט וועלכער מיר האָבן זיך ביידע אינטערעסירט). אָבער איך האָב אויך געהאַט זייער אַן ערנסטן פּאָליטישן געשפּרעך, וואָס האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק.

אין בערלין האָט יעמאָלט געלעבט יונה קאָיגענס אַ ברודער, אַ פי־לאָסאָף, אַ שרייבער, וואָס האָט געענדיקט אין דייטשלאַנד דעם אוני־ווערסיטעט און איז פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַן אָריגינעלן יונגן גע־לערנטן. יונה האָט מיך באַקאַנט געמאַכט אין בערלין מיט זיין ברו־דער און ד"ר קאָיגען, וואָס האָט פאַרקערט אינטים מיט אַ ריי אָנגעזע־ענע דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, צווישן זיי אויך מיט עדואַרד בערנ־שטיין, האָט פאַרפירט מיט מיר אַ פּאָלעמיק וועגן באָיקאָט פון דער דומע. ער האָט מיר איבערגעגעבן, אַז בערנשטיין האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דער רעזאָלוציע פון „בונד“ וועגן באָיקאָט (וואָס איז געווען אָנגעשריבן פון מיר) און האָט וועגן דער פראַגע אָפּ־געדרוקט אַ ספּעציעלן אַרטיקל אין זיין זשורנאַל „סאָציאַליסטישע מאָנאַטסהעפטע“. ער האָט מיר פאָרגעשלאָגן, אַז אויב איך וועל נאָך עטלעכע טעג בלייבן אין בערלין, וועט ער פאַר מיר אַראַנזשירן אַ באַ־געגעניש מיט בערנשטיינען, כדי מיר זאָלן זיך קאָנען דורכריידן. אמת, אין יענע יאָרן פון גייסטיקן קאַמף צווישן „אָרטאָדאָקסן“ (אָדער „קאַוטסקיאַנער“) און די „רעוויזיאָניסטן“ (אָדער „בערנשטייניאַנער“) בין איך געווען אַ פאַרברענטער אָרטאָדאָקס. בערנשטיין איז פאַר מיר אין פּאָליטישע פראַגן ניט געווען קיין אויטאָריטעט. פונדעסטוועגן האָבן זיינע אַרגומענטן דאָך געמאַכט אויף מיך אַ געוויסן איינדרוק און איך וואָלט גערן געבליבן נאָך אַ געוויסע צייט אין בערלין, כדי צו מאַכן די באַקאַנטשאַפט מיט אַזאַ אינטערעסאַנטן און באַרימטן מענטשן ווי בערנשטיין. אָבער צוליב פאַרשיידענע סיבות האָב איך ניט גע־קאָנט לענגער וואַרטן און כ'בין גלייך נאָך דעם געשפּרעך אַוועקגע־פאָרן קיין רוסלאַנד. מיט עדואַרד בערנשטיין האָב איך זיך באַקאַנט ערשט מיט 14 יאָר שפּעטער, אין נאָוועמבער 1920.

8

די גאָסודאַרסטווענאַיאַ דומאַ. — דער „בונד“ און די דומע

גראַד אין די וואָכן, ווען אין סטאָקהאָלם איז פאָרגעקומען דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער צוזאַמענפאָר, זיינען אין גאַנץ רוסלאַנד דורכגעפירט געוואָרן וואַלן צו דער „גאָסודאַרסטווענאַיאַ דומאַ“, צו דעם ערשטן רוסישן פאַרלאַמענט, וואָס דאָס לאַנד האָט באַקומען נאָך 300 יאָר צאַרישע זעלבסטהערשאַפט פון די ראָמאַנאָווס.

דער דאָזיקער מערקווירדיקער און אומפאַרשטענדלעכער פאַקט, וואָס די גאַנצע אָנפירערשאַפט פון אַ גרויסער פּאָליטישער פאַרטיי איז אין דער צייט פון אַלגעמיינע וואַלן געזעסן אין אויסלאַנד און פאַרנומען זיך מיט פּאָליטישע דיסקוסיעס אַנשטאָט צוווירקן אין לאַנד גופא, ווערט דערקלערט דורך צוויי אורזאַכן: ערשטנס, איז דער וואַלגעזעץ פון דער גאָסודאַרסטווענאַיאַ דומא געווען אַזאַ, אַז 99 פּראָצענט פון אַלע פאַרטיי־פירער האָבן ניט געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו באַטייליקן אין די וואַלן און ווערן אויסגעקליבן פאַר דעפּוטאַטן. לויט דער וואַל־אינסטרוקציע האָבן וואַל־רעכט געהאַט נאָר תושבים, איינגעזעסענע איינוואוינער, וואָס לעבן אין אַ באַשטימטן פונקט אַ לענגערע צייט און וואָס פאַרמאָגן דאָרט אַ „צענז“: אַן אייגענע דירה, אַן אייגענעם געשעפט, אַ הויז אאַז״וו., אָדער, ווידער (אין יענע שטעט, וואו עס זיינען געווען אַרבעטער־קוריעס) יענע אַרבעטער, וואָס אַרבעטן שטענדיק אין אַ געוויסער פאַבריק. די „פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן“, די אינטעליגענטן, די שטענדיק אַרומוואַנדערנדיקע פאַרטיי־טוערס, וואָס אַ גאַנץ היפּשער טייל פון זיי האָט אפילו ניט געהאַט אַ ריכטיקן פּאַס אָדער געווען אומלעגאַל, אָט די אַלע מענטשן, צווישן זיי אויך אַזוינע ווי פּלעכאַנאָוו, אַקסעלראָד, לעאָ דייטש, מאַרטאָוו, לענין, טראָצקי און הונדערטער אַנדערע האָבן ניט געהאַט קיין שום מעגלעכקייט צו „לויפן“ ביי די וואַלן צום פּאַרלאַמענט. דאָס אַליין וואָלט אָבער ניט געשטערט די אַלע פאַרטיי־טוערס צו באַטייליקן זיך אויב ניט אין די וואַלן גופא, איז ווייניקסטנס אין וואַל־קאַמף, כדי צו אַגיטירן פאַר דער וואַל פון אַנדערע חברים, — לאָקאַלע טוערס, וואָס האָבן יאָ געהאַט וואַל־רעכט. איז די צווייטע סיבה אָבער געווען, — ווי איך האָב שוין דערמאָנט, — אַז די גרעסטע מערהייט פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי, די באָלשעוויקעס, די לאַטישן, די פּאָליאַקן, דער „בונד“ האָבן זיך בכלל געהאַלטן אָן דער טאַקטיק פון באָיקאָט און האָבן זיך ניט געוואָלט באַטייליקן אין די וואַלן. די איינציקע גרופּע, וואָס איז געווען קעגן דעם באָיקאָט און פאַר דעם באַטייליקן זיך אין די וואַלן איז געווען די מענשעוויסטישע. אַזוי איז דאָס געקומען, אַז דער רוסישער סאָציאַליזם האָט אין גאַנצן ארויסגעלאָזן פון זיינע הענט די וואַלן צו דער ערשטער דומע.

אמת, אויף דעם סטאָקהאָלמער צוזאַמענפאָר, וואו דער „בונד“ און די פּאָליאַקן זיינען נאָך ניט געווען פאַרטראָטן, ווייל זיי זיינען נאָך

ניט געווען אַריין אין דער פּאַרטיי, האָבן די מענשעוויקעס געהאַט אַ מערהייט און האָבן דורכגעפירט דעם באַשלוס זיך יאָ צו באַטייליקן אין די וואַלן. אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט: די וואַלן זיינען שוין געווען דורכגעפירט אומעטום אַחוץ קאַווקאַז. אויפן קאַווקאַז האָבן זיך טאַקע די גרוזינישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן, וואָס האָבן כמעט אַלע געהערט צו דער מענשעוויסטישער ריכטונג, באַטייליקט גאַנץ אַקטיוו אין די וואַלן און אַזוי איז דאָס געקומען, אַז אין דער ערשטער דומע זיינען, ניט געקוקט אויפן באָיקאָט, געווען 18 סאָציאַל-דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטן. אַחוץ די קאַווקאַזער, וואָס זיינען פון הויז אויס געווען סאָ-ציאַל-דעמאָקראַטן, זיינען אין דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פראַקציע פון דער דומע אויך אַריין אַ ריי אַרבעטער, וואָס זיינען אויסגעקליבן געוואָרן פון די „אַרבעטער-קוריעס".

די געשיכטע פון דער גאָסודאַרסטווענאַיאַ דומאַ איז באַקאַנט און איך וועל זיך דאָ אויף דעם ניט אָפּשטעלן. בשעת די צאַרישע רעגירונג האָט אויסגעאַרבעט דעם וואַל-געזעץ האָבן די צאַרישע באַאַמטע אַלץ אויסגעחשבונט אַזוי, אַז קיין אינטעליגענטן, אַגיטאַטאָרן, רעוואָלוציאָ-נערן זאָלן ניט קאָנען ווערן אויסגעקליבן. מען האָט בכיוון באַוואָרנט דעם „פּראָסטן נאַראָד", — די פּויערים, די מיטל-קלאַסן, די קליינע איינגנטימער אין די שטעט, ווער רעדט שוין וועגן די פּריצים און רייכע סוחרים, — מיט אַ באַזונדערע פּאַרטרעטערשאַפט, און אַלץ מיט דער אויסרעכענונג, אַז וואָס אַ געזעלשאַפטלעכע שיכט איז רייכער און קאָנ-סערוואַטיווער, אַלץ מער וואַל-רעכט זאָל זי באַקומען. אָבער די שטי-מונג אין לאַנד איז געווען אַזאַ און די שנאה צו דער זעלבסטהערשונג איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ניט געקוקט אויף אַלע קונצן פון דעם וואַל-רעכט. און ניט געקוקט אַפילו אויפן באָיקאָט פון די עקסטרעם-לינקע, זיינען אין דער ערשטער דומע פון 524 דעפּוטאַטן געווען נאָר 44 רעכטע, מאָנאַרכיסטן, קאָנסערוואַטאָרן אאַז"וו. 100 זיינען געווען אומפּאַרטייאישע, אַ 50 האָבן געהערט צו די פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע גרופּעס, וואָס זיינען, לויט זייער פּאָליטישער ריכטונג, געווען שטאַרק געמישט; אָבער די גרעסטע מערהייט פון דער דומע איז באַשטאַנען פון „קאַדעטן" („קאַ-דע", אָפּגעקירצט פאַר „קאָנסטיטוציאָנעלע דע-מאָקראַטן", וואָס זיינען יעמאָלט געווען לינקע ליבעראַלן און דעמאָ-קראַטן), „טרודאָוויקעס" (לינקע, האַלב-סאָציאַליסטישע פּויערים, מיט שטאַרק רעוואָלוציאָנערע נטיות), סאָציאַל-דעמאָקראַטן און אַנדערע לינקע. אויך אידן זיינען געווען פאַרטראָטן צווישן די דעפּוטאַטן: ד"ר לעאָן בראַמסאָן, דער שפּעטערדיקער פירער פון „אָרט", וואָס האָט יעמאָלט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער פראַקציע פון די טרו-דאָוויקעס; ד"ר שמריה לעווין, דער באַקאַנטער ציוניסט, און נאָך אַ פּאָר ווייניקער בולטע פּערזענלעכקייטן. קיין בונדיסט, אָדער בכלל קיין אידישער סאָציאַליסט, איז אין דער דומע ניט געווען און האָט אויך ניט געקאָנט זיין צוליב דער טאַקטיק פון באָיקאָט, שוין ניט גע-

רעדט וועגן די שווער־קייטן פון וואַל־געזעץ, וואָס האָט אַרום 90 פּראָ־צענט פון אידישע אַרבעטער אויסגעשלאָסן פון וואַל־רעכט.

די צאַרישע רעגירונג איז שטאַרק אַנטוישט געווען פון דער ליג־קער דומע און איז גלייך פון אָנהייב אַרויף אויפן וועג פון קאַמף קעגן דער דומע. אַלע ערנסטע געזעצן און פּאַרשלאָגן, וואָס די דומע האָט געמאַכט, האָט די רעגירונג ניט דערלאָזן אַפילו, אַז זיי זאָלן באַטראַכט ווערן (למשל, דער געזעץ וועגן אַגראַר־רעפאָרם).

דער אָפענער קאַמף צווישן דעם פּאַרלאַמענט און דער רעגירונג האָט יך געענדיקט מיט דעם, וואָס דער פּאַרלאַמענט איז צעטריבן גע־וואָרן און די צאַרישע רעגירונג איז געבליבן דער זיגער. אַחוץ דעם אָפענעם קאַמף אין פּאַרלאַמענט איז געגאַנגען אַן אומאויפהערלעכער קאַמף אין לאַנד און הינטער די קוליסן פון צאַרישן הויף. צווישן די הויכע באַאַמטע, מיניסטאָרן, גענעראַלן און אַפילו די הויף־אַריסטאָ־קראַטן זיינען געווען מענטשן, וואָס האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַ ברוטאַ־לער קאַמף קעגן דער פאָלקס־פאַרטרעטונג איז געפערלעך פאַר דער צאַרישער דינאַסטיע גופא, און אַז זיי האָבן געוואָלט אויסגעפינען עפּעס אַ קאָמפּראָמיס. די „קאַ־דעטן" ווידער, וואָס זיינען אָנגעפירט געוואָרן פון מיליוקאָוו, פירשט דאָלגאָרוקי, ווי אויך פון דעם אידישן דעפּוטאַט מאַקסים ווינאַווער, א״אַ, האָבן פאַרשטאַנען די געפאַרן פון דער געשאַפענער לאַגע און זיינען געווען גרייט צו אַ קאָמפּראָמיס אויף דעם באָדן פון אַ ליבעראַלער קאָנסטיטוציע און אַ קאָנסטיטוציאָנעלער מאָנאַרכיע. עס זיינען דעריבער אַן אויפהער געפירט געוואָרן הינ־טער די קוליסן פאַרשיידענע אונטערהאַנדלונגען צווישן די פירנדיקע דעפּוטאַטן פון דער דומע און פאַרשיידענע גרופּעס פון דער רעגירונג. אָבער דער איינפלוס פון די שוואַרצע רעאַקציאָנערן איז געווען צו שטאַרק און קיין שום קאָמפּראָמיס האָט זיך ניט איינגעגעבן צו שליסן. אַזוי אַרום איז די דומע צעטריבן געוואָרן אין אַ פּאָר חדשים אַרום (זי האָט עקסיסטירט פון 27־טן אַפּריל ביזן 9־טן יולי 1906).

די טעטיקייט פון דער ערשטער דומע, די רעדעס פון די דעפּוטאַטן, באַזונדערס פון די טרודאָוויקעס, צווישן וועלכע עס איז געווען אויך אַ היפּשע צאָל סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, האָט אויפגערודערט שטאַרק דאָס פאָלק און באַזונדערס די פּויערים־מאַסן; אָבער אויפגערודערט זיי ניט אין דעם זין און ניט אין דער ריכטונג פון יענע רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען, וואָס מיר, די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, האָבן געוואָלט.

דער סוף פון דער ערשטער דומע איז באַצייכנט געוואָרן מיט טראַגישע געשעענישן. די דעפּוטאַטן פון דער פונאַנדערגעלאָזענער דומע האָבן זיך פאַרזאַמלט אין דער שטאָט וויבאָרג, אין פינלאַנד, און האָבן אַרויסגעלאָזן אַן אויפרוף צום פאָלק (דער „וויבאָרגער מאַני־פעסט"), אָבער אויך די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען האָבן אָנגענומען

געוויסע מיטלען כדי אויסצונוצן דעם שאַרפן קאָנפליקט צווישן פאַרלאַמענט און רעגירונג. גלייך אין די ערשטע טעג פון יולי איז פאָרגעקומען אין פּעטערבורג אַ קאָנפערענץ פון די רוסישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן, „בונד", סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן, פּ. פּ. ס., סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פראַקציע פון דער דומע און די טרודאָוויקעס. די דעבאַטן זיינען געווען צעטומלטע און ניט-קלאָרע.

ס'איז דערקלערט געוואָרן אַן אַלגעמיינער סטרייק, אָבער דער דאָזיקער סטרייק (דער „יולי-סטרייק"), האָט זיך געענדיקט מיט אַ דורכפאַל. די אומרוען צווישן די פּויערים האָבן זיך שוין געהאַט געענדיקט. די מיליטער-אויפשטאַנדן זיינען געבליבן איזאָלירט; זיי זיינען ניט געווען דער אָנהייב פון אַ רעוואָלוציאָנערער כוואַליע, נאָר די לעצטע פונקען פון אַ פאַרלאָשענער שריפה.

דער „בונד" האָט דאָס פאַרשטאַנען גלייך פון אָנהייב אָן. ער, וואָס איז געווען אינטימער צונויפגעבונדן מיט זיינע מאַסן, איידער די רוסלענדער חברים מיט זייערע מאַסן, האָט ריכטיקער „אָנגעטאַפּט דעם דופק" פון דער פאָלקס-שטימונג. ער האָט געוואוסט, אַז אַזוי לאַנג ווי דער עולם האָט נאָך געוויסע האָפענונגען אויף נייע וואַלן מיט אַ צווייטער דומע און אַזוי לאַנג ווי דער עולם איז אויסגעמאַטערט פון כמעט צוויי יאָר אומאונטערבראָכענע קאַמפן, קאָן מען ניט דערוואַרטן קיין נייע אויפלעבונג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

עס איז געווען קלאָר, אַז דער ווייטערדיקער וועג פון דער באַוועגונג פירט דורך די דומעס, און דאָס הייסט, אויך דורך די וואַלן. דעריבער, ווען עס האָט זיך דערנענטערט די צייט פון די וואַלן צו דער צווייטער דומע, האָט זיך שוין אין „בונד" די פראַגע וועגן באָיקאָט אָוועקגעשטעלט אין גאַנצן אַנדערש.

זי איז געשטאַנען אַנדערש ניט נאָר צוליב די אַלגעמיין-פּאָליטישע מאָטיוון. אויך די אינעווייניקסטע פּאָליטישע אַנטוויקלונג אין אידישן פאָלק האָט געצוואונגען דעם „בונד" איבערצוקוקן זיין טאַקטיק בנוגע די וואַלן און בנוגע צו דער דומע.

ביז סוף 1905 איז דער „בונד" געווען די איינציק אָרגאַניזירטע פּאָליטישע מאַכט אויף דער אידישער גאַס. דאָס איז געווען די איינציקע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך געשטעלט דייטלעכע און קלאָרע פּאָליטישע צילן, צווישן זיי אויך נאַציאָנאַל-פּאָליטישע, וואָס האָבן געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג פאַרן גאַנצן אידישן פאָלק און ניט נאָר פאַרן אידישן אַרבעטער, און וואָס האָט פאַר דעם געקעמפט מיט רעוואָלוציאָנערע מיטלען. און דאָס גאַנצע אידישע פאָלק האָט געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו איבערצייגן, אַז די דאָזיקע רעוואָלוציאָנערע מעטאָדן פון פּאָליטישן קאַמף, וואָס דער „בונד" האָט אָנגעווענדעט, קאָנען ברענגען, און ברענגען טאַקע, צו גאַנץ ממשותדיקע, רעאַלע רעזולטאַטן. דער „בונד" איז געווען אַ באַדייטיקער טייל

און אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין דער אַלגעמיימער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און די אַלגעמיינע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט דאָך פאַר אַלעמענס אויגן, אַרויסגעריסן ביי דער זעלבסטהערשונג גאַנץ וויכטיקע הנחות, צווישן זיי אויך די פּ אָ ל י ט י ש ע גלייכבאַרעכטי־קונג פון אידן (עס איז אַ פאַקט, אַז אין די אורשפּרינגלעכע פּראָיעקטן פון דער דומע איז פאַראויסגעזעזן געוואָרן, אַז די אידישע באַפעלקע־רונג זאָל ניט האָבן קיין וואַל־רעכט. נאָר די מורא פאַרן „בונד" האָט געצוואונגען די צאַרישע רעגירונג אַריינצונעמען די אידישע באַפעל־קערונג אינם וואַל־רעכט).

דער פּאָליטישער איינפלוס און דער אומגעהייערער פּרעסטיזש פון „בונד" אין די יאָרן 1904-1905 איז באַגרינדעט געווען אויף אָט דער לאַגע, ווען דער „בונד" איז געווען, פּאָליטיש גערעדט, דער „בן־יחיד" פון אידישן פאָלק: קיין שום אַנדערע באַדייטיקע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע האָט דאָס אידישע פאָלק ניט פאַרמאָגט.

די לאַגע האָט זיך גרינטלעך געביטן אין דעם מאָמענט, ווען אין רוסלאַנד איז טאַקע צוליב דעם קאַמף פון „בונד" מיט די אַנדערע רע־וואָלוציאָנערע פּאַרטייען, זיינען ענדלעך אויפגעקומען לעגאַלע מעג־לעכקייטן פאַר אָפענער פּאָליטישער טעטיקייט, — באַזונדערס, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די וואַלן צו דער דומע און די טעטיקייט פון דער דומע גופא.

אין דער צייט פון דער דומע האָט דער „בונד" אויפגעהערט צו זיין דער בן־יחיד: עס זיינען אויפגעקומען אַנדערע אידישע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס — ליבעראַלע, דעמאָקראַטישע. נאָך מער: אויף דער לעגאַלער סצענע, אויף יענער גרויסער אָפענער סצענע פון פּאָליטישן קאַמף, וואָס איז געווען צו זען פאַר דער גאַנצער וועלט, אויף דער טריבונע פון ערשטן רוסישן פּאַרלאַמענט, איז דער אַמאָליקער „בן־יחיד" בכלל ניט געווען פאַרטראָטן. דער „בונד" איז געבליבן אַנאָנים, ערגעץ־וואו אין די באַהאַלטענע הינטערגאַסן פון דער אונטערערדישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אָבער פאַר דער ברייטער עפנטלעכקייט אונטער די העל־באַלויכטענע לאַמפּן פון דער עפנטלעכער אַרענע האָבן זיך באַוויזן אַנדערע „אַקטיאָרן", אַנדערע טוערס, וואָס זייערע נעמען זיינען געוואָרן באַרימט אין דער ברייטסטער עפנטלעכקייט און וואָס זייערע אויפטוען האָבן געצויגן די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט. ווינאַווער איז שוין ניט געווען יענער מאַקסים מאַקסימאָוויטש, וואָס האָט מיר נאָך מיט אַ יאָר צוריק דערקלערט, אַז „מיר זיינען דאָך אַלע אייגנטלעך בונדיסטן". די ווינאַווערס זיינען שוין ניט געווען „בונדיסטן", זיי זיינען געוואָרן איינפלוסרייכע טוערס פון דער אַלגעמיין־רוסישער לי־בעראַלער און דעמאָקראַטישער באַוועגונג, וואָס איז באַטראַכט געוואָרן פון די ברייטע מאַסן אַלס די צוקונפטיקע באַלעבאַטים פון רוסישן פאַר־לאַמענט און פון דער רוסישער מלוכה. און די ווינאַווערס מיט די סליאָז־בערגס האָבן דעם דאָזיקן פּאָליטישן איינפלוס, זייער פּרעסטיזש און

זייערע נייע מאַכט־פּאָזיציעס אויסגענוצט, כדי צו שאַפן די ערשטע אידישע בורזשואַז־ליבעראַלע און נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס.

אין דער גאַנצער אידישער עפנטלעכקייט איז פאָרגעקומען אַ קאָלאָסאַלער פּראָצעס פון אָרגאַניזאַציע און קריסטאַליזאַציע. דער ציונים־טישער טייל איז שוין לאַנג געווען אָרגאַניזירט. זיין אָרגאַניזאַציע האָט אין די פריערדיקע יאָרן ניט געטראָגן קיין אויסגעשפּראָכענעם פּאָליטישן כאַראַקטער, אָבער איצט האָט דער רוסישער ציוניזם זיך אָנגעהויבן אַלץ מער און מער צו פאַרוואַנדלען אין אַ פּאָליטישער, נאַציאָנאַל־אידישער פּאַרטיי. אַ צווייטע אידישע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע האָט זיך אָנגעהויבן צו בילדן אַרום די ניט־ציוניסטישע טוערס און דעפּוטאַטן פון ליבעראַלן לאַגער, וואָס האָבן געגרינדעט דעם אַזוי גערופענעם „פאַראיין צו דערגרייכן אידישע גלייכבאַרעכטיקונג״: ניט אויסצוקעמפן נאָר צו דערגרייכן! (די דאָזיקע ריכטונג האָבן מיר גערופן אויפן ציטונגס־לשון די „דערגרייכער״). אַחוץ אָט די גרויסע שטראָמען פון דער אידישער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע האָבן ווי שוועמלעך נאָך אַ רעגן אָנגעהויבן זיך צו באַווייזן פאַרשיידענע קליינע גרופּעס. עס איז אויפגעקומען דער פּראָלעטאַרישער ציוניזם אין אַלע זיינע שאַטירונגען (ס. ס., „סערפּ״, פּועלי ציון) דעמאָקראַטיש־אידישע גרופּעס א״אַ.

אַזוי האָט זיך אויך פאַר דעם „בונד״ געשאַפן די אַבסאָלוטע נויטיקייט זיך צו רעאָרגאַניזירן אַלס איינע פון די אידישע פּאָליטישע פּאַרטייען און טאַקע אויף אַ פּאַרלאַמענטאַרישן פונדאַמענט.

9

דער 7־טער צוזאַמענפאָר פון „בונד״

נאָך דעם ניט־געלונגענעם יולי־סטרייק 1906 איז געקומען אַ פּעריאָד פון רעלאַטיווער שטילקייט. עס זיינען געווען נאָר וויניקע, וואָס האָבן געהאָפט, אַז דאָס איז די שטילקייט פאַר אַ נייעם שטורעם, אַז נאָך אָט דער קורצער אָפּרו־צייט וועט קומען אַ נייע און איצט שוין זיגרייכע רעוואָלוציע פון דער רעוואָלוציע. די מערהייט האָט געפילט, אַז די פליגלען פון דער רעוואָלוציע זיינען געבראָכן און מען האָט געהאָפט, אָדער וויינעקסטנס געסטאַרעוועט זיך צו האַפן אויף דער דומע, ספּעציעל אויף די וואַלן צו דער צווייטער דומע, וואָס האָבן געדאַרפט פאָרקומען אין ווינטער.

אין „בונד״ האָט מען די דאָזיקע צווישנצייט פאַר די וואַלן און פאַר נייע פּאָליטישע געשעענישן אויסגענוצט כדי צו ברענגען אין אָרדענונג די אינעווייניקסטע ענינים און כדי צו לייזן ענדגילטיק די פראַגע וועגן פאַראייניקונג מיט דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

די באדינגונגען וואס זיינען אויסגעארבעט געווארן אין סטאקהאלם און וואס האבן געטראגן דעם כאראקטער פון דאפלטקייט און קאמפראמיס, האבן ארויסגערופן אין די רייען פון „בונד" שטארקע מיינונג־פארשיידנהייטן. עס האבן זיך באוויזן „יא־זאגער" און „ניין־זאגער", — די וואס זיינען געווען גרייט אריינצוטרעטן אין דער פארטיי אויף די געגעבענע באדינגונגען (מען פלעגט זיי אויך רופן אין „בונד" די „ווייכע") און די, וואס האבן געהאלטן, אז מען טאר די באדינגונגען ניט אננעמען, אז דאס וועט זיין א פארראט אנטקעגן די פרינציפן פון „בונד" (דאס זיינען געווען די „הארטע"). די גרויסע מערהייט פון צענטראל־קאמיטעט האט געהערט צו די יא־זאגער אדער די „ווייכע". צווישן זיי אויך מעדעם, קאסאווסקי, נח, אלעקסאנדער, שוין ניט גערעדט וועגן די דריי דעלעגאטן, וואס זיינען אליין געווען אין סטאקהאלם (יונה, ליבער, איך). דערפאר אבער זיינען געווען אייניקע פראמינענטע טוערס פון „בונד", וואס זיינען מיט גרוים לײדנשאפט ארויסגעטראטן קעגן די סטאקהאלמער באדינגונגען: דאס זיינען געווען סלאוועק (גראסער), ליטוואק, ווייטער (דעווענישסקי) און נאך אייניקע אנדערע. עס האט זיך געפירט א דיסקוסיע אין אונזער פרעסע (אין דעם רוסישן זשורנאל „נאשע סלאווא" און אין דער אידישער צייטונג „וועקער"), אבער נאך לעבעדיקער איז אנגעגאנגען דער קאמף אין די ארגאניזאציעס גופא. די „הארטע" זיינען ארומגעפארן פון שטאט צו שטאט און כמעט אין יעדער ארגאניזאציע זיינען געווען פארטרעטער פון ביידע ריכטונגען.

אבער אין ערגעץ האט דער קאמף ניט אנגענומען דעם כאראקטער פון פארביטערונג. מען האט דיסקוטירט און אידעאיש געקעמפט מיט פיל שארפקייט און לײדנשאפט, אבער עס איז ניט געווען קיין געפיל, אז מען ווערט באעוולט, אז מען ווערט געקריוודעט, אז עס פעלט אוים חברשע יושרדיקייט. דעריבער איז דער קאמף געפירט און פארענדיקט געווארן אין א פולשטענדיק ברידערלעכן און חברשן טאן. די צאל מענטשן, וואס זיינען ארויסגעטראטן פון „בונד" צוליב אט דער פראגע, איז נישטיק קליין און קיין שפאלטונג איז בכלל אין ערגעץ ניט פארגעקומען. מיר זיינען געקומען צוריק פון סטאקהאלם אין מאי. ארום דריי חדשים צייט האט געדויערט די צוגרייטונג צו יענעם צוזאמענפאר, וואס האט געזאלט ענדגילטיק אנטשיידן די פראגע וועגן דער פאראייניקונג, אבער אחוץ דעם אויך די וויכטיקע פאליטישע פראגע, וואס איז געשטאנען פאר אונדז, די פראגע וועגן אונדזער באציאונג צו דער דומע און צו די וואלן. די פריערדיקע באציאונג צום באיקאט האט זיך שטארק געענדערט מיט יעדן ווייטערדיקן טאג. ס'איז אלץ קלארער און קלארער געווארן, אז מיר קאנען פארביי דער דומע ניט פארבייגיין: נאר דורך דער דומע איז מעגלעך די ווייטערדיקע פאליטישע אנטוויקלונג.

אַט כדי צו פאַרטיידיקן דעם געדאַנק פון פאַראייניקונג און כדי צו פאַרטיפן דעם פּאָליטישן געדאַנק פון אונדזערע פאַרטיי־מיטגלידער אין דער פראַגע פון דער דומע, האָב איך זיך אין דעם דאָזיקן זומער פון דאָס ניי גענומען פאָר דער טאַרבע און בין כמעט ניט אַרויסגע־געקראָכן פון די אייזנבאַן־וואַגאָנעס; אָן אָן אויפהער אַרומגעפאָרן פון פּעטערבורג קיין אָדעס, פון אָדעס קיין בערדיטשעוו, זשיטאָמיר אָדער האָמעל, פון האָמעל קיין מינסק, פון מינסק קיין וויטעבסק, דווינסק אָדער ווילנע, פון ווילנע קיין גראָדנע אָדער קאָוונע, דאַן ווי־דער צוריק קיין פּעטערבורג אאַז"וו. די באַרימטע „שלאָף"־וואַגאָנעס פון דריטן קלאַס אין די יעמאָלטיקע רוסישע שנעלצוגן זיינען ביי מיר געבליבן ווי אויסגראַווירט אין דעם זכרון ביז צום היינטיקן טאָג. אַרומגערינגלט מיט לאָדזשער אָדער אָדעסער קאָמיוואָיאַזשאָרן, מיט אַ גרויסן בלעכענעם טשאַיניק אויפן טישל, פלעגט מען אָפּזיצן טעג אין די דאָזיקע וואַגאָנעס און ביי נאַכט פלעגט מען זיך איינאָרדענען אויף אַן אויבערשטן הילצערנעם בענקל מיט אַן אייגענער קישעלע און אַן אייגענער קאָלדרע, וואָס מען פלעגט מיטשלעפּן מיט זיך. די וואַגאָ־נעס זיינען געוואָרן אַ מין היים פאַר אונדז, די „קאָמיוואָיאַזשאָרן" פון „בונד". אַפילו ווען איך פלעג ניט זיין אונטערוועגס און נעכטיקן אין אַ האָטעל אָדער ביי מיינע עלטערן אין פּעטערבורג, פלעג איך זיך נאָך אַלץ ניט קאָנען באַפרייען פון דעם רייזע־פּסיכאָז. איך פלעג כמעט רעגלמעסיק האָבן אין שלאָף דעם זעלביקן קאָשמאַר: מיט אַ שווערן טשעמאָדאַן אין האַנט לויף איך איבער די טרעפּ פון ווילנער וואָקזאַל דורכן טונעל און איל זיך צו אַ צוג, וואָס דאַרף באַלד אָוועקגיין. איך לויף אַ פאַרסאָפּעטער, פאַרשוויצטער פון איין פּלאַטפאָרם צו דער אַנ־דערער און קאָן דעם צוג ניט געפינען, אָדער דער צוג גייט אָוועק פאַר מיין נאָז און איך קאָן אין אים ניט אַריינשפּרינגען . . .

יאָרנלאַנג שוין נאָך דעם ווי איך האָב אויפגעהערט אַרומרייזן, האָב איך זיך ניט געקאָנט באַפרייען פון דעם דאָזיקן קאָשמאַר־חלום.

ביי מיינע עלטערן אין פּעטערבורג איז מיר דערווייל אויסגעקומען צו פאַרפאָרן גאַנץ אָפט. ס'איז געווען אַ מערקווירדיק הויז — פּאַקטיש אַ מין אכסניה ניט נאָר פאַר מיינע פריינט פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד", נאָר אויך פאַר רעוואָלוציאָנערן פון אַנדערע פאַרטייען. וואָרים אַחוץ מיר, זיינען נאָך עטלעכע פון מיינע שוועסטער געוואָרן רעוואָלוציאָנערקעס און די מאַמע איז אויך געוואָרן אַ בונדיסטקע. און אַזוי ווי מען האָט אין פּעטערבורג נאָך אַלץ געדאַרפט האָבן „פּראַוואָ־זשיטעלסטווע", איז דאָס באַקוועמסטע געווען — פאַרפאָרן אין אונדזער הויז. אַ דירה האָבן מיר געהאַט אַ גאַנץ גרויסע, האָט מען שטענדיק געקאָנט געפינען אַ בעט אָדער אַ צימער פאַר אַ געקומענעם חבר. איך רייד שוין ניט וועגן ליבערן, וואָס איז געוואָרן ביי אונדז אין הויז אַ בן־בית, נאָר אויך אַלעקסאַנדער, קאָסאָווסקי, יונה און אַנדערע פלעגן גאַנץ אָפט פאַרפאָרן צו אונדז. אויך מיין עלטסטע שוועסטער, יענע,

וואָס האָט מיך אַמאָל געבראַכט קיין פּאָנעוועזש אין דער רעאַל־שול און איז איצט געווען אַ מאַמע פון עטלעכע קינדער, איז געוואָרן אַ בונ־דיסטקע און איר הויז איז אויך געוואָרן אַ מין קאָנספּיראַטיווע קוואַר־טיר פאַר בונדאָווצעס. מען האָט דאָרטן געהאַלטן ליטעראַטור, אַמאָל אויך געווער און דאָרטן פלעגט שטענדיק אימיצער נעכטיקן אָדער איינ־שטיין. אויך מיין שוועסטער סאָניע איז געווען אַ בונדיסטקע, ווי איך האָב שוין דערמאָנט אין מיינע פריערדיקע קאַפּיטלען. דערפאַר איז אָבער אַ אינגערע שוועסטער, דינה, געוואָרן אַ באָלשעוויטשקע. לע־נינס פרוי, קרופּסקאַיאַ, האָט זיך מיט איר באַקאַנט און האָט אויף איר באַקומען אַ גרויסן איינפלוס. זי האָט איר באַנוצט פאַר פאַרשיידענע טעכנישע אַרבעטן און ניט זייער פאַרזיכטיק, אַזוי אַז מיר איז אויס־געקומען איין מאָל צו וואָרענען קרופּסקאַיאַן, זי זאָל זיין פאַרזיכטי־קער. אין די שפּעטערדיקע יאָרן 1912־1913 איז דינה געוואָרן די ער־שטע אַ פ י צ י ע ל ע רעדאַקטאָרין פון דער „פּראַוודאַ", און איז צו־ליב דעם אַרעסטירט און פאַרמשפּט געוואָרן צו עטלעכע יאָר טורמע, צוזאַמען מיט איר מאַן, גערטיק („אַרטיאָם"), אַן אַלטן באָלשעוויק, וואָס איז געווען דער ערשטער מענעדזשער פון „פּראַוודאַ". אין טורמע איז זי געוואָרן פּסיכיש קראַנק, אַזוי אַז ווען איך בין נאָך דער רעוואָ־לוציע 1917 געקומען קיין רוסלאַנד, האָב איך איר נאָך געפונען אין דער פּסיכיאַטרישער קליניק. אָבער מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער איז זי ווי דורך אַ וואונדער פולשטענדיק געזונט געוואָרן, האָט זיך אומגעקערט צוריק צום פּאָליטישן לעבן און איז געוואָרן אַ פייערדיקע קאָמוניסטקע, צוזאַמען מיט איר מאַן, וואָס איז געוואָרן דער הויפּט־קאָמיסאַר פון דעם „מלוכה־פאַרלאַג" אין פּעטראָגראַד. אָבער זייער גליק האָט געדויערט ניט לאַנג. אין עטלעכע יאָר אַרום איז אַרטיאָם אַלס „טראָצקיסט" און „זינאָוויעוויסט" פאַרשיקט געוואָרן און איז פאַר־שוואונדן אַן אַ שפּור. צי ער לעבט, צי ניט, ווייסן מיר ניט. און דינה איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געשטאָרבן פון אַ לונגען־אַנטצינדונג, וואָס די דאָקטוירים האָבן ניט באַמערקט באַצייטנס.

10

די וואַל־קאַמפּאַניע אין דער צווייטער דומע

דער 7־טער צוזאַמענפאָר פון „בונד", וואָס איז פאָרגעקומען אין סעפּטעמבער 1906 אין לעמבערג, גאַליציע, איז געווען איינער פון די גרעסטע אין דער געשיכטע פון „בונד". אונדזערע גאַליציאַנער חברים־בונדיסטן, בראש פון וועלכע עס זיינען יעמאָלט געשטאַנען ד"ר בראָס. ד"ר איינאַייגלער, ד"ר גראָסמאַן א"אַ, האָבן אויפן שענסטן אופן צוגע־גרייט פאַר די דעלעגאַטן דירות, געדונגען אַ שיינעם האָל און בכלל געמאַכט אונדז דאָס לעבן אַזוי אָנגענעם, ווי נאָר מעגלעך. אויף דעם

צוזאַמענפאַר זיינען געווען אַרום 100 דעלעגאַטן, פון זיי — 68 מיט באַשטים־רעכט. אַחוץ די דעלעגאַטן, וואָס זיינען געקומען פון רוסלאַנד אַלס פאַרטרעטער פון אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציעס, האָבן מיר אויך געהאַט געסט־דעלעגאַטן פון דער רוסלענדער פּאַרטיי, אויסלענדישע בונדיסטן און אַפילו געסט פון אַמעריקע, וואו עס איז יעמאָלט געשאַפן געוואָרן אַ שטאַרקע הילפס־אָרגאַניזאַציע פאַרן „בונד". אַלס דעלעגאַט פון אַמעריקע איז געקומען א. ל ע ס י ן, דער רעדאַקטאָר פון „צוקונפט". דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווען איך האָב זיך געטראָפן און באַקאַנט מיט דעם דאָזיקן העכסט־אינטערעסאַנטן און אָריגינעלן מענטשן.

די פראַגע וועגן די וואַלן איז געלייזט געוואָרן גאַנץ גיך. אויפן גאַנצן צוזאַמענפאַר זיינען געווען אין גאַנצן אַ פּאָר „באָלשעוויקעס", וואָס האָבן ניט אַנדערש געוואָלט פירן ווייטער דעם באָיקאָט פון דער דומע. די גרויסע מערהייט פון צוזאַמענפאַר האָט פאַרשטאַנען זייער גוט, אַז באָיקאָטירן ווייטער די וואַלן צו דער דומע קאָן מען ניט.

אַ ביסל שווערער איז אָנגעקומען די פראַגע וועגן פאַראייניקונג מיט די רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטן. אַ טייל דעלעגאַטן, בראש מיט סלאָוועקן (גראָסערן) און ליטוואַקן, איז ליידנשאַפטלעך אַרויסגעטראָטן קעגן דער פאַראייניקונג. אָבער מיר, די וואָס זיינען געווען באַקאַנט מיט דער רוסלענדער פּאַרטיי און וואָס האָבן געהאַט אין זין די פּאָליטישע זייט פון דער פראַגע, האָבן פאַרשטאַנען, אַז מען וועט זיך קיין מאָל ניט דערשלאָגן פון דער רוסלענדער פּאַרטיי קיין בעסערע באַדינגונגען ווי אין סטאָקהאָלם.

ביי דער דעבאַטע וועגן אַריינטרעטן אין דער פּאַרטיי זיינען געווען אייניקע דראַמאַטישע מאָמענטן. אָבער ווי ליידנשאַפטלעך און איינגעשפּאַרט סלאָוועק האָט געקעמפט, האָט ער דאָך אָפּגעגעבן אַ פייערלעכע דערקלערונג, אַז הגם ער איז ניט מסכים מיט דעם באַשלוס פון דער מערהייט, וועט ער זיך, אַלס דיסציפּלינירטער בונדיסט, אונטערגעבן אונטער דעם באַשלוס פון זיין פּאַרטיי און וועט ווייטער בלייבן אין די רייען פון „בונד". פּונקט אַזוי האָט געהאַנדלט אויך ליטוואַק.

צוריקגעקומען קיין רוסלאַנד פון לעמבערג פון 7־טן צוזאַמענפאַר, האָבן מיר זיך מיטן גאַנצן ברען אַריינגעוואָרפן אין דער פאַר אונדז נייער אַרבעט — אין דער וואַל־קאַמפּיין צו דער צווייטער גאָסודאַרסטווענער דומע.

די הויפּט־אויפגאַבע איז געווען צו באַזאָרגן די וואַל־רעכט סיי פאַר אונדזערע ווייל ער, סיי פאַר אונדזערע קאַנדידאַטן, וואָס האָבן געזאָלט „לויפן" ביי די וואַלן. ווי איך האָב שוין דערמאָנט, איז דאָס וואַל־רעכט צו דער דומע ניט געווען קיין אַלגעמיינע. כדי צו ווערן צוגעלאָזן צו די וואַלן אין דער אָדער יענער „קוריע", האָט מען גע־

דאַרפט האָבן אַ „צענז" (דירה, אייגנטום, געשעפט א. דגל.). דערביי זיינען אין די אידישע שטעט די קוריעס געווען באַזונדערע פאַר אידן און באַזונדערע פאַר ניט־אידן. נו, און אונדזערע קאַנדידאַטן זיינען דאָך געווען אַלע נע־ונדניקעס, דאָס רוב אומלעגאַלע מענטשן מיט פאַלשע פּאַספּאָרטן, אָן פּאַפּירן, אָן אַ דירה, אָן אַ געשעפט, אָן אייגנ־טום. וואָלטן מיר געהאַט אין רוסלאַנד אַלגעמיינע וואַל־רעכט, וואָלטן מיר, ערשטנס, געהאַט אַ גרויסע צאָל וויילער; צווייטנס, וואָלטן מיר געקאָנט האָבן אַ גלענצנדע רשימה פון קאַנדידאַטן. מיר וואָלטן אַרויס־געשטעלט אַזוינע ערשט־קלאַסיקע רעדנער ווי מעדעם, ליבער, גראָסער, אַזוינע אַגיטאַטאָרן ווי מאַקסים, סערגיי אָדער מאַקס ליפּעץ, אַזוינע איינפלוסרייכע מענטשן ווי אַלעקסאַנדער, נח א"אַ. אָבער ווי די לאַגע איז געווען, האָבן מיר אָט די אַלע מענטשן אפילו ניט געקאָנט אַרויס־שטעלן אויף אונדזערע ליסטעס און מיר האָבן געמוזט אַלס קאַנדידאַטן נעמען יענע מענטשן, וואָס האָבן דורך אַ צופאַל געהאַט וואַל־רעכט.

די זעלביקע טרויעריקע לאַגע איז געווען אויך אין דער רוסלענ־דער פּאַרטיי אָדער ביי די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. אָבער ביי זיי איז דער אומגליק צום טייל אויסגעגליכן געוואָרן דורך דעם, וואָס אין דעם אומגעהייער גרויסן לאַנד און ביי דער אומגעהייער גרויסער צאָל פון רוסישע וויילער פלעגט זיך שטענדיק וואו ניט וואו דורכוואַרפן צופעליק אַ פעאיקער מענטש, אַ גוטער רעדנער, אַ קלוגער פּאָליטיקער. אַזוי האָבן די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן געהאַט אין דער דומע די גרוזינער זשאָרדאַניאַ, צערעטעלי, טשכעאידזע, ראַמישווילי, לויטער קאַווקאַזער סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וואָס זיינען אויסגעקליבן געוואָרן אין דער דומע פון די גרוזינישע פּויערים און אַרבעטער, אָדער אַזוינע אַגיטאַטאָרן ווי אַלעקסינסקי, וואָס איז דורכגעגאַנגען ווי אַן אַנגע־שטעלטער אין דער אַרבעטער־קוריע אין פעטערבורג.

ווי טראַגיש עס איז געווען די לאַגע מיט קאַנדידאַטן און ווי דער עולם האָט געזוכט מיטלען אויף צו באַקומען וואַל־רעכט, קאָן מען זען פון דער שפּאַסיקער געשיכטע מיט דעם רוסישן מענשעוויק און שפּע־טערדיקן קאָמוניסט יורי ל אַ ר י ן, וואָס איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געשטאָרבן אין מאָסקווע. לאַרין, וואָס זיין אמתער נאָמען איז געווען לוריע, איז געווען אַ איד און דערצו נאָך אַ פאַרקריפּלטער דורך אַ שווע־רער קראַנקהייט. איז לאַרין געפאַלן אויף דעם גלענצנדן געדאַנק צו פאַרשרייבן זיך דורך אַ פאַלשן פּאַס אַלס אַן אוקראַאינער פּויער אין קיעווער גובערניע (ער האָט גוט גערעדט אוקראַיניש) און אַזוי אַרום אויסגעקליבן צו ווערן אַלס אַ פּויערים־דעפּוטאַט צו דער דומע. ס'האָט געקאָסט ניט ווייניק מי אָפּצובערענגען דעם אַוואַנטוריסט לאַרין פון זיין ווילדן פּלאַן. אָבער אין גאַנצן אָן ענלעכע פּלענער, אמת ניט אַזוינע ווילדע, האָבן מיר יעמאָלט ניט געקאָנט אויסקומען.

אין „בונד" האָבן מיר פון אַלע מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט געהאַט נאָר איין איינציקן, וואָס האָט געהאַט אַ „פּריטשעפּקע" צו

וואַל־רעכט. דאָס איז געווען מיין וויניקייט. בשעת איך בין אין דע־צעמבער 1904 נאָך דער ריגער תפיסה אַוועקגעפאָרן קיין פּעטערבורג, האָב איך צוליב ווינרעכט אַרויסגענומען די פּאַפּירן פון אַ פריקאַז־טשיק ביי מיין פעטער ישראל ריין אין דווינסק. אָבער רעגיסטרירטע פּריקאַזטשיקעס האָבן לויטן געזעץ געהאַט וואַל־רעכט. האָט די בונ־דישע אָרגאַניזאַציע אַרויסגעשטעלט אין מיין פּאַטער־שטאָט דווינסק מיין קאַנדידאַטור אַלס וואַלמאַן צו דער דומע. און אַזוי ווי איך בין שוין געווען אין איין שטאָט אָפיציעל אָנערקענט, האָט מען מיר דורך אַ ספּעציעלן קונץ געשאַפן אַ „צענז״ אין אַ צווייטן וואַלקרייז, אין דער שטאָט קאָוונע. דער קאָונער קונץ איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מען האָט פאַר מיר „געקויפט״ ביי אַ חבר אַ הויז אַרום קאָוונע. בין איך געוואָרן אַ הויז־באַזיצער אין קאָוונער אויעזד, און האָב דעריבער באַ־קומען דאָס רעכט געווײלט צו ווערן אַלס וואַל־מאַן פון קאָוונע, אין דער קוריע פון קליינע אייגנטימער.

אחוץ מיר האָבן דורך קליינע קונצן באַקומען וואַל־רעכט דער „לערער״ — גאַזשאַנסקי־לנו, אַן אַלטער בונדיסטישער טוער פון דעם ערשטן דור און נאָך אַ פּאָר מענטשן. און דאָס איז געווען אַלץ, וואָס דער „בונד״ האָט געקאָנט אַרויסשטעלן צו די וואַלן.

דאָס האָט אונדז, פאַרשטייט זיך, ניט געשטערט צו אַנטוויקלען אַ גאַנץ שטאַרקע וואַל־אַגיטאַציע צווישן דער אידישער באַפעלקערונג. די אידישע טעגלעכע ציטונג האָבן מיר נאָך געהאַט, אַ רוסישע צייט־שריפט, „נאַשאַ טריבונאַ״, האָבן מיר געשאַפן אין קאָוונע. אחוץ דעם האָבן מיר געהאַט אַ גאַנץ היפּשע צאָל גוטע אַגיטאַטאָרן, רעדנער און פּראָפּאַגאַנדיסטן. די צענטראַלע אָרגאַניזאַציע פון דער גאַנצער וואַל־פּראָפּאַגאַנדע איז קאָנצענטרירט געוואָרן אין מיינע הענט. מעדעם איז געזעסן אין דער רעדאַקציע פון דער רוסישער ציטונג אין קאָוונע, גראָסער איז געווען אין פּעטערבורג, קאָסאָווסקי איז געזעסן אין דער רעדאַקציע פון „וועקער״ אין ווילנע, און ליבער איז פון לעמבערגער צוזאַמענפאָר אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע, כדי דאָרטן צו שאַפן די נויטיקע געלט־מיטלען פאַרן „בונד״. ער איז טאַקע דאָרטן אַרויסגע־טראָטן מיט גרויס דערפאָלג און האָט אונדז צוגעשיקט אינם ווינטער 1906־1907 אַ היפּשע סומע געלט.

די וואַל־קאַמפּיין צו דער צווייטער דומע איז געווען די ערשטע עפנטלעכע אַרויסטרעטונג, וואו אונדז איז אויסגעקומען צו קעמפן ניט נאָר קעגן דער רוסישער זעלבסטהערשאַפט און ניט אַלס פאַרטרע־טער פון אַרבעטער קעגן פאַבריקאַנטן, — נאָר אויך אַלס סאָציאַל־דע־מאָקראַטישע פּאַרטיי קעגן אַנדערע פּאָליטישע שטרעמונגען אין אי־דישן פאָלק. און אין אָט דעם וואַל־קאַמף איז ביי אונדז אויפגעקומען די פראַגע וועגן וואַל־אָפּמאַכן מיט די אַנדערע ליבעראַלע און דעמאָ־קראַטישע פּאַרטייען און גרופּעס.

ביי אונדז אַלעמען איז געווען אָנגענומען דער אַלגעמיינער כלל, אַז סאָציאַל-דעמאָקראַטן מעגן און דאַרפן מאַכן צייטווייליקע אָפּמאַכן מיט בורזשואַזע דעמאָקראַטן קעגן דער צאַריסטישער רעאַקציע. אין דעם זיינען פּרינציפּיעל געווען מסכים סיי די רעכטע און סיי די לינקע, סיי די מענשעוויקעס און סיי די באָלשעוויקעס אָדער בונדיסטן. אָבער ווען עס איז געקומען צו דער פּראַקטישער דורכפירונג פון דעם דאָזיקן אַלגעמיינעם כלל, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ גאַנץ שטאַרקע חלוקי דעות צווישן די באָלשעוויקעס און די מענשעוויקעס. פּראַקטיש האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם צי זאָל מען ביי די וואַלן שטימען פאַר ליבעראַלע קאַנדידאַטן, כדי ניט צו דערלאָזן, אַז עס זאָלן אויסגעקליבן ווערן רע־אַקציאָנערן און שוואַרץ-מאַהניקעס.

כדי צו אַנטשיידן די דאָזיקע פּראַקטישע פראַגע איז אין פינלאַנד, אין דער שטאָט טאַמערפאָרס, פאַרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון די רוס־לענדער סאָציאַל-דעמאָקראַטן (אין נאָוועמבער 1906). אויף דער דאָ־זיקער קאָנפערענץ זיינען געווען פאַרטראָטן די מענשעוויקעס, די באָלשעוויקעס, דער „בונד", און די אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייט־גרופּן. דריי רעפערענטן זיינען אַרויסגעטראָטן וועגן דער דאָזיקער פראַגע: לענין פון די באָלשעוויקעס, מאַרטאָוו פון די מענשעוויקעס און איך פונם „בונד". און אָט דאָ אין טאַמערפאָרס, ביי די דאָזיקע דעבאַטן האָב איך צום ערשטן מאָל געהאַט די געלעגנהייט זיך גענויער צו באַקאָנען מיט דער באָלשעוויסטישער טאַקטיק און באָלשעוויסטי־שער פּאָליטיק.

בשעת דער „בונד" איז אין סעפּטעמבער 1906 (נאָך דעם 7-טן צוזאַמענפאָר) אַריינגעטראָטן צוריק אין דער פּאַרטיי, זיינען אַלעקסאַנ־דער קרעמער און איך באַשטימט געוואָרן פון „בונד" אַלס מיטגלידער פון דעם אַלגעמיין-רוסלענדער צענטראַל-קאָמיטעט. זייענדיק אָפט אין פּעטערבורג אויף די זיצונגען פון צ. ק., ווי אויך אין ביוראָ פון צ. ק., האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צוצוקוקן זיך גענויער צו מיינע נייע קאָלעגן אין דעם רוסלענדער צענטראַל-קאָמיטעט. און דווקא מיט לע־נינען האָב איך געהאַט עטלעכע פּריוואַטע שמועסן וועגן דער פראַגע פון וואַל-טאַקטיק. בשעת איך האָב מיט אים גערעדט די ערשטע פּאָר מאָל, איז ער געווען אין גאַנצן מסכים מיט דער מיינונג, וואָס איך האָב פאַרטראָטן, אַז ביי די היינטיקע באַדינגונגען מוזן מיר ביי די וואַלן — וואו מיר קאָנען אַליין ניט זיגן — אונטערשטיצן די בורזשואַזע ליבעראַלן און דעמאָקראַטן. „זיכער, זיכער", — האָט ער מיר געענט־פערט און האָט ציטירט די באַרימטע שטעלע פון מאַרקסן, וואו עס ווערט אַרויסגעזאָגט דער דאָזיקער געדאַנק. איך בין דעריבער געווען שטאַרק פאַרוואונדערט, ווען אויף דער טאַמערפאָרסער קאָנפערענץ, אין עטלעכע וואָכן אַרום, האָב איך דערהערט לענינען, ווי ער איז אַרויסגעטראָטן פלאַם און פייער קעגן יעדן וואַל-אָפּמאַך מיט די בור־זשואַזע פּאַרטייען. בשעת איך האָב אַרויסגעזאָגט מיין פאַרוואונדע־

רונג פאַר אַ פּאָר אַנדערע באַלשעוויקעס — באַגדאַנאָוו און טעאָדאָ־ראָוויטשן, האָבן זיי מיר מיט אַ שמייכעלע געענטפערט: „איר אַלע מיינט דאָך, אַז לענין איז ביי אונדז דער רבי און דער דיקטאַטאָר, אָבער עס הייבט זיך גאָר ניט אָן — לענין מוז זיך אונטערגעבן אונטער דער מערהייט פון אונזער אָרגאַניזאַציע". פון דעם וואָלט מען געקאָנט פאַרשטיין, אַז לענין פּערזענלעך האָט געהאַט אַן אַנדער מיינונג און די מערהייט פון זיין אָרגאַניזאַציע האָט אים איבערגעשטימט. אָבער עס האָט זיך עפּעס ניט געגלויבט. באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש און עכט־לענינסטיש איז געווען זיין באַגרינדונג, פאַרוואָס מען טאָר ניט שליסן קיין וואַל־אָפּמאַכן מיט די בורזשואַזע פּאַרטייען. — „געוויס זייט איר גערעכט, — האָט אונדז געענטפערט לענין אין טאַמערפאָרס און איך שפּעטער אין פּריוואַטע געשפּרעכן, — אַז פּאָליטיש און טאַקטיש וואָלט געווען נוצלעך צו שליסן אַן אָפּמאַך מיט די דעמאָקראַטן און דורכצופירן אין דומע וואָס מער ליבעראַלע און סאָציאַליסטישע דעפּו־טאַטן. אָבער פאַר מיר איז וויכטיק אַן אַנדער זאַך: די אַגיטאַציע! פיל וויכטיקער איידער דער פּראַקטישער דערפאָלג איז פאַר מיר די פּאָליטיש־פּסיכאָלאָגישע ווירקונג, וואָס די דאָזיקע אָפּמאַכן וועלן האָבן אויף אונדזערע אַרבעטער. ניט דער אָפּמאַך גופא איז פאַר מיר גע־פערלעך. געפערלעך פון מיין שטאַנדפּונקט איז די אַגיטאַציע, וואָס אונדזער פּאַרטיי וועט מוזן פירן, כדי צו באַרעכטיקן אין די אויגן פון די מאַסן די נויטווענדיקייט פון אַזאַ אָפּמאַך. מיר וועלן מוזן אָפּשוואַכן די שאַרפקייט פון אונדזער קריטיק קעגן די בורזשואַזע פּאַרטייען, מיר וועלן, ווילנדיק ניט ווילנדיק, אין אַ געוויסער מאָס זיין געצוואונגען צו ווערן ווייכער בנוגע צו די ליבעראַלן, זיי אַ ביסל ריינצוּוואַשן אין די אויגן פון אונדזערע אַרבעטער, מילדערן דעם האַס פון אונדזערע אַרבעטער קעגן זיי. און דאָס וועט ברענגען דערצו, אַז דער רעוואָלו־ציאָנערער קלאַסן־באַוואוסטזיין פון אונדזערע אַרבעטער וועט פאַר־טונקלט ווערן. די שאַרפקייט פון רעוואָלוציאָנערן קלאַסנבאַוואוסט־זיין איז פאַר מיר אָבער וויכטיקער איידער די פּראַקטישע דערפאָלגן".

ניט געקוקט אויף דעם ווידערשטאַנד פון לענינען איז דער פּרינ־ציפּ פון וואַל־אָפּמאַכן מיט אַנדערע פּאַרטייען אָנגענומען געוואָרן אויף דער קאָנפערענץ. דאָס האָט געגעבן די מעגלעכקייט אויך דעם „בונד" אין אַ פּאָר ערטער דורכצופירן אַזוינע וואַל־אָפּמאַכן. איינער פון די דאָזיקע פּרוּוון איז טאַקע געמאַכט געוואָרן אין מיין וואַל־קרייז — אין קאָוונע.

11

מיין קאַנדידאַטור אין דווינסק און קאָוונע

אַזוי ווי איך בין געווען דער איינציקער מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט, וועמען עס האָט זיך איינגעגעבן צו באַקומען אַ שטיקל וואַל־רעכט צו דער דומע, האָט מען אָנגענומען אַלע מיטלען, כדי איך זאָל

חלילה ניט דורכפאַלן. האָט מען אַנטוויקלט אַ גאַנץ שטאַרקע אַגיטאַציע אין די ביידע שטעט, וואו מיין קאַנדידאַטור פאַר וואַלמאַן איז געוואָרן אַרויסגעשטעלט.

אין דווינסק, וואו איך בין „געלאָפן" אַלס פּריקאַזטשיק, האָט מיין קאַנדידאַטור אָנגעמאַכט ניט ווייניק רושם. איך בין דאָך געווען עפּעס אַ היגער, אַ געבוירענער דענעבורגער און די גאַנצע שטאָט האָט מיך געקאָנט. דאָס איז געווען גוט אויף צו באַקומען מער שטימען. דאָס איז אָבער געווען זייער שלעכט צוליב דעם, וואָס די גאַנצע שטאָט האָט געוואוסט, אַז איך בין ניט קיין עכטער פּריקאַזטשיק און אַז מיין „צענז" איז אַ שלעכטער. אמת, מיין „לאַיסענס" פון אַ פּריקאַזטשיק איז ניט געווען קיין געפעלשטע. איך האָב איר טאַקע אַרויסגענומען נאָך מיט אַנדערהאַלבן יאָר צוריק, בשעת קיין שום דומע און קיין שום וואַלרעכט זיינען נאָך ניט געווען אויף דער וועלט. אָבער קיין פּריקאַזטשיק בין איך דאָך ניט געווען און דאָס האָבן זייער גוט געוואוסט סיי די אַדמיניסטראַציע, סיי די פּאָליציי אין דער שטאָט דווינסק. ווען איך בין אַוועק אין דער שטאָט-פאַרוואַלטונג צו מאַכן זיכער, אַז מיין נאָמען איז אַריינגענומען געוואָרן אין דער וואַל-ליסטע, האָט מיין דערשיינען אַרויסגערופן דאָרטן אַ גאַנצן טומל. די באַאַמטע זיינען געקומען צולויפן פון אַנדערע אָפיסעס אַ קוק צו טאָן אויף דעם „שרעקלעכן" בונדיסט, וואָס האָט די העזה אַרויסצושטעלן זיין קאַנדידאַטור אין דער דומע. אַ מענטש, וואָס איז אַ לאַנגע צייט געווען אומלעגאַל און וועגן וועלכן מען האָט אין דער קליינער שטאָט דערציילט לעגענדעס, באַוויזט זיך מיט אַ מאָל גאַנץ לעגאַל און אָפן פאַר דער פּאָליציי און מען קאָן אים קיין זאַך ניט טאָן. וואונדער איבער וואונדער.

און עס איז טאַקע געווען אַזוי, אַז די פּאָליציי האָט מיר ניט געקאָנט קיין זאַך טאָן, ווייל מיינע ריגער און וואַרשעווער חטאים זיינען אויסגעמעקט געוואָרן נאָך דער אַמנעסטיע פון 17-טן אָקטאָבער 1905. און קיין נייע „פאַרברעכנס" האָט מען מיר נאָך דערוויל ניט געקאָנט דערוויזן.

אַלזאָ, אין דער וואַל-רשימה בין איך אַריינגענומען געוואָרן. און טאַקע ניט נאָר אין דווינסק, נאָר אויך אין קאָוונע. ווי די לייענער וועלן שפּעטער זען, האָט עס מיר גאָר ווייניק געהאָלפן, אָבער די וואַל-קאַמפּיין האָבן מיר יאָ געקאָנט פירן.

אין דווינסק איז מיין קאַנדידאַטור אונטערגעשטיצט געוואָרן פון אַלע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס פון וויטעבסקער גובערניע. ס'זיינען פאָרגעקומען סאַי אין דווינסק סאַי אין וויטעבסק קאָנפערענצן מיט די איסקראָווצעס, און מיין קאַנדידאַטור איז אָנערקענט געוואָרן ניט נאָר אַלס די קאַנדידאַטור פון „בונד", נאָר פון דער גאַנצער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, און מען איז וועגן איר אַריינגעטראָטן אין אונטערהאַנדלונגען מיט די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן. אָבער דאָ איז שוין געווען אַ שוועריקייט, וואָרים אין דער זעלביקער וויטעב-

סקער גובערניע (די וואַל-קרייזן צו דער דומע האָבן זיך אין אַלגעמיין גערעכנט ניט לויט די איינצלנע שטעט נאָר לויט די גובערניעס), איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן נאָך אַ צווייטער סאָציאַליסטישער קאַנדי-דאַט און טאַקע ווידער אַ איד: דאָס איז געווען ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, אַ געבוירענער וויטעבסקער (אין אַ שטעטל לעבן וויטעבסק), וואָס איז אין יענעם מאָמענט אין אַלגעמיין רוסישע פראַגן פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ סאָציאַליסט-רעוואָלוציאָנער, און אין די ספּעציעל-אידישע פראַגן — געווען איינער פון די פירער פון דער פאַרטיי „סערפּ" (אָדער „סיימאָווצעס"). די קאַנדידאַטור פון זשיטלאָווסקין האָט אונטערגע-שטיצט דורך זיין פּערזענלעכן איינפלוס דער באַוואוסטער שרייבער ש. אַנ-סקי, אַ שוועסטער-קינד פון זשיטלאָווסקין און זיינער אַ גרויסער חסיד, אַליין אויך אַ וויטעבסקער און מיט גרויסע פאַרבינדונגען אין דער שטאָט. זיינען מיר מיט זשיטלאָווסקין געווען קאָנקורענטן, וואָרים דורכצופירן פון דער גובערניע 2 אידישע סאָציאַליסטן איז געווען אַב-סאָלוט אוממעגלעך. אפילו וועגן איינעם איז שוין געווען אַ גרויסע פראַגע, צי מען וועט קאָנען אין דער גובערניאַלער וואַל-פאַרזאַמלונג, וואו עס קומען זיך צונויף די פּויערשע און שטאָטישע וואַל-מענער פון דער גאַנצער גובערניע, געפינען גענוג לינקע וואַל-מענער צווישן די קריסטן און אידן אויף צו אונטערשטיצן די קאַנדידאַטור פון אַ אידישן סאָציאַליסט. האָבען מיר באַשלאָסן, וויניקסטנס מיר אין „בונד", אַז פריער פאַר אַלץ זאָלן מיר זען דורכצופירן אונדזער וואַל-מאַן אין דווינסק. און אויב איך וועל דורכגיין אין דווינסק און זשיט-לאָווסקי וועט דורכגיין אין וויטעבסק, וועט מען יעמאָלט זען, ווי אַזוי דורכצוקומען. דאָס איז געווען טאַקע זייער אַ קלוגער באַשלוס, וואָרים עס האָט זיך אויסגעלאָזן, אַז ניט איך בין דורכגעגאַנגען אין דווינסק און ניט זשיטלאָווסקי איז דורכגעגאַנגען אין וויטעבסק. האָבן מיר ניט געדאַרפט „טיילן דער באָבעס ירושה".

אָבער אויך אַזוי האָבן מיר דעם דאָזיקן קאַמף געפירט פוןביידע זייטן זייער לאָיאַל. ש. אַנ-סקי האָט פאַר מיר אָרגאַניזירט אין וויטעבסק אַ מין „רעספּשאָן", אין „אינטעליגענטישן קלוב", ווען איך בין אַהין געקומען דורכפירן אַ גרויסע וואַל-פאַראַמזלונג. אויך איך האָב אין מיין אַגיטאַציע בשעת דעם וואַל-קאַמפּיין געלאָזן אין גאַנצן אין אַ זייט דעם קאַמף קעגן די אַנדערע אידישע סאָציאַליסטן, ווייל איך האָב געהאַט גענוג צו טאָן מיטן קאַמף קעגן די אידישע בורזשואַזע פאַרטייען, וואָס האָבן אין דווינסק אַרויסגעשטעלט אייגענע קאַנדידאַטן קעגן מיר.

ווי אַזוי מיינע שאַנסן אין דווינסק וואָלטן געווען, ווייס איך ניט. מיר האָבן גערעכנט מיט אַ היפּשער צאָל שטימען, ווייל אַחוץ דער שטאָט דווינסק האָבן זיך אין די דווינסקער וואַלן געדאַרפט באַטייליקן אויך די אַרומיקע שטעטלעך און צווישן זיי דאָס שטעטל קרעסלאַווקע, וואָס האָט געהאַט אַ גאַנץ היפּשע בונדיסטיש-געשטימטע באַפעלקע-רונג. די קרעסלאַווקער זיינען געקומען צו די וואַלן מיט אַ ספּעציעלע

טריין און האָבן אַלע, ווי איין מאַן, געשטימט פאַר דעם בונדיסטישן קאַנדידאַט. אָבער גראָד צו דעם מאָמענט פון די וואַלן האָט די דווינ־סקער אַדמיניסטראַציע ענדלעך אויסגעפונען אַ פּגימה אויף מיין וואַל־רעכט: די לאַיסענס פון אַ פריקאַזטשיק האָב איך טאַקע, אָבער איך באַשעפטיקט זיך ניט מיט מיין באַרוף, דעריבער בין איך ניט קיין אמתער פריקאַזטשיק. אָבער דאָס וואַל־געזעץ האָט אין זין, לויט דער מיינונג פון דער דווינסקער אַדמיניסטראַציע, נאָר אמתע און עכטע פריקאַז־טשיקעס און ניט קיין „געבלאָפטע". עס פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב תיכף דערלאַנגט אַ פּראָטעסט אין סענאַט, וואָס ער אַליין איז געווען באַרעכטיקט צו אַנטשיידן די פראַגן פון וואַל־רעכט. אָבער ביז וואַנען מיין ענין איז אַנטשיידן געוואָרן אין סענאַט, זיינען פאַרבייגעגאַנגען ניט נאָר די וואַלן צו דער דומע, נאָר די צווייטע דומע גופא, און עס איז שוין געווען די דריטע.

דאָס איז אָבער געווען שוין אין לעצטן מאָמענט. און ביז דאַן האָבן מיר געפירט די וואַל־קאַמפּעין גאַנץ טיכטיק, אַרויסגעלאָזן בלעט־לעך, בראָשורן, געמאַכט פאַרזאַמלונגען. און אַט אויף איינער פון די דאָזיקע וואַל־פאַרזאַמלונגען אין דווינסק האָב איך זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט מיט ו ו ל אַ ד ע ק ן.

איך האָב וועגן וולאַדעקן שוין געהערט, פאַרשטייט זיך, פון לאַנג אָן, וואָרים ביי אונדז אין צ. ק. האָבן מיר גענוי נאָכגעפאָלגט די קאַ־ריערע פון יעדן בונדישן טוער, וואָס איז געווען אַ פּראָפעסיאָנאַל, און באַזונדערס האָבן מיר זיך אינטערעסירט, נאַטירלעך, מיט אַזוינע טאַלענטפולע און באַגאַבטע יונגע רעדנער און שרייבער, ווי וולאַדעק. כ'האָב דעריבער געוואוסט אַלץ וועגן וולאַדעקן, וואָס מען קאָן נאָר וויסן. איך האָב אים אָבער ביז דאַן קיין איינציקן מאָל ניט געטראָפן פּערזענלעך. און אָט דאָ איז ער געקומען קיין דווינסק, כדי צו פאַר־שטאַרקן די אַגיטאַציע פאַר מיין קאַנדידאַטור צו דער דומע. עס איז פאַררופן געוואָרן אַ גרויסע וואַל־פאַרזאַמלונג אין יענעם גרויסן זאַל ביי דער דאַמבע, אין וועלכן מיר האָבן שטענדיק געמאַכט אַלע גרויסע פאַראַנשטאַלטונגען (דער דאָזיקער האַל איז צעשטערט געוואָרן בשעת רעד פאָריקער מלחמה און עקסיסטירט שוין ניט מער). ריידן האָט מען געמעגט אויף דער פאַרזאַמלונג נאָר רוסיש. אידיש איז דעמאָלט ניט אָנערקאַנט געוואָרן אַלס אַן אָפיציעלע שפּראַך אין עפנטלעכע פּאָליטישע פאַרזאַמלונגען. האָבן אַלע רעדנער געמוזט ריידן רוסיש. אַריינגעלאָזן אין האַל האָט מען נאָר מענטשן, וואָס האָבן געהאַט וואַל־רעכט. צוליב דעם איז אַ גרויסער טייל פון אונדזער אָרגאַניזאַציע, ספּעציעל פון דער יוגנט, ניט געווען אַנוועזנד אין דער פאַרזאַמלונג. די בורזשואַז־אידישע פּאַרטייען האָבן אַראָפּגעבראַכט אַ באַוואוסטן אַד־וואָקאַט פון פּעטערבורג און מיר ביידע מיט וולאַדעקן האָבן געזאָלט פאַרטיידיקן דעם כבוד פון „בונד". איך דאַרף פאַר מיינע אַמעריקאַנער לייענער ניט כאַראַקטעריזירן וולאַדעקן און זיין אַרט ריידן. דאָס מערק־

ווירדיקע איז געווען, וואָס הגם וולאַדעק רוסיש איז געווען ניט זייער גלענצנד, האָט ער דאָך דורך זיין טעמפּעראַמענט און דורך זיין אָראַטאָרישער קראַפט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אין דער פאַרזאַמלונג. אָבער באַזונדערס שטאַרק איז געווען דער איינדרוק ביי מיר גופא, וואָס איך האָב צום ערשטן מאָל געהערט וולאַדעקן רײדנדיק.

מיט נאָך אַ צווייטן גלענצענדן רעדנער, וואָס איז יעמאָלט געווען באַרימט אין די אידישע קרייזן, האָב איך זיך געטראָפן בשעת מיין יעמאָלטדיקער וואַל־קאַמפּיין, אָבער דאָס איז שוין געווען אין ק אָ ו ו נ ע.

אין קאָוונע האָבן מיין קאַנדידאַטור אונטערגעשטיצט אַלע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס פון קאָוונער גובערניע, אַריינגערעכנט אויך די ליטווישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. אַפילו מיט די אידישע דעמאָקראַטן, וואָס האָבן אַרויסגעשטעלט די קאַנדידאַטור פון דעם זייער חשובן און זייער סימפּאַטישן ד״ר אַבראַמסאָן, האָט די בונדישע אָרגאַניזאַציע פון קאָוונע געשלאָסן אַ וואַל־אָפּמאַך לויט דעם באַשלוס פון דער טאַמערפאָרסער קאָנפערענץ, וועגן וועלכער איך האָב געשריבן אין מיין פאַריקן קאַפּיטל. נאָר איין־איינציקע גרופּע פון דער רוסלענדער פּאַרטיי איז ניט צוגעשטאַנען צו דעם דאָזיקן אָפּמאַך, הגם זי איז ניט אַרויסגעטראָטן קעגן מיר: דאָס איז געווען די באָלשעוויסטישע גרופּע פון קאָוונע, מיט וועלכער עס זיינען געווען פאַרבונדן אויך אייניקע בונדיסטן, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער מיליטערישער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע. איינער פון זיי איז געווען סאָלי נאַכימזאָן, וואָס איז שפּעטער אין 1917 געוואָרן אַ באָלשעוויסטישער קאָמיסאַר און דערהרגעט געוואָרן פון דעם המון בשעת דעם אויפשטאַנד אין ריבינסק אין 1918. אָבער די קאָוונער באָלשעוויסטישע גרופּע האָט קיין איינפלוס צווישן די וויילער ניט געהאַט. איך האָב אויך געהאַט אַן ערנסטערן קאָנקורענט, און דאָס איז געווען דער הויפּט־טעאָרעטיקער און באַגרינדער פון די ס. ס. (ציוניסטן־סאָציאַליסטן) ד״ר נחמן סירקין. אַזוי ווי מיט דעם דעמאָקראַטישן קאַנדידאַט ד״ר אַבראַמסאָן האָבן מיר אייגנטלעך קיין קאַמף ניט געפירט, הגם אין די וואַל־פאַרזאַמלונגען האָבן מיר, פאַרשטייט זיך, אַנטוויקלט די בונדיסטישע פּראָגראַם און פּאָלעמיזירט מיט אַנדערע ריכטונגען, איז דער שטאַרקסטער קאַמף אויסגעקומען צווישן מיר און סירקינען. אַט כדי צו אונטערשטיצן די קאַנדידאַטור פון סירקינען, וואָס איז אַליין געווען אַ שוואַכער רעדנער, האָבן די ס. ס. אַראָפּגעבראַכט פון פּוילן זייער בעסטן רעדנער, וואָס האָט ביי די ס. ס. געהאַט דעם זעלביקן שם, ווי וולאַדעק אָדער מאַקס ביי אונדז אין „בונד". און אָט אין איינער פון די פיל קאָוונער וואַל־פאַרזאַמלונגען, פאַר אַ קאָלאָסאַלן עולם פון אַ פּאָר טויזנט מענטשן, האָט זיך מיט איין מאָל אַרויפגעהויבן אויף דער טריבונע אַ יונגער בחור׳ל פון אַ יאָר 20, וואָס איז פאָרגעשטעלט געוואָרן ווי „אהרן דער טשענסטאָכאָווער". און אָט דער יונגערמאַנ-

טשיק האָט מיט אַ שאַרפער געשליפענער צונג און אין זייער אַ שיינעם, בלומיקן אידיש, אַ לאַז געטאָן קעגן מיך און דעם „בונד” אַ פייערדיקע רעדע, וואָס האָט געזאָלט פאַרוואַנדלען מיין קאַנדידאַטור און מיין פּאַרטיי אין אַ קופּע אַש. עס פאַרשטייט זיך, אַז איך בין אים ניט גע־בליבן שולדיק קיין ענטפער. וועגן דעם דאָזיקן רעדנער־דועל האָט מען נאָך לאַנג גערעדט אין קאָוונע. אָבער איך האָב זיך געטראָפן מיט דעם דאָזיקן אהרון דער טשענסטאָכאָווער צום צווייטן מאָל ערשט אין 1920 אין בערלין. און יעמאָלט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז דער איצטיקער ד״ר סינגאַלאָווסקי פון „אָרט”, וועמען די אידישע עפנטלעכקייט קאָן גאַנץ גוט.

די דערמאָנטע פאַרזאַמלונג איז געווען איינע פון די פיל, וואָס איך האָב יעמאָלט דורכגעפירט אין קאָוונע און אין די אַנדערע שטעט פון קאָוונער גובערניע. זייער אַ גרויסע און שטורעמדיקע פאַרזאַמלונג האָב איך געהאַט אין פּאָנעוועזש, אין יענער שטאָט, וואו איך האָב דאָס גע־לערנט מיט יאָרן צוריק אין רעאַל־שול. דאָרטן איז די פאַרזאַמלונג פאָרגעקומען אין דער שול, וואָס איז געווען פון אויבן ביז אונטן אָנגעפּאַקט מיט מענטשן אַזוי, אַז מען האָט קוים געקאָנט אָטעמען. וויניקסטנס, איז מיר פּערזענלעך געווען זייער שווער צו אָטעמען. און די סיבה פון דעם האָב איך פאַרשטאַנען ערשט אַרום איינס אַזייגער ביי דער נאַכט, ווען מיר זיינען נאָך דעם מאַסן־מיטינג געקומען אין הויז פון אונזער פּאָנעוועזשער וואַל־מאַן, ד״ר פרידמאַן, וואו עס האָט גע־דאַרפט פאָרקומען אַ מין קליינער באַנקעטל, אָדער ריכטיקער געזאָגט אַ בונדישע „ליאַמע” לכבוד מיר. זיצנדיק דאָ ביים טיש האָב איך דער־פילט, אַז ניט נאָר וואָס איך קאָן ניט אָטעמען, נאָר עס איז מיר אויך עפּעס מאָדנע היים. און ווען איך האָב געזאָגט דעם באַלעבאָס, דעם דאָקטאָר, אַז אין זיין וואוינונג איז שרעקלעך היים, האָט ער אַ קוק געטאָן אויף מיר, אַ טאַפּ געטאָן מיין פולס — און האָט מיר דערקלערט, אַז איך האָב שטאַרקע פיבער און איך דאַרף זיך גלייך לייגן אין בעט. עס איז געווען אַ שטאַרקע פאַרקילונג.

מיט שטאַרקע פיבער און קאָפּווייטאָג בין איך אָפּגעלעגן אין הויז פון דעם גאַסטפריינטלעכן דאָקטאָר עטלעכע טעג און איינע פון די בונ־דיסטישע טוערינס, טאָקע אַ דווינסקער לאַנדספרוי, איז געווען מיין קראַנקן־שוועסטער. אָבער אויפן פערטן אָדער פינפטן טאָג פון מיין קראַנקהייט איז אָנגעקומען פון קאָוונע אַ דרינגנדיקע טעלעגראַם: די קאָוונער אַדמיניסטראַציע האָט נאָכגעטאָן דער דווינסקער און האָט געפּסלט מיין וואַל־רעכט — זי האָט אויסגעפונען, אַז איך בין ניט קיין אמתער הויז־אייגנטימער. מוז איך קומען תיכּף קיין קאָוונע, דער־לאַנגען אַן אַפּעלאַציע צום סענאַט. איך בין נאָך געווען אין גאַנצן קראַנק און צעבראָכן, אָבער מען טאָר דאָך ניט דורכלאָזן דעם געזעצ־לעכן טערמין פאַר אַזאַ מין זאַך. האָב איך אַנטליען ביי אַ חבר אַ יאַרימען פעלץ, איינגעטוליעט זיך אין אים און בין אין אַ ביטערן

פראַסט אַוועקגעפאָרן קיין קאָוונע. אָפּגעפאָרן אַ גאַנצע נאַכט, אָנגע־קומען אַהין אין דער פרי, אונטערגעשריבן ביים אַדוואָקאַט די נייטיקע פּאַפּירן, און האָב זיך ווידער אַוועקגעלייגט אין בעט מיט נאָך אַן ערגערער „אינפלוענצאַ" ווי אין פּאָנעוועזש. איצט האָב איך אָבער שוין געקרענקט ניט אין אַזעלכע אָנגענעמע באַדינגונגען ווי אין דעם הויז פון דעם פּאָנעוועזשער דאָקטאָר.

די רעדאַקציע פון אונזער רוסישן וואָכן־בלאַט, „נאַשאַ טריבונאַ", וואָס איז אָפיציעל אַרויסגעגאַנגען אין ווילנע, האָט זיך פּאַקטיש גע־פונען אין קאָוונע. דאָרטן האָט מען געדונגען אַ דירה פון 3 צימערן, וואָס אין זיי זיינען געשטאַנען 3 אייזערנע בעטלעך און 2־3 שטולן מיט אַ טישל. מער קיין זאַכן זיינען אין דער ליידיקער וואוינונג ניט געווען און געוואוינט האָבן דאָרטן וולאַדימיר מעדעם, אייזנשטאַט־יודין און דוד זאַסלאַווסקי. האָבן די חברים אריינגענומען מיך צו זיך און דאָרטן בין איך אָפּגעלעגן 10 טעג. מעדעם און יודין זיינען ווייניק געווען אין הויז צוליב פּאַרטיי־אַרבעט, און מיין הויפּט־„נוירס" איז געווען זאַסלאַווסקי. ווען איך בין אַראָפּגעקראָכן פון מיין געלעגער און כ'בין אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס, איז שוין די וואַל־קאַמפּיין געווען פאַרענדיקט. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס מיין נאָמען איז אויסגעמעקט געוואָרן פון דער רשימה, האָבן אַ סך קאָוונער וויילער דאָך געשטימט פאַר מיר און איך האָב באַקומען אַ היפּשע צאָל שטימען. אָבער דאָס האָט מיר, פאַרשטייט זיך, ניט געהאָלפן. איך בין ניט אויסגעקליבן געוואָרן ניט אין דווינסק און ניט אין קאָוונע פאַר אַ וואַל־מאַן און דע־ריבער האָט שוין ניט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן מיין קאַנדידאַטור צו דער דומע.

דעם זעלביקן גורל האָבן געהאַט אויך אַלע אַנדערע בונדישע וואַל־מענער־קאַנדידאַטן. און ווען די דומע האָט זיך צוזאַמענגעקליבן, האָט מען דאָרטן געהאַט אַ גאַנץ היפּשע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פראַקציע פון רוסישע און קאַווקאַזישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אָבער קיין איינ־ציקער אידישער סאָציאַליסט איז אין גאַנץ רוסלאַנד ניט אויסגעקליבן געוואָרן.

12

די ס.־ד. פראַקציע אין דומע

אָבער אויב דער „בונד" האָט ניט געהאַט קיין אייגענעם דעפּוטאַט אין דער דומע, איז דאָרטן דאָך געווען אַ גאַנץ שטאַרקע סאָציאַל־דע־מאָקראַטישע פראַקציע, און דער „בונד" אַלס אַ טייל פון דער אַלגע־מיינער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט געפילט, אַז ער מוז זיך באַטייליקן אין דער אַרבעט פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דעפּו־טאַטן און אין דער אָנפירונג מיט זיי.

דעם איצטיקן לייענער קאָן אויסקומען משונהדיק, וואָס דער צענ־טראַל קאָמיטעט פון אַ פּאַרטיי וויל עפּעס אָנפירן מיט די דעפּוטאַטן פון אַ פּאַרלאַמענט. אָבער אין די יאָרן 1906־1907 אין רוסלאַנד איז די לאַגע געווען אַזאַ, אַז אין פּאַרלאַמענט זיינען דורכגעגאַנגען אַלס דעפּו־טאַטן דאָס רוב צופעליקע מענטשן און ניט קאַנדידאַטן, וואָס זיינען באַשטימט געוואָרן פון דער פּאַרטיי. ניט נאָר ביי אונדז אין „בונד", נאָר אויך אין דער אַלגעמיינער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי האָבן די בעסטע און באַרימטעסטע פירער ניט געהאַט קיין וואַל־רעכט. און וואַל־רעכט האָבן דווקא געהאַט אַמאָל מענטשן צוליב צופעליקע סיבות און ניט צוליב דעם, וואָס די פּאַרטיי האָט זיי געהאַלטן פאַר די בעסטע פאָרטרעטער צום פּאַרלאַמענט. האָט דער צענטראַל־קאָמי־טעט פון דער פּאַרטיי באַשלאָסן, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּראַק־ציע פון דער דומע זאָל אַרבעטן אונטער דער אָנפירונג פון אַ ספּע־ציעלן קאָמיטעט. אין דעם דאָזיקן קאָמיטעט זיינען אַריין סיי מענשע־וויקעס, וואָס האָבן געהאַט יעמאָלט אַ מערהייט, סיי באָלשעוויקעס און סיי דער „בונד". פון די מענשעוויקעס זיינען געווען מאַרטאָוו און דאַן, פון די באָלשעוויקעס לענין און, דוכט זיך, באָגדאַנאָוו, פון צענטראַל קאָמיטעט פון „בונד" בין איך באַשטימט געוואָרן.

צעטרייבנדיק די ערשטע דומע האָט די צאַרישע רעגירונג געהאָפט, אַז די צווייטע וואַלן וועלן ברענגען אַ דומע אַ מער רעכטע, מיט וויי־ניקער רעוואָלוציאָנערן און מער מעסיקע פאָרטרעטער. זי האָט זיך אָבער שטאַרק אָפּגענאַרט. אמת, די צאָל רעכטע האָט זיך טאַקע אַ ביסל פאַרגרעסערט (אויף אַ צענדליק אָדער צוויי) און די צאָל לינקע ליבע־ראַלן (קאַדעטן) האָט זיך פאַרקלענערט און טאַקע שטאַרק, כמעט אויף אַ העלפט. דערפאַר אָבער איז שטאַרק אויסגעוואַקסן די צאָל לינקע און רעוואָלוציאָנערע דעפּוטאַטן. „טרודאָוויקעס" (לינקע פּויערים) פאָלקס־סאָציאַליסטן, סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן זיינען אין דער ער־שטער דומע געווען צוזאַמען 94; אין דער צווייטער דומע האָבן די דאָזיקע אַלע גרופּעס געהאַט 157: וואָס עס האָבן פאַרלאָרן די קאַ־דעטן, האָבן געוואונען די לינקע! די צאָל סאָציאַל־דעמאָקראַטן איז שטאַרק אויסגעוואַקסן: אין דער ערשטער דומע זיינען זיי געווען 18 און אין דער צווייטער דומע גאַנצע 65! דאָס איז געווען דער רעזול־טאַט פון דעם, וואָס די לינקע האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון באָיקאָט.

די דראַמאַטישע געשיכטע פון דער צווייטער דומע איז גענוג באַקאַנט. זי האָט עקסיסטירט פון 20־טן פעברואַר ביזן 2־טן יוני 1907. פאַר דער קורצער צייט פון איר עקסיסטענץ זיינען געמאַכט געוואָרן געוואַלדיקע אָנשטרענגונגען צו פאַרוואַנדלען די דומע אין אַן אמתן פּאַרלאַמענט, צו פאַרשאַפן איר אַן אמתע מאַכט אין דער מלוכה און אַזוי אַרום אַריינצופירן אין צאַרישן רוסלאַנד אויף אַ פרידלעכן אופן אַ דעמאָקראַטיש־קאָנסטיטוציאָנעלן רעזשים. אויך די עקסטרעם־לינקע פּאַרטייען האָבן אייגנטלעך מער ניט געוואָלט ווי דאָס. וואָרים אין יע־

נעם מאָמענט זיינען סיי די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן (אַחוץ זייער „מאַקסימאַליסטישן" פליגל), סיי די מענשעוויקעס און סיי די באָלשעוויקעס געווען אַנהענגער פון אַ דעמאָקראַטישער רעפובליק און האָבן ניט געשטרעבט צו אַ סאָציאַליסטישער איבערקערעניש. אַלע סאָציאַליסטן פון יענער צייט, און טאַקע פריער פאַר אַלץ די באָלשעוויקעס מיט לענינען בראש, האָבן געהאַלטן, אַז נאָר אַנאַרכיסטן אָדער האַלבע אַנאַרכיסטן (מאַקסימאַליסטן — נאַראָדניקעס) קאָנען חלומען וועגן אַ תיכפדיקער סאָציאַלער רעוואָלוציע: אַ מאַרקסיסט פאַרשטייט, אַז דערצו איז נאָך די צייט ניט געקומען, און די נאָענטסטע אויפגאַבע אין דער איצטיקער געשיכטלעכער עפּאָכע איז צו דערשלאָגן זיך אַ דעמאָקראַטישע רעפובליק.

אויך די ברייטע שיכטן פון דער בורזשואַזער און פויערשער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד האָבן געשטרעבט צו אַ פּאַרלאַמענטאַרישער דעמאָקראַטיע. דערביי איז דאָס פאַר די פויערים געווען פאַרבונדן מיט דער פאָדערונג פון אַ וויט־גייענדיקער אַ ג ר אַ ר ־ ר ע פ אָ ר ם: די פויערים האָבן עקאָנאָמיש געלעבט אין דחקות און ענגשאַפט און דאָס ניי־פאַרטיילן די ערד, וואָס מען האָט געדאַרפט אָפּנעמען ביי די פּריצים און צעטיילן צווישן די פויערים, איז געווען אַ דרינגענדיקע נייטיקייט ניט נאָר פון פויערשן, נאָר אויך פוןווירטשאַפטלעכן און אַלגעמיין־פּאָליטישן שטאַנדפונקט. דאָס האָבן איינגעזען אויך די בורזשואַזע ליבעראַלן, און דווקא די קאַדעטן האָבן אויסגעאַרבעט אַ גאַנץ ראַדיקאַלן פּראָיעקט פון אַן אַגראַר־רעפאָרם, וואָס זיי האָבן אַריינגעטראָגן אין דומע (נאָך מער ראַדיקאַלע פּראָיעקטן האָבן, פאַרשטייט זיך, אַריינגעטראָגן די טרודאָוויקעס, די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן און די סאָציאַל־דעמאָקראַטן).

אָבער דווקא אָט די אַגראַר־רעפאָרם האָט איבערגעשראָקן די פּריצים, די רייכע ערד־באַזיצערס, די הויפישע אַריסטאָקראַטן, וואָס זייער איינפלוס אויף דעם צאַר און דער רעגירונג איז געווען אַנטשיידנדיק. אונטער דעם איינפלוס פון די רעאַקציאָנערן האָט די דינאַסטיע ראָמאַנאָוו דורכגעלאָזן דעם איינציקן שאַנס אויף רעטונג, וואָס זי האָט געהאַט, און איז אַרויף אויף דעם וועג, וואָס האָט זי מיט גענוי 10 יאָר שפּעטער געבראַכט צום אונטערגאַנג און צום שרעקלעכן סוף.

דער קאַמף צווישן דער דומע, וואָס איז געווען אין יענעם מאָמענט די אמתע פאַרקערפּערונג פון דעם פאָלקס־ווילן און פּראָגרעס, און די פינסטערע רעאַקציאָנערע כוחות פון רוסלאַנד, וואָס האָבן געשטויסן דאָס לאַנד צום אָפּגרונט, האָט אָנגענומען זייער דראַמאַטישע פאָרמען. די פאָדערונגען פון אַמנעסטיע, פון פרייהייט, פון רעפאָרמעס, פון דעמאָקראַטיע, האָבן אַרויסגערופן מצד דער צאַרישער רעגירונג, בראש פון וועלכער עס האָט זיך געשטעלט דער מיניסטער סטאָליפּין, נייע רדיפות, פאַרפאָלגונגען, פּאָגראָמען און בלוטיקן טעראָר. עס זיינען איינגעפירט געוואָרן מיליטערישע פעלד־משפּטים, וואָס פלעגן

אַרויסגעטראָגן טויט־שטראָף פאַר רעוואָלוציאָנערן, סאָציאַליסטן, סטריי־קער, און דאָס לאַנד איז באַדעקט געוואָרן מיט אַ וואַלד פון תליות און עשאַפאָטן.

ווען מען רעדט וועגן יענע שרעקלעכע יאָרן איצט, קאָן מען זיך פּסיכאָלאָגיש מער ניט אַריבערטראָגן אין יענער אַטמאָספערע, וואָס האָט געהערשט אין רוסלאַנד מיט 35 יאָר צוריק. וואָרים פאַר אָט די 35 יאָר האָבן ביר איבערגעלעבט די גאַנצע בלוטיקע גרויזאַמקייט פון צוויי וועלט־קריגן, פון אַ האַלבן טוץ רעוואָלוציעס און קאָנטר־רעוואָ־לוציעס. פאַרגליכן מיט די מיליאָנען קרבנות, וואָס מיר זעען איצט, זיינען די צענדליקער טויזנטער, וואָס זיינען אומגעקומען אין סטאָליפּינס צייטן, אַ גאַנץ נישטיקע צאָל. אָבער אין יענעם מאָמענט זיינען אָט די טויזנטער פאַרפּייניקטע, דערשאָסענע און געהאַנגענע געווען פאַר אונדז אַלעמען פּשוט אַ קאָשמאַר, וואָס האָט ניט געלאָזט לעבן, ניט געלאָזט עטעמען, ניט געגעבן קיין רו ניט בייטאָג און ניט ביינאַכט. מיט וואָס פאַר אַ ציטער און אינעווייניקסטער אויפרעגונג האָב איך פאַרפאָלגט אין דער דומע, זיצנדיק צווישן די זשורנאַליסטן, די היסטאָ־רישע קאַמפּף קעגן טויט־שטראָף. איך בין געווען דערביי, ווען דער רו־סישער מיניסטער האָט דערקלערט ציניש, אַז „אַזוי איז דאָס געווען און אַזוי וועט דאָס שטענדיק בלייבן" („טאַק בילאָ, טאַק בודיעט"). ווי האָב איך יעמאָלט געקאָנט וויסן, ציטערנדיק פון כעס און עקל, אַז „דאָס וועט טאַקע בלייבן" — און נאָך פיל מאָל גרויזאַמער און עקל־האַפטער, — אויך נאָך דער זיגרייכער רעוואָלוציע, צו וועלכער מיר האָבן יעמאָלט געשטרעבט.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פראַקציע איז געווען אַ גרויסע. זי איז באַשטאַנען פון 65 דעפּוטאַטן. אָבער צווישן די 65 זיינען געווען נאָר געציילטע מענטשן, וואָס האָבן פאַרמאָגט די נייטיקע בילדונג, די פּאָ־ליטישע רייפקייט און די פּערזענלעכע טאַלענטן, וואָס פאָדערן זיך פאַר אַזאַ מין פאַראַנטוואָרטלעכער פּאַרלאַמענטאַרישער אַרבעט אין אַזאַ מין פּאַרלאַמענט, ווי די דומע. דאָס רוב סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטן זיינען באַשטאַנען פון דורכשניטלעכע אַרבעטער, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען ביי די וואַלן אין אַרבעטער־קוריעס, פּשוט צוליב דעם, וואָס קיין בעסערע זיינען ניט געווען. צווישן זיי זיינען געווען אייניקע גאַנץ סימפּאַטישע און קלוגע מענטשן. אָבער קיין רעדנער, קיין פּאָלי־טיקער, קיין פירער זיינען זיי ניט געווען.

עס פאַרשטייט זיך, אַז גלייך פון אָנהייב אָן האָבן זיך די דעפּו־טאַטן צעטיילט אויף באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס. באָלשעוויקעס האָבן געהאַט אומגעפער אַ פערטל (15־18 מענטשן). זייער פירער איז געווען גריגאָרי אַ ל ע ק ס י נ ס ק י. 40־50 דעפּוטאַטן האָבן באַלאַנגט צו די מענשעוויקעס. דאָס זיינען דאָס רוב געווען קאַווקאַזער: דזשאַ־פּאַרידזע, דזשוגעלי, לאָמטאַטידזע, מאַכאַראַדזע, זוראַבאָוו, צערעטעלי. עס זיינען געווען אויך אייניקע רוסן און אוקראַינער, ווי ביעלאָאוסאָוו,

איזמאַילאָוו, קיריענקאָ, סאַלטיקאָוו, דער לעטישער סאָציאַל־דעמאָ־קראַט אָזאָל, מיינער אַן אַלטער באַקאַנטער און פריינט פון ריגע, און דער איד ד"ר מאַנדעלבערג, דער איינציקער איד אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פראַקציע, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן אָבער אין אירקוטסק, סיביר, וואו ער האָט געלעבט ווי אַ פאַרשיקטער (איצט אין ארץ־ישראל). נאָענט צו די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, הגם ניט אַריין אָפיציעל צו דער פראַקציע זיינען געווען אויך עטלעכע ליטווינער. דער בולטסטער פאַרטרעטער פון דעם מענשעוויסטישן טייל איז געווען אָן שום ספק איראַקלי צ ע ר ע ט ע ל י. דער איינגסטער, אָבער גלענ־צענדסטער צווישן דער גאַנצער גרופּע.

עס איז שווער געווען צו געפינען צוויי מענטשן, וואָס זאָלן זיין אַזוי פאַרשיידן פונאַנדער, ווי די פירער פון די צוויי טיילן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פראַקציע — דער באָלשעוויק אַלעקסינסקי און דער מענשעוויק צערעטעלי.

דער קאָנטראַסט האָט זיך אָנגעהויבן שוין אויסערלעך: אַלעק־סינסקי — אַ קליינער, אַ מאָגערער, מיט אַן איינגעבויגענעם רוקן, מיט אַ שאַרפער, קרומער נאָז, מיט קליינע שטעכעדיקע אויגלעך, מיט אַ הויכער קוויטשעדיק־שניידנדיקער שטים; צערעטעלי — אַ הויכער, אַ שלאַנקער, מיט אַ נאָבעלער אַריסטאָקראַטישער געשטאַלט, אַ שיי־נער, מיט שוואַרצע, סאַמעטענע גרוזינישע אויגן און אַן אָנגענעמען טיפן באַריטאָן־קול. נאָך גרעסער איז געווען דער אינעווייניקסטער אונטערשייד צווישן די צוויי פּאָליטישע רעדנער און טוער: אַלעק־סינסקי — אַ בייסיקער, אַ ביטערער, אַן עזות־פּנים, אַ דעמאַגאָג, וואָס האָט זיך קיין מאָל ניט געשעמט אַ שליידער צו טאָן די ערגסטע באַ־ליידיקונג אָדער אַרויסצוזאָגן אַ ניט־באַגרינדעטע באַשולדיקונג; וואָס האָט ניט געמאַכט קיין באַזונדערע צערעמאָניעס, וואו מען האָט גע־דאַרפט אַרונטעררייסן אַ קעגנער אָדער אַ שונא. צערעטעלי — אַ פּאַ־טעטישער, טיף מאָראַלישער, איינגעהאַלטענער, פאַראַנטוואָרטלעכער אין יעדן זשעסט און יעדן וואָרט, דזשענטלמעניש, אַ מענטש, וועמען אַפילו די שונאים האָבן רעספּעקטירט און געאַכטעט.

מיט אַלעקסינסקין בין איך שוין געווען באַקאַנט פון פריער. מיר האָבן זיך באַקאַנט אויף די פאַרשיידענע „צוזאַמענפאָרן", וואָס זיינען פאָרגעקומען אין „פרילינג" 1905. מיר פלעגן זיך באַגעגענען גאַנץ פריינטלעך אָבער קיין באַזונדערע סימפּאַטיע האָט ביי מיר דער דאָזי־קער שטעכעדיקער, דעמאַגאָגישער רעדנער ניט אַרויסגערופן, הגם זיין וויציקער און שטעכיקער אָרט ריידן האָט אין יענע צייטן גאַנץ שטאַרק אויסגענומען ביי די מאַסן. מיט צערעטעלין האָב איך זיך באַגעגנט ערשט אויף דער זיצונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פראַקציע. און מיר האָבן זיך גלייך מיט אים באַפריינדעט.

די אַרבעט אַרום דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פראַקציע איז גע־ווען אַ גאַנץ אָנגעשטרענגטע: יעדן טאָג זיינען אויפן סדר־היום פון

דער דומע געשטאַנען וויכטיקע פראַגעס און מען האָט געדאַרפט צוגרייטן די רעדעס און די אַרויסטרעטונגען פון אונדזערע דעפּוטאַטן. מען האָט געדאַרפט צוגרייטן פאַר זיי מאַטעריאַלן איבער פאַרשיידענע פראַגעס, סטאַטיסטיק, עקאָנאָמישע דאַטעס, יוריסטישע אינפאָרמאַציעס און, פאַרשטייט זיך, אויסאַרבעטן אַ פּאָליטישן שטאַנדפּונקט און שרייבן פאַר פיל פון די דעפּוטאַטן זייערע רעדעס. אַחוץ דעם האָט מען געדאַרפט פירן פראַקציאָנעלע קאַמפן, וואָרים סיי די באָלשעוויקעס און סיי די מענשעוויקעס האָבן קאָנצענטרירט אַלע זייערע בעסטע כוחות אַרום דער דומע. וואָרים יעדע אַרויסטרעטונג פון אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישן דעפּוטאַט האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג איבערן גאַנצן לאַנד. יעדע רעדע איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַלע צייטונגען און איז אַרומגערעדט און דיסקוטירט געוואָרן אין יעדער אַרבעטער־פאַרזאַמלונג און אין יעדער פאַבריק. עס פאַרשטייט זיך, אַז די באָלשעוויקעס האָבן זייער קליינע פראַקציע אָרגאַניזירט „פאַר זיך”. זיי פלעגן זיך צוזאַמענקלייבן באַזונדער און פלעגן באַאַרבעטן ווערן סיי פון לענינען גופא, סיי פון זיינע אַדיוטאַנטן. צום אָפטסטן פלעגן זיך באַווייזן אין דער דומע די באָלשעוויסטישע טוער ראָזשקאָוו און פּאָקראָווסקי, — ביידע פּראָפעסאָרן פון אוניווערסיטעט. פון די מענשעוויקעס האָבן געאַרבעט ביי דער פראַקציע מאַרטאָוו, דאַן, איגאָרעוו (מאַרק ליבערס אַן עלטערער ברודער, וואָס איז געווען אַן איסקראָוועץ) און, דוכט זיך, אויך מאַרטינאָוו. אַחוץ דעם האָט מען אָרגאַניזירט ביי דער פראַקציע אַ פאַר יונגע אַדוואָקאַטן, וואָס זאָלן אויסהעלפן די דעפּוטאַטן אין יוריסטישע און געזעצגעבערישע פראַגן. און צווישן די דאָזיקע אַדוואָקאַטן איז געווען אַלעקסאַנדער ה א ל פּ ע ר ן, דער זון פון דעם באַוואוסטן אידישן טוער האַלפּערן, וואָס איז געווען דער איינציקער איד אין רוסלאַנד, וואָס האָט פאַרנומען דעם פּאָסטן פון אַ „דעפּאַרטמענט־דירעקטאָר” אין אַ מיניסטעריום (אין יוסטיץ־מיניסטעריום). אַ צווייטער אַדוואָקאַט, וואָס האָט געשפּילט אַ ראָל ביי דער פראַקציע איז געווען דער יעמאָלט באַרימטער פּאַרטיידיקער פון פּאָליטישע אַרעסטירטע, ניקאָלאַי דמיטריעוויטש ס אָ ק אָ ל אָ ו ו. סאָקאָלאָווס הויז איז געווען אַ מין שטענדיקע קוואַרטיר פאַר סאָציאַל־דעמאָקראַטישע זיצונגען און צוזאַמענקונפטן. ביי אים האָט אויך געוואוינט די אַלטע ווערא ז אַ ס ו ל י ט ש, די באַרימטע העלדין פון דער רוסישער רעוואָלוציע, וואָס איז געווען אַן איבערגעגעבענע מענשעוויסטישע טוערין.

אַלס פאַרטרעטער פון „בונד” האָב איך לכתחילה ניט גענומען קיין אָנטייל ניט אין דער באָלשעוויסטישער און ניט אין דער מענשעוויסטישער פראַקציע. איך האָב שוין דערמאָנט, אַז אייגנטלעך זיינען מיר, בונדיסטן, אין יענער צייט (1906—1907), געשטאַנען נעענטער צו די באָלשעוויקעס אין די אַלגעמיינע פּאָליטישע פראַגן. אָבער דווקא אין דער אַרבעט אַרום דער דומע־פראַקציע האָב איך זיך אָנגעהויבן צו דערנעענטערן צו די מענשעוויקעס. די טאָג־טעגלעכע צוזאַמענאַרבעט

מיט די פאַרטרעטער פון ביידע ריכטונגען אין דער דומע ביי פראַק־טישער אַרבעט האָט מיך אין לויף פון די עטלעכע חדשים, וואָס איך בין דאָרטן געווען, אַלץ מער איבערצייגט אין דעם, אַז די מענשעוויקעס זיינען נענטער צו יענער פאַרשטעלונג וועגן סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און מאַרקסיזם, וואָס איך האָב געהאַט. אַ גרויסע ראָלע האָט אויך גע־שפּילט די דערפאַרונג, וואָס איך האָב געמאַכט אין דער דומע־אַרבעט, אַז די מענשעוויקעס זיינען ווייניקער דעמאַגאָגיש, מער לאָיאַל און אויפריכטיק אין דער חברשער צוזאַמענאַרבעט, איידער די באָלשעווי־קעס, וואָס זיינען דערצו נאָך אין דער דומע געווען פאַרטראָטן דורך אַזאַ מענטשן ווי אַלעקסינסקי.

די דאָזיקע דערפאַרונג האָב איך באַקומען ניט נאָר אין דער דומע, נאָר אויך ביי יענער אַרבעט, וואָס איך האָב געפירט אין פּעטערבורג אַלס מיטגליד פון רוסישן צענטראַל־קאָמיטעט, אין וועלכן איך בין אַריין. ווען איך רייד פון אַרבעט איז דאָס מער ניט אַ וואָרט אַזאַ. וואָרים אין דער אמתן האָט זיך קיין שום אַרבעט אין אייגנטלעכן זין פון וואָרט אין דעם פאַראייניקטן צענטראַל־קאָמיטעט ניט געפירט. עס האָבן פאַקטיש עקסיסטירט צוויי באַזונדערע צענטראַל־קאָמיטעטן און צוויי באַזונדערע פּאַרטייען — די באָלשעוויסטישע און די מענשעוויס־טישע. אַלס בונדיסט פלעג איך ניט זיין אָנוועזנד ניט אויף די אינע־ווייניקסטע זיצונגען פון די באָלשעוויקעס און ניט אויף די אינעווי־ניקסטע זיצונגען פון די מענשעוויקעס. איך פלעג נאָר קומען אויף די אַלגעמיינע אָפיציעלע זיצונגען פון דעם פאַראייניקטן צענטראַל־קאָמי־טעט. פלעג איך יעדעס מאָל זען אַזאַ בילד: עס קומען די באָלשעווי־קעס אַלס אַ פעסטע גרופּע מיט שוין פאַרטיקע באַשלוסן און אַן אינע־ווייניקסטער אייזערנער דיסציפּלין. זיי פלעגן אַלע ריידן ווי איין מענטש און שטימען ווי איין מענטש. איבערצייגן, דיסקוטירן, באַהאַנדלען די פראַגע אין תוך איז געווען אוממעגלעך, ווייל זיי פלעגן קומען אויף דער זיצונג שוין געבונדענע דורך אַ באַשלוס פון זייער אייגענעם צענטער. דאָס רוב פלעגן אויך די מענשעוויקעס קומען שוין צוגע־גרייטע און אָרגאַניזירטע. פלעגט די אַלגעמיינע זיצונג זיין נאָר אַ פאָר־מאַלע קאָמעדיע. יעדער צד פלעגט זאָגן דאָס זייניקע און מיר, די „נאַ־ציאָנאַלן", ווי מען האָט אונדז גערופן, דאָס הייסט, די פאַרטרעטער פון די נאַציאָנאַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען: „בונד", לעטן און פּאָליאַקן, — פלעגן נעבעך זיצן פאַריתומטע און פלעגן אָפט מאָל מיט אונדזערע שטימען מוזן אָנטשיידן די פראַגע אַהין אָדער אַהער. פון יענער צייט אָן איז ביי מיר געבליבן אַ טיפע שנאה צו יעדן אָרגאַ־ניזירטן גרופּן־קאַמף אין דער פּאַרטיי. איך האָב זיך פון יעמאָלט אָן נאָך צענדליקער מאָל איבערצייגט, אַז ווען אין אַן אָרגאַניזאַציע בילדן זיך צוויי געשלאָסענע אָרגאַניזירטע פראַקציעס, גרופּעס, — איז דאָס דער סוף און דער טויט פון דער פּאַרטיי.

אָט די דאָזיקע איבערצייגונג מיינע האָב איך אָפּטמאָל אַרויסגעזאָגט מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער אויף דעם לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער פּאַרטיי, וואו איך האָב מיט אָפּענע און הארבע דבורים געשילדערט די אומדערטרעגלעכע לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפן אין דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. די דאָזיקע אומדערטרעגלעכע לאַגע האָט זיך צוגעשפּיצט ביז גאָר אין יענעם באַרימטן קאָנפליקט, וואָס איז אויסגעבראָכן צווישן לענינען און די מענשעוויקעס.

אָבער איידער איך וועל דערציילן וועגן דעם עפּיזאָד מיט דעם פ א ר ט י י - מ ש פ ט א י ב ע ר ל ע נ י נ ע ן, אין וועלכן איך בין געווען איינער פון די ריכטער, וויל איך נאָך פאַרענדיקן מיין שילדערונג פון דער פראַקציע.

סוף מאַי—אָנהייב יוני 1907, איז די לאַגע אין דער צווייטער דומע געוואָרן אַזוי שאַרף, אַז אַלע האָבן געפילט, אַז עס מוז קומען צו עפּעס אַ צוזאַמענשטויס. דעם דאָזיקן צוזאַמענשטויס האָט טאַקע די רעגירונג פּראָוואָצירט. און געשען איז דאָס אויף אַזאַ אופן: צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פראַקציע פלעגן קומען שטענדיק דעפּוטאַציעס פון פאַבריקן, פון אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, פון פּויערים אאַז"וו. צווישן אָט די דעפּוטאַציעס האָבן זיך אָנגעהויבן אויך צו באַווייזן דעפּוטאַציעס פון סאָלדאַטן־אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען אין פּעטערבורג אָנגעפירט געוואָרן דאָס רוב פון באָלשעוויקעס (צווישן זיי אויך אַ פּאָר בונדיסטן). און ווי עס פירט זיך, זיינען אין אָט די סאָלדאַטישע אָרגאַניזאַציעס געווען אויך אַ פּאָר פּראָוואָקאַטאָרן פון דער אָכראַנע. האָט די פּאָליציי איינגעאָרדנט אַזוי, אַז עס זיינען געקומען סאָלדאַטן מיט רעוואָלוציאָנערע אויפרופן און מאַניפעסטן, אין וועלכע מען האָט גערופן צו אַן אָפענעם אויפשטאַנד. און גראָד זיינען די דעלעגאַטן אַרעסטירט געוואָרן אַרויסגייענדיק פון דומע מיט אָט די רעוואָלוציאָנערע, „פאַרברעכערישע" פּאַפּירן! דאָס האָט געגעבן דער רעגירונג די מעגלעכקייט צו באַשולדיקן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דומע־דעפּוטאַטן אין צוגרייטן אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד. אויף דעם סמך האָט די רעגירונג פאַרלאַנגט, אַז די דומע זאָל אָפּשאַפן דעם „אימוניטעט" (אומבאַרירלעכקייט) פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטן און זאָל זיי, אַזוי אַרום, אַרויסגעבן אין די הענט פון דער פּאָליציי. די מערהייט פון דער דומע האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ פּראָוואָקאַציע און האָט ניט געוואָלט באַגיין קיין זעלבסטמאָרד פון פּאַרלאַמענט דורך אַרויסגעבן צוליב אַ פּאָליצייאישער פּראָוואָקאַציע 65 דעפּוטאַטן. האָט זיך די דומע אָפּגעזאָגט אָפּצושאַפן דעם אימוניטעט פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַרטרעטער. האָט די רעגירונג באַשולדיקט די גאַנצע דומע אין דעם, אַז זי באַשיצט פאַרשווערער און פאַרברעכער, און האָט די דומע פונאַנדערגעיאָגט (3־טן יוני 1907). די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטן האָט מען, פאַרשטייט זיך, נאָך דעם גלייך אַרעסטירט

און מען האָט זיי איבערגעגעבן צום געריכט. 18 דעפּוטאַטן זיינען פאַרמשפּט געוואָרן צו קאַטאָרגע פון 4 ביז 5 יאָר, 10 האָבן באַקומען „פּאָסעלעניע" (אייביקע פאַרשיקונג קיין סיביר), 10 זיינען באַפרייט געוואָרן. צווישן די פאַרמשפּטע צו קאַטאָרגע איז געווען אויך דער טובערקולעז־קראַנקער צערעטעלי. עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן (און דאָס האָט יעמאָלט געמאַכט אויף אונדז אַ גרויסן איינדרוק), אַז די מענשעוויסטישע דעפּוטאַטן, וואָס האָבן מיט דער מיליטער־אָרגאַניזאַציע גאָרניט ניט געהאַט צו טאָן, זיינען ניט אַנטלאָפן און זיינען פרייוויליק אַוועק צום געריכט, כדי אויפצודעקן די פּראָוואָקאַציע פון דער רעגירונג; אָבער דווקא דער גרויסער רעוואָלוציאָנער אַלעקסינסקי, וואָס האָט ניט אויפגעהערט צו ריידן וועגן אויפשטאַנדן, איז צום געריכט ניט דערשינען און איז אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד, וואו ער געפינט זיך ביז היינטיקן טאָג. זיין וויטערדיקע קאַריערע איז בכלל ניט געווען קיין שיינע: ער איז בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה געוואָרן אַ שרעקלעכער רוסישער פּאַטריאָט און איז שפּעטער, נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע אין גאַנצן אַוועק פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און פון סאָציאַליזם.

13

דער פּאַרטיי־משפּט איבער לענינען

איך האָב שוין דערמאָנט אין איינעם פון די פריערדיקע קאַפּיטלען, אַז צווישן די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס האָבן זיך אין דער צייט פון די וואַלן צו דער צווייטער דומע געפירט זייער איינגעשפּאַרטע קאַמפּן צוליב דער פראַגע, צי מען מעג שליסן וואַל־אָפּמאַכן מיט די בורזשואַזע ליבעראַלן, ספּעציעל מיט די „קאַדעטן" (קאָנסטיטוציאָנעלע דעמאָקראַטן, די פּאַרטיי פון מיליוקאָוו א"אַ).

דער „בונד" איז אין דעם דאָזיקן שטרייט געשטאַנען נעענטער צו די מענשעוויקעס. אויף דער טאַמערפאָרסער קאָנפערענץ פון דער אַלגעמיינער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי איז דעריבער מיט די שטימען פון „בונד" אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס, וואָס דערלויבט די איינצלנע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס צו שליסן אַ וואַל־אָפּמאַך מיט די ליבעראַלן, אויב עס איז פאַראַן אַ סכנה, אַז אָן דעם וועט דורכגיין אין דומע אַ שוואַרצמאהניק.

אין פּעטערבורג זיינען זינט 1904 שטענדיק געווען צוויי כמעט זעלבסטשטענדיקע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, אַ באָלשעוויסטישע און אַ מענשעוויסטישע. אַפילו אין די צייטן, ווען די אָרגאַניזאַציע האָט זיך נאָך גערעכנט ווי אַ פאַראייניקטע, איז דער מנהג ביי דעם פּעטערבורגער קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי („פּע־קאַ") געווען

אַזאַ, אַז אָן לענינס אַ פּערזענלעכן צעטעלע פלעגט מען ניי־געקומענע פּאַרטיי־טוערס ניט דערלאָזן צו דער אַרבעט.

ווער פון דיביידע אָרגאַניזאַציעס איז געווען שטאַרקער אין פּעטערבורג, — דאָס איז געווען שווער צו זאָגן. אין פאַרשיידענע צייטן איז דאָס געווען פאַרשיידן: אַמאָל איז געווען שטאַרקער דער מענשעוויזם און אַמאָל — דער באָלשעוויזם. אַזוי איז דאָס אויך געווען ווינטער 1906, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן די וואַלן צו דער צווייטער דומע. לענין האָט אַליין יעמאָלט געשריבן אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען: „ווער עס וועט זיגן אין דער אַרבעטער־קוריע, איז נאָך אַ פראַגע".

אין פּעטערבורג איז, אַחוץ דעם פּעטערבורגער קאָמיטעט, וואָס איז געווען באָלשעוויסטיש, אויך געזעסן דער צענטראַלער קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי (דער „צע־קא"). און דער צענטראַלער קאָמיטעט האָט זינט דעם סטאָקהאָלמער צוזאַמענפאָר (אַפּריל־מאַי 1906) געהאַט אַ מענשעוויסטישע מערהייט. און אָט צווישן די צוויי פּאַרטיי־אינסטאַנצן איז פאָרגעקומען אַ ברענענדיקער קאַמף. ווען עס איז אויפגעקומען די פראַגע פון וואַלן און וואַל־אָפּמאַכן, האָט די מענשעוויסטישע ריכטונג, ד"ה, דער צע־קאַ, באַשלאָסן, אַז אין פּעטערבורג דאַרף מען שליסן אַן אָפּמאַך מיט די קאַדעטן, כדי עס זאָלן ניט זיגן די שוואַרצע. עס פאַרשטייט זיך, אַז קעגן דעם דאָזיקן באַשלוס זיינען באַלד אַרויסגעטראָטן די באָלשעוויקעס און מיט זיי צוזאַמען די מערהייט פון דער פּעטערבורגער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. די מענשעוויקעס האָבן זיך באַרופן אויף דער טאַמערפאָרסער קאָנפערענץ און אויף דעם הסכם פון צענטראַל־קאָמיטעט. די באָלשעוויקעס האָבן געפייפט אויף דער קאָנפערענץ און אויף דעם צענטראַל־קאָמיטעט. איז עס געקומען צו אַ שפּאַלטונג אין דער פּעטערבורגער אָרגאַניזאַציע און צו זייער אַ שאַרפער פּאָלעמיק אין די צייטונגען. אויך ביי די וואַלן זיינען די מענשעוויקעס און באָלשעוויקעס אַרויסגעטראָטן באַזונדער. אָט אין דעם מאָמענט האָט לענין, וואָס איז געווען דער פאַקטישער אָנפירער פון קאַמף קעגן צענטראַל־קאָמיטעט, אַרויסגעגעבן אַ בראָשור אונטער דעם טיטל: „די וואַלן אין פּעטערבורג און די ניט־אויפריכטיקייט פון די 31 מענשעוויקעס".

די „31 מענשעוויקעס" — דאָס זיינען געווען יענע מיטגלידער פון דער פּעטערבורגער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָבן פּראָטעסטירט קעגן דעם באַשלוס פון דעם באָלשעוויסטישן „פּע־קאַ" און האָבן וועגן דעם אָפּגעגעבן אַן עפנטלעכע דערקלערונג אין דער פּרעסע.

די פאַקטן זיינען געווען אַזוינע: אויף דער פּעטערבורגער פּאַרטיי־קאָנפערענץ פון דער לאָקאַלער שטאָטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 6־טן יאַנואַר 1907, זיינען געווען 31 מענשעוויקעס און 39 באָלשעוויקעס. די קאָנפערענץ איז געווען זייער אַ שטורעמדיקע. די מענשעוויקעס האָבן פּראָטעסטירט קעגן דער פּאַרטיי־

לונג פון די שטימען און האָבן געטענהט, אַז עס האָבן געדאַרפט זיין פיל מער מענשעוויסטישע דעלעגאַטן און פיל ווייניקער באָלשעוויסטישע. אַחוץ דעם האָבן זיי געפאָדערט, אַז לויט דעם באַשלוס פון צענטראַל־קאָמיטעט (דער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן דעם 4־טן יאַנואַר) זאָל די קאָנפערענץ צעטיילט ווערן אויף פּעטערבורג־שטאָט און פּעטערבורג־ראַיאָן. וואָרים אין דער שטאָט און אין ראַיאָן זיינען געווען פאַרשיידענע באַדינגונגען פון פּאַרטיי־אַרבעט און גאָר אַן אַנדער פּאַרטיילונג פון ריכטונגען. אַזוי ווי די 39 האָבן מיט זייערע שטימען אָפּגעוואָרפן אַלע פאָדערונגען פון די 31 און האָבן ניט געפאָלגט דעם פאָרמעלן באַשלוס פון צענטראַל־קאָמיטעט, זיינען די 31 אַוועק פון דער קאָנפערענץ, ווייל זי איז אומגעזעצלעך, און האָבן וועגן דעם פאַרעפנטלעכט אין דער פּרעסע.

אַט קעגן די 31, צווישן וועלכע עס זיינען געווען אַ ריי אָנגעזעענע מענשעוויסטישע טוערס, האָט לענין אָנגעשריבן זיין בראָשור. ער האָט זיך אין איר אָבער געווענדעט ניט נאָר קעגן די 31 אַרטיקע טוערס, נאָר אויך קעגן דעם גענאָסע פ. דאַן, וואָס איז געווען אַ מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט און ועמען לענין האָט באַשולדיקט אין דעם, אַז ער איז דאָס געווען דער אמתער פירער פון די 31.

לענינס בראָשור האָט אַרויסגערופן אַן אומגעהייערע אויפרעגונג צווישן די פּעטערבורגער מענשעוויקעס. ניט דורך די פאַקטן און ניט דורך די אַרגומענטן, וואָס ער האָט דאָרטן געבראַכט, נאָר דורך דעם ט אָ ן, אין וועלכן די דאָזיקע בראָשור איז אָנגעשריבן געוואָרן.

איך האָב איצט, שרייבנדיק די דאָזיקע שורות, פון דאָס ניי איבערגעלייענט די דערמאָנטע בראָשור. איך מוז זאָגן, אַז פאַר די 35 יאָר, וואָס זיינען פאַרבייגעגאַנגען זינט איך האָב געלייענט די דאָזיקע בראָשור צום ערשטן מאָל, זיינען פאָרגעקומען אַזויפיל געשעענישן, און אונדזערע באַגריפן וועגן פּאַרטיי־מאָראַל און פּאַרטיי־קאַמפּן האָבן זיך אַזוי שטאַרק געענדערט, אַז אַ איצטיקער לייענער, וואָס איז צוגעוואוינט צו דעם טאָג־טעגלעכן „טאָן" פון דער קאָמוניסטישער פּרעסע, וועט בשום אופן ניט קאָנען פאַרשטיין, פאַרוואָס מען איז דאָס געווען אַזוי אויפגערעגט אין פּעטערבורג אָנהייב 1907. אָבער יעמאָלט איז די עמפּפינדלעכקייט און די אויפנעם־פעאיקייט פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קרייזן געווען גאָר אַן אַנדערע. ס'טייטש — האָבן געשריען די אויפגערעגטע חברים, — לענין שרייבט אין זיין בראָשור, אַז מיר, די מענשעוויקעס, האָבן געוואָלט פאַרקויפן די אַרבעטער־שטימען צו די קאַדעטן; אַז מיר נאַרן אָפּ די אַרבעטער; אַז מיר האָבן געפירט אַ געהיימען מסחר מיט די קאַדעטן כדי דורכצושלעפּן אין דומע אונדזערן אַ דעפּוטאַט קעגן דעם ווילן פון די אַרבעטער, אאַז"וו. דאָס איז דאָך אַלץ כזב ושקר, דאָס איז דאָך אַ שרעקלעכע פאַרלוימדונג, מען רופט דאָך אַרויס אין די אַרבעטער־מאַסן דעם חשד, אַז מיר האָבן פאַרקויפט פאַר געלט אַרבעטער־שטימען צו דער בורזשואַזיע. איז דען

דערלאַזבאַר, אַז לענין, אַ מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט, זאָל שרייבן אַזעלכע זאַכן קעגן די מענשעוויסטישע פירערס פון דער פּעטערבורגער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע און אַפילו קעגן זיין אייגענעם קאָלעגע דאַן, מיט וועלכן ער זיצט אין צענטראַל־קאָמיטעט ?!

נאָך דער דערפאַרונג פון די לעצטע 35 יאָר קאָן די דאָזיקע אַנט־ריסטונג זיך אויסדוכטן זייער נאַאיוו. דאָס וואָס שטייט אין לענינס בראָשור, איז דאָך גאָלד אין פאַרגלייך צו דעם, וואָס די באָלשעוויקעס אָדער די קאָמוניסטן האָבן אין די שפּעטערדיקע יאָרן און בפרט אין די לעצטע יאָרן פאַרן צווייטן וועלט־קריג געשריבן און געטאָן לגבי די מענשעוויקעס און סאָציאַל־דעמאָקראַטן. וואָס איז דאָס שוין פאַר אַ פאַרברעכן צו וועלן אויסדינגען אַ מאַנדאַט אין דומע אָדער „האַנדלען מיט אַרבעטער־שטימען" אין פאַרגלייך צו יענע באַשולדיקונגען, וואָס סטאַלין שטעלט אַרויס קעגן די אַלטע פירער פון זיין אייגענער באָל־שעוויסטישער פּאַרטיי, — קעגן בוכאַרינען, זינאָוויעוון, קאַמעניעוון, קרעסטינסקין, שוין ניט גערעדט וועגן טראָצקין, און איצט — קעגן די חברים ערליך און אַלטער ?!

אָבער ווי איך האָב שוין געזאָגט, זיינען יעמאָלט די צייטן געווען אַנדערע און די פּאַרטיי־מאָראַל איז יעמאָלט געווען גאָר אַן אַנדערע.

האָבן די באַליידיקטע מענשעוויקעס דערלאַנגט אַ קלאָגע אין דעם צענטראַל־קאָמיטעט און דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט באַשלאָסן, אַז עס זאָל געגרינדעט ווערן אַ פּאַרטיי־געריכט, וואָס זאָל פונאַנדערקלייבן דעם קאָנפליקט צווישן די 31 און לענינען. לענין האָט דעם פּאַרטיי־געריכט אָנגענומען. לויטן באַשלוס פון צע־קאַ האָט לענין באַשטימט זיינע דריי פּאַרטרעטער אין געריכט, די 31 — זייערע דריי פּאַרטרע־טער, און די איבעריקע דריי זיינען באַשטימט געוואָרן פון די נאַציאָ־נאַלע צענטראַל־קאָמיטעטן: פון „בונד", פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און לעטן. דאָס איז געווען צוליב דעם, וואָס די דריי נאַציאָנאַלע סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס: דער „בונד", די פּאָליאַקן, די לעטן, זיינען געשטאַנען מחוץ די ביידע פראַקציעס און זיינען דעריבער באַטראַכט געוואָרן אַלס אומפּאַרטייאיש אין דעם זין פון באָלשעוויזם און מענשעוויזם.

דער „בונד" האָט באַשטימט מיך אַלס זיין פאַרטרעטער אין פּאַר־טיי־געריכט און אַזוי אַרום האָב איך זיך באַטייליקט אין יענע צוויי זיצונגען פון פּאַרטיי־געריכט, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין פעברואַר און מערץ 1907 אין פינלאַנד. איך קאָן זיך ליידער איצט ניט דער־מאָנען, ווער עס זיינען געווען די נייַן ריכטער. איך געדענק נאָר גענוי, אַז פון מענשעוויסטישן צד זיינען צווישן די ריכטער געווען גאָרעוו (באָריס גאָלדמאַן, ליבערס אַן עלטערער ברודער, וואָס איז יעמאָלט געווען אַ מענשעוויק) און באַכמעטיעוו (אַ פּראָפעסאָר אין פּעטערבור־גער פּאָליטעכניקום, וואָס איז בשעת דער קערענסקי־רעגירונג געוואָרן

רוסישער אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן). צווישן די באָלשעוויסטישע פאַרטרעטער זיינען געווען, אויב איך האָב ניט קיין טעות, דער באַוואוסטער עקאָנאָמיסט א. באָגדאַנאָוו (זיין פאַרטיי־נאָמען איז יעמאָלט געווען מאַקסימאָוו), פראָפ׳ ראָזשקאָוו (זיין פאַרטיי־נאָמען איז געווען „וויאַטשעסלאַוו") און סטראָיעוו (דעסניצקי). דער פאַרטרעטער פון די פוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן געדענק איך ניט (מיר דוכט זיך, אַז איין מאָל איז געווען וואַרסקי און אַ צווייטן מאָל איז געקומען אַן אַנדערער — האַנעצקי). די לעטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן צוגעשיקט אַ יונגן טוער, ה ע ר מ אַ ן, וועמעס אמתער נאָמען איז געווען דאַנישעווסקי, און וואָס איז שפעטער, 1918-20, בשעת דעם בירגערקריג אין רוסלאַנד, געווען איינער פון די אָנפירער פון מיליטער־רעוואָלוציאָנערן ראַט (רעוו.־וואָיענ.־סאָוועט). אַלס פאָרזיצער פון געריכט האָט מען אויסגעקליבן מיך. און אונטער מיין פאָרזיץ זיינען פאָרגעקומען צוויי זיצונגען פון געריכט. מיר האָבן פאַרהערט לענינען, אויסגעפרעגט 3 עדות, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן פון די צדדים און האָבן זיך ערשט גענומען צו דער אַרבעט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די צוגרייטונג צום לאָנדאָנער פאַרטיי־צוזאַמענפאָר, און די אַרבעט פון געריכט איז איבערגעריסן געוואָרן. אויפן לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר האָבן די באָלשעוויקעס געזיגט מיט אַ פאָר שטימען מערהייט, און דער צענטראַל־קאָמיטעט איז אַריבערגעגאַנגען אין זייערע הענט. עס פאַרשטייט זיך, אַז דורך דעם איז דערשטיקט געוואָרן די ווייטערדיקע טעטיקייט פון פאַרטיי־געריכט און ער איז קיין מאָל ניט פאַרענדיקט געוואָרן. פונדעסטוועגן איז פון דעם דאָזיקן געריכט נאָך געבליבן אַ היסטאָרישער דאָקומענט, וואָס האָט אַ גאַנץ היפשע באַדייטונג פאַר דער פאַרשטענדעניש פון לעניניזם און באָלשעוויזם. דאָס איז די „פאַרטיידיקונגס־רעדע", וואָס לענין האָט צוגעשטעלט צום געריכט אין אַ שריפטלעכער פאָרם.

די דאָזיקע רעדע, וואָס איז שפעטער דערלאַנגט געוואָרן פון לענינען אַלס אַ מעמאָראַנדום צום פאַרטיי־צוזאַמענפאָר, איז אָפגעדרוקט געוואָרן אין לענינס געזאַמלטע ווערק, 11־טער באַנד, זייטן 214-228. זי איז אויך אַרויסגעגעבן געוואָרן פון לענינען גופא אין 1907 אַלס אַ קליינע מאַסן־בראָשור.

מענטשן, וואָס ווילן זיך באַקאַנען מיט דעם אויפקום פון דער איצטיקער קאָמוניסטישער מאָראַל זאָלן זען צו קריגן און דורכלייענען דעם דאָזיקן העכסט־אינטערעסאַנטן דאָקומענט. איך קאָן זאָגן וועגן זיך, אַז הגם איך געדענק שוין ניט זייער אַ סך איינצלהייטן פון יענעם פאַרטיי־געריכט, געדענק איך נאָך גאַנץ גוט וואָס פאַראַ אומגעהייערן איינדרוק עס האָט געמאַכט אויף אונדז אַלעמען יענע אָפענע, דרייסטע, צינישע דערקלערונג פון לענינען, אין וועלכער עס איז צום ערשטן מאָל עפנטלעך פאָרמולירט געוואָרן דער „פרינציפ", אַז אין דעם פאָליטישן קאַמף אַפילו מיט אייגענע חברים זיינען ניט גילטיק קיין שום פרינ־

ציפן פון מאָראַל, אַז דאָ דאַרף מען זיך ניט אָפּשטעלן פאַר קיין שום מיטלען, אַבי נאָר צו דערגרייכן דעם פּאָליטישן צוועק, וואָס די פּאַרטיי שטעלט זיך.

„איר מיינט, — פרעגט לענין איראָניש אין דער דערמאָנטער רעדע, — אַז איך פאַרשטיי ניט דעם אונטערשייד צווישן איידל און ניט־איידל, צווישן ברידערלעכער פּאָלעמיק און ניט־ברידערלעכער, צווישן קאָרעקטן טאָן און ניט־קאָרעקטן? אָ, איך פאַרשטיי דאָס זייער גוט! עס פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב געקאָנט זאָגן: וועלנדיק באַקומען נאָך אַ פּלאַץ אין דומע פאַר אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישן דעפּוטאַט האָבן די חברים מענשעוויקעס געשלאָסן אַ וואַל־אָפּמאַך מיט די קאַדעטן, כדי אויף אַזאַ אופן צו פאַרהיטן פון שוואַרצמאהדיקער געפאַר. דאָס וואָלט, פאַרשטייט זיך, געווען אַ חברשער טאָן. איך האָב אָבער ניט *געוואָלט* אָנווענדן אַ חברשן טאָן. דעריבער האָב איך בכיוון געשריבן, אַז מען פאַרקויפט די אַרבעטער, אַז מען האַנדלט מיט אַרבעטער־שטימען, כדי אויסצודינגען פאַר זיך אַ מאַנדאַט אין דומע, אאַז״וו.״...

„איך האָב בכיוון אויסגעקליבן דעם טאָן, וואָס איך האָב געברויכט. דער דאָזיקער טאָן איז אויסגערעכנט אויף דעם ער זאָל אַרויסרופן ביי דעם לייענער שנאה, עקל, פאַראַכטונג צו די מענטשן, וואָס פירן אַזאַ מין פּאָליטיק. דער דאָזיקער טאָן, די דאָזיקע פאָרמולירונג איז באַשטימט ניט אויף צו *איבערצייגן* נאָר אויף צו *ברעכן די רייען*, ניט אויף צו פאַרבעסערן אַ פעלער ביי דעם קעגנער, נאָר אויף צו *פאַרניכטן אים, אויף אויסצומעקן אים פון דער ערד*. די דאָזיקע פאָרמולירונג האָט טאַקע אין דער אמתן אַזאַ כאַראַקטער, אַז זי רופט אַרויס די *ערגסטע געדאַנקען*, דעם *ערגסטן חשד* קעגן דעם קעגנער, און עס איז טאַקע ריכטיק, אַז אַזאַ פאָרמולירונג אַנשטאָט צו איבערצייגן און אויסצובעסערן, טראָגט זי אַריין *צעטומלונג אין די רייען פון אַרבעטער־קלאַס*״. (לענין, באַנד 11, רוסישע אויסגאַבע, זייט 220).

אַזוי האָט לענין דערקלערט אויפן געריכט. און זעענדיק אונדזערע אַנטריסטעטע און אויפגערעגטע פּנימער האָט ער פאָרגעזעצט:

„וועט איר דאָך זאָגן: הייסט דאָס, אַז איך אַליין בין זיך מודה, אַז אַזאַ מין פאָרמולירונג איז ניט דערלאָזבאַר? וועל איך אייך ענטפערן: געוויס איז דאָס ניט דערלאָזבאַר, אָבער נאָר מיט אַ קליינעם צוגאָב — ניט דערלאָזבאַר פאַר מיטגלידער פון *איין* פּאַרטיי. אין דעם איז דער צענטער פון דער גאַנצער פראַגע״ . . .

„מיר זיינען אָבער איצט מער ניט אין איין פּאַרטיי מיט די 31 מענשעוויקעס, וואָרים זיי האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן פון אונדזער אָרגאַניזאַציע. און ווען עס איז פאַראַן אַ שפּאַלטונג, יעמאָלט זיינען שוין מער

ניט גילטיק יענע געזעצן פון מאראל, וואס מוזן אפגעהיט ווערן אין די באציאונגען צווישן מיטגלידער פון אן איינציקער פארטיי״ . . . „וועגן אן אפגעשפאלטענער ארגאניזאציע מעג מען און מוז מען ריידן מיט אזא לשון״ . . . „מיט א לשון, וואס זייט אין די ארבעטער־מאסן שנאה, עקל, פאראכטונג אאז״ו צו די, וואס דענקען אנדערש ווי מיר״.

„פארוואס מוז מען דאס? ווייל די שפאלטונג לייגט ארויף אויף אונדז די פליכט ארויסצורייסן די מאסן פון אונטער דעם איינפלוס פון די אפגעשפאלטענע. מען זאגט מיר: איר טראגט אריין צעטומלונג אין די רייען פון פראלעטאריאט. ענטפער איך: איך האב בכיוון און מיט אויסרעכענונג אריינגעטראגן צעטומלונג אין די רייען פון יענעם טייל פון פעטערבורגער פראלעטאריאט, וואס איז געגאנגען נאך די אפגעשפאלטענע מענשעוויקעס. און איך וועל שטענדיק האנדלען אזוי ביי א שפאלטונג״...

„אין אזעלכע פאלן וועל איך שטענדיק פירן אן אויסראטונג־קאמף״.

איך וואלט געקאנט ציטירן נאך גאנצע זייטן, וואס זיינען אנגעזאפט מיט דעם דאזיקן גייסט פון מאקיאוועליזם, וואס איז פון יענער צייט אן אזוי כאראקטעריסטיש פאר דעם באלשעוויזם און פאר דעם גאנצן וועלט־קאמוניזם. איך וויל דא איצט אויך ניט פאלעמיזירן קעגן לענינס געדאנקען. איך וויל בלויז פעסטשטעלן, אז, ערשטנס, גיט ער צו, אז אפהיטן געוויסע כללים פון אביעקטיווקייט, ערלעכקייט און לאיאלקייט אין פאליטישן קאמף דארף מען נאר צווישן מיטגלידער פון א פאראייניקטער פארטיי. הייסט דאס, אז בנוגע מענטשן פון אנדערע פאליטישע ריכטונגען זיינען קיין שום געזעצן פון פאליטישער אנשטענדיקייט און מאראל ניט פאראן; צווייטנס, קאן מען פעסטשטעלן, אז ווען לענין רעדט וועגן „שפאלטונג״, מיינט ער ניט נאר יענע פאלן, ווען עס קומט טאקע פאר אן ענדגילטיקע שפאלטונג און די אפגעשפאלטענע פארוואנדלען זיך אין א באזונדערער פאליטישער פארטיי (און פאלן אזוי ארום ארונטער אונטער דעם זעלביקן כלל ווי אלע אנדערע בורזשואזע פארטייען), נאר ער האט אין זינען אויך יעדן אינעווייניקסטן קאנפליקט, וואס קומט פאר אין אן ארגאניזאציע. ווארים די 31 זיינען קיין מאל ניט ארויסגעטראטן פון דער פארטיי און זיינען קיין מאל ניט אויסגעשלאסן געווארן פון דער פארטיי (הגם פון דער פעטערבורגער קאנפערענץ זיינען זיי אוועקגעגאנגען). מיט זייער א סך פון די דאזיקע 31 איז לענין מיט א חודש שפעטער געזעסן אין לאנדאן אויף א פארטיי־צוזאמענפאר, און מיט דעם זעלביקן חבר דאן, וועלכן ער האט בכיוון און אומישנע געוואלט קאמפראמיטירן אויף דעם שענדלעכסטן אופן אין די אויגן פון פעטערבורגער פראלעטאריאט (און האט געהאלטן פאר זיין הייליקן רעכט, ווייל דאן איז דאך מער ניט קיין מיטגליד פון דער זעלביקער פארטיי!) איז לענין ניט נאר געזעסן אין איין

צענטראַל-קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, נאָר אויך געווען מיט אים צו-
זאַמען אין פּרעזידיום פון פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר און אין אומצאָליקע
אַנדערע פּאַרטיי-אינסטיטוציעס. הייסט דאָס, אַז דאָס רעכט צו דיס-
קרעדיטירן, צו קאָמפּראָמיטירן, צו באַשולדיקן אין די שענדלעכסטע
פאַרברעכנס און „אויסצוראָטן״ האָט לענין ניט נאָר בנוגע צו אָפּגע-
שפּאָלטענע, נאָר אויך צו אַזוינע חברים, וואָס זיינען געבליבן מיט-
גלידער פון דער פּאַרטיי נאָר וואָס „דענקען אַנדערש״ איידער לענין.
פאַרלוימדונג, ליגן און פאַלשער חשד ווערן אַזוי אַרום ניט נאָר אַן
אינסטרומענט צו באַקעמפן אַ פיינדלעכע פּאַרטיי, נאָר צו פירן אינע-
ווייניקסטע קאַמפן אין דער אייגענער פּאַרטיי. די ווייטערדיקע גע-
שיכטע פון רוסישן באָלשעוויזם און אינטערנאַציאָנאַלן קאָמוניזם האָט
דאָס גענוג קלאָר באַוויזן . . .

עס זיינען פאַראַן אַ היפּש ביסל מענטשן, וואָס שיידן אָפּ דעם
שלעכטן סטאַלינען פון דעם גוטן לענינען. זיי גיבן צו, אַז סטאַלין איז
געוואָרן די פאַרקערפּערונג פון אַמאָראַליזם און מאַקיאַוועליזם, אַז זיין
פּאָליטיק איז געבויט אויף ליגן, פאַרלוימדונג און בלוט. זיי האַלטן
אָבער, אַז אין לענינס צייטן איז דאָס געווען אַנדערש און אַז דער „עכ-
טער״ באָלשעוויזם איז געווען הייליק און ריין. זיי רעקאָמענדיר איך
צו באַקאַנען זיך אַ ביסל גענויער מיט דער געשיכטע פון די רוסלענ-
דישע פּאַרטיי-קאַמפן און מיט דער ראָל, וואָס לענין האָט אין זיי גע-
שפּילט. יעמאָלט וועלן זיי זען, ווער עס איז געווען דער „אבי-אבות
הטומאה״ — דער אור-פּאָטער פון ליגן און אומריינקייט אין דער רוסי-
שער אַלוועלטלעכער אַרבעטער-באַוועגונג.

פאַר מיר פּערזענלעך, וואָס איך בין יעמאָלט נאָך ווייט ניט גע-
וואָרן קיין מענשעוויק און וואָס האָט געזוכט זיין פּאָליטישן וועג אין
קאַמף פון ביידע גרויסע ריכטונגען, איז דער דאָזיקער פּאַרטיי-משפּט
איבער לענינען געווען איינער פון די עטאַפּן, וואָס האָט מיך דערוויי-
טערט פון דעם באָלשעוויזם. אַ צווייטער עטאַפּ איז געווען דער לאָנ-
דאָנער צוזאַמענפאָר אין מאַי 1907.

14

דער לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער פּאַרטיי

דער לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר, וואָס איז פאָרגעקומען אין פרילינג
1907 (פון 13-טן מאַי ביז דעם 13-טן יוני) האָט אייגנטלעך געדאַרפט
הייסן דער קאָפּענהאַגענער צוזאַמענפאָר, ווייל ס'איז צוערשט באַשטימט
געוואָרן, אַז ער זאָל פאָרקומען אין דער שטאָט קאָפּענהאַגען, אין דענע-
מאַרק. און ער האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן אין קאָפּענהאַגען, וואו עס
זיינען זיך צוזאַמענגעפאָרן אַרום דריי הונדערט און צוואַנציק דעלע-

גאַטן פון אַלע עקן רוסלאַנד. אָבער איידער דער צוזאַמענפאָר האָט זיך נאָך אָפיציעל געעפנט, האָט די דענישע פּאָליציי געמאָלדן די פירערס פון דער דענישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט דער אָרגאַניזאַציע פון צוזאַמענפאָר, אַז די דענישע רע־גירונג דערלויבט ניט, אַז דער צוזאַמענפאָר זאָל פאָרקומען אין דענע־מאַרק. די רוסישע קייזערלעכע פאַמיליע איז דאָך געווען אין נאָענטער קרובהשאַפט מיט דער קעניגלעכער דינאַסטיע פון דענעמאַרק. אַחוץ דעם איז דענעמאַרק געווען צו קליין, כדי צו קאָנען זיך אַנטקעגנשטעלן דעם דרוק פון דער רוסישער רעגירונג. און מיט גרויס פאַרלעגנהייט האָבן אונדז די פירערס פון דער דענישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע דער־קלערט, אַז זיי זיינען ניט בכח בייצוקומען דעם פאַרבאָט פון דער פּאָלי־ציי, און אויב די דעלעגאַטן וועלן ניט אַוועקפאָרן מיט גוטן, וועט די דענישע פּאָליציי זיי אַרויסשיקן מיט געוואַלט. איז ניט געבליבן קיין אַנדער ברירה ווי אַריבערצופאָרן אין אַן אַנדער מדינה. די פרייסטע שטאָט אין איראָפּע, וואו עס איז געווען מעגלעך אָפּצוהאַלטן אַ רו־סישן רעוואָלוציאָנערן קאָנגרעס, איז יעמאָלט געווען לאָנדאָן. האָט מען די דעלעגאַטן אַוועקגעזעצט אויף אַ שיף און אַוועקגעפירט מיטן ים קיין לאָנדאָן, וואו דער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אונטער דעם פּראָטעקטאָראַט פון די ענגלישע סאָציאַליסטן, ספּעציעל אונטער דעם שוץ פון קעיר האַרדי און ראַמזעי מעקדאָנאַלד אין אַ ליבעראַלער קירך אין וויטשעפּל.

איך פּערזענלעך בין געפאָרן קיין קאָפּענהאַגען פון פּעטערבורג, וואו איך האָב יעמאָלט געאַרבעט ביי דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פראַקציע פון דער גאָסודאַרסטווענער דומע. געפאָרן בין איך ניט אַליין, נאָר צוזאַמען מיט מיין פרוי, מיט וועלכער איך האָב גראָד יע־מאָלט, אין מערץ 1907, חתונה געהאַט. און מיטן פאָרן איז ביי מיר געווען פאַרבונדן אַ גאַנצער פּלאַן. אַזוי ווי מיין פרוי איז יעמאָלט געווען לונגען־קראַנק נאָך אַן אָנצינדונג, און די דאָקטוירים האָבן איר געהייסן פאָרן אין די שווייצאַרישע בערג, האָבן מיר באַשלאָסן, אַז זי וועט פאָרן קיין שווייצאַריע איבער קאָפּענהאַגען. זי וועט מיך באַגלייטן אויפן צוזאַמענפאָר און פון דאָרטן וועל איך איר באַגלייטן אין אַ פּאַסיקן לונגען־קוראָרט אין שווייצאַריע. זיינען מיר פון פּעטערבורג אַוועק־געפאָרן קיין פינלאַנד אין דער האַפּנשטאָט אַבאָ, און דאָרטן האָב איך געהאַט אַ „יאַווקע" צו אַ חבר, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט אַריבערטראַנספּאָרטירן די דעלעגאַטן אָן אויסלענדישע פּעסער קיין קאָפּענהאַגען. דאָס איז געווען דער חבר ד"ר דזשעימס, וואָס געפינט זיך איצט אין אַמעריקע. דזשעימס האָט אונדז זייער פריינטלעך באַ־געגנט און האָט אונדז באַזאָרגט פּלעצער אויף אַ שיף, וואָס איז גע־גאַנגען קיין סטאָקהאָלם, וואָס איז דאָך פאַר מיר געווען שוין אַ גוט־באַקאַנטע שטאָט. די ים־רייזע פון אַבאָ קיין סטאָקהאָלם גייט דורך וואונדערבאַר־שיינע „שכערעס" און פיאָרדן, — שמאָלע ים־איינגוסן

צווישן מאָלערישע בערג און פעלזן, באַדעקטע מיט וועלדער. ליידער האָב איך פערזענלעך ניט פיל גענאָסן פון די נאַטור־שיינקייטן ביי מיין דאָזיקער ערשטער ים־רייזע. דער ים איז געווען אַ גאַנץ שטילער אָבער איך בין אַ שלעכטער ים־פאָרער. דערפאַר האָט אָבער מיין פרוי געהאַט זייער פיל פאַרגעניגן פון דער רייזע, באַזונדערס פון דעם וואונדערבאַרן האַפן פון סטאָקהאָלם. אָבער אָנגעקומען אין דער שיינער שטאָט זיינען מיר ניט אַליין, וואָרים מיר האָבן געהאַט אַ מערקווירדיקע באַגעגעניש אויפן שיף.

אַרויסגעפאָרן זיינען מיר אָוונטס. ווי נאָר מיר זיינען אַריינגעגאַנגען אין שפּייז־סאַלאָן פון שיף צום אָוונטעסן, האָט זיך אונדז אַ וואָרף געטאָן אין די אויגן אַ קאָמפּאַניע פון עטלעכע דייטשן, וואָס זיינען געשטאַנען ביים בופעט, האָבן ליאַרעמדיק געמאַכט לחיים און גערעדט אין אַ גאַנץ הויכן טאָן. איינער פון די דאָזיקע דייטשן איז מיר פאָרגעקומען עפּעס גאָר באַקאַנט. עס וואָלט געווען נאַטירלעך, אַז אויפן שיף זאָלן זיך געפינען נאָך אַנדערע דעלעגאַטן אַחוץ מיר, אָבער פון איין זייט איז נאָך געווען צו פרי (איך בין אַרויסגעפאָרן מיט עטלעכע טעג פריער, ווייל איך האָב געזאָלט זיין אַ מיטגליד פון דער אָרגאַניזיר־קאָמיסיע פון דעם קאָנגרעס) און פון דער אַנדערער זייט וואָלט דאָך מיר דזשעימס אָנגעזאָגט, אַז איך וועל טרעפן אויפן שיף נאָך אַנדערע חברים. פונדעסטוועגן האָב איך באַשלאָסן נעענטער צוקוקן זיך צו דעם דאָזיקן „פאַרדעכטיקטן” דייטש. איך גיי צו צום בופעט, נעם אויך אַ קעלישיק בראָנפן און איך פרואוו זיך צוהערן צו דעם געשפרעך פון די דייטשן. דערקאָן איך גלייך, לויט דער אויסשפּראַך, אַז מיין דייטש איז טאַקע ניט קיין עכטער. נאָך מער: איך זע, אַז דער דייטש קוקט עפּעס אויף מיך אַזוי, ווי ער וואָלט מיך דערקאַנט. פיל איך שוין, אַז איך בין געווען גערעכט, אַז דאָס איז עמיצער, וועמען איך קאָן. אָבער ווער? מיט איין מאָל דערמאָן איך זיך: דאָס איז דאָך טראָצקי. אמת, ער איז געווען פאַרשיקט ערגעץ־וואו ווייט אין סיביר נאָכן פּראָצעס פון דעם פּעטערבורגער סאָוועט, אָבער וואָס האָט געהייסן „פאַרשיקט” אין יענע צייטן?! וואַרט איך אָפּ אַ מאָמענט, ווען מיין דייטש איז אַליין, גיי־צו צו אים און גיב אַ זאָג שטילינקערהייט: „חבר טראָצקי, איר דערקאָנט מיך ניט? איך בין אַבראַמאָוויטש”. גיט ער צווערשט אַ שפּרונג אַ דערשראָקענער און דערנאָך באַרואיקט ער זיך און זאָגט מיר, אַז ער האָט שוין אויך לאַנג באַמערקט, אַז מיין פּנים איז אים באַקאַנט, אָבער ער האָט זיך ניט געקאָנט דערמאָנען ווער איך בין. איז ער געווען אומרואיק און האָט בכיוון געשכורט מיט די דייטשן צוליב „קאָנספּיראַציע”.

כ׳האָב באַקאַנט געמאַכט טראָצקין מיט מיין פרוי און מיר האָבן זיך שוין מער ניט צעשיידט אין לויף פון דער ווייטערדיקער רייזע. צוזאַמען פאַרבראַכט אַ טאָג אין סטאָקהאָלם, וואו איך האָב אַרומגעפירט מיינע באַגלייטערס איבער דער שטאָט (איך בין דאָך שוין געווען

אַן אַלטער סטאָקהאָלמער פון סטאָקהאָלמער צוזאַמענפאָר 1906). צוזאַמען דורכגעפאָרן דורך גאַנץ שוועדן פון צפון ביז דרום, און צוזאַמען אַריינגעפאָרן קיין קאָפּענהאַגען, וואו עס האָבן אויף אונדז געוואַרט איניקע נעענטערע חברים, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט דער אָרגאַניזאַציע פון צוזאַמענפאָר. די האָטעלן זיינען געווען איבערגעפולט טאַקע דווקא צוליב אונדזער צוזאַמענפאָר. טראָצקי איז פאַרפאָרן אין דעם זעלביקן האָטעל, וואו עס זיינען שוין געשטאַנען ליבער און מעדעם, לענין מיט זיין גרופּע און אַ ריי אַנדערע דעלעגאַטן. איך און מיין פרוי האָבן באַקומען אַ צימער אין דעם מער באַשיידענעם „טוריסט" האָטעל. כ'האָב ניט געהאַט פיל צייט צו באַקוקן די שטאָט קאָפּענהאַגען, וואָרים איך האָב זיך געדאַרפט פאַרנעמען מיט אָרגאַניזיר-אַרבעטן, געדאַרפט פירן אונטערהאַנדלונגען מיט די דענישע חברים, באַזאָרגן די פינאַנציעלע אַנגעלעגנהייטן מיט די דעלעגאַטן, העלפן זיי איינאָרדענען אאַז"וו. צווישן די חברים, וואָס זיינען ספּעציעל געקומען קיין קאָפּענהאַגען צוליב טעכנישע צוועקן, ניט זייענדיק קיין דעלעגאַטן, איז געווען איינער אַ ד"ר זשיטאָמירסקי פון בערלין, אַ יונגערמאַן, זייער עלעגאַנט אַנגעטאָן, וואָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ שטיקל סנאָב און איז פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ באָלשעוויק. מיר איז אויסגעקומען מיט אים גאַנץ היפּש צו האָבן צו טאָן צוליב פאַרשיידענע טעכנישע זאַכן און ער האָט שטענדיק געמאַכט אויף מיך אַן אומאַנגענעמען איינדרוק. איך בין דעריבער ניט געווען פאַרוואונדערט אין עטלעכע יאָר אַרום, ווען מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז זשיטאָמירסקי איז געווען אַ פּראָוואָקאַטאָר, אַן אַגענט פון דער רוסישער אָכראַנע.

די דעלעגאַטן פלעגן אָנקומען אין גרויסע גרופּעס דורך פאַרשיידענע גרענעצן: איבער שוועדן, איבער דייטשלאַנד, מיט שיפן, מיט דער אייזנבאַן. אַ גרויסער טייל פון זיי זיינען געווען אַרבעטער, וואָס האָבן קיין שום אויסלענדישע שפּראַכן ניט פאַרשטאַנען, ניט דייטש און ניט, פאַרשטייט זיך, דעניש. האָט מען געמוזט נאָכגיין נאָך זיי טריט ביי טריט ווי נאָך קליינע קינדער. דערצו זיינען נאָך פאָרגעקומען פּאָליטישע רייסערייען. ס'איז געווען באַשטימט, אַז יעדער דעלעגאַט דאַרף מיטברענגען אַ געוויסע סומע געלט פון זיין אָרגאַניזאַציע אויף צו דעקן די הוצאות. אָבער אַזוי ווי דער צענטראַל-קאָמיטעט, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן אויפן פאָריקן צוזאַמענפאָר איז געווען אַ מענשעוויסטישער לויט זיין מערהייט, האָבן די באָלשעוויסטישע דעלעגאַטן געהאַלטן פאַר אַ מצווה ניט צו געבן קיין געלט דעם צענטראַל-קאָמיטעט. פלעגט מען ביי זיי מאָנען די באַשטימטע סומע, פלעגן זיי ענטפערן, אַז זיי האָבן קיין געלט ניט. מיר האָבן אָבער גאַנץ גענוי געוואוסט, אַז די באָלשעוויסטישע דעלעגאַטן האָבן פיל מער געלט איידער מיר. פלעגן פאָרקומען קריגערייען.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט, האָט אונדז די דענישע פּאָליציי ניט דערלאָזט מאַכן דעם צוזאַמענפֿאָר אין קאָפּענהאַגען און האָט אונדז געצוואונגען אַוועקצופֿאָרן קיין לאָנדאָן. זיינען די דעלעגאַטן אַוועקגעפֿאָרן מיט אַ ספּעציעלער שיף. איך האָב אָבער געדאַרפֿט באַגלייטן מיין פֿרוי קיין שווייצאַריע. דאָרטן, ניט ווייט פֿון דער שטאָט לאָזאַן, האָט געוואוינט יונה קאָיגען מיט זיין פֿרוי דאָרע און זיין קליינער טאָכטער איזע. זיי האָבן באַזאָרגט אַ וואוינונג פֿאַר מיין פֿרוי און דאָרטן האָב איך איר איבערגעלאָזן צוזאַמען מיט דאָרע קאָיגען, און מיר ביידע, איך און יונה, זיינען איבער פּאַריז אַוועקגעפֿאָרן קיין לאָנדאָן.

מאָנטאַג, דעם 30-טן אַפּריל, 1907, לויטן אַלטן סטיל, ד״ה דעם 13-טן מאַי לויט דער אייראָפּעאישער רעכענונג, זיבן אַזייגער פֿאַרנאַכט, האָט זיך אין דער „ברודערשאַפֿט-קירך״ אין איסט-לאָנדאָן אָנגעהויבן דער היסטאָרישער קאָנגרעס. אויף אים זיינען געווען 279 דעלעגאַטן מיט באַשטים-רעכט און 42 דעלעגאַטן מיט באַראַטונג-רעכט. די דעלעגאַטן האָבן זיך געזעצט לויט פֿראַקציעס: דווקא אויף דער לינקער זייט די מענשעוויקעס, אויף דער רעכטער — די באָלשעוויקעס און אין צענטער זיינען געזעסן די לעטישע דעלעגאַטן, די פּוילישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן און די בונדיסטן, אויך לויט אָרגאַניזאַציעס. געעפֿנט דעם צוזאַמענפֿאָר אין נאָמען פֿון צענטראַל-קאָמיטעט האָט דער אַלטער פֿירער פֿון דער רוסלענדער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע געאָרגי פּלעכאַנאָוו.

די שטימונג אויפֿן קאָנגרעס איז אַ פֿייערלעכע: אי די אומגעוויינטלעכע אַטמאָספֿערע פֿון דער קירך, אין וועלכער עס איז פֿאָרגעקומען די זיצונג, אי די באַגריסונגען פֿון די אויסלענדישע פּאַרטייען, אי די לאַנגע אָרומפֿאָרעריי, וואָס האָט אַלעמען אויסגעמאַטערט, — דאָס אַלץ האָט געשאַפֿן אַ שטימונג, אַז אָט איצט וועט מען טאַקע אָנהייבן צו אַרבעטן. אָבער גלייך, ווי די וואַלן פֿון פּרעזידיום, איז שוין פֿאָרגעקומען דער ערשטער צוזאַמענשטויס, וואָס האָט באַוויזן, אַז קיין רואיקע אַרבעט איז דעם לאָנדאָנער צוזאַמענפֿאָר ניט באַשערט. מיין פֿאָרשלאָג, אַז דער פּרעזידיום זאָל באַשטיין פֿון 5 מענטשן, ווערט אָנגענומען איינשטימיק, אָבער ווען מען נעמט קלייבן די פֿינף, קומט פֿאָר אַ שרעקלעכער סקאַנדאַל. די ציפֿער 5 האָב איך אָנגערופֿן צוליב דעם, וואָס מיר האָבן געהאַט אויפֿן צוזאַמענפֿאָר 5 אָרגאַניזירטע גרופּעס (מענשעוויקעס, באָלשעוויקעס, „בונד״, פּאָליאַקן, לעטן) און עס איז געווען נאַטירלעך, אַז יעדע גרופּע זאָל אַליין באַשטימען, ווער פֿון אירע מיטגלידער זאָל אַריין אין פּרעזידיום. און עס איז טאַקע געווען אַזוי, אַז די פּאָליאַקן האָבן באַשטימט זייערן אַ מענטשן (טישקאַ-יאָגיכעס), די בונדיסטן — וולאַדימיר מעדעמען (וואָס האָט אויף דעם צוזאַמענפֿאָר געטראָגן דעם נאָמען: וויניצקי); די לעטן האָבן באַשטימט פֿאַר זייער פֿאַרטרעטער אַזים-ראַזין, די מענשעוויקעס — דאַנען און די באָלשעוויקעס — לענינען. די דאָזיקע פֿינף זיינען טאַקע אויסגעקליבן געוואָרן. אָבער אין דעם מאָמענט, ווען עס זיינען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן

די רעזולטאַטן פון די וואַלן, טרעט אַרויס אַ גרופּע מענשעוויקעס, דעלעגאַטן און פּעטערבורג, און פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס מען וויל אויסקלייבן אין פּרעזידיום אַזאַ מענטשן ווי לענין, איבער וועלכן עס ווערט געפירט אַ פּאַרטיי-משפּט. אַ מענטש, וואָס געפינט זיך אונטער אַ משפּט, קאָן ניט זיין קיין פּרעזידענט פון אונדזער פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר. די דאָזיקע דערקלערונג רופט אַרויס אַ שרעקלעכן סקאַנדאַל און טומל, וואָס האָט זיך שיער ניט געענדיקט מיט אַ געשלעג. אָבער די לאַגע האָט געראַטעוועט דורך זיין קאַלטבלוטיקייט און קלוגשאַפט מעדעם, וואָס האָט זיך בכלל אַרויסגעוויזן אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר אַלס אַ גלענצנדער און זייער געשיקטער פאָרזיצער.

דער דאָזיקער שטורעמדיקער אַריינפיר האָט גלייך פון אָנהייב אָן באַוויזן, אין וואָס פאַר אַ אָנגעשפּאַנטער אַטמאָספערע אונדז וועט אויסקומען צו אַרבעטן. און איך מוז טאַקע זאָגן, אַז דער צוזאַמענפאָר, וואָס האָט געדויערט העכער דריי וואָכן און האָט געהאַט 35 אָפיציעלע זיצונגען, ניט גערעכנט די זיצונגען פון די פאַרשיידענע קאָמיסיעס און פראַקציעס, איז געווען איינער פון די סאַמע שטורעמדיקע, וואָס איך האָב ווען ניט איז מיטגעמאַכט. ס'איז פשוט געווען אַ וואונדער, וואָס ער האָט זיך סוף כל סוף דאָך פאַרענדיקט אויף אַ מער ווייניקער פרידלעכן אופן און עס איז ניט געקומען אויף אים ניט צו פיזישע געשלעגן און ניט צו אַן אָפיציעלער שפּאַלטונג. איך בין אָבער פעסט איבערצייגט, אַז דער דאָזיקער וואונדער איז געשען אַ דאַנק דעם „בונד", אַ דאַנק דער פאַרמיטלערישער פּאָליטיק, וואָס די בונדישע דעלעגאַציע האָט געפירט אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר.

מען מוז געדענקען, אַז דאָס איז אייגנטלעך געווען דער ערשטער און דער לעצטער גרויסער צוזאַמענפאָר פון דער פאַראייניקטער רוסלענדער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, אויף וועלכער עס האָבן זיך צום לעצטן מאָל גלייכצייטיק באַטייליקט ניט נאָר די ביידע קעמפנדיקע פראַקציעס (באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס) נאָר אויך די אַזוי גערופענע נאַציאָנאַלע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס: די פוילישע, עסטאָנישע, לעטישע, קאַווקאַזישע (גרוזינער און אַרמענער) און דער „בונד".

דער צוזאַמענפאָר איז אויך געווען דער סאַמע גלענצנדסטער לויט דער צאָל גרויסע פּערזענלעכקייטן, וואָס זיינען דאָרטן געווען פאַרטראָטן. עס זיינען געווען צווישן די דעלעגאַטן: פון די מענשעוויקעס — פּלעכאַנאָוו, אַקסעלראָד, לעוו דייטש, מאַרטאָוו, דאַן, פּאָטרעסאָוו, זשאָרדאַניאַ, צערעטעלי, גאַרווי, ניקאָלאַייעווסקי, באַלאַבאַנאָווא, לאַרין, כרוסטאַלעוו-נאָסאַר (דער געוועזענער פאָרזיצער פון פּעטערבורגער סאָוועט), טשערעוואַנין, מאַרטינאָוו, ראַמישווילי; פון די באָלשעוויקעס זיינען געווען סיי אַזוינע, וואָס זיינען שוין יעמאָלט געווען באַרימט, ווי לענין, באָגדאַנאָוו, ראָזשקאָוו, פּאָקראָווסקי, אינאָקענטי-דובראָווענסקי, אַלעקסינסקי, נאָגין, ליאַדאָוו, סיי אַזוינע, וואָס זיינען געוואָרן באַרימט ערשט שפּעטער, ווי קאַמענעוו, זינאָוויעוו, טאָמסקי,

יאַראָסלאַווסקי, גוסעוו, שליכטער, בובנאָוו, לובימאָוו, וואָראָשילאָוו, שאַומיאַן און סטאַלין.

אַחוץ זיי אַ פּאָר מענטשן, וואָס זיינען געווען איינגעלאַדן אַלס געסט און האָבן אָפיציעל ניט באַלאַנגט צו קיין שום פראַקציע. דאָס זיינען געווען לעוו טראָצקי און מאַקסים גאָרקי. (אויך מאַקסים ליט־ווינאָוו איז געווען אויפן צוזאַמענפאָר נאָר אַלס אַ גאַסט אויף דער גאַ־לעריע, וואו עס זיינער געזעסן נאָך אַנדערע אָנגעזעענע געסט: פאַני סטעפּניאַק, די אלמנה פון דעם באַרימטן רעוואָלוציאָנערן שרייבער; אהרן זונדעלעוויטש, דער באַרימטער רוסיש־אידישער רעוואָלוציאָנער; טעפּלאָוו, אַן אַלטער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַט; טעאָדאָר ראָט־שטיין, אַ רוסישער עמיגראַנט אין לאָנדאָן, וואָס האָט דערנאָך גע־שפּילט אַ ראָלע אין דער באָלשעוויסטישער צייט, און פיל אַנדערע).

פאַרטראָטן דורך זייערע בעסטע פירער זיינען אויך געווען די נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. פון „בונד" זיינען געווען: מעדעם, ליבער, סלאַוועק־גראָסער, נח, אַלעקסאַנדער קרעמער, רחמיאל וויינשטיין, יודין, עזרא־ראָזען, ליטוואַק, יונה קאָיגען, מאַקסים, לנו־גאָזשאַנסקי, גאָלדפאַרב־פּעטראָווסקי, ד. זאַסלאַווסקי, ווירגילי קאַגאַן, ב. צביון, מ. ראַפעס, י. פעסקין (איינער פון די ברידער פעסקין, וואָס זיינען באַקאַנט אויך אין אַמעריקע), קאַץ־טאַראַס, וולאַדעק, ג. לוריע, לאַזאַר עפּשטיין (בן־יקיר), ב. מיכאַלעוויטש און נאָך אַ סך אַנדערע.

די פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז געווען פאַרטראָטן דורך ראָזאַ לוקסעמבורג, מאַרכלעווסקי, טישקאָ־יאָגיכעס, מאַלעצקי, פיר־סטענבערג־האַנעצקי, סטאַניסלאַוו טרוסעוויטש, אונשליכט א"אַ. (דזיערזשינסקי איז יעמאָלט געווען אַרעסטירט אין רוסלאַנד).

פון די לעטן זיינען געווען: בושעוויטש, אַזים־ראָזין, בראָון, יאַנ־סאָן, הערמאַן דאַנישעווסקי, א"אַ.

ניט אַלע דעלעגאַטן האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די אַרבעטן פון צוזאַמענפאָר. עס זיינען געווען מענטשן, וואָס האָבן קיין איינציקן מאָל קיין וואָרט ניט גענומען און עס זיינען געווען ווידער אַזוינע, וואָס זיינען אַרויסגעטראָטן בוכשטעבלעך אויף יעדער זיצונג און אָפט מאָל צו עטלעכע מאָל אין אַ זיצונג. ס'איז אויסעראָרדנטלעך אינטערעסאַנט אַריינצוקוקן אין דעם אָפיציעלן פּראָטאָקאָל פון דעם דאָזיקן צוזאַמענ־פאָר, וואָס איז אין דעם יאָר 1933 אַרויסגעגעבן געוואָרן אין סאָוועט־רוסלאַנד פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. דאָרטן ווערט געבראַכט צום סוף פון דעם דאָזיקן באַנד, וואָס פאַרנעמט 748 זייטן פון גרויסן פאָרמאַט, אַן אַלפאַבעטישער אינדעקס פון אַלע דעלעגאַטן, און ביי יעדן נאָמען זיינען אָנגעגעבן יענע זייטלעך פון די פּראָטאָקאָלן, וואו דער געהעריקער דעלעגאַט איז אַרויסגעטראָטן אָדער אָפּגעגעבן אַ דער־קלערונג אָדער באַטייליקט זיך אין אַ נאָמענטלעכער אָפּשטימונג. אַז מען קוקט נאָך די דאָזיקע רשימה, זעט מען, אַז אַלעקסינסקי ווערט דער־

מאָנט 90 מאָל; לענין — 120 מאָל, מאַרטאָוו — 126 מאָל; דאַן, מאַרטינאָוו, זשאָרדאַניאַ, ראָשקאָוו, פּלעכאַנאָוו, טישקאָ, צערעטעלי, טראָצקי, ליבער, איך — צו 50-60 מאָל אאַז"וו. אָבער אחוץ אָט די פּאָר צענדליק הויפּט־רעדנער פון די גרופּעס האָבן די אַנדערע דעלעגאַטן ניט אַרויסגעוויזן אַזאַ גרויסע אַקטיוויטעט, און דאָס איז געווען פאַרשטענדלעך. צו לאַנג האָט געדויערט דער צוזאַמענפאָר, צו מיד זיינען אַלע געוואָרן, חוץ די פּראָפעסיאָנעלע רעדנער און די אָפיציעלע פאַרטרעטער, וואָס האָבן געמוזט שטענדיק נעמען אַ וואָרט; צו פאַרפלאָנטערט זיינען געוואָרן די באַציאונגען צווישן די פאַרשיידענע ריכטונגען, כדי די פּשוטע דעלעגאַטן זאָלן זיך קאָנען אין דעם פונאַנדערקלייבן און באַטייליקן. דערצו איז נאָך געווען אַזאַ זאַך: צווישן די פּאָליאַקן און לעטן זיינען געווען אַ ריי דעלעגאַטן, וואָס האָבן שלעכט פאַרשטאַנען רוסיש און יעדנפאַלס האָבן זיי ניט געקאָנט פריי ריידן רוסיש און אחוץ דעם איז ביי די פּאָליאַקן און די באָלשעוויקעס געווען אַ טענדענץ פון אייזערנער דיסציפּלין. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם, אַז אין די דאָזיקע צוויי אָרגאַניזאַציעס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז זייערע מיטגלידער זיינען פאַרפליכטעט צו שטימען אַלע ווי איין מענטש פאַר יענע רעזאָלוציעס, וואָס די פירער טראָגן אַריין אויפן צוזאַמענפאָר. צי דער איינצלנער דעלעגאַט איז מסכים מיט דער רעזאָלוציע צי ניט, צי האָט ער ביי זיך אין דער „פראַקציע" געשטימט פאַר אָדער קעגן, — ער איז סיי ווי פאַרפליכטעט אויפן צוזאַמענפאָר צו שטימען פאַר איר. אָט די דאָזיקע סאָלדאַטישע דיסציפּלין, וואָס אין פּרינציפּ צעשטערט זי די איינהייט פון אַ פּאַרטיי, איז ניט איינגעפירט געווען ניט ביי די מענשעוויקעס, ניט ביי די בונדיסטן און ניט אַפילו ביי די לעטן, וואָס זיינען געווען צעטיילט אויף צוויי לאַגערן — מענשעוויקעס און באָלשעוויקעס.

נעמענדיק אין אַכט אָט די אייזערנע דיסציפּלין פון דער באָלשעוויסטישער און פּוילישער פראַקציע, איז דער גורל פון צוזאַמענפאָר אַנטשידן געוואָרן אין יענעם מאָמענט, ווען די מאַנדאַט־קאָמיסיע, וואָס איז אין איר מערהייט באַשטאַנען פון באָלשעוויקעס, פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און אַ פּאָר באָלשעוויסטיש־געשטימטע לעטן, האָט געגעבן דעם באָלשעוויסטיש־געשטימטן פליגל פון צוזאַמענפאָר מיט אַ פּאָר מאַנדאַטן מער איידער עס האָט אים געקומט. די כוחות פון דיביידע שטרעמונגען (די וואָס זיינען געשטאַנען נענטער צו די מענשעוויקעס אָדער צו די באָלשעוויקעס) זיינען אייגנטלעך געווען גלייך. אָבער עס זיינען געווען אייניקע דעלעגאַטן, וואָס זיינען, אַזוי צו זאָגן, געהאַנגען אין דער לופטן, ווייל זייערע מאַנדאַטן זיינען ניט געווען גאַנץ אין אָרדענונג. די צאָל אַזוינע צווייפלהאַפטע מאַנדאַטן איז געווען באַזונדערס גרויס ביי די באָלשעוויקעס און ביי די פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. לויט דעם פּאַרטיי־געזעץ איז באַשטימט געוואָרן, אַז דאָרטן, וואו עס זיינען פאַראַן פּאַראַלעלע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס (ווי למשל אַ באָלשע־

וויסטישע און אַ מענשעוויסטישע, אָדער אַ פּוילישע און אַ אידישע, אָדער אַ בונדיסטישע און אַן איסקראָווישע), דאַרף דורכגעפירט ווערן אַ קעגנזייטיקער קאָנטראָל פון די שטימען און פון דער צאָל מיטגלי־דער. אַזאַ קאָנטראָל איז טאַקע דורכגעפירט געוואָרן אין דאָס רוב אָרגאַניזאַציעס, אָבער ניט אומעטום. אויפן קאַווקאַז זיינען געווען אַ טייל באָלשעוויסטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן ניט דערלויבט די מענשעוויסטישע אָרגאַניזאַציעס דורכצופירן דעם קאָנטראָל (די מענ־שעוויקעס האָבן געהאַט אויפן קאַווקאַז אַן אומגעהייערע מערהייט). איינע פון אַט די דאָזיקע באָלשעוויסטישע אָרגאַניזאַציעס האָט זיך געפונען אין דעם געגנט באַרטשאַלי און אַט פון דער באַרטשאַלינער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז פון קאַווקאַזער געגנט־קאָמיטעט ניט אָנער־קענט געוואָרן אַלס פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, איז דאָס סטאַלין געקומען אַלס דעלעגאַט צום צוזאַמענפאָר. אַ פיל ערנסטערער קאָנפליקט צוליב מאַנדאַטן האָט געהאַט דער „בונד" מיט די פּוילישע סאָציאַל־דעמאָ־קראַטן. די פּאָליאַקן האָבן געשטערט דעם „בונד" צו קאָנטראָלירן זייערע אָרגאַניזאַציעס און אָפּשטימונגען צום צוזאַמענפאָר. ספּעציעל אין דער גרויסער אַרבעטער־שטאָט לאָדזש. די פּוילישע סאָציאַל־דעמאָ־קראַטן האָבן אַראָפּגעבראַכט פון לאָדזש גאַנצע 23 דעלעגאַטן, בשעת די דאָרטיקע בונדיסטן האָבן געהאַלטן, אַז אַפילו אַ העלפט וואָלט אויך געווען, על פי יושר, צו פיל.

אָבער די באָלשעוויסטיש־געשטימטע מאַנדאַט־קאָמיסיע (קרע־דענשל־קאָמיטע) האָט באַשטעטיקט די לאָדזשער מאַנדאַטן ניט גע־קוקט אויף אַלע פּראָטעסטן פון „בונד" און אויפן צוזאַמענפאָר איז צוליב דעם פאָרגעקומען אַ שרעקלעכער סקאַנדאַל, כמעט אַ געשלעג צווישן די פּוילישע און די בונדיסטישע דעלעגאַטן (וולאַדעק, צביון, מאַקסים א"אַ.). דער סוף איז געווען, אַז אין די לעצטע טעג פון צו־זאַמענפאָר, ווען עס האָט זיך שוין געהאַנדלט וועגן אָננעמען די ענדגיל־טיקע פּאָליטישע רעזאָלוציעס און אויסקלייבן דעם צוקונפטיקן צענטראַל־קאָמיטעט, האָבן די באָלשעוויקעס באַקומען אַ מערהייט פון 2־1 שטימען.

אַ מערקווירדיקע דערשיינונג: אין 1903, אויפן צווייטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר האָט לענין באַקומען אַ מערהייט פון איין שטימע. אין 1907 ווידער אין לאָנדאָן האָט לענין צום צווייטן מאָל געזיגט מיט אַ מערהייט פון איינס ביז צוויי שטימען. איז דאָס געווען שטענדיק אַ צופאַל? אָדער איז דאָס געווען דער סימבאָל פון דעם, וואָס דער גורל פון דער רוסישער רעוואָלוציע איז שטענדיק געהאַנגען אויף אַ האָר און איז דאָך דורך עפּעס אַן אינעווייניקסטן געזעץ אַנטשידן געוואָרן אין דער ריכטונג פון באָלשעוויזם?!

***

איך האָב שוין דערמאָנט פריער, אַז דער „בונד", ווי אויך צום טייל די פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן געשפּילט זייער אַ באַ־

דייטיקע ראָל אויף דעם לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר. די בונדיסטישע רעד־נער (ליבער, מעדעם, גראָסער, איך) זיינען אַרויסגעטראָטן אומצוייַ־ליקע מאָל כמעט ביי יעדער פראַגע סיי אַלס רעפערענטן, סיי אַלס רעד־נער. זייער אַ שטאַרקן אָנטייל האָבן אויך גענומען די פּאָליאַקן, צווישן וועלכע עס זיינען געווען אַזוינע פּערזענלעכקייטן, ווי ראָזאַ לוקסעמ־בורג און מאַרכלעווסקי, שוין ניט רעידנדיק וועגן טישקאָ־יאָגיכעס און מאַלעצקי. ס'איז געווען אָבער אַ גרויסער אונטערשייד אין דעם כאַראַקטער פון יענער טעטיקייט, וואָס עס האָבן אויף דעם לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר אַנטוויקלט די פּאָליאַקן און די בונדיסטן. דער גאַנצער גלאַנץ פון ראָזאַ לוקסעמבורגס אָראַטאָרישן טאַלענט, די מאַרקסיס־טישע בילדונג פון מאַרכלעווסקי, די פּאָלעמישע קונציקייט פון טישקאָ, — דאָס אַלץ איז געווען געווענדעט אויף מיטצוהעלפן, אַז די באָלשע־וויקעס זאָלן קאָנען זיגן איבער די מענשעוויקעס. ראָזאַ לוקסעמבורג און אירע חברים זיינען אין אַלע טעאָרעטישע פראַגן אַרויסגעטראָטן ווי דער לינקער פליגל פון באָלשעוויזם און מיט זיי צוזאַמען איז אין די דאָזיקע טעאָרעטישע פראַגעס געגאַנגען אויך טראָצקי, וואָס האָט מיט גרויס באַפרידיקונג פעסטגעשטעלט, אַז ראָזאַ לוקסעמבורג איז אין גאַנצן מסכים מיט יענע אָנשויאונגען וועגן דעם כאַראַקטער פון דער רוסישער רעוואָלוציע, וואָס ער, טראָצקי, האָט אַרויסגעזאָגט אין 1905. אמת, אין די פּראַקטיש־אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן איז טראָצקי ניט געגאַנגען מיט דער באָלשעוויסטישער פּראַקטיק און איז גיכער גע־שטאַנען נאָענט צום „בונד" (ער איז אויף דעם לאָנדאָנער צוזאַמענ־פאָר געזעסן מיט איר אויף איין באַנק און אין די אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגעס זיינען מיר זייער אָפט געגאַנגען צוזאַמען). אָבער די פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן ניט נאָר טעאָרעטיש אונטערגעשטיצט די באָלשעוויקעס, נאָר זיי זיינען אויך מיטגעגאַנגען מיט זיי אין דער שטרעבונג צו פאַרכאַפּן דעם צענטראַל־קאָמיטעט און אַלע אָרגאַנען פון דער פּאַרטיי.

גאָר אַנדערש איז געווען די טאַקטיק פון „בונד" אין לאָנדאָן. צווישן די בונדיסטישע דעלעגאַטן זיינען געווען סיי מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען גאָר נאָענט צו די מענשעוויקעס, סיי אַזוינע, וואָס זייערע פּאָליטישע סימפּאַטיעס האָבן זיי געצויגן צום באָלשעוויזם (סלאָוועק, מיכאַלעוויטש, יודין, וולאַדעק, שוין ניט גערעדט וועגן אַזאַ עכטן באָלשעוויק ווי נאַכימסאָן, וואָס האָט געאַרבעט אין דער באָל־שעוויסטישער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע און איז פאַקטיש געווען אַ פאַרברענטער לעניניסט). אָבער ניט געקוקט אויף דעם האָט די גאַנ־צע בונדישע דעלעגאַציע אַלס אַזוינע געשטרעבט דערצו, אַז דער צו־זאַמענפאָר זאָל זיך ניט ענדיקן מיט אַ זיג פאַר איין צד. די שטרע־בונג פון „בונד" איז געווען אויסצוגעפינען אַ קאָמפּראָמיס, סיי אין דער טאַקטיק פון דער פּאַרטיי, סיי אין די אָרגאַניזאַציאָנעלע באַשלוסן, וואָס זאָל אָפּהיטן די פּראַקטישע איינהייט פון דער פּאַרטיי און זאָל ניט

פּאַרטיפן די שפּאַלטונג. די וויטערדיקע אַנטוויקלונג האָט באַוויזן, אַז דער דאָזיקער בונדיסטישער פּלאַן איז געווען אַן אוטאָפּיע: ס'איז שוין געווען אוממעגלעך צו מאַכן שלום צווישן ביידע צדדים, איינצו־האַלטן זיי אין איין פּאַרטיי. אָבער עס איז דאָך געווען ניט נאַאיווקייט און ניט אוטאָפּיזם, וואָס דער „בונד", אַלס אַ גרויסע פּראָלעטאַרישע מאַסן־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אין אייגענע רייען יאָ געקאָנט גובר זיין דעם גייסטיקן קעגנזאַץ צווישן באָלשעוויזם און מענשעוויזם, זאָל פּרובירן דורכפירן די זעלביקע טאַקטיק אויך אין דער גאַנצער רוס־לענדער פּאַרטיי. איך שרייב איצט ניט די געשיכטע פון דער רוס־לענדער רעוואָלוציע און אַפילו ניט פון דער גאַנצער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישער פּאַרטיי. איך וויל זיך האַלטן אין די ראַמען פון דעראינע־רונגען. דעריבער וועל איך ניט באַטראַכטן די געשעענישן אַזוי ווי מען זעט זיי איצט, מיט 36 יאָר שפּעטער, נאָר באַמיען זיך צו רעקאָנ־סטרואירן די פאַקטן אַזוי ווי מיר האָבן זיי געזען יעמאָלט, אין 1907. און יעמאָלט האָבן מיר אַלע געפילט, אַז אויב מען זאָל ניט אָנווענדן אַלע כוחות, וועט די שפּאַלטונג זיין אומפאַרמיידלעך און די פּאַרטיי פון רוסלענדער אַרבעטער־קלאַס וועט זיין צעבראָכן. דערמיט וועט אָבער אויך צעבראָכן און פאַרקריפּלט ווערן דער גורל פון דער גאַנצער רוסישער רעוואָלוציע. דער דאָזיקער געפיל איז געווען אַ ריכטיקער. און אַרויסגייענדיק פון אים האָבן מיר געטאָן אַלץ כדי צו פאַרקלענערן די רייבונגען צווישן די ביידע צדדים, כדי אויסצוגעפינען אַ קאָמפּראָ־מיס, כדי צו „האַלטן פאַר די הענט" די פייערדיקע קעמפער אויף ביידע זייטן פון פראָנט.

איך פּערזענלעך בין געווען יעמאָלט באַזונדערס שטאַרק איינגע־גלויבט אין דער מעגלעכקייט פון אַ קאָמפּראָמיס, און אַלע מיינע אַרויס־טרעטונגען אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר זיינען דיקטירט געוואָרן דורך דעם דאָזיקן גלויבן און דעם דאָזיקן וואונטש. איך בין, דעם אמת ריידנדיק, אַ קאַפּעטשקע צו פיל אַרויסגעטראָטן אויף דעם דאָזיקן צו־זאַמענפאָר. ווען איך קוק איצט דורך דעם אינדעקס צום באַריכט פון צוזאַמענפאָר, וואונדער איך זיך אַליין, וואו איך האָב גענומען כוחות און דעם מוט אַזוי פיל אַרויסצוטרעטן. איך בין אַרויסגעטראָטן גאַנצע דריי מאָל אַלס רעפערענט: איין מאָל ביי דעם ערשטן פונקט פון סדר־היום וועגן דעם באַריכט פון צענטראַל־קאָמיטעט. דאָ זיינען גע־ווען דריי רעפערענטן: מאַרטאָוו, דער אָפיציעלער באַריכט־אָפּגעבער פון דער מערהייט פון צענטראַל־קאָמיטעט; באָגדאַנאָוו (מאַקסימאָוו), אַלס פאַרטרעטער פון דער באָלשעוויסטישער מינדערהייט; און איך אַלס אַ מענטש, וואָס האָט ניט באַלאַנגט ניט צו די באָלשעוויקעס און ניט צו די מענשעוויקעס. איך בין באַשטימט געוואָרן אַלס באַריכט־אָפּגעבער אויך ביי דעם צווייטן פונקט פון סדר־היום — באַריכט וועגן דער טעטיקייט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פראַקציע אין דומע. דאָ איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ רעזאָלוציע־קאָמיסיע פון צען מיטגלי־

דער. אין נאָמען פון דער דאָזיקער קאָמיסיע האָב איך אָפּגעגעבן דעם באַריכט פאַרן צוזאַמענפאָר. און ווידער ביי דעם דריטן גרויסן פּונקט פון סדר-היום, אייגנטלעך דעם וויכטיקסטן טעאָרעטישן שטרייט וועגן דער באַציאונג פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע צו די בורזשואַזע פּאַר־טייען, בין איך ווייטער באַשטימט געוואָרן אין נאָמען פון „בונד" אַלס רעפערענט. עס האָבן געהאַלטן רעפעראַטן איבער אָט דער פראַגע פיר מענטשן: לענין, מאַרטינאָוו, ראָזאַ לוקסעמבורג און איך.

און אָט אין די אַלע דריי באַריכטן און אין די שלום-ווערטער צו די באַריכטן און אין די צענדליקער קליינע אַרויסטרעטונגען און רעדעס גייט ביי מיר אומעטום דורך דער געדאַנק, אַז אַ קאָמפּראָמיס צווישן באַלשעוויזם און מענשעוויזם איז מעגלעך, אַז מען קאָן ניט נאָר אויפן פּאַפּיר נאָר טאַקע אין פּראַקטישן לעבן אויפבויען אַ סאָציאַל-דעמאָ־קראַטישע פּאַרטיי, וואָס זאָל פאַראייניקן אין זיך די ריכטיקע עלעמענטן פון באַלשעוויזם מיט די ריכטיקע עלעמענטן פון מענשעוויזם, און זאָל אַזוי אַרום רעפּרעזענטירן דעם אמתן ווילן און די אמתע צוקונפט פון דעם גאַנצן רוסלענדער אַרבעטער-קלאַס. כ'האָב באַטראַכט פאַר מיין הויפּט-אויפגאַבע צו באַקעמפן די אָ ר ג אַ נ י ז י ר ט ע פראַקציעס אויף ביידע צדדים. אין מיין באַריכט וועגן דער טעטיקייט פון צענ־טראַל-קאָמיטעט, וואָס האָט געמאַכט אַ גאַנץ שטאַרקן רושם אויפן צוזאַמענפאָר, האָב איך אויפריכטיק דערציילט, אַז קיין אמתע פּאַרטיי איז ניטאָ און אַז קיין אמתער צענטראַל-קאָמיטעט איז ניט פאַראַן, אַז עס איז פאַראַן אַ פעסט-אָרגאַניזירטע באַזונדערע פראַקציע פון באַל־שעוויקעס און אַ ווייניקער פעסט-אָרגאַניזירטע, אָבער אויך אַ באַזונ־דערע פראַקציע מענשעוויקעס. איך האָב געשילדערט ווי אַזוי דער צענטראַל-קאָמיטעט ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ קאָמעדיע דורך דעם, וואָס אין איין פינלענדישער שטאָט ווערן אָנגענומען באַשלוסן אין דעם באַלשעוויסטישן צענטער און אין אַ צווייטער פינלענדישער שטאָט ווערן אָנגענומען באַשלוסן אין דעם צענטער פון די מענשעוויקעס, און דערנאָך קומט יעדער צד מיט זיין פאַרטיקן בשלום אויף דער זיצונג פון דעם אַזוי גערופענעם „צענטראַל-קאָמיטעט" און דאָרטן ווערן די פראַגן ניט באַטראַכט, נאָר מען הייבט פשוט די הענט ביי דער אָפּשטי־מונג. און מיר, די דריי אָרעמע פאַרטרעטער פון די נאַציאָנאַלע סאָ־ציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס („בונד", פּאָליאַקן, לעטן), בלאָנ־דזשען נעבעך אַרום פאַריתומטע צווישן די צוויי אָרגאַניזירטע פראַק־ציעס און זיינען ניט אימשטאַנד צו ווירקן ווי געהעריק אויף דער אַרבעט פון צ. ק. איך האָב געבראַכט אַ ריי פאַקטן, וואָס באַווייזן, אַז די באַלשעוויקעס האָבן סאַבאָטירט די אַרבעט פון צענטראַל-קאָמיטעט, אַז זיי האָבן פאַררופן אייגענע קאָנפערענצן און טאַקע גאַנץ געפער־לעכע (פון די מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס און פון די באַוואָפנטע „באָ־יעוואָי אָטריאַדן"), וואו עס ווערן פאַרגעשלאָגן גאַנץ געפערלעכע זאַכן (ווי, צום ביישפּיל, פּריוואַטע עקספּראָפּריאַציעס) און אַז די דאָזיקע

אַרבעט האָט אָפּגעשוואַכט און צעשטערט די פּאַרטיי. איך האָב אָבער אויך ניט געשאַנעוועט די מענשעוויקעס מיט זייער באַזונדערער פּראַקציע הגם איך האָב געהאַלטן, אַז אין די אַנטשיידנדיקע פּאָליטישע באַשלוסן זיינען די מענשעוויקעס געווען גערעכט און די באָלשעוויקעס אומגערעכט. מיין פּראַקטישער אויספיר איז געווען, אַז דער צוזאַמענפאָר זאָל צ ו ו י נ ג ע ן ביידע צדדים אָפּצוזאָגן זיך פון זייערע סעפּאַראַטע אָרגאַניזאַציעס און נויטיקן זיי זיי זאָלן לאָיאַל צוזאַמענאַרבעטן אין דעם צוקונפטיקן געמיינזאַמען צענטראַל־קאָמיטעט.

אָבער איך האָב זיך אין מיינע אַרויסטרעטונגען אין לאָנדאָן ניט באַגנוגנט נאָר מיט אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן. איך בין געגאַנגען ווייטער און איך האָב געהאַלטן, אַז עס איז מעגלעך ניט נאָר אַ פּראַקטישער, נאָר אויך אַ פּאָליטישער קאָמפּראָמיס צווישן ביידע ריכטונגען. פאַרוואָס זאָל אַזאַ מין קאָמפּראָמיס ניט זיין מעגלעך? האָב איך געטענהט. וואָלטן די באָלשעוויקעס געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט פון די „מאַקסימאַליסטן” אָדער פון ראָזאַ לוקסעמבורג, אָדער פון טראָצקין און פּאַרוואוסן, אַז אונדזער רעוואָלוציע איז ניט קיין בורזשואַז־דעמאָקראַטישע, נאָר אַ ריין פּראָלעטאַריש־סאָציאַליסטישע, און וואָלטן די מענשעוויקעס געבליבן ביי דער אַלטער מאַרקסיסטישער אויפפאַסונג, אַז די רעוואָלוציע איז אַ בורזשואַז־דעמאָקראַטישע און מער גאָר ניט, — יעמאָלט וואָלט, פאַרשטייט זיך, צווישן ביידע ריכטונגען געווען אַ תהום, און קיין שום בריק וואָלט מען ניט געקאָנט בויען. אָבער לעניין איז דאָך ניט מסכים מיט ראָזאַ לוקסעמבורג (און טראָצקי). ער איז פּונקט אַזוי, ווי פּלעכאַנאָוו, אַקסעלראָד און מאַרטאָוו, מיט דער מיינונג, וואָס איז געווען שטענדיק דער פונדאַמענט פון רוסישן מאַרקסיזם, אַז מיר האָבן צו טאָן אין רוסלאַנד מיט אַ רעוואָלוציע, וואָס וועט ערשט עפענען ביי אונדז די תקופה פון קאַפּיטאַליסטישער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג. הייסט דאָס, אַז אין דער גרונט־פראַגע זיינען מיר אַלע אייניק. קומט די צווייטע פראַגע — די טאַקטישע: ווי אַזוי צו באַציען זיך צו די פאַרשיידענע ניט־פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען אין רוסלאַנד? זאָגן די באָלשעוויקעס: אַזוי ווי אין רוסלאַנד איז ניטאָ קיין אמתער בורזשואַזער ליבעראַליזם, און די בורזשואַז־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען וועלן אונדז פאַרראַטן און פאַרראַטן שוין איצט, טאָ מוזן מיר גיין צוזאַמען מיט די רעוואָלוציאָנערע פּויערים ניט נאָר קעגן דער צאַרישער זעלבסטהערשאַפט, נאָר אויך קעגן די בורזשואַז־ליבעראַלע פּאַרטייען. ענטפערן די מענשעוויקעס: עס איז ניט אמת, אַז דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער ליבעראַליזם איז שוין טויט אין רוסלאַנד און אַז די פּויערים־רעוואָלוציע איז אונדזער איינציקער פאַרבינדעטער. פאַרקערט, — די אומוויסנדע, ניט־באַוואוסטזיניקע, פּאָליטיש ניט־דערצויגענע פּויערשע סטיכיע איז פאַר דעם באַוואוסטזיניקן סאָציאַליסטישן פּראָלעטאַריאַט אַ געפערלעכער „פּאַרטנער”. אויב מיר האָבן אין זינען אויפצובויען אין רוסלאַנד אַ בורזשואַז־דעמאָקראַטישע מלוכה,

קאָנען מיר זיך ניט באַגיין אָן דער ליבעראַל-דעמאָקראַטישער בורזשו-אַזיע, מוז דעריבער פאַרווירקלעכט ווערן אַ צוזאַמענאַרבעט צווישן אונדז און די בורזשואַז-דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, און די פּויערים דאַרף מען לאָזן אין אַ זייט.

ענטפער איך אויף די צוויי עקסטרעמע שטאַנדפּונקטן: פאַרוואָס זאָלן מיר אין אונדזער טאַקטיק ניט פאַראייניקן די דאָזיקע ביידע ליניעס? פאַרוואָס זאָלן מיר ניט פּרובירן געפינען פאַרבינדעטע אי צווישן דעם מער פּראָגרעסיוון און מער באַוואוסטזיניקן טייל פון די רוסישע בורזשואַזיע און מיטל-קלאַסן, אי צווישן די רוסישע רעוואָלוציאָנערע פּויערים?

מיר וועלן האַנדלען לויט דעם מענשעוויסטישן שטייגער, ד"ה גיין צוזאַמען מיט די ליבעראַלן און קאַדעטן אומעטום און שטענדיק, ווען מיר וועלן האָבן צו קעמפן קעגן דער צאַרישער זעלבסטהערשאַפט, למשל, ביי די וואַלן, ווען עס איז פאַראַן אַ געפאַר, אַז עס זאָל זיין די שוואַרצע מאה. דאָס שטערט אונדז אָבער בשום אופן ניט צו האַנדלען לויטן באָלשעוויסטישן שטייגער דאַן, ווען עס קומט אויס צו קעמפן אינעווייניק אין דעם אַנטי-צאַריסטישן לאַגער, פאַרבינדן זיך מיט די מער לינקע קעגן די מער רעכטע. למשל, ווען מיר האָבן צו טאָן מיט וואַלן אין אַ וואַל-קרייז, וואו די שוואַרצע מאה קאָן בשום אופן ניט זיגן, יעמאָלט קאָנען מיר מאַכן אַ בלאָק מיט די לינקע, די „טרודאָוויקעס", די רעוואָלוציאָנערע פּויערים, קעגן די קאַדעטן, די רעכטע בורזשואַזע ליבעראַלן. מיר פירן אַלזאָ אַ קאָמבינירטע טאַקטיק: גיין מיט אַלע ליבעראַלע עלעמענטן (און די פּוילישע נאַראָדאָוצעס, וואָס זיינען יעמאָלט געווען אין אָפּאָזיציע צו דער צאַרישער רעגירונג צוליב נאַציאָנאַל-פּוילישע מאָטיוון), קעגן דער צאַרישער זעלבסטהערשאַפט, און גיין אין איינעם מיט אַלע לינקע (די טרודאָוויקעס, א"אַ.) קעגן די בורזשואַזע קאַפּיטאַליסטישע ליבעראַלן.

מיין דעמאָלטדיקע שטעלונג האָט אַרויסגערופן אַ שאַרפן ווידערשפּרוך באַזונדערס ביי די באָלשעוויקעס. ראָזאַ לוקסעמבורג איז שטענדיק אַרויסגעטראָטן קעגן דעם „קרעמערשן" שטאַנדפּונקט פון „בונד", ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט (צוליב אָט דעם ווערטל איז פאַרגעקומען אַ שאַרפער קאָנפליקט צווישן דער בונדישער דעלעגאַציע און ראָזאַ לוקסעמבורג, וואָס מען האָט דערנאָך דורך אַ ספּעציעלן באַשלוס פון צוזאַמענפאָר אַרויסגענומען פון פּראָטאָקאָל). טראָצקי האָט אין אַ ווייכערער פאָרם דערקלערט, אַז הגם ער איז מיט מיר מסכים אין די אָרגאַניזאַציע-פראַגן, קאָן ער בשום אופן ניט צושטיין צו אַזאַ מין „צוזאַמענגעשטוקעוועטן מאַרקסיזם", וואָס וויל פאַראייניקן שטיקלעך פון פאַרשיידענע אויפפאַסונגען. אויך טישקאַ און די אַנדערע פּוילישע רעדנער זיינען שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן מיך. אָבער עס איז אינטערעסאַנט, אַז ניט לעגין און ניט די אַנדערע באָלשעוויקעס האָבן ניט געברויכט בנוגע צו מיר אַזוינע שאַרפע אויסדרוקן און האָבן זיך

בכלל ניט אַרויסגעזאָגט קלאָר וועגן דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט. דאָס דערקלערט זיך, נאַטירלעך, ניט מיט דעם, וואָס לענין איז געווען אין זיין פּאָלעמיק איידעלער און ווייכער איידער ראָזאַ לוקסעמבורג. ניין, די סיבה איז געווען אַ פיל טיפערע און דאָס איז העכסט אינטערעסאַנט פעסטצושטעלן.

די מעשה פון דעם איז, וואָס אין יענעם מאָמענט, אין פרילינג 1907, זיינען בלויז ראָזאַ לוקסעמבורג און אירע פריינט פון דער פּוילישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און טראָצקי פון דער רוסלענדער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע געשטאַנען אויף דעם שטאַנדפּונקט פון „פּערמאַנענטער רעוואָלוציע", ד"ה פון דער פאַרשטעלונג, אַז די רוסישע רעוואָלוציע וועט זיך ניט פאַרהאַלטן אויף דער מדרגה פון אַ בורזשואַז-דעמאָקראַטישער רעפּובליק, נאָר וועט אין איר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג אַריבערשפּרייזן איבער די גרענעצן פון קאַפּיטאַליזם בכלל און וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ ריין פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. לענין און זיין פראַקציע זיינען יעמאָלט אויף דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט ניט געשטאַנען. אין קעגנטייל: לענין איז אַרויסגעטראָטן שטענדיק ווי אַ שאַרפער קעגנער פון דער „פּערמאַנענטער רעוואָלוציע". אָבער אַזוי ווי לענין האָט זיך אין לאָנדאָן געגייטיקט אין די שטימען פון די פּוילישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן, האָט ער אין גאַנצן ניט געענטפערט אויף דעם שטאַנדפּונקט פון ראָזאַ לוקסעמבורג, האָט ניט פּאָלעמיזירט קעגן די אָנשויאונגען פון דער פּוילישער דעלעגאַציע און האָט אין זיין שלום-וואָרט אין גאַנצן פאַרשוויגן די דאָזיקע פראַגע וועגן בורזשואַזער אָדער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. אָבער אַזוי ווי פון דעם יעמאָלט אָנגענומענעם אַלגעמיין מאַרקסיסטישן שטאַנדפּונקט (אויף וועלכן אויך לענין איז דעמאָלט געשטאַנען), בין איך געווען גערעכט אין מיין קריטיק פון ראָזאַ לוקסעמבורג און טראָצקי, האָט ער ניט פּאָלעמיזירט מיט מיר, ווייניקסטנס אין אָט דער פראַגע.

די דאָזיקע טעאָרעטישע פראַגע איז היסטאָריש זייער אַ וויכטיקע, באַזונדערס ווען מיר קוקן איצט אויף צוריק, וויל איך ברענגען אייניקע זאַצן פון מיין יעמאָלטדיקער שלום-רעדע. (ז"ז 438-436 פון דעם אָפיציעלן פּראָטאָקאָל):

„איך דאַרף דאָ ניט פאַרטיידיקן די אַרגומענטן, וואָס איך האָב אַרויסגעשטעלט אין מיין רעפעראַט, וואָרים די רעדנער, וואָס זיינען דאָ אַרויסגעטראָטן, האָבן בכלל ניט באַרירט מיין באַהויפּטונג וועגן דער געמיינזאַמקייט פון דער טעאָרעטישער פּאָזיציע פון די מענשעוויקעס און די באָלשעוויקעס, און וועגן דער באַזונדערקייט פון די פּוילישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן. טישקאָ האָט זיך באַקלאָגט, אַז איך האָב ניט ריכטיק פאַרשטאַנען און ניט ריכטיק אויסגעטייטשט דעם געדאַנק פון ראָזאַ לוקסעמבורג. איך האָב מורא, אַז חבר טישקאָ איז ניט גערעכט. קורץ פאָרמולירט, איז ראָזאַ לוקסעמבורגס געדאַנק אַזאַ — און דאָס האָט אויך באַשטעטיקט טראָצקי, וואָס האָט זיך אונטערגעשריבן אונ-

טער אַלע באַהויפּטונגען פון גענאָסין לוקסעמבורג: קיין בורזשואַזער ליבעראַליזם און קיין בורזשואַזע דעמאָקראַטיע זיינען אין רוסלאַנד ניט פאַראַן . . . ניט אין שטאָט און ניט אין דאָרף. הייסט דאָס, אַז די איינ־ציקע רעוואָלוציאָנערע קראַפט, וואָס איז פעאיק עפּעס צו שאַפן, איז נאָר דער פּראָלעטאַריאַט. הייסט דאָס, אַז אויך די אויפגאַבע צו שאַפן אַ בורזשואַז־דעמאָקראַטישע אָרדענונג אין רוסלאַנד (און דאָס איז דאָך לויט אונדזער מיינונג דער אָביעקטיווער ציל פון אונדזער רעוואָלוציע) ווערט אַרויפגעלייגט אויף די פּלייצעס נאָר פון איין קלאַס, פון פּראָלע־טאַריאַט. וואָס איז פון דעם געדרונגען? אָדער אַן אומאונטערבראָ־כענע רעוואָלוציע אונטער דער הערשאַפט פון פּראָלעטאַריאַט, און דאָס הייסט איבערגאַנג צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע; אָדער אַ פול־שטענדיקער קראַך פון דער רעוואָלוציע און זיג פון דער רעאַקציע.

„ צי האָב איך דאָ ריכטיק פאָרגעשטעלט די געדאַנקען פון ראָזאַ לוקסעמבורג? לאָמיר זעען.

„ראָזאַ לוקסעמבורג איז ניט צופרידן מיט אונדזער טראַדיציאָנעלן צוגאַנג צו דער רוסישער רעוואָלוציע, וואָס זאָגט, אַז צוערשט וועלן מיר אויפבויען אַ בורזשואַז־דעמאָקראַטישע אָרדענונג און ערשט דאַן וועלן מיר אָנהייבן קעמפן פאַרן סאָציאַליזם. ראָזאַ לוקסעמבורג איז מיט אַזאַ זעלבסטבאַשרענקונג פון פּראָלעטאַריאַט ניט מסכים . . . זי זאָגט, אַז שוין איצט איז דער פּראָלעטאַרישער קאַמף פאַרן סאָציאַליזם ביי אונדז אין צאַרישן רוסלאַנד שטאַרקער איידער אין יעדער דעמאָקראַטישער מלוכה. מיר האָבן שטענדיק גערעכנט, אַז זיין העכסטע אַנטוויקלונג וועט דער קלאַסנקאַמף באַקומען נאָר ביי געוויסע (קאַפּיטאַליסטישע און דעמאָקראַטישע) פאָראויסזעצונגען. ראָזאַ לוקסעמבורג דערקלערט אָבער, אַז אויך אָן די דאָזיקע פאָראויסזעצונגען איז פאַראַן די גרעסטע אַנטוויקלונג פון קלאַסנקאַמף. היינט וואָס איז פון דעם געדרונגען? אויב דער רעוואָלוציאָנערער פּעריאָד איז די בעסטע אַרענע פאַרן קלאַסנ־קאַמף, איז, ערשטנס, צו וואָס זאָל מען שטרעבן צו אַ בורזשואַז־דעמאָ־קראַטישער אָרדענונג? . . . צווייטנס, דאַרף מען דאָך שטרעבן דערצו, אַז די דאָזיקע רעוואָלוציע זאָל קיין מאָל ניט אויפהערן. אָבער דערצו דאַרף מען שטעלן אַלץ ווייטערדיקע און ווייטערדיקע צילן, ביז צום סאַמע סאָציאַליזם. מיט אַנדערע ווערטער באַדייט דאָס, ערשטנס, אַז די גאַנצע רעוואָלוציע וועט מוזן אויסקעמפן דער פּראָלעטאַריאַט, און נאָר ער אַליין, ווייל נאָר ער אַליין איז מסוגל זיך צו שטעלן אַזאַ מין אויפ־גאַבע, ווי סאָציאַליזם; און, צווייטנס, מוז אונדזער רעוואָלוציע זיין אַ פּערמאַנענטע, אַן אומאויפהערלעכע און דאַרף אַריבערגיין אין דער סאָציאַלער רעוואָלוציע . . .״

מען טאָר ניט פאַרגעסן, אַז די דאָזיקע ווערטער זיינען געזאָגט געוואָרן אין מאַי 1907, ד״ה מיט 10 און אַ האַלב יאָר פאַר דער באָל־שעוויסטישער רעוואָלוציע, מיט גענויע צען יאָר פריער, ווי לענין האָט אָנגעשריבן זיינע „אַפּריל־טעזיסן״ פון 1917, אין וועלכע ער שטעלט זיך

אויף דעם שטאַנדפּונקט פון ראָזאַ לוקסעמבורג, וואָס איך האָב דאָ כאַ־ראַקטעריזירט.

ראָזאַ לוקסעמבורג אַליין האָט נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָ־לוציע אין פיל פּונקטן שאַרף קריטיקירט לענינס טאַקטיק. אָבער אַ פאַקט בלייבט, אַז אין דער פילאָסאָפיע פון דעם באָלשעוויזם אין 1917 האָבן געהערשט די אידעען פון לוקסעמבורג און טראָצקי.

***

דער צוזאַמענפאָר האָט אָפּגעקאָסט אַזוי פיל געלט, באַזונדערס נאָך מיט דער אַריבערפאָרעריי פון קאָפּענהאַגען קיין לאָנדאָן, אַז עס איז בוכשטעבלעך ניט געבליבן קיין קאָפּיקע געלט ניט אין דער קאַסע פון צ. ק., ניט ביי דער פינאַנץ־קאָמיסיע פון צוזאַמענפאָר. (די באָלשעוויס־טישע פראַקציע האָט יאָ געהאַט געלט, אָבער זי האָט, פאַרשטייט זיך, דעם צ. ק. אירע ספּעציעלע געלטער ניט געוואָלט געבן). האָט מען גע־מוזט ערגעץ־וואו קריגן געלט. צום גליק, האָט מען מיט דער הילף פון די לאָנדאָנער חברים געפונען אַ רייכן ענגלענדער, אַ סנאָב, וואָס האָט געליען עטלעכע טויזנט פונט מיט דעם תנאי, אַז מען וועט אים צוריק־צאָלן דעם חוב נאָך דעם זיג פון דער רוסישער רעוואָלוציע. און כדי צו האָבן אַ שריפטלעכע זיכערקייט, האָט דער דאָזיקער ענגלענדער פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל אים אַרויסגעבן אַ שולד־בריוו מיט אונטער־שריפטן פון אַלע פירערס פון צוזאַמענפאָר. אַזאַ דאָקומענט האָט מען אים אָנגעשריבן און אַלע האָבן זיך אונטערגעחתמעט, יעדע דעלעגאַ־ציע אין איר שפּראַך. ווי איך האָב שפּעטער געהערט, האָט דער ענג־לענדער אין יאָר 1924 אָדער 1925 פאַרלאַנגט פון דער סאָוועטישער רעגירונג די דאָזיקע געלט, שטיצנדיק זיך אויף די אונטערשריפטן פון לענינען און די אַנדערע באָלשעוויקעס, און מען האָט מיר געזאָגט, אַז די סאָוועט־רעגירונג האָט די דאָזיקע געלט באַצאָלט.

אַ דאַנק דער הלוואה האָט זיך אונדז איינגעגעבן אַוועקצושיקן אַלע דעלעגאַטן בשלום קיין רוסלאַנד.

קאָנטער־רעוואָלוציע און רעאַקציע

1

1907־1908 — אָנהייב פון רעאַקציע. — מיין ערשטע רייזע קיין אַמעריקע

דער לאָנדאָנער קאָנגרעס האָט זיך געענדיקט דעם ערשטן יוני (לויט דעם אַלטן רוסישן קאַלענדאַר). ווען איך בין דעם 3־טן יוני אָנגעקומען קיין לאַזאַן צו מיין פרוי, האָב איך ערשט דאָרטן, אין די צייטונגען, געלייענט וועגן דער צעטרייבונג פון דער צווייטער דומע און וועגן דער שטילער מלוכה־איבערקערעניש, וואָס דער מיניסטער סטאָלופין האָט געמאַכט, ווען ער האָט געענדערט מיט זיין אייגענער מאַכט דעם וואַל־געזעץ צו דער דריטער דומע. די דומע צעטריבן, די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פראַקציע אַרעסטירט — די רעאַקציע אין רוסלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם גאַנצן כוח. די באָלשעוויסטישע האָפענונגען אויף נייע אויפשטאַנדן און אַ נייע כוואַליע פון רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס ניט באַגרינדעט. די מיינונג פון יענע חברים, וואָס האָבן געדענקט, אַז די רעוואָלוציע איז געבראָכן, און גובר זיין די רעאַקציע וועט מען שוין אַזוי גיך ניט קאָנען, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלץ מער און מער באַרעכטיקט.

אָט אין דער שטימונג בין איך געקומען קיין לאַזאַן, אויסגעמאַטערט דורך דעם אומענדלעכן לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר מיט זיינע אומענדלעכע זיצונגען, מיט די שטענדיקע רייסערייען, מיט דער נערוועזער און אָנגעשפּאַנטער אַטמאָספערע, וואָס האָט דאָרטן געהערשט.

איך בין געבליבן נאָך אַ פּאָר וואָכן צייט אין שווייצאַריע און בין דערנאָך מיט מיין פרוי צוזאַמען אַוועקגעפאָרן צוריק קיין רוסלאַנד. געפאָרן זיינען מיר ניט דירעקט, נאָר געמאַכט אַ היפּשן אומוועג, סיי צוליב קאָנספּיראַציע (ווייל נאָך דעם לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר האָט די פּאָליציי זייער שטרענג געהיט דעם גרענעץ און אַרעסטירט אַלע פּאַרטעכטיקע מענטשן), סאַי צוליב דעם, וואָס איך האָב געוואָלט מיין פרוי, וואָס איז צום ערשטן מאָל געווען אין אויסלאַנד, באַווייזן אַ ביסל אייראָפּע. מיר האָבן געהאַט נאָך אין רוסלאַנד גענומען „רונדרייזע" בילעטן (ראַונד טריפּ), וואָס זיינען יעמאָלט געווען שפּאָט־ביליק. איך

געדענק נאָך היינט, אַז די גאַנצע רייזע פון פינלענדישן וואָקזאַל אין פעטערבורג איבער סטאָקהאָלם, דענעמאַרק, שווייצאַריע, איטאַליע און עסטרייך צוריק קיין רוסלאַנד האָט געקאָסט (פאַרשטייט זיך, אין דריטן קלאַס) די גרויסע סומע פון 34 רובל. זיינען מיר געפאָרן לויט אָט דעם פלאַן אַהיים. אַ קוק געטאָן, פאַרבייפאָרנדיק, די וואונדערבאַרע אָזערעס אין אויבער־איטאַליע, אָפּגעווען אַ צוויי טעג אין מילאַן און אין ווענעציע, אַוועקגעפאָרן מיטן שיף קיין פיומע (אונגאַרן) און פון דאָרטן איבער בודאַפּעשט קיין ווין. פון ווין איז שוין דער וועג געגאַנגען דירעקט קיין וואַרשע. געפאָרן זיינען מיר אויפן פראָלעטאַרישן אופן, מיט עטלעכע געציילטע רובלס, און אין בודאַפּעשט איז טאַקע געקומען די גרויסע קאַטאַסטראָפע. אויפן שיף פון ווענעציע קיין פיומע האָט אונדז דער איטאַליענישער וועיטער אָפּגענאַרט ביים אויסבייטן דאָס לעצטע פּאַפּיר־געלט, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט. זיינען מיר אָנגעקומען קיין בודאַפּעשט מיט עטלעכע פאַלשע איטאַליענישע לירעס און מיט אַ ביסל זילבערנע קליינגעלט, וואָס איז אונדז איבערגעבליבן פון דער שווייץ. ס'איז גראָד געווען אַ זונטאָג און אַלע באַנקען זיינען געווען פאַרמאַכט, אַזוי אַז אַפילו אויסבייטן די שווייצאַרישע קליינגעלט אויף אונגאַרישע האָבן מיר אויך ניט געקאָנט. געראַטעוועט אונדז האָט אַ אידישער כשר־בוטשער. מיר האָבן צופעליק באַמערקט אַן אָפענע קראָם פון אַ אידישן קצב, זיינען אַריין צו אים און ער האָט אונדז, אַלס אידן, געטאָן אַ טובה און האָט אויסגעביטן אונדז דאָס ביסל שווייצאַרישע געלט אויף אונגאַרישע, און דאָ ביי אים גופא האָבן מיר פאַר די געלט געקויפט אַ ביסל אידישע וואורשט און מיט דעם רעשט געשיקט אַ טעלעגראַם קיין ווין צו אַ חבר, וואָס האָט דאָרטן געלעבט. דער חבר האָט אונדז באַגעגנט אין ווין אויף דער באַן, און האָט אונדז שוין אויסגעהאָלפן מיט אַ הלוואה, וואָס האָט אונדז דערמעגלעכט צו דערפאָרן אַהיים.

אַ פיל ערנסטערע טרעפעניש האָבן מיר געהאַט אין וואַרשע. געפאָרן זיינען מיר, ווי אַלע דעלעגאַטן, מיט פאַלשע פעסער, מיין פרוי און איך, אָבער „גוטע" פאַלשע פעסער, אַזוי אַז איבער דעם גרענעץ זיינען מיר אַריבערגעגאַנגען אָן שום שוועריקייטן. זיינען מיר געווען איבערציוגט, אַז אַלץ איז שוין אין אָרדענונג. היינט קאָן מען זיך פאָרשטעלן דאָס אומאַנגענעמע געפיל אויף דעם וואַרשעווער וואָקזאַל, ווען ביים אַרויסגאַנג פון וואַגאָן שטעלן אונדז אָפּ צוויי זשאַנדאַרמען און בעטן אונדז זייער העפלעך, אַז מיר זאָלן זיי באַווייזן אונדזערע פעסער. זיי קוקן אין די פעסער און זיי קוקן און זיי בעטן, מען זאָל מיטגיין מיט זיי צום „נאַטשאַלניק". שלעכט! אָבער וואָס קאָן מען טאָן? ווערן אַרעסטירט איז דאָך געווען דער שטענדיקער גורל פון אַ רוסישן רעוואָלוציאָנער, און צו דעם איז מען שוין געווען פסיכאָלאָגיש גענוג צוגעגרייט. אין דער זשאַנדאַרמעריע האָט מען אונדז אָפּגעהאַלטן כמעט אַ גאַנצע שעה צייט, קיין זאַך ביי אונדז ניט געפרעגט, מען האָט אַלץ

גענישטערט אין אונדזערע זאכן און אלץ באקוקט אונדזערע פעסער. אבער אויסגעלאזט האט זיך עס צום גוטן. אומגעפער אין א שעה ארום איז מיט אמאל געקומען דער באפעל אונדז ארויסצולאזן. ווי עס ווייזט אויס, זיינען די נעמען, אויף וועלכע עס זיינען גענומען געווארן אונדזערע פאלשע פעסער, געווען ניט קיין כשרע. אבער די אנדערע דאטעס האבן, ווי עס ווייזט אויס, ניט געשטימט. האט מען אונדז געמוזט באפרייען. מען קאן זיך פארשטעלן מיט וואס פאר א פארגעניגן מיר האבן זיך ארויסגעכאפט פון ווארשעווער וואקזאל און זיינען אוועקגעפארן ווייטער.

אין רוסלאנד האט זיך די רעאקציע געפילט, פארשטייט זיך, נאך פיל שטארקער ווי אין אויסלאנד. די אטענטאטן, וואס זיינען ארגאניזירט געווארן פון פארשיידענע רעוואלוציאנערע גרופעס (סאציאליסטן-רעוואלוציאנערן, מאקסימאליסטן, אנארכיסטן) האבן שוין מער ניט צעטרייסלט דעם צארישן רעזשים, נאר האבן ארויסגערופן א שרעקלעכן קעגנטעראר פון סטאליפינען. א וואלד פון תליות איז אויסגעוואקסן אין רוסלאנד. מיליטערישע קריגס-געריכטן האבן טויזנטער רעוואלוציאנערן פארמשפט צום טויט, צו קאטארגע, צו אייביקער פארשיקונג. די ארדענונג אין די רוסישע טורמעס, וואס איז געווען אזוי ליבעראל אין די יארן 1905—1906, איז שפעטער געווארן שרעקלעך שטרענג. די צאל שפיאנען און פראוואקאטארן אין די רעוואלוציאנערע קרייזן גופא איז אלץ געוואקסן. די פארצווייפלטע פרואוון אויפצולעבן די אפשטארבנדיקע מאסן-באוועגונג פון ארבעטער און פויערים דורך רעוואלוציאנערע אויפשטאנדן, מיליטערישע פארשווערונגען אאז"וו, האבן נאר געבראכט צו א דעמאראליזירונג פון דער רעוואלוציאנערער באוועגונג. א באזונדערס גרויסער אומגליק פאר דער באוועגונג זיינען געווען די אזוי גערופענע „עקסן", „עקספראפריאציעס" (רעוואלוציאנערע האלד-אפס), וואס האבן זיך מיט דער צייט פארוואנדלט אין פשוטן באנדיטיזם און האבן שרעקלעך קאמפראמיטירט די רעוואלוציאנערע פארטייען אין די אויגן פון די מאסן. עס איז נאך געווען א גליק, וואס אויפן לאנדאנער צוזאמענפאר האט זיך איינגעגעבן דורכצופירן א באשלוס, וואס פאראורטיילט און פארבאט אזוינע אקטן. אבער ווי איך האב שוין דערמאנט, האבן זיך די באלשעוויקעס מיט דער דאזיקער רעזאלוציע ניט גערעכנט און האבן פאר לאנדאן און נאך לאנדאן אי דורכגעפירט אזוינע „עקסן" אי גענומען דאס געלט, וואס איז געקומען פון אזוינע אקטן. א באזונדערס אקטיוון אנטייל אין די דאזיקע אונטערנעמונגען האבן גענומען סטאלין, וואס האט אליין ארגאניזירט אן עקספראפריאציע אין קאווקאז; ליטווינאוו, וואס האט געפרואווט רעאליזירן אין אויסלאנד רוסישע רובלם פון עקספראפריאציעס; קראסין, וואס האט מיטגעהאלפן ליטווינאוון און האט אחוץ דעם פרובירט צו ארגאניזירן דאס דרוקן פון פאלשע געלט, א"א. די דאזיקע טאפלטע

פּאָליטיק פון די באָלשעוויקעס האָט שפּעטער געבראַכט צו זייער שאַר־פע צוזאַמענשטויסן און רייבונגען אין דער פּאַרטיי.

געלט האָט מען אָבער געדאַרפט האָבן. איז געבליבן, אַז מען זאָל אין דעם ווינטער 1907-1908 ווידער שיקן אַ דעלעגאַט קיין אַמעריקע, וואו עס האָט זיך אויסגעבילדעט אַ גרויסע הילפס־אָרגאַניזאַציע פאַרן „בונד". און עס איז געבליבן, אַז דעם מאָל זאָל פאַרן איך.

אין נאָוועמבער 1907 האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אויפן אַמעריקאַנישן שיף „פילאַדעלפיע" און בין אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע דורכפירן אַ קאַמפּיין פאַרן „בונד". איך וועל דאָ ניט באַשרייבן מיין אויפנטהאַלט אין אַמעריקע און מיינע איינדרוקן דאָרטן. כ'וועל נאָר צוגעבן, אַז אַמעריקע, וואו איך האָב באַזוכט עטלעכע צענדליק שטעט פון ניו־יאָרק ביז שיקאַגאָ, האָט אויף מיר געמאַכט אַן אומגעהייער שטאַרקן איינדרוק. דאָס מערקווירדיקע לאַנד, דאָס מערקווירדיקע פאָלק, די ציוויליזאַציע פון דער נייער וועלט, האָבן מיר געוואַלדיק אימפּאָנירט. צום אונטערשייד פון ליבערן, אויף וועלכן אַמעריקע האָט געמאַכט אַן אָפּשטויסנדיקן איינדרוק און וואָס איז געקומען פון דאָרטן אַ צעבראָכענער, האָב איך, פאַרקערט, אַמעריקע ליב געקראָגן. ביי דער גאַנצער „געלקייט", וואָס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אַ רוסישן רעוואָלוציאָנער אין אַמעריקע, האָב איך דערפילט דאָך עפּעס פרישעס, געזונטעס און גרויסעס, מיט אַן אומגעהייערער צוקונפט. איך האָב

דאָרטן שוין יעמאָלט כמעט אין יעדער שטאָט געפונען אַ מאַסע אַלטע באַקאַנטע. די גרעסטע איבערראַשונג האָט אויף מיר געוואַרט אין באַל־טימאָר. בשעת איך בין דאָרטן אַרויסגעטראָטן אין אַ גרויסן האָל, האָט מען מיר אַרויפגעטראָגן אויף דער טריבונע אַן אומגעהייערן בוקעט רויטע בלומען, און צוזאַמען מיט די בלומען האָט זיך צו מיר אַריינגעלאָזן אַ גאַנצע גרופּע ריגער אַרבעטער פון מיין ערשטן ריגער קרייזל. כמעט אַלע זיינען זיי געווען דאָ און אַפילו דער פּראָוואָקאַטאָר זיסבלאַט, וואָס האָט אונדז אַלעמען אַרויסגעגעבן אין ריגע, האָט זיך געפונען ערגעץ־וואו אין אַמעריקע, נאָר מען האָט ניט געוואוסט אונ־טער וועלכן נאָמען. די דאָזיקע באַגעגעניש איז געווען סימבאָליש. וואָרים אין די שפּעטערדיקע צייטן איז מיר געווען באַשערט צו טרעפן זיך אין אַמעריקע מיט גאַנצע דורות רוסישע בונדיסטן, וואָס אויפגע־האָדעוועט פּאָליטיש זיינען זיי געוואָרן אין „בונד" אין רוסלאַנד, פּוילן און ליטע, אָבער אויסלעבן זיך אין פּאָליטישן קאַמף און פּריוואַטן לעבן זיינען זיי געקומען קיין אַמעריקע.

מיינע אַרויסטרעטונגען האָבן געהאַט דערפאָלג אין אַמעריקע. אָבער פינאַנציעל איז מיין מיסיע אין אַמעריקע דורכגעגאַנגען מיט ווייניקער מזל, איידער די מיסיעס פון די פריערדיקע דעלעגאַטן. אויף דעם האָבן געווירקט צוויי סיבות: די אָפּשוואַכונג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד, וואו עס האָט אַלץ דייטלעכער און דייט־

לעבער געזיגט די רעאַקציע, פון דער אַנדער זייט האָט נאָך אַ גרעסערע ראָלע געשפּילט דער פאַקט, וואָס גראָד אין דער צייט, ווען איך בין גע־קומען קיין אַמעריקע, האָט דאָרטן אויסגעבראָכן אַ געוואַלטיקער עקאָ־נאָמישער קריזיס,איינער פון די שטאַרקסטע וואָס אַמעריקע האָט ווען ניט איז דורכגעלעבט. עס האָט געהערשט אַ שטאַרקע אַרבעטסלאָ־זיקייט, די געשעפטן זיינען געגאַנגען שלעכט, און מאיר לאָנדאָן האָט מיך אַרומגעפירט איבער די סלאָמס פון ניו־יאָרק און האָט מיר באַוויזן די „ברעד־לאַינס”, וואו טויזנטער מענטשן זיינען געשטאַנען אין שניי און קעלט, — עס איז יעמאָלט געווען אַ קאַלטער ווינטער אין ניו־יאָרק, — אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע, און האָבן געוואַרט אויף אַ קאָפּ הייסע קאַווע מיט אַ שטיקל ברויט.

2

צוריק אין רוסלאַנד. — די רעאַקציע אין דער אינטעליגענץ

אויפן וועג קיין אַמעריקע האָב איך פון דאָס ניי געמוזט מיין פרוי אוועקפירן קיין שווייצאַריע, ווייל די דערהוילונג אין לאָזאַן האָט ניט אויסגעהיילט די קראַנקהייט. די לונגען זיינען געוואָרן ערגער, וואָס נעענטער עס איז געקומען דער האַרבסט. יעמאָלט האָט דער דאָקטאָר געהייסן אָננעמען שטרענגערע מיטלען און זי איז אַוועקגעפאָרן אין די גאָר הויכע בערג אין דעם באַרימטן קוראָרט דאַוואָס, וואו מען האָט די טובערקולאָז־קראַנקע געהיילט מיט טרוקענער קעלט.

פאָרנדיק צוריק פון אַמעריקע אין מאַי, בין איך פאַרפאָרן קיין דאַוואָס, מיטגענומען מיין פרוי, און פון דאָרטן זיינען מיר צוזאַמען אוועקגעפאָרן קיין רוסלאַנד, דעם מאָל שוין מיט אייגענע פּעסער.

כ'האָב געפונען די פּאַרטיי און דעם „בונד”, נאָך זעקס חדשים אָפּוועזנקייט, אין אַ טרויעריקן צושטאַנד. די באַוועגונג איז געגאַנגען באַרג־אַראָפּ, אין דער דריטער דומע האָבן מיר געהאַט נאָר אַ קליינע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פראַקציע, וואָס האָט זיך געמוזט פאַרנעמען מיט פאַרשיידענע פּאַרלאַמענטאַרישע אַרבעטן. אין דער שטימונג פון די מאַסן און באַזונדערס אין דער שטימונג פון דער אינטעליגענץ, איז פאָרגעקומען אַ שטאַרקער פּסיכאָלאָגישער איבערברוך. מען איז מיד געוואָרן פון רעוואָלוציע, עס איז פאַרלאָרן געגאַנגען דער גלויבן אין סאָציאַליזם, פאַרמיאוסט געוואָרן די פּאַרטיי און אַלץ וואָס האָט צו טאָן מיט אַ פּאַרטיי: דיסציפּלין, פּאָליטיק. די זעלביקע סטודענטן און סטודענטקעס, וואָס האָבן נאָך מיט אַ יאָר־צוויי צוריק אויפריכטיק געגלויבט, אַז זיי זיינען פּאָליטישע טוערס, רעוואָלוציאָנערן, סאָציאַ־ליסטן, און וואָס האָבן געהאַלטן פאַר דעם גרעסטן כבוד ווען מען האָט זיי צוגעלאָזן צו אומלעגאַלער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט, האָבן

איצט „געבלאָזן פון זיך”, האָבן פון דער הויך פון זייער אינטעליגענ־טישער בילדונג געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף די „שמאָל־קעפּיקע מאַרקסיסטן”, אויף די לא יוצלחדיקע פּאַרטיי־טוערס, וואָס האָבן ניט באַוויזן צו זיגן אין דער רעוואָלוציע. זיי האָבן חוזק געמאַכט פון פּאָ־ליטיק, פון אידעאַלן, פון „סאָציאַליסטישע אוטאָפּיעס”. אַ טייל האָט זיך אַריינגעלאָזן אין „תכלית”, אין קאַריערע, אין קריגן אַטעסטאַטן און גוטע שטעלעס אָדער רייכע כלות. אַ טייל אַנטוישטע אינטעלי־גענטן און האַלב־אינטעליגענטן האָבן זיך אַריינגעטאָן אין רעליגיע, מיסטישע אָדער נאַציאָנאַליסטישע זוכענישן, און אַ טייל האָט זיך אַריינגעלאָזן אין שכרות, סעקסועלע אויסגעלאַסנקייט, אויסגעפינענ־דיק פאַר דעם ספּעציעלע טעאָריעס („סאַניניזם”).

דאָס אַלץ איז געווען אַן אַלגעמיינע דערשיינונג פאַר גאַנץ רוס־לאַנד, פאַר אַלע פעלקער. צווישן דער אידישער אינטעליגענץ איז צו־געקומען דערצו נאָך אַ באַזונדערע דערשיינונג — אומגעהייערע פאַר־שטאַרקונג פון אידישן נאַציאָנאַליזם. כ׳מיין דאָ ניט נאָר די נאַטיר־לעכע פאַרשטאַרקונג פון נאַציאָנאַלן געפיל, וואָס איז אַ שטענדיקע באַ־גלייטערין פון גרויסע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען, נאָר יענעם ספּעצ־יעלן נאַציאָנאַליזם, וואָס איז אויפגעקומען אַלס אַן ענטפער אויף די פּאָגראָמען פון 1905—1906 און אויף יענער אַנטוישונג אין די אויפגע־וועקטע נאַציאָנאַלע האָפענונגען, וואָס איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון דער נידערלאַגע פון דער רעוואָלוציע.

געבן אַן ענטפער אויף די אידיש־נאַציאָנאַלע פראַגעס, דערקלערן מאַרקסיסטיש דעם אַנטיסעמיטיזם, די אידישע געשיכטע, איז געוואָרן אַן אויפגאַבע פאַרן „בונד”. איז געבליבן, אַז מען זאָל אַוועקזעצן אויף דער דאָזיקער אַרבעט ספּעציעלע מענטשן. מיט די אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע פראָבלעמען האָט זיך באַשעפטיקט מעדעם, וואָס איז יע־מאָלט געזעסן אין פּעטערבורג און האָט זיך דאָרטן באַטייליקט אין אַרויסגעבן גרויסע זאַמלביכער וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין רוסלאַנד. און וועגן דער אידישער געשיכטע איז די דאָזיקע אַרבעט איבערגעגעבן געוואָרן צו מיר. די חברה פון צענטראַל־קאָמיטעט האָט געהאַלטן, אַז עס איז וויכטיקער איך זאָל זיך וויסנשאַפטלעך פאַרנעמען מיט די דאָזיקע פראָבלעמען איידער איך זאָל אַרומפאָרן איבער די שטעט און רעאָרגאַניזירן די קאָמיטעטן פון „בונד”.

מילא, אַ באַשלוס פון צ. ק. איז אַ געזעץ. אָבער דעם אמת ריידנ־דיק, האָב איך אויך פּערזענלעך געפילט די באַדערפעניש אַריינצוברענ־גען קלאָרקייט אין מיינע אייגענע געדאַנקען. פאַרטיפן זיך אַ ביסל אין די דאָזיקע פראַגעס. האָב איך גענומען אַ גרויסן געפלאַכטענעם קאָרב, ווי מען פלעגט שטענדיק געברויכן אין רוסלאַנד אויף איינצופּאַקן זאַכן, און האָב איר אָנגעפּאַקט פון אונטן ביז אויבן, לויט אַ באַשטימטע רשימה, מיט ווערק וועגן אידישער געשיכטע און נאַציאָנאַלע פראַגן, בפרט אָבער מיט אַלע רוסיש־אידישע צייטונגען און זשורנאַלן, וואָס

איך האָב געקראָגן פון פאַרשיידענע ביבליאָטעקן אין פּעטערבורג. און דעם קאַרב מיט די עטלעכע פּוד ביכער האָב איך אַוועקגעפירט מיט זיך קיין פינלאַנד אין דעם דאָרף היווינגע, וואו עס האָט זיך געפונען אַ סאַנאַטאָריע פאַר לונגען-קראַנקע און וואו עס האָבן שוין געוואוינט מיין פרוי און עטלעכע באַקאַנטע. דאָרטן האָב איך פאַרבראַכט אַ ריי וואָכן אין אָנגעשטרענגטער אַרבעט. צענדליקער העפטן מיט אויסגעשריבענע ציטאַטן פון היסטאָרישע ביכער, פון אַלטע צייטונגען, פון זשורנאַלן זיינען געווען דער מאַטעריעלער רעזולטאַט פון דער דאָזיקער אַרבעט. די געשיכטע פון די אידן אין אַלטן פּוילן, אין ליטע, אין רוסלאַנד, די רוסישע געזעצן וועגן אידן, די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אַנטוויקלונג פונם אידנטום אין פּוילן און רוסלאַנד, די נאַציאָנאַלע קאַמפן אין די פּוילישע און ליטווישע שטעט צווישן דער אידישער באַפעלקערונג און צווישן די פּוילישע האַנטווערקער-צעכן, — צום סוף די אַנטוויקלונג פון דער אידישער אויטאָנאָמיע אין אַלטן פּוילן, די מערקווירדיקע געשיכטע פון דעם אידישן „ועד" אין רייסן, פּוילן און ליטע, — דאָס אַלץ איז געווען פאַר מיר אַ געביט, אין וועלכן איך האָב זיך פאַרטיפט מיט גרוים התמדה. איך האָב וועגן די אַלע דאָזיקע זאַכן געוואוסט פון פריער, אָבער נאָר פון אויבןאויף. איצט האָב איך צום ערשטן מאָל געהאַט די געלעגנהייט אַריינצודרינגען אין דעם ענין פיל טיפער און גרינדלעכער.

אָבער מיין באַשעפטיקונג מיט דער אידישער געשיכטע און מיט דער אידישער פראַגע האָט געהאַט פאַר מיר ניט נאָר אַ וויסנשאַפטלעכע און טעאָרעטישע באַדייטונג, דורך דעם, וואָס איך בין געוואָרן אַ שטיקל „ספּעציאַליסט" אין אידישער געשיכטע, האָט זיך פאַר מיר געשאַפן אַ פּראַקטישע מעגלעכקייט, וואָס איז געקומען גאַנץ אומפאַרהאָפט, וואָס האָט אָבער באַשטימט אין אַ געוויסער מאָס דעם גאַנג פון מיין ווייטערדיקן לעבן. די דאָזיקע פּראַקטישע מעגלעכקייט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס איך האָב באַקומען די שטעלע פון אַ לערער פאַר אידישער געשיכטע אין אַ אידישער פּראָווין-גימנאַזיע אין ווילנע.

די מעשה, ווי אַזוי איך, אַ האַלב-לעגאַלער רעוואָלוציאָנער, אַ מיטגליד פון צ. ק. פון „בונד" און פון דער רוסלענדער פּאַרטיי, אַ מענטש אָן אַ דיפּלאָם, האָב געקאָנט באַקומען אין צאַרישן רוסלאַנד די שטעלע פון אַ גימנאַזיע-לערער, איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער מערקווירדיקער צייט. איך וועל איר דערציילן באַזונדער.

סטאָליפּינס רעאַקציע האָט זייער שטאַרק באַגרענעצט און צום טייל כמעט אוממעגלעך געמאַכט די רעוואָלוציאָנערע אַרבעט פון „בונד" אין איר פריערדיקן פאַרנעם, אָבער ניט ווייניקער ווי דער פּאָליציי-טעראָר האָט אויך געווירקט אין דעם פּרט די פּסיכאָלאָגישע איבערקערעניש, וואָס איז פאָרגעקומען אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן, סײ צווישן די אַרבעטער, סײ נאָך פיל מער צווישן דער אינטעליגענץ. די מפּלה פון דער רעוואָלוציע איז געוואָרן אַלץ קלאָרער און קלאָרער און אין די ברייי-

טע קרייזן פון פאָלק האָבן זיך אַריינגעגנבעט שטימונגען פון יאוש און אָפּהענטיקייט. ביי די רוסן און די פּאָליאַקן זיינען אָבער די אָפּגעשטאַנענע אָדער פּאַסיוו-געוואָרענע רעוואָלוציאָנערן געבליבן אין לאַנד. זיי זיינען אָפּגעקילט געוואָרן, זיי האָבן אויפגעהערט מיטצוהעלפן דער רעוואָלוציע, אַ טייל פון זיי האָט אויך אינעווייניק צעריסן די פעדים, וואָס האָבן זיי פאַרבונדן מיט דער רעוואָלוציאָנערער אידעאָלאָגיע; אַ טייל זיינען געוואָרן מעסיקע ליבעראַלן און דעמאָקראַטן, אָדער סתם אַפּאַליטישע מענטשן, — אָבער זיי זיינען געווען דאָ און ביי יעדער ענדערונג פון דער געזעלשאַפטלעכער שטימונג איז טעגלעך געווען אַ נייער צושטראָם פון כוחות. גאָר אַנדערש איז דאָס געווען צווישן רוסישן און פּוילישן אידנטום. דאָרטן האָבן זיך די אַנטוישטע רעוואָלוציאָנערן אַריינגעגאָסן אין דעם געוואַלטיק-גרויסן שטראָם, וואָס האָט זיך געצויגן פון מזרח-אייראָפּע קיין צפון-אַמעריקע. צווישן די הונדערטער טויזנטער רוסלענדער אידן, וואָס זיינען אין יענע יאָרן, צווישן 1907 און 1914 אַריבערגעפאָרן אין דער נייער וועלט, זיינען געווען צענדליקער טויזנטער פריערדיקע בונדיסטן.

אָבער ניט נאָר אַנטוישטע און אָפּגעקילטע זיינען אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. עס זיינען אַוועקגעפאָרן אַהין אויך אַזוינע, וואָס האָבן ניט געפונען אין צאַרישן רוסלאַנד גענוג רוים פאַר זייער קאָכעדיקער ענערגיע, פאַר זייער דורשט נאָך טעטיקייט.

די אָנפירונג פון „בונד” האָט אַזוי אַרום ניט נאָר פאַרלאָרן טויזנטער פון אירע בעסטע טוערס, נאָר זי האָט אויך פּסיכאָלאָגיש פאַרלאָרן די אַקטיווע אונטערשטיצונג פון די ברייטע שיכטן, וואָס זיינען געבליבן אין רוסלאַנד. און דאָס האָבן מיר באַלד אָנגעהויבן שטאַרק צו שפּירן אין אונדזער אַרבעט. איך האָב דאָס פאָראויסגעזען נאָך פאַר מיין אָפּפאָר קיין אַמעריקע, אין ווינטער 1907. בשעת די חברים האָבן מיך איינגערעדט צו מאַכן די רייזע, האָב איך אַלץ געטענהט: „נו, און איר גאַראַנטירט מיר, אַז איך וועל האָבן וואוהין צוריקצוקומען? אַז די אַרבעט וועט זיך ביי אייך דאָ דערווייל ניט אָפּשטעלן?”

אויף אַזוי ווייט האָט זיך מיין פּעסימיזם ניט באַרעכטיקט: איך האָב נאָך געהאַט „וואוהין צוריקצוקומען”, עס איז נאָך געווען אַ צענטראַל-קאָמיטעט פון „בונד”, עס האָבן נאָך עקזיסטירט אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס און קאָמיטעטן אין זומער 1908. אָבער וואָס פאַר אַ טרויעריקע בילד דאָס איז געווען אין פאַרגלייך צו די פריערדיקע יאָרן! די ענערגיע פון די אָרטיקע טוערס איז געווען אויף אַזוי פיל אָפּגעשוואַכט און די פאַרמינערונג פון טוערס אין אַלע אָנפירנדיקע אינסטיטוציעס איז געווען אַזוי גרויס, אַז ס'איז פּשוט ניט געבליבן ווער ס'זאָל אָנפירן מיט דער לאָקאַלער אַרבעט אין די איינצלנע שטעט. איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס, אַז די מיטגלידער פון צ. ק. גופא זאָלן זיך אַריינלייגן אין עניך. מען האָט צעטיילט דעם „בונד” אויף ראַיאָנען און אין יעדער ראַיאָן איז אַוועקגעשיקט געוואָרן אַ מיטגליד פון צענטראַל-קאָמיטעט, וואָס האָט

געזאָלט דורך זיין פּערזענלעכער איניציאַטיוו און דורך זיין פּערזענלעכן איינפלוס העלפן אָנצופירן מיט דער אָרטיקער אַרבעט. מיין ראַיאָן איז געווען וויטעבסק. האָב איך דעם זומער 1908 פאַרבראַכט אין וויטעבסק און האָב פון דאָרטן געפּרוּווט ווירקן אויך אויף די אַרומיקע שטעט. דער עקספּערימענט האָט זיך ניט איינגעגעבן. אויף אַ קורצע צייט האָבן די נייע מענטשן יאָ באַלעבט די אָרטיקע אַרבעט, אָבער באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן טעכנישע און פּאָליציי־אישע שוועריקייטן, וואָס מיר האָבן ניט געקאָנט בייקומען. ס׳איז באַלד געוואָרן קלאָר, אַז אונדזער פאַר־צווייפלטער „פּלאַן" — פאַרבייטן אָרטיקע טוערס דורך די עטלעכע מיט־גלידער פון צ. ק. איז קיין פּלאַן ניט. דער סוף וועט נאָר זיין, אַז מיר וועלן פאַרלירן אויך אונדזער צענטראַלן מענטשן־רעזערוו, וואָס אים וועט מען דאָך געוויס ניט קאָנען באַנייען, אָדער דערגאַנצן. האָט מען ווידער געביטן די אָרגאַניזאַציע פון דער אַרבעט און באַ־שלאָסן אַזוי צו טאָן: די מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס האָבן די מעגלעכקייט צו ווערן לעגאַל און אויסצוזוכן ווי פּשוטע לע־גאַלע בירגער, זאָלן עס טאָן. און זיי זאָלן זיך באַזעצן אין ווילנע. די צווייטע העלפט פון צענטראַל־קאָמיטעט, סיי די וואָס זיינען לעגאַל, סיי די, וואָס מוזן ווייטער לעבן אומלעגאַל, זאָלן זיך באַזעצן אין וואַר־שע. אַ פּאָר מענטשן בלייבן אין מינסק און נאָר פון צייט צו צייט וועלן זיך די מיטגלידער פון די דריי שטעט צוזאַמענפאָרן אויף פּלענאַרע זיצונגען פון צענטראַל־קאָמיטעט. נח, יודין, אסתר, וואָס איז דעמאָלט אויך צוגעצויגן געוואָרן צו דער אַרבעט פון צענטראַל־קאָמיטעט, האָבן זיך באַזעצט אין וואַרשע, וואו עס האָט אויך באַלד פאַרנומען אַ לע־גאַלע שטעלונג אַלס אַדוואָקאַט סלאַוועק־גראָסער. ליבער, רחמיאל און איך זיינען געבליבן אין ווילנע. רחמיאל, האַלב־לעגאַל, ליבער און איך — אין גאַנצן לעגאַל. ליבער איז געווען אַן אַלטער ווילנער, אַ גע־בוירענער דאָרטן און אַזוי ווי קעגן אים איז ניט געווען קיין שום „דיע־לע", איז געווען נאַטירלעך, אַז ער באַזעצט זיך אין זיין פאָטער־שטאָט. וואָס מיך אָנבאַלאַנגט, דאָ האָב איך באַקומען אָט יענע שטעלע פון אַ לערער, וועגן וועלכער איך האָב דערמאָנט אין פריערדיקן קאַפּיטל.

3

איך ווער אַ גימנאַזיע־לערער

דאָס איז פאָרגעקומען אַזוי: אין די יאָרן נאָך דער רע־וואָלוציע האָט די רעגירונג דערלויבט צו עפענען ספּעציעל־אידישע לערן־אַנשטאַלטן פאַר אינגלעך און פאַר מיידלעך, וואו עס האָבן גע־קאָנט אָנקומען יענע אידישע קינדער, וואָס האָבן צוליב פּראָצענט־נאָרמע ניט געקאָנט געפינען קיין פּלאַץ אין די רעגירונגס־גימנאַזיעס און שולן. אין די דאָזיקע אידישע גימנאַזיעס, קאָמערץ־שולן, רעאַל־

שולן האָבן זיך די אידישע קינדער געלערנט לויט דער פּראָגראַם פון די רעגירונג־שולן, און ניט נאָר געלערנט, נאָר אויך געקאָנט צום סוף, ביים ענדיקן די שול, באַקומען אַן אַטעסטאַט, וואָס האָט געגעבן דאָס רעכט אַנצוקומען אין אוניווערסיטעט (פאַרשטייט זיך, לויט דער פּראָצענט־נאָרמע). די שולן זיינען געווען פּריוואַטע, דער לערער־פּערסאָנאַל איז געווען כמעט אין גאַנצן אַ אידישער, נאָר צוליב קאָנטראָל האָט דער אָפיציעלער דירעקטאָר פון דער גימנאַזיע געמוזט זיין אַ קריסט, — באַשטימט אָדער באַשטעטיקט דורך דער רעגירונג. אין ווילנע האָבן יעמאָלט עקסיסטירט צוויי אַזוינע אידישע גימנאַזיעס: די גימנאַזיע פון קאַגאַן פאַר אינגלעך, און די גימנאַזיע פון פרוי גורעוויטש און פרוי אַנטאָקאָלסקי — פאַר מיידלעך. סאָפיא מאַרקאָוונאַ גורעוויטש איז געווען אַ באַוואוסטע פּעדאַגאָגין מיט אַ זייער־אידעאַליסטישן צוגאַנג צו פּעדאַגאָגיק און צו דער גאַנצער אונטערנעמונג, אַ מענטש מיט סאָציאַליסטישע סימפּאַטיעס. (זי געפינט זיך איצט אין רוסלאַנד). אין קאָמפּאַניע מיט איר האָט געאַרבעט פרוי אַנטאַקאָלסקי, וואָס איר מאַן, אַ קינסטלער, אַ מאָלער, איז געווען אַ לייבלעכער פּלימעניק פון דעם באַרימטן סקולפּטאָר מאַרק אַנטאַקאָלסקי. און אָט אין דער מיידלשער גימנאַזיע גורעוויטש־אַנטאַקאָלסקי איז יעמאָלט גראָד געווען פריי די שטעלע פון אַ לערער פאַר מאַטעמאַטיק און פיזיק. אַזוי ווי איך בין געווען באַוואוסט אַלס אַ גוטער פּריוואַט־לערער אין מאַטעמאַטיק און פיזיק, איז אימעצן איינגעפאַלן דער געדאַנק, אַז איך זאָל איבערנעמען די דאָזיקע שטעלע. אָבער ווי אַזוי מאַכט מען דאָס פאָרמעל? אויף צו ווערן אַ לערער אין אַ גימנאַזיע אָדער, ווי מען זאָגט אין אַמעריקע, אַ „פּראָפעסאָר״, האָט מען געמוזט האָבן אַ ספּעציעלן דיפּלאָם פון אַ אוניווערסיטעט. איך האָב אָבער קיין שום דיפּלאָם ניט געהאַט. האָט מען געפונען אַזאַ אויסוועג: אין דער דאָזיקער גימנאַזיע האָט אויך אויסגעפעלט אַ לערער פאַר אידישער געשיכטע. קיין ספּעציעלער פאַך „אידישע געשיכטע״ איז אייגנטלעך אין דעם פּראָגראַם פון די אידישע גימנאַזיעס ניט געווען. ס׳איז אָבער געווען אַ פאַך — אידישע רעליגיע, אָדער ווי מען האָט דאָס דעמאָלט גערופן „זאַקאָן באָזשי״. און „זאַקאָן באָזשי״ האָט געמעגט לערנען אַ מענטש אויך אָן אַ אוניווערסיטעט־דיפּלאָם, אַ פּשוטער פאָלקס־לערער. און אַ פאָלקס־לערער האָט געמעגט אין רוסלאַנד ווערן יעדערער, וואָס האָט געהאַט אַן אַטעסטאַט פון אַ גימנאַזיע און האָט דורכגעמאַכט אַ ספּעציעלן עקזאַמען. האָב איך דורכגעמאַכט דעם דאָזיקן עקזאַמען, באַקומען דעם דיפּלאָם פון אַ פאָלקס־לערער און מיט דעם דאָזיקן דיפּלאָם געוואָרן אַ לערער פון אידישער רעליגיע און געשיכטע ביי דער גימנאַזיע אַנטאָקאָלסקי־גורעוויטש. און אַזוי ווי איך בין שוין געווען אַ לערער פון דער גימנאַזיע און אַ מיטגליד פון דער לערער־קאָלעגיע און היות ווי עס האָט גראָד אויסגעפעלט „אויף אַ קורצער צייט״ אַ לערער פאַר מאַטעמאַטיק און פיזיק און אימעצער האָט אים דאָך געמוזט פאַרבייטן צייט־

ווייליק, — בין איך דאָס געווען יענער גוט־האַרציקער לערער, וואָס האָט גענומען אויף זיך די דאָזיקע אומדאַנקבאַרע עובדא. אַט אַזוי בין איך געוואָרן אַ לערער אין אַן אָפיציעלער גימנאַזיע און איך האָב דאָרט אין די העכערע קלאַסן געלערנט פון איין זייט — אידישע געשיכטע (וועגן רעליגיע, תפילות אאַז״וו איז, פאַרשטייט זיך, קיין רייד ניט געווען) און פון דער אַנדערער זייט — און אייגנטלעך דער עיקר — מאַטעמאַטיק און פיזיק.

עס איז אַלץ צוגעגאַנגען פיל לאַנגזאַמער און שווערער איידער איך שילדער דאָ. וואָרים כדי צו ווערן אַ לערער (אַפילו פון רעליגיע) אין אַ גימנאַזיע, האָט מען געמוזט אויך האָבן פון דער פּאָליציי אַ באַשטע־טיקונג, אַז מען איז „אַ פאַרלעסלעכער מענטש" (בלאַגאַנאַדיאָזשנאָסט") און דאָס האָט געמיינט — פּ אָ ל י ט י ש פאַרלעסלעך, דאָס הייסט, אַז מען איז ניט קיין רעוואָלוציאָנער און ניט קיין שונא פון דער רעגי־רונג. היינט ווי אַזוי קאָן איך, אַן אַרעסטירט געוועזענער רעוואָלוציאָ־נער, מיט אַ נאָמען, וואָס איז שוין געווען גאַנץ היפש באַוואוסט אין ברייטע אידישע קרייזן, — באַקומען פון גובערנאַטאָר אַ באַשטעטי־קונג, אַז איך בין פּאָליטיש „כשר"?! איז אָבער יעמאָלט רוסלאַנד געווען אַ מערקווירדיק לאַנד: אַ געמיש פון טיראַניע און קאָנסטי־טוציע, פון רעאַקציע און רעוואָלוציע. האָט זיך געטראָפן אַזוי, אַז דער ווילנער גובערנאַטאָר איז גראָד געווען אַן אָנשטענדיקער און ליבע־ראַלער מענטש און דערצו נאָך — אַ שוועסטערקינד („קאָזין") פון דעם יעמאָלט־באַרימטן מאַרקסיסטישען טעאָרעטיקער, פּראָפעסאָר טוגאַן באַראַנאָווסקי. (דאָס איז געווען איינער פון די ערשטע מאַרקסיסטן אין רוסלאַנד, וואָס האָט צוזאַמען מיט סטרואווע און אַנדערע „לעגאַלע מאַרקסיסטן" מיטגעאַרבעט מיט די אומלעגאַלע מאַרקסיסטן). האָב איך געקראָגן צו דעם גובערנאַטאָר אַ בריוול פון זיין „קאָזין" טוגאַן־באַראַ־נאָווסקי און דער גובערנאַטאָר האָט באַשלאָסן, אַז אויב אַ פריערדיקער רעוואָלוציאָנער וויל ווערן „אַן אָנשטענדיקער מענטש" און פאַרנעמען זיך מיט אַן אָנשטענדיקער פּראָפעסיע, איז דאַרף מען אים ניט שטערן. האָט ער, נאָך לאַנגע וואקלונגען, באַשטעטיקט מיין קאַנדידאַטור, און אַזוי אַרום בין איך געוואָרן אין ווילנע אין גאַנצן אַ לעגאַלער מענטש.

איך האָב ניט נאָר געגעבן לעקציעס אין דער גימנאַזיע, איך האָב אויך, צוליב פאַרדינסט, געגעבן פריוואַטע שטונדן און האָב געאַרבעט פון אין דער פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט. איך בין געוואָרן אַ מיט־גליד אין פאַרשיידענע אידישע בילדונג־חברות, ווי „מפיצי השכלה", אָוונט־קורסן פאַר אַרבעטער, און האָב אין די דאָזיקע אינסטיטוציעס גאַנץ לעגאַל געהאַלטן רעפעראַטן, — געלעזן לעקציעס און טאַקע ספּעציעל וועגן אידישער געשיכטע, שטרעבנדיק אַריינצוטראָגן אַהין סיי מאַרקסיסטישע באַלייכטונג, סיי פּאָליטישע פּראָפּאַגאַנדע. אין אַן עפנטלעכער לעקציע וועגן דער אידישער זעלבסטפאַרוואַלטונג אין אַלטן פוילן, האָב איך אויפגעדעקט דעם אינעווייניקסטן קאַמף, וואָס האָט

זיך געפירט אין די קהילות צווישן די פּני און דעם המון, צווישן די פּרנסים און די צעכן פון די בעלי־מלאכות, אאז"וו. אין עפּנטלעכע פאַרטראַגן, וואָס איך האָב געהאַלטן ניט נאָר אין ווילנע, נאָר אויך אין אַנדערע שטעט, ווי פּינסק, ריגע, גראָדנע, האָב איך דערציילט וועגן דער אידישער עמאַנציפּאַציע אין אייראָפּע, וואָס דאָס איז אין דער זעלביקער צייט געווען אַ לעקציע וועגן דער פראַנצויזישער רעוואָלו־ציע. אויף די אָוונט־קורסן פאַר אַרבעטער האָב איך זיך ניט געדאַרפט אַזוי שטאַרק פאַרנעמען מיט פּאָליטישער פּראָפּאַגאַנדע, ווייל די צו־הערער זיינען געווען אייגענע חברה, האָב איך זיך טאַקע מער אָפּגע־געבן מיט ריינער קולטור־טעטיקייט: אַ קורס פון אידישער געשיכטע מיט ליכט־בילדער, אַלגעמיינע באַגריפן פון פיזיקאַלישער וועלט־אַנ־שויאונג, אאז"וו.

עס פאַרשטייט זיך, אַז אַחוץ אַט דער לעגאַלער טעטיקייט, וואָס איז פאָרגעקומען אָפן, פאַר אַלעמענס אויגן, האָב איך אויך ניט ווייניק צייט אָפּגעגעבן פאַר יענער טעטיקייט, וואָס זי איז אייגנטלעך געווען פאַר מיך דער עיקר — פאַר דער אַרבעט אינם צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד". אַלגעמיינע זיצונגען האָבן מיר געהאַט ניט אָפט, אַמאָל אין ווילנע, אַמאָל אין מינסק, אַמאָל אין וואַרשע, אָבער מיר האָבן זיך יעמאָלט גאַנץ היפּש פאַרנומען מיט פּאַרלעגערישער טעטיקייט און האָבן גע־האַלטן אין איין אַרויסגעבן זשורנאַלן, זאַמלביכער, צייטשריפטן אאז"וו. די פריערדיקע גאָלדענע צייטן, ווען מיר האָבן געקאָנט אַרויסגעבן אַ טעגלעכע צייטונג אומגעשטערט, האָבן זיך שוין לאַנג געענדיקט, אַפילו אַ שטענדיקן זשורנאַל האָבן מיר ניט געקאָנט אַרויסגעבן, ווייל מען פלעגט גלייך, נאָך די ערשטע פּאָר נומערן, דעם זשורנאַל פאַרמאַכן. פלעגט מען מוזן אַלע ווײַלע ענדערן דעם נאָמען פון זשורנאַל, דעם רע־דאַקטאָר, די דירה און זייער אָפט פלעגט מען מוזן דעם זשורנאַל פאַר־בייטן דורך אַ ריי זאַמלביכער. און אָט דאָ, ביי דעם רעדאַקטירן די זאַמלביכער, פלעג איך מוזן ניט ווייניק מיטאַרבעטן. געשריבן האָב איך נאָך אַלץ זייער ווייניק, אָבער אינם רעדאַקטירן די לעגאַלע אויס־גאַבעס און אויך אין דער רעדאַקציע פון דער „אַרבעטער־שטימע" פלעג איך זיין זייער אַקטיוו באַטייליקט.

דאָס, וואָס יעדער פון אונדז האָט געפירט אַ טאָפּל־לעבן: אַ לע־גאַלן און אַן אָפענעם, און אַחוץ דעם, אַן אומלעגאַלן און אַ באַהאַל־טענעם — איז נאָר געווען אַן אָפּשפּיגלונג פון דער באַזונדערער לאַגע, אין וועלכער ס'האָט זיך יעמאָלט געפונען גאַנץ רוסלאַנד. די רעוואָ־לוציע האָט זיך נאָך ניט געענדיקט, הגם זי איז געווען באַזיגט און דער לעגאַלער פּאַרלאַמענטאַרישער לעבן האָט זיך נאָך ניט איינגעפונ־דעוועט.

יעדנפאַלס זיינען אויפגעקומען געוויסע מעגלעכקייטן פון לעגאַלער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. דער גאַנצער בונדישער ראַיאָן איז באַ־דעקט געוואָרן מיט אַ נעץ פון אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן

געטראָגן פון אויבן-אויף אַ גאַנץ אומשולדיקן און לעגאַלן כאַראַקטער. דאָס זיינען געווען פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, קאַסעס, הילפס-געזעל-שאַפטן, וואָס האָבן געטראָגן אַ פאַכאַוון פּראָפעסיאָנעלן כאַראַקטער, — און פון דער אַנדערער זייט — פאַרשיידענע בילדונגס- און קולטור-פאַראיינען, וועגן וועלכע מען האָט בכלל ניט געקאָנט אָפיציעל זאָגן, אַז דאָס זיינען אָרגאַניזאַציעס פון אַרבעטער. צווישן זיי זיינען געווען טעאַטער-גרופּעס, געזאַנג-פאַראיינען, ליטעראַטור-געזעלשאַפטן, אָפּטייַ-לונגען פון „מפיצי השכלה", ספּאָרט-פאַראיינען, אאַז"וו., אויך אָוונט-קורסן, קינדער-שולן, בילדונגס-קרייזלעך זיינען געגרינדעט געוואָרן אויפן סמך פון די נייע געזעצן פון דער רוסלענדער מלוכה. אָבער פאַקטיש זיינען פיל פון די לעגאַלע פאַראיינען באַשטאַנען פון אייגענע מענטשן, הגם צווישן די מיטגלידער זיינען אויך געווען ניט-בונדיסטן.

אַ סך פון די קולטור-פאַראיינען זיינען טאַקע גאַנץ היפּש אויס-גענוצט געוואָרן פאַר דער פּאָליטישער אַרבעט פון „בונד".

ס'וואָלט אָבער געווען פאַלש צו דענקען, אַז אָט די אַלע ליטעראַ-טור-, געזאַנג-, קולטור- און טעאַטער-פאַראיינען זיינען נאָר געווען אַ קוליסע, אַ דעקאָראַציע אויף צו פאַרבאַהאַלטן פון די צאַרישע שפּיאָנען די אומלעגאַלע אָדער לעגאַלע בונדישע רעוואָלוציאָנערן. די גאַנצע טעטיקייט פון אָט די אַלע בילדונגס-אָרגאַניזאַציעס, שוין ניט גערעדט וועגן די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען (טרעיד-יוניאָנס) האָט געהאַט אַן אייגענע עקסיסטענץ, אַן אייגענע באַרעכטיקונג און אַן אייגענע אַנט-וויקלונג. די גאַנצע נעץ פון אָרגאַניזאַציעס האָט איינגעוואָרצלט אין דעם אידישן אַרבעטער-קלאַס פון יענער צייט געוואוינהייטן און טראַ-דיציעס פון אָרגאַניזירטקייט. זי האָט אויסגעפּלאַכטן אינעווייניקסטע פעדים, זי האָט געשאַפן אַ גאַנצן געוועב, וואָס האָט אין די שפּעטער-דיקע יאָרן געשפּילט אַן אומגעהייערע ראָלע אין דעם לעבן און דער אַנטוויקלונג פון דעם אידישן אַרבעטער-קלאַס אין רוסלאַנד און פּוילן. זי האָט אויך געהאַט אַ גאַנץ גרויסע באַדייטונג פאַר יענעם קולטור-רעלן אויפבלי אויפן באַדן פון דער נייער אידישער קולטור, וואָס איז אויפגעקומען אין די יאָרן פאַר דער מלחמה און נאָך דער מלחמה אין מזרח-אייראָפּעאישן אידנטום.

דורך אָט די אַלע לעגאַלע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס און דורך די ווילנער בונדיסטישע קרייזן בין איך געקומען אין פּערזענלעכע באַרירונג מיט דער גאַנצער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ פון דער שטאָט. פון די נאָענטע בונדיסטישע פריינט האָט דאָרטן געלעבט מאַרק ל י-ב ע ר, וואָס איז אַליין געווען אַ ווילנער. ער האָט געהאַט עטלעכע שוועסטער און אַן אַלטע מוטער און האָט זיך מיט זיין פאַמיליע, פרוי און טאָכטער, באַזעצט אין שטאָט לעגאַל, ווי אַ פּריוואַט-לערער פאַר לאַטיין און גריכיש (אַגב איז ער פאַררעכנט געווען אין ווילנע פאַר איינעם פון די בעסטע לערער אויף דעם דאָזיקן געביט און האָט געהאַט זייער פיל אַרבעט). אַחוץ אים האָט אין ווילנע געלעבט דער דאָקטאָר

פּאווען ראָזענטאַל (אַנמאַן) מיט זיין פרוי אַננאַ (ער — אַ מיט-גליד פון צענטראַל-קאָמיטעט, און זי — איינע פון די אַקטיווסטע טו-ערקעס אין דער אָרטיקער באַוועגונג). אויך רחמיאל װײַנשטײַן האָט דאָס ערשטע יאָר נאָך געלעבט אין ווילנע און האָט זיך פאַר-נומען מיט די געשעפטן פון אונדזער ביכער-פאַרלאַג „די וועלט". גראָד אין יענעם פּעריאָד איז ער פּערזענלעך געווען שטאַרק צוגעבונדן צו מיר און מיר זיינען געווען זייער באַפריינדעט. אויך אַלעקסאַנדער קרעמער מיט זיין פרוי און טאָכטער האָבן זיך נאָך יעמאָלט גע-פונען אין ווילנע און האָבן געהערט צו דעם קרייז מענטשן מיט וועלכע מיר זיינען געווען אין שטענדיקער באַרירונג. אַחוץ זיי האָבן מיר אָנגעהויבן אַלץ מער און מער צו באַפריינדן זיך מיט ליטוואַקן.

געאַרבעט האָב איך געוואַלטיק פיל — אין גימנאַזיע, אויף די פּרי-וואַטע לעקציעס, אין דער פּאַרטיי, אין פאַרלאַג, און אין די פאַרשיי-דענע לאָקאַלע קולטור-אינסטיטוציעס.

אַזוי איז פאַרגאַנגען דער ווינטער 1908 און דער פרילינג 1909. דעם 17-טן יוני 1909 האָט מיין פרוי געבוירן אַ זון און מיר האָבן אים אָנגערופן „מ אַ ר ק", לכבוד מיין בעסטן און אינטימסטן פריינט מאַרק ליבער.

כדי מיין פרוי, וואָס האָט געהאַט זייער אַ שווערע געבורט, זאָל זיך קאָנען דערהוילן, האָב איך גענומען אַ „דאַטשע" ניט ווייט פון ווילנע, אין דער פאַרשטאָט, וואָס הייסט אַנטאָקאָל. דאָרטן, אויף אַ בערגל, באַדעקט מיט סאָסנאָוון וואַלד, זיינען געשטאַנען עטלעכע הילצערנע „דאַטשעס" (זומער-הייזער). אין איינער פון זיי האָב איך זיך באַזעצט מיט מיין פרוי און דעם ניי-געבוירענעם קינד, און אין די פאָר אַרומיקע הייזער האָבן זיך באַזעצט ליבער מיט זיין פאַמיליע און נאָך אַ ריי אַנדערע פריינט און חברים.

דער דאָזיקער זומער אין אַנטאָקאָל איז געווען אַ רואיקער און אַ שיינער. די געפאַר מצד דער פּאָליציי איז אַזוי ווי אָפּגעטראָטן ער-גער-וואו ווייט. דאָס געפיל פון פאָטערשאַפט האָט אַריינגעטראָגן אַ נייע נאָטע אין מיין לעבן. אַרום און אַרום איז געווען אַ וואַרעמער קרייז פון איבערגעגעבענע חברים און פריינט, וואָס האָבן אויף יעדן אופן אַרויסגעוויזן זייער פריינטשאַפט און ליבע. יעדן טאָג, נאָך דער אַר-בעט, קומענדיק פון שטאָט, פלעגט מען גיין חברות-ווייז שפּאַצירן אין וואַלד, מען פלעגט זינגען לידער, מען פלעגט לויפן אויף געוועט, מען פלעגט שפּילן פאַרשיידענע שפּילן, מען פלעגט צוזאַמענקומען אין אָוונט אויף אַ וועראַנדע און פירן ערנסטע שמועסן, אָדער פשוט זיצן שטיל און באַוואונדערן די זילבערנע רעפלעקסן פון דער לבנה. ס'איז געווען אַ שטיקל אידיליע אין אונדזער טומלדיקן לעבן, וואָס האָט אונדז ביז איצט געגעבן גאָר ווייניק געלעגנהייט צו גענינסן און צו פאַר-ברענגען.

די דאָזיקע אידיליע האָט באַקומען דעם ערשטן קלאַפּ דורך דער מעשה ק אַ פּ ל י נ ס ק י.

5
ישראל מיכל קאַפּלינסקי

גראָד אין יענער צייט, ווען איך האָב זיך באַזעצט אין ווילנע, איז די גאַנצע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין רוסלאַנד געווען מאָראַליש טיף אויפגעטרייסלט דורך דער אויפדעקונג פון דעם פּראָוואָקאַטאָר אַ ז ע ף. דער פאַקט, אַז אין סאַמע צענטער פון אַ גרויסער און אַלטער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי האָט זיך געקאָנט יאָרן לאַנג געפינען אַן אַגענט פון דער צאַרישער פּאָליציי און קיינער האָט דאָס ניט באַמערקט, האָט אומגעהייער דערשיטערט דעם אויטאָריטעט פון דער באַוועגונג אין דער אויסנוועלט, און דאָס אינעווייניקסטע זעלבסט-פּאַרטרויען פון אַלע רעוואָלוציאָנערן. וואו זיינען געווען אונדזערע אויגן? — האָבן זיך פיל סאָציאַליסטן און רעוואָלוציאָנערן געפרעגט. ווי אַזוי האָבן מיר עס ניט דערפילט מיט אונדזער מאָראַלישן חוש, אַז צווישן אונדז געפינט זיך אַזאַ נידעריקער נפש, וואָס האָט מיט זיין גיפטיקן אָטעם פּשוט פאַרסמט די גאַנצע אַטמאָספערע אין דער פּאַרטיי? ווי אַזוי האָבן עס אונדזערע געניטע און קלוגע פירערס יאָרן לאַנג ניט באַמערקט, אַז עפּעס אַ געהיימניספולע קראַפט צעשטערט אַלע אונדזערע פּלענער?

אין אָט דעם אַלגעמיינעם געפיל פון דערנידעריקונג, וואָס האָט אין יענעם מאָמענט אַרומגעכאַפּט אַלע רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן אין רוסלאַנד, איז פאַר אונדז געווען אַ געוויסער טרייסט דער געדאַנק, אַז אין „בונד" איז אַזוינס ניט מעגלעך. עס פאַרשטייט זיך, אַז ווען מיר האָבן געלעזן און געהערט די שווידערהאַפטע באַריכטן וועגן אַזעפס טעטיקייט אין דער „קאַמף-אָרגאַניזאַציע" פון די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן, האָט יעדער פון אונדז אין זיינע געדאַנקען „דורכגעלאָפן" אונדזער אייגענעם „גענעראַל-שטאַב", די פירערשאַפט פון „בונד", און האָט געפּרואווט אַ זוך טאָן, — אפשר קאָן פאַלן אויף אימיצן אַ חשד. אָבער ווי פיל מיר האָבן ניט געזוכט און ווי פיל מיר האָבן ניט גענישטערט אין אונדזערע געדאַנקען, האָבן מיר ניט געקאָנט אויסגעפינען קיין שום ערנסטן גרונט חושד צו זיין אירגענד-וועלכן פון אונדזערע נעענטערע מענטשן. טאַקע אין דער אמתן, וואָס האָט מען ביי אונדז אין צענטער ווען ניט איז אַרויסגעגעבן אין די אַלע יאָרן? קיין איינציקע פון אונדזערע אומלעגאַלע דרוקערייען איז קיין מאָל ניט דורכגעפאַלן. אונדזערע אומלעגאַלע טראַנספּאָרטן זיינען געגאַנגען כשורה. די מענטשן, וואָס מיר פלעגן שיקן קיין אויסלאַנד מיט פאַלשע פּאַספּאָרטן, זיינען שטענדיק דורכגעפאָרן. אונדזערע צוזאַ-

מענפאַרן, וואָס מיר פּלעגן אָרגאַניזירן אין אויסלאַנד, אָדער אין רוס־לאַנד, פּלעגן זיך שטענדיק פּאַרענדיקן בשלום און קיין שום ממשות־דיקע דורכפאַלן זיינען קיין מאָל ניט געווען. היינט ווי אַזוי קאָן מען טראַכטן, אַז ביי אונדז אין צענטער איז פאַראַן אַ פּראָוואָקאַטאָר? אין איינצלנע שטעט זיינען געווים געווען קליינע פּראָוואָקאַטאָרן. אַ טייל האָבן מיר אַנטדעקט, אַ טייל — ניט. אָבער ביי אונדז, אין צענ־טער פון „בונד", אָדער אַרום דעם צענטער, צווישן די נעענטערע טוערס, איז אַזוינס ניט מעגלעך.

און אָט די דאָזיקע פעסטשטעלונג איז פאַר אונדז שטענדיק גע־ווען אַ געוויסע באַרואיקונג.

היינט קאָן מען זיך פאָרשטעלן אונדזער דערשיטערונג, ווען מיר באַקומען אומגעפער אין יולי 1909, אויב איך האָב ניט קיין טעות (אָדער אפשר סוף יוני), אַ געהיימניספולע מיטטיילונג פון אונדזער אויסלענדישן קאָמיטעט אין זשענעווע, אין וועלכער מען גיט אונדז אַן אָנצוהערעניש, אַז אין גיכן וועלן זיי אונדז אַרויסשיקן באַווייזן וועגן דעם, אַז גאָר נאָענט צום צענטראַל־קאָמיטעט איז פאַראַן אַ געפערלעכער פּראָוואָקאַטאָר. און באַלד זיינען די דאָזיקע באַווייזן טאַקע געקומען. און דער נאָמען פון דעם שולדיקן איז געווען ישראל מיכל קאַפּלינסקי. ישראל מיכל?! אוממעגלעך, עס קאָן ניט זיין! און דאָך?!

מיט ישראל מיכלען האָב איך זיך באַקאַנט נאָך אין דווינסק, בשעת איך בין געווען אַ סטודענט און אָקערשט געהאַט אַריינגעטראָטן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ער האָט יעמאָלט געהאַט אין דווינסק אַ שלאָסער־וואַרשטאַט — דאָס איז געווען אָפיציעל; און ניט־אָפי־ציעל האָט ער זיך פאַרנומען מיט דעם, וואָס ער האָט אין זיין וואַר־שטאַט פאַבריקירט ספּעציעלע דרוק־אַפּאַראַטן פאַר די געהיימע דרו־קערייען פון „בונד". אחוץ דעם פלעגט ער צוגרייטן פאַר די מיטגלי־דער פון צענטראַל־קאָמיטעט פאַרשיידענע מעבל מיט געהיימע באַהעל־טענישן אויף צו האַלטן דאָרטן פאַלשע פּאַספּאָרטן, פּאַפּירן, צעטלעך, אַזוי אַז ביי הויז־זוכונגען זאָל די פּאָליציי זיי ניט קאָנען געפינען.

זיינע דרוק־מאַשינען זיינען שטענדיק געווען זייער גוט און קונציק צוגעטראַכט. ער פלעגט זיי שטענדיק אַליין איינאָרדנען אין די געהיי־מע וואוינונגען אין די פאַרשיידענע שטעט, וואו די דרוקערייען זיינען געווען אָרגאַניזירט. און עס איז געווען אַ באַוואוסטער פאַקט, אַז אונ־דזערע בונדישע דרוקערייען זיינען געווען די בעסטע, און אַז מען פלעגט זיך אָפט ווענדן צו אונדז פון אַנדערע רעוואָלוציאָנערע פּאַר־טייען מיט דער בקשה זיי אויסצוהעלפן אין דרוק־אַרבעטן. אויך זיינע טישלעך און פּאָליצעס, וואָס ער פלעגט פאַבריקירן פאַר די מיטגלידער פון צ. ק., זיינען געווען זייער גוט געמאַכט און ביי קיין איינציקער פון די הויז־זוכונגען האָט די פּאָליציי נאָך קיין מאָל ניט באַוויזן צו אַנטדעקן די געהיימע באַהעלטענישן, וואָס זיינען אין זיי געווען. דע־

ריבער איז קאַפּלינסקיס רעפּוטאַציע אַלס טעכניקער־קאָנספּיראַטאָר געשטאַנען זייער הויך אין די בונדישע קרייזן. און ווען איך האָב זיך, אַלס סטודענט־טעכניקער, פֿאַראינטערעסירט מיט פֿאַרשיידענע נייע דערפינדונגען אויפן געביט פֿון געהיימע דרוקערייען, איז געווען נאַטירלעך, אַז איך זאָל זיך ווענדן צו קאַפּלינסקין אַלס דעם בעסטן עקספּערט. אָט אויף דעם באָדן זיינען מיר מיט אים באַקאַנט און צום טייל באַפריינדעט געוואָרן. איך זאָג צום טייל, ווייל קאַפּלינסקי איז, לויט זיין גאַנצער נאַטור, געווען זייער אַ קאַלטער און איינגעהאַלטענער מענטש, שוין ניט גערעדט וועגן דעם, אַז צווישן אונדז איז געווען זייער אַ גרויסער אונטערשייד אין עלטער. בשעת מיר האָבן זיך צום ערשטן מאָל באַקאַנט, בין איך געווען אַ סטודענט פֿון אַ יאָר 20‑21 און ער איז שוין געווען אַ איד פֿון אַ יאָר 35 מיט אַ פֿרוי און צוויי קינדער.

עס זיינען פֿאַראַן מענטשן, וואָס האָבן שפּעטער, אחר המעשׂה, פֿאַרזיכערט, אַז קאַפּלינסקי האָט אויף זיי שטענדיק געווירקט אָפּשטויסנדיק. איך רעכן, אַז דאָס איז אַן איינרעדעניש. קאַפּלינסקי איז געווען אַ הויכער, אַ לאַנגער איד, מיט ניט קיין שיינעם פּנים און קאַלטע, אַ ביסל מאַנדל־פֿאָרמיקע אויגן. קיין שום באַזונדערע צוצי־קראַפֿט האָט ער ניט פֿאַרמאָגט. אָבער זיין קאַלטקייט, זיין שטענדיקע רואיקייט און זיין אַביסל פֿרעכע וויציקייט האָט בשום אופן ניט געווירקט אָפּשטויסנדיק. יעדנפֿאַלס פֿאַר אונדז יונגוואַרג, וואָרים מיר האָבן אין דעם אַלעם געזען די אייזערנע זיכערקייט פֿון אַן אַלטן אויסגעפּרובירטן רעוואָלוציאָנער און קאָנספּיראַטאָר, די גרויסע קראַפֿט פֿון אַ פֿעסטן כאַראַקטער. קיין זאַך האָט ניט געקאָנט אַרויסברענגען ישׂראל מיכלען פֿון די כּלים. מיר האָבן ערשט שפּעטער פֿאַרשטאַנען דעם סוד פֿון זיין רו און זיכערקייט: דאָס איז געווען דאָס באַוואוסטזיין, אַז ער געפֿינט זיך ניט אין קיין שום סכּנה, זייענדיק אַן אַגענט פֿון דער רעגירונג.

נאָך דער רעוואָלוציע 1905 איז קאַפּלינסקי פֿון דווינסק אַריבערגעפֿאָרן קיין ווילנע, איז דאָרטן געוואָרן דער הויפּט־מעכאַניקער אין אונדזער לעגאַלער דרוקעריי און האָט געהאַט אַן אייגענעם צימער ביי דער דרוקעריי, אין זעלביקן הויז. קיינער פֿון אונדז איז ניט געווען באַזונדערס אינטים מיט ישׂראל מיכלען, אָבער מיר האָבן אַלע אָנגעהאַלטן מיט אים פֿריינטלעכע באַציאונגען, אויף אַזוי ווייט, אַז ווען מיין אינגל איז געבוירן געוואָרן, איז ישׂראל מיכל געווען איינער פֿון די וויניקע מענטשן, וואָס זיינען געווען איינגעלאַדן ביי מיר אין הויז, אָט טאַקע אויף דער דאַטשע אין אַנטאָקאָל, וועגן וועלכער איך האָב דערציילט אין פֿאָריקן קאַפּיטל. און אָט טאַקע אין אַ צוויי־דריי וואָכן אַרום נאָך דעם דאָזיקן ברית איז אָנגעקומען דער בריוו פֿון אויסלענדישן קאָמיטעט.

די נאַכריכט האָט אונדזער אויסלענדישער קאָמיטעט באַקומען פֿון וולאַדימיר בורצעוון, וואָס איז יעמאָלט געוואָרן דער הויפּט־אויפֿדעקער פֿון אַלע פּראָוואָקאַטאָרן, וואָס האָט אויפֿגעדעקט אויך אַזעפֿן און

אַנדערע, און איז געשטאַנען אין ענגע באַציאונגען מיט די צוויי גע־וועזענע באַאַמטע פון דער צאַרישער אָכראַנע, ב א ק א י און מ ע נ ש־ט ש י ק אָ ו ו, וואָס זיינען 1906 אַריבער אויפן צד פון דער רעוואָ־לוציע.

די ערשטע נאַכריכט וועגן קאַפּלינסקין זאָל בורצעוו האָבן באַ־קומען נאָך אין דעצעמבער 1905 פון באַקאַיען (דאָס איז געווען יענער באַאַמטער פון דער וואַרשעווער אָכראַנע, וואָס האָט מיך אַרעסטירט אין זומער 1904 אין וואַרשע). אָבער ער האָט יעמאָלט צוליב פאַר־שיידענע אורזאַכן ניט געקאָנט גענויער אונטערזוכן דעם ענין. צום צווייטן מאָל, און שוין אין אַ מער דייטלעכער פאָרם, האָט בורצעוו באַקומען די ידיעות וועגן קאַפּלינסקין פון מענשטשיקאָוון. אין פעב־רואַר 1909 האָט בורצעוו וועגן דעם מיטגעטיילט אַ פאַרטרעטער פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד”. ער האָט דערקלערט, אַז ער ווייסט באַשטימט, אַז אין סאַמע צענטער פון „בונד” זיצט אַ פּראָוואָקאַטאָר. ער קאָן זיך אָבער ניט דערמאָנען זיין נאָמען, ער ווייסט נאָר, אַז עס האָט עפּעס צו טאָן מיט אַן א פ ט י י ק („קאַפּלי„ באַטייט אויף רוסיש טראָפּנס).

אייניקע וואָכן זיינען פאַרגאַנגען אין אונטערהאַנדלונגען מיט בור־צעוון. מעדעם, וולאַדימיר קאָסאָווסקי, קורסקי זיינען געפאָרן פון זשע־נעווע קיין פּאַריז און צוריק, זוכנדיק, פאָרשנדיק, ביז ענדלעך יונה קאָיגען האָט זיך געטראָפן דירעקט מיט מענשטשיקאָוון און יענער האָט אָנגעגעבן דעם גענויעם נאָמען פון קאַפּלינסקין און האָט מיט־געטיילט, אַז ער אַליין ,מענשטשיקאָוו, בשעת ער איז נאָך געווען אַ וויכטיקער באַאַמטער אין דער אָכראַנע, האָט זיך מיט קאַפּלינסקין געטראָפן און ביי אים באַקומען אינפאָרמאַציע.

פאַר אונדז אין ווילנע איז דאָס געווען, אַזוי ווי אַ דונער וואָלט אונדז געטראָפן. און ווידער האָבן מיר אָנגעהויבן צו רעכענען און צו קאָמבינירן. אויב ישראל מיכל וואָלט געווען טאַקע אַ פּראָוואָקאַטאָר, טאָ פאַרוואָס איז ניט דורכגעפאַלן די דרוקעריי, און פאַרוואָס דאָס און פאַרוואָס יענס? און קיין קלאָרן ענטפער האָבן מיר ניט געקאָנט באַ־קומען. און דאַן איז געקומען אַן אַנדער געדאַנק: אפשר פאַרשפּרייט די צאַרישע רעגירונג ב כ י ו ו ן אַ חשד קעגן רעוואָלוציאָנערע טוערס, כדי צו דעמאָראַליזירן די רעשטלעך פון דער באַוועגונג? און אפשר איז די גאַנצע מעשה אַ בלבול?

יעדנפאַלס האָבן מיר אין צענטראַל-קאָמיטעט באַשלאָסן צו מאַכן אַן אייגענע אויספאָרשונג.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט, האָט קאַפּלינסקי געהאַט אַן אייגענעם צימער אין דער געביידע פון אונדזער דרוקעריי. זיין פאַמיליע האָט אָבער געוואוינט אין אַ באַזונדערע דירה, ניט אין דעם דאָזיקן צימער. האָבן מיר אויסגערעכנט, אַז אויב ער האָט עפּעס געהיימע באַהעל־

טעניש‎ן, מוזן זיי זיין אין זיין צימער אין דער דרוקעריי. האָט זיך לי־בער אַריינגעכאַפּט אַהין אין דער צייט, ווען ער האָט זיכער געוואוסט, אַז ישראל מיכל איז ביי זיין פאַמיליע און האָט געמאַכט אַ קליינע הויז־זוכונג. און ער האָט אויסגעפונען, אַז דאָרטן געפינט זיך טאַקע אַ טישל פון ישראל מיכלס אייגענער פאַבריקאַציע מיט אַ געהיימער באַהעל־טעניש. און אין דעם באַהעלטעניש האָט ער געזען געלט און עפּעס פאַרדעכטיקע פּאַפּירן. אויפן צווייטן טאָג איז אין ישראל מיכלס צימער אַוועק אַ קאָמיסיע פון דריי מענטשן: ליבער, איך און אַ דריטער חבר (איך געדענק ניט, ווער). מיר האָבן געעפנט דעם טישל און געפונען דאָרטן אַ פאַלשן פּאַס, אַן אילוסטרירטע פּאָסט־קאַרטע מיט אַן אומ־פאַרשטענדלעכער, אָבער זייער אַ פאַרדעכטיקטער אויפשריפט, וואָס איז, ווי מען האָט געקאָנט פאַרשטיין, געווען אַן איינלאַדונג צו אַ טרעפן זיך אין אַ געהיימען אָרט. און אַחוץ דעם איז דאָרטן געלעגן אַ הונ־דערטער. הונדערט רובל איז אין יענע צייטן געווען זייער אַ סך געלט, בפרט פאַר אַ באַשיידענעם אַרבעטער, ווי ישראל מיכל, וואָס האָט געהאַט צו זאָרגן פאַר אַ פרוי מיט צוויי קינדער. ס'איז געווען ביטער: די הויז־זוכונג האָט אַזוי ווי באַשטעטיקט די באַשולדיקונג פון מענש־טשיקאָוון. אָבער אַזוי ווי מען האָט פּסיכאָלאָגיש בשום אופן ניט ג ע ו ו א ָ ל ט אָפּזאָגן זיך פון דעם גלויבן אין ישראל מיכלען, האָט מען געמאַכט אַזאַ השערה: צווישן די פּיל פּלענער, מיט וועלכע ישראל מיכל האָט זיך אַרומגעטראָגן, איז אויך געווען אַ פּלאַן וועגן פאַברי־צירן (פאַרשטייט זיך, לטובת דער רעוואָלוציע) פאַלשע רוסישע געלט. דאָס איז געווען אַן ענלעכער פּלאַן, ווי דער, וואָס עס האָבן געוואָלט דורכפירן די באָלשעוויקעס. האָט אַ טייל חברים געהאַלטן, אַז אפשר האָבן די פאַרדעכטיקע בריוו און די געלט, וואָס מיר האָבן געפונען ביי ישראל מיכלען, צו טאָן מיט אָט יענע אונטערהאַנדלונגען, וואָס ער האָט געפירט מיט פאַרשיידענע מענטשן וועגן דער פאַבריקאַציע פון פאַלשע געלט.

כדי דאָס אַלץ אויפצוקלערן און צו קומען צו אַ טאָלק, איז באַ־שלאָסן געוואָרן, אַז מען זאָל זיך דורכריידן מיט ישראל מיכלען גאַנץ אָפן. זאָגן אים אין וואָס מען באַשולדיקט אים און פאַרלאַנגען, אַז ער זאָל זיך שטעלן צו אַ פאַרטיי־געריכט. וועט ער זיך שטעלן צום פאַר־טיי־געריכט, נו, וועלן מיר יעמאָלט זען. און אויב ניט, וועט דאָס זיין דער שטאַרקסטער באַוויז, אַז ער איז טאַקע שולדיק. האָט מען די אנגענעמע אויפגאַבע, — דורכצורייידן זיך מיט ישראל מיכלען, — אַרויפגעלייגט אויף רחמיאל וויינשטיינען און מיך.

בין איך אַריין צו ישראל מיכלען אין דרוקעריי און האָב אים גע־זאָגט, אַז דער צ. ק. וויל זיך מיט אים דורכריידן, און מיר וועלן זיך מיט אים טרעפן מאָרגן, אין דער מיטאָג־צייט, אין אַ געוויסן פּלאַץ אין דעם שטאָטישן גאָרטן. מיר האָבן בכיוון אויסגעקליבן אַזאַ מין עפנט־לעכן פּלאַץ, ווייל מיר האָבן געוואָלט זיין זיכער, אַז ישראל מיכל וועט

ניט מיטברענגען מיט זיך קיין פּאָליציי — פאַרשטייט זיך אַלץ, אויב ער איז שולדיק. בשעת איך האָב איבערגעגעבן ישראל מיכלען די דאָזיקע איינלאַדונג, האָב איך באַמערקט, אַז ער איז געוואָרן אַ ביסל פאַרוואונדערט און אומרואיק. אָבער דאָס איז נאָך ניט געווען קיין באַווייז, וואָרים גראָד אין יענעם מאָמענט האָבן מיר געהאַט שטאַרקע קאָנפליקטן מיט די אַרבעטער אין אונדזער דרוקעריי און ישראל מיכל איז אין קאָנפליקט געווען באַטייליקט. האָט ער געקאָנט מיינען, אַז אונדזער געשפרעך וועט האָבן צו טאָן מיט דעם דאָזיקן אומאַנגענעמען ענין.

אין דער אָפּגערעדטער שעה זיינען מיר מיט רחמיאל ווײנשטיינען שוין געזעסן אויף דער אָפּגערעדטער בענקל אין שטאָטישן גאָרטן. ביי דעם אַריינגאַנג, דורך וועלכן עס האָט געדאַרפט קומען ישראל מיכל, האָבן מיר אַוועקגעשטעלט אַלס וועכטער לייבעטשקע דעם סטאָליער (לייבעטשקע בערמאַן), כדי ער זאָל אַכטונג געבן, צי וועט ישראל מיכל קומען אַליין, אָדער אין באַגלייטונג פון שפּיאָנען. לייבעטשקע האָט אונדז געמאַכט דעם צייכן, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג און אין אַ מינוט אַרום האָט זיך באַוויזן ישראל מיכל מיט זיין שלעפּנדיקן, לאַנגזאַמען גאַנג, צוליב וועלכן ער האָט באַקומען דעם נאָמען „לאַנגזאַם", און מיט זיינע קאַלטע אויגן, אין וועלכע עס האָט זיך דעם מאָל געזען אַ ביסל אומרואיקייט. ס'איז געווען צווישן מיר און ווײנשטיינען אָפּגערעדט, אַז רעדן וועל איך און ער וועט זיך צוקוקן און וועט באַאָבאַכטן. איך האָב די גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן און אַלץ געזוכט יענע פאָרם, אין וועלכער איך זאָל קאָנען ישראל מיכלען צום בעסטן אויספּרובירן, אָדער איבערראַשן. און דווקא ווייל איך בין די גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן, איז מיר ניט איינגעפאַלן קיין בעסערער געדאַנק, ווי דער אַ ביסל מעלאָדראַמאַטישער אָנפאַנג:

„ישראל מיכל, מיר ווייסן אַלץ" — האָב איך אים דערקלערט — קוקנדיק אים אין די אויגן.

אַן אומגלויביקער, אַ ביסל אַ פאַרוואונדערטער, אַ ביסל אַן איבערגעשראָקענער אויסדרוק האָט זיך באַוויזן אין זיינע אויגן. „וואָס מיינט דאָס אַלץ?" — האָט ער אַרויסגערעדט.

„מיר ווייסן, אַז איר זייט אַן אַגענט פון דער אָכראַנע, אַ פּראָוואָקאַטאָר".

בלייך ווי אַ טויט און שטיל איז געזעסן ישראל מיכל אַנטקעגן אונדז ביידן. ער האָט קיין זאַך ניט געענטפערט און מיר ביידע האָבן אויך געשוויגן און געקוקט אויף די קוסטעס, וואו עס האָט זיך געזען פון הינטן די קאָפּ פון דעם געטרייען וועכטער לייבעטשקע. און דאַן האָב איך אָנגעהויבן רעדן: איך האָב אים געזאָגט, אַז מיר האָבן באַווייזן, און איך האָב אים אַ פרעג געטאָן, פונוואַנען האָט ער דאָס 100 רובל און ווער שרייבט אים אַזעלכע מערקווירדיקע קאַרטלעך?

„אהא, איר האָט ביי מיר געמאַכט אַ זוכונג", — האָט ער שטיל אַרויסגערעדט און ניט צוגעגעבן מער קיין וואָרט.

אַלץ פעסטער און פעסטער איז געוואָרן ביי מיר די איבערציי־גונג, אַז ער איז טאַקע שולדיק. דעריבער האָב איך אים דערקלערט, אַז מיר ו ו י י ס ן, אַז ער איז שולדיק, פונדעסטוועגן ווילן מיר אים געבן די מעגלעכקייט צו פאַרענטפערן זיך, און דאָס קאָן געשען נאָר אויף איין אופן: ער זאָל זיך שטעלן צו אַ פאַרטיי־געריכט אין אויס־לאַנד. מיר גיבן אים 48 שעה ער זאָל אונדז געבן דעם ענדגילטיקן ענטפער, צי ער נעמט אָן דעם פאַרטיי־געריכט, צי ניט. און אויב יאָ, זאָל ער תיכף לאָזן זיך אין וועג און מיר וועלן אים געבן די מעגלעכקייט אַריבערצופאָרן דעם גרענעץ. (די גרענעצן האָט ער סיי ווי סיי געקאַנט, אַזוי אַז מיר האָבן קיין זאַך ניט ריזיקירט.)

שטיל איז ישראל מיכל אויפגעשטאַנען און ניט זאָגנדיק מער קיין וואָרט, האָט ער זיך מיט זיין לאַנגזאַמען שריט אַוועקגעשלעפּט פון גאָרטן. און מירביידע זיינען געבליבן נידערגעשלאָגענע און צעמאַ־טערטע, אַזוי ווי מען וואָלט אונדז גערעדערט.

מיר האָבן געהאַלטן די גאַנצע מעשה בסוד, אַזוי אַז די אַרומיקע האָבן ניט געוואוסט וואָס עס טוט זיך. אָבער מען האָט אונדז איבער־געגעבן, אַז ביי ישראל מיכלען אין הויז טוט זיך עפּעס חושך, אַז די ווייב וויינט כסדר, און אַזוי ווייטער. ווען עס איז פאַרבייגעגאַנגען דער טערמין, וואָס מיר האָבן ישראל מיכלען געשטעלט, און קיין שום ענטפער האָבן מיר ניט באַקומען, בין איך אַוועק צו אים אין הויז. עס איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ ריזיקע, אַז ער זאָל מיך אַרויסגעבן דער פּאָליציי. אָבער פון דער אַנדערער זייט האָט ער מיך דאָך סיי ווי סיי געקאָנט אַרויסגעבן, צי איך קום צו אים, צי ניט, ווייל איך האָב זיך ניט באַהאַלטן פון אים און געלעבט גאַנץ לעגאַל. איך האָב געזען זיין פרוי. ער איז ניט געווען אין דער היים. עס איז מיר געווען שווער צו קוקן אין די אויגן דער אומגליקלעכער מערעלען, אָבער איך האָב איר געבעטן איבערגעבן דעם מאַן, אַז מיר מוזן אומבאַדינגט האָבן פון אים אַן ענטפער און אויב ניט, וועלן מיר וויסן וואָס צו טאָן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז ישראל מיכל פאַרשוואונדן פון ווילנע. אָבער צי האָבן מיר טאַקע „געוואוסט וואָס צו טאָן"? דעם אמת זאָגנ־דיק, האָבן מיר דאָס ניט געוואוסט. און כדי צו אַנטשיידן די פראַגע, איז געמאַכט געוואָרן אַ ספּעציעלע זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט און טאַקע ניט אין ווילנע, נאָר אין מינסק, אין דער וואוינונג פון יודינען.

די פראַגע, וואָס איז געשטאַנען ביי אונדז אויף דער דאָזיקער זי־צונג, איז געווען, צי זאָלן מיר אומברענגען ישראל מיכלען, צי ניט. וואָרים קיין שום אַנדערע מיטלען קעגן אים האָבן מיר ניט געהאַט.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע און דאָס לעצטע מאָל אין מיין לעבן, ווען איך בין געווען אַזוי ווי אַ מיטגליד פון געריכט, וואָס דאַרף פאַר־

משפּטן אַ מענטשן צום טויט. איך בין גליקלעך, וואָס איך האָב יעמאָלט געשטימט פאַר ניט־טויטן.

די מאָטיוון פון יענע חברים, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז מיר מוזן אומבאַדינגט פאַרניכטן ישראל מיכלען, זיינען געווען טאָפּלטע: פּראַקטישע און מאָראַלישע. די פּראַקטישע מאָטיוון זיינען געווען, ער זאָל ניט קאָנען אַרויסגעבן אַלץ, וואָס ער ווייסט וועגן די אומלעגאַלע פאַרבינדונגען און טעכנישע סודות פון „בונד". און די מאָראַלישע מאָטיוון זיינען געווען די, אַז מען טאָר ניט דערלאָזן, אַז אַזוינע פאַרברעכנס זאָלן בלייבן אומבאַשטראָפט. עס וועט זיין אַ שרעקלעכער קלאַפּ פאַר דעם פּרעסטיזש פון דער רעוואָלוציע, ווען אַזוינע פאַררעטער, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן הונדערטער מענטשן אין די הענט פון דער צאַרישער פּאָליציי, זאָלן קאָנען שפּעטער פון אונדז לאַכן און רואיק געניסן פון די געלטער, וואָס זיי האָבן פאַרדינט מיט דעם בלוט פון אונדזערע חברים.

מיר, די קעגנער פון טויט־שטראָף, פריער פאַר אַלעמען ליבער און איך, האָבן דערויף געענטפערט: פּראַקטיש וועט ישראל מיכלס טויט קיין זאַך שוין ניט ענדערן. וואָרים אַלץ, וואָס ער ווייסט, האָט ער איצט שוין געווים איבערגעגעבן דער פּאָליציי, און קיין נייע געהיימנישן קאָן ער דאָך ניט דערגיין, וואָרים מיר וועלן דאָך פאַרעפנטלעכן זיין נאָמען און אַריינלייגן אים אין חרם. וואָס אָנבאַלאַנגט די מאָראַלישע זייט פון דער פראַגע, איז געווים ריכטיק, אַז ער האָט כשר פאַרדינט דעם טויט און אַז זיין הינריכטונג וואָלט געבראַכט מאָראַלישע באַפרידיקונג אין אונדזערע רייען און וואָלט אַחוץ דעם געווען אַ גוטער אָפּשרעק־מיטל פאַר ווייטערדיקע פּראָוואָקאַטאָרן. אָבער פון דער אַנדערער זייט דאַרף מען נעמען אין אַכט, אַז אַזאַ מין טעראָריסטישער אַקט פון אונדזער זייט אין איצטיקן פּאָליטישן מאָמענט וועט ברענגען מיט זיך, אַז די גאַנצע מאַכט פון סטאָליפּינישן טעראָר וועט זיך ווענדן קעגן דעם „בונד" און דאָס וועט באַדייטן די צעשטערונג פון אונדזער גאַנצער אַרבעט און, וואָרשיינלעך, דעם טויט פון צענדליקער פון אונדזערע חברים, וואָס וואָלטן אומגעקומען אויף די תליות פון די סטאָליפּינישע פעלד־געריכטן. פּאָליטישע צוועקמעסיקייט פאַרלאַנגט פון אונדז, אַז מיר זאָלן ניט באַשמוצן די הענט מיט ישראל מיכלס בלוט.

די מערהייט איז צוגעשטאַנען צו אונדזער מיינונג, און אַזוי איז עס געבליבן. מיר האָבן פאַרעפנטלעכט אַ מעלדונג אין דער פּרעסע, פּובליקירט אַלע מאַטעריאַלן, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט און קאַפּלינסקי איז אַראָפּ פון דער סצענע. ס'איז פאַר מיר ביז היינטיקן טאָג ניט קלאָר, אין וואָס עס האָט זיך פאַקטיש אויסגעדריקט די פּראָוואָקאַטאָרישע טעטיקייט פון קאַפּלינסקין, וואָס איז אַריינגעטראָטן אין דינסט פון דער אָכראַנע נאָך דעם גרויסן אַרעסט פון 1898, אונטער דעם איינפלוס פון זובאַטאָוון. ווי עס ווייזט אויס, איז זיין הויפּט־פונקציע באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט אינפאָרמירט די אָכראַנע מער וועגן

אַלגעמיינע און פּאָליטישע שטימונגען, איידער וועגן קאָנקרעטע פאַקטן, הגם עס זיינען פאַראַן באַווייזן, אַז ער האָט אַרויסגעגעבן די דרוקעריי, וואָס ער אַליין האָט אָרגאַניזירט פאַר דער „איסקרא״ אין קישינעוו, און בראש פון וועלכער עס איז געשטאַנען לעאָן גאָלדמאַן, ליבערס ברודער.

כדי מער זיך ניט אומצוקערן צו ישראל מיכלען, וויל איך איצט גלייך דערציילן וועגן זיין סוף.

בשעת ער איז אַנטלאָפן פון ווילנע, איז ער אַוועקגעפאָרן קיין פּעטערבורג און האָט דאָרטן פון דער אָכראַנע באַקומען אַ פּאַס פאַר זיך און זיין פאַמיליע און אַ געוויסע סומע געלט אויף איינצואָרדנען אַ שלאָסעריי-וואַרשטאַט אין דער שטאָט סאַראַטאָוו (סלאַוועק-גראָסער האָט אים אין יענעם מאָמענט צופעליק באַמערקט אין אַ פּעטערבורגער טעאַטער). אין סאַראַטאָוו האָט ער געלעבט אונטער אַ פרעמדן נאָמען די גאַנצע יאָרן ביז צו דער רעוואָלוציע 1917. נאָך דער רעוואָלוציע האָבן די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס פון סאַראַטאָוו, צווישן זיי אויך אַ גרופּע פון „בונד״, אַריינבאַקומען אין זייערע הענט די אַרכיוון פון דער זשאַנדאַרמעריע, און האָבן אַנטדעקט קאַפּלינסקין. מען האָט אים אַרעסטירט און אויסגעפרעגט. ער האָט צוערשט פרעך געלייקנט שטיין אוןביין.

ס'איז ספּעציעל געקומען קיין סאַראַטאָוו ליבער, כדי אים צו פאַר-הערן. עס האָט קיין זאַך ניט געהאָלפן: ער האָט אַלץ געלייקנט, הגם אין דעם אַרכיוו פון דער אָרטיקער זשאַנדאַרמעריע האָט מען געפונען זיינע קוויטונגען פאַר געלט, וואָס ער האָט באַקומען פון דער פּאָליציי. — ביז וואַנען מען האָט זיך מיט אים אַרומגעשלאָגן, איז געקומען דער באָלשעוויזם, און אין סאַראַטאָוו איז אַלס פאַרטרעטער פון דער טשעקאַ געקומען דער געוועזענער בונדיסט מענדל דייטש, אַ דווינ-סקער, וועמען ישראל מיכל האָט געהאָלפן אַנטלויפן פון דער טורמע אין 1905. און דייטש האָט געשאַנעוועט קאַפּלינסקין און האָט אים ניט געלאָזן דערשיסן.

ערשט אָנהייב 1919, ווען מינסק איז באַפרייט געוואָרן פון דער דייטשער אָקופּאַציע און דער צענטראַל-קאָמיטעט פון „בונד״, וואָס האָט זיך דאָרטן געפונען די גאַנצע צייט, איז אַריינגעטראָטן אין פאַר-בינדונג מיט מאָסקווע, און וויינשטיין מיט אַנדערע מיטגלידער פון צ. ק. זיינען געקומען צופאָרן קיין מאָסקווע אויף באַראַטונגען און זי-צונגען, איז פון דאָס ניי אויפגענומען געוואָרן דער ענין קאַפּלינסקי. וויינשטיין, וואָס איז געווען פערזענלעך באַפריינדעט מיט קאַמענעוון און דזשערזשינסקין, האָט זיך מיט זיי וועגן דעם דורכגערעדט אין נאָמען פון צ. ק. פון „בונד״, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קאַפּלינ-סקין האָט מען פאַר דער צייט שוין אַריבערגעפירט פון סאַראַטאָוו קיין מאָסקווע אין דער צענטראַלער טשעקאַ-תפיסה אויף לוביאַנקע.

די פאַרטרעטער פון דער סאָוועט־רעגירונג האָבן צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן דערלויבן דעם צ. ק. פון „בונד" צו פאַרהערן קאַפּלינסקין און אויס־פאָרשן ביז צום סוף דעם דאָזיקן ענין. איך בין באַשטימט געוואָרן פון „בונד" אַלס פאָרזיצער פון דער דאָזיקער אויספאָרשונג־קאָמיסיע. האָב איך גלייך טעלעפאָנירט דזשערזשינסקין, כדי צו אָרגאַניזירן אונדזערע אַרבעטן. דזשערזשינסקי האָט געענטפערט, אַז ער וועט אַלץ טאָן וואָס איז נייטיק. אָבער גראָד אין דעם מאָמענט זיינען צו מיר דער־גאַנגען קלאַנגען, אַז קאַפּלינסקי איז שוין דערשאָסן געוואָרן. איך האָב גלייך אַ צווייטן מאָל טעלעפאָנירט דזשערזשינסקין, וואָס האָט מיר צוערשט געענטפערט, אַז דאָס איז ניט אמת, אַז קאַפּלינסקי איז ניט דער־שאָסן, און אַז ער וועט אים שטעלן אין אונדזער רשות. אָבער אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען איך האָב אים צום דריטן מאָל טעלעפאָנירט, האָט ער מיר דערקלערט, אַז לײַדער זיינען מיינע ידיעות דאָך געווען ריכ־טיק און אַז קאַפּלינסקין האָט מען טאַקע דערשאָסן. און דערביי האָט זיך דזשערזשינסקי געבייזערט אויף פּויליש מיט די שרעקלעכסטע ווער־טער מחמת דער אומאָרדענונג, וואָס הערשט אין דער טשעקאָ.

אַזוי איז די אויספאָרשונג קיין מאָל ניט דורכגעפירט געוואָרן און דער ענין קאַפּלינסקי בלייבט ביז צום היינטיקן טאָג ניט אין גאַנצן אויפגעקלערט, וויניקסטנס פּסיכאָלאָגיש.

צווייטער אַרעסט, פאַרשיקונג, עמיגראַציע

1

מיין לעגאַלקייט ענדיקט זיך.—מיין אַרעסט און פאַרשיקונג

ניט לאַנג האָט געדויערט די עפּאָכע פון לעגאַלער אַרבעט און אָפֿע־נער קולטור־טעטיקייט פאַר אונדז אין ווילנע. זי האָט זיך אָנגעהויבן זומער 1908 און אין מערץ 1910, אין דער נאַכט פון ערב פסח זיינען מיר אַלע געוואָרן אַרעסטירט: ליבער, איך און אַ ריי אַרטיקע פירער פון „בונד", אינטעליגענטן און אַרבעטער. לויט וועלכן פּרינציפּ די זשאַנדאַרמעריע האָט דורכגעפירט די אַרעסטן, איז געווען ניט קלאָר: אייניקע האָט מען גענומען, די אַנדערע — ניט. צום גליק, זיינען די אַנדערע מיטגלידער פון צ. ק. שוין יעמאָלט געווען אָפּגעפאָרן פון ווילנע. רחמיאל וויינשטיין האָט פאַרלאָזן ווילנע גלייך נאָך דער מעשה קאַפּ־לינסקי און קרעמער איז מיט זיין פאַמיליע אַוועקגעפאָרן קיין פראַנק־רייך. יודין איז פון מינסק אַוועק קיין וואַרשע צוזאַמען מיט אסתרן, וואָס איז יעמאָלט געווען זיין פרוי, און נח האָט זיך באַזעצט ניט ווייט פון וואַרשע.

מיר זיינען אַלע אַרעסטירט געוואָרן אין איין נאַכט, אַ מאַן 20 אָדער 25. מען האָט ביי קיינעם קיין זאַך ניט געפונען און דאָך האָט מען אונדז אַלעמען אַרעסטירט. הייסט דאָס, אַז עס האָט זיך געהאַנדלט ניט וועגן אַ שריט פון דער לעגאַלער זשאַנדאַרמעריע, נאָר וועגן אַ באַפעל פון פעטערבורג. און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. ווי עס ווייזט אויס, האָט די הויפּט־פאַרוואַלטונג פון דער אָכראַנע אין פעטערבורג, נאָך דעם דורכפאַל פון קאַפּלינסקין, געמאַכט אַ נייעם פּלאַן, ווי אַזוי צו דעזאָר־גאַניזירן און פאַרניכטן דעם „בונד". עס איז אָבער מערקווירדיק, אַז צווישן קאַפּלינסקיס אַנטפּלעקונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין אויגוסט, און צווישן אונדזער אַרעסט, איז דורכגעגאַנגען מער ווי אַ האַלב יאָר!

אַלע אַרעסטירטע בונדיסטן האָט מען אַוועקגעזעצט אין דער גרוי־סער ווילנער טורמע אויף לוקישקעס. דאָס איז געווען אַ מאָדערנע תפיסה — אַ היגיענישע, אַ זויבערע, און אין יענעם מאָמענט ניט גאָר קיין שטרענגע. די פּאָליטיקער האָבן געהאַט דאָרטן אַן אויטאָנאָמיע, מיט

אַן אייגענעם סטאַראָסטע, מיט אייגענע רעכט, אַאַז״וו. אונדזער סטאַ־דאָסטע איז געווען אַן אַלטער בונדישער אַרבעטער, מאָטל ט ש י־ז ש ע ו ו ס ק י, זייער אַ סימפּאַטישער און אַ האַרציקער בחור, וואָס איז שוין דאָרטן געזעסן זייער לאַנג: ער איז פאַרמשפּט געוואָרן דורך אַ מיליטער־געריכט צו פיר יאָר קאַטאָרגע, און האָט געוואַרט אויף דעם ענדגילטיקן אורטייל נאָך אַן אַפּעלאַציע אין סענאַט.

מיר זיינען אַלע געווען שוין אַלטע און געניטע טורמע־זיצער און דאָס זיצן אַליין איז פאַר אונדז ניט געווען קיין פּראָבלעם און ניט קיין טראַגעדיע. פאַר אונדז איז נאָר געשטאַנען איין פראַגע: מיט וואָס וועט זיך אונדזער זיצן ענדיקן? די ציטן זיינען געווען שווערע, די רעאַקציע איז געזעסן פעסט אין זאָטל און עס איז יעמאָלט געוואָרן ביי דער רעגירונג אַ מאָדע צו מאַכן פּאָליטישע אַרעסטירטע אָפּי־ציעלע געריכט־פּראָצעסן. פריער פלעגט מען פשוט פאַרשיקן אויף 2—3 אָדער 4 יאָר, און פון דער פאַרשיקונג פלעגט מען גלייך אַנטלויפן. אָבער אַ געריכט־פּראָצעס האָט ביי די היינטיקע באַדינגונגען געמיינט אָדער עטלעכע יאָר קאַטאָרגע, ווי ביי טשיזשעווסקין, אָדער — צום ווייניקסטן — אייביקע פאַרשיקונג מיט פאַרלוסט פון אַלע בירגער־רעכט. און אַנטלויפן פון אַזאַ געריכטלעכע פאַרשיקונג איז שוין גע־ווען פיל שווערער.

זיינען מיר אָפּגעזעסן אין ווילנע עטלעכע חדשים און אַלץ ניט אָנגעהויבן צו וויסן, וואָס וועט זיין דער וויטערדיקער גורל פון אונדז און אונדזערע פאַמיליעס. דאָס האָט אונדז געמאַכט אַ ביסל נערוועז. אָבער ניט געקוקט אויף דעם, האָבן מיר זיך באַמיט צו אַרבעטן, צו לייענען, צו לערנען זיך. איך האָב זיך ספּעציעל פאַרנומען מיט ענגליש און אָט דאָ אין לוקישקער טורמע האָב איך דורכגעלייענט מיין ערשטן ענגלישן ביכל.

ליבער איז צוערשט געזעסן אין אַ באַזונדערער קאַמער, דערנאָך האָט ער אָבער געפּועלט, אַז מען זאָל אים אַריינזעצן מיט מיר צוזאַמען. די ערשטע צייט זיינען מיר געווען זייער גליקלעך, אָבער צום סוף האָבן מיר עס שוין כמעט ווי באַדויערט. וואָרים אין טורמע שאַפט זיך ביי דעם אַרעסטאַנט גאָר אַ באַזונדערע פּסיכאָלאָגיע. און ווען מען זיצט חדשים לאַנג טאָג און נאַכט צוזאַמען, איינגעשפּאַרט אין אַ קעסטל פון 6 שריט אין דער לענג און דריי — אין דער ברייט, מוז זיך דאָס אָפּרופן אויף די באַציאונגען אַפילו צווישן די סאַמע בעסטע פריינט.

אין סעפּטעמבער האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז די רעגירונג האָט באַשלאָסן ניט צו מאַכן אונדז קיין געריכטס־פּראָצעס. עס איז געווען קלאָר פאַרוואָס. קיין דאָקומענטאַלע באַווייזן קעגן אונדז האָט מען דאָך ביי די הויז־זוכונגען ניט געפונען. וואָלט מען אונדז געקאָנט פאַר־משפּטן נאָר דאַן, ווען צום געריכט וואָלט געקומען אַלס אַ באַשולדי־קונגס־עדות — קאַפּלינסקי. אָבער קאַפּלינסקי האָט זיך, ווי עס ווייזט

אויס, אָפּגעזאָגט פון אַזאַ דזשאָב. און אַן קאַפּלינסקין האָט מען אונדז ניט געקאָנט פאַרמשפּטן. איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרשיקן אונדז „אַדמיניסטראַטיוו", גאָר ווי אין די אַמאָליקע צייטן.

דאָס איז געווען אַ פּריילעכע נייס פאַר אונדז אַלעמען. אין נאָ־וועמבער, ווער דער „עטאַפּ" האָט געזאָלט אַוועקגיין פון ווילנע, האָבן מיר זיך געגרייט אין וועג מיט אַ לייכטן הארצן, געגנייט זעק פאַר די זאַכן, אַריינגעקנייטשט צען־רובלדיקע בילעטן אין די גרויסע קנעפּ פון דיווינטער־מאַנטלען, שוין פאַראויס צוגעגרייט פאַלשע פּעסער צום אַנטלויפן אַאַז"וו. די פאַרבינדונג צווישן די אַרעסטירטע און דער פריי איז געווען אַן אויסגעצייכנטע: צוויי פון אונדזערע שליסער האָבן פאַר אַ פּאָר רובל געטראָגן בריוו אַהין און צוריק און אַחוץ דעם אויך צײַ־טונגען און פאַרבאָטענע ליטעראַטור.

אין אַ פּראַקטיקן פרימאָרגן האָבן מיר אַרויסמאַרשירט פון דער טורמע צום וואָקזאַל, מיט זעק אויף די פּלייצעס, אויסגעשטעלט אין רייען, ווי סאָלדאַטן, און אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן פון קאָנוואָי־סאָלדאַטן מיט בלישטשענדיקע שווערטן און רעוואָלווערן אין די הענט.

גאַנץ ווילנע איז געשטאַנען אויף די גאַסן און האָט צוגעקוקט זיך צו אונדזער „טריאומף־מאַרש" און דעם אויבן־אַן צווישן די צו־שויער האָבן פאַרנומען די שילערינס פון מיין גימנאַזיע, וואָס זיינען געקומען באַגלייטן אין סיביר זייער לערער. זיי האָבן געוואָרפן בלומען, געמאַכט אויסגעשרייען, באַגריסט אונדז — עס איז געווען אַ גאַנצע דע־מאָנסטראַציע.

פון ווילנע האָט מען אונדז אַוועקגעפירט אין פּעטערבורג אין דער „פּערעסילקע" און פון דאָרטן — קיין וואָלאָגדע, ווייל אונדזער גאַנצע קאָמפּאַניע איז פאַרשיקט געוואָרן אין פאַרשיידענע מקומות פון וואָ־לאָגדער גובערניע. די מקומות זיינען געווען היפש וויטע: מיך האָט מען פאַרשיקט אין אוסט־קולאָם, — אַ דערפל פון עטלעכע צענדליק איינוואוינער, וואָס איז געלעגן אין וויטן צפון, 500 מייל פון דער אייזנ־באַן. די אַנדערע — אויך אין ענלעכע דערפער. אָבער צוערשט האָט מען אונדז געמוזט ברענגען אין דער צענטראַלער וואָלאָגדער טורמע, כדי פון דאָרטן צו צעשיקן אונדז מיט פאַרשיידענע „עטאַפּן".

ווען אונדזער צוג איז געפאָרן קיין פּעטערבורג און פון פּעטערבורג אין וואָלאָגדע, זיינען אונדזערע קרובים ניט געזעסן פאַרלייגט די הענט. מען האָט געזוכט פּראָטעקציע און פאַרבינדונגען. און מען האָט זיי געפונען, אַמאָל אַזוי, אַמאָל פאַר געלט. און בשעת מיר זיינען אָנגע־קומען קיין וואָלאָגדע, האָט די אַדמיניסטראַציע אַנטדעקט, אַז כמעט אַלע זיינען מיר קראַנק, און אַז מען דאַרף דעם גרעסטן טייל פון אונדז לאָזן דערווייל אין וואָלאָגדע זיך צו קורירן. נאָר יענע זיינען אַוועק־געפאָרן ווייטער, וואָס זיינען געווען פאַרשיקט אין די אַרומיקע שטעט.

זיינען מיר, הייסט דאָס, געבליבן אין וואָלאָגדע פּאַקטיש אין דער פריי, ביז וואַנען עס וועט ניט אַנטשיידן ווערן די פראַגע, וואוהין מען

זאָל אונדז, קראַנקע, שיקן. האָבן מיר באַשלאָסן אַראָפּצובריינגען אַהער אונדזערע פאַמיליעס און באַזעצן זיך דערווײַלע וואָס אין וואָלאָגדע. ליבערס פאַמיליע איז געקומען פריער, מיין פרוי איז געקומען שפּעטער, און דערנאָך האָט מיין שוויגער געבראַכט פון דווינסק מיין אינגל, וואָס האָט דאָרטן אַגב דורכגעמאַכט אַ שווערע קראַנקהייט און איז קוים אַרוים מיטן לעבן.

אין דעצעמבער 1910 זיינען מיר שוין געווען, ליבער און איך, וואָלאָגדער איינוואוינער, מיט אַ דירה, אַ ביסל מעבל, אַאַז"וו. אָבער אונדזער וואָלאָגדער לעבן האָט גאָר ניט לאַנג געדויערט. אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט מען מיט אַמאָל ליבערן דערקלערט, אַז ער מוז גלייך אָפּפאָרן אין אַ קליין שטעטל אין וואָלאָגדער גובערניע: קיין פּראַקטעקציע האָט מער ניט געהאָלפן. האָט ליבער באַגלייט זיין פאַמיליע אויף דער באַן קיין ווילנע און ער אַליין איז כלומרשט אַוועקגעפאָרן אין זיין שטעטל, אָבער אין דער אמתן האָט ער זיך אַריינגעזעצט אין דעם צוג, וואָס איז געגאַנגען קיין פּעטערבורג און איז מיט דעם פריערצוגעגרייטן פּאַס אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד. אין עטלעכע טעג אַרום נאָך ליבערס אָפּפאָר רופט מען מיך אין זשאַנדאַרמעריע: ערשטנס, פאַרוואָס עפּעס איז ניטאָ קיין נייס פון ליבערן? און, צווייטנס, זאָל איך זיין וויסן, אַז אין דריי טעג אַרום מוז איך אויך פאַרלאָזן וואָלאָגדע און אָפּפאָרן אין מיין שטעטל. איז ניט געבליבן קיין אַנדער ברירה, ווי נאָכצומאַכן דעם ביישפּיל פון ליבערן.

אַ גוטער באַקאַנטער, אַ וואָלאָגדער קריסטלעכער אַדוואָקאַט, האָט מיר געליען זיין פּאַס, האָט געקויפט פאַר מיר אויף דער סטאַנציע אַ בילעט פון 2-טן קלאַס, און איך בין פון דער פינסטערער זייט פון סטאַנציע אַריינגעקלעטערט אין צוג און בשלום אָנגעקומען קיין פּעטערבורג. כדי אַרויסצופּראַוון מיין פאַמיליע פון וואָלאָגדע איז אַהין אין אַ פּאָר טעג אַרום געקומען מיין פאָטער.

אין פּעטערבורג האָב איך אָפּגעגאָלט מיין באָרד, און גענומען ביי אַ חבֿר אַן אויסלענדישן פּאַס און אין יאַנואַר 1911 בין איך שוין געווען אין בערלין. איך בין אָנגעקומען אַהין דווקא אין דעם טאָג, ווען עס איז פאָרגעקומען די גראַנדיעזע לוויה פון דעם באַרימטן דייטשן סאָציאַל-דעמאָקראַט און פירער פּאַול ז י נ ג ע ר. שטייענדיק אויף דעם בריק פון דער בערלינער שטאָט-באַן האָב איך, דער פריש-אַנטלאָפענער אומלעגאַלער רעוואָלוציאָנער, צוגעקוקט ווי אַזוי די גרויסע, מעכטיקע לעגאַלע דייטשע פּאַרטיי באַערט אין אַ קאָלאָסאַלער דעמאָנסטראַציע פון הונדערטער טויזנטער מענטשן דעם אָנדענק פון איר גרויסן פירער.

דער פאַרגלייך צווישן דער געוואַלטיקער מאַכט פון דער דייטשער סאָציאַלדעמאָקראַטיע און דער שוואַכקייט פון אונדזער צעבראָכענער און באַזיגטער רוסלענדער פּאַרטיי האָט אַרויסגערופן ביי מיר ניט וויניק מעלאַנכאָלישע געפילן — און אַביסל קנאה. אָבער שטאַרק און פעסט

איז געווען אין מיר דער גלויבן אין דער גרויסער צוקונפט פון אונדזער באַוועגונג. מיר וועלן אויסהאַלטן די שווערע צייט, מיר וועלן דערלעבן אַ נייעם באַרג-אַרויף, אונדזער שעה וועט קומען. און דאַן וועלן אויך מיר אין רוסלאַנד ווערן אַ מאַכט ווי די דייטשע גענאָסן.

מיט 22 יאָר שפּעטער בין איך געשטאַנען אויפן זעלבן אייזנבאַן-בריק און געקוקט אויף אַ געוואַלטיקער דעמאָנסטראַציע פון די היטלעריסטישע „שטורמיסטן". די מעכטיקע דייטשע סאָציאַלדעמאָקראַטיע איז געווען נאָך מער צעבראָכן און באַזיגט, ווי מיר אין רוסלאַנד אין 1911 . . . און אין רוסלאַנד האָט די רעוואָלוציע טאַקע געזיגט, אָבער גאָר ניט אַזוי ווי מיר האָבן זיך דאָס פאָרגעשטעלט אין אונדזערע צוקונפט-חלומות אין סטאָליפּינס צייטן. אָפט האָב איך זיך געמוזט אין די שפּעטערדיקע יאָרן איבערצייגן, ווי שווער עס איז פאָראויסזעען די צוקונפט, בפרט די נ אָ ע נ ט ע צוקונפט. וואָרים מען קען אַמאָל נאָך פאָראויסזעען די אַנטוויקלונג, ווען עס האַנדלט זיך וועגן זייער ווייטע עפּאָכעס, אָבער ביז גאָר ווייניק זיינען פאַראַן מענטשן וואָס זיינען פעאיק פאָרויסצוזאָגן די געשעענישן פון די קומענדיקע עטלעכע חדשים אָדער יאָרן.

אין יאַנואַר 1911 האָב איך אָבער געהאַט ווייניק חשק — און מאַטעריאַל — פאַר פילאָסאָפיש-היסטאָרישע באַטראַכטונגען. איך בין געווען איינגאַנצן פאַרטאָן אין די אויפגאַבעס און שטימונגען פון אונדזער פּאָליטישן קאַמף. איך האָב ענדלעך, נאָך אַ לאַנגער הפסקה, פון דאָס ניי באַקומען די מעגלעכקייט זיך אַריינצוואַרפן אין קאַמף. פאַר מיר האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער קאַפּיטל לעבן און קאַמף: נאָך ווילנע — וואָלאָגדע, נאָך וואָלאָגדע — בערלין.

2

בערלין—היידלבערג

ווען איך בין אַנטלאָפן פון מיין פאַרשיקונג אין וואָלאָגדע, האָב איך עס געטאָן ניט נאָר כדי אומצוקערן זיך צוריק צו פּאַרטיי-אַרבעט. אמת, פּאָליטישע אַרבעט איז נאָך אַלץ געווען פאַר מיר דאָס וויכטיקסטע און צענטראַלסטע, דאָך האָב איך אין יענעם מאָמענט געהאַט נאָך אַ צווייטן צוועק, מען קאָן זאָגן אַ וויסנשאַפטלעך-טעאָרעטישן. די קורצע צייט וואָס איך האָב זיך אין די יאָרן 1908—1910 פאַרנומען מיט שטודירן אידישע געשיכטע, האָט פאַר מיר געעפנט אַ נייעם געביט, וואָס האָט זיך מיר אויסגעדוכט צו זיין אויסעראָרדענטלעך אינטערעסאַנט פון מאַרקסיסטישן שטאַנדפּונקט. דאָס אייגנאַרטיקע שיקזאַל פון אידישן פאָלק, וואָס איז געווען אַ שטענדיקע טעמע אין אונדזערע דיסקוסיעס מיט אַנדערע פּאַרטייען און ריכטונגען (ציוניסטישע, אַסימילאַטאָרישע, ציוניסטיש-סאָציאַליסטישע, טעריטאָריאַליסטישע), האָט דאָך

זיכער געמוזט האָבן טיפערע וואָרצלען אין דער פאַרגאַנגענהייט, אין דער צוויי-טויזנט-יאָריקער געשיכטע פון אידנטום. וואָס טיפער איך האָב געפּרואווט גיין צוריק אין דער אידישער פאַרגאַנגענהייט, אַלץ נייע און נייע פּראָבלעמען פון געשכיטלעכער פאָרשונג און געשיכט-לעכן אויסטייטש זיינען פאַר מיר אויפגעקומען. און פאַר מיר איז אַלץ קלאָרער געוואָרן, אַז דווקא פון מאַרקסיסטיש-מאַטעריאַליסטישן שטאַנדפונקט איז די געשיכטע פון אידישן פאָלק איינע פון די אינ-טערעסאַנטסטע און נאָך אינגאַנצן ניט אויפגעקלערטע קאַפּיטלען פון דער מענטשלעכער געשיכטע.

נאָך אין ווילנע, ווען איך בין געווען אַ לערער אין דער אידישער גימנאַזיע אַנטאָקאָלסקי-גורעוויטש, האָב איך צווישן פּאַרטייאישע אַרבעטן שטענדיק געפונען צייט צו פאַרברענגען עטלעכע שעה אין דער סטראַשון-ביבליאָטעק, שטודירנדיק די ביכער פון שירער, בענציג-גער, און אַנדערע באַרימטע פאָרשער פון אידישער געשיכטע אין אָרי-גינאַל. איך האָב אַפילו געפּרובירט אַריינקוקן אין ווייסעס „דור דור ודורשיו", אָבער העברעאיש איז מיר אָנגעקומען זייער שווער. און שוין יעמאָלט האָב איך באַשלאָסן, אַז אויב עס וועט זיך טרעפן ווען עס איז אַ געלעגנהייט, וועל איך זיך פריי מאַכן פאַר עטלעכע חדשים פון דער פּאַרטיי-אַרבעט און פּרובירן זוכן אַ מאַרקסיסטישע דער-קלערונג פון דער אידישער אַנטוויקלונג.

איצט איז געקומען די געלעגנהייט, אויף וועלכער איך האָב גע-וואַרט. זיצנדיק אין בערלין אין דערוואַרטונג פון מיין פרוי, וואָס האָט געדאַרפט קומען אַהער מיטן קינד, האָב איך אַ 6—5 וואָכן פאַרבראַכט אין דער קיניגלעך-פּרייסישער ביבליאָטעק (די שפּעטערדיקע שטאַאַטס-ביבליאָטעק) שטודירנדיק אַלט-אידישע געשיכטע לויט די גרונט-ווערק פון די דייטשע, האָלענדישע, ענגלישע אויטאָריטעטן. איך האָב „אַנט-דעקט" וועלהאַוזענען, הוגאָ ווינקלערן, שטאַדע און פיל-פיל-אַנדערע. איך האָב זיך פאַרטיפט אין די ווערק פון דעליטצש, יערעמיאַס און אַנדערע „רעוואָלוציאָנערן" פון דער „באַבילאָנישער" שול, וואָס האָט יעמאָלט געמאַכט אַ רושם אין דער אויספאָרשונג פון דער אַלט-אָריענ-טאַלישער געשיכטע. איך האָב דורכגעשטודירט אויך קאַוטסקיס בוך וועגן „אַנטשטייאונג פון קריסטנטום", פאַרגלייכנדיק עס מיט יענע קוואַלן, אויף וועלכע ער פאַררופט זיך.

ווען מיין פרוי און קינד זיינען אָנגעקומען אין בערלין, זיינען מיר דאָרטן געבליבן נאָר עטלעכע טעג. איך האָב זיך שוין געהאַט לאַנג פאַרבונדן מיט מיין אַלטן פריינט אַ ל ג י ן, וואָס האָט יעמאָלט שטו-דירט אין היידלבערג און האָט דאָרטן געפירט דעם לעבן פון אַ דייטשן סטודענט, ווייט פון יעדער פּאָליטיק. און אַלגין האָט מיר געשריבן איין בריוו נאָכן צווייטן, רופנדיק אונדז צו זיך קיין היידלבערג. דאָרטן איז דאָס לעבן צוויי מאָל ביליקער ווי אין בערלין, דאָרטן איז אַ קליינע

רואיקע שטאָט, וואו קיינער וועט מיך ניט שטערן צו שטודירן און אַחוץ דעם איז דאָרטן פֿאַראַן זייער אַ גוטע ביבליאָטעק, וואו מען קאָן געפינען אַלץ, וואָס עס איז נייטיק פאַר מיין שטודיום. צו די דאָזיקע מעלות פון היידלבערג איז ביי מיר צוגעקומען נאָך אַ ספּעציעלע מעלה, וואָס דאָרטן האָט געלעבט אַלגין. ניט נאָר אַן אַלטער ליבער פריינט, וואָס איז געווען שטאַרק צוגעבונדן צו מיין פאַמיליע, נאָר אויך אַ מענטש, וואָס אויפן געביט פון טראַדיציאָנעלן אידישן וויסן און העברע-אישער שפּראַך האָט ער געוואוסט פיל מער פאַר מיר.

זיינען מיר אַוועקגעפאָרן קיין היידלבערג. באַזעצט זיך דאָרטן אין דעם זעלביקן הויז, וואו עס האָט געוואוינט אַלגין, אין אַ גרויסן מאַנסאַרדע-צימער, ביי אַן אַלטער דייטשער באַלעבאָסטע, און אָפּגע-לעבט עטלעכע חדשים ווי אַ דייטשער סטודענט. עס איז טאַקע געווען זייער ביליק דאָרטן און עס איז טאַקע געווען זייער רואיק און אַנגענעם. דאָס שטעטל איז געווען אַ וואונדערבאַר שיינע, און דער עולם דאָרטן איז געווען זייער אַן אַנגענעמער, און די ביבליאָטעק איז געווען אַ רייכע און באַקוועמע. דאָרטן האָב איך אָנגעשריבן מיין ערשטע אַרבעט אויפן געביט פון דער אידישער געשיכטע, — אַן אָפּהאַנדלונג וועגן ביבל-קריטיק און תנ״ך-פאָרשונג. די אַרבעט האָב איך אָנגעשריבן אויף רוסיש מיט דייטשע ציטאַטן, און אַלגין האָט איר איבערגעזעצט אין אַ גוטן אידיש מיט גוטע העברעאישע ציטאַטן. די אַרבעט איז אָפּגע-דרוקט געוואָרן אין צוויי נומערן „צוקונפט" און האָט אַרויסגערופן אין אונדזערע קרייזן אין אַמעריקע פיל אויפמערקזאַמקייט. איך דערמאָן זיך נאָך וועגן אַ באַגייסטערטן בריוו פון לעסינען, אין וועלכן ער פּרו-בירט, אַגב אורחא, אַרויסזאָגן זיינע אַן אייגענע טעאָריע צו דער ביבל-פאָרשונג.

אָבער מיין וויסנשאַפטלעכע אידיליע אין היידלבערג האָט גע-דויערט ניט זייער לאַנג. די חברים אין אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד" אין זשענעווע, מיין זריינט מאַרק ליבער אין פּאַריז און דער רעשט פון צענטראַלן קאָמיטעט אין רוסלאַנד האָבן מיט דער העכסטער אומגעדולד געוואַרט אויפן סוף פון מיינע שטודיומס. אמת, די פּאָלי-טישע לאַגע אין רוסלאַנד איז געווען אַ געדריקטע און חושכדיקע. אָבער דווקא דערפאַר האָט זיך די פּאַרטיי געניייטיקט אין יעדן איינצלנעם פון אירע טוערס. און אַחוץ דעם איז דער פּראָצעס פון שפּאַלטונג אין אויסלאַנד, צווישן די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס, גראָד יעמאָלט אָנגעגאַנגען מיט באַזונדערער שאַרפקייט, און דער ניט-באָלשעוויס-טישער פליגל פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי האָט מאָבי-ליזירט אַלע כוחות אין קאַמף קעגן לענינען און זיין גרופּע. אין זומער 1911 איז פאַר מיר געוואָרן פּסיכאָלאָגיש אוממעגלעך צו בלייבן ווייטער אין רואיקן היידלבערג אין אַ זייט פון פּאָליטישער און פּאַרטייאישער אַרבעט. און אפשר האָט אויף מיר פּסיכאָלאָגיש אויך געווירקט דער פאַקט, וואָס איך האָב פאַרשטאַנען, — וואָס מער איך האָב זיך פאַר-

טיפט אין דער אַלטער אידישער געשיכטע, — אַז די אַרבעט, אויף וועלכער איך האָב זיך פאַרמאָסטן, איז פיל גרעסער, איידער איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, און אַז עס וועלן זיך פאָדערן ניט חדשים, נאָר יאָרן און יאָרן, ביז איך וועל זיין אימשטאַנד צו קאָנסטרואירן אַ מער אָדער ווייניקער באַגרינדעטן באַנעם פון אידישער געשיכטע אין די ראַמען פון דער אַלגעמיינער געשיכטע. איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז איך זאָל אַריבערפאָרן קיין ציריך, וואו עס איז געווען אַ גרויסע בונדיסטישע קאָלאָניע, און זאָל פרובירן דאָרטן, ערשטנס, אָנפירן מיט דער בונדיסטישער אַרבעט אין דער קאָלאָניע און, צווייטנס, צו באַטייליקן זיך אַקטיוו אין דער פאַרטיי-פּאָליטישער אַרבעט פאַר רוסלאַנד און פאַר דער אַלגעמיינער עמיגראַציע אין אויסלאַנד. אַזוי ווי זומערצייט איז אַ טויטער סעזאָן אין די שווייצאַרישע סטודענטישע קאָלאָניעס, האָבן מיר שוין באַשלאָסן צו פאַרבינדן דאָס אַריבערפאָרן אין דער שווייץ מיט דער זומער-וואַקאַציע.

פאַראַן אויפן ברעג פון דער באַצויבערנד-שיינער פירוואַלדשטעטער אָזערע, — דער זעלביקער, אויף וועלכער איך האָב פאַרבראַכט דעם זומער 1903, — אַ שטעטל וועגיס ביים פוס פון וועלט-באַרימטן ריגי-באַרג, וואוהין עס פלעגן אין די פריערדיקע צייטן קומען צענדליקער טויזנטער טוריסטן פון אַלע עקן, און וואָס איז אַזוי אָפט באַשריבן געוואָרן אין רייזע-באַשרייבונגען און ראָמאַנען אין פאַרשיידענע שפּראַכן. אָט אין דעם שטעטל, אויף אַ בערגל אַרומגערינגלט מיט פרוכט-ביימער, אין אַ הויז פון אַ שווייצאַרישן פאַרמער, האָבן מיר געדונגען עטלעכע צימערן און דאָרטן האָבן זיך באַזעצט אין יולי און אויגוסט 1911 מאַרק ליבער מיט זיין פאַמיליע, איך מיט מיין פאַמיליע, ליבערס עלטערער ברודער באַרים גאָרעוו מיט זיין פרוי, און מעדעם. ניט ווייט פון אונדז, אין אַן אַנדער הויז, האָבן זיך באַזעצט מאַרטאָוו און זיין שוועסטער לידיא מיט איר מאַן טעאָדאָר דאַן. אויך אַ ריי אַנדערע גענאָסן זיינען אַהין געקומען פון צייט צו צייט, — אַזוי דער אַלטער מענשעוויק מאַרטינאָוו מיט זיין פרוי, יורי לאַרין (לוריע) מיט זיין שיינער יונגער פרוי, דער באַוואוסטער טעאָרעטיקער פון דער אַגראַר-פראַגע פּיאָטר מאַסלאָוו, און אַ ריי אַנדערע מענשעוויקעס און רעוואָלוציאָנערן, אַזוינע ווי אַנדריי סאָבאָל, וואָס איז גראָד געווען אַנטלאָפן פון סיביר, פון דער באַרימטער „אַמורער באַן"; סאַלי נאָכימזאָן, דער שפּעטערדיקער באָלשעוויסטישער קאָמיסאַר א"אַ. אַ געוויסע צייט האָט דאָרטן פאַרבראַכט אויך ח. ד. נאָמבערג, דער באַוואוסטער אידישער פובליציסט און שרייבער, וואָס איז אַמאָל געווען נאָענט צום „בונד" און האָט גראָד אין יענעם מאָמענט איבערגעלעבט אַ גייסטיקן קריזיס. אַזוי אַרום איז אין יענעם זומער דאָס שטעטל וועגיס געווען אַ מין צענטער פאַר דער אויסלענדישער עמיגראַציע.

אונדזער קאָלאָניע האָט געלעבט זייער אינטים און פריינטשאַפטלעך פאַרבונדן צווישן זיך. אונדזער אַלטער דריילינג: מערעם, ליבער

און איך, האָבן פּאָליטיש עוואָלוציאָנירט אַלע אין דער זעלביקער ריכטונג. מיר זײַנען נאָך ניט געװען קײן ריכטיקע מענשעװיקעס אין דעם זין פון פּאַרטײיאישקײט, אָבער אידעאָלאָגיש האָבן מיר אין אונ־דזערע שטענדיקע אונטערהאַנדלונגען און קאָנפערענצן מיט מאַרטי־נאָװן, מאַרטאָװון און דאַנען אױסגעפונען, אַז אונדזערע פּרינציפּיעלע און טעאָרעטישע אָנשױאונגען האָבן זיך זײער שטאַרק דערנעענטערט אײנע צו די אַנדערע. אָט אין יענעם זומער 1911 האָט זיך אין װעגים אײגנטלעך פאָרמירט יענער פּאָליטישער בלאָק פון „בונד" מיט די מענ־שעװיקעס, װאָס האָט מיט אַ יאָר שפּעטער געפונען זײַן אױסדרוק אין דעם באַרימטן „אױגוסט־בלאָק", װעגן װעלכן מיר װעט אױסקומען צו רײדן שפּעטער.

לענינס ריכטונג האָט שױן יעמאָלט געהאַט באַשלאָסן בײַ זיך די ענדגילטיקע שפּאַלטונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטײ. זײ האָבן געשפּאָלטן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פראַקציע אין דער דומע, זײ האָבן געגרינדעט אײגענע פּאַרטײ־אָרגאַנען, אָפיציעלע און געהײמע, אין פּעטערבורג, זײ האָבן צוזאַמענגערופן פּאַרטײ־קאָנפע־רענצן, רײן־באָלשעװיסטישע, אָבער װעלכע זײ האָבן דערקלערט אַלס קאָנפערענצן פון דער גאַנצער פּאַרטײ, און זײ האָבן געגרינדעט אין אױסלאַנד אַן אײגענעם צענטראַל־קאָמיטעט, װאָס זײ האָבן אָפיציעל דערקלערט אַלס צענטראַל־קאָמיטעט פון דער גאַנצער פּאַרטײ.

לענין האָט זיך באַזעצט מיט זײַן גרופּע אין עסטרײַכיש־גאַליציע, נאָענט צום רוסיש־עסטרײַכישן גרעניץ און האָט פון דאָרטן אָרגאַניזירט גוטע פאַרבינדונגען מיט זײַן אומלעגאַלער אַרבעט אין רוסלאַנד, באַ־זונדערס מיט דער באָלשעװיסטישער פראַקציע אין דער גאָסודאַרסט־װענער דומע. אמת, דער פאַרטרעטער פון דער באָלשעװיסטישער ריכ־טונג אין דער דאָזיקער דומע, דער דעפּוטאַט מ אַ ל י נ אָ װ ס ק י, האָט זיך שפּעטער אַרױסגעװיזן פאַר אַ פּראָװאָקאַטאָר און אַגענט פון דער צאַרישער אָכראַנע. און אין דער אמתן איז די פּראָװאָקאַטאָרישע ראָלע פון מאַלינאָװסקין אַנטדעקט געװאָרן ניט שפּעטער, נאָר טאַקע אין דער צײַט װען מיר זײַנען געװען אין װעגים און װין. דװקא די מענ־שעװיקעס בראש מיט מאַרטאָװון האָבן עפנטלעך געװאָרנט לענינען קעגן מאַלינאָװסקין און דאָס איז געװען אַ װאָרנונג, װעלכע איז ניט גע־װען געגרינדעט אױף השערות אָדער פּאַרטײ־רכילות, נאָר אױף אָנצוהע־רענישן, װאָס זײ האָבן באַקומען פון זײער פאַרלעסלעכע קװאַלן, װאָס זײ האָבן אָבער ניט געקאָנט פאַרעפנטלעכן (דער מענטש, װאָס האָט װעגן דעם איבערגעגעבן דער ערשטער, איז געװען דער פּרעזידענט פון דער דומע, אָבער עס פאַרשטײט זיך, אַז מען האָט זיך אױף אים ניט געטאָרט פאַררופן!). מאַלינאָװסקי האָט אָרגאַניזירט די שפּאַלטונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פראַקציע, ער איז דאָס געװען יענער, װאָס איז געפאָרן צו לענינען קײן גאַליציע אױף געהײמע זיצונגען פון באָלשעװיסטישן צענטראַל־קאָמיטעט, צו װעלכן מען האָט יעמאָלט

צוגעצויגן אויך סטאַלינען (ער איז אַריבערגעפאָרן פון פעטערבורג קיין פּאַראַנין און לענין האָט דאָרטן אָנגעפירט מיט זיין פּאָליטישער דער־ציאונג). אויף וויפיל איך בין געווען באַקאַנט מיט לענינס צוגאַנג צו אַזוינע פּראָבלעמען, צווייפל איך ניט, אַז לענין האָט שוין יעמאָלט געמוזט פאַרשטיין, אַז די באַשולדיקונגען קעגן מאַלינאָווסקין זיינען ניט קיין אויסגעטראַכטע. ניט געקוקט אויף דעם האָט ער, צוזאַמען מיט זינאָוויעוון און אַנדערע, אַרויסגעגעבן אַן ערן־דערקלערונג פאַר מאַלי־נאָווסקין און האָט געדראָט איבערצוגעבן מאַרטאָוון און דאַנען צו אַ פּאַרטיי־געריכט פאַר פאַרשפּרייטן בייזוויליקע רכילות קעגן אַזאַ „פאַר־דינסטפולן רעוואָלוציאָנער", ווי מאַלינאָווסקי. לענין, דער אַבסאָלוטער אַמאָראַליסט, האָט זיך אין גאַנצן ניט אינטערעסירט מיט דעם, וואָס מאַלינאָווסקי איז אין דער אמתן. פאַר אים איז נאָר געווען וויכטיק, אַז אין יענעם מאָמענט האָט מאַלינאָווסקי דורכגעפירט אַן אַרבעט, וואָס איז פאַר לענינען געווען נייטיק: געשפּאָלטן די פראַקציע, גע־האָלפן שפּאַלטן די פּאַרטיי, פאַרשטאַרקט דעם באָלשעוויסטישן פליגל, דיסקרעדיטירט און אָפּגעשוואַכט דעם מענשעוויסטישן. און ער האָט וואַרשיינלעך געטראַכט ביי זיך, אַז אויב די צאַרישע אָכראַנע איז אַזוי נאַריש, אַז זי העלפט אים, לענינען, דורך אַ געדונגענעם פּראָוואָקאַטאָר, איז דאָס איר ביזנעס. אַז מאַלינאָווסקיס פייערדיקע „באָלשעוויסטישע" רעדעס זיינען געשריבן און רעדאַקטירט געוואָרן אין דער אָכראַנע, האָט אים ווייניק וואָס געשטערט.

אָבער דער דאָזיקער אַמאָראַליזם פון לענינען האָט זיך אויסגע־דריקט ניט נאָר אין דער מעשה־מאַלינאָווסקי: די גאַנצע אַטמאָספערע אין דער פּאַרטיי איז געווען פאַרגיפטעט און פאַרסמט. לענין האָט באַוואוסטזיניק, מיט קאַלטער אויסרעכענונג, געשפּאָלטן די פּאַרטיי אומעטום, וואו זי איז ניט געווען באָלשעוויסטיש; ער האָט דיסקרע־דיטירט און קאָמפּראָמעטירט די פירערס פון די מענשעוויקעס מיט אַלע מיטלען און, דורך אַלע וועגן. און האָט אויפגעבויט זיין פערזענ־לעכע אייזערנע דיקטאַטור אין דער באָלשעוויסטישער אָרגאַניזאַציע.

עס פאַרשטייט זיך, אַז דער מענשעוויסטישער צד האָט זיך גע־מוזט פאַרטיידיקן און אַמאָל אַריבערגיין צו קעגן־אַטאַקעס. אַזוי האָט מאַרטאָוו אַרויסגעלאָזן זיין יעמאָלט באַרימט־געוואָרענע בראָשור: „באַלאַגערונגס־צושטאַנד אין דער פּאַרטיי", אין וועלכער ער האָט אויפ־געדעקט אַ ריי שוידערלעכע פאַקטן וועגן דעם, ווי אַזוי לענין האָט געפירט אַ דאָפּלטע פּאָליטיק אין דער פּאַרטיי, ווי אַזוי ער האָט אָפיציעל פאַרדאַמט די פּאָליטיק פון טעראָריזם און באַוואָפנטע עקספּראָפּריאַ־ציעס, און ניט־אָפיציעל האָט ער זיי אַליין אָרגאַניזירט דורך זיינע מענטשן; ווי אַזוי און מיט וועלכע מיטלען ער האָט באַקומען געלט פאַר זיין ריכטונג; ווי אַזוי ער האָט געשפּאָלטן די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַ־ציע מיט דער הילף פון געפעלשטע וואַלן, פאַלשע דאָקומענטן און אַנ־דערע אוממאָראַלישע מיטלען. עס איז געווען אויסערגעוויינטלעך כאַ־

ראַקטעריסטיש פאַר דער אַטמאָספּערע אין דעם מענשעוויסטישן פליגל פון דער פּאַרטיי, אַז מאַרטאָוום בראָשור האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע אומצופרידנקייט צווישן אַ טייל מענשעוויקעס: זיי האָבן ניט געצווייפלט אין דער אמתדיקייט פון די פאַקטן, וואָס מאַרטאָוו ברענגט, אָבער זיי האָבן געהאַלטן, אַז „מען דאַרף וועגן דעם ניט דערציילן", אַז מען טאָר דעם פּאַרטיי-קאַמף ניט דעגראַדירן צו אַזוינע אַנטפּלעקונגען, וואָס באַווייזן די מאָראַלישע אָפּגעלאָזנקייט פון אַ טייל פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אאַז"וו. אַ טייל מענשעוויקעס איז דורך מאַרטאָוום בראָשור אַזוי אַנטוישט געוואָרן אין דער גאַנצער אומלעגאַלער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער באַוועגונג, אַז זיי זיינען געוואָרן „ליקווידאַטאָרן": זיי האָבן געהאַלטן, אַז די אומלעגאַלע באַוועגונג איז אַזוי קאָרומפּירט און מאָראַליש צעפּוילט געוואָרן דורך דער שפּאַלטונג, אַז מען דאַרף זיך אין גאַנצן פון איר אָפּטרייסלען, אַז מען דאַרף די אומלעגאַלע פּאַרטיי „ליקווידירן" און אַריבערגיין אויסשליסלעך צו לעגאַלע און אָפענע פאָרמען פון דער מאַסן-באַוועגונג. זאָלן דאָס זיין קאָאָפּעראַטיוון, זאָלן דאָס זיין קראַנקן-קאַסעס, פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, קולטור-פאַראיינען, אַבי נאָר אָפענע און לעגאַלע, אונטער דעם קאָנטראָל פון די מאַסן און ניט געהיימע קרייזלעך, פאַרגיפטעטע דורך דער רייסעריי פון טעראָריסטיש-יאַקאָבינישע אינטעליגענטן.

דער „בונד" איז ניט געווען דירעקט באַטייליקט אין די רייסערייען צווישן די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס. ער האָט געהאַט זיינע אייגענע אָרגאַניזאַציעס מיט זיינע אייגענע טראַדיציעס און מיט זיין אייגענער מאָראַל, וואָס איז געווען זייער ווייט פון יענער, וואָס האָט געהערשט אין דער רוסלענדער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. אָבער מיר זיינען דאָך געווען פאַראינטערעסירט אין דעם, אַז עס זאָל עקזיסטירן אַ סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, און טאַקע אַ פאַראייניקטע. האָבן מיר די גאַנצע צייט געמאַכט אָנשטרענגונגען, כדי צו דערגרייכן אַ קאָמפּראָמיס, וואָס זאָל דערמעגלעכן די עקזיסטענץ פון אַן איינהייטלעכער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער באַוועגונג. מיר האָבן פאָרגעשלאָגן אַ קאָנפערענץ פון אַלע ריכטונגען. אָבער אַזוי ווי מיר האָבן ניט געוואָלט, אַז די דאָזיקע קאָנפערענץ זאָל געמאַכט ווערן פון די אויסלענדישע קרייזלעך, וואָס האָבן זיך ספּעציאַליזירט אין שפּאַלטונגען, און וואָס זיינען פּסיכאָלאָגיש געווען אומפעאיק צו אַן איינהייטלעכער אַקציע, האָט דער צענטראַל-קאָמיטעט פון „בונד" פאָרגעשלאָגן, אַז אַזאַ מין קאָנפערענץ זאָל פאָרקומען אין רוסלאַנד גופא און זאָל באַשטיין פון די אָרטיקע טוערס. אויף דעם דאָזיקן פאָרשלאָג פון „בונד" האָט לענין געענטפערט מיט אַן עפנטלעכער באַשולדיקונג, אַז דער „בונד" וויל ב כ י ו ו ן מאַכן די קאָנפערענץ אין רוסלאַנד, כדי די צאַרישע אָכראַנע זאָל האָבן אַ מעגלעכקייט צו אַרעסטירן אַלע רעוואָלוציאָנערן, דער עיקר די באָלשעוויקעס! מען קאָן זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַן איינדרוק לעניגס עפנטלעכע דערקלערונג האָט געמאַכט אויף די בונדיסטן.

מיר האָבן שוין מער ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט איבערצוגעבן לע־ נינען צו אַ פּאַרטיי־געריכט פאַר רכילות, האָבן מיר באַשלאָסן, און פאַרעפנטלעכט, אַז מיט אַ מענטשן, וואָס דערלויבט זיך אַזוינע אומגעהייערע באַשולדיגונגען קעגן צענטראַלן קאָמיטעט פון „בונד", קאָנען מיר מער ניט אָנהאַלטן קיין שום פּערזענלעכע און געזעלשאַפט־ לעכע באַציאונגען. אָבער לענין האָט נאָר געשמייכלט, — די באַצי־ אונג פון ניט־באָלשעוויקעס צו זיין מאָראַל און צו זיין פּערזענלעכקייט האָט אים גאַנץ ווייניק אינטערעסירט.

3

ציריך—ווין

אין די יאָרן 1910—1911 איז דער פּאָליטישער צענטער פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער עמיגראַציע אַריבערגעטראָגן געוואָרן, פון איין זייט — קיין פּאַריז, פון דער אַנדערער זייט — קיין ע ס ט ר י י ך. אין גאַליציע, צוערשט אין קראָקע, דערנאָך אין פּאָראָנין, האָט זיך באַ־ זעצט לענין מיט זיין „שטאַב", אין וועלכן עס איז יעמאָלט צום ערשטן מאָל אַריינגענומען געוואָרן אויך סטאַלין. אין ווין האָט זיך באַזעצט טראָצקי מיט זיין גרופּע און האָט דאָרטן אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן דעם זשורנאַל „פּראַוודאַ".

עסטרייך איז טאַקע געווען פאַר די רוסישע עמיגראַנטן אַ מער צוגעפּאַסטע לאַנד, איידער שווייצאַריע: עסטרייך האָט געהאַט אַ גע־ מיינזאַמען גרעניץ מיט רוסלאַנד. פון קראָקע און לעמבערג זיינען דורך די פּוילישע סאָציאַליסטן געגאַנגען אומלעגאַלע פאַרבינדונגען קיין רוס־ לאַנד. אי דער שמוגל פון אומלעגאַלער ליטעראַטור, אי די געהיימע בריוו־קאָרעספּאָנדענץ איז געווען גיכער און לייכטער פון עסטרייך, איידער פון ציריך און זשענעווע. אייגנטלעך האָט מען שוין לאַנג גע־ דאַרפט אַריבערקלייבן זיך פון דער קליינער און ווייטער שווייי־ צאַריע קיין עסטרייך. אָבער אין עסטרייך (ווי אין פּרייסן) איז געווען אַ קאָנסערוואַטיוו־מאָנאַרכיסטישע אָרדענונג און די רוסישע רעוואָלו־ ציאָנערן האָט מען דאָרטן ניט באַזונדערס ליב געהאַט. האָט מען גע־ מוזט בלייבן אין דער ווייטער אָבער פרייער שווייץ. אָבער גראָד אין די יאָרן 1910—1911 (דאָס איז דאָך שוין געווען קורץ פאַרן וועלט־ קריג!) זיינען די באַציאונגען צווישן עסטרייך און רוסלאַנד געוואָרן אַזוי פאַרשאַרפט, אַז די עסטרייכישע פּאָליציי האָט אויפגעהערט צו פאַרפאָלגן רוסישע רעוואָלוציאָנערן.

איך בין פון וועגים אַריבערגעפאָרן קיין ציריך וואו עס איז געווען אַ היפּשע בונדישע גרופּע.

אָבער שוין אין אַ פּאָר חדשים אַרום איז דווקא ביי מיר אויפגעקומען אַ נייער פּלאַן: אַריבערצוקלייבן זיך קיין ווין, קאָנצענטרירן דאָרטן אַ גרופּע בונדישע שרייבערס און פון דאָרטן רעדאַקטירן לעגאַלע זשורנאַלן, וואָס זאָלן אַרויסגעגעבן ווערן אין וואַרשע. פון ווין קיין וואַרשע זיינען די בריוו געגאַנגען איין טאָג און אויך אַראָפּכאַפּן זיך פון וואַרשע קיין ווין איז ניט געווען אַזוי שווער. איז ווין געווען דער פּאַסיקער צענטער פאַר אַזאַ מין ליטעראַרישער גרופּע. און גראָד האָט יעמאָלט אין ווין געלעבט סלאַוועק גראָסער, וואָס האָט זייער שטאַרק אונטערגעשטיצט דעם דאָזיקן פּראָיעקט. און אַזוי איז עס געבליבן. קיין ווין איז אַריבערגעפאָרן מעדעם פון זשענעווע, איך — פון ציריך; סלאַוועק איז שוין סײַ ווי סײַ געווען דאָרטן. אסתר איז יעמאָלט געווען אין בערלין, ד"ה גאָר ניט ווייט פון ווין. האָבן מיר נאָך אויסגעשריבן פון רוסלאַנד אַלגינען און ליטוואַקן, און אַזוי אַרום האָט זיך געשאַפן די בעסטע גרופּע בונדישע שרייבערס, וואָס מיר האָבן אין יענער צייט פאַרמאָגט. איידער מיר האָבן אָנגעהויבן אונדזער אַרבעט, האָבן מיר געמאַכט אַ ברייטע באַראַטונג, צו וועלכער עס זיינען געקומען אויך אַנדערע מיטגלידער פון אויסלענדישן קאָמיטעט אין זשענעווע (וולאַדימיר קאָסאָווסקי, קורסקי א"אַ) און אחוץ דעם האָבן זיך קיין ווין אָנגעהויבן צו ציען עמיגראַנטן, פּריש אַנטלאָפענע פון רוסלאַנד: טשעמערינסקי, דער געוועזענער „אומאָפּהענגיקער" פון מינסק; בנימין חפץ, דער שפּעטערדיקער טוער פון קאָמינטערן; א"אַ.

אונדזער אַרבעט האָבן מיר אָנגעהויבן מיט גרויס שוואונג און האָבן באַוויזן צוזאַמענצושטעלן זייער געלונגענע נומערן פון דער צייטשריפט „לעבנס-פראַגן", וואָס האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אין וואַרשע. אָבער אין וואַרשע זיינען אַרויס אין גאַנצן עטלעכע נומערן, און דער וואַרשעווער עקספּערימענט האָט געהאַט זייער אַ טראַגישן עפּילאָג, וועגן וועלכן איך וועל דערציילן שפּעטער. זיינען מיר געצוואונגען געווען אַריבערצוטראָגן דעם זשורנאַל קיין פּעטערבורג, וואו די פּאָליציייאישע צענזור-באַדינגונגען זיינען געווען פיל לייכטער, ווי אין וואַרשע. די גענאָסן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען אין פּעטערבורג מיט דרוקן און פאַרשפּרייטן דעם זשורנאַל, זיינען געווען מ. ראַפעס און הענריק ערליך, מיט דער הילף פון אַ ריי אינגערע גענאָסן, ווי ל. עטקין א"אַ.

אונדזער רעדאַקציע-אַרבעט איז געגאַנגען גאַנץ גלאַט, קיין גרויסע פּאָליטישע חילוקי דעות זיינען צווישן אונדז ניט געווען און די פּערזענלעכע באַציאונגען זיינען געווען זייער גוטע און אינטימע. איך רייד שוין ניט וועגן מעדעמען, סלאַוועקן און מיך, וואָס מיר זיינען נאָך פון די פריערדיקע צייטן אי פּאָליטיש, אי פּערזענלעך געווען שטאַרק פאַרבונדן צווישן זיך. מיינע באַציאונגען מיט אַלגינען זיינען געווען ברידערלעכע. אויך אסתר און ליטוואַק, ניט געקוקט אויף זייערע שטאַרקע אינדיווידואַליטעטן, זיינען זייער גוט אויסגעקומען מיט די איבעריקע מיטגלידער פון אונדזער קאָלעגיע. די פונקציע פון הויפּט-רעדאַקטאָר

איז געלעגן אויף מיר, הגם אין דער אמתן האָבן מיר געאַרבעט אַלס אַ גלייכבאַרעכטיקטע קאָלעגיע און אַלע באַשלוסן זיינען אָנגענומען געוואָרן אין פולשטענדיקער איינשטימיקייט. די הויפּט־שרייבערס זיינען געווען: מעדעם, אָלגין, ליטוואַק און אסתר. מעדעם האָט נאָך געשריבן אויף רוסיש און מען האָט אים געדאַרפט איבערזעצן אויף אידיש. דאָס־זעלבע איז געווען מיט גראָסערן. צום ווייניקסטן האָבן געשריבן סלאַוועק און איך. אַגב איז סלאַוועק געבליבן אין ווין נאָר אַ קורצע צייט אין עטלעכע חדשים ארום האָט דער צענטראַל קאָמיטעט אים אַרויסגערופן קיין רוסלאַנד, וואָרים ער האָט זיך גענייטיקט אין אַ מענטשן, וואָס זאָל קאָנען פאַרטרעטן דעם „בונד" ביי דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פראַקציע פון דער גאָסודאַרסטווענאַיאַ דומאַ.

דער „בונד" האָט ניט געהאַט גענוג געלט, כדי אויסצוהאַלטן אַזאַ מין אַפּאַראַט. אַחוץ דעם האָט קיינער פון אונדז ניט געהאַט קיין חשק צו זיין אַ „פּראָפעסיאָנאַל". איך האָב זיך בכלל פון דעם אָפּגעוואוינט פאַר דער צייט וואָס איך האָב געלעבט לעגאַל אין ווילנע און פאַרדינט אַלס לערער. מעדעמען האָט זיך איינגעגעבן צו באַקומען זייער אַ גוטע שטעלע אַלס ווינער קאָרעספּאָנדענט פון דער באַרימטער ראַדיקאַלער קיעווער ציַיטונג „קיעווסקאַיאַ מיסל". און ער איז געווען געוואַלטיק צופרידן פון זיין אַרבעט. און מיר האָט זיך איינגיכן איינגעגעבן צו באַקומען אַ שטעלע אין אַ פּאַטענט־אָפּיס. דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט דער פּערזענלעכער באַקאַנטשאַפט, וואָס איך האָב געשלאָסן אין ווין מיט אַ מערקווירדיקן מענטשן, וואָס האָט איבערגעלאָזן שפּורן אין דער געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. דאָס איז געווען דער אַלטער „נאַראָדניק", סעמיאָן לוואָוויטש קלאַטשקאָ.

קלאַטשקאָס ביאָגראַפיע קאָן מען געפינען אין די היסטאָרישע זאַמלונגען וועגן די אַלטע רוסישע רעוואָלוציאָנערן. אויף אידיש איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די לעצטע יאָרן זייער פיל מאַטעריאַלן וועגן קלאַטשקאָן אין דעם גרויסן זאַמלבוך פון „ייוואָ" וועגן דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג צווישן אידן.*) סעמיאָן (שמואל) קלאַטשקאָ האָט געשטאַמט פון אַ ווילנער באַלעבאַטישער פאַמיליע, וואָס איז פאַרוואַנדט מיט די ראָמס. ער איז אַריינגעטראָטן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון די נאַראָדניקעס צוזאַמען מיט טשאַיקאָווסקין, קראָפּאָטקינען און די אַנדערע באַרימטע טוערס. ער איז אין די 80־ער יאָרן אַריבערגעפאָרן קיין אַמעריקע און האָט זיך דאָ באַטייליקט אין די סאָציאַליסטישע קאָמונעס, וואָס זיינען יעמאָלט אין אַזאַ גרויסער צאָל געגרינדעט געוואָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. נאָך דעם דורכפאַל פון די דאָזיקע קאָמונעס האָט ער זיך אַנטוישט אין דער באַוועגונג, האָט זיך אומגעקערט קיין אייראָפּע און זיך באַזעצט אין דער שטאָט ווין. דאָ האָט ער פאַרקערט אין דעם קרייז פון די סאָציאַליסטישע פירערס, ווי וויקטאָר אַ ד ל ע ר, דער באַגרינדער פון דער עסט־

---

*) היסטאָרישע שריפטן, ב' 3, ווילנע 1939.

רייכישער פּאַרטיי (פּאַטער פון פרידריך אַדלער) א״אַ. ער האָט געפירט אַ ברייטע הויז, געווען געוואַלטיק גאַסטפריינטלעך און זיין אַלטמאָדי-שע, אָבער געמיטלעכע דירה אויף בעלוועדער-גאַס איז געווען דער צענטער פון דער פּראָגרעסיווער און סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ אין ווין. באַזונדערס פיל פלעגן ביי אים פאַרקערן, פאַרשטייט זיך, רוסישע עמיגראַנטן און רעוואָלוציאָנערן. ער האָט געהאַט צוויי טעכ-טער און אַ זון, אַלע זייער געבילדעטע און סימפּאַטישע מענטשן. די פרוי איז געווען אַן אויסגעצייכנטע קלאַוויר-שפּילערין, און אין דער פאַ-מיליע קלאַטשקאָ האָט געהערשט אַן אויסגערגעווינטלעך קולטורעלער און הויכער אינטעלעקטועלער ניוואָ. געלעבט האָט ער פון דעם, וואָס ער איז געוואָרן אַ פאַרוואַלטער אין אַ פּאַטענט-אָפיס, וואָס איז געגרינ-דעט געוואָרן פון זיינעם אַ קרוב און פריינט, דעם עסטרייכישן אינ-זשענער וויקטאָר קאַרמין, וואָס איז אויך געווען סאָציאַליסטיש געשטימט.

ווען איך האָב זיך באַקאַנט מיט קלאַטשקאָ אין 1911, איז ער שוין געווען אַן עלטערער מאַן מיט אַ ווייס בערדל און אומגעוויינטלעך סימ-פּאַטישע גוטע און קלוגע בלויע אויגן. דאָס איז געווען איינער פון די נאָבעלסטע און סימפּאַטישסטע מענטשן, וואָס איך האָב ווען ניט איז באַגעגנט אין מיין לעבן. און אַזאַ רעפּוטאַציע האָט ער געהאַט ביי אַלע, וואָס האָבן אים געקאַנט. אַן איבערצייגטער סאָציאַליסט און אַן אידע-אַליסט ביזן סאַמע לעצטן טאָג פון זיין לעבן, הגם אַליין פּאָליטיש ניט אַקטיוו, האָט ער קיין מאָל און קיינעם ניט אָפּגעזאָגט אין הילף און אונטערשטיצונג. מען פלעגט צו אים קומען ווי אין אַ באַנק, — אָבער אַ מערקווירדיקע באַנק, וואו אַלע האָבן נאָר גענומען און קיינער האָט ניט צוריקגעצאָלט. רוסישע רעוואָלוציאָנערן, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון סיביר און אָנגעקומען אין ווין, פלעגן פאַרפאָרן אין קלאַטשקאָס הויז, ווי אין אַן אכסניה. שווייצאַרישע עמיגראַנטן, וואָס פלעגן פאָרן אום-לעגאַל קיין רוסלאַנד, פלעגן מיטנעמען געלט נאָר ביז ווין, וואָרים אין ווין פלעגן זיי פאַרפאָרן צו קלאַטשקאָן און ביי אים נעמען געלט אויף צו פאָרן ווייטער. ווען טראָצקי האָט זיך באַזעצט אין ווין און האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן זיין זשורנאַל „פּראַוודאַ״, איז זיין הויפּט-„ספּאָנסאָר״ געווען קלאַטשקאָ, וואָס האָט זיך ממש פאַרליבט אין דעם טאַלענטירטן און גלענצנדיקן טראָצקי.

קלאַטשקאָ האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ רוסישן סאָציאַל-דעמאָקראַט, „איסקראַוויעץ״. צום „בונד״ האָט ער זיך באַצויגן פריינטלעך, אָבער פון דערווייטן. ניט געקוקט אויף דעם, האָט ער אויך אונדזער ווינער גרופּע געהאָלפן, אויב ניט מיט געלט, איז מיט אַלע מעגלעכע געפע-ליקייטן. מיט מיר פערזענלעך האָבן זיך ביי אים איינגעשטעלט פון אָנהייב אַן אויסערגעוויינטלעך פריינטלעכע באַציאונגען, ניט געקוקט אויף דעם גרויסן עלטער-אונטערשייד. און די פריינטשאַפט איז געווען

קעגנזייטיק, ווארים איך האָב שטאַרק ליב געקראָגן דעם אַלטן און האָב זייער הויך געשעצט אַ זיין שכל, אַ זיין פּילזייטיקע בילדונג, אַ זיין אומגעוויינטלעכע גוטסקייט און מענטשן־פריינטלעכקייט.

אין אַ פּאָר חדשים נאָך אונדזער באַקאַנטשאַפט רופט מיך איין מאָל קלאַטשקאָ אַריין און פרעגט מיך, צי וואָלט איך גענומען אַ שטעלע אין זיין פּאַטענט־אָפיס? און דערביי מאַכט ער אַ לאַנגע הקדמה. ער אַרבעט שוין אין אָפיס אַרום 25 יאָר און האָט נאָך קיין מאָל ניט פּרו־בירט אַריינעמען אין אָפיס אַן אַנגעשטעלטן פון די רוסישע רעוואָ־לוציאָנערן, ווייל ער האָט צוליב געוויסע דערפאַרונגען מורא געהאַט, אַז דאָס וועט זיך ענדיקן מיט אַ דורכפאַל. אָבער וועגן מיר האָט ער דאָס געפיל, אַז איך וועל קאָנען דאָרטן גוט אַרבעטן, און דעריבער וויל ער מאַכן דעם פּרוואו. דערקלער איך אים, אַז איך בין ניט קיין אינזשע־נער, ווייל איך האָב ניט געענדיקט די טעכנישע שול, און בין קיין מאָל ניט געווען קיין אַנגעשטעלטער און האָב קיין שום דערפאַרונג ניט אין קאָנטאָר־זאַכן. ווייס איך ניט צי וועל איך קאָנען דאָרטן עפּעס אויפ־טאָן. אָבער ער איז געווען זיכער אין דעם און האָט מיר אַזוי לאַנג איינ־גערעדט, ביז איך האָב באַשלאָסן צו מאַכן דעם עקספּערימענט. גע־דאַרפט האָב איך באַקומען גאָר אַ קליינע שטעלע ווי אַ שרייבער אין דער אָפּטיילונג פאַר „טרעיד־מאַרקס” (האַנדלס־מאַרקן). מען האָט דאָרטן געדאַרפט שרייבן בריוו צו די קונדן, אָבער ניט איך האָב געהאַט גענוג קענטעניש פון האַנדלס־דייטש (די קאָמערציעלע שפּראַך איז דאָך גאָר אַן אַנדערע, ווי די פּאָליטישע אָדער ליטעראַרישע) און ניט איך האָב געקאָנט שרייבן אויף דער מאַשין און ניט איך האָב געקאָנט סטע־נאָגראַפירן, און ניט איך האָב עפּעס געוואוסט וועגן דעם ענין „טרעיד־מאַרקס”. דאָס אַלץ האָב איך קלאַטשקאָן דערציילט. אָבער ער האָט ניט געוואָלט הערן פון קיין שום זאַך. „הייבט אָן צו אַרבעטן, און דאַן וועלן מיר זעען”.

די פּערספּעקטיווע צו פאַרדינען אַליין געלט און ניט זיין אָנגעוויזן אויף דער פּאַרטיי־קאַסע איז געווען פאַר מיר אַ געוואַלטיקע צוציאונגס־קראַפט. האָב איך באַשלאָסן צו פאָלגן דעם קלוגן קלאַטשקאָ.

איך בין קיין מאָל ניט געוואָרן קיין גוטער מאַשין־שרייבער און איך האָב זיך קיין מאָל ניט אויסגעלערנט סטענאָגראַפיע, און בין קיין מאָל ניט געוואָרן קיין גוטער אָפיס־אַרבעטער אין געוויינטלעכן זין פון וואָרט. אָבער דעם ענין „טרעיד־מאַרקס” האָב איך גיך באַגריפן און בין באַלד געוואָרן דער געהילף פונם דירעקטאָר, וואָס האָט אָנגעפירט די דאָזיקע אָפּטיילונג. דאָס איז געווען אַ דייטשער טשעך, וואָס האָט מיך צוערשט באַגעגנט זייער אומפריינטלעך, ווייל ער איז געווען ניט קיין גרויסער פריינט פון קלאַטשקאָן, אָבער מיט דער הילף פון קלאַטשקאָן און — אין דער ערשטער צייט — פון מיינע קאָלעגן אין אָפיס, וואָס האָבן

געהאַט רחמנות אויף אַן אויסלענדער, האָב איך באַלד פאַרנומען אַ גאַנץ פעסטע שטעלונג אין אָפּיס און האָב דאָרטן אָפּגעאַרבעט די גאַנצע יאָרן, וואָס איך האָב געלעבט אין ווין.

אַזוי אַרום איז מיין צייט אין ווין געווען פאַרטיילט אויף צוויי טיילן: דעם גאַנצן טאָג האָב איך געאַרבעט אין אָפּיס און טאַקע גאַנץ פעסט, און אין אָוונט האָב איך זיך פאַרנומען מיט פּאַרטיי־אַרבעט. אַחוץ דער בונדישער רעדאַקציע איז ביי אונדז געווען אַ בונדישער קלוב און אַ געמיינזאַמער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער קלוב, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט טראָצקי, בוכאַרין, ריאַזאַנאָוו און אַ ריי אַנדערע באַוואוסטע און שפּעטער באַרימט־געוואָרענע רוסלענדער סאָציאַליסטן פון פאַרשיידענע ריכטונגען. זייער אָפט האָב איך זיך באַגעגנט אין ווין אויך מיט ב. ב אָ ר אָ כ אָ ו, וואָס האָט דאָרטן געלעבט.

אָבער אַחוץ דעם איז ווין געווען די שטאָט, וואו מען האָט ניט געקאָנט לעבן מחוץ דער אָרטיקער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג. אין ציריך האָבן מיר זיך כמעט ניט באַטייליקט אין דער שווייצאַרישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. זי איז געווען יעמאָלט אַ קליינע און אַ שוואַכע, אָן גרויסע אידעאָלאָגישע פּראָבלעמען, אַזוי צו זאָגן אַ קליינשטעטלדיקע.

גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער האָט געטראָגן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע באַוועגונג אין עסטרייך, און ספּעציעל אין דער שטאָט ווין. דאָס איז שוין יעמאָלט געווען אַ פּאַרטיי פון הונדערטער טויזנטער מיטגלידער מיט אַ שטאַרקער אָרגאַניזאַציע; מיט שטאַרקע געווערקשאַפטן; מיט די באַרימטע „אַרבעטער־היימען”, וואָס זיינען געווען צענטרען פון דער גאַנצער אַרבעטערשאַפט; מיט גראַנדיעזע גאַסן־דעמאָנסטראַציעס, וואַל־קאַמפּעינס, מיט אַ שטאַרקער פּרעסע און אַ גלענצנדער אינטעלעקטועלער פירערשאַפט, וואו עס האָבן געגלאַנצט אַזעלכע נעמען, ווי וויקטאָר אַדלער, רודאָלף הילפערדינג, דער פילאָסאָף מאַקס אַדלער, קאַרל רענער־שפּרינגער, אָטאָ באַוער, פרידריך אַדלער, קאַרל לייטנער, דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער ווינער „אַרבעטער־צייטונג”, פ. אויסטערליץ, א”א.

אָט מיט דער דאָזיקער פּלעיאַדע באַרימטע סאָציאַליסטן, גלענצנדע שרייבערס און מאַרקסיסטישע טעאָרעטיקער האָב איך אין ווין געשלאָסן באַקאַנטשאַפט און מיט אייניקע פון זיי — פריינטשאַפט.

יעדן שבת ביינאַכט האָט זיך דער פירנדיקער קרייז ווינער סאָציאַליסטן פאַרזאַמלט אין קאַפע צענטראַל, צוזאַמען מיט זיי די אויסלענדישע עמיגראַנטן, וואָס האָבן דאָרטן געלעבט, דער עיקר רוסן. מען איז געזעסן ביי טישלעך, ביי אַ גלעזל ווינער קאַווע, און מען האָט געשמועסט. דאָס איז געווען אַ מין צוזאַמענטרעף פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אינטעליגענץ פון דער שטאָט ווין. ביי איין טיש איז גע־

זעסן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַדוואָקאַט ווינטער מיט זיין גע־וואַלטיקער שוואַרצער „טעאָדאָר־הערצל״־באָרד און האָט דיסקוטירט מיט דעם אַלטן ווילהעלם עלענבאָגן. ביי אַ צווייטן טיש האָט הילפּער־דינג זיך געקיבעצט מיט טראָצקין; ביי אַ דריטן טיש איז געזעסן ריאַ־זאַנאָוו מיט אַטאַ באַוערן און מיט נאָך עמיצן און האָט מיט זיין דונער־דיקן באַס דערציילט וועגן די לעצטע אַנטדעקונגען, וואָס ער האָט גע־מאַכט אין מאַרקסעס אַרכיוו. אין דעם דאָזיקן קאַפע פלעגט אויך אַמאָל אַריינקומען זיגמונד פרויד, דער באַגרינדער פון „פּסיכאָ־אַנאַליז״, און ד״ר אַלפרעד אַדלער, דער באַגרינדער פון „אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע״, וואָס זיין פריינט און מיטאַרבעטער ד״ר פורטמילער איז געווען קלאַטש־קאָס איידעם.

דורך דעם קאָנטאַקט מיט די עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און מיט די גרויסע מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען יעמאָלט בראש פון דער ווינער באַוועגונג, איז אויך אונדזער קאָלאָניע אַריינגעצויגן געוואָרן טי־פער אין אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק און דערהויבן געוואָרן אויף אַ העכערער מדרגה פון פּאָליטישן באַוואוסטזיין און קולטור. באַזונדערס אינטים זיינען געווען אונדזערע פאַרבינדונגען מיט די עסטרייכישע גע־נאָסן אין דער צייט פון דער מלחמה, וואָס איז אויך אין אַ פּאָר יאָר אַרום אויסגעבראָכן.

אין 1913, דוכט זיך, בין איך געווען דער דעלעגאַט פון „בונד״ אויף עם צוזאַמענפאָר פון דער עסטרייכישער פּאַרטיי. ביי אונדזער טיש פאַר די אויסלענדישע געסט איז געזעסן אויך אַ פּוילישער דעלע־גאַט, אַ הויכער מיט לאַנגע וואָנצעס. דאָס איז געווען — פּ י ל־ס ו ד ס ק י.

4

ענדגילטיקע שפּאַלטונג פון דער רוסלענדער פּאַרטיי. — קאָנפערענץ פון „בונד״

אין דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי האָט זיך גראָד אין יענע יאָרן אַלץ מער פאַרטיפט און פאַרשטאַרקט די שפּאַלטונג. אויף דער לעצטער פולער זיצונג פון דעם געמיינזאַמען צענטראַל־קאָ־מיטעט, וואָס איז פאָרגעקומען אין פּאַריז אין 1910, זיינען די באַציאונ־גען צווישן די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס אין גאַנצן צעריסן גע־וואָרן. די באָלשעוויקעס האָבן דערקלערט, אַז ז י י זיינען דאָס די פּאַר־טיי, וואָרים זיי האָבן דאָך אויף דעם לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר באַקומען אַ מערהייט פון אַ פּאָר שטימען.

ביי אַזוינע באַדינגונגען איז געווען פאַרשטענדלעך, אַז אויך דער „צווייטער צד״ זאָל זיך אָרגאַניזירן. דער צווייטער צד זיינען געווען די

מענשעוויקעס, דער „בונד“, וואָס איז אַלץ נעענטער און נעענטער צו־געקומען אידעאָלאָגיש צו די מענשעוויקעס, און אַנדערע גרופּעס, צווישן זיי די גרופּע פון טראָצקין.

טראָצקי איז טעאָרעטיש, אין זיין באַנעמונג פון דער רוסישער רע־וואָלוציע, ניט געווען מסכים ניט מיט די באָלשעוויקעס און ניט מיט די מענשעוויקעס. צוזאַמען מיט פּאַרוואוסן און ראָזאַ לוקסעמבורג האָט ער פאַרטראָטן גאָר אַ באַזונדערע שיטה אין דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, ווי איך האָב דאָס שוין געשילדערט, דערציילנדיק וועגן לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר 1907. אָבער אין די אָרגאַניזאַציע־פראַגעס איז טראָצקי געגאַנגען קעגן די באָלשעוויקעס און האָט ניט געוואָלט דער־לאָזן די דיקטאַטור פון לענינס גרופּע אין דער פּאַרטיי.

טראָצקי האָט אין זיין ווינער גרופּע ניט געהאַט אַרום זיך קיין באַ־דייטיקע פּערזענלעכקייטן. אַ טייל זיינען געווען קלענערע פּאַרטיי־טוערס, וואָס האָבן קיין ראָלע ניט געשפּילט, אַ טייל זיינען געווען יונגע סטודענטן, וואָס האָבן געקוקט אויף טראָצקין ווי אויף זייער רבין. בכלל איז טראָצקיס גרופּע געווען אַ כאַראַקטעריסטישער ביישפּיל פון יענע קרייזלעך, וואָס בילדן זיך אַרום שטאַרקע פּערזענלעכקייטן מיט אַ הער־שערישן כאַראַקטער. אָבער פונדעסטוועגן זיינען אין טראָצקיס נאָענ־טער סביבה געווען צוויי מענטשן, וואָס האָבן אין די שפּעטערדיקע יאָרן, מאַקע דורך טראָצקין און אַ דאַנק טראָצקין, — פאַרנומען אַ וויכטיקן פּלאַץ אין דער רוסישער רעוואָלוציע. איינער איז געווען דער רוסישער סטודענט מאַטוויי ס ק אָ ב ע ל ע װ, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַ דע־פּוטאַט אין דער פערטער דומע און איז נאָך דער רעוואָלוציע 1917 גע־וואָרן איינער פון די פירערס פון סאָוועט און אַ מיניסטער אין דער קע־רענסקי רעגירונג; דער צווייטער איז געווען דער אידיש־רוסישער סטודענט אַדאָלף י אָ פ ע, וואָס האָט זיך באַטייליקט אַלס אַ פאַרטרע־טער פון דער סאָוועט־רעגירונג אין די ברעסט־ליטאָווסקער שלום־אונ־טערהאַנדלונגען און איז שפּעטער געווען סאָוועטישער אַמבאַסאַדאָר אין בערלין, אין 1918. אין זומער 1912 האָט קיינער פון אונדז ניט געקאָנט פאָראויסזען דעם צוקינפטיקן גורל פון די מענטשן, מיט וועלכע מיר האָבן געלעבט צוזאַמען אין ווין. אָבער טראָצקי און זיין גרופּע האָבן פאַרנומען אַ באַשטימטן פּלאַץ אין דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַ־טיע, און ווען עס זיינען אויפגעקומען שמועסן וועגן בילדן אַ מין קאָנ־צענטראַציע פון אַלע כוחות אין דער פּאַרטיי, האָט מען זיך געווענדעט אויך צו טראָצקין.

אין אויגוסט 1912, כמעט אין דערזעלביקער צייט ווען ס׳איז פאַר־געקומען די באָלשעוויסטישע קאָנפערענץ אין פּראַג, איז אין ווין פאַר־געקומען אַ צוזאַמענפאָר פון אָט די אַלע עלעמענטן. ער איז אַריין אין דער געשיכטע פון דער רוסלענדער פּאַרטיי אונטער דעם נאָמען „אויגוסט־צוזאַמענפאָר“, און דער קאָמיטעט וואָס מען האָט דאָרטן געשאַפן האָט

באַקומען דעם נאָמען „אויגוסט-בלאָק“. אין דעם צוזאַמענפאָר האָבן זיך באַטייליקט די מענשעוויקעס, דער „בונד“ סיי דורך אויסלענדישע פּאַרטרעטער, סיי דורך דעלעגאַטן ספּעציעל צוגעשיקט פון אַ ריי אָר־גאַניזאַציעס אין רוסלאַנד. געווען אויך לאַטווישע, ליטווישע, פּוילישע (פּ.פּ.ס.) און אוקראַאינישע גרופּעס. עס זיינען איינגעלאַדן געוואָרן פאַר־שיידענע ניט-פראַקציאָנעלע גרופּעס פון רוסלאַנד, וואָס האָבן ניט באַ־לאַנגט ניט צו די באָלשעוויקעס, ניט צו די מענשעוויקעס. אייניקע פון די דאָזיקע גרופּעס האָבן צוגעשיקט זייערע דעלעגאַטן, צווישן זיי איז אויך געווען אַ דעלעגאַט פון מאָסקווע („פּיאָטר“), וואָס איז פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ באָלשעוויק. ער איז טאַקע געווען אַ באָלשעוויק, אָבער אין דער זעלבער צייט, — ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוואוסט, — אויך אַ פּראָוואָקאַטאָר. אָבער אויפן צוזאַמענפאָר אין ווין האָט ער זיך געהאַלטן ווי אַ כשרער באָלשעוויק און האָט מיט זיינע „רעוואָלוציאָ־נערע“ אַרויסטרעטונגען שטאַרק געשטערט דער אַרבעט פון צוזאַמענ־פאָר. אַ צווייטער שטערער, מיט וועלכן מיר האָבן געהאַט אומאויפהער־לעכע סקאַנדאַלן, איז געווען אַ ל ע ק ס י נ ס ק י, דער געוועזענער דעפּוטאַט פון דער צווייטער דומע, דער פריערדיקער פירער פון באָלשע־וויסטישן פליגל אין דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פראַקציע, וואָס איז איצט געווען אַ פאַרטרעטער פון דער גרופּע „ווּפּעריאָד“. אָבער ער האָט בשום אופן ניט געקאָנט זיין מיט אונדז. ער איז אַוועק פון צוזאַמענפאָר און האָט דערנאָך אַרויסגעלאָזן אַ גאַנצע ריי פּאַסקווילן קעגן טראָצקין און קעגן מיך, — קעגן מיך וואַרשיינלעך דערפאַר, וואָס איך בין געווען אין פּרעזידיום פון צוזאַמענפאָר און האָב געהאַט, אַלס פּאָרזיצער, זייער אָפט צוזאַמענשטויסן מיט אַלעקסינסקין צוליב זיינע כוליגאַנישע אָנ־גריפן אויף אַנדערע גענאָסן.

דער אויגוסט-צוזאַמענפאָר האָט געהאַט אַ געוויסע באַדייטונג פאַר דער דערנעענטערונג צווישן די מענשעוויקעס און דעם „בונד“, אָבער די אַנדערע מיטל-גרופּעס אין דער רוסלענדער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע האָט זיך ניט איינגעגעבן צו אָרגאַניזירן אין איין פעסטער מערהייט. אויך טראָצקיס שטעלונג צו דעם „אָרגאַניזאַציע-קאָמיטעט“ (אָ-קאָ) איז גע־ווען ניט קיין פעסטע, וואָרים טראָצקי האָט די גאַנצע צייט געשטרעבט צו שאַפן אַן אייגענע אָרגאַניזאַציע, מיט אַן אייגענעם אָרגאַן.

כמעט אין איין צייט מיט דעם אויגוסט-צוזאַמענפאָר איז אויך פאָר־געקומען די ניינטע קאָנפערענץ פון „בונד“ און טאַקע אויך אין ווין. די דאָזיקע קאָנפערענץ האָט זיך פאַרנומען דער עיקר מיט דורכדיסקו־טירן די אַלגעמיינע פּאָליטישע פּראָבלעמען און מיט אויפשטעלן די אָר־גאַניזאַציע פון „בונד“. דאָס איז געווען די ערשטע קאָנפערענץ נאָך דעם גרויסן קריזיס, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין רוסלאַנד אין 1907—1910. אין רוסלאַנד גופא האָט זיך 1911—1912 אָנגעהויבן אַ פּאָליטישער איבערברוך. די פּאָליטישע רע־אַקציע איז אַזוי ווי אויסגעשעפּט געוואָרן, דער שווערער עקאָנאָמישער

קריזיס, וואָס האָט אַזוי אָפּגעשוואַכט די לאַגע פון אַרבעטער־קלאַס אין רוסלאַנד, האָט זיך געענדיקט און צוזאַמען מיט דער עקאָנאָמישער אויפלעבונג אין לאַנד האָט זיך אויך אָנגעהויבן אַ פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע אויפלעבונג. די געשעענישן אין די לענאַ גאָלד־גרובן (אין סיביר), וואו די פּאָליציי האָט דערשאָסן אַ סך סטרייקנדיקע אַרבעטער, האָבן אַרויסגערופן איבערן גאַנצן לאַנד אַן אומדערוואַרטעט שטאַרקן אָפּקלאַנג. אויך די וואַלן צו דער פערטער דומע האָבן מיטגעהאָלפן אַריינצוברענגען פּאָליטישע אַקטיוויקייט אין די מאַסן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער אויפשטייג פון דער פּאָליטישער באַוועגונג, און עס איז געשטאַנען די פראַגע, אין וועלכע פאָרמען עס קאָן זיך אויסגיסן די אָנוואַקסנדיקע כוואַליע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג?

אין די רייען פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און בונדיסטן זיינען געווען יעמאָלט צוויי הויפּט־ריכטונגען בנוגע צו אונדזער טאַקטיק. עס איז געווען אַן עקסטרעם־באָלשעוויסטישער פליגל, וואָס האָט אַלע פאַרשיידענע לעגאַלע וועגן און מעגלעכקייטן אָפּגעשאַצט זייער נידעריק און האָט געהאַלטן, אַז די איינציקע אויפגאַבע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז — זיך גרייטן צו אַ נייער רעוואָלוציע און צו בויען דעריבער ווייטער די רעוואָלוציאָנערע אומלעגאַלע אויפשטאַנד־אָרגאַניזאַציע. אַ צווייטע עקסטרעמע ריכטונג האָבן פאַרטראָטן אַ טייל רעכטע מענשעוויקעס, וואָס זייער וויכטיקסטער וואָרטפירער איז געווען פּ אָ ט ר ע ס אָ ו. דאָס זיינען געווען די אַזוי־גערופענע „ליקווידאַטאָרן", וואָס האָבן געהאַלטן, אַז די אומלגאַלע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע דאַרף מען בכלל ליקווידירן, און אַז מען דאַרף אַלע כוחות פון דער דעמאָקראַטישער אינטעליגענץ קאָנצענטרירן אַרום דער לעגאַלער מאַסן־אַרבעט, וואָס מען קאָן פירן אויפן גרונט פון די עקזיסטירנדיקע מעגלעכקייטן.

דער גרעסטער טייל פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, סײַ פון באָלשעוויסטישן, סײַ פון מענשעוויסטישן פליגל, האָט פּ ר אַ ק ט י ש אָפּגעוואָרפן אי איין שטאַנדפּונקט, אי דעם צווייטן. זיי האָבן אין זייער טעטיקייט קאָמבינירט ביידע עלעמענטן: אי די לעגאַלע מעגלעכקייטן, אי די אומלעגאַלע פּאַרטיי.

ביי אַנדערע באַדינגונגען און באַציאונגען אין דער פּאַרטיי וואָלט אפשר געווען מעגלעך אַ קאָמפּראָמיס צווישן די צוויי צענטראַלע שטימונגען, — און דאָס אייגנטלעך איז געווען דער צוועק פון דער „אויגוסט־קאָנפערענץ" אין ווין. אָבער ביי דעם שאַרפן פראַקציאָנעלן קאַמף איז אויסגעקומען, אַז די באָלשעוויקעס האָבן באַשולדיקט די מענשעוויקעס אין „פאַרראַטן די רעוואָלוציע" און „אויסדינען זיך ביי סטאָליפּינען". און די מענשעוויקעס האָבן באַשולדיקט די באָלשעוויקעס אין רעוואָלוציאָנערן אַוואַנטוריזם, וואָס אָפּפערט די פּראַקטישע אינטערעסן און נייטיקייטן פון די אַרבעטער־מאַסן צוליב אומזיניקע רעוואָלוציאָנערע פאַרשווערונגען.

די פּאָליטישע אויפלעבונג האָט געהויבן די שטימונג פון די אַרבעטער-מאַסן אין די גרויסע שטעט און עס האָט זיך באַקומען דער איינדרוק, אַז די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אין רוסלאַנד הייבט אָן ווידער צו ווערן אַ שטאַרקער כוח. די פריערדיקע שטימונגען פון אַנטוישונג און יאוש האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן. דער אינטערעס צו דער פּאַרטיי האָט אָנגעהויבן ווידער צו וואַקסן. און אונטער דער ווירקונג פון דער שטימונג האָבן זיך אויך אין דער פּאַרטיי פאַרשטאַרקט יענע עלעמענטן, וואָס האָבן געוואָלט מאַכן אַ סוף צו די שטענדיקע מחלוקות צווישן די פראַקציעס און האָבן געשטרעבט צו אַ פאַראייניקונג פון אַ ל ע פּאַרטיי-כוחות. עס איז אויפגעקומען דער פּלאַן צו ווענדן זיך צו דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, ער זאָל זיך אַריינלייגן אין ענין און זאָל שאַפן פרידן אין דער רוסלענדער באַוועגונג. מיט עטלעכע יאָר פריער איז שוין געווען אַזאַ פאַל: דאַן האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ שפּאַלטונג אין דער פראַנצויזישער פּאַרטיי, און דורך דער אינטערווענץ פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך איינגעגעבן צו פאַראייניקן אין איין פּאַרטיי די צוויי קעמפנדיקע צדדים: די „געדיסטן" און די „זשאָרעסיסטן". אפשר קאָן מען דאָס זעלבע מאַכן מיט די רוסישע פּאַרטיי-קאַמפן?

דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל, וואָס זיין ביורא האָט זיך יעמאָלט געפונען אין בריסעל, איז אויף דעם איינגעגאַנגען. אין פרילינג 1914 זיינען איינגעלאַדן געוואָרן קיין בריסעל אַלע פּאַרטייען און גרופּעס פון דער רוסלענדער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. די באַרימטסטע און קאָמפּעטענטסטע פירערס פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, אַזוינע ווי קאַרל קאַוטסקי, עמיל וואַנדערוועלדע, קלאַראַ צעטקין, זשאָרעס, הויסמאַנס, וויקטאָר אַדלער האָבן געטאָן אַלץ, וואָס זיי האָבן געקאָנט, כדי פאָרצושלאָגן אַ קאָמפּראָמיס. אָבער די באָלשעוויקעס האָבן פאַרניכטעט יעדע מעגלעכקייט פון אַ פאַרשטענדיקונג. לענין אַליין איז אַפילו ניט געקומען צו דער בעראַטונג. ער האָט געשיקט, אָנשטאָט זיך, איינעם פון זיינע יונגעלייט מיט אַ געשריבענער דעקלאַראַציע, און אין דער דעקלאַראַציע איז געמאַכט געוואָרן אוממעגלעך יעדער קאָמפּראָמיס. די שפּאַלטערישע ראָלע פון די באָלשעוויקעס איז געווען יעמאָלט אויף אַזוי פיל קלאָר, אַז אַלע פראַקציעס און פּאַרטייען פון רוסלענדער סאָציאַליזם, וואָס זיינען געווען פאַרטראָטן אין בריסעל, האָבן פּאַקטיש פאַראורטיילט די טאַקטיק פון לענינען.

עס איז מערקווירדיק, אַז צו דער דאָזיקער געמיינזאַמער דערקלערונג איז צוגעשטאַנען אויך ראָזאַ לוקסעמבורג, וואָס האָט אין די פריערדיקע צייטן שטענדיק פּאַרטיידיקט לענינען, און עס קאָן זיין, אַז די דאָזיקע אינטערווענץ פון אינטערנאַציאָנאַל וואָלט דאָך געקאָנט האָבן אַ ווירקונג אויף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון די רוסישע פּאַרטיי-ענינים. אָבער אין אַ פּאָר חדשים אַרום איז אויסגעבראָכן דער וועלט-קריג.

ערשטע וועלט־מלחמה

1
ערב מלחמה

די פּאָליטישע כוואַליע אין רוסלאַנד איז געשטיגן און מיט דעם צו־זאַמען האָט זיך פאַרשטאַרקט די אָרגאַניזאַציע און די פּאָליטישע טעטי־קייט פון „בונד" אין רוסלאַנד.

אונדזער זשורנאַל, וואָס מיר האָבן רעדאַקטירט אין ווין און אַרויס־געגעבן אין רוסלאַנד, איז געגאַנגען גאַנץ היפּש און האָט געהאַט אַ באַ־דייטיקע ווירקונג. די וואַלן צו דער 4־טער דומע זיינען דורכגעגאַנגען בעסער איידער מיר האָבן געקאָנט דערוואַרטן, און מיר האָבן אַפילו צום ערשטן מאָל באַוויזן דורכצופירן אין דומע אַ ה א ל ב ן דעפּוטאַט. איך זאָג אַ „האַלבן" דעפּוטאַט, ווייל אין וואַרשע האָבן מיר, צוזאַמען מיט די פּ. פּ. ס., באַוויזן אויסצוקלייבן, אַלס דעפּוטאַט פון וואַרשעווער אַר־בעטער, דעם פּוילישן אַרבעטער י אַ ג ע ל אָ, וואָס איז אין דומע אַריין אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פראַקציע. אַזוי ווי יאַגעלאָ איז געווען אַ געמיינזאַמער דעפּוטאַט פון די פּוילישע און אידישע אַרבעטער פון דער שטאָט וואַרשע און איז אויסגעקליבן געוואָרן מיט דער אונטער־שטיצונג פון די בונדישע שטימען, האָבן מיר געהאַט דאָס רעכט אים צו באַטראַכטן אויף אַ העלפט ווי אונדזער דעפּוטאַט.

כדי צו פאַרשטאַרקן די בונדישע אַרבעט ביי דער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישער פראַקציע פון דומע, האָבן מיר, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, געשיקט קיין פּעטערבורג סלאַוועק ג ר אָ ס ע ר ן. אָבער ער האָט דאָרטן ניט לאַנג אָפּגעאַרבעט. אין עטלעכע חדשים אַרום בין איך געזעסן שפּעט אין אָוונט צוגאַסט ביי מעדעמען מיט מיין פרוי, ווען מען האָט אָנגע־קלונגען און געבראַכט אַ טעלעגראַם. די טעלעגראַם איז געווען פון פּע־טערבורג און אין איר זיינען געשטאַנען נאָר עטלעכע ווערטער: „בראָ־ניסלאַוו גראָסער היינט געשטאָרבן פון טיפוס". ווי פאַרשטיינערט זיי־נען מיר געבליבן זיצן שווייגנדיק, קיינער פון אונדז האָט מער ניט אויס־גערעדט קיין וואָרט, אָבער איך וועל קיין מאָל ניט פאַרגעסן דעם האַרטן, פאַרשטיינערטן אויסדרוק פון מעדעמס געזיכט, ווען ער איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און האָט זיך אַפילו מיט אונדז ניט געזעגנט, ווען מיר זיינען שווייגנדיק אַוועק אַהיים.

אָבער נאָך אין עטלעכע חדשים אַרום איז אונדזער ווינער רעדאַקציע־גרופּע ווידער פאַרקלענערט געוואָרן: מעדעם האָט באַשלאָסן צוריקצוקערן זיך קיין רוסלאַנד. די מעשה פון דעם איז געווען אַזוי: מעדעם האָט געהאַט אויף זיך אַ „דיעלאָ" נאָך פון די אַלטע צייטן, ווען ער איז אַרעסטירט געוואָרן אין מינסק. ער האָט יעמאָלט עמיגרירט קיין אויסלאַנד און איז געווען אומלעגאַל. די רעוואָלוציע 1905 האָט אים אַמנעסטירט, אָבער מען איז ניט געווען זיכער, אַז די נייע פּאָליטישע „פאַרברעכנס", וואָס מעדעם איז באַגאַנגען זינט 1905, זיינען אומבאַמערקט געבליבן אין דער אָכראַנע. פאַרקערט, נאָך דער אַנטפּלעקונג פון קאַפּלינסקים פּראָוואָקאַציע, איז געווען אַבסאָלוט זיכער, אַז די רוסישע זשאַנדאַרמעריע ווייסט אַלץ וועגן מעדעמס פּאָליטישער טעטיקייט אין „בונד" און אין דער פאַרטיי. איז ער דעריבער געבליבן אומלעגאַל. אָבער אין 1913 יאָר איז לכבוד דעם דרייהונדערט־יאָריקן יובל פון דער ראָמאַנאָוודינאַסטיע אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ נייע פּאָליטישע אַמנעסטיע. לויט איר טעקסט איז יעדנפאַלס אויסגעקומען, אַז מעדעם איז געוואָרן לעגאַל, ווייל אַלע זיינע פאַרברעכנס זיינען געווען ליטעראַרישע, און פאַר אַזעלכע פאַרברעכנס איז געווען אַ בפירושע אַמנעסטיע. אַזוי ווי מעדעם האָט זיך פאָרגעשטעלט יעמאָלט, אַז רוסלאַנד איז אַריין אין אַ תקופה פון לאַנגזאַמער פּאָליטישער אַנטוויקלונג, מיט געוויסע לעגאַלע מעגלעכקייטן פאַר ליטעראַרישער און אַפילו פּאַרלאַמענטאַרישער טעטיקייט, און אַזוי ווי מעדעם, וואָס איז געווען אַ לייַדנשאַפטלעכער „רוס" האָט שרעקלעך געבענקט נאָך רוסלאַנד, איז ביי אים געבליבן, אַז ער וועט זיך באַנוצן מיט דער אַמנעסטיע און וועט אַוועקפאָרן קיין רוסלאַנד אַלס לעגאַלער מענטש. איך בין ניט געווען מסכים מיט מעדעמס אָפּשאַצונג פון זיין לעגאַלקייט און האָב מיט אַלע כוחות געקעמפט קעגן זיין באַשלוס צו פאָרן קיין רוסלאַנד. אָבער עס איז ניט געווען קיין שום מעגלעכקייט אים איינצוהאַלטן. דערצו נאָך איז זיין אַנטשלוס פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך אַזאַ מין צופאַל: מעדעם האָט געהאַט אַ ברודער, אַ געוועזענעם גוואַרדיע־אָפיצער (אַלע קינדער פון ד"ר מעדעם זיינען געווען געטויפטע פון קינדווייז אָן), וואָס איז געווען דער דירעקטאָר פון אַ גרויסער מעטאַל־פאַבריק אין קאָוונע, און איז געווען דאָרטן זייער אַן אָנגעזעענער און חשובער בירגער. ער האָט אויך געפירט פּערזענלעכע באַקאַנטשאַפט מיט אַ פּראָמינענטן מיטגליד פון דער רעגירונג, און יענער האָט, לויט מעדעמס ברודערס בקשה, אָנגעפרעגט ביי דער זשאַנדערמעריע, וואָס עס הערט זיך מיט איינעם וולאַדימיר מעדעם און צי איז קעגן אים פאַראַן עפּעס? די זשאַנדאַרמעריע האָט געענטפערט, אַז קיין שום „דיעלאָ" איז קעגן אים ניטאָ נאָך דער לעצטער אַמנעסטיע.

מעדעם איז געווען גליקלעך, ווען ער האָט באַקומען די דאָזיקע נאָכריכט. הייסט דאָס, אַז ער קאָן טאַקע פאָרן קיין רוסלאַנד ווי אויף אַן „אייזערנעם בריק". אַלע מיינע רייד און פּראָטעסטן האָבן מער ניט געהאָלפן: ער האָט זיך אָנגעהויבן צו קלייבן אין וועג. און דאָס איינציקע,

וואָס איך האָב געקאָנט טאָן, איז צוזאָגן אים, אַז מיר וועלן נייען פאַר אים אַ זאַק, ווען ער וועט דאַרפן גיין מיטן עטאַפּ קיין סיביר. ליידער, איז מיין טרויעריקער וויץ פאַרווירקלעכט געוואָרן בוכשטעבלעך.

מעדעם איז טאַקע בשלום אַנגעקומען קיין קאָוונע צו זיין ברודער און האָט זיך אָפיציעל געמאָלדן ביי דער פּאָליציי. אַ פּאָר טעג איז ער געווען גליקלעך. אָבער נאָך אין אַ פּאָר טעג אַרום איז מען געקומען און מען האָט אים אַרעסטירט. און דאָס איז געקומען אויף אַזאַ אופן: אין דער זשאַנדאַרמעריע איז טאַקע קיין שום „דיעלאָ" ניט געווען, ווען מעדעמס ברודער האָט וועגן דעם אָנגעפרעגט. אָבער פאַר דער צייט איז אין וואַרשע פאַרמאַכט געוואָרן אונדזער זשורנאַל — די „לעבנס-פראַגן", וועלכן עס האָבן דאָרטן אָפיציעל אַרויסגעגעבן וואַרשעווער גע-נאָסן. אָבער מעדעמס נאָמען איז געווען אונטערגעשריבן אונטער אַ פּאָר פון די שאַרפסטע אַרטיקלען, און דאָס וואַרשעווער געריכט (חלילה, ניט די זשאַנדאַרמעריע) האָט איבערגעגעבן צום געריכט אי די וואַרשעווער אַרויסגעבער, אי די אויסלענדישע מחברים פון די „קרימינעלע" אַרטיק-לען. ווען מעדעם האָט זיך באַוויזן אין קאָוונע, האָט מען אים דאָרטן אַרעסטירט, ניט לויט דעם באַפעל פון דער זשאַנדאַרמעריע, נאָר לויט דעם באַפעל פון וואַרשעווער געריכט, פאַר אַ נייעם ליטעראַרישן פאַר-ברעך, וואָס איז ניט געווען געדעקט דורך דער אַמנעסטיע. אַזוי איז מע-דעם אַריינגעפאַלן אין וואַרשעווער טורמע און דערנאָך אויף קאַטאָרגע.

זיינען מיר אין ווין געבליבן שוין אַ קלענערע גרופּע, אָבער דאָך מיט גרויסע פּאָליטישע האָפענונגען און פּלענער. און איינער פון די סאַמע נאָענטסטע פּלענער איז געווען — אָרגאַניזירן אין ווין דעם 8-טן צוזאַמענפאָר פון „בונד". דאָס איז שוין געווען אין פרילינג פון 1914.

גראָד אין דער צייט אָבער האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן אויפן אינטערנאַציאָנאַלן הימל שוואַרצע כמאַרעס. אין 1912 איז אייראָפּע אויפ-געטרייסלט געוואָרן דורך דעם „ערשטן באַלקאַנישן קריג", — ווען סער-ביע, בולגאַריע, גריכנלאַנד און מאָנטענעגראָ האָבן פאַרפירט אַ מלחמה קעגן טערקיי. קוים האָבן די דאָזיקע מלוכות געוואונען די מלחמה און אָפּגענומען ביי טערקיי גרויסע טעריטאָריעס, וואָס זיינען געווען באַ-וואוינט מיט די פאַרשיידענע סלאַווישע פעלקער, — האָבן זיי זיך צע-קריגט צווישן זיך, צוליב דער פאַרטיילונג פון דער „טערקישער ירושה", און 1913 איז געקומען דער „צווייטער באַלקאַנישער קריג": סערביע, מאָנטענעגראָ, גריכנלאַנד און רומעניע זיינען אַרויס קעגן בולגאַריע.

די דאָזיקע צוויי קריגן האָבן דייטלעך באַוויזן, אַז דער באַלקאַן איז אַ שרעקלעכע געפאַר פאַר דעם שלום פון אייראָפּע. און ניט נאָר צוליב די דאָרטיקע קליינע באַלקאַנישע מלוכות, וואָס קריגן זיך צווישן זיך. אין באַלקאַן זיינען געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט צוויי גרויסע אימפּעריעס: ר ו ס ל א נ ד, וואָס האָט זיך באַטראַכט אַלס די „באַ-שיצערין" פון די „סלאַווישע ברידער" און האָט דערצו נאָך געהאַט

פרעטענזיעס אויף די דארדאנעלן; פון דער אנדערער זייט — עסט-רייך-אונגארן, וואס האט אין איר אונגארישער העלפט געהאט אנעקסירט באסניע, הערצעגאווינע, קראאציע און אנדערע באלקאנישע טעריטאריעס, באפעלקערטע מיט „דרום-סלאוון".

אזוי איז צוגעגרייט געווארן די ערשטע וועלט-מלחמה. מיר אלע האבן פארשטאנען וואוהין עס גייט די אנטוויקלונג, און באזונדערס פיל האט וועגן דעם גערעדט טראצקי, וואס איז געפארן אויפן באלקאן אלס קריגס-קארעספאנדענט פון דער רוסישער ראדיקאלער צייטונג „קיעווסקאיא מיסל".

ניט געקוקט אויף דעם, וואס מיר האבן פארשטאנען די געפאר פון קריג, האבן מיר, סאציאליסטן פון 1914, דאך ניט געגלויבט אין דעם, אז די מלחמה וועט קומען. מיר האבן געוואוסט, אז די פאלקס-מאסן זיינען אין אלע לענדער קעגן דער מלחמה און די ארבעטער-באוועגונג איז אומעטום שוין יעמאלט געווען שטארק און מעכטיק. מיר האבן געוואוסט, אז אויך מאנכע רעגירונגען ווילן קיין קריג ניט, ווי, למשל, די פראנצויזישע אדער די ענגלישע. מיר, אין ווין, זיינען געווען אויך זיכער, אז די עסטרייך-אונגארישע אימפעריע בראש מיט דעם 80-יאריקן פראנץ יאזעף וועט זיך ניט דערוועגן אריינצוטרעטן אין א מלחמה, ווארים מיר האבן געוואוסט, אז דער אינעווייניקסטער צו-שטאנד פון עסטרייך-אונגארן איז זייער א טרויעריקער און אז איר מיליטערישע מאכט איז גאר ניט גרויס, — און די עסטרייכישע סאציאל-דעמאקראטישע פארטיי איז דאך אזוי מעכטיק! אבער נאך שטארקער איז דאך די געוואלטיקע דייטשע סאציאל-דעמאקראטיע, און שטארק איז דאך די פארטיי פון זשארעס אין פראנקרייך. האבן מיר דען שוין ניט אין 1913 געהאט אין באזעל דעם וואונדערבארן אינטערנאציאנאלן סאציאליסטישן קאנגרעס, וואו אלע סאציאליסטישע פארטייען פון איירא פע האבן פייערלעך דערקלערט זייער גרייטקייט צו קעמפן ביזן סוף קעגן יעדן געדאנק פון א מלחמה?!

אין דער פעסטער האפענונג אויף דער מאכט פון אינטערנאציאנאלן סאציאליזם — און אויף דער שוואכקייט פון א ריי רעגירונגען, — אריינגערעכנט די רוסישע, וואס האט דאך אקארשט דורכגעמאכט די יאפאנער מפלה און א שווערע רעוואלוציע, — האבן מיר דערווארט, אז דער קריזיס וועט פארבייגיין און די שווארצע וואלקנס אויפן הימל וועלן פארשווינדן. דעריבער האבן די פירער פון סאציאליסטישן אינ-טערנאציאנאל באשטימט אויפן 1-טן אויגוסט 1914 אין ווין דעם נעקסטן קאנגרעס פון אינטערנאציאנאל. אויך מיר, בונדיסטן, האבן פארגעזעצט אונדזערע צוגרייטונגען צום אכטן בונדישן צוזאמענפאר, וואס האט געזאלט פארקומען אין ווין אין אנהייב אויגוסט 1914. מיט א חודש פריער, אנפאנג יולי, האבן שוין אנגעהויבן אנצוקומען קיין ווין די ערשטע דעלעגאטן צום צוזאמענפאר, פריער פאר אלץ די

מיטגלידער פון צ. ק., וואָס האָבן געזאָלט צוגרייטן געוויסע באַריכטן. איינער פון זיי איז געווען מ. ראַפּעס.

אָבער די פּאָליטישע לופט אין ווין איז געוואָרן אַלס שאַרפער און אָנגעשטרענגטער.

אין יוני 1914 איז געשטאָרבן פון קאַנסער דער אַלטער קלאַטשקאָ. מיט גרויס טרויער און אויפריכטיקן וויטאָק האָבן מיר אים באַערדיקט. זיין אַלטער פריינט וויקטאָר אַדלער האָט געהאַלטן אַ רירנדיקע רעדע אויפן קבר פון דעם אַלטן רוסישן רעוואָלוציאָנער, און שוין אין אָט דער רעדע האָבן געקלונגען פּעסימיסטישע טענער וועגן דער נאָ־ענטער צוקונפט פון דער וועלט.

נאָך אַ פּעסימיסטישערן איינדרוק האָב איך באַקומען, ווען איך בין אין אָנהייב יולי געקומען אַמאָל צוליב עפּעס אַן ענין פון מיין אָפּיס אין דער ווינער האַנדלס־קאַמער, אין דער אָפּטיילונג פון טרעיד־מאַרקס. דאָרטן איז געווען אַ העכערער באַאַמטער, וואָס איז געווען אַן אַלטער פריינט און פאַרערער פון קלאַטשקאָן. ווען ער האָט מיך דערזעען, האָט ער זיך מיט מיר צורעדט וועגן דעם אָקאָרשט פאַרשטאָרבענעם קלאַטשקאָ, און גיט מיר מיט אַמאָל אַ זאָג: „אייגנטלעך איז דאָס אַ גליק פאַר דעם אַלטן, וואָס ער איז גראָד איצט געשטאָרבן. ער איז דאָך געווען אַזאַ גוטער עסטרייכער און אין דער זעלביקער צייט האָט ער דאָך אַזוי שטאַרק ליב געהאַט רוסלאַנד. וואָס פאַראַ טראַגעדיע וואָלט פאַר אים געווען איבערצולעבן אַ קריג צווישן עסטרייך און רוסלאַנד!" — „אָבער פאַר וואָס דענקט איר, אַז אַזאַ קריג מוז קומען? עס וואָלט דאָך געווען אומזין!" — דער באַאַמטער האָט אַ פּאָר מינוט געשוויגן און דערנאָך האָט ער מיר שטיל אַ זאָג געטאָן: „דאָ וועט קיין זאַך ניט העלפן. מיר האָבן באַשלאָסן צו פירן קריג קעגן רוסלאַנד, — און וואָס סערביע אָדער רוסלאַנד זאָלן ניט טאָן, וועט דאָס אונדזער באַשלוס ניט ענדערן".

אַ דערשיטערטער בין איך אַרויס פון דעם באַאַמטן. אָבער סוף כל סוף איז דאָס ניט געווען קיין מיניסטער, ניט קיין גענעראַל, נאָר אַ פּשוטער באַאַמטער פון דער האַנדלס־קאַמער. וואָס קאָן אַזאַ מענטש ויסן וועגן דער גאַנץ הויכער פּאָליטיק?!

דאָס איז געווען אַ וואָך נאָכן סעראַיעווער אַטענטאַט. ס'איז געקומען דער עסטרייכישער אולטימאַטום צו סערביע, די אַריינמישונג פון רוסלאַנד, דער ענטפער פון דייטשלאַנד און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער גאַנצער שדים־טאַנץ פון די לעצטע יולי־טעג 1914, וואָס איז שוין אַזוי אָפט באַשריבן געוואָרן.

אָבער ווי גרויס דער אַלגעמיינער אָפּטימיזם איז געווען, קאָן מען זען פון דעם, אַז נאָך אין דער נאַכט פון 30־טן יולי איז אין דער גרויסער ווינער צייטונג „נייע פרייע פּרעסע" דערשינען די מעלדונג, אַז סערביע האָט דעם עסטרייכישן אולטימאַטום אָנגענומען, און אַז די געפאַר פון

מלחמה איז פּאַרשוואונדן. דאָס איז געווען אין דער אָוונט-אויסגאַבע פון דער צייטונג, און איך האָב דאָס ניט געזען. קיין טעלעפאָן האָב איך אויך ניט געהאַט. דעריבער האָבן די גענאָסן, וואָס האָבן געוואוינט אין שטאָט, באַשלאָסן מיך צו דערפרייען מיט דער גוטער נאָכריכט און זיינען געקומען צו מיין הויז שפּעט אין אָוונט. איך האָב געוואוינט הינטער דער שטאָט, אין אַ קליינעם הויז אויף „טוערס-גאַסע״. דער טויער פון הויז איז שוין געווען פאַרמאַכט, האָבן די גענאָסן אַזוי לאַנג געפייפט און געשריען, ביז איך האָב אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער. און יעמאָלט האָבן זיי מיט גרויס שמחה מיר געמאָלדן וועגן דער גליק־לעכער נייס. אָבער ניט נאָר איך האָב אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, אויך אַלע מיינע עסטרייכישע שכנים זיינען געשטאַנען ביי די פענצטער און האָבן זיך צוגעהערט צו דעם אויפגערעגטן געשריי פון די „רוסן״, און האָבן זיך געוואונדערט וועגן וואָס שרייען מיר דאָ. ווען עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה האָט כמעט יעדער פון די שכנים געמסרט אין דער פּאָליציי וועגן אָט דער נעכטלעכער סצענע פאַר דעם הויז פון דעם „רוס״.

ניט נאָר מיינע שכנים פון דער טוערס-גאַסע, נאָר אויך אַנדערע פּאַטריאָטישע בירגער פון ווין האָבן אונדז יעמאָלט באַטראַכט מיט ניט זייער פריינטלעכע אויגן. מיר זיינען איין מאָל געפאָרן מיט ראַפּעסן אין דער סאָבוועי און האָבן שפּאַצירנדיק אויף דער פּלאַטפאָרם גע־שמועסט צווישן זיך אויף רוסיש, און עס קאָן זיין, אַז מיר האָבן גע־רעדט אַ קאַפּעטשקע צו הויך. מיט אַמאָל דערהערט זיך אַ געשריי: „אָט דאָ זיינען זיי, די סערבן, באַלבענען חוצפּהדיק אויף זייער לשון אין אונדזער שטאָט. אָדער אפשר זיינען דאָס גאָר די „שוועסטער־קינדער״ פון די סערבן ? !״ (מיינענדיק די רוסן).

מיר זיינען אַנטשוויגן געוואָרן און קיינער האָט אונדז מער ניט געטשעפּעט. וואָרים דאָס איז סוף כל סוף דאָך געווען די געמיטלעכע שטאָט ווין און די גוטמוטיקע און פריינטלעכע ווינער פון יענער צייט זיינען געווען געוואַלטיק טאָלעראַנט און גאָר ניט אַזוי שטאַרק פּאַטריאָ־טיש. מיט פיל רוסישע גענאָסן אין דייטשלאַנד האָבן זיך געטראָפן ערגערע זאַכן אין יענע טעג. די דייטשן זיינען שוין יעמאָלט געווען ווייניקער העפלעך, איידער די עסטרייכער, און אַ ריי רוסישע עמי־גראַנטן און רייזנדער, וואָס זיינען געווען אין דייטשלאַנד אין יענעם מאָמענט זיינען פון אויפגערעגטע דייטשע פּאַטריאָטן מיסהאַנדלט, באַשימפּט און געשלאָגן געוואָרן מכות רצח (למשל, דער סאָציאַל-דעמאָ־קראַט, שפּעטערדיקער באָלשעוויק סטיעקלאָוו).

2
די מלחמה

מיט אַ געפיל פון אומגעהייערער דערלייכטערונג אונטער דעם איינדרוק פון דער פאַלשער נאַכריכט אין דער „נייער פרייע פרעסע", האָבן מיר זיך געלייגט שלאָפן אין דער נאַכט פון 30־טן יולי. אָבער ווען מיר זיינען אויפגעשטאַנען אין דער פרי און גענומען אין האַנט די מאָרגן־צייטונגען, האָבן מיר מיט נאָך אַ גרעסערער און פיינלעכער דערשי־טערונג דערזעען, אַז דער קריג איז דאָ.

נידערגעשלאָגענע און דערשיטערטע זיינען מיר געזעסן און גע־שלונגען די צייטונגען, וואָס מיר האָבן געקאָנט קריגן. מיט אַמאָל קלינגט מען אָן און עס לאָזט זיך אַריין אין אונדזער הויז מאַרק ל י ב ע ר: ער איז אָקאָרשט געקומען פון רוסלאַנד כדי צו באַטייליקן זיך אין דעם בונדישן צוזאַמענפאָר! מיר האָבן זייער ליב געהאַט איינער דעם אַנדערן, מיר האָבן זיך ניט געזעען אַ פּאָר יאָר, ער איז פאַר דער צייט געווען אַרעסטירט און פאַרשיקט אין רוסלאַנד. אָבער איצט, ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט אין אַזאַ טראַגישן טאָג, האָב איך געהאַט נאָר איין געדאַנק: ליבער טאָר ניט פאַרלירן קיין צייט, ער מוז גלייך אָפּפאָרן פון ווין, אויב ער וויל ניט בלייבן אָפּגעשניטן פון רוסלאַנד און פון זיין פאַמיליע אויף דער גאַנצער צייט פון קריג.

גענומען אַן איזוואָשטשיק און אַוועקגעפירט ליבערן אויף דעם „נאָרד־באַנהאָף", פון וואַנען עס זיינען געגאַנגען די טרעינס קיין רוס־לאַנד. ווער ווייסט, צי דער גרעניץ איז נאָך אָפן? ווער ווייסט, צי איז נאָך פאַראַן אַ צוג צום רוסישן גרעניץ? קיין אָפיציעלע קריגס־דערקלע־רונג איז נאָך ניט געווען, קאָן עס געמאָלט זיין, אַז ליבערן זאָל נאָך געלינגען אַרויסצוראַטעווען זיך.

דער „נאָרד־באַנהאָף" ליגט זייער ווייט פון מיין דירה, מיר מוזן דורכפאָרן די גאַנצע שטאָט. אויף די גאַסן זעט מען נאָך ניט קיין שום ענדערונג, אַלץ איז ווי פריער. אָבער ווען מיר קומען־צו צו דער אייזנ־באַן־סטאַנציע, זעען מיר שוין גאָר אַן אַנדער בילד. דער גוואַלטיקער בנין פון דעם נאָרד־באַנהאָף איז פון איין עק ביז צום צווייטן אָנגע־פּאַקט מיט אַ טויזנט־קעפּיקער מחנה מענטשן, מיט פּעק, מיט זעק, מיט פרויען און קליינע קינדער, אַלע אויפגערעגטע, דערשלאָגענע, דערשי־טערטע. דאָ זיינען רעזערוויסטן, וואָס ווערן גערופן אין דער עסטריי־כישער אַרמיי, און זייערע פאַמיליעס, וואָס באַגלייטן זיי מיט געוויין און געשריי. דאָ זיינען מענטשן, וואָס אַנטלויפן פון קריג, אָדער עוואַ־קואירן זייערע פאַמיליעס פון דער הויפּט־שטאָט אין די היימישע דער־פער. דער טויזנט־קעפּיקער עולם שטופּט זיך אַהין און אַהער, די צוגן

גייען ניט אַפּ אין דער צייט, קיינער ווייסט קיין טאָלק ניט, און ביי קיינעם קאָן מען קיין טאָלק ניט דערגיין.

פאַר דעם לעצטן פערטל־יאָרהונדערט האָט די וועלט אין לויף פון די צוויי וועלט־מלחמות, רעוואָלוציעס און בירגער־קריגן געזעען טויזנטער אַזוינע סצענעס אויף די אייזנבאַן־סטאַנציעס פון אַלע קאָנ־טינענטן. אָבער יענער טאָג פון 31־טן יולי 1914 איז געווען דער ער־שטער אין דער לאַנגער קייט פון קאַטאַסטראָפעס.

מיט גרויס מאַטערניש האָבן מיר זיך דערשלאָגן צו אַ העכערן אייזנבאַן־באַאַמטן און יענער האָט אונדז אָנגעוויזן אַ צוג, וואָס מוז, לויט זיין פאַרזיכערונג, דערגיין ביז צום רוסישן גרעניץ. מיט גרויס מי האָב איך אַריינגעשטופּט ליבערן אין איינעם פון די איבערגעפּאַקטע וואַגאָנען, צעקושט זיך מיט אים און געשטאַנען שווייגנדיק ביים פענ־צטער ביז דער צוג איז אַוועק.*) די פּלאַטפאָרם, פון וואַנען דער צוג האָט געזאָלט אָפּפאָרן, איז געווען אָנגעפּאַקט מיט אַ געדיכטער מאַסע שריי־ענדיקע, וויינענדיקע, זשעסטיקולירנדיקע מענטשן. עס האָבן זיך גע־הערט פאַרשיידענע שפּראַכן און דיאַלעקטן פון דער בונט־געמישטער עסטרייכיש־אונגאַרישער מלוכה. און איבער דעם גאַנצן טומל און ליאַרם האָט געקלונגען אַן אומאויפהערלעכער פאַרצווייפלטער אויס־געשריי: „טשערמאַק, טשערמאַק . . . !" דאָס האָט אַ טשעך פאַרצוויי־פעלט געזוכט אין די איבערגעפּאַקטע וואַגאָנען, מיט צענדליקער קעפּ, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון די אָפענע פענצטער, — זיין פריינט טשערמאַק. און אונטער אָט דעם געשריי: „טשערמאַ־אַ־ק, טשער־מאַ־אַ־ק!" איז דער צוג לאַנגזאַם אַרויס פון דער סטאַנציע.

עס זיינען פון יענעם מאָמענט פאַרגאַנגען מער ווי 29 יאָר, און נאָך ביזן היינטיקן טאָג קלינגט אין מיינע אויערן דער פאַרצווייפלטער אויס־געשריי פון אַ וועלט, — וואָס האָט זיך אַליין פאַרלאָרן.

אַ צעבראָכענער בין איך געקומען אַהיים פון נאָרד־באַנהאָף. אָבער קוים האָב איך באַוויזן זיך אַנידערצוזעצן ביים טיש, ווי עס האָט זיך פון דאָס ניי דערהערט אַ קלונג אין דער טיר, און אויפן שוועל האָט זיך באַוויזן די הויכע גראַדע געשטעלט פון נ ח ן. ער האָט זיך אין יענעם זומער געהיילט פון רעמאַטעס אין דעם באַרימטן (יעמאָלט אונ־גאַרישן) קוראָרט פעשטשאַני, און פון דאָרטן האָט ער געזאָלט קומען צום צוזאַמענפאָר אין ווין. איז ער געקומען גראָד דעם 31־טן יולי. און דאָ ביי מיר האָט ער זיך געזאָלט טרעפן מיט זיין פאַמיליע (פעלי־ציאַ און איר קליינע טעכטערל אירקאַ), וואָס זיינען געפאָרן פון וואַרשע. נח איז געווען גוט אויפגעלייגט, האָט זיך גוט דערהוילט און איז ממש

*) ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, האָט ליבער מיט דעם דאָזיקן צוג קיין רוסלאַנד שוין ניט געקאָנט דערפאָרן. האָט ער גלייך גענומען אַ צוג צוריק קיין ווין, און איז בשלום דורכגעפאָרן קיין שווייצאַריע, און פון דאָרטן שפּעטער קיין רוסלאַנד.

פאַרשטיינערט געוואָרן, ווען ער האָט פון מיר דערהערט וועגן דער געשעפענער לאַגע. פאָרן קיין רוסלאַנד איז געווען שפּעט. האָב איך אים אַרויסגעפּראָוועט אויפן „וועסט-באַנהאָף", צום צוג קיין שווייצאַריע. וואָס זאָל מען אָבער טאָן מיט זיין פאַמיליע? וואו כאַפּט מען איר, ווי אַזוי קאָן מען איר וואָרענען? די פּראָבלעם איז געלייזט געוואָרן גאָר פּשוט: דעם 1-טן אויגוסט אין דער פרי האָט זיך צו מיר אין הויז אַריינגעלאָזן פּאָליציאַ מיט איר טעכטערל. ניט פאַרלירנדיק קיין צייט האָבן מיר זיי אָוועקגעשיקט קיין שווייצאַריע, דעריאָגן נחן.

אָבער אַחוץ דער פּראָבלעם פאַר די פּריש-געקומענע איז געווען גאָר אַ שווערע פּראָבלעם: וואָס זאָל געשען מיט דער רוסישער עמי-גראַנטישער קאָלאָניע, וואָס האָט זיך געפונען אין יענעם מאָמענט אין עסטרייך? אונדזער קאָלאָניע אין ווין האָט זיך צעטיילט אויף צוויי טיילן: איינע האָבן באַשלאָסן אַרויסצופאָרן קיין שווייצאַריע, — צווישן זיי טראָצקי, בוכאַרין, טשודנאָווסקי, אסתר, אָלגין, ליטוואַק, חפץ, טשעמערינסקי, ראַפּעס א"אַ; דער קלענערער טייל האָט באַשלאָסן צו בלייבן אין ווין, צווישן זיי: ריאַזאַנאָוו, איך, דער פּוילישער גענאָסע ד"ר זאַקס א"אַ.

אָבער אָוועקפאָרן אָדער בלייבן איז געווען אַן ענין, וואָס איז געווען אין יענעם מאָמענט שוין אָפּהענגיק ניט נאָר פון אונדז: אויך די עסט-רייכישע פּאָליציי האָט אין דעם געהאַט אַ וואָרט! לענינען האָבן די עסטרייכישע זשאַנדאַרמען אין גאַליציע אַרעסטירט ווי אַ רוסישן שפּיאָן. וואָס וועלן זיי טאָן מיט אונדז? די עסטרייכישע רעגירונג ווייסט, אַז מיר זיינען קעגנער פון דער צאַרישער רעגירונג, אָבער פון דעסטוועגן זיינען מיר דאָך רוסישע בירגער, און עס איז דאָך אַ קריג מיט רוסלאַנד!

די אויבערשטע באַשיצערין פון די רוסישע סאָציאַליסטישע עמי-גראַנטן איז געווען די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. און דער איינ-פלוסרייכסטער מענטש אין דער פּאַרטיי איז געווען דער אַלטער וויק-טאָר אַדלער. זיינען מיר אָוועק זאַלבעדריט צו וויקטאָר אַדלערן: טראָצקי, ריאַזאַנאָוו און איך. די מלחמה איז שוין געווען אָפיציעל דער-קלערט, אויף די גאַסן פון ווין האָבן שוין מאַרשירט קאָלאָנעס רעזער-וויסטן, און ס'האָבן זיך אַפילו באַוויזן גרופּקעס „פּאַטריאָטישע דעמאָנ-סטראַנטן", וועלכע האָבן אַרומגעטראָגן עסטרייכישע פענער און הילכיק געזונגען פּאַטריאָטישע לידער. און אָט צווישן דעם המון איז געפאָרן אונדזער טעקסי, אין וועלכער ס'זיינען געזעסן וויקטאָר אַדלער, טראָצקי, ריאַזאַנאָוו און איך, און געפאָרן זיינען מיר צום וויצע-פּרעזידענט פון דער ווינער פּאָליציי. דאָס איז געווען דער „האָפראַט" שאָבער, אַ קלו-גער און אינטעליגענטער מענטש, וואָס איז געווען פּערזענלעך באַפריינ-דעט מיט וויקטאָר אַדלערן (אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז ער אַ גע-וויסע צייט געווען דער פּרעמיער פון דער עסטרייכישער רעפּובליקאַ-נישער רעגירונג).

שאָבער האָט אונדז באַגעגנט זייער פריינטלעך און אַדלער האָט אונדז פאָר אים פאַרגעשטעלט: „אָט דאָ זיינען רוסן, וואָס ווילן ניט אַנדערש, נאָר בלייבן אין ווין; און אָט דאָ זיינען רוסן, וואָס ווילן ניט אַנדערש ווי אַוועקפאָרן פון ווין. וואָס זאָלן מיר מיט זיי טאָן, הער האָפראַט? ביטע, זאָגט מיר ניט, אַז לויטן געזעץ איז ניט פאַראַן קיין אויסוועג. איך ווייס דאָס אַליין, און טאַקע דעריבער בין איך געקומען צו אייך, כדי איר זאָלט מיר זאָגן, וואָס מען קאָן טאָן, ווען עס איז ניטאָ קיין אויסוועג", — אַזוי האָט דער קלוגער אַדלער אָנגעהויבן זיין רעדע.

מען האָט אונדז, די רוסן, געלאָזט זיצן אין דעם וואַרטע־צימער און שאָבער מיט אַדלערן זיינען אַריין אין דעם קאַבינעט פון פאָליציי־פרעזידענט. ווען זיי זיינען אין אַ האַלבער שעה אַרום אַרויס פון דאָרטן, האָט מען דעם „אויסוועג" געפונען: טראָצקי און אַלע אַנדערע, וואָס „ווילן ניט אַנדערש, ווי אַוועקפאָרן", האָבן באַקומען בריוו פונם פאָלי־ציי־פרעזידענט, אַז מען זאָל זיי ניט שטערן צו פאַרלאָזן עסטרייך, — און אַחוץ דעם אַ בריוו פון וויקטאָר אַדלערן צו די סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישע אָרגאַניזאַציעס אין די גרעניץ־שטעט פון עסטרייך און שווייצאַריע, אַז מען זאָל זיי העלפן אין פאַל פון נייטיקייט. און וואָס אַנבאַ־לאַנגט די, וואָס בלייבן אין ווין, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מען וועט זיי ניט אינטערנירן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, ווי עס פירט זיך אָפט אין פאַל פון אַ קריג, נאָר מען זאָל זיי „קאָנפינירן", ד. ה. זיי זאָלן בלייבן אין דער פריי, אָבער אונטער דער אויפזיכט פון דער פאָליציי, ניט האָבנדיק דאָס רעכט צו פאַרלאָזן די שטאָט.

טראָצקי איז נאָך דעם זעלביקן אָוונט אָפגעפאָרן קיין שווייצאַריע. ווען ער האָט זיך געזעגנט מיט מיר, האָט ער מיר ווידער, ווי מיט 10 יאָר פריער אין זשענעווע, אין דער צייט פון רוסיש־יאַפּאַנישן קריג, דערקלערט מיט זיין שטענדיקער קאַטעגאָרישער מינע: „אַלזאָ, מיר וועלן זיך טרעפן מיט אייך אין פעטערבורג נאָך דער רעוואָלוציע". און טאַקע אין דער אמתן, מיר האָבן זיך געטראָפן אין מאַי 1917 אין פעטערבורג נאָך דער רעוואָלוציע.

3
אין ווין בשעת דער מלחמה

די וועלט איז צעשפאָלטן געוואָרן אויף צוויי געוואַלטיקע מחנות: עס האָט זיך אָנגעהויבן דער גיגאַנטישער קאַמף, וואָס האָט געדויערט פיר און אַ האַלב יאָר, הגם אין יענעם מאָמענט האָט זיך דאָס קיינער ניט פאָרגעשטעלט. צעזייט און צעשפרייט איז געוואָרן אונדזער ווינער קאָלאָניע, און אָפגעשניטן זיינען מיר געוואָרן פון דער גאַנצער וועלט, — מיר, די עטלעכע רוסישע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן צוליב פאַרשיי־דענע טעמים באַשלאָסן צו בלייבן אין ווין.

אונדזער יורידישע לאַגע איז געווען אַזאַ: דעם 2-טן אויגוסט האָב איך זיך געמאָלדן ביי דעם פּאָליציי-קאָמיסאַר פון מיין ראַיאָן. יעדער פּאָליציי-קאָמיסאַר אין ווין איז געווען אַ געענדיקטער דעם אוני־ווערסיטעט, אַ דאָקטאָר פון יורידישע וויסנשאַפטן, און ווען מען האָט זיך געווענדט צו אים, האָט מען ניט געזאָגט „הער קאָמיסאַר", נאָר „הער דאָקטאָר". מיין „הער דאָקטאָר" אין דעם היצינגער ראַיאָן פון ווין, איז געווען אַ מיטליאָריקער מאַן, מיט אַ בערדל און ברילן, זייער אַ העפלעכער און פריינטלעכער. ווען איך בין צו אים דאָס ערשטע מאָל געקומען, האָט ער מיך אוועקגעזעצט ביי זיין טיש, און האָט מיך גע־לאָזט אויספּאַרטיקן אַ גוואַלטיק לאַנגן פּרעג-בויגן מיט צענדליקער פּראַגעס און דעקלאַראַציעס. איך האָב געמוזט געבן אַלע גענויע דאַטעס וועגן זיך און און פאַמיליע, און איך האָב געמוזט פייערלעך דערקלערן, אַז איך וועל ניט פאַרלאָזן אָן דערלויבעניש מיין וואוינונג און די שטאָט ווין; אַז איך וועל זיך יעדע וואָך מעלדן ביי דער פּאָליציי; אַז איך וועל זיך ניט באַנוצן מיט דער אייזנבאַן, מיטן טעלעפאָן, מיטן טעלע־גראַף; אַז איך וועל ניט גיין איבער די בריקן פון דער שטאָט ווין און וועל ניט פאַרבייגיין פאַרביי מיליטערישע פּונקטן און קאַזאַרמעס, און אַזוי ווייטער.

ווען איך בין געקומען צו די דאָזיקע פּונקטן, האָב איך זיך ניט־ווילנדיק צעלאַכט, הגם מיין לאַגע איז גאָר ניט געווען אַזאַ פריילעכע: איך בין דאָך געווען עפּעס אַ רוסישער ציוויל-געפאַנגענער אין עסט־רייך אין דער צייט פון אַ מלחמה צווישן עסטרייך און רוסלאַנד! אָבער מיין „הער דאָקטאָר" האָט אויך געשמייכלט. איך האָב געוואוינט הינ־טער דער שטאָט און קומען אין מיין אָפיס אַנדערש ווי מיט דער אייזנ־באַן האָב איך ניט געקאָנט. אין מיין אָפיס האָב איך אַ האַלבן טאָג פאַרבראַכט ביים טעלעפאָן, אין געשפּרעכן מיט קונדן און עסטרייכישע מלוכה-אָפיסעס. די שטאָט ווין איז געלעגן אויף צוויי טייכן, — דונאַי און ווין, — און אויסמיידן אַ בריק איז געווען פיזיש אוממעגלעך, אאַז"וו. „שרעקט זיך ניט, — האָט מיך באַרואיקט שמייכלענדיק מיין קאָמיסאַר, — דאָס איז נאָר אַ פאָרמאַליטעט. אויב איר וועט אונדז ניט טאָן קיין בייז, וועט מען אייך אויך ניט טאָן קיין בייז, און מען וועט ניט נעמען אין אַכט די דאָזיקע פאָרמאַלע פאַרפליכטונגען".

אַזוי איז טאַקע געווען: וואָס איז שייך די פּאָליציי, טאָ האָט מען אונדז, רוסישע פּאָליטישע עמיגראַנטן, טאַקע ניט באַלעסטיקט, הגם דערזעלביקער קאָמיסאַר האָט מיר אַ פּאָר מאָל דערציילט, אַז ער באַ־קומט צענדלינגער מסירות אויף מיר און אַנדערע רוסן פון אונדזער געגנט. איינע אַ שכנטע האָט אים געשריבן, אַז פון מיין דירה הערט זיך ביינאַכט אַ גערויש, אַזוי ווי מען וואָלט דאָרטן „געמאַכט באָמבעס". וואָס פאַר אַ גערויש עס דאַרף זיך הערן ווען מען מאַכט באָמבעס, ווייס איך ניט. און דער קאָמיסאַר האָט עס אויך ניט געוואוסט. אָבער די פּאַטריאָטישע שכנטע האָט עס געוואוסט, משמעות, גאַנץ גענוי.

על פי כלל זיינען די ווינער אין יענער צייט ניט געווען באַזונדערס פּאַטריאָטיש און נאַציאָנאַליסטיש. די סערבן האָט מען פיינט געהאַט, אָבער פאַר רוסלאַנד האָט מען געהאַט רעספּעקט, און די פּאַקטישע פירערין פון דעם קריג איז דאָך געווען ניט עסטרייך, נאָר דייטשלאַנד, און די דייטשן זיינען יעמאָלט ניט געווען זייער באַליבט אין עסטרייך און ספּעציעל אין דער שטאָט ווין.

ניט געקוקט אויף דעם געמישטן כאַראַקטער פון דער ווינער באַ־פעלקערונג, וואו ס׳זיינען געווען טשעכן, איטאַליענער, סערבן א״אַ, איז דאָך די גרעסטע מערהייט באַשטאַנען פון דייטשן, און אַפילו די עסט־רייכישע אידן זיינען אין יענער מלחמה געווען מוראדיקע עסטרייכישע פּאַטריאָטן און, פאַרשטייט זיך, שונאים פון צאַרישן רוסלאַנד מיט איר אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק: אין עסטרייך־אונגאַרן האָבן די אידן גע־נאָסן פון אַ גאַנץ ווייט־גייענדיקער גלייכבאַרעכטיקונג, און דער אַלטער קייזער פראַנץ יאָזעף איז פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ גרויסן אידן־פריינט.

אָבער ווען אַ רוס לעבט אין ווין, אין דער צייט פון אַ קריג צווישן רוסלאַנד און עסטרייך, מוז ער, נאַטירלעך, באַטראַכט ווערן ווי אַ שונא: ער ווערט זיך דאָך פרייען, ווען עס זיגן די רוסישע אַרמייען, און די אַרו־מיקע עסטרייכישע באַפעלקערונג ווערט זיך פרייען ווען עס זיגן די עסט־רייך־דייטשע אַרמייען. און ווען אינגלעך שפּילן אויפן גאַס, שפּילן זיי דאָך סאָלדאַטן און קריג. און ווען צווישן די שפּילנדיקע קינדער איז פאַראַן אַ רוסישער אינגל, טאַקע אַן „עכטער רוס", איז דאָך נאַטירלעך, אַז ער זאָל רעפּרעזענטירן די רוסישע אַרמיי אין אַלע שלאַכטן אויפן שפּיל־פּלאַץ. און פּונקט אַזוי נאַטירלעך איז, אַז די „זיגרייכע" עסטריי־כיש־דייטשע אַרמייען זאָלן אין דידאָזיקע שלאַכטן „שלאָגן" די רוסן. אַזוי איז געקומען, אַז אונדזער 5־יאָריקער אינגל, מוריק, וואָס האָט ביז צו דער מלחמה געהאַט זייער פיל גוטע פריינט צווישן די שכנותדיקע קינדער, האָט זיך מער ניט געקאָנט באַווייזן אויף דער גאַס און מען האָט אים געמוזט האַלטן אין הויז. אין די ערשטע עטלעכע חדשים האָבן מיר זיך בכלל ווייניק באַוויזן אין גאַס. נאָר אין אָוונט, ווען איך פלעג קומען פון דער אַרבעט, פלעגן מיר אַרויסגיין אַביסל שפּאַצירן. גאָר ניט לייכט איז געווען צו דערקלערן אונדזער אינגל די גאַנצע געשיכטע מיט דעם קריג. נאָך יעדן זיג פון דייטשלאַנד און עסטרייך פלעגן אין אַלע הייזער אַרויסגעשטעלט ווערן אין די פענצטער דייטשע און עסטרייכישע פענער. נאָר אונדזערע פענצטער פלעגן בלייבן ליידיק. האָט מוריק פּראָטעסטירט: „אויב זיי שטעלן אַרויס זייערע פענער, מוזן מיר דאָך אַרויסשטעלן רוסישע". דערקלערן מיר אים, אַז דאָס איז ניט מעגלעך, און מיר ווילן דאָס גאָרניט. הערנדיק, אַז מיר זיינען ניט פאַר דעם רו־סישן „קאַיזער", אַז מיר זיינען אידן אַאַז״וו, איז ער געקומען צו דעם לאָגישן אויספיר, אַז מיר דאַרפן האָבן אַ „רוסיש־אידישן קאַיזער",

און האָט ניט אַנדערש פאַרלאַנגט, אַז מיר זאָלן אַליין אויסגעפינען אַזאַ פּאַן און זי אַרויסשטעלן אין אונדזערע פענצטער.

די באַציאונג פון אונדזערע שכנים צו אונדז האָט זיך מיט דער צייט געביטן. די ערשטע פּאַטריאָטישע באַגייסטערונג איז באַלד פאַרשוואונדן, און ווען די רוסן האָבן אַ געוויסע צייט אָנגעהויבן צו זיגן אין גאַליציע, און האָבן זאָגאַר איינגענומען די פעסטונג פּשעמישל, איז דער רעספּעקט פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג צו אונדז, די „רוסן", געוואָרן גאָר גרויס. מען איז שוין געוואָרן העפלעכער צו אונדז אין די קראָמען, מען האָט שוין ניט געקוקט אויף אונדז אַזוי בייז אויפן גאַס, און מאַנכע קינדער האָבן זיך צוריק אָנגעהויבן צו שפּילן מיט אונדזער אינגל.

בכלל איז אָבער דאָס לעבן אין ווין אויך פאַר דער אָרטיקער באַפעלקערונג געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער. מען האָט איינגעפירט קאַרטעס אויף עסנווארג, עס זיינען פאַרשוואונדן פון די קראָמען אַ ריי פּראָדוקטן, ווי קאַווע, צוקער, טיי, רייז אאַז"וו, און שווערער פאַר אַלץ איז געווען וואָס מען האָט אָנגעהויבן צו באַקן דאָס ברויט ניט פון ווייצענע אָדער קאָרענע מעל, נאָר פון מאַאיס. דאָס ברויט איז געווען פון אָראַנזש-קאָליר, אַזוי טרוקן, אַז עס פלעגט צעברעקלט ווערן אונטערן מעסער, און עס פלעגט אַרויסרופן שטאַרקע מאָגן-ווייטאָקן. מען האָט דאָס ברויט אין די שפּעטערדיקע צייטן אַביסל פאַרבעסערט, אָבער ביז צו אונדזער אָפּפאָר פון ווין איז ברויט געווען פאַר אונדז די שווערסטע פּראָבלעם.

אמת, נאָך שווערער האָט געקאָנט ווערן פאַר אונדז די פּראָבלעם פון חיונה. דער קריג האָט מיט אַמאָל אָפּגעשטעלט דאָס גאַנצע אינדוסטריעלע און קאָמערציעלע לעבן פון לאַנד. ווער האָט איצט געטראַכט וועגן פּאַטענטן און טרעיד-מאַרקס, ווען די פאַבריקן האָבן זיך אָפּגעשטעלט און דער האַנדל האָט ניט פונקציאָנירט, און די אַרבעטסלאָזיקייט איז געוואָרן אַזוי גרויס ?

גלייך אין דעם ערשטן טאָג פון דער מלחמה האָט אונדזער פּאַטענטאָפיס אָפּגעזאָגט דעם גרעסטן טייל באַאַמטע און אָנגעשטעלטע, און אַזוי אַרום בין אויך איך געבליבן אָן אַרבעט. אָבער דאַן האָט מען אין דער טעכנישער אָפּטיילונג פון אונדזער אָפיס מאָביליזירט אַ פּאָר יונגע צייכענער, און אָן צייכענער קאָן דער אָפיס ניט אויסקומען. האָט זיך איינער פון אונדזערע דירעקטאָרן דערמאָנט, אַז איך בין אייגנטלעך אַמאָל געווען אַ שטודירטער, אויב אַפילו ניט קיין געענדיקטער אינזשענער. האָט מען מיר פאָרגעשלאָגן צו נעמען די שטעלע פון אַ צייכענער. דאָס איז געווען, פאַרשטייט זיך, אַ גרויסער גליק, הגם פון פּראָפעסיאָנעלן שטאַנדפּונקט איז דאָס געווען אַ שטאַרקע דעגראַדירונג. אין דער אָפּטיילונג פון די טרעיד-מאַרקס בין איך שוין געווען אַ וויצע-דירעקטאָר, און דאָ האָב איך געזאָלט אָנהייבן גאָר פון אונטן,

אַלס אַ באַשיידענער צייכענער. אָבער איך בין ניט לאַנג געווען אַ פּשוטער צייכענער. אין אַ געוויסער צייט אַרום האָב איך זיך אַרויפ־געאַרבעט אויף אַ העכערן פּלאַץ און צום סוף בין איך ארויף גאַר אויף אַ הויכער מדרגה. דאָס איז געשען דער עיקר צוליב דעם, וואָס אונ־דזערע העכערע אינזשענערן זיינען מאָביליזירט געוואָרן אין דער אַרמיי איינער נאָך דעם אַנדערן, און אימיצער האָט דאָך געדאַרפט טאָן זייער אַרבעט. אַזוי ווי איך האָב געהאַט מער טעכנישע און אַלגעמיינע ביל־דונג, און קענטעניש פון אויסלענדישע שפּראַכן, איידער אַ געוויינטלע־כער צייכענער, איז אויסגעקומען, אַז די דאָזיקע אַרבעט האָב איך געמאַכט. ווי עס ווייזט אויס, האָב איך איר געמאַכט ניט שלעכט, וואָרים אין אַ צייט אַרום האָט מען זיך אָנגעהויבן צו ווענדן צו מיר פון אַנדערע פּאַטענט־אָפּיסעס, איך זאָל מאַכן פאַר זיי ענלעכע אַרבעטן: אויך זייערע אינזשענערן זיינען מאָביליזירט געוואָרן אין דער אַרמיי! מיינע דירעקטאָרן, וואָס האָבן זיך מיט מיר פּערזענלעך באַפריינדעט, האָבן מיר בפירוש דערלויבט דאָס צו טאָן, און אין לויף פון די יאָרן 1915—1916 האָב איך פּאַקטיש געאַרבעט אין דריי פּאַטענט־אָפּיסעס אַלס „קאָנסולטאַנט”. אַדאַנק דעם האָב איך גאַנץ גוט פאַרדינט, אָבער איך האָב אויך געמוזט גאַנץ היפּש אַרבעטן. איך פלעג קומען אַהיים אַרום 8—9 אין אָוונט און אָפט נאָך מיטברענגען מיט זיך אַ דרינגנדיקע אַרבעט אויף צו פאַרענדיקן אין אָוונט אַמאָל ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

מיר האָבן געלעבט זייער איינזאַם און איזאָלירט פון דער אַרומיקער וועלט. אָבער דאָס האָט בשום אופן ניט באַדייט, אַז מיר זיינען גייסטיק און מאָראַליש געווען גלייכגילטיק צו די געשעענישן, וואָס זיינען פאָר־געקומען אין דער וועלט, — און פריער פאַר אַלץ, — צו דער מלחמה און צו דער אַנטוויקלונג פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם אין דער מלחמה.

וואָס אנבאַלאַנגט די מלחמה און מלחמה־געשעענישן, איז פריער פאַר אַלץ געשטאַנען די פראַגע, ווי אַזוי דערגייט מען וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אויף די פראָנטן און בכלל אין דער וועלט, ספּעציעל אין רוסלאַנד? צו דעם וואָס מען האָט געשריבן אין די דייטשע און עסטר־רייכישע צייטונגען, האָבן מיר, רוסישע סאָציאַליסטן, קעגנער פון קריג, זיך באַצויגן מיט דעם גרעסטן אומצוטרוי. מיר האָבן געפילט, אַז מען זאָגט ניט אויס דעם אמת, און אַז די אינפאָרמאַציע, וואָס עס ווערט דאָרטן געדרוקט, איז צום גרעסטן טייל פּראָפּאַגאַנדע. ווי דערגייט מען אָבער, וואָס עס זאָגט דער צווייטער צד? קיין ראַדיאָ איז דאָך יעמאָלט ניט געווען אין צייטונגען פון די „פיינטלעכע לענדער” האָט מען אין ווין, פאַרשטייט זיך, ניט געקראָגן. זיינען אָבער אין דער רעדאַקציע פון דער ווינער „אַרבעטער־צייטונג” אָנגעקומען אַ מאַסע אויסלענדישע סאָ־ציאַליסטישע צייטונגען פון די נייטראַלע לענדער: פון שווייצאַריע, האָלאַנד („העט פאָלק”), איטאַליע („אַוואַנטי”), — איטאַליע איז דאָך אין די ערשטע 9 חדשים געווען נייטראַל, — שפּאַניע, שוועדן, בולגאַריע.

פלעג איך אַלע פּאָר טעג אַראָפּכאַפּן זיך אין דער רעדאַקציע פון דער „אַרבעטער-צייטונג" און מיטנעמען פון דאָרטן פּעקלעך צייטונגען אין די פאַרשיידענע אויסלענדישע שפּראַכן, און אין דער היים פלעגן ריאַזאַנאָוו און איך שטודירן זיי מיט דער הילף פון ווערטער-ביכער. אַזוי אַרום פלעגן מיר זיך דערוויסן אַ גאַנצע ריי זאַכן, — וואָס מען האָט אין עסטרייכישע און דייטשע צייטונגען ניט געקאָנט געפינען. אגב, האָבן מיר זיך אויסגעלערנט אַביסל צו פאַרשטיין איטאַליעניש, האָלענדיש, שוועדיש, שפּאַניש, בולגאַריש. אָבער דער גרעסטער מקור פון אינפאָרמאַציע זיינען געווען פאַר אונדז די פראַנצויזישע און רוסישע צייטונגען, וואָס מיר פלעגן באַקומען אויף גאָר אַ מערקווירדיקן אופן. ריאַזאַנאָוו,וואָס איז שוין יעמאָלט געווען באַוואוסט אין די וויסנשאַפט-לעכע קרייזן ווי אַן ערנסטער היסטאָרישער פאָרשער, האָט געהאַט אַ פריינט, אַן עסטרייכישן פּראָפעסאָר פון געשיכטע, וואָס איז אין אָנהייב פון דער מלחמה באַשטימט געוואָרן אַלס דער דירעקטאָר פון אָפיציעלן אויסלענדישן אינפאָרמאַציע-אַמט. אויף זיין שרייב-טיש זיינען שטענדיק געלעגן די סאַמע פרישע פראַנצויזישע צייטונגען, וואָס פלעגן קומען פון פּאַריז איבער זשענעווע, און ניט גאַנץ פרישע נומערן „רעטש", וואָס פלעגן קומען פון פּעטערבורג איבער סטאָקהאָלם. יעדע וואָך פלעגט ריאַזאַנאָוו קומען צו גאַסט צו זיין פריינט אין אינפאָרמאַציע-אַפּיס, און פלעגט אַוועק פון אים מיט אַ פּעקל „אומלעגאַלע" צייטונגען אין זיין פּאָרטפעל (בריף-קעים). מען קאָן זיך פאָרשטעלן, מיט וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן מיר פלעגן זיך אין אָוונט אַריינטאָן אין אָט דער ליטעראַטור. אַ פּאָר מאָל זיינען מיר שיער ניט דורכגעפאַלן. איין מאָל האָט דער אומגעדולדיקער ריאַזאַנאָוו אַרויסגענומען אין סאָבוועי אַ פראַנצויזישע צייטונג און איר אָנגעהויבן צו לייענען אויפן וועג צו זיך אהיים. איינער פון די פּאַסאַזשירן האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דער אויסלענדישער צייטונג און ריאַזאַנאָוו האָט זיך נאָר מיט גרוים מי אַרויסגעדרייט פון דעם געפערלעכן ענין. אַ צווייטן מאָל בין איך געווען דער שולדיקער. איך בין אַריין אין אַ קליינעם שפּילצייג-געשעפט קויפן אַ צאַצקע פאַר מיין אינגל. אַרויסגייענדיק פון געשעפט האָב איך פאַרגעסן מיטצונעמען מיין פּאָרטפעל, אָבער אין פּאָרטפעל איז געלעגן אַ גאַנצער פּעקל רוסישע צייטונגען. ווען איך האָב זיך געכאַפּט אונטערוועגס, וואָס אַזוינס עס איז געשען, איז שוין געווען צו-שפּעט: די געשעפטן זיינען שוין געווען פאַרמאַכט. אויף צו מאָרגנס אין ער פרי בין איך, — דעם אמת ריידנדיק, מיט אַביסל אַ פאַרקלעמטן האַרץ, — אַריין אינם געשעפט אָפּצונעמען צוריק די פאַרגעסענע צייטונגען. ניט גיין איז געווען גאָר געפערלעך, ווארים דער באַלעבאָס וואָלט איבערגעגעבן דעם פּאָרטפעל דער פּאָליציי, און די פּאָליציי וואָלט גאַנץ לייכט געקאָנט אויסגעפינען פון וואַנען די צייטונגען שטאַמען. און דער פאַקט, וואָס איך קום ניט אָפּנעמען די צייטונגען, וואָלט געווען דער בעסטער באַוויז, אַז איך פיל זיך שולדיק. פון דער אַנדער זייט

איז געווען מעגלעך, אַז דער באַלעבאָס פון געשעפט האָט שוין פאַר־שטענדיקט די פּאָליציי און דאַן וועט זיך אָנהייבן אַ סדרה פאַרהערן און אויספאָרשונגען, אין וועלכע עס וועלן אַריינגעצויגן ווערן אי ריאַזאַנאָוו, אי דער עסטרייכישער פּראָפעסאָר. אָבער ווען איך בין אַריין אין דעם געשעפט, האָט זיך דער באַלעבאָס געמאַכט אין גאַנצן ניט וויסנדיק. „יאָ, יאָ, איר האָט דאָ געלאָזן אַ פּאָרטפעל. אָט איז ער. דאַנקע גע־האָרכזאַמסט, מיין קאָמפּלימענט, איר דינער״... איך האָב דייטלעך גע־זען לויט דעם פּיפּיקן פּנים פון דעם געשעפט־מאַן, אַז ער האָט יאָ אַריינ־געקוקט אין פּאָרטפעל און האָט דאָרטן געזען די טריפע סחורה, אָבער



ד. ב. ריאַזאַנאָוו

ער האָט וועגן דעם ניט דערמאָנט און האָט געשאָטן מיט געוויינטלעכע עסטרייכישע העפלעכע פראַזן, מיט וועלכע מען פלעגט אין אַמאָליקן ווין שטענדיק באַגלייטן אַ גוטן קונד. עס קאָן זיין, אַז דאָס איז געווען אַ טשעך, אַ סערב אָדער גאָר אַן אוקראַינער, — צווישן די ווינער גע־שעפטסלייט פון יענער צייט זיינען געווען אַ סך ניט־דייטשן.

דורך דער עסטרייכישער פּאַרטיי און דורך ריאַזאַנאָווס פריינט האָבן מיר מיט דער צייט באַקומען אויך די גאַנצע סאָציאַליסטישע לי־טעראַטור, וואָס איז אַרויס אין איראָפּע אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם

קריג: טראָצקים באַרימטע בראָשור וועגן קריזיס פון אינטערנאַציאָנאַל, דאָס נאָך מער באַרימטע ביכל פון ראָזאַ לוקסעמבורג („יוניוס־בריוו"), די סאָציאַליסטישע זשורנאַלן, וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין שווייצאַריע, אין פּאַריז און אַז"וו פון די פאַרשיידענע רוסישע און אינטערנאַציאָנאַלע גרופּעס.

מיין פּערזענלעכער פאַרקער איז געווען זייער אַ באַשרענקטער אין די יאָרן פון קריג. צום אָפטסטן האָבן מיר זיך געטראָפן מיט די ריאַזאַנאָווס, וואָס האָבן געוואוינט אין גאַנצן אַ פּאָר בלאָקס פון אונדזער הויז. אַחוץ דעם האָט אין ווין געלעבט מיין אַלטער פּאַנעוועזשער און ריגער פריינט, לעוו בראַידאָ, וואָס איז געווען אַ דירעקטאָר פון אַ פאַבריק, און וואָס זיינע דריי קינדער זיינען געווען באַפריינדעט מיט מיין אינגל. אַמאָל פלעגן מיר אַריין צו ד"ר זאַקס. אַחוץ דעם האָב איך אין יענער צייט אָנגעהויבן אַריינצוטרעטן אין אַלץ אינטימערע באַציאונגען מיט אַ ריי עסטרייכישע גענאָסן, אַזוינע ווי מאַקס אַדלער, וואָס זיין פרוי איז געווען אַ רוסין; מאַקס ווינטער, דער הויפּט־אָרגאַניזאַטאָר פון דער „קינדער־פריינד"־באַוועגונג און פריץ אַדלער. דעם פונדאַמענט פאַר אונדזער דערנעענטערונג האָט געשאַפן די געמיינזאַמקייט פון אונדזער שטעלונג צו דער מלחמה. אָבער איידער איך גיי אַריבער צו דער שילדערונג פון אונדזערע פּאָליטישע שטעלונגען, וויל איך נאָך דערמאָנען וועגן אַ ריי באַגעגענישן, וואָס איך האָב געהאַט אין ווין אין די יאָרן פון קריג.

גלייך אין אויגוסט 1914 האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז לענין איז אַרעסטירט געוואָרן אין גאַליציע, אויפן עסטרייך־רוסישן גרעניץ, ווי אַ רוסישער שפּיאָן. זיינען ריאַזאַנאָוו און איך אַוועקגעלאָפן צו וויקטאָר אַדלערן, און וויקטאָר אַדלער האָט געפּועלט, אַז מען זאָל לענינען באַפרייען און דערלויבן אים מיט זיין פרוי און זיין אַלטער שוויגער אַרויסצופאָרן קיין שווייצאַריע. אויפן וועג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין ווין און איז פאַרפאָרן צו ריאַזאַנאָוון. האָט מיך ריאַזאַנאָוו איינגעלאַדן צו פאַרברענגען דעם אָוונט צוזאַמען. אָבער איך בין ניט געגאַנגען, וואָרים גראָד פאַר דעם קריג איז געווען דער דראַמאַטישער צוזאַמענשטויס צווישן לענינען און דעם צ. ק. פון „בונד", וועגן וועלכן איך האָב שוין דערמאָנט. לענין האָט עפנטלעך דערקלערט אין דער פּרעסע, אַז דער צ. ק. פון „בונד" פאַרלאַנגט בכיוון אַ פּאַרטיי־קאָנפערענץ אין רוסלאַנד (ניט אין אויסלאַנד) כדי צו געבן דער פּאָליציי די געלעגנהייט צו אַרעסטירן די אומלעגאַלע טוערס פון די באָלשעוויקעס! אויף אַזאַ אומגעהייערע באַליידיקונג האָט דער צ. ק. פון „בונד" געענטפערט מיט אַ דערקלערונג, אַז ער רייסט איבער אַלע חברשע באַציאונגען מיט לענינען.

האָב איך ניט געהאַלטן פאַר מעגלעך צו גיין טרעפן זיך מיט לענינען אין ריאַזאַנאָווס הויז. ערשט מיט צוויי יאָר שפּעטער, אין ציריך, און טאַקע ווידער אין ריאַזאַנאָווס הויז, האָב איך זיך אומגעריכט גע־

טראָפן מיט לענינען. איך האָב זיך אין ערשטן מאָמענט פאַרלוירן און געוואָלט אַוועקגיין, אָבער ריאַזאַנאָוו האָט דאָס ניט דערלאָזן, און לענין האָט מיט זיין כיטרען שמייכעלע, פאַרזשמורענדיק איין אויג, שטיל געלאַכט ווי אַ דערוואַקסענער, וואָס אַמוזירט זיך איבער קינדערשע נאַאיוווקייט. ווי איינער זאָגט: וואָס מאַכט מען דאָ אַזאַ וועזן פון אַ באַליידיקונג!? נו, האָב איך טאַקע געזאָגט, אַז דער „בונד" העלפט דער אַכראַנע, איז וואָס?!

פון לענינס צינישער באַציאונג צו פּאָליטישער מאָראַל און אמת אין קאַמף מיט אַ קעגנער גייט אַ דירעקטער וועג צו סטאַלינס מאָסקווער פּראָצעסן. אָבער אין יענעם מאָמענט האָבן מיר וועגן דעם ניט געטראַכט, הגם לענינס צינישע באַציאונג צו אַזוינע זאַכן האָט מיך שטענדיק טיף אַנטריסטעט.

מיט אַ צווייטן פּאָליטישן ציניקער, וואָס איז אויף זיין אופן אויך געווען זייער אַ באַדייטיקע פּערזענלעכקייט, און האָט געשפּילט אין זיין צייט אַ היפּשע ראָלע אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, האָב איך זיך באַגעגנט כמעט אין דער זעלביקער צייט אין ווין, און טאַקע ווידער אַמאָל אין ריאַזאַנאָווס הויז. דאָס איז געווען אַלעקסאַנדער פּ אַ ר וו ו ס. זיין אמתער נאָמען איז געווען ה ע ל פ אַ נ ד, און ער האָט געשטאַמט פון רוסלאַנד. אָבער ער האָט געלעבט שוין אַ לאַנגע צייט אין דייטשלאַנד און איז געווען איינער פון די פּעאיקסטע און גלענצנדיקסטע שרייבערס פון דער דייטשער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. ער איז געווען באַפריינדעט מיט ראָזאַ לוקסעמבורג און מיט אַנדערע לינקע סאָציאַליסטן פון יענער צייט. אין 1905 איז ער געקומען צוריק קיין רוסלאַנד און האָט, צוזאַמען מיט טראָצקין, געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דעם ערשטן פּעטערבורגער סאָוועט. אין די יאָרן פון דער רעאַקציע איז ער אַריבערגעפאָרן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און איז געוואָרן דאָרטן אַן עקספּערט אין פינאַנציעלע און עקאָנאָמישע פראַגעס ביי די טערקישע רעוואָלוציאָנערן („יונג-טערקן"). אין דער זעלביקער צייט האָט ער זיך אָנגעהויבן צו פאַרנעמען מיט האַנדלס-געשעפטן און איז געוואָרן זייער רייך, ניט אויפהערנדיק צו זיין אַ סאָציאַליסט און פּאָליטישער טוער. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה, איז ער געווען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און טראָצקי האָט מיר געזאָגט פאַר זיין אָפּפאָר קיין שווייצאַריע: אין דער בעסטער לאַגע פון אונדז אַלעמען איז פּאַרוווס. ער וועט רואיק איבערוואַרטן די עטלעכע חדשים פון דער מלחמה אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און דערנאָך וועט ער קומען אויף אַלעם פאַרטיקן אין פּעטערבורג, נאָך דער רעוואָלוציע".

טראָצקיס נבואה איז געווען ריכטיק נאָר אין איין פּונקט, — וואָס איז שייך דער רוסישער רעוואָלוציע. אָבער טערקיי איז באַלד אַריין אין דער מלחמה און די מלחמה האָט געדויערט יאָרן, און דער עיקר —

פאַרוואוס איז גאָר ניט געבליבן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. ער איז אַוועק־געפאָרן קיין בערלין, ווייל ער איז צוגעשטאַנען צו די דייטשע רעכטע מערהייט־סאָציאַליסטן, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז דער זיג פון דייטשלאַנד איז בילכער פאַר דעם פּראָגרעס פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, איידער דער זיג פון דער רוסיש־פראַנצויזישער קאָאַליציע. און אויפן וועג פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל קיין בערלין האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין ווין און איז געקומען צו גאַסט צו ריאַזאַנאָוון. דאָס איז נאָך געווען פאַר דער עפנטלעכער דערקלערונג פון פּאַרוואוסן, וואָס האָט אַרויס־גערופן טראָצקיס „פּאָליטישן נעקראָלאָג" וואו ער האָט באַקלאָגט דעם פּאָליטישן טויט פון דעם נאָך לעבעדיקן פּאַרוואוס.

קיין לאַנגע דיסקוסיעס האָבן מיר מיט פּאַרוואוסן ניט געפירט, וואָרים אונדזערע גרונט־שטאַנדפּונקטן זיינען געווען צו פאַרשיידענע, אָבער דער געשפּרעך מיט אים איז געווען אינטערעסאַנט, ווייל ער איז געווען אַ געוואַלטיק פעאיקער און געבילדעטער מענטש מיט אָריגינעלע איינפאַלן, און אין יענעם מאָמענט שוין מיט זייער אַ ציניש צוגאַנג צו מענטשן און צו פּאָליטיק. ער איז פון בערלין אַריבערגעפאָרן דער־נאָך קיין קאָפּענהאַגען, דענעמאַרק, און האָט אין אָט דער נייטראַלער שטאָט געגרינדעט אַן אינסטיטוט אויף צו שטודירן די מלחמה־רעזול־טאַטן אין פאַרשיידענע לענדער. אין דעם דאָזיקן אינסטיטוט האָבן געאַרבעט אַ ריי רוסישע עמיגראַנטן פון פאַרשיידענע ריכטונגען, אָבער הגם די געלט אויפן אינסטיטוט האָט געגעבן פּאַרוואוס פּערזענלעך, איז אין דער רוסישער עמיגראַציע געווען פאַרשפּרייט אַ חשד אין באַ־צוג צו פּאַרוואוסעס אינסטיטוט: פיל סאָציאַליסטן האָבן געהאַלטן, אַז דאָס איז אַ דייטשע פּראָפּאַגאַנדע־אָרגאַניזאַציע. אין 1917 זאָל פּאַר־וואוס האָבן געשפּילט אַ געוויסע ראָלע אַלס אַ ראַטגעבער פון די רעכטע דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, און ס׳איז פאַראַן אויך אַ מיינונג, אַז ער איז דאָס געווען דער אמתער „מעקלער" צווישן דער דייטשער רעגירונג און לענינען, ווען דייטשלאַנד האָט אַדורכגעלאָזן לענינען מיט זיין גרופּע קיין רוסלאַנד (אין אַפּריל 1917).

אינטערעסאַנטע באַגעגענישן מיט פּאָליטיקער פון דעם זעלביקן פּסיכאָלאָגישן כאַראַקטער ווי פּאַרוואוס, האָב איך געהאַט אין ווין דורך די אוקראַאינישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. אָבער וועגן דעם שפּעטער.

איך האָב אָבער אויך געהאַט אין ווין אין יענער צייט באַגעגענישן פון גאָר אַן אַנדערן מין, מיט מענטשן פון גאָר אַן אַנדער שניט.

איינער פון זיי איז געווען אַב. קאַהאַן, דער רעדאַקטאָר פון ניו־יאָרקער „פאָרווערטס". ער איז געקומען צופאָרן קיין ווין אין פרילינג 1915, ווען ער האָט געמאַכט אַ רייזע איבער אייראָפּע, כדי צו אינ־פאָרמירן זיך איבער דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע. די אידן אין אַמע־ריקע, ווי די אידן איבער דער גאַנצער וועלט, זיינען יעמאָלט געווען פונקט אַזוי אַנטי־רוסיש, ווי זיי זיינען אין דער הייניקער מלחמה

פ ר אָ-רוסיש. רוסלאַנד איז יעמאָלט געווען דאָס צ אַ ר י ש ע רוסלאַנד, מיט אידישע פּראָגראָמען, מיטן ביילים פּראָצעס. אַקעגן זיינען דייטש-לאַנד און עסטרייך געווען לענדער, וואו אידן האָבן זיך געפילט פריי און גלייכבאַרעכטיקט. דאָס האָט שטאַרק געווירקט אויף דער שטימונג פון די אידישע מאַסן, וואָס ווערן שטאַרק באַאיינפלוסט דורך די נאַציאָ-נאַלע געפילן און זיינען נוטה צו באַטראַכטן אַלע וועלט-געשעעענישן אונטער דעם ריין-אידישן שטאַנדפּונקט: גוט פאַר אידן, אָדער שלעכט פאַר אידן?

אב. קאַהאַן האָט זיך געזען אין בערלין מיט די וויכטיקסטע פירער פון די דייטשע סאָציאַל-דעמאָקראַטן און האָט זיך געוואָלט באַקאַנען אויך מיט די עסטרייכישע. מיר זיינען מיט אים צוזאַמען אַוועק אין דער רעדאַקציע פון דער „אַרבעטער צייטונג". און דאָרטן האָבן מיר געהאַט זייער אַ הייסע דעבאַטע, אין קאַהאַנס אַנוועזנהייט, מיט דעם הויפּט-רעדאַקטאָר פון דער צייטונג, גענאָסע פרידריך א ו ס ט ע ר ל י ץ. די דעבאַטע איז געווען אי זייער אַ הייסע, אי זייער אַ הויכע, וואָרים דער אַלטער אוסטערליץ האָט געהאַט זייער אַ היציקן טעמפּעראַמענט און זייער אַ הילכיקן קול. איך געדענק, ווי איין מאָל האָט וויקטאָר אַדלער אַרומגעפירט אַ גרופּע אויסלענדישע געסט איבער דעם שיינעם הויז פון די ווינער סאָציאַל-דעמאָקראַטן. מיט אַמאָל האָבן זיך דער-הערט פון הויף ווילדע קולות. די געסט האָבן זיך אַביסל איבערגעשראָקן מיינענדיק, אַז דאָ קומט פאָר ערגעץ-וואו אַ געשלעג. אָבער דער אַלטער אַדלער האָט זיי זייער פלעגמאַטיש באַרויִקט: „אָ, דאָס שמועסט אונ-דזער הויפּט-רעדאַקטאָר מיט זיינע מיטאַרבעטער".

מיט אב. קאַהאַנען האָבן מיר אָפּגעמאַכט, אַז איך וועל פּרובירן באַקומען פאַרן „פאָרווערטס" מאַטעריאַלן וועגן דער אידישער לאַגע אין די עסטרייכישע געביטן, וואָס זיינען אָקופּירט געוואָרן דורך רוס-לאַנד בשעת זייער אָפענסיווע אין 1915. ווין איז יעמאָלט פאַרפּלייצט געווען פון אַ כוואַליע אידישע פליכטלינגע, וואָס זיינען אַנטלאָפן איבער די קאַרפּאַטן-בערג קיין אונגאַרן, און פון אונגאַרן קיין ווין. די דאָזיקע פליכטלינגע פלעגן דערציילן שוידערהאַפטע געשיכטעס וועגן די ווילדע אכזריות פון די קאָזאַקן אין די גאַליצישע שטעטלעך. אַלע מאַטעריאַלן וועגן דעם זיינען געזאַמלט געוואָרן אין אַ ספּעציעלן „אידישן אַרכיוו" אין ווין, און דער דירעקטאָר פון דעם דאָזיקן אַרכיוו איז געווען דער באַוואוסטער שרייבער ד"ר נתן בירנבוים (מתתיהו אחר). זוכנדיק די מאַטעריאַלן פאַרן „פאָרווערטס", האָב איך זיך אַ פּאָר מאָל באַגעגנט מיט ד"ר בירנבוימען, זייער אַן אינטערעסאַנטע און כאַראַקטעריסטישע פּערזענלעכקייט. אַ הויכער מאַן מיט אַ שיינער אַדלער-נאָז און אַ לאַנ-גער רבנישער, פּאַטריאַכאַלישער באָרד, מיט אַ שוואַרצער זיידענער יאַרמולקע אויפן קאָפּ — איז ער אין יענעם מאָמענט געווען אַ מיסטי-שער דייטשער פּאַטריאָט, — אַלץ פון אידישן שטאַנדפּונקט. איך האָב פּרובירט מיט אים צו דיסקוטירן, אָבער עס איז געווען אומזיסטע רייד.

די דייטשן האָבן איינגענומען פוילן, און זיי וועלן איינגעמען אַלץ וואָס זיי ווילן. עס איז ביי זיי נאָר אַ פראַגע פון ווילן. אויב דער דייטשער גענעראַל-שטאַב וועט באַשליסן צו גיין אויף מאָסקווע, וועט ער נעמען מאָסקווע, און קיין קראַפט אין דער וועלט וועט די דייטשן ניט אָפּשטעלן. בירנבוים אַלס אַ מענטש פון עקסטרעמען טעמפּעראַמענט, האָט אין אַ מער בולטער פאָרם אויסגעדריקט דאָס, וואָס זייער פיל אידן האָבן אין יענעם מאָמענט געטראַכט און געפילט, — געטריבן דורך זייער האַס קעגן רוסישן צאַריזם.

איך האָב פאַרן „פאָרווערטס" אָנגעשריבן אין גאַנצן עטלעכע אַרטיקלען. שרייבן פּאָליטישע זאַכן אויף אידיש, אונטער דער עסטרייכישער מיליטערישער צענזור, אין דער צייט פון אַ קריג, — איז געווען פאַר מיר זייער שווער, וואָרים ביי מיין גאַנצער שנאה קעגן דער רוסישער זעלבסט-הערשאַפט, בין איך דאָך ניט געווען קיין עסטרייכישער אָדער דייטשער „פּאַטריאָט". דערפאַר אָבער האָב איך אָנגעשריבן אַ גאַנצע סעריע פּאָפּולער-וויסנשאַפטלעכע און טעכנישע אַרטיקלען פאַר דער „צוקונפט" (אונטערגעשריבן מ. אַבראַמאָוויטש; ווייל מ. איז געווען „מלכיאל", מיין בונדישער פּאַרטיי-נאָמען). און צענזורירט די דאָזיקע אַרטיקלען האָט אַן עסטרייכישער פּאָלקאָווניק (קוירנעל), אַ קריסט, וואָס האָט פאַרשטאַנען העברעאיש און אידיש.

4

דיסקוסיעס וועגן דער מלחמה

מיין שטעלונג צו דער מלחמה איז געווען אַן אינטערנאַציאָנאַליסטישע, די זעלבע ווי כמעט ביי דער גאַנצער רוסישער קאָלאָניע אין ווין, און די זעלבע ווי ביי דער לינקער מינדערהייט פון דער עסטרייכישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע.

מיר האָבן דעם קריג ניט געהאַלטן פאַר א ו נ ד ז ע ר קריג, און יעדער שריט פון דער מלחמה אויף אַלע אירע פראָנטן איז געגאַנגען קעגן אונדזערע וואונטשן און קעגן אונדזערע שטרעבונגען, איז געווען אַ באַליידיקונג פאַר אונדזערע געפילן פון פּאַציפיזם און אינטערנאַציאָנאַליזם. מיר האָבן פייערדיק באַגריסט קאַרל ליבקנעכטן פאַר זיין שטימען אין רייכסטאַג קעגן די מלחמה-קרעדיטן. מיר האָבן באַוואונדערט די צוויי סערבישע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן געשטימט קעגן די קרעדיטן. און מיר, רוסישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן, זיינען געווען שטאָלץ מיט דעם, וואָס די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטן אין דער רוסישער דומע, סאַי די באָלשעוויקעס, סאַי די מענשעוויקעס, האָבן אויך געהאַט דעם מוט צו שטימען קעגן די רוסישע מיליטער-קרעדיטן.

די דייטשע באַרבאַרייען אין בעלגיע, וועגן וועלכע מיר פלעגן זיך דערוויסן פון די רוסישע, פראַנצויזישע און נייטראַלע צייטונגען, האָבן פונקט אַזוי צעבלוטיקט אונדזער האַרץ, ווי די רוסיש-קאַזאַקישע אכזריות אין גאַליציע אָדער ווי דער עסטרייכישער טעראָר קעגן די אוקראַאינער (אין עסטרייך פלעגט מען זאָגן „רוטענער") אין מזרח-גאַליציע, קעגן די סערבישע פּאַטריאָטן אין די דרום-סלאַווישע געביטן, אָדער קעגן די איטאַליענישע פריהייטס-קעמפער אין טרענטינאָ (יענער טייל איטאַליע, וואָס האָט נאָך יעמאָלט באַלאַנגט צו דער עסטרייכיש-אונגאַרישער אימפּעריע). פון מיינע קאָלעגן אינזשענערן, וואָס האָבן געדינט אַלס אָפיצערן אויפן פראָנט און פלעגן קומען קיין ווין אויף אורלויב, האָב איך זיך דערוואוסט שרעקלעכע איינצלהייטן וועגן דער באַהאַנדלונג פון דער אָרטיקער ניט-דייטשער באַפעלקערונג דורך די דייטשע און עסטרייכישע אָקופּאַנטן. איך האָב געזעען פאָטאָגראַפיעס פון גאַליציע, וואו אויף די וועגן זיינען אויפגעשטעלט געווען גאַנצע אַלייעס תליות, און אויף די תליות זיינען געהאַנגען צענדליקער „רוטע-נישע שפּיאָנען". איך האָב זיך איין מאָל געטראָפן אין ווין מיט דעם אידישן בירגערמייסטער (מעיאָר) פון דער דייטש-אָקופּירטער רוסישער שטאָט פינסק, און ער האָט מיר דערציילט וועגן דעם, ווי אַזוי די דייטשן פלעגן כאַפּן אין די גאַסן צענדלינגער אידישע מיידלעך און פרויען און פאַרשלעפּן זיי מיט גוואַלט אין די פּראָסטיטוציע-הייזער פאַר דייטשע סאָלדאַטן.

מיר האָבן דעם קריג ניט אָקספּעצטירט. מיר האָבן אים געהאַלטן פאַר דעם אויסדרוק פון ווילדער בעסטיאַליטעט, מיט וועלכער קיין שום אויפריכטיקער סאָציאַליסט קאָן מאָראַליש ניט שליסן שלום. מיר האָבן פאַראורטיילט די פּאָליטיק פון יענע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן, ווי פּ ל ע כ א נ א װ, געהאַלטן, אַז דער זיג פון די עלאַיס וועט ברענ-גען פאָרגרעס פון דעמאָקראַטיע פאַר דער גאַנצער וועלט, אָדער ווי פ א ר װ א ר ט ס און די דייטשע מערהייט-סאָציאַל-דעמאָקראַטן, וואָס האָבן פאַרטיידיקט דעם שטאַנדפּונקט, אַז דוקא דער זיג פון דייטשלאַנד איז פון סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט אַ בעסערער אויסוועג איידער דער זיג פון דער רוסיש-פראַנצויזיש-ענגלישער „אַנטאַנט".

מיר האָבן געהאַלטן, אַז עס איז ניטאָ קיין שום ממשותדיקער חילוק צווישן די ביידע מחנות, וואָס האָבן געקעמפט צווישן זיך אין דער וועלט. ניט דער זיג פון איין צד און ניט דער זיג פון צווייטן צד וועט ניט ברענגען קיין אמתע דעמאָקראַטיע אָדער סאָציאַליזם. דערי-בער ווילן מיר, אַז דער קריג זאָל זיך ענדיקן אָ ן ז י ג ע ר א ו ן אָ ן ב אַ ז י ג ט ע. זאָלן ביידע צדדים פאַרלירן, יעמאָלט וועט געווינען דער אַרבעטער-קלאַס. וואָרים דאָס איז דאָך געווען דער שטאַנדפּונקט פון דעם אינטעראַנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם אין דער פאַר-מלחמה-צייט, און עס איז געווען אַ בפירושער באַשלוס פון אינטערנאַציאָנאַל, וואָס האָט פאַרלאַנגט, אַז אויב די מלחמה וועט קומען קעגן דעם ווילן און ניט גע-

קוקט אויף דעם ווידערשטאַנד פון פּראָלעטאַריאַט, דאַן האָט דער אַר־בעטער־קלאַס אין אַלע לענדער נאָר איין אויפגאַבע: זעען, אַז דער קריג זאָל זיך ענדיקן וואָס גיכער, און אויסנוצן די געשאַפענע לאַגע פאַר דעם זיג פון סאָציאַליזם.

אונדזער שטעלונג האָט זיך ניט געענדערט אויך דאַן, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די „באַפרייאונגס־טאַטן" פון די דייטשע אַרמייען אין די אָקופּירטע געביטן פון רוסיש־פּוילן.

אין אָנהייב אויגוסט 1915 איז וואַרשע פאַרנומען געוואָרן פון די דייטשן, און אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט זיך אין דער גאַנצער דייטשער פּרעסע באַוויזן אַ טעלעגראַם, אַז די זיגרייכע דייטשע באַפרייער האָבן אַרויסגעלאָזט פון די וואַרשעווער תפיסות אַלע רוסישע פּאָליטישע גע־פאַנגענע, צווישן זיי דעם באַוואוסטן סאָציאַל־דעמאָקראַט וולאַדימיר מ ע ד ע ם. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך טאַקע באַקומען אַ טעלע־גראַם פון מעדעמען אַליין, אַז ער איז באַפרייט און אַז ער שרייבט מיר. און אין אַ וואָך אַרום האָב איך באַקומען פון אים די ערשטע קאַרטל (אויף דייטש), אין וועלכער ער שיקט זיינע גרוסן און זאָגט אַ פּאָר ווערטער וועגן דער אַרבעט, וואָס ער הייבט אָן.

די דייטשן האָבן טאַקע באַפרייט פּאָליטישע געפאַנגענע און האָבן ניט געשטערט דעם אויפבוי פון אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. זיי זיינען געווען פריינטלעך צו די אידן אין פּוילן, און אויף די גאַסן פון וואַרשע און אַנדערע אידישע שטעט זיינען אויסגעקלעפּט געוואָרן גרויסע אַפישן (אויף איריש־דייטש!) פון גענעראַל לודענדאָרף, וואָס האָבן זיך אָנגע־הויבן מיט די ווערטער: „צו מיינע ליבען יודען".

אָבער ניט מעדעמס באַפרייאונג, וואָס איז געווען פאַר מיר פּערזענ־לעך אַ געוואַלטיקע שמחה, און ניט די אַנדערע דייטשע גליקן האָבן ניט געקאָנט ווייכער מאַכן אונדזער שנאה צו דער מלחמה.

ריאַזאַנאָוו האָט אין אָנהייב פון דער מלחמה שטענדיק געטענהט: „די מלחמה גייט ניט ריכטיק. ריכטיק דאַרף זיין אַזוי, אַז מען זאָל זיגן פון מערב צו מזרח צו. די פראַנצויזן מיט די ענגלענדער דאַרפן באַזיגן דייטשלאַנד, און אין דער זעלביקער צייט דאַרף דייטשלאַנד באַזיגן רוס־לאַנד. די מער דעמאָקראַטישע לענדער דאַרפן באַזיגן די ווייניקער דע־מאָקראַטישע". אייגנטלעך איז דער קריג 1914—1918 טאַקע אַזוי גע־גאַנגען. צוערשט האָט דייטשלאַנד צעקלאַפּט רוסלאַנד, און דאַן האָבן די עלאַים צעקלאַפּט דייטשלאַנד. אָבער אין די ערשטע וואָכן פון דער מלחמה איז אַלץ געגאַנגען קאַפּויער: רוסלאַנד האָט געזיגט אין עסט־רייך, און דייטשלאַנד האָט געזיגט אין פראַנקרייך.

די ריכטונג, צו וועלכער איך האָב געהערט, האָט שפּעטער, נאָך 1915, באַקומען דעם נאָמען „אינטערנאַציאָנאַליסטן" אָדער „צימערוואַל־דיסטן", לויט דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקו־מען אין דעם שווייצאַרישן שטעטל צימערוואַלד. די צווייטע ריכטונג

אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג איז געווען די „סאָציאַל-פּאַטריאָטישע" (לויט ראָזאַ לוקסעמבורגס ווערטל). זי האָט געהאַלטן, אַז די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אַרבעטער-פּאַרטייען מוזן פאַר-טיידיקן זייער פאָטערלאַנד, גאַנץ גלייך, צי דאָס פאָטערלאַנד איז גערעכט אָדער ניט גערעכט. און עס איז געווען אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָ-ציאַליסטישער באַוועגונג נאָך אַ דריטע, אַן עקסטרעמע ריכטונג, די „דעפעטיסטישע". זי איז געווען פאַרטראָטן אַמבולטסטן דורך ליענינען און זיינע אָנהענגער און איז געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט, אַז יעדע סאָ-ציאַליסטישע פּאַרטיי דאַרף זעען, אַז אי ר לאַנד זאָל פאַרלירן די מלחמה. און פריער פאַר אַלץ האָט לענין געהאַלטן, אַז ליידן אַ מפּלה מוז רוס-לאַנד, און אַז די פאַרשיידענע פרעמדע פעלקער, וואָס זיינען פאַרשפּאַרט אין די גרענעצן פון דער רוסישער אימפּעריע, זאָלן קאָנען פון רוסלאַנד אַרויסגיין און בילדן אייגענע זעלבשטענדיקע מלוכות: פינלאַנד, פּוילן, די באַלטישע לענדער א"אַ.

אונדזערע פּאָליטישע דיסקוסיעס אין צוזאַמענהאַנג מיט דער מלחמה האָבן מיר יעמאָלט אין ווין דורכגעפירט אין צוויי ערטער: ערשטנס, האָבן די אין ווין פאַרבליבענע עמיגראַנטן געהאַט אַ רוסישן סאָציאַ-ליסטישן קלוב, וואָס איז געשטאַנען אונטער דעם שוץ פון דער עסטריי-כישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און פלעגט זיך צוזאַמענקלייבן אַלע פרייטיק אין דעם „אייזנבאַנער-היים", — דעם הויז פון דער אייזנ-באַן-אַרבעטער יוניאָן. דער טשערמאַן פון דער דאָזיקער יוניאָן איז געווען דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער דעפּוטאַט ס ע וו ע ר, זייער אַ וואוילער און האַרציקער גענאָסע, וואָס האָט זיך מיט רירנדיקער פריינטשאַפט באַצויגן צו די גענאָסן און האָט פאַר זיי געזאָרגט ווי אַ ברודער.

אַ צווייטער מקום פון סאָציאַליסטישע דיסקוסיעס איז געווען דער „קאַרל מאַרקס קלוב", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פון פריץ א ד ל ע ר און זיינע פריינט. דאָרטן פלעגט זיך צוזאַמענקלייבן די גאַנצע סאָציאַ-ליסטישע אינטעליגענץ פון דער שטאָט ווין, און דאָרטן פלעגן פאָרקומען פייערדיקע שלאַכטן צווישן „סאָציאַל-פּאַטריאָטן" און די „אינטערנאַ-ציאָנאַליסטן". דער פירער פון דעם קלוב איז געווען פריץ אַדלער: אָטאָ ב אַ ו ע ר ווי אויך יוליוס ד ו י ט ש זיינען געווען אויפן פראָנט ווי אָפי-צערן און באַוער איז אין גיכן אַריינגעפאַלן אין רוסישער געפאַנגענשאַפט. רודאָלף ה י ל פ ע ר ד י נ ג איז געווען מאָביליזירט אַלס דאָקטאָר אין דייטשלאַנד און פאַר דער גאַנצער צייט פון דער מלחמה האָב איך אים געזען סך-הכל אַ 3—2 מאָל אין ווין.

דערפאַר האָב איך זיך אַלץ מער און מער באַפריינדעט מיט פריץ אַדלערן און דורך אים האָב איך אויך אָנגעשריבן מיין ערשטן אַרטיקל אין דער אייראָפּעאישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּרעסע. דאָס איז געווען אַן אַרטיקל פאַר דעם ווינער סאָציאַל-דעמאָקראַטישן זשורנאַל

„דער קאַמף", אין וועלכן איך האָב שאַרף קריטיקירט יענע עסטרײַכישע סאָציאַל-פּאַטריאָטן ווי ד"ר קאַרל ל י י ט נ ע ר, וואָס האָבן, כדי צו פאַרשטאַרקן די קריגס-באַגײַסטערונג פון די עסטרײַכער, פאַרזיכערט, אַז די גרעסטע סכנה פאַר דער וועלט איז דער רוסישער „פאָלקס-אימפּעריאַליזם", ניט דער אימפּעריאַליזם פון די צאַרן, נאָר דער אימפּעריאַליזם פונם רוסישן פויער. די גאַנצע וועלט האָט דערנאָך אין 1917 געזעען, וואָס פאַר אַ פּנים עס האָט געהאַט דער רוסישער „פאָלקס-אימפּעריאַליזם" פון 1914—1918.

אין הארבסט 1915 האָט פרידריך אַדלער געמאַכט אַ נסיעה קיין ציריך, וואו עס האָבן געלעבט זײַן פרוי מיט די קינדער, און האָט מיטגעבראַכט פון דאָרטן קיין ווין דעם טעקסט פון דעם באַרימטן „צימערוואַלדער מאַניפעסט". דער דאָזיקער דאָקומענט האָט אַרויסגערופן בײַ אונדז אַלעמען די גרעסטע באַגײַסטערונג.

5

איך באַשלים אַרויסצופאָרן קיין שווייצאַריע

איך האָב אָפּגעלעבט אין ווין, ווי אַ „קאָנפינירטער" רוסישער ציווילגעפאַנגענער, צוויי יאָר. געאַרבעט ווי אַן אָקס אין מײַנע דרײַ פּאַטענטאָפיסעס. אין אָוונט דאָס רוב געלייענט גאַנץ פיל. פרישע פּאָליטישע ליטעראַטור האָב איך אין ווין ווייניק געקאָנט קריגן, האָב איך זיך פאַרטיפט מער אין טעאָרעטישע און היסטאָרישע ווערק. דורכגעשטודירט זייער גרינטלעך הילפערדינגס „פינאַנץ-קאַפּיטאַל", דאָס באַדײַטיקסטע מאַרקסיסטישע ווערק זינט מאַרקסעס „קאַפּיטאַל", און דער עיקר די ווערק פון קאַרל מאַרקס גופא. גראָד קורץ פאַרן קריג איז אַרויס אין פיר גרויסע בענד די בריוו-קאָרעספּאָנדענץ, וואָס עס האָבן צווישן זיך געפירט אין משך פון איבער 30 יאָר קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס. עס איז געווען גוואַלטיק אינטערעסאַנט צו פאַרפאָלגן דעם אינטימען געדאַנקען-אויסטויש פון אַזוינע צוויי באַדײַטיקע און פילזײַטיק געבילדעטע פּערזענלעכקייטן, ווי די ביידע גרעסטע לערער פון מאָדערנעם סאָציאַליזם. דאָס האָט מיך אַרײַנגעפירט אין דער אינעווייניקסטער לאַבאָראַטאָריע פון מאַרקסיזם מער, ווי יעדער אַנדער בוך. אין דער זעלבער צײַט זײַנען אויך דערשינען צוויי בענד מיט מאַרקסעס אַרטיקלען, וואָס ער האָט אין משך פון יאָרן געשריבן פאַר דער ניו-יאָרקער „טריביון", וואָס איז יעמאָלט אַרויסגעגעבן געוואָרן פון אַ געוויסן ד א נ א. אַ סך פון די דאָזיקע אַרטיקלען פון „ד"ר קאַרל מאַרקס פון לאָנדאָן" זײַנען אין דער אמתן אָנגעשריבן געוואָרן פון ענגעלסן, ווײַל מאַרקס האָט ניט געהאַט קיין צײַט: ער האָט גראָד געאַרבעט איבער דעם ערשטן באַנד פון זײַן „קאַפּיטאַל".

דאָס שטודיום פֿון די דאָזיקע ווערק האָט שטאַרק באַרייכערט מײַן מאַרקסיסטיש און אַלגעמיין וויסן. אָבער דאָך איז דאָס לעבן אין דעם אָפּגעשניטענעם פֿון דער וועלט ווינקל געווען צו שווער פֿאַר אַן אַקטיוון פּאָליטישן מענטשן ווי איך. דערצו זײַנען נאָך צוגעקומען ספּעציעלע באַדינגונגען. ערשטנס, איז פֿון ווין אָפּגעפֿאָרן מײַן שכן און נאָענטסטער „מיט־געפֿאַנגענער" ר י אַ ז אַ נ אָ װ. ער איז אַריבערגעפֿאָרן קיין ציריך, ווײַל ער האָט געדאַרפֿט פֿאַרענדיקן אַ רײ וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעטן. צווייטנס, האָב איך אין פֿרילינג 1916 באַקומען דורך דעם אויסלענדישן קאָמיטעט פֿון „בונד" אין זשענעווע אַ מערקווירדיקן בריוו, וואָס משה ר אַ פֿ עָ ס האָט צוגעשיקט פֿון רוסלאַנד. אין דעם דאָזיקן אויספֿירלעכן באַריכט איבער זײַנע רײַזעס אין רוסלאַנד האָט ראַפֿעס זייער אינטערעסאַנט „אָנגעטאַפּט דעם דופֿק" פֿון רוסישן פּאָליטישן לעבן. מיט אַ יאָר פֿאַר דער מערץ־רעוואָלוציע 1917 האָט ער פֿאָראויסגעזאָגט די אומפֿאַרמײַדלעכקייט און נאָענטקייט פֿון אַן איבערקערעניש. דער בריוו האָט געמאַכט אויף מיך אַ טיפֿן אײַנדרוק און האָט אין גאַנצן אָפּגענומען בײַ מיר די אינעווייניקסטע רואיקייט. אין רוסלאַנד וועט באַלד קומען די רעוואָלוציע און איך וועל זיצן אַ געפֿאַנגענער אין ווין, און וועל ניט קאָנען פֿאָרן אַהיים, אין דאָס לאַנד פֿון „מײַן" רעוואָלוציע! דער דאָזיקער געדאַנק איז געוואָרן פֿאַר מיר אַלץ מער אומדערטרעגלעך.

און דאָ איז צוגעקומען נאָך אַ דריטער אומשטאַנד: מײַן פֿרוי האָט דערוואַרט אַ קינד, און מיר האָבן ניט געוואָלט, אַז דאָס זאָל געשען אין דעם הונגעריקן פֿינצטערן ווין, וואו מיר זײַנען אָפּגעשניטן אי פֿון דער פֿאַמיליע אין רוסלאַנד, אי פֿון אַלע אונדזערע פֿרײַנט: זיי אַלע זײַנען דאָך געווען אין ציריך, און אין ציריך האָט געלעבט אויך מײַנע אַ שוועסטער. איז בײַ אונדז געבליבן, אַז מיר זאָלן אַריבערפֿאָרן קיין שווייצאַריע. אין די ערשטע חדשים פֿון קריג זײַנען נאָך אין עסטרײַך ניט געווען קיין וויזעס און שוועריקייטן. אָבער אין זומער 1916 האָט זיך שוין די לאַגע געביטן: גראָד יעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן יענע תקופֿה פֿון פּאַספּאָרטן, וויזעס, קוואָטעס אאַז״וו, מיט וועלכער די מענטשהייט האָט זיך אַזוי גרינטלעך באַקאַנט אין דעם פּעריאָד צווישן די ביידע וועלט־מלחמות.

כדי אַרויסצופֿאָרן פֿון עסטרײַך האָט מען איצט שוין געדאַרפֿט האָבן אַן „אַרויספֿאָר־דערלויבעניש". און כדי אַרײַנצופֿאָרן קיין שווייצאַריע האָט מען געדאַרפֿט האָבן אַן אויסלענדישן פּאַס און אַ וויזע פֿון שווייצאַרישן קאָנסול אין ווין. אַ פּאַס האָב איך געקאָנט קריגן: די רוסישע געפֿאַנגענע בירגער אין עסטרײַך האָבן זיך, לויט אַן אינטערנאַציאָנאַלן אָפּמאַך, געפֿונען אונטער דעם שוץ פֿון שפּאַניע. צי וועט אָבער דער שפּאַנישער קאָנסול אין ווין אַרויסגעבן אַ פּאַס אַ רוסישן פּאָליטישן עמיגראַנט? שפּאַניע איז יעמאָלט דאָך געווען אַ מאָנאַרכיע, און דער שפּאַנישער קאָנסול איז געווען דער פֿאַרטרעטער פֿון שפּאַנישן קאַטוילישן קיניג.

אָבער דער שפּאַנישער קאָנסול האָט מיר ניט געמאַכט קיין שום שוועריקייטן, און אין גיכן האָב איך געהאַט אַ שפּאַנישן פּאַס פֿאַר מיר און מיין פֿאַמיליע. דאָס איז געווען מיין ערשטע פּערזענלעכע באַרירונג מיט שפּאַניע. איך האָב יעמאָלט, קריגנדיק אַ שפּאַנישן פּאַס פֿאַר מיין 7-יאָריקן מוריק, ניט געקאָנט פֿאָראויסזען, וואָס פֿאַר אַ פֿאַטאַלע ראָלע די דאָזיקע מלוכה וועט שפּילן פֿאַר מיין זון אין 20 יאָר אַרום.

אויך די שווייצאַרישע וויזע האָט מען מיר צוגעזאָגט, אויב איך וועל האָבן אַ גאַראַנטיע פֿון אַ געוויסער סומע געלט אויף מיטצוברענגען מיט זיך קיין ציריך, און אויב איך וועל קריגן די עסטרייכישע אַרויספֿאָר־דערלויבעניש.

פֿאַר געלט האָב איך ניט מורא געהאַט: אַנטלייען געלט אויף צו ווייזן אויף דער גרעניץ איז ניט געווען שווער פֿאַר מיר. אָבער וואָס טוט מען מיט דער אַרויספֿאָר־דערלויבעניש? צו וועמען גייט מען אין אַזאַ פֿאַל? צו וויקטאָר אַדלערן. און צו וועמען ווענדעט זיך וויקטאָר אַדלער? צו זיין „פֿריינדערל", — ווי מען פֿלעגט זאָגן אין ווין, — האָפֿראַט ש אָ ב ע ר. וויקטאָר אַדלער האָט טאַקע אַזוי געטאָן אין פֿאַר לענינען, אין פֿאַר ריאַזאַנאָוון, און עס איז געגאַנגען גאַנץ לייכט. מיט מיר אָבער האָט זיך עפּעס „פֿאַרטשעפּעט". האָפֿראַט שאָבער האָט מיך טאַקע איינגעלאַדן צו זיך און האָט פֿאַרשריבן אַלץ וואָס איך האָב געזאָגט: אַז איך בין ניט צוגעפּאַסט פֿאַרן מיליטער־דינסט אין רוסלאַנד צוליב מיינע שוואַכע אויגן (איך בין שטענדיק געווען שטאַרק קורצזיכטיק, און אין אַלטן רוסלאַנד האָט מען מיט אַזוינע אויגן ניט גענומען אין דער אַרמיי); אַז מיין פֿרוי איז קראַנק און דאַרף זיך היילן אין שווייצאַריע, און אַז דעריבער בעט איך מען זאָל מיך אַרויסלאָזן אין דאָס נייטראַלע לאַנד שווייצאַריע.

שאָבער איז געווען זייער פֿריינטלעך און האָט צוגעזאָגט צו באַטראַכטן מיין ענין. אָבער דער גאַנצער זומער איז פֿאַרגאַנגען, און קיין שום ענטפֿער האָב איך ניט באַקומען. געגאַנגען ווידער צו וויקטאָר אַדלערן, אָבער ער איז גראָד יעמאָלט געוואָרן שווער קראַנק אויפֿן האַרצן, און די דאָקטוירים האָבן אים אַוועקגעשיקט זיך היילן אין נאַוהיים. בין איך געבליבן אָן אַ באַשיצער, און מיין פֿריינט פֿריץ אַדלער האָט קיין זאַך פֿאַר מיר ניט געקאָנט טאָן: ער, דער לינקער צימערוואַלדיסט, איז געווען אַ קנאַפּע „פּראָטעקציע" ביי דער עסטרייכישער מיליטערישער פּאָליציי.

ענדלעך איז זיין פֿאָטער צוריקגעקומען קיין ווין, און האָט נאָך אַמאָל דורכגערעדט זיך מיט שאָבערן. און דאַן איז באַשטימט געוואָרן אַ מעדיצינישע קאָמיסיע, וואָס האָט מיך אונטערזוכט און פֿעסטגעשטעלט, אַז איך טויג טאַקע ניט פֿאַר אַ סאָלדאַט. און נאָך אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָב איך באַקומען די דערלויבעניש צו פֿאַרלאָזן די טעריטאָריע פֿון דער עסטרייכישער מלוכה.

אָבער עס איז שוין געווען דער 10־טער אָקטאָבער 1916, און מיין פרוי האָט געדאַרפט האָבן דאָס קינד סוף אָקטאָבער. אין ציריך איז שוין געווען צוגעגרייט פאַר איר אַ צימער אין שפּיטאָל, וועש פאַרן קינד און אַזוי ווייטער. אָבער צי וועלן מיר באַוויזן אָנקומען אַהין אין צייט? גרויס איז געווען דעריבער אונדזער צער ווען, אָנקומענדיק אין דער גרויסער גרענעץ־שטאָט אינסברוק, וואו מיר האָבן זיך געמוזט מעלדן ביי דער זשאַנדאַרמעריע, האָט מען אונדז אָנגעזאָגט, אַז מיר מוזן וואַרטן אויפן גרעניץ צוויי וואָכן, ביז מען וועט אונדז דערלויבן צו פאַרלאָזן עסטרייך. דאָס איז געווען דער אַזוי גערופענער „פּאָליטישער קאַראַנטין": אַזוי ווי די דייטשן האָבן מורא געהאַט פאַר שפּיאָנען, איז איינגעפירט געוואָרן אַ כלל, אַז יעדער וואָס פאָרט אַרויס פון דייטשלאַנד אָדער עסטרייך זאָל געהאַלטן ווערן אויפן גרעניץ, אונטער דער אויפזיכט פון זשאַנדאַרמען, אַ געוויסע צייט. ערשטנס, וועט מען קאָנען בעסער פעסטשטעלן ווער עס איז אַ שפּיאָן, — און צווייטנס, וועלן די געהיימע מיליטערישע ידיעות, וואָס די רייזנדער פירן אפשר מיט זיך, פאַרעלטערט ווערן אויף צוויי וואָכן.

דער איינפאַל פון די דייטשע זשאַנדאַרמען איז געווען אַ גאַנץ פּיפיקער, אָבער פאַר אונדז איז דאָס געווען אַ גוואַלטיקע געפאַר. איך האָב געהאַט מיט זיך אַ בריוו פון וויקטאָר אַדלערן צו דעם אָרטיקן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן דעפּוטאַט אַ ב ר אַ ם, וואָס איז, ניט געקוקט אויף זיין אידישן נאָמען, געווען אַן עכטער קאַטוילישער טיראָלער פּויער, און זייער אַ ליבער און פריינטלעכער גענאָסע. ער האָט מיך זייער האַרציק באַגעגנט, האָט מיר געשאָנקען פאַר מיין פאַמיליע אַ גאַנצן זאַק מיט עסנוואַרג, — ווייסע ברויט, פרישע אייער, פּוטער, וואָס דאָס אַלץ איז פאַר אונדז, אויסגעהונגערטע ווינער, געווען אַ גרויסע דערקוויקונג. אָבער מיטן „קאַראַנטין" האָט ער פאַר מיר קיין זאַך ניט געקאָנט אויפטאָן: זיין איינפלוס אויף דעם קאָמאַנדאַנט פון די זשאַנדאַרמען איז געווען ניט קיין גרויסער.

האָט מען אונדז אַוועקגעשיקט אין דעם טיראָלער באַרג־שטעטל זילץ, אַ שעה רייזע פון שווייצאַרישן גרעניץ, און דאָרטן האָבן מיר זיך באַזעצט אין האָטעל „צור פּאָסט".

זילץ איז אַ וואונדערשיין טיראָלער באַרג־שטעטל, מיט הויכע בערג אַרום און אַרום, מיט שיינע טיראָלער פּויערים־הייזלעך, וואָס אַרום זייערע פענצטערלעך הענגען גאַנצע גירלאַנדעס מאַאיס־קעפּלעך, וואָס ווערן אונטער דער זון אָראַנזש־געל און רויט. די איינוואוינער זיינען געווען פריינטלעך צו די רייזנדערס, וואָס זיינען כמעט אַלע געווען אויסלענדער: אונגאַרן, בולגאַרישע סטודענטן, וואָס זיינען געפאָרן קיין שווייצאַריע, האָלענדער, שווייצער און מיר, רוסן. מיין פרוי איז די גאַנצע צייט געזעסן אין האָטעל, דער אינגל און איך האָבן אַביסל אַרומגעוואַנדערט איבער די אַרומיקע בערג. דאָס לעבן וואָלט געווען גאַנץ רואיק, ווען ניט דער געדאַנק וועגן דער לאַגע פון מיין פרוי.

און די מורא איז געווען גאָר באַרעכטיקט. דעם 20-טן אָקטאָבער אין דער פרי האָבן זיך מיט אַמאָל אָנגעהויבן די ווייען. איך בין אַוועקגעלאָפן צום דאָקטאָר און דער הייבאַם. די הייבאַם האָב איך געפונען אין פעלד, גראָבנדיק מיט די הענט קאַרטאָפל פון דער ערד. זי האָט אַביסל אָבגעשווענקט די הענט און איז אַוועק צו מיין פרוי, און איך בין אַוועקגעלאָפן צום דאָקטאָר. דאָס איז געווען אַן אַלטער טיראָלער דייטש מיט לאַנגע וואָנצעס און אַ לאַנגער פיפקע אין מויל. ניט געאיילט זיך, האָט ער אָנגעטאָן דעם רעקל און אַוועק מיט מיר.

די געבורט איז געווען אַ לייכטע. דאָס קינד, אַ מיידעלע, איז געווען אַ געזונטע און שיינע. ס'האָבן ניט געשאַדט ניט די דאָרפישע הייבאַם מיט די ברודיקע הענט, ניט דער אַלטער דאָקטאָר, וואָס האָט דורכגעפירט די געבורט אין די קליידער, אין וועלכע ער איז געווען, אָן אַ ווייסן „כאַלאַט", נאָר דעם רעקל האָט ער אויסגעטאָן און די אַרבל פאַרקאַשערט. מיר האָבן ניט געהאַט צוגעגרייט ניט קיין וועש פאַרן קינד, ניט קיין וויגעלע, קיין זאַך ניט, וואָרים אַלץ איז דאָך געווען צוגעגרייט אין ציריך, און די געבורט איז געקומען פריער, ווי מיר האָבן דערוואַרט. צום גליק האָט די באַלעבאַסטע פון האָטעל אַליין ניט לאַנג געבוירן אַ קינד. האָט זי אונדז געליען איר קינדס וועש, און פון אַ געפלאָכטענער וועש-קאָרב האָט מען געמאַכט אַ וויגעלע. נאָר אַפּוועגן דאָס קינד האָבן מיר ניט געקאָנט: אויף דער האָטעל-וואָג האָט מען געקאָנט וועגן קאַרטאָפל און מאַאיס, אָבער אויף צו וועגן קליינע קינדער האָט די וואָג ניט געטויגט. אָבער, ווי עס ווייזט אויס, קאָנען זיך קינדער גאַנץ גוט אַנטוויקלען אַפילו ווען מען וועגט זיי ניט אַזוי גענוי.

די פרויען פון אונדזערע מיט-פּאַסאַזשירן האָבן זיך זייער וואָרים באַצויגן צו מיין פרוי און צום אינגל. די פרוי פון אַ רייכן אונגאַרישן ווייןהענדלער האָט געאַרבעט ווי אַ נוירס. צוויי יונגע בולגאַרישע מעדיצין-סטודענטקעס פון ציריך, וואָס האָבן אַגב גוט פאַרשטאַנען רוסיש, — האָבן זיך באַצויגן צו אונדז ממש שוועסטערלעך, הגם בולגאַריע איז דאָך געשטאַנען אין קריג קעגן רוסלאַנד (דאָס בולגאַרישע פאָלק איז שטענדיק פריינטלעך צו רוסן און אין די בולגאַרישע מיטל-שולן איז רוסיש געווען אַ מוז-שפּראַך). אַלץ איז געגאַנגען גלאַט, ניט געקוקט אויף דער גאַנצער פּרימיטיוועקייט פון אונדזער סביבה.

און דאַן איז מיטאַמאָל געקומען אַ קלאַפּ, וואָס האָט געקאָנט פאַר אונדז ווערן אַ פולשטענדיקע קאַטאַסטראָפע. דעם 21-טן אָקטאָבער 1916, אַ טאָג נאָך דער געבורט פון מיין טאָכטער, האָט מיין פריינט פרידריך אַדלער דערשאָסן אין ווין דעם עסטרייכישן מיניסטער-פּרעזידענט גראַף שטירגק.

6
אַדלערס אַטענטאַט

איך בין געזעסן דעם 21־טן אָקטאָבער אין דעם שפּייזצימער פון האָטעל און געגעסן צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע רייזנדערס. מיט אַמאָל איז פון דער גאַס אַריינגעלאָפן מיין מוריק. מוריק איז געווען אַ גרויסער לייענער און גוואַלטיקער פּאָליטיקער, ניט געקוקט אויף זיינע זיבן יאָר. ער האָט זיך שוין צו פיר יאָר אַליין אויסגעלערנט לייענען דייטש און רוסיש, און ווען ער איז געווען אַלט 5 יאָר, פלעגט ער שרייבן אויף מיין שרייבמאַשין גאַנצע בריוו. אין זיליץ, וואו קיין צייטונגען האָבן די רייזנ־דערס ניט באַקומען, פלעגט ער יעדן מאָרגן פאַרן מיטאָג אַוועקגיין צו דער פּאָסט וואו מען פלעגט אויסקלעפּן די נייסטע אָפיציעלע נאַכריכטן.

לויפט ער אַריין, און מיט זיין קלינגנדיקער שטים, אַביסל אויפגע־רעגט, מעלדעט ער: „פּאַפּאַ, אויף דער פּאָסט איז פאַראַן אַ טעלעגראַם, אַז ד״ר פרידריך אַדלער האָט אין ווין דערשאָסן דעם עסטרייכישן מיניס־טער־פּרעזידענט גראַף שטירגק. פּאַפּאַ, איז דאָס אפשר יענער ד״ר אַד־לער, מיט וועלכן דו ביזט אַזוי גוט באַפריינדעט?״

ווי אַ פאַרשטיינערטער בין איך געבליבן זיצן און אין ערשטן מאָ־מענט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. וואָרים אין דעם סאַמע מאָמענט ווען מיין אינגל האָט דאָס דערציילט, האָב איך ג ע ו ו א ו ס ט, אַז דאָס איז אמת, און אַז דאָס איז טאַקע פריץ אַדלער. וואָרים ווי דורך אַ בליץ איז פאַר מיר אין יענער סעקונדע קלאָר געוואָרן אַ גאַנצע ריי זאַכן, וואָס איך האָב פריער ניט פאַרשטאַנען. און דער ווייטאָג פאַר מיין פריינט האָט מיר פאַרקלעמט דאָס האַרץ.

מיט מי האָב איך זיך איינגעהאַלטן רואיק און האָב מיט אַ גלייכגיל־טיקן טאָן געענטפערט: „גיי, קינד, רייד ניט קיין נאַרישקייטן. דו ווייסט דאָך אַליין וויפיל אַדלערס עס זיינען פאַראַן אין ווין״. און טאַקע אין דער אמתן, פון צען ווינער אידן האָבן צוויי אָדער דריי געהייסן „אַדלער״, און נאָך צוויי אָדער דריי „פּאָלאַק״.

איך האָב מיט גרויס זעלבסט־באַהערשונג באַוויזן צו פאַרענדיקן מיין עסן און בין גלייך אַוועק צו מיין פרוי. אין אַן אַנדער צייט וואָלט איך קיין מאָל ניט אַוועק צו אַ פרוי וואָס האָט ערשט מיט אַ טאָג פריער געבוירן אַ קינד, מיט אַזוינע אויפטרייסלנדיקע און טראַגישע נאַכריכטן. אָבער די לאַגע איז געווען אַזאַ, אַז מען האָט ניט געטאָרט פאַרלירן אַפילו אַ מינוט.

וועגן מיינע נאָענטע באַציאונגען מיט אַדלערן האָבן געוואוסט אין ווין אַ סך מענטשן. פון זיליץ האָב איך אים געשריבן בריוו, און איצט האָב איך זיך דערמאָנט, אַז ווען מיר האָבן זיך געזעגנט אין ווין, האָט

אַדלער מיט עפּעס אַ מאָדנער מינע מיך געבעטן אים צו שרײַבן ניט אויף זײַן אײגענעם אַדרעס נאָר אויף דעם אַדרעס פון אַן אַנדער פרײַנט. און דעם 18-טן אָקטאָבער, צװײ טעג פאַר דער טראַגעדיע, האָב איך פון אַדלערן, אָט טאַקע דאָ אין האָטעל „פּאָסט", באַקומען אַ טעלעגראַם מיט אַ מאָדנעם אינהאַלט: „טעלעגראַפירט, װי איז די געזונט פון אײער פרוי, װען רעכנט איר אָפּצופאָרן?"

פרידריך אַדלער

איצט האָב איך פאַרשטאַנען דעם צװעק פון זײַן טעלעגראַם: ער האָט געװאָלט מאַכן זײַן אַטענטאַט נאָך מײַן אָפּפאָרן פון זיליץ, כּדי ניט צו שטעלן מיך אין סכּנה. װען ער האָט זיך אָבער דערװאוסט פון מײַנע טעלעגראַמעס, אַז איך װעל מוזן בלײַבן אין זיליץ אפשר נאָך 2 װאָכן, האָט ער באַשלאָסן מער ניט צו װאַרטן . . .

אויב די װינער אָדער די זילצער פּאָליצײ װעט מאַכן די קלענסטע אויספאָרשונג װעגן אַדלערס אַטענטאַט, װעלן זײ גלײַך אויסגעפינען, אַז מיר זײַנען געשטאַנען אין נאָענטער פאַרבינדונג ביז צום לעצטן מאָמענט פאַר דעם אַטענטאַט. און װען די רעגירונג װעט װעלן מאַכן פון

דעם אַטענטאַט אַ פּאָליטישן פּראָצעס, טאָ וועט זי קאָנען באַווייזן, אַז אין דעם אַטענטאַט אויף דעם עסטרייכישן מיניסטער-פּרעזידענט איז געווען „באַטייליקט" אַ „רוס", און דערצו נאָך אַזאַ, וואָס האָט פּרובירט אַנטלויפן קיין אויסלאַנד גראָד אין דעם מאָמענט פון אַטענטאַט.

די מיליטערישע יוסטיץ אין עסטרייך בנוגע „רוטענישע" און טשע-כישע „שפּיאָנען" און „פאַררעטער" איז געווען אַ היפּש שאַרפע אין יע-נעם קריג, און צופיל צערעמאָניעס פלעגט מען יעמאָלט מיט אַזוינע פאַר-שוינען ניט מאַכן: אַ פעלד-געריכט און — אַ תליה!

איך בין געווען דעריבער 99 פּראָצענט איבערצייגט, אַז אין אַ פּאָר שעה אַרום וועלן קומען זשאַנדאַרמען, שמידן מיך אין קייטן און אַוועק-פירן קיין ווין צום מיליטער-געריכט, וואו מען וועט אַדלערן, זיינע פריינט און צווישן זיי אויך מיך משפטן לויט די געזעצן פון קריגס-צייט.

האָב איך זיך געזעגנט מיט מיין פרוי, געגעבן איר אַלע נייטיקע אָנווייזונגען, צעטיילט מיט איר דאָס ביסל געלט וואָס מיר האָבן געהאַט, צוגעגרייט פאַר זיך אַ קליינעם פּעקל מיט אַ קישעלע, אַביסל וועש, זייף אאַז"וו, און האָב געוואַרט אויפן אַרעסט. עס פאַרגייט דער טאָג, עס פאַרגייט די נאַכט, אין וועלכער מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, אַפילו אַן אויג ניט צוגעמאַכט, עס קומט דער מאָרגן, — די זשאַנדאַרמען זיינען רק ניטאָ! וואָס איז דער מער?

אויף צומאָרגנס לויף איך שוין אַליין צו דער פּאָסט, לייענען די טע-לעגראַמעס, און דעם אינגל לאָז איך אין דער היים. און מיט גרויס דער-לייכטערונג לייען איך אַן אויסצוג פון אַן עדיטאָריעל אין דער „נייער פרייער פּרעסע", וואָס איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַן אָ פ י צ י ע ל ע צייטונג. „די אויספאָרשונג פון אַדלערס אַטענטאַט, — שרייבט די צײַ-טונג, — האָט באַוויזן, אַז דאָס איז ניט געווען דער רעזולטאַט פון אַ פּאָ-ליטישער פאַרשווערונג, נאָר די טאַט פון אַ גייסטיק ניט-נאָרמאַלן מענטשן".

הייסט דאָס, אַז די עסטרייכישע רעגירונג וויל ניט מאַכן קיין פּאָ-ליטישן פּראָצעס. הייסט דאָס, אַז מען וועט ניט זוכן קיין „מיטשולדיקע" און קיין „פאַרשווערער". קאָן זיין, אַז מען וועט זיך ניט דערוויסן וועגן מיין פאַרבינדונג מיט אַדלערן.

און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען: אי צוליב פּאָליטישע מאָטיוון, אי צוליב דעם פּערזענלעכן איינפלוס פון פריצס פאָטער, — וויקטאָר אַדלער, — האָבן די עסטרייכישע רעגירער באַשלאָסן צו מאַכן דעם אָנשטעל, אַז פריץ איז אַראָפּ פון זינען. ווי איינער זאָגט: אַ נאָרמאַלער עסטרייכער וועט דאָך ניט גיין שיסן דעם גראַף שטירגק!

ווי איך האָב זיך ערשט שפּעטער דערוואוסט, האָט מיך פּערזענלעך געראַטעוועט די באַרימטע נאַכלעסיקייט („שלאַמפּעריי" אויף ווינעריש) פון דער עסטרייכישער אַדמיניסטראַציע. ווען די פּאָליציי האָט אַרעס-טירט פריץ אַדלערן אין דעם לוקסוס-רעסטאָראַן, וואו ער האָט געטראָפן און דערשאָסן דעם מיניסטער, האָבן זיי פאַרגעסן צו מאַכן אַ

הויז-זוכונג אין אַדלערס וואוינונג און אין זיינע אָפיסעס אין פּאַרטיי-הויז. איז אונדזערער אַ געמיינזאַמער פריינט, גענאָסע פּ אַ פּ פּ ע ר, אַוועק-געלאָפן צו אַדלערן און האָט אויסגערייניקט אַלע פּאַפּירן אי אין זיין וואוינונג אי אין אָפיס. ווען די פּאָליציי איז צומאָרגנס געקומען זוכן, האָט זי שוין ניט געפונען ניט מיינע בריוו און ניט מיינע טעלעגראַמעס. ווי האָט שטענדיק געזאָגט דער קלוגער וויקטאָר אַדלער: „אין עסט-רייך הערשט דעספּאָטיזם, אָבער געמילדערט דורך נאַכלעסיקייט".

מיר זיינען געראַטעוועט געוואָרן. אַדלער האָט דורכגעמאַכט אַ לאַנגע קייט ליידן. אָבער אויך ער איז באַהאַנדלט געוואָרן טויזנט מאָל בעסער ווי מען באַהאַנדלט איצט גאַנץ אומשולדיקע פּאָליטישע געפאַנ-גענע אין מאַנכע „סאָציאַליסטישע" לענדער. מען האָט אַדלערן איבער-געגעבן צו אַ מיליטער-געריכט, וואָס האָט אים פאַרמשפּט צום טויט נאָך דעם ווי ער דאָרטן געהאַלטן אַ מערווירדיק מוטיקע און אָפענע רעוואָלוציאָנערע רעדע (זי איז שפּעטער אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אַ בראָשור). אָבער נעמענדיק אין אַכט זיין „פּסיכישן צושטאַנד", האָט מען אים באַגנאַדיקט און אַריינגעזעצט אין דער פּסיכיאַטרישער אָפּטיילונג פון דעם באַרימטן „שטיינהאָף"-שפּיטאָל. דאָרטן איז ער געזעסן, פאַר-געטערט פון די ווינער אַרבעטער ווי אַ הייליקער מאַרטירער, האָבנדיק געהיימע פאַרבינדונגען מיט דער פריי, ביז די רעוואָלוציע 1918 האָט אים באַפרייט.

7

צוריק אין שווייצאַריע

דעם 30-טן אָקטאָבער 1916 האָבן מיר זיך אַרויפגעזעצט אויף אַ פּויערשן וואָגן, מיין פרוי מיט איר צען-טעגיקער טעכטערל, אונדזער אינגל און איך, און זיינען איבער ווייסע בערג, באַדעקטע מיט פרישן האַרבסט-שניי, אַוועקגעפאָרן צו דעם צוג וואָס האָט אונדז געזאָלט ברענ-גען קיין שווייצאַריע. אין אַ שעה אַרום זיינען מיר שוין געווען אויפן שווייצאַרישן גרענעץ. לאַנג און אויפמערקזאַם האָבן די עסטרייכישע גרענעץ-באַאַמטע אונדז אַרומגעזוכט און אַרומגעטאַפּט. מען האָט אַרויס-גענומען פון אונדזערע קערב אַלע פּאַפּירלעך, העפטן און אַלע מעטאַלענע זאַכן. מען האָט אונדז אויסגעטאָן כמעט נאַקעט און מען האָט אַפילו פונאַנדערגעוויקלט די ווינדעלעך פונם קינד. אָבער ענדלעך האָט זיך אונדזער צוג אַ ריר געטאָן צום לעצטן מאָל אין עסטרייך און האָט זיך אָפּגעשטעלט שוין אויף יענער זייט גרענעץ. מיר זיינען אין שווייצאַריע, פרייע בירגער אין אַ נייטראַלן לאַנד.

מיר האָבן נאָך פון זילץ טעלעגראַפירט צו מיין שוועסטער אין ציריך און זיינען געווען זיכער, אַז זי וועט אונדז באַגעגענען אויף יענער זייט גרעניץ. אָבער קיינער האָט אונדז ניט באַגעגנט, און נאָך ערגער: די שווייצאַרישע גרענעץ-באַאַמטע האָבן פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל זיי „באַ-וויזן" פון וואָס איך וועל לעבן אין ציריך. באַוויז איך זיי אַ פּאָר הונ-

דערט פראַנק, לאַכן זיי מיך אויס: פון אַט דעם ווילט איר לעבן מיט אַ פרוי און צוויי קליינע קינדער? זאָג איך זיי, אַז איך דערוואַרט אַ גרעסערע סומע געלט פון פעטערבורג, פון מיינע עלטערן. זיינען זיי סקעפּטיש און הייסן מיר פאַרפאָרן אין אַ האָטעל, און דאָרטן וועל איך וואַרטן ביז עס וועלן אָנקומען די געלטער. זיצן מיר און ווייסן ניט וואָס צו טאָן און וואָס צו טראַכטן. מיט אַמאָל קלינגט דער טעלעפאָן פון ציריך: מיין שוועסטער טעלעפאָנירט מיר, אַז דער סעקרעטאַר פון דער שווייצאַרישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פריץ פּלאַטען, האָט געזאָלט אַרויספאָרן אונדז אַנטקעגן מיט אַ סומע פון צוויי טויזנט פראַנק, אָבער ער האָט זיך פאַרשפּעטיקט. אינצווישן איז טאַקע אָנגעקומען אַ געוויסע סומע פון אונדזער פאָטער אין פעטערבורג, וועמען זי האָט טעלעגראַפירט, אַז מיר קומען קיין ציריך מיט דער ניי-געבוירענער טאָכטער, שיקט זי מיר די געלט אַרויס פּער טעלעגראַף.

צומאָרגנס איז דאָס געלט אָנגעקומען, די שווייצאַרישע באַאַמטע זיינען געוואָרן זייער פריינטלעך, און אין אָוונט פון דעם זעלביקן טאָג זיינען מיר שוין געווען אין ציריך, וואו אונדז האָבן באַגעגנט אויף דער סטאַנציע מיט גרויס פאַראַד אַלע אונדזערע פריינט און גענאָסן.

פון ערשטן מאָמענט ווי מיר זיינען געקומען קיין ציריך, האָט זיך אָנגעהויבן פאַר מיר אַ קאָכיקער לעבן, גאָר ניט ענלעך צו מיין רואיקן און איינזאַמען לעבן אין ווין. מיין ערשטע שווערע פליכט איז געווען, — צו באַזוכן פרידריך אַדלערס פרוי און צו דערציילן איר אַלץ וואָס איך האָב געוואוסט וועגן זיין אַטענטאַט און וועגן זיין צושטאַנד. וועגן אַטענטאַט האָב איך קיין זאַך ניט געוואוסט, ווייל אַדלער האָט קיינעם ניט אָנפאַרטרויט זיין גרויסן סוד. איך פּערזענלעך האָב דאָס געהאַלטן פאַר אַן אויסדרוק פון יאוש. דאָס איז געווען אין מיינע אויגן אַ פאָרם פון זעלבסטמאָרד.

פריץ איז געווען אין אַ שווערן צושטאַנד פון מאָראַלער נידערגעשלאָגנקייט און פאַרצווייפלונג איבער דעם דורכפאַל פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל: דעם 1-טן אויגוסט 1914 האָט זיך דאָך געזאָלט גראָד אין ווין עפענען דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס, און אַדלער איז געווען יענער, וואָס האָט אים געזאָלט אָרגאַניזירן. אַנשטאָט דעם איז דעם 4-טן אויגוסט פאָרגעקומען דער פאַרראַט פון דער דייטשער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. אַזוי האָט אַדלער יעמאָלט געפילט. און דאָס פּערזענלעך טראַגישסטע פאַר אים איז געווען, וואָס זיין פאָטער, וויקטאָר אַדלער, וועמען פריץ האָט ממש פאַרגעטערט, איז געווען מיט די, וואָס האָבן דעם אינטערנאַציאָנאַל פאַרראַטן.

אין די רעפעראַטן, וואָס איך האָב יעמאָלט געלייענט אין ציריך, זשענעווע און לאָזאַנע, האָב איך דערציילט וועגן דער לאַגע אין עסטרייך, וועגן אַדלערס אַטענטאַט, וועגן דער נאַציאָנאַליסטישער טאַקטיק פון די פאַרשיידענע נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישע גרופּעס, און האָב אַלע מיינע האָפענונגען געלייגט אויף צימערוואַלד. איך האָב באַזוכט דעם

אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד" אין זשענעווע, בין געפאָרן געוואָרן יונה קאָיגען, וואָס איז געלעגן אַ קראַנקער אויף רוקן־טובערקולאָז אין דער באַרג־סאַנאַטאָריע אין ליעזען. דאָן איז געקומען די קאָנפערענץ פון דער צימערוואַלדער אָרגאַניזאַציע אין דער שטאָט אָלטען, און איך בין געפאָרן אַהין ווי אַ פאָרטרעטער פון „בונד". דאָרטן האָב איך זיך באַגעגנט מיט לענין, זינאָוויעוו, מינצענבערג, פאָול לעווי, קאָרל ראַדעק, גילבאָ און אַנדערע שפּעטערדיקע קאָמוניסטן, אָבער אויך מיט אַנדזשעליקאַ באַלאַבאַנאָווא, ראָבערט גרים, לאַפּינסקי פון די פּ. פּ. ס., באָבראָוו־נאַטאַנסאָן פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן א"אַ, און דאָרט האָב איך זיך איבערצייגט, ווי שטאַרק צעשפּאָלטן עס איז די צימערוואַלדער באַוועגונג, און ווי שווער עס איז צו געפינען אַ געמיינזאַמע שפּראַך און טאַקטיק מיט די „צימערוואַלדער לינקע", וואָס ווערן אָנגעפירט פון לענינען.

דערפאַר אָבער האָב איך געפונען נאָענטע גייסטיקע־געסטאַנגען צווישן די מענשעוויקעס־אינטערנאַציאָנאַליסטן, — אַזוינע, ווי אַקסעלראָד, מאַרטינאָוו, מאַרטאָוו, אַסטראָוו, סעמקאָווסקי, א"אַ.

דאָס איז אַלץ געווען פּאָליטיק. אָבער הגם מיר האָבן אַלע געהאָפט אויף דער רוסישער רעוואָלוציע, איז דאָך געווען ניט זיכער, צי זי וועט קומען גאָר באַלד, און לעבן אויף מיין טאַטעס חשבון האָב איך ניט געוואָלט און ניט געקאָנט. האָב איך געזוכט און געפונען אַרבעט: אַ האַלבן טאָג האָב איך געאַרבעט אין אַ פּאַטענט־ביוראָ (פון ווין האָט מען מיר מיטגעגעבן אויסגעצייכנטע אַטעסטאַטן) און אַ האַלבן טאָג האָב איך געקנעלט מאַטעמאַטיק אין אַ שול, וואו מען האָט צוגעגרייט סטודענטן פאַר דעם ציריכער פּאָליטעכניקום. די שול איז געווען אַ פּריוואַטע, אָבער זייער אַ באַוואוסטע. דער דירעקטאָר איז געווען פּראָפעסאָר ט ש ו ל אָ ק, אַ געבוירענער רוס און אַ האַלבער גענאָסע, און איינער פון די הויפּט־לערער איז דאָרטן געווען ד"ר האָראָוויץ, אַן אַלטער טוער פון דער פּ.פּ.ס.־לעוויצע, דער פאָרטרעטער פון זיין פּאַרטיי אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. יעמאָלט איז ער געשטאַנען נאָענט צו די מענשעוויקעס־אינטערנאַציאָנאַליסטן און האָט געמאַכט חוזק פון ראָזאַ לוקסעמבורג, ראַדעק און די באָלשעוויקעס. אָבער שפּעטער איז ער אַליין געוואָרן אַ קאָמוניסט און איז אַרומגעפאָרן, אויך אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ווי אַן אַגענט פון קאָמינטערן. אין די יאָרן פון די „מאָסקווער פּראָצעסן" האָט מען אים אַרעסטירט און, ווי מען גיט איבער, דערשאָסן.

מיר האָבן זייער געשעצט אונדזער לעבן אין ציריך נאָך די צוויי יאָר איינזאַמקייט אין ווין. עס זיינען אַרום אונדז געווען וואַרימע און גוטע פריינט, מיר האָבן זיך געקאָנט ענדלעך דורכשרייבן מיט אונדזערע עלטערן אין רוסלאַנד. דאָס פּאָליטישע לעבן איז געווען אינטערעסאַנט און לעבעדיק, און מאַטעריעל האָב איך פאַדדינט גענוג אויף אונדזער באַשיידענעם לעבן. אָבער דער ציריכער עפּיזאָד איז געווען קורץ: גיכער ווי מיר האָבן דערוואַרט, איז געקומען די רוסישע רעוואָלוציע 1917.